This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

Бл. Жим 5-161 14

סאָוועטיש היימלאַנד

7

1973

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

יול

7

1973

אינהאַלט

זײַט

צום 80־טן געבורטסטאָג פון וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי.
אַרײַנפיר פון רעדאַקציע; **וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי.** ליד וועגן סאָוועטישן פּאַספּאָרט. — מיט דער פולער שטים (אויסצוג פון דער פּאָעמע); פון דעם דיכטערס אויטאָביאָגראַפיע. צייכענונג פון ע. יאַראָוו 3—8

שירע גאָרשמאַן. כאַנעס שאָף און רינדער (דערציילונג) 9

חיים מאַלטינסקי. פּונעם בוך „יאָרן, יאָרן מײַנע“ (לידער) 35

כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו. מיט אַ וואַרעם האַרץ (באַרשעווער מאָטיוון). צייכענונגען פון ה. אינגער . . 37

הערשל פּאָליאַנקער. דער היילינקער כּיוו (צו מוישע גערשענזאָנס 70־טן געבורטסטאָג) 66

מוישע גערשענזאָן. דאָס טײַכל. — דער מענטשנפרעסער און אַנד. לידער 69

יעכיעל פאַליקמאַן. דער מאַמעס מײַסעס . . . 72

איציק קיפּניס. פון מײַנע טאָגביכער 89

אַווראָם קאַצעוו. פאַר קליין און גרויס (לידער) . . 118

יוסעף קאָלין. פערציק יאָר אויף דער בינע . . . 119

טריבונע פון לעבן

אַרן ווערגעליס. בריוו פון איירעפּע 158

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 168

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק. אַ טאַלאַנטפולער שעפער . . . 172

אונדזערע מיטיילונגען. **יִסראָעל קאָוועלמאַן.** דער קינסטלער לעאָניד פּאַסטערנאַק; **חיים טאַמאַרקין.** אַז מע דערמאָנט זיך 180

פון אונדזער פּאָטאָ־אַרכיוו 185

פאַרשיידנס 186

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ 188

כראָניק 157, 171, 185

נאָטיצן אויפן קאַלענדאַר 190

מוישע שאַפּיראָ. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך . 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, מ. לעוו, כ. מאַלטינסקי, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פּריי

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. טשיטשעלניצקי

צום 80־טן געבורטסטאָג פון וולאדימיר מאיאקאָווסקי

די פילנאציאָנאלע סאָוועטישע ליטעראטור מערקט אָפּ דעם 80־טן געבורטסטאָג פון וולאדימיר מאיאקאָווסקין. אין מעשעך פון זײַן גרויס, פרוכטבאר שעפעריש לעבן האָט ער געשאפן אזעלכע פּאָעמעס־שעדעווערן, ווי „150.000.000”, „לענין”, „א וואָלקן אין הויזן”, „גוט”, הונדערטער שארפע, הייסע לידער וועגן קאמף און בויונג, וועגן וואקסנדיקן ראטנלאנד, וועגן דעם הײַנט און דעם מאָרגן פונעם סאָציאליזם. די גרויסע דיכטערישע פיגור וולאדימיר מאיאקאָווסקי שטייט ביז הײַנט אין צענטער פון דער פּאָעטישער שאפונג פון אונדזער לאנד, אין צענטער פון דער רעוואָליוציאָנערער דיכטונג אין גאָר דער וועלט.

מאיאקאָווסקי האָט די פּראָצעסן פונעם ארומיקן לעבן ניט אופגענומען ווי א פּאסיווער באָבאכטער, נאָר ווי א דירעקטער אָנטיילנעמער פונעם שלאכט. זײַנע שלאָג־לאָזונגען אין פעריאָד פון די „ראָסטא־פענצטער” זײַנען געוואָרן דיכטערישע שלאכט־פּאראָלן. אין די דאָזיקע קורצע און שלאָגעוודיקע לאָזונגען האָט מאיאקאָווסקי אָנגעטאפּט דעם וועג צום לאקאָנישן, קאָנקרעטן און פּאָשעטן אויסדרוק. מאיאקאָווסקיס ליד, ניט פארמינערנדיק דעם לירישן טאָן, די עמאָציאָנעלע אָנגעזעטיקטקײַט, איז אײַנציַיטיק געווען צילגעווענדט, טענדענציעז אין בעסטן זין פון וואָרט. זײַן דיכטעריש אויג האָט אופגעכאפּט יעדע נײַע דערשײַנונג, געשעפּט הויפּנס געדאנקען און בילדער פון דער רעאלערווירקלעכקײַט.

מיט דער גרעסטער ליבע און באגײַסטערונג האָט זיך מאיאקאָווסקי באצויגן צום נײַעם מענטשן, צום העלד פונעם סאָוועטישן פאָלק. זײַן ליד „וועגן נעטע — דער שיף און מענטשן”, זײַן „לינקער מארש”, די ליד וועגן די ערשטע קאָמונארן, די קאָמיוגישע מארשן, — דאָס אלץ זײַנען ווערק פון גרויסן אָפּטימיזם, פון עכטן סאָוועטישן פּאטריאָטיזם.

מיט וווּנדערלעכער נאטירלעכקײַט איז מאיאקאָווסקיס פּאָעטיש וואָרט אריבער פון אונדזער טאָגטעגלעכקײַט צו דעם אויצער פון דער וועלט־קונסט. נאָך שטארקער, אינטערעסאנטער, וויכטיקער איז פאר אונדז די נאטירלעכקײַט, מיט וועלכער מאיאקאָווסקי לעבט אין אונדזער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט. מאיאקאָווסקי לעבט צווישן אונדז ניט ווי אן אוועקגעגאנגענער, נאָר ווי א שטענדיקער באגלייטער און מיטקעמפער, ווי א לעבעדיקער צווישן לעבעדיקע. זײַן דיכטעריש וואָרט איז פונקט ווי אין סאמע קאָך פון אונדזערע טעג אָנגעשריבן. די ליבע און דער האס, דער שטאָלץ און די סינע, די אָנשטרענגונגען און די קראפט פון אונדזערע הײַנטיקע טעג גליִען אין מאיאקאָווסקיס פערזן.

מאיאקאָווסקיס דיכטעריש וואָרט איז געווען און פארבלײַבט דאָס שטארקע, שארפע געווער פונעם סאָוועטישן פאָלק.

וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי

ליד וועגן סאָוועטישן פּאַספּאָרט

ווי א וואָלף כ'וואָלט צעריסן
דעם ביוראָקראַטיזם,

צו מאַנדאַטן —
אָן אָפּשײַ א קליינער.
צו אַלדי רוכעס
זאָל פליִען, ווי מיסט,
יעדער פּאַפּירל.
דאָס איינע נאָר...
די ריי פון קופּע
און קאַיוטעס
איז לאַנג.
דער באַאַמטער
רוקט זיך
פּאַמעלעך.
מע דערלאַנגט אים די פּעסער.
אויך איך
דערלאַנג
מײַן ביכל
אין פּורפּורנע טעוועלעך.
פאַר איינעם א פּאַס —
אַף די ליפּן א שפּאַס,
פאַר א צווייטן —
א בליק א ניט איידעלער,
מיט אָפּשײַ
נעמט מען, אַשטייגער,
דעם פּאַס
מיטן דאָפּלטן
ענגלישן לייבעלע.
די אויגן
צום גוטן פּעטער צעפּינקלט,
זיך נייגנדיק
און מעקאַנע,
מע נעמט, אַזוי ווי מע נעמט טרינק־געלט,
דעם פּאַס
פון אַן אַמעריקאַנער.
אַפּן פּוילישן פּאַס —
ווי אין אַפּישן א ציג.
אַפּן פּוילישן פּאַס —
מע גלאָצט אויס א בליק
מיט טעמפּע
פּאָליצייישע האָווײַעסן:
פונוואַנען
און וואָס זײַנען דאָס פאַר א שטיק
אָט די
געאָגראַפישע נײַעסן?

און אָן א קער
פונעם האַרטן קאַרק
און אָן געפיל
אָן יעדן
מע נעמט
די פּעסער פון דענעמאַרק
און פון אַנדערע
פאַרשידענע שוועדן.
און פּלוצעם —
דאָס מויל
צעקרימט,
ווי א בראַנד
דעם הער
וואָלט שטעכיק א בראָט געטאָן:
דער הער באַאַמטער
נעמט אין דער האַנט
מײַן
רויטהויטיקן פּאַספּאָרט דעם וואָגיקן.
ער נעמט אים
ווי א באָמבע,
ווי א שטעכלער,
ניט דרייסט,
ווי א גאָל־מעסער
א צווייזײַטיק געשליפענעם.
ער נעמט ווי א קאָברע,
צוויי מעטער די גרייס,
ווי א שלאַנג
א צוואַנציק מאָל גיפטיקע.
פילבאַדײַטנדיק
פּינטלט
דעם טרעגערס בליק,
גרייט אומזיסט
אײַך די זאַכן צו שפּאַרן,
דער זשאַנדאַרם
קוקט פרעגנדיק
אַפּן שפּיק,
דער שפּיק
אַפּן זשאַנדאַרם.
עס וואָלטן זשאַנדאַרמען
מיט וואָס פאַר א טײַנעג
צעקרייצט מיך און צעפּאַסיקט
דערפאַר,
וואָס איך האַלט
אין די הענט אין מײַנע

דעם האמערסערפיקן
סאָוועטישן פּאַספּאָרט.
ווי א וואָלף
כ׳וואָלט צעריסן
דעם ביוראָקראַטיזם,
צו מאַנדאַטן —
אָן אָפּשײַ א קליינער,
צו אַלדי רוכעס
זאָל פליען, ווי מיסט,
יעדער פּאַפּירל.
דאָס איינע נאָר...

איך נעם עס ארויס
פון דער קעשענע,
ווי
פון טײַערסטן פּראַכט
דובליקאַטן, —
נאָט, לייענט,
און זײַט מיר מעקאַנע:
איך בין
א בירגער
פון פאַרבאַנד פון די ראַטן.

ייִדיש — מ. כאַשטשעוואַצקי

מיט דער פולער שטים

(פון דער פּאָעמע)

כאָשעווע
כאַווײרים קינדס־קינדער!
גראָבנדיק
אין גליוועס פון אונדזערע טעג,
פאָרשנדיק פון אונדזער דאָר דעם פינצטער,
אויך וועגן מיר,
קאָן זײַן,
וועט איר טאָן א פרעג.
און קאָן זײַן,
דער מיט ביכער־שטויב פאַרשאָטענער
געלערנטער אײַערער
וועט זאָגן אײַך אזוי:
געלעבט האָט עס אזא
באַזינגער פון געזאָטענער
און דאָם־סוינע דעם וואַסער, וואָס איז רוי.
פּראָפעסאָר!
נעמט אראָפּ די ברילן — דעם וועלאָסיפּעד!
איך אליין וועגן זיך
און וועגן צײַט מײַנער
רעד.
איך, דער אַסעניזאַטאָר, וואַסערפירער, —
וויסן זײַט, —
מאָבילוזירט
אין רעוואָליוציע אין גרעסטער,
כ׳בין אַפּן פראָנט אוועק,
אוועק פון דער פריצישער גערטנערײַ,
פון דער דיכטונג —
דעם ווײַבל דעם צעפּעסטעטן.
האָט פאַרפלאַנצט זיך פײַן א סעדל
טאָכטער —
מיידל,
איידל —
שיין.
איך אליין פאַרפלאַנצט האָב סעדל,
כ׳וועל באַגיסן עס אליין.

ווער פון ליקע גיסט פאַרדווייקעט,
ווער די לידער
שפּריצט פון מויל —
קוטשעראַווינקע מיטרייקעס,
לעקשעוואַטינקע קודרייקעס, —
נאָר דער רועך קאָן זיי ווויל!
גאָר קיין אייצע ניט געפינען —
מע מאַנדאָלינט פון הינטער ווענט:
„טאַ־ראַ־טור־נאַ, טאַ־ראַ־טינאַ,
ט־ען־ן...״
א קליינער קאָוועד,
אז פון רויזן פון אָט די
זאָל מײַן דענקמאָל מיט דער הויך פאַרקניפּן זיך
אין סקווערן,
ווו דער שווינדזוכט־כראַקע בליט,
ווו גאַסן־מויד און כוליגאַן
און סיפיליס.
אויך מיר
אָן אגיטפּראָפּ זײַן
ניט שטענדיק געפעלט.
אויך איך
וואָלט געשריבן אײַך
ראָמאַנסן א וועלט —
ס׳לוינט בעסער,
און ס׳איז איידעלער.
נאָר איך
האָב זיך
געצוימט,
זיך אוועקגעשטעלט
אַפן האַלדז
דער ליד דער אייגענער.

הערט,
קינדס־קינדער ליכטיקע,
דעם אגיטאַטאָר,
דעם פירער, וואָס שרײַט,
פארהילכנדיק
די שטראָמען פון דיכטונג.
וועל איך א שפּאָן טאָן
איבער די לירישע ביכלעך,
שמועסן מיט אײַך,
ווי לעבעדיקע לײַט.

איך וועל צו אײַך אָנקומען
אין דער קאָמוניסטישער ווײַט
ניט ווי א מײַסע־העלד
אין יעסענינשע געזאַנגען־צירונגען.
מײַן ליד וועט אָנקומען
איבער די בערג פון צײַט
און איבער קעפּ
פון דיכטער און רעגירונגען.

מײַן ליד וועט אָנקומען,
נאָר ניט אזוי זיך גלאַט, —
ניט ווי א פײַל
אינעם געיעג פון לירישע באַגערן,
ניט ווי אָפּגעריבענער פיאַטאַק
קומט אָן צום נומיזמאַט,
ניט ווי ס'קומט אָן די שײַן פון די
געשטאָרבענע שטערן.

מײַן לידער־מי
רײַסט דורך
די דווירעס
און דערשײַנט

וואָגיק,
בוילעט, האַרב,
ניט אפּצוקלוימערשט, —
ווי אין טעג אין אונדזערע
די וואַסערלייטונג איז אַרײַן,
וואָס אויסגעבויט האָבן
די קנעכט די רוימער.
פון ביכער־קורגאַנען,
ווו די ליד ליגט שטום,
אײַזנלעך־שורעס וועט איר צופעליק
אַרויסנעמען, —
איר,
מיט אָפּשײַ
טאַפּט זיי אַרום,
ווי אַלט געווער,
נאָר געווער גרויזאַמס.
כ'בין ניט געוווינט
דעם אויער
צערטלען
מיט מײַן וואָרט;
אויער מיידלשער
אין לאָקנדלעך האָר
וועט ניט רויט ווערן
פון זנוסיקע דיבורים.
אויף פאַראַד צעשפּרייט
מײַן בלעטער־אַרמיי,
גיי איך דורך
איבערן פראַנט פון שורעס.
די לידער שטייען
בלײַיק־שווער,
גרייט צום טויט
און גרייט צו אייביק שעמען.

פון וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקיס אויטאָביִאָגראַפיע

איך האָב בעלעטריסטיק אינגאַנצן ניט אָנערקענט. פילאָסאָפיע. העגעל. נאַטורוויסנשאַפט. אָבער איבער־הויפּט מאַרקסיזם. עס איז ניט געווען אזא קונסט־ווערק, מיט וועלכן איך זאָל זיך פאַרכאַפּן מער, איידער מיט מאַרקס׳ „פאָרוואָרט״. איך געדענק גוט דאָס בלוי ביכעלע לענינס „צוויי טאַקטיקעס״.

די פּאַרטײ

1908 יאָר. איך בין אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאַר־טיי רסדאַפּ (באָלשעוויקעס). געהאַלטן עקזאַמען אין דעם האַנדל־אינדוסטריעלן אונטער־ראַיאָן. אויסגע־האַלטן. א פּראָפּאַגאַנדיסט. איך בין אַוועק צו די בעקער, דערנאָך צו די שוסטער און ענדלעך צו די דרוקער. אויף דער אַלשטאָטישער קאָנפערענץ האָט מען מיך אויסגעוויילט אין מ. ק.

דער אַרעסט

29־טן מאַרט 1908 האָב איך זיך אָנגעריסן אויף א לאָקערונג אין גרוזיני. אונדזער אומלעגאַלע טיפּאָג־ראַפיע. איך האָב אויפגעגעסן דעם בלאָקנאָט מיט אַדרעסן אין אײַנבונד. איך האָב זיך באַפרײַט. א יאָר פּאַרטיי־אַרבעט און ווידער א קורצטערמיניקער אַרעסט. מע האָט בא מיר געפונען א רעוואָלווער.

דער דריטער אַרעסט

די, וואָס האָבן בא אונדז געוווינט, גראָבן זיך אונ־טער אונטער טאַגאַנקע. זיי באַפרײַען די פרויען, וואָס זײַנען פאַרמישפּעט אויף קאַטאָרגע. עס האָט זיך זיי אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן. מיך האָט מען אַרע־סטירט. זיצן האָט זיך ניט געוואָלט. איך האָב גע־סקאַנדאַלעוועט. מע האָט מיך איבערגעפירט פון איין אָרט אויף א צווייטן — און ענדלעך בוטירקי. די איינצל־קאַמער נומער 103.

פאָעמען גליוװערן,
לעם קאַנאָנען־מױל — קאַנאָנע־מױל
פון אָנגעצילטע
טעהאָמישע נעמען.
געװער,
װאָס מער פון אלע
האָט געפרײט, —
גרײט א רײַס טאָן זיך,
מיט פילדער זיך צעפלאַמען,
שטײט שטאַרק
די קאַװאַלעריע פון שאַרפזין־רײד,
אופגעהױבן אָנגעשאַרפטע
פיקעס־גראַמען.
און אלע כאַיאָלעס,
באַװאָפנטע אַריבער די צײן,
װאָס מיט ניצכױנעס דורכגעפלױגן
א יאָר צװאַנציק, —
ביז סאַמע לעצטן
בלעטל קלײנס,
פּראָלעטאַריער פון דער פּלאַנעט,
כ׳שענק זײ דיר אינגאַנצן.
דער פײַנט פון אַרבעט־קלאַס דעם ריזיקן, —
פון אײביק אָן,
װי מיט סױנע אײגענעם,
איך בין מיט אים אָף מעסער.
אונדז האָבן באַפױלן
גײן
אונטער דער רױטער פאָן
יאָרן מי
און טעג פון ניט דערעסן.
מיר פלעגן עפענען
בא מאַרקסן
יעדן באַנד,
װי אין הױז
אין אײגענעם
מיר עפענען די לאָדן.
נאָר אױך אָן לײענען
האָט אונדז געקלעקט פאַרשטאַנד —
פאַר װעמען שלאָגן זיך,
פאַר װעלכן פון די צדאָדים.
מיר האָבן געלערנט
די דיאַלעקטיק
ניט לױט העגעלן.
זי איז אין ליד אַרײַן
מיט שלאַכט־געשרײ,
װען פון אונדז
געיאָגט האָבן בורזשױען
אין געשלעגן זיך,
װי מיר
אַמאָל
געיאָגט האָבן פון זײ.
זאָל
נאָך די געװינים,
װי אַן אַלמאָנע אין אײביקן צאַר,
מיט לעװײַע־מאַרש
זיך נאָכשלעפּן דער נאָמען, —
דו שטאַרב, מײַן ליד,
װי א פּראָסטער זעלנער שטאַרב,
װי אונדזערע נאָמענלאָזע
אין שטורמען אָף מילכאָמע!
איך שפּײַ זיך אױס
אָף בראָנזע־פּודן דענקמאָלשע,
די מאַרמער־קלעפּיקײַט
ז׳מיר עקלדיק־מיִעס.

דער אָנהײב פונעם 14־טן יאָר

איך שרײַב „א װאָלקן אין הױזן". עס האָט זיך אױסגעפעסטיקט דער באַװוסטזײַן פון דער נאָענטער רעװאָליוציע. איך בין אװעקגעפאָרן אין מוסטאַמיאַקי. מ. גאָרקי. איך האָב אים געלײענט טײלן פונעם „װאָלקן". שטאַרק גערירט, האָט גאָרקי מיר פאַר־װײנט דעם זשילעט.

דאָס 16־טע יאָר

געענדיקט „מילכאָמע און שאָלעם". א ביסל שפּע־טער — „מענטש".

אָקטיאַבער

אופנעמען אָדער ניט אופנעמען? אזא פראַגע האָט פאַר מיר (און פאַר אַנדערע מאָסקװער פוטוריסטן) ניט עקזיסטירט. מײַן רעװאָליוציע. איך בין אװעק אין סמאָלני. געאַרבעט. אלץ, װאָס עס איז אױסגע־קומען. איך הײב אָן גײן אָף זיצונגען.

מײַן מױעד האָט פאַרכאַפּט „150.000.000". איך בין אװעק אין אַגיטאַציע פון ראָסטא. געענדיקט „150.000.000". איך דרוק עס אָן מײַן פאַמיליע. איך װיל, אז יעדער זאָל דערשרײַבן און פאַרבעסערן. דאָס האָט מען ניט געטאָן. דערפאַר אָבער האָבן די פאַ־מיליע געװוּסט אלע.

דאָס 20־טע יאָר

נעכט און טעג אין ראָסטא. עס גרײַפן אָן אלערלײ דעניקינצעס. איך שרײַב און איך מאָל. איך האָב גע־מאַכט 3.000 פּלאַקאַטן און א 6.000 אופשריפטן. איך האָב אָנגעהױבן שרײַבן אין „איזװעסטיִא".

דאָס 25־טע יאָר

איך האָב אָנגעשריבן אַן אַגיט־פּאָעמע „דער פליִענ־דיקער פּראָלעטאַרי" און א זאַמלונג אַגיט־לידער „שפּאַציר זיך דורך אלײן איבער די הימלען".

די פּאָעמע „גוט" רעכן איך פאַר א פּראָגראַם־זאַך, אַזױ װי „װאָלקן אין הױזן" פאַר זײַנערצײַט.

■

וואָס רום? ווען רום?
מיר זײַנען מענטשן היימישע, —
א דענקמאָל זאָל
פאר אלע אונדז איינעם זײַן
דער אין שלאכטן אויסגעבויטער
סאָציאַליזם.

קינדס־קינדער,
די ווערטערביכער־וועגטקעס קוקט אדורך:
פון פארגעסעניש
שווימט ארויס
דער ווערטער־שפּור:
„פּראָסטיטוציע",
„טובערקוליאָז",
„בלאָקאדע".

צוליב אײַך,
וואָס פלינק
און קרעפטיק־פרײַ,
האָט דער דיכטער
אויסגעלעקט
דעם שווינדזוכט־שפּײַ
מיט הארבער צונג פון די פּלאקאטן.
מיט יאָרן־נאָכשלעפּ
ווער איך אלץ גרעאַטענער
אין כײַעס אויסטערלישע.
וואָס אין טיף פון ערד פארגליווערט.
כאווער לעבן,
לאָמיר
א טראַט א שנעלן טאָן,
איבערן פינפיאָר
מיט טעג, וואָס אונדז זײַנען פארבליבן.
קיין רובל
האָבן די שורעס
ניט אָפּגעשפּאָרט מיר.
ס'האָבן מיך די „רויטהעלצלער"
מיט מעבל ניט באוואָרנט.
כוץ
א העמד אן אויסגעוואשנס, קלאָרס,
דעם עמעס זאָג איך אײַך,
באדארף איך גאָרניט.
קומענדיק
אין צקק,
פון יאָרן־העל, —
העט־העט
איבער דער באנדע
פּאָעטישע
שינדער און קריכער
כ'וועל אופהייבן,
ווי א באָלשעוויסטישן פּארטיי־בילעט,
אלע הונדערט בענדער,
מײַנע
פּארטיי־ביכלעך.

1930

יידיש — ע. פינינבערג

שירע גאָרשמאַן

כאַנעס שאָף און רינדער

טאָג נאָך טאָג אינעם לעצטן זומער־כּודעש פונעם דרײַסיקסטן יאָר איז כאַנע ארומגעפאָרן רײַטנדיק אַף איר פערד און באַשפּרענקלט מיט זאַלץ דאָס פּאָרוויאַנעטע גראָז פונעם קרימער ליימיק־צעשפּאָלטענעם סטעפּ. דאָס איז געווען טאַקע איר אײַנפאַל — די בעהימעס האָבן מיט מער כיישעק אַרײַנגעכאַפּט מיט זייערע בייגעוודיקע בערשטלדיקע צונגען די פּאָרוויאַנעטע געלע פּאַשע, וואָס האָט אויסגעזען, ווי צעדריבלטע ראָגאָזשע. די פאַנאַנדערגעשאָטענע זאַלץ האָט געבלאַנקט אַף דער זון, ווי געשטויסן גלאָז, וואָרעם, כאָטש די זאַלץ איז געווען טונקל, איז זי דאָך געווען העלער פון דער אויסגעסאָכנעטער ערד און אויסגעדאַרטער פּאַשע. דאָס פערד האָט באַדאַכט געשטעלט זײַנע גלאַנציק־פּאָלירטע טלאָען מיט די העל־ברוינע בערשטעלעך באַ די קנעכלעך. די העל־ברוינע גריוועס זײַנע האָט דער ווינט צעפּעכערט, די ברוסט־מוסקולן האָבן בוילעט־רונדיק זיך אַרויסגעזען דורך דער דינער ברוינער פעל. כאַנע האָט ניט געקערעוועט. דאָס צײַמל איז געלעגן אַפן פערדס קאַרק. זי האָט נאָר ווײַלעוויײַז, ווען דאָס פערד האָט געביטן דעם טראָט, שטיל און ערנסט געלאָזט פאַלן: „באָרעך, באָרעך, דו ביסט טאַקע א גרויסער כאָכעם, אָבער אָן שטיפערײַ, זײַ א מענטש”. באָרעך, אַזוי האָט כאַנע גערופן דאָס פערד, האָט גלײַך גענומען גיין מיט זײַן ווייכן שווים־רויִקן טראָט. כאַנע האָט מיט איר קליינער פאַרהאָרעוועטער האַנט געגלעט זײַן וואַרעמען האַלדז און ווידער אָנגעשעפּט אין דער טאָרבע א זשמעניע מיט זאַלץ, ווידער געשאָטן, קעדיי דאָס בידנע גראָז זאָל מער באַטאַמט ווערן.

שטיל, פרײַ, באַלויכטן אַף דורך־און־דורך איז געלעגן די ראַכוועס פון סטעפּ ביז צום סאַמע הימל־גאַרטל. אין אײַבערגעדרייַדלטער, איבערגעקרימטער עכאָ־אָפּהילך האָט זיך אומגעקערט צו כאַנען פון איר געזאַנג. איר טיפע קלינגענדיקע שטים האָט זיך געשפּרייט, זי האָט הויך געזונגען א ניגן אָן ווערטער. באָרעכס אויערן האָבן געציטערט, און פון זײַן האַלדז האָט אַרויסגעשאַלט א דין מילד הירזשען, ווי ער וואָלט אונטערגעהאַלטן דאָס געזאַנג פון זײַן ליבער רײַטערן. יאָ, זײַן ליבע רײַטערן, וואָרעם כאַנע האָט געהאַלטן באָרעכן קימאַט, ווי איר גלײַכן, קיינמאָל אַף אים דאָס קאָל ניט אויפגעהויבן, קיינמאָל קיין בײַטש, קיין שטעקל אין האַנט ניט געהאַלטן, בייס זי איז געריטן. אין יענעם פרימאָרגן, ווען זי האָט באָרעכן אַרײַנגעפירט אין שטאַל, האָט זי געזאָגט צו שימקען:

— דו זעסט, וואָס פאַר א מאַנאַרך איך האָב געבראַכט. בעט איך דיך זייער, אַז דו זאָלסט אים ניט געבן אין שפּאַן אפילע דעם פאָרזיצער. ער הייסט באָרעך, און דאָס איז מײַן פערד.

— וואָס הייסט דײַנס? אין קאָמונע האָט קיינער גאָרנישט, און אַלע האָבן אַלץ, — האָט שימקע געפּרוווט קלאָר מאַכן דעם איניען. נאָר כאַנע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— טו מיר א טויווע, זײַ ניט מײַן באַוווּסטזײַן. פאַרגעס ניט, וואָס איך האָב דיר געזאָגט!

פון היינט אָן בין איך א באַלעבאָסטע ניט נאָר פון א סאַך בעהיימעס און לעמער, נאָר איך האָב שוין מיט מאַזל א פערד אויך.

פון יענעם פרימאָרגנדיקן שמועס איז אוועק שוין א היפּשע צײַט.

איצט האָט כאַנע געקוקט, ווי באָרעכס דינע אויערן קנייטשן זיך, זי האָט געהערט זײַן דין צאַרט הירזשען, זי האָט פאַנאַנדערגענומען איר פּויסט אין דער ברייטער טאָרבע מיט זאַלץ און האָט אַף א רעגע פאַרגעסן, וואָס צו טאָן. דאָס צײַמל איז, ווי פריִער, געלעגן אַף באָרעכס קאַרק. כאַנע האָט געזונגען, און אירע באָרוועסע צעשפּאָלטענע פּיאַטעס מיט די פּיטשינקע קרעלעכלעך פאַרטריקנט בלוט ארום די שפּאַלטן־קאַרבן האָבן זיך געהויבן און אראָפּגעלאָזן, ווײַל דעם פערדס בויך האָט זיך האָט וווייך געבערגלט פון זײַן יונגן קרעפּטיקן אָטעם. דאָס פערד איז אַלט געווען, לויט ווי כאַנע האָט געשאַצט, באַטראַכטנדיק זײַנע ציין, ניט מער ווי פיר יאָר. כאַנע איז אַלט געווען דרײַ און צוואַנציק. האָט זי אויסגערעכנט לויט די יאָרן, וואָס א פערד קאָן לעבן און א מענטשן קאָן באַשערט זײַן, אַז זי איז מיט אים אין איין עלטער. זי האָט אויך געהאַט א פעסטן גרונט אים רעכענען, ווי איר מיטצײַטלער, אָבער וועגן דעם שפּעטער. ווען די קרימער זון האָט גוט א סמאַליע געטאָן, זײַנעןביידע זאַלץ־טאָרבעס אויס־געליידיקטע געהאַנגען אַף כאַנעס אַקסלען. זי האָט שוין מיט באָרעכן „אויסגעמאָסטן" שיינע עטלעכע העקטאַר, און ער האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף איצט אוועק צו דער באַלקע, וואָס לעבן דאַרף דזשאַבאַהוי. פּאַוואָליעטשקע האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט פון באַלקע־ראַנד. כאַנע איז אראָפּגעשפּרונגען, געבליבן שטיין אַף די שפּיץ פינגער, קעדיי די שפּאַלטן אין די פּיאַטעס זאָלן ניט טיפער ווערן. זי האָט פאַנאַנדערגעזאָטלט באָרעכן, און ווי נאָר זי האָט א וואָרף געטאָן דעם זאָטל אַפן גראָז (אין באַלקע־בעקן איז נאָך דאָס גראָז געווען געדיכט און ווייך), האָט זיך באָרעך עטלעכע מאָל דורכגעטראָגן הין און צוריק מיט א שאַלנדיק הירזשען, דער־נאָך איז ער אוועקגעפאַלן און זיך גענומען קײַקלען. פון רוקן אַף איין זײַט, אַף דער אַנדערער זײַט, אַזוי, אַז זײַנע פיס זײַנען צום הימל געשטרעקט געווען, און אין א רעגע ארום זײַנען זיי אַפן גראָז געווען אויסגעצויגן. כאַנע האָט זיך צוגעקוקט, ווי ער טוט עס. כאַטש זי האָט עס געזען ניט צום ערשטן מאָל. זי האָט ארויסגעלאָזט ניט קיין געזאַנג, נאָר א מין אור־שפּרינגלעך יונגפרוי־געשריי, אײַנגעבויגן די קני און זיך אראָפּגעקײַקלט פון באַלקע־ראַנד. אַזוי עטלעכע מאָל קעסיידער. באָרעך האָט זיך א שטעל געטאָן, און בייס כאַנע איז געלעגן אַפן גראָז, איז ער פּאַמעלעך צוגעגאַנגען, האָט אראָפּגעלאָזן צו איר זײַן מאָרדע, זײַנע ליפּן האָבן זיך אופגעהויבן, א האָרעלע א קנייטש געטאָן, ווי ער וואָלט מיט זײַן שמייכל באַגיי־טיקט, וואָס כאַנע איז אַזוי שפּילעוודיק. כאַנע האָט זיך צעלאַכט, ווײַל זײַן מאָרדע איז געלעגן אַף איר אַקסל.

ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס כאַנע איז געווען אַזוי שטיפעריש, איז זי שוין געווען א מאַמע פון דרײַ מיידעלעך. זיי האָבן זיך, ווי אַלע קינדער, געפּונען אין קינדערהיים פון קאָמונע, און זי איז, ווי אַלע מאַמעס, געווען פרײַ פון האַרעוואַניע־יאָך און געטאָן איר אַרבעט. כאַנע איז געווען דער הויפּט־בריגאַדיר פון שטאַל־בריגאַדע. דאָס איז ניט קיין פּאַשעטע זאַך. זי האָט געגוג זאָרג וועגן דער פּאַשע, וועגן דעם, ווי מע פּאַרלייגט סילאָס אין די טורעמס, זי האָט געדאַרפט אכטונג געבן, אַז די בעהיימעס זאָלן האָבן אַלץ צו דער צײַט, די בידאָנעס מילך זאָלן אוועק קיין סאַקי אַף די קוראָרטן ניט געזײַערט. דער קינדערהיים, די קיך זאָלן ניט וואַרטן אַף קיין מילכיקס. אָבער ניט קוקנדיק אַף די אַלע דײַגעס, האָט זי פּונדעסטוועגן געדאַרפט מעלקן, ווי אַלע מעלקערנס, דרײַ מאָל אין טאָג. עפּעס א זכות איז איר מאַמעש בײַגעשטאַנען — די בעהיימעס, וואָס האָבן האַרטע אײַטערס, צעשפּאַלטענע סאַסקעס, שטייען קיין איין רעגע ניט אַף די פיס, פּאַכן קעסיידער מיט די ווידלען, — מעלקן זיך בא איר רויק. זי מעלקט און בעט שטיל: „האַגאַר", שטיי, טײַערינקע, ליבינקע. א געזונט אין דײַנע הינ־טערשטע פיס... און די שטאַל־אַרבעטער וווּנדערן זיך, וואָס „האַגאַר", וועלכע מע רופט ווילדע בריִע, האָט נאָך קיין איין מאָל ניט איבערגעקערט מיטן פוס דעם עמער מילך, וועלכן כאַנע האַלט שטײַף מיט אירע ביידע קני.

די זון האָט געפּײַערט. דער סטעפּ איז געלעגן אויסגעדייוועט, ווען כאַנע איז ארויס־געריטן פון באַלקע. עס איז זי פּלוצעם באַפּאַלן אַן אומרו, עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ניט נאָר דאָ אין סטעפּ איז זי אונטערן הויכן הימל פאַרבליבן אליין, איינע אליין, נאָר אַז אומעטום און אין קאָמונע, ווו זי וועט באַלד קומען, וועט זי ניט טרעפן קיינעם.

ארויסגעפאָרן איז זי אהער נאָכן ערשטן געמעלק פאַרטאָג. פאַרשטייט זיך, אַז קיין אָנבײַסן האָט זי נאָך ניט געגעסן. איצט איז שוין געווען די עלפטע שאָ — עס האָט גוט געצויגן אונטערן לעפעלע. זי איז געזעסן אין זאָטל ניט שטײַף, אירע פיס האָבן זיך געבאָמבלט באַם פערדס זײַטן, איר קאָפּ האָט זיך געשאָקלט הין און הער; ווען עמעצער זאָל אַף איר איצט

א קוק טאָן, וואָלט ער געוועזן זיכער, אַז זי דרעמלט. אָבער כאַנע איז געוועזן וואַך, און אײַן גאַט ווייסט, פאַרוואָס עס האָבן אַף איר גראָד איצט א פּליייץ געטאָן דערמאָנונגען. זי האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז קיין מענטש האָט זיך אַליין ניט געטאָן אַזויפיל שלעכטס, ווי זי. „זיך געײַלט, ניט געהערט, וואָס טאַטע־מאַמע זאָגן, און גערעכט זײַנען זיי געוועזן. אָבער צוריק כאַפּן — איז פּונקט ווי פאַרבינד דעם ווינט אין א פּאַטשיילעכל". דערבײַ האָט זי זיך דערמאָנט אין דעם מאַן אירן, וואָס איז געוועזן עלטער פון איר מיט פופצן יאָר. זיך דערמאָנט און קיין פּיצל כאַראַטע ניט געהאַט, וואָס זי איז פון אים אַוועק, גלײַך ווי זי האָט געבוירן דאָס דריטע מיידעלע. אַזוי זיך הוידענדיק אין זאָטל, האָט כאַנע געטראַכט, אַז די קאָמונאַרן זײַנען אין א געוויסן זין ניט בעסער, ניט אומגעווײַנלעכער ווי אַלע אַנדערע.

גאַנץ אָפט קומט איר אויס אָפּצוואַרפן אומגעבעטענע אופמערקזאַמקײַט. אָט, אַשטייגער, האָט יענע וואָך נאָך וועטשערע צו איר געזאָגט כאַזימקע פון פעלד־בריגאַדע:

— כאַנקע, לאָמיר זיך דורכגיין, אַזאַ אויצער, ווי דו, גייט אין ניוועץ. אין סטעפּ איז א מעכײַע. שטערן פאַלן סנאָפּעסווײַז.

כאַנע האָט ניט געזאָגט, וואָס עס איז איר געלעגן אַף דער שפּיץ צונג, ווײַל עס איז אָנגעגנומען, אַז א מאַמע פון דרײַ קינדער דאַרף ניט פאַרעבענדעווען. זי האָט אים אָנגעקוקט פאַרווונדערט־אומעטיקלעך און מיט א געפּאַלן קאָל באַמערקט:

— איך פרעג דיך, כאַזימקע, אויב איך זאָל מיט דיר טאַקע יאָ גיין אין סטעפּ, וועלן די שטערן אופהערן פאַלן, אָדער די אַראָפּגעפאַלענע שטערן וועלן צוריק אַרוף אַפן הימל?

כאַזימקע האָט קוים פאַרשטאַנען, וואָס ער הערט. ער האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען און גאַנץ גלײַכגילטיק צוגעוואָרפן:

— ניין, איז ניין.

בייס ער האָט עס געזאָגט, האָט שוין כאַנע געשפּאַנט צו דער נײַער שטוב, ווו זי האָט אין א צימער געווױנט. ריכטיקער, געגנעכטיקט מיט נאָך צוויי קאָמונאַרקעס, מיט ריוועקען און מיט כעוועדן. דאָס איז געוועזן ניט דער איינציקער פאַל. כוץ כאַזימקען, זײַנען געוועזן נאָך באַלאַנים. עס איז איר אַפילע אויסגעקומען צו הערן פון סראַליקן, וואָס אַרבעט אין שמידערײַ:

— כאַנעטשקע, אַז מע האָט דרײַ קינדער, האָט מען שוין ניט וואָס צו היטן!

און כאַנע האָט עס אויסגעהערט און געשוויגן.

דאָס אַלץ האָט כאַנע זיך איצט דערמאָנט, און עס איז איר געוואָרן זייער באַנגלעך.

באַרעך איז געגאַנגען פּאַוואָליע, זײַנע הינטערשטע פיס האָבן געטראָפן פּונקט צו די פעדערשטע טלאָען. ס'האָט זיך געקאָנט אויסווײַזן, אַז אויך ער באַטראַכט עפּעס. כאַנע האָט אַף אים געקוקט דורך די אַראָפּגעלאָזטע ווײַעס און צוגעפּעטשלט זײַן האַלדז, ער זאָל גיכער גיין. אין הויף פון קאָמונע איז זי אַרײַנגעריטן האַסטיק און האָט גלײַך דערזען, ווי אינמיטן הויף שטייט א געזעמל אומגעווײַנלעכע מענטשן, ניט אַזוי די מענטשן זײַנען געוועזן אומגעווײַנלעך, ווי זייערע פּאַלירטע קעסטלעך, וועלכע זײַנען אַף רימענס געהאַנגען באַ זיי אַף די אַקסלען. אַנדערע זאַכן זײַנען געוועזן פאַרקנעפּלט אין טשעכאַלן. פּלאַטשיקע פּירקאַנטיקע היפּשע פּעקלעך זײַנען געוועזן פאַרנייט אין לײַוונט. טשעמאָדאַנעס האָבן אויך ניט געפעלט. כאַנע האָט אַרײַנגעכאַפּט דאָס צײַמל אין דער רעכטער האַנט אַזוי, אַז באַרעכס קאָפּ האָט זיך פאַריסן, און ער האָט פאַרהאַלטן זײַן טראָט. ווען ניט דאָס, וואָלט זי מיטן פערד געטראָפן גלײַך אינעם געזעמל. אין די געציילטע רעגעס, בייס זי איז פאַרבײַגעריטן אַזוי נאָענט לעבן די מענטשן, האָט זי זיך א דריי געטאָן אַפן זאָטל מיט דער פּלייצע צום פערדס קאָפּ, מיטן פּאָנעם צו די געסט און באַוויזן צו באַמערקן א גאַנץ הויכן באָכער מיט א בלאָנדער געקרײַזלטער פּאַטלע, מיט א לאַנגער נאָז, אַזוי אַז זי האָט אַפילע א טראַכט געטאָן: „צי קען נאָך זײַן א מויל אונטער אַזאַ לאַנגען כויטעם". זי האָט אויך א כאַפּ געטאָן מיטן בליק א קליינוווּקסיקן זייער שוואַרצן באָכער מיט א ריזיקן פעך־שוואַרצן צעקודלטן קאָפּ. עס איז אויך געוועזן א מאָגערע פרוי אין א טיף־אויסגעשניטענעם סאַראַפאַן, און גאָר צום לעצט האָט זי באַמערקט נאָך איינעם אויך א קליינוווּקסיקן, א שוואַרצכיינעוודיקן, אַפן קאָפּ האָט ער געטראָגן א טיובעטייקע, און, ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן, איז אַף זײַן לענגלעך איידל פּאָנעם אופגעגאַנגען א האַרציקער שמייכל, ווען ער האָט באַמערקט, ווי זי שטויסט מיט די באָרוועסע פּיאַטעס דעם פערדס זײַטן. באַ דער פערד־שטאַל האָט זי פאַנאַנדערגעזאָטלט באַרעכן און געזאָגט צום פערד־וועכטער:

— מאַזלטאָוו, שימקע, מיר האָבן שוין געסט. צום אומגליק בין איך דער פּאַרזיצער פון קולט־קאָמיסיע, עס פעלט מיר אַרבעט! עס וועלן זיך ווידער אָנהייבן פּראַגעס, וואָס איז דאָס פאַר א קאָמונע, פונוואַנען האָט זי זיך גענומען.

כאנע האָט נאָך געהאַט א סאַך וואָס צו זאָגן, נאָר שימקע האָט זי געטרייסט:

— קלעם זיך ניט, כאַנקע, עפשער האָט עס גאָר קיין שײַכעס ניט צו דער קולט־קאָמיסיע, עפשער זײַנען געקומען זעמליעמערן?

— מויכל, מויכל, מע האָט שוין געמאָסטן טויזנט מאָל, — האָט כאַנע מיט הארץ געזאָגט און זי איז אוועק עסן.

■

ס'איז דאָ א ווערטל, אז דאָס באַשערטע קומט אין שטוב אַרײַן. ווען כאַנע איז אַרײַנגעגאַנגען אין עסצימער, זײַנען די געסט געזעסן בא איינעם פון די טישן. עס האָט זי מאַמעש דורכגעשטאָכן א פאַרדריסלעך געפיל, וואָס עס טראָגן זיך ארום כמארעס פליגן. קיין סופּיט אין עסצימער איז ניט געווען. אַף די קראָקוועס זײַנען געזעסן פייגל, און פון דאָרט איז געדיכט געפאַלן דאָס, וואָס די פייגל האָבן מער ניט געדאַרפט. די ערדענע פּאַדלאָגע אין עסצימער האָט אויך געמעגט זײַן ניט אזוי בערגלדיק — יענע וואָך זײַנען גראָד געגאַנגען רעגנס, האָבן די קאָמונאַרן אָנגעשלעפּט אַף זייערע שטיוול גענוג ליים, און אזוי איז זי אויסגעטריקנט געוואָרן. כאַנען האָט עס ניט נאָר פאַרדראָסן, א דריקנדיקע כאַרפּע האָט זי ארומגעכאַפּט. זי איז האַסטיק צוגעגאַנגען צום קיך־פענצטערל, גענומען דעם אָפּגעלופּעטן עמאַלירטן טעלער מיט דער גרוילעך־געדיכטער גערשטענער באַלאַנדע און זיך געזעצט באַם לעצטן טיש — וואָס ווײַטער פון די געסט. זי האָט נאָך ניט באַוויזן אופּצועסן א העלפט פון דעם, וואָס איז געווען אין טעלער, ווען א טשאַטע הינער מיט הענער, קלאָר־ווײַסע ווי שניי, האָבן זיך דורך דער אָפענער טיר אַרײַנגעלאָזן און זיך צעשאָטן איבערן עסצימער. ראָכקע איז גראָד געגאַנגען פון קיך צו די געסט מיט צווײ טעלער אין ביידע הענט. זי האָט האַסטיק אוועקגעשטעלט די טעלער אפן טיש און גענומען טרײַבן די אויפעס. די צעפּאַלאַשעטע הינער האָבן זיך א לאָז געטאָן אונטער און אַף די טישן. די געסט האָבן שטייענדיק געפּאַכט מיט די הענט. די הינער מיט די הענער זײַנען אַראָפּ פון די טישן, זיך געלאָזט מיט צעטומענע פליגל איבערן גאַנצן עסצימער און, צעטומלטע, ניט געקאָנט געפינען די טיר, דורך וועלכער זיי זײַנען אהער אַרײַן. כאַנע איז געווען אזוי פאַרלאָרן, אז זי האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַר־וואָס די געסט זעצן זיך ניט. האָט זי געלאָזט שטיין איר טעלער און איז צוגעלאָפן צו יענעם טיש, ווו די אומבאַקאַנטע זײַנען געשטאַנען. דערזען אפן טיש די „וויזיט־קאַרטלעך”, וואָס די הינער האָבן איבערגעלאָזט, איז זי אוועקגעלאָפן אין קיך, זיך באַלד צוריקגעקערט מיט א שמאַטע און מיט א טשײַניק וואַסער. אין א ווײַלע ארום האָבן די געסט געהאַט די גע־לעגנהײַט ניט נאָר צו זיצן בא א ריינעם טיש, נאָר זיי האָבן אויך געקאָנט אָנקוקן כאַנעס ברוינלעכע, פלינקע, שטײפע הענט, אירע בלויע קרומלעך־געשניטענע אויגן, אירע בוילעטע קינבאַקן, אַף וועלכע ס'האָט דורך דער צוגעברוינטער הויט זיך דורכגעשלאָגן א זאַפטיק־ראָזלעכע פאַרב. אירע פולע פרישע ליפּן האָבן רוילעך, ווי נאָרוואָס נאָך א שאַרפן מעסער־שניט, זיך ליבלעך געקנייטשט, אזוי אז די געסט האָבן פאַרגעסן אין די טעלער מיט דער גרויער באַלאַנדע און, ווי פאַרקישעפטע, נאָכגעקוקט כאַנעס יעדער באַוועגונג. זי האָט אויך באַוויזן באַטראַכטן יעדערן פון די געסט. א קורצע רעגע האָט זי געקוקט אַף דעם קליינ־וווּקסיקן, אַף זײַן לענגלעך, איידל פּאָנעם, זײַן צאַרטן שמייכל. צום עסן האָט זי זיך מער ניט צוגעריהרט. מיט א ביטער געפיל איז זי ארויס פון עסצימער. זי האָט אַרויסגעפירט באַרעכן פון פערד־שטאַל, אים האַסטיק אָנגעזאָטלט, זיך אַרופגעכאַפּט אַף אים, אַרײַנגעטאָן אירע באָרוועסע פיס אין די סטרעמענעס. דאָס פערד האָט זיך געלאָזט מיט זײַן שווימענדיקן, גלײַכמעסיקן גאַנג צום סטעפּ, צו דער טשערעדע, צו וועלכער ער האָט שוין גוט געוווּסט דעם וועג.

נאָך פונווײַטן האָט כאַנע געזען די מאַזשאַרע מיט די אופגעהויבענע האָלאָבליעס, די טשערעדע, די פּאַסטעכער, די מעלקערנס מיט די רויטע און ווײַסע פאַטשיילקעס אַף די קעפּ. זי האָט פעסט אָנגעצויגן דאָס צײַמל, דאָס פערד האָט פאַרהאַלטן דעם גאַנג און איז שטיין געבליבן בא דער סאַמע מאַזשאַרע. כאַנע איז מאַמעש אַרויסגעפלויגן פון זאָטל, און איר קרעפטיק קאָל האָט א הילך געטאָן איבערן סטעפּ:

— טויבקע, וואָס בלאָנדזשעסטו מיט דער דויניצע, ווי אין פינצטערן וואַלד? אַ־האַ־אָן איז דײַן „ווענערא”!

ניט אומזיסט איז אין כאַנעס געשריי געווען אַ פאַרוווּרף, אַ שפּאָט. זי איז געווען אויסער זיך, וואָס די מעלקערנס דרייען זיך איבערן סטעפּ, ווי פאַרטשאַדעטע, און דער־קענען ניט די בעהיימעס, וועלכע זיי מעלקן צוויי יאָר דרײַ מאָל אין טאָג. וויפל מאָל האָט

זי געזאָגט: „קוקט זיך צו, ווי די קי שטייען אין שטאַל צוגעבונדן איינע לעבן דער אַנדערער, אַזוי לייגן זיי זיך אין סטעפּ איינע לעבן דער אַנדערער".

מער פון אַלעמען האָט טויבקע ניט דערקענט „אירע" קי. כאָטש האָט זי מאַמעש פאַר דער האַנט געפירט פון איין בעהיימע צו דער אַנדערער און מיט האַרץ געטייַנעט:

— גיב אַ קוק, „גערע" ליגט לעבן „וויקטאָריען", „כאַוועֿ" ליגט לעבן „דזשוליעטען", און די איבעריקע ליגן אויך אַזוי. וווּ זייַנען דייַנע אויגן, צו אַלדי רוכעס? קוקסט און זעסט אַ פּייַג אונטער אַ דעכעלע!

וויפל מאָל האָט כאָטשע געבעטן, אַז די מעלקערנס זאָלן טאָן, ווי זי טוט. זיי זאָלן אויס-וואַשן די אייַטערס ניט באַ איין בעהיימע און גלייַך נעמען ציִען און ציִען, ביז די מילך קומט, נאָר זיי זאָלן אויסוואַשן די אייַטערס באַ צוויי-דרייַ בעהיימעס, וועלן זיי פאַרשפּאָרן צו וואַרטן, וואָרעם ווען זיי וועלן צוגיין מעלקן די דריטע בעהיימע, וועט שוין די מילך רינען.

איצט איז זי צוגעגאַנגען צו שיפרע גרינבלאַט און מיט רוגזע געזאָגט:

— שיפרע, איך וועל זאָגן דער בעהיימע, זי זאָל דיך אויסמעלקן. וואָס בריקעסטו זיך? נעם אַוועק דייַנע הינטערשטע פיס פון איר בויך!

געוויזן, געזאָגט, זיך געביייזערט. צום סאָף האָט כאָטשע גענומען דעם בלעכענעם עמער און איז אַוועק מעלקן אירע „אייגענע" קי. אינגיכן איז זי צוגעגאַנגען מיט אַ פולן עמער מילך, האָט זיך מיט איין פוס אָרופגעשטעלט אויף דער ראָד פון דער מאַזשאַרע, אויסגעגאָסן די מילך דורך דעם זייַ-טיכל, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום בידאָן. אַ קוק געטאָן אויף באַרעכן, ווי ער שטייט אויף דער סאַמע זון, האָט זי אַראָפּגענומען די פּאַטשיילקע פון קאָפּ און זי אויסגעבונדן מיט צוויי עקן דעם פערד ביז די אויגן. בייס זי האָט עס געטאָן, איז ער געשטאַנען, ווי צוגע-שמידט, דערנאָך פּאַוואָליע אַוועק צו דער באַלקע, שטיל אַ הירזשע געטאָן, ווי ער וואָלט גע-זאָגט: איך וועל באַלד צוריק קומען.

רוווקע דער פּאַסטעך, וואָס האָט עס געזען ניט איין מאָל, האָט זיך געוויצלט:

— כאָנטשע, איך בין מעקאַנע באַרעכן...

מער האָט ער גאָרנישט באַוויזן צו זאָגן, ווייַל כאָטשע האָט אים געשענקט אַ שייַנריידנדיקן קוק, און, כאָטש זי האָט זיך זייער געייַלט, האָט זי געלאָזט פאַלן:

— רעב רוווען, איך זאָל אַזוי לעבן, ווי אין באַרעכס מויעך איז דאָ מער, ווי אין דייַ-נעם, — און זי איז אַוועקגעלאָפן מיט דער דוויניצע טאָן וואָס זי האָט געדאַרפט.

אָט אַזוי זייַנען געגאַנגען כאָנעס טעג. זי האָט קוים אויסגעשניטן אַ שאָ אויף אַרייַנצולויפן אין קינדערהויז צו אירע קינדער. אָבער די שאָ איז נעמלעך געווען די סאַמע געמיטלעכע און געגאַרטע פון גאַנצן מעסלעס.

ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דרייַ-פיר טעג האָט כאָנע די געסט ניט געזען, אָבער געהערט וועגן זיי האָט זי גראָד יאָ. אירע שכיינעס ריווקע און כעוועד האָבן צווישן זיך גערעדט אין די אוונטן:

— די כודאָזשניקעס שלאָפן אויף די סקירדעס שטרוי.

— זיי זייַנען גערעכט, — האָט ריווקע באַגיטיקט, — אונדזערע וואַנצן האָבן אַזוינס נאָך קיינמאָל ניט פאַרזוכט, די כודאָזשניקעס וואָלטן בעמיילע געמאַכט פּלייטע. נעכטן זייַנען זיי אַלע געווען אין גאָרטן, זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט מיט זייערע וואַרשטאַטלעך און געוואָלט אַראָפּריסעווען פייגען, אָבער זיי האָבן ניט געפּויעלט באַ איר, זי זאָל שטיין אַ ווייַלעטשקע. ווי קאָן זי שטיין, אַז זי דאַרף טראָגן די פּאָמידאָרן צו דער מאַזשאַרע. זייַנען זיי אין קאַס געוואָרן, האָבן געכאַפּט זייער קלאַפּערגעצייַג און אַוועק צו די סילאָס-טורעמס.

אַזוי האָט זיך כאָנע דערוווּסט, אַז די געקומענע זייַנען קינסטלער, און אין די קומענדיקע אוונטן האָט זי נאָך געהאַט אויסצוהערן, ווי אירע שכיינעס ריידן אַרום די בילדער, וועלכע די קינסטלער מאָלן.

— איך בין זיך אַזוי צוגעגאַנגען, שטיי איך הינטער זייַן פּלייצע, — האָט כעוועד דער-ציילט, — די סקירדעס האָט ער אָנגעריסעוועט מיט בלויער פאַרב, די אָקסן מיט דער מאַ-זשאַרע — מיט ראָזער פאַרב, די ערד — מיט געלער. איך פיל, אַז איך ווער צעפּלאַצט פון געלעכטער, בין איך אַרייַנגעגאַנגען אין וואַגאָנטשיק. די כעוורע האָבן אָפּגעגעסן וואַרמעס, איך וואַש די שיסעלעך, מיטאַמאָל — ער גייט אַרייַן.

— ווער איז דער ער? — פרעגט ריווקע.

— דער מיט די בלאָנדע געקרייַזלטע האָר. „יאָ, מאַכט ער צו מיר, ווי איז דייַן נאָמען? איך וויל זיך מיט דיר באַקענען". זאָג איך: „מע רופט מיך כעוועד. אָבער איר האָט ניט וואָס זיך צו באַקענען מיט מיר, איך האָב שוין אַ כאַווער". קוקט ער אויף מיך אָן, טוט אַ גענעץ אינמיטנ-דערינען און זאָגט: „האָסט, האָב געזונטערהייט!"

— זעסטו, ריסעווען אליין קלעקט ניט... אָבער וואָס האָסטו זיך אָפּגעזאָגט? איך אַף דײַן אָרט וואָלט זיך יאָ באַקענט מיט אים, — האָט ריווקע ערנסט באַמערקט. „כאַכמאַניעס‟, — האָט כאַנע א טראַכט געטאָן און איז אײַנגעשלאָפֿן.

באַגינען, ווען זי איז אופגעשטאַנען צום ערשטן געמעלק, האָט זי זיך דערמאָנט אין כעוודעס מעווינעס וועגן די קינסטלערס אַרבעט, און עס איז איר פריקרע געוואָרן, וואָס כעוועד איז אַזוי טעמפּ און דערצו זיכער, אַז זי פאַרשטייט עפּעס אין דעם. כאַנע האָט זיך אַזש צעלאַכט, בייס זי איז געגאַנגען דורכן פוסטן באַגינענדיקן הויף צו דער קו־שטאַל. דער איינציקער בוים לעבן קינדערהויז איז געשטאַנען פאַרשלייערט אין קילער שטילקײַט, קיין בלעטעלע אַף זײַנע צווײַגן האָט זיך ניט באַוועגט. די לופט איז געווען קיל, די קוזניע, די סילאָסטורעמס, די איינציקע נײַע שטוב, די קאַשאַרע און די אַלטע שטוב, וואָס זײַנען גאַנץ פאַרבליבן נאָך דער רעוואָליוציע, זײַנען געווען פאַרהילט אין נאַכטיקער רו. פון דער קו־שטאַל האָט זיך געלאָזט הערן א קלימפּערן פון די בידאָנעס, פון די בלעכענע דויניצעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן א נײַער טאָג.

כאָטש כאַנע איז געווען זייער פאַרטאָן, האָט זי צומאָל דורכגענומען א כאַרפּע פון דער אויסקומעניש, מיט וועלכער די קאָמונאַרן זײַנען געווען אַרומגערינגלט. „ווי קאָנען מיר לערנען אַנדערע, — האָט זי געטראַכט, — אַז מיר אַליין ווילן זיך ניט לערנען, און אַזוינע ווייסערקעס, ווי כעוועד, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין קינסטלער, קיין בילד אין זייערע אויגן ניט געזען, כויזעקן?‟ כאַנע איז געווען צערודערט פון דעם, דעריבער איז איר די אַרבעט ניט געגאַנגען ווי עס דאַרף צו זײַן.

זי איז געזעסן אַפן נידעריקן בענקעלע מיט דער בלעכענער דויניצע און האָט אײַנגערעדט דער בעהיימע: „שטיי, פלאָרע, ליבינקע‟, — אָבער „פלאָרע‟ איז ניט אײַנגעשטאַנען קיין רעגע. זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ, געפּאַטשט מיטן עק און קעסיידער געהויבן די הינטערשטע פיס, פונקט ווי זי וואָלט געפילט, וואָס עס טוט זיך בא כאַנען אין הארצן. עס האָט כאַנען א שווייס באַשלאָגן, ביז זי האָט אויסגעמאָלקן „פלאָרען‟. דערנאָך האָט זי געהאָלפן אָפּבינדן די קי, און, ווען די פאַסטעכער זײַנען אוועק מיט דער טשערעדע אין סטעפּ, האָט כאַנע מיט די מעלקערנס אויסגערייניקט די שטאַל, אָנגעשאָטן האָבערנע מעל מיט געשטויסענער מאַקוכע אין די קאָרעטעס און איז אוועק צו דער פערד־שטאַל.

זי האָט אָנגעזאָגט באָרעכן, געשמייכלט פון שימקעס רייד:

— כאַנע, דו גלעטסט אים און גלעטסט, ער בלײַבט אָבער אַלץ א פערד!

— דאָס טרעפט מיט צווייפיסיקע אויך, — האָט כאַנע באַמערקט און האָט אַרויסגעפירט באָרעכן פון שטאַל, און, כאָטש זי האָט געהאַט נאָך וואָס צו ענטפערן שימקען, איז זי אוועקגעריטן צום ברונעם — זי האָט דערזען, אַז די קאָרעטעס זײַנען טרוקן. עס האָט זי דורכגענומען א בראַנדיקער צאָרן, ווײַל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די פאַסטעכער האָבן אוועקגעטריבן די טעלעצעס מיט די ביקלעך ניט קיין געפּאָיעטע... זי האָט מיט די פּיאַטעס געפּויקט באָרעכן אין בויך אַזוי, אַז דער אָטעם האָט איר פאַרכאַפּט, פליִענדיק איבערן סטעפּ. ערשט הינטער דעם דאַרף קאַראַהורט האָט זי דערזען די פאַסטעכער און די בלאָנקענדיקע יונגע טשערעדע. די פאַסטעכער זײַנען געזעסן און האָבן גאַנץ געשמאַק צוגעביסן. כאַנע האָט געקוקט, ווי זיי בײַסן אָפּ היפּשע שטיקלעך פון די לוסטעס ברויט און ווי זיי זופּן נאָך יעדער ביסן ברויט פון דער פלאַש מילך. זי האָט דערפילט, ווי א זודיקער ווינט האָט פאַרכאַפּט איר באָזלעכער, ווי ס׳האָט זיך אופגעהויבן צו איר האַלדז א שוועבלדיקער גרימצאָרן, און זי האָט אויסגעשריִען:

— די טעלעצעס צום ברונעם!

די פאַסטעכער האָבן אוועקגעשטעלט אַף דער ערד די פלעשער מיט דער איבערגעבליבענער מילך. זיי האָבן זיך אופגעהויבן און רויִק געזאָגט:

— זיי וועלן זיך אָנטרינקען וואַרמעס־צײַט.

— פאַרוואָס האָט איר ניט אָפּגעלייגט אײַער אָנבײַסן ביז וואַרע־ע־ע־ממע־ע־סס! — האָט כאַנע אויסגעשריִען אַזוי, אַז די פאַסטעכער האָבן שפּאַרעוודיק גענומען שטעלן די פיס אַף הינטערוויַלעכס. אָבער כאַנע איז שוין מער ניט געווען קיין באַלעבאָסטע איבער זיך. זי איז אַרויסגעשפרונגען פון זאָטל, זיך א לאָז געטאָן צו די פאַסטעכער, זיי דעריאָגט און גענומען פלעמען איינעם און דעם אַנדערן איבער די באַקן, איבער די קעפּ. זי האָט געזען, ווי זיי פּאַכן מיט די הענט און ווערן זיך פון איר. זי וואָלט זיי נאָך היפּש אײַנגעטיילט, ווען זי וואָלט פלוצעם ניט דערזען, ווי עס רינט בלוט בא איינעם פון דער נאָז. זי האָט נאָך געפונען אין זיך קרעפטן אויסצושרײַען:

— מענוואַלים, פּויליאַקעס, נישטיקעס! זיך צוגעווינט אין ווינעצע צו פאַרקויפן הערינג! די טעלעצעס פאַרנעמט!

דאָס אַלץ אַרויסגעשריען, איז זי אַף די שפּיץ פינגער צוגעלאָפן צו באַרעכן, האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין זאַטל און ווידער מיט די פּיאַטעס געפּויקט זײַן בויך אַזוי, אַז דאָס פערד איז עטלעכע רעגעס אַ פאַרוווּנדערטער געשטאַנען אַף איין אָרט, בלויז געביטן דעם טראָט, און ערשט דערנאָך אַ הירזשע געטאָן און זיך געלאָזט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. כאַנע האָט אַרומגעדרייט דאָס צײַמל אַף דער רעכטער האַנט אַזוי, אַז באַרעכס קאָפּ האָט זיך פאַריסן. זי האָט אים פאַרקערעוועט ווו זי האָט באַדאַרפט און געהאָלפן פאַרנעמען די טשערעדע צום ברונעם. ערשט ווען זי האָט געזען, ווי די פּאַסטעכער האָבן אָנגעפּאָמפּעט וואַסער אין די קאָרעטעס און די בעהיימעס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער וואַסער, איז זי אַוועקגעריטן אין סטעפּ, כאָטש עס איז נאָך געווען לאַנג צום באַטאָגיקן געמעלק.

איצט האָט זי ניט געקערעוועט. באַרעך איז אַוועק צו דער באַלקע, און בייס ער האָט זיך מיט איר אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער, איז זי אַרויס פון זאַטל און אַוועקגעפאַלן אַפן גראָז. זי האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צום הימל און אַזוי געלעגן, אײַנזאַפּנדיק אין זיך די רו, וואָס האָט געאָטעמט צו איר פון דער ערד.

זי האָט ניט געזען, ווי באַרעך איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ווי פון זײַנע ליפּן איז געפאַלן אַף דער ערד געדיכט־אויפגעשלאָגענער געלער שוים. זי האָט עס ניט געזען ניט נאָר דערפאַר, וואָס זי איז געלעגן מיטן פּאָנעם אַראָפּ, נאָר ווײַל זי איז אײַנגע־שלאָפן. ווען כאַנע האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז באַרעך געלעגן אַף דער ערד. זי האָט אַ גלעט געטאָן זײַן האַלדז און דערפילט, אַז ער איז נאַס. דעריבער האָט זי אים געלאָזט ליגן, אָבער די זון האָט באַוויזן, אַז ס'איז שוין צײַט צו מעלקן דאָס צווייטע מאָל. זי האָט אַ צי געטאָן דאָס צײַמל, און באַרעך האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט שפּאַנען נאָך איר.

אַפן באַשטימטן אָרט אין סטעפּ, ווו די פּאַסטעכער האָבן אַלעמאָל צונויפגעזאַמלט די בעהיימעס, איז געשטאַנען די מאַזשאַרע מיט די ליידיקע בידאָנעס. די מעלקערנס האָבן שוין אָנגעהויבן מעלקן. כאַנע האָט אויך גענומען די בלעכענע דויניצע און איז אַוועק טאָן, וואָס אַלע טוען. בייס זי איז צוגעגאַנגען צו דער מאַזשאַרע אויסגיסן די מילך אין בידאָן, האָט זי דערזען דעם שוואַרצכיינעוודיקן קינסטלער, וועלכן זי האָט אויסגעטיילט פון די איבעריקע, בייס זי האָט אים יענעם טאָג דערזען אין געזעמל. זײַן לענגלעך, איידל, טונקל פּאָנעם און זײַנע שוואַרצע אויגן האָבן געשמייכלט און אויסגעדריקט געבעט מיט צווייפל אײַניינעם. ער האָט אַ קורצע רעגע געקוקט כאַנען אין די אויגן, צוליב עפּעס האָט ער אַראָפּגעכאַפּט די טיר־בעטייקע פון קאָפּ און שטיל געזאָגט:

— כאַווערטע בריגאַדיר, עפּשער איז מעגלעך צו פאַרהאַלטן די סטאַדע אַף אַ שאָ אָנ־דערהאַלבן. אויב יאָ, וואָלט עס געווען זייער ווויל.

כאַנע האָט געקוקט אַף זײַן אַראָפּגעלאָזענער רעכטער האַנט, אין וועלכער ער האָט גע־האַלטן די טיובעטייקע.

— אָבער ניט מער ווי אַף אָנדערהאַלבן שאָ, וואָרעם בעהיימעס זײַנען ניט קיין מענטשן. זיי דאַרפן זיך פּיטערן און מע דאַרף זיי מעלקן. — געזאָגט, ניט אויפגעהויבן די אויגן צו אים און אַוועק מעלקן.

ער האָט פאַנאַנדערגענומען דעם מאָלבערט, אַרופגעשטעלט אַף אים אַ דיקטן ברעטל מיט צוגעקלעפּטן פּאַפּיר, האָט פאַנאַנדערגעלייגט דאָס איבעריקע געצײַג און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

כאָטש כאַנע האָט געזאָגט אַזוינע הארבע ווערטער צום קינסטלער, האָט זי נאָכן געמעלק אָנגעזאָגט די פּאַסטעכער, אַז יענע זאָלן די טשערעדע פאַרהאַלטן. די מאַזשאַרע מיט די בידאָ־נעס מילך מיט די מעלקערנס איז אַוועקגעפאָרן. כאַנע איז אויך אַוועקגעריטן. זי איז צוגעפאָרן צו דער בעקערײַ. דער בעקער האָט איר געגעבן אַ שטיקל פריש ברויט, און זי איז אַוועק מיט באַרעכן צום גאָרטן. דאָרט האָט איר אָפּגעגליקט, — די בריגאַדירקע פון גאָרטן־בריגאַדע כײַ־עלע גרינשטיין האָט איר געגעבן אַ לאַנגע גרײַפּלדיקע אוגערקע און אַ פּאָמידאָר. דערבײַ האָט כײַעלע באַמערקט:

— כאַנטשע, ווען איך גיי אַרײַן אין קו־שטאַל, וואָלסטו מיר געגעבן אַ גלאָז מילך?

— אַ נײַער נײַעס! — האָט כאַנע באַמערקט, אָפּגעביסן דאָס געלע ווײדעלע פונעם שפּיץ אוגערקע, עס אַרויסגעשפּיגן, אַרײַנגעלאָזן די ציין אין סאַמע אוגערקע־טיף, אַ שמייכל געטאָן, אַ קוק געגעבן אַף כײַעלען באַרויקט:

— כײַעלע, איך בין הײַנט זייער מיד. וויפל, מיינסטו, איז דער זייגער? לײַטישע מענטשן האָבן שוין לאַנג אָפּגעגעסן וואַרמעס. די קאָמונאַרן אויך.

— עס, עס, כאַנטשע, דו האָסט דאָך קימאַט געפּאַסט. ווי מײנסטו, כאַנעלע, די אופקומענ־דיקע נײַע מענטשהײַט וועט אַף אונדז קײן פאַריבל ניט האָבן? וואָס זאָל מען טאָן, מע זינדיקט אָפּט, און איך ניט ווינציקער פון אַנדערע. ניט דו אײנע קומסט אַהער. דער גאָרטן איז מאַמעש ווי האָניק פאַר בינען, — האָט כײַעלע אין פאַרלעגנהײַט געזאָגט.

כײַעלע איז געווען פון די קאָמונאַרקעס, וועלכע איז זײער געווען כאַנען צום האַרצן. זי האָט מיט גרויס האַנאָע געגעסן די אוגערקע מיטן פּאָמידאָר. אָבער זי האָט קימאַט זיך גע־געבן אַ נײדער, אַז זי וועט אַהער מער ניט קומען, און זי וועט עסן דאָס, וואָס אַלע קאָמונאַרן עסן. און שוין זיצנדיק אין זאַטל, האָט זי צוגעזאָגט:

— כײַעלע, דײַגע ניט. די קומענדיקע מענטשהײַט וועט זיך דערמאָנען, די קומענדיקע מענטשהײַט וועט וויסן, אַז דו האָסט בײַשטיקע געטײלט די קאָמונאַרן גרינס, און איך בין זי־כער, אַז דו וועסט ניט שטרענג געמישפּעט ווערן!

■

געוויס האָט כאַנע ניט פאַרגעסן, אַז דער קינסטלער מאָלט דאָרט די טשערעדע. און אײנ־גיכן האָט ער דערהערט אַ טופען פון טלאָען. באַלד האָט ער אױך דערזען, ווי כאַנע איז מיט אײן פוס געשטאַנען אַף דער ערד, בײַס דער צווײטער פוס איז נאָך געווען אין דער סטרע־מענע. ער האָט אָוועקגענומען דאָס פּענדזל פונעם פּאַפּיר און געקוקט, ווי זי שפּרינגט אַף אײן פוס, און ווען זי איז, ענדלעך, שטײן געבליבן לעבן פערד, האָט ער זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. זי איז געשטאַנען הינטער זײַן פּלײצע, געקוקט, ווי ער אַרבעט, און דאָס איז איר אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז זי האָט אַזש אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. זי איז געווען אויסער זיך, וואָס אַף אַזאַ קלײנעם בויגן פּאַפּיר האָט געקלעקט אָרט פאַר אַזאַ הויכן לויטערן הימל, פאַר אַזאַ ראַכוועסדיקער ערד, און עס איז נאָך געבליבן גענוג אָרט פאַר דער טשערעדע און פאַר די מעלקערנס. כאָטש זײ זײַנען געווען קוים אָנגעמערקט, האָט כאַנע הויך אויסגערופן: „דאָס איז דאָך טײַבל, און דאָס איז ראַכקע, און דאָס איז שיפּרעלע". דער קינסטלער האָט אופגע־הערט צו אַרבעטן, האָט אויסגעקערעוועט דאָס פּאָנעם צו כאַנען און געלאָסן געפרעגט:

— איר האָט זײ דערקענט? אַזוי גאָר? גאַנץ וואויל, — דערבײַ האָט ער אַזוי האַרציק גע־שמײכלט, אַז כאַנע האָט קײן מוט ניט געהאַט אים צו זאָגן דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט.

טאַקע דעריבער איז זי אָוועק צו די פּאַסטעכער. עפּעס גערעדט צו זײ. דער קינסטלער האָט פונווײַטן געזען, ווי די פּאַסטעכער שאָקלען מיט די קעפּ. דערנאָך איז כאַנע ווידער צוגעגאַנגען און אים געזאָגט, וואָס זי האָט געטראַכט.

— איר האָט שוין אָפּגעשפּיגלט? אויב יאָ, דאַרף די טשערעדע גײן צו די באַלקעס, וואָ־רעם דאָ האָבן די בעהײמעס ניט וואָס צו נעמען אין מויל. מענטשן קאָנען זײַן פּוסטע, אָבער אײַטערס דאַרפן זײַן פולע. — געזאָגט, צוגעגאַנגען צו באַרעכן, אַרײַנגעשפּרונגען אין זאָטל און אוועק.

ניט אַלץ, וואָס כאַנע האָט געזאָגט, איז דערגאַנגען צום קינסטלער, וואָרעם אין מאָסקווע האָט ער גערעדט מער רוסיש ווי מאַמעלאָשן. פונדעסטוועגן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז דאָ שיר ניט געגליכן געוואָרן צו די בעהײמעס, און ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס דאָס האָט אים ניט באַלײדיקט — פאַרקערט, דאָס האָט אים אָנגענעם איבעראַשט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „זי איז ניט נאָר אַ בריגאַדיר, זי איז אַן אָריגינעל מײדל". ער האָט צונויפגענומען זײַן קלאַפּערגעצײַג און זיך דערמאָנט די אַלע „טרעפלעכע" קלאָץ־קאַשעס, מײַנונגען, גע־לעכטערלעך, וואָס ער האָט אויסגעהערט פון די קאָמונאַרן, בײַס ער האָט געמאָלט אין פעלד־בריגאַדע, באַ די סילאָס־טורעמס, באַ די שאָף־פּאַסטעכער, און עס האָט זיך אים געשמײכלט, וואָס די בריגאַדירקע האָט זיך אַזוי אויסגעטײלט צום גוטן פון די, מיט וועלכע ער האָט זיך שוין באַגעגנט.

דער לאַנגער טאָג האַרעוואַניע, דער פאַרדריסלעכער צופאַל מיט די פּאַסטעכער האָט כאַ־נען דעם גאַנצן זומער ניט גרינגער געמאַכט. פונדעסטוועגן איז זי דעם לאַנגן עסצימער דורכגעגאַנ־גען מונטער. זי האָט זיך געזעצט באַ אַ קימאַט לײדיקן טיש, וואָרעם די מערהײַט קאָמונאַרן האָבן שוין אָפּגעגעסן וועטשערע. באַם סאַמע לעצטן טיש זײַנען געזעסן די קינסטלער. זי האָט נאָך ניט געענדיקט עסן, בײַס עס האָט זיך דערהערט, ווי מע קלאַפּט אין דער אײַזערנער רײף. דאָס האָט באַטײַט אַן אַלגעמײנע פאַרזאַמלונג (ווײַל צוליב זיצונגען פון קאָמונע־ראַט און פון די בריגאַדעס האָט מען אין רײף ניט געקלימפּערט).

פונעם עסן איז שוין כאַנען ניט באַשערט געווען האַנאָע צו האָבן. זי האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ סיבע ס'האָט אַרויסגערופן די אַלגעמײנע פאַרזאַמלונג. זי האָט געזען, ווי דער

פאַרזיצער פון קאָמונע און דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קעמערל האָבן זיך אופגעהויבן אַף דער בינע, וועלכע כאַנע האָט פאַר זיך גערופן די בריק. דער פאַרזיצער האָט עטלעכע מאָל א פּאַטש געטאָן איבערן טיש. אין עסצימער האָט געהערשט א מאָדנע שטימונג. די קאָמונאַרן און די קאָמונאַרקעס האָבן אי געשמייכלט, אי זיי האָבן אויסגעדריקט שאַדן־נײַגעריקייט. דאָ און דאָרט האָט פלוצעם אויסגעפּראַלט א געלעכטער. דער קאָמונאַר פון פעלד־בריגאַדע, וועלכער האָט אַנומלטן פאַרגעלייגט כאַנען זיך דורכגיין מיט אים אין סטעפּ „א קוק טאָן, ווי די שטערן פאַלן", האָט הויך געפרעגט:

— כאַנטשע, וואָס האָסטו זיך אזוי צוגעכאַפּט צו די פּאַסטעכער! דו ביסט זייער פריצעטע? זיי זײַנען דײַנע הינט?

כאַנע האָט זיך א בייג געטאָן, און פּונקט אזוי, ווי ער האָט הויך געפרעגט, אזוי אויס־דריקלעך און ערנסט האָט א קלונג געטאָן איר קאָל איבערן גאַנצן עסצימער:

— איך האָב דיך אין זינען, ווי דעם פּאַראַיאַריקן שניי, נאָר איצט וואָלט איך גראָד גע־וואָלט א קוק געבן, ווי דײַנע ציינער זעען אויס.

— שטילער, שטיל זאָל זײַן! — האָט דער פאַרזיצער ווידער א פּאַטש געטאָן איבערן טיש און באַלד אויסגערופן:

— קאָמונאַרקע כאַנע פײַנבערג, גיי צו נעענטער צו דער בינע. קאָמונאַרן גאַליטענע דאָ־וויד שאַפּיראָ און יאַנקל צוקערמאַן, קומט אויך אהער.

כאַנע איז שטיין געבליבן פון דער רעכטער זײַט בינע, די גאַליטענע האָבן זיך אוועק־געשטעלט לעבן דער לינקער זײַט. בא איינעם פון זיי, בא דאָווידן, איז דאָס פּאָנעם געווען פאַרבונדן מיט א רויטער פאַטשיילקע. ס'קאָן זײַן, אז צוליב דעם טאַקע איז דער עסצימער פאַרטויבט געוואָרן פון א מוירעדיקן געלעכטער. ענדלעך איז שטיל געוואָרן.

— כאַווער קאָמונאַר צוקערמאַן, — האָט דער פאַרזיצער זיך געווענדט צום גאַליטענעם, — דערציילט פּינקטלעך, ווי דאָס איז געווען.

ער האָט לאַנג דערציילט, צוקערמאַן, ווי ער האָט מיט דאָווידן אַרויסגעטריבן די טשערע־דע טעלעצעס, ווי ס'האָט זיי געכאַלעשט דאָס האַרץ. דאָ האָט אים כאַנע איבערגעשלאָגן:

— וועמען האָט געכאַלעשט דאָס האַרץ, אײַך, צי די קעלבער?

א רעכטע ווײַלע האָט געשאַלט א געלעכטער, דערנאָך האָט דאָוויד דערציילט, אז די קאָמונאַרקע כאַנע פײַנבערג איז אים באַפאַלן, ווי אַן עמעסע גאַזלענטע, און האָט אים פאַר־בלוטיקט.

אויסגעהערט די טײַנעס פון די גאַליטענע, האָט דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קעמערל גע־הייסן ריידן כאַנען. כאַנע האָט אויסגעמאָלט אַט וואָס:

— כאַווײרים קאָמונאַרן! איך דאַרף דאָ ניט דערציילן, וויפל מע דאַרף האָרעווען, ביז מע האָדעוועט אויס א קו. ווען איר וואָלט געזען, ווי די טעלעצעס מיט די קעלבער האָבן זיך אַרומגעדרייט אין סטעפּ פאַרכאַלעשטע פון דאָרשט! און אין דער זעלבער צײַט זײַנען זיך די צוויי מוישע ראַבײנוס האָרעפּאַשניקעס געזעסן און געפּראַוועט א סודע. ווייס איך ניט, צי עמעצער פון אײַך וואָלט געטאָן אַנדערש ווי איך. איך האָב קיין כאַראָטע ניט, איך האָב אַלץ געזאָגט!

דערנאָך זײַנען אַרויסגעטראָטן קאָמונאַרן און האָבן געוואָלט ווייכער מאַכן די זאַך. ס'האָבן זיך אויך געפונען אזוינע, וואָס האָבן גערעדט האַרב און שאַרף. נאָך די אַרויסטרעטונגען פון די קאָמונאַרן האָט גענומען א וואָרט דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קעמערל. ער האָט אָנ־געהויבן פון ווײַט:

— ווינטער האָבן מיר פאַרורטיילט די האַנדלונג פון איינער א קאָמונאַרקע, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצוזויגן א קליינעם קאָמונאַר, א ברעקל קינד, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס זי האָט געהאַט גענוג מילך. איר געדענקט, כאַווײרים, ווי מיר האָבן זי אויסגעשלאָסן אַף א גאַנצן קוואַרטאַל פון אונדזער קאָמונע. כאָטש איך האָב דאַן געזאָגט, אז דאָס איז אַן איבערי־קע זאַך. איצט האָבן מיר אַן אומדערהערטן צופאַל. ווען דאָס וואָלט געטאָן אַן אַנדערער אַף כאַנעס אָרט, וואָלט איך דער ערשטער אופגעהויבן מײַן האַנט, אז דער דוך פון אזא מענטשן, פון אזא קאָמונאַר זאָל בא אונדז ניט זײַן. איך זאָג אַ קאָמונאַר, ווײַל אַלע ווייסן, אז כאַנע פײַנבערג טוט פאַר צוויי־דרײַ מאַנצבלען. אָבער אופהייבן די האַנט אַף א כאַווער! איך לייג פאָר זי אויסשליסן אַף א קוואַרטאַל פון קאָמונע־ראָט. איך האָב געענדיקט.

מע האָט אָפּגעשטימט. די מערהײַט איז געווען פאַר דעם פאַרשלאָג, וואָס דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר האָט אַרײַנגעטראָגן. אין עסצימער איז געווען א ראַש און א טומל. פלוצעם האָט דאָוויד שאַפּיראָ, דער, וואָס איז געשטאַנען אַרומגעבונדן מיט א רויט טיכל, אופגעהויבן די רעכטע האַנט און געלאָזט ווייזן:

— איך האָב פאַרגעסן צו זאָגן, אַז די כּאוורטע פײַנבערג האָט געשריִען, בײס זי האָט אונדז געשלאָגן, אַלערלײי מיִעסע ווערטער, און זי האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן פאָרן האַנדלען אין וויניצע מיט הערינג. איך האַלט, אַז עס איז אַ קורקולסקע אַגיטאַציע.

ניט קוקנדיק אַף דער דאָזיקער מעלדונג, האָט זיך דערהערט אַזאַ געלעכטער, אַז אײניקע קאָמונאַרן האָבן אַזש געשלוקערצט.

— די פאַרזאַמלונג איז געשלאָסן! — האָט דער פאָרזיצער געמאָלדן.

עפראַיִם דער שאַף־פאַסטעך האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַף דער בינע, אַרויסגענומען זײַן מויל־האַרמאָניקע פון קעשענע. ער האָט געשפּילט עפּעס פון „קאַרמען", געטופּעט מיט די פיס, געשריִען:

— כּעוורע, כּאַנעלע, אַהערצו גײ, אַרוף אַף דער בינע, מע דאַרף דאָס פּאַרטאַנצן!

עטלעכע קאָמונאַרן האָבן זיך שוין געדרייט אין אַ שווינדלענדיקער פּאָלקע, און כּאַטש כּאַנע איז אַלעמאָל געווען אײנע פון די ערשטע אומדערמידלעכע טענצערנס, האָט זיך איר איצט ניט געטאַנצט. זי האָט אַ קוק געטאָן אַף דער בינע, ווי דאָרטן וואַלטן זיך געדרייט מעשוגאָיִם, און איז אַרויסגעגאַנגען פון עסצימער. זי האָט געמאַכט עטלעכע טריט, דערהערט, ווי עמעצער גייט הינטער איר, און זיך אָפּגעשטעלט. דערזען דעם קינסטלער, האָט איר אַ קלעם געטאָן אין האַרצן, לעמײַ זי האָט צו אים באַטאָג גערעדט אַזוי האַרב. ער האָט אָבער, אָפּנעם, פאַרגעסן וועגן דעם, ווײַל ער האָט אַזוי שטיל־בעטנדיק זיך געווענדט צו איר:

— כּאַוורטע כּאַנע, אויב איר זײַט ניט זייער מיד און איר האָט גאָרנישט קעגן, וואַלטן מיר זיך עפּשער דורכגעגאַנגען מיט אײַך אַ ביסעלע?

זי האָט עס גוט געהערט און האָט ניט צוגענומען איר האַנט, בײס זײַנע ווייכע וואַרעמע פינגער האָבן זיך צוגערירט העכער פון איר עלנבויגן. נאָר ווען זיי זײַנען באַנאַנד אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זײַן האַנט צוגענומען און נאָך אַ רעכטער ווײַלע שווײַגן שטיל באַמערקט:

— דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן גיי איך מיט אַ מיידל, וואָס האָט אַטאַקירט צוויי מאַנצבלען.

— איך שאַץ אײַער שרעקלאָזיקײַט. איר זײַט בײַגעווען אַף דער פאַרזאַמלונג?

— איר האָט דען ניט באַמערקט, אַז מיר זײַנען געווען אין עסצימער?

— איך האָב געזען, איך האָב געמיינט, אַז איר זײַט אַוועקגעגאַנגען.

— דאָס איז ניט וויכטיק. איך וואָלט נאָר געוואָלט, איר זאָלט ניט איבערשאַצן מײַן שרעקלאָזיקײַט, ווײַל איך האָב שוין געזאָגט, אַז אַזאַ מיידל באַגעגן איך דאָס ערשטע מאָל.

— איך וועל אַלץ אָפּשאַצן זייער באַדאַכט. איר האָט אָבער אַ טאָעס, דאָס מאָל האָט איר באַגעגנט אַ מאַמע פון דרײַ קינדער, — האָט כּאַנע געזאָגט.

זי האָט געהערט, ווי ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט. זיי זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען די קוזניע, די סילאָס־טורעמס, האָבן זיך פאַרנומען רעכטס אין סטעפּ אַרײַן. זיי האָבן געשוויגן, און כּאַנע האָט געוואָרט, אַז ער זאָל זאָגן „אַ גוטע נאַכט, כּאַוורטע פײַנבערג". ער האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט און איבעראַשט געפרעגט:

— איר, דרײַ קינדער? ווי אַלט זײַט איר?

אין זײַן פראַגע האָט זי דערהערט אַזוינע טענער, ווי ער וואָלט געגאַרט, זי זאָל זאָגן „כ'האָב זיך געוויצלט". ערשט איצט האָט זי אים געוואָלט ווינטשן אַ גוטע נאַכט. אָבער זי האָט דערפילט זײַן האַנט אַף אירער און שטיל איבערגעכאַזערט:

— יאָ, איך האָב דרײַ מיידעלעך, דעם קומענדיקן פרילינג ווערט מיר פיר און צוואַנציק יאָר.

כּאַנע האָט עס געזאָגט און דערפילט זיך קליינמוטיק. אַזאַ געפיל איז געווען בא איר דאָס ערשטע מאָל, זינט זי איז אַוועק פונעם מאַן.

אין סטעפּ איז געווען שטיל, ווי אַלעמאָל, ווען כּאַנע פלעגט אַרויסגיין אײנע אַליין אַ שפּאַציר טאָן. דער הימל איז אויך, ווי אַלעמאָל, געווען זייער טונקל און געדיכט באַשטעפּט מיט שטערן. אָבער כּאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס ערשטע מאָל זעט זי אַזאַ טיף־גע־וועלבטן הימל, אַזוינע בלײַכע שטערן, אַזאַ גלײַכגילטיקע שטילקײַט. אַ באַנומענע פון דער פּלוצעמדיקער קליינמוטיקײַט, פון דער שטילקײַט און פון זײַן שווײַגן, האָט זי ניט גלײַך דערהערט זײַן שטילע פראַגע:

— ווו איז דער פאָטער פון אײַערע קינדער?

כּאַנע האָט אים אָנגעקוקט, אַ רעגעלע געשוויגן און ערנסט געזאָגט:

— וועמעס טאַטע? מײַנע קינדער האָב איך מיר אַליין געהאַט.

ער האָט אַ נעם געטאָן כּאַנעס האַנט און זי לײַכט אַ ציִ געטאָן פאָרויס. אַזוי זײַנען זיי זיך געגאַנגען, געשוויגן, ביז ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— איך געדענקט, ווי איר זײַט אַרײַנגעריטן אין הויף יענעם פרימאָרגן, ווען מיר זײַנען געקומען אין קאָמונע?

— געוויס געדענק איך. עס איז מיר אײַנגעפאַלן דאָס האַרץ. איך בין דאָך דאַן שיר ניט אַרופגעריטן אַף דעם שוואַרצן, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער פרוי, וועלכע איז מיט אײַך געקומען.

— איך האָב זיך ניט דערשראָקן, איך האָב זיך שיר ניט צעלאַכט, ווען דער שוואַרצער, מע רופט אים ליאָווע, האָט געכאַפּט זײַן טשעמאָדאַן. דער־אַ שוואַרצער איז זייער אַ גוטער קינסטלער, דאַרפט איר וויסן. איך האָב יענעם פרימאָרגן אײַך קוים געכאַפּט מיטן אויג, איר האָט אַזוי גיך פאַרקערעוועט און פאַרשווונדן געוואָרן מיטן פערד אינײַנעם. בײַס איך האָב געמאָלט די בעהיימעס, איז מיר זייער געפעלן געוואָרן, ווי דאָס פערד שטייט מיט אַ ווײַס טיכל פאַרבונדן דעם קאָפּ. דאָס האָט איר אים אַזוי אויסגעפּוצט?

— וואָס וווּנדערט איר זיך, עס איז דאָך געווען אַזאַ היץ.

— איך פאַרשטיי, אָבער עס וווּנדערט מיך, וואָס איר באַגייט זיך מיט אים אַזוי גוט.

— אויב איר אײַלט זיך ניט, וועל איך אײַך דערציילן, פונוואַנען און וויאַזוי ער איז צו מיר געקומען. כאָטש ניט נאָר דערפאַר באַגיי איך זיך אַזוי מיט אים. אַז מע שלאָגט און מע פּײַניקט אַ באַלעכײַ, איז מען קיין מענטש ניט.

— איך אײַל זיך אין ערגעץ ניט. איך ווייס ניט, וואָס איר וועט דערציילן, נאָר איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז דאָס קנאַפּע, וואָס איך האָב פון אײַך געהערט, זאָגט ניט צו קיין לאַנגווײַליקײַט.

קוים האָט זי אָנגעהויבן דערציילן, איז איר קאָל געוואָרן שטיל, טיף אײַנגעהאַלטן, און אירע ווערטער זײַנען שפּאַרעוודיק געפאַלן אין דער נאַכט.

— מיט אַ כאַדאָשים זיבן צוריק, — האָט זי דערציילט, — בין איך אַוועקגעגאַנגען אין סטעפּ אײנע אַליין. גיי איך אַזוי פאַרטראַכט, דעם וועג ווייס איך. מיטאַמאָל — אַ וויאָרסט פיר פון דער קאָמונע, אין סטעפּ, ווו ס'איז קיינמאָל קיין שום צוים ניט געווען, זע איך אַרײַנגעהאַקטע סטויפּעס. אַף די סטויפּעס — געדיכט אָנגעצויגן שטעכל־דראָט. ס'איז געווען אַ ליכטיקע לעוואָנע־נאַכט. איך גיי צו נעענטער, נאָר איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס דאָס איז. הינטער דער שטעכעדיקער וואַנט האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אָן אַ שיר פערד. ווען ניט די שטעכלקעס, וואָלטן די פערד זיך געקאָנט צוריקן צו דער צוים און די ענגשאַפט וואָלט ניט געווען אַזוי מוירעדיק, אָבער אַזוי האָבן זיי זיך נעבעך צונויפגעקנוילט און האָבן אַזוי גרויליק און אומעטיק געהירזשעט, אַז דער מאַמעס מילך איז מיר אַנטרונען געוואָרן. דערנאָך האָבן זיך אייניקע פערד אַ הייב געטאָן אַף די הינטערשטע פיס. ווו אַראָפּצולאָזן די פאָדערשטע האָבן זיי דאָך ניט געהאַט, סײַדן אַף די רוקנס פון די, וואָס זײַנען קימאַט געווען צוגעקלעפּט צו זיי. זײַנען זיי אַזוי געשטאַנען און נאַכאַנאַנד געפּאַכט מיט די פיס אינדערלופטן. איך האָב זיך אַזוי דערשראָקן, אַז איך בין אַוועקגעלאָפן אין קאָמונע. אָפּמאָרגן האָב איך קיין פרײַע מינוט ניט געהאַט צוצולויפן אַ קוק טאָן, וואָס מיט די פערד טוט זיך, און איך האָב דאָס דערציילט דעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר. האָט ער צו מיר געזאָגט: „וואָס ביסטו אַזוי צערודערט, דאָס זײַנען באַלעגופישע פערד!” זאָג איך: „מע האָט זיי געוויס ניט געגעבן קיין עסן און קיין טרינקען”. מאַכט ער צו מיר: „הײַנט־מאָרגן וועט מען זיי פאַנאַנדערטיילן”. בעקיצער, צוויי טעג האָב איך קיין צײַט ניט געהאַט אַהין צוצולויפן. ערשט אַפן דריטן טאָג בין איך אַהין אַוועק. און דאָס, וואָס איך האָב דערזען, האָט מיך גאָר אומדערוואַרט דערפרייט. אַלע סטויפּעס זײַנען געווען אַוועקגעוואַלגערט. דאָס שטעכל־דראָט איז געלעגן צווישן די סטויפּעס און קיין איין פערד איז ניט געווען! נאָר איך האָב דערהערט עפּעס אַ מאָדנעם קלאַנג, אַקוראַט ווי מע וואָלט מיט אַ באַרשט געשאַרט איבער דער ערד. האָב איך אַריבערגעשפּרײַזט איבערן שטעכל־דראָט און דערזען, ווי איין פערד ליגט אַף דער ערד און רײַבט מיטן האַלדז די ערד. אַזוי ווי איך האָב דאָס דערזען, האָב איך זיך געלאָזט לויפן אין דאָרף, וואָס איז געווען נעענטער ווי די קאָמונע. איך בין געלאָפן און געוויינט, נאָך גוט, וואָס קיינער איז אין סטעפּ ניט געווען. איך האָב אין דאָרף געקראָגן אַ ביסל האָבער, אַ פּויערטע האָט מיר אַנטליִען אַן עמער, אײנס־צוויי האָב איך אָנגעשעפּט וואַסער און בין אַוועקגעלאָפן צום פערד. צום האָבער האָט ער זיך ניט צוגערירט, די וואַסער האָט ער אין זיך אַרײַנגעצויגן מיטן קוק. איך האָב געוווּסט, אַז ס'וואָלט גוט געווען, ווען איך גיב אים אַלע טאָג אַ שטיקל צוקער. אָבער ווו האָב איך געקענט נעמען צוקער? בעקיצער, אַזוי בין איך געגאַנגען צום פערד אַלע טאָג. האָב איך קיין צײַט ניט געהאַט, בין איך געגאַנגען באַנאַכט. ביז איינמאָל, איך געדענק שוין ניט אַפן וויפלטן טאָג, בײַס איך בין געקומען און האָב געבראַכט פאַר אים גערשטענע קלײַען האָט ער זיך אופגעהויבן און איז מיר נאָכגעגאַנגען. אָבער איר ווייסט, ווי ער איז מיר

נאָכגעגאַנגען? ער האָט ארופגעלייגט זײַן מאָרדע אױף מײַן אַקסל, און אַזױ בין איך מיט אים געגאַנגען ביז דער פערדן־שטאַל. כ׳האָב אים אַרײַנגעפירט אַהין און געזאָגט צו שימקע דעם קאָניוך, אַז דאָס פערד רופט מען באַרעך און אַז ער זאָל אים ניט שפּאַנען אַפילו פאַרן פאַר־זיצער. אָט אַזױ װי איר הערט!

— אַזױ, אַזױ... און װאָס איז געװאָרן מיט די איבעריקע אומגליקלעכע פערד? — האָט ער געפרעגט.

— װאָס זאָל װערן? מע האָט זײ פאַרשפּאַרט צו צעטײלן. איך האָב אַלײן עטלעכע מאָל געזען, װי פערד לױפן איבערן סטעפּ. מענטשן האָבן דערצײלט, אַז איבער די דערפער האָבן געיאָגט צעװילדעװעטע פערד, ביז די אָרגאַניזירטע קאָלװירטן האָבן זײ געכאַפּט.

װען ער װאָלט ניט געזאָגט „די אומגליקלעכע פערד", װאָלט כאַנע אים עפּשער געבעטן גײן צוריק, װײַל, װי געזאָגט, האָט זי לאַכלוטן ניט געהאַט קײן שום שײַכות צו די יעניקע, װאָס האָבן געמײנט, אַז זײ זײַנען די קרױן פון דער נאַטור.

זי האָט אָפּט אין יענער צײַט געטראַכט: „װיבאַלד לעבעדיקע באַשעפענישן װערן אַזױ געפּײַניקט, װעט באַרעמהאַרציקײַט אױף זיך לאַנג לאָזן װאַרטן". איצט, װען זי האָט דער־הערט, װי ער האָט געזאָגט „אומגליקלעכע פערד", האָט זי דערפילט, אַז זי האָט עס דערצײלט אַ מענטשן, װאָס האָט פאַרשטאַנען און געפילט אירע רײד.

— צײַט צו גײן, עס באַגינט, — האָט זי געזאָגט.

זײ זײַנען אװעק צו דער קאָמונע, און לעבן דער קו־שטאַל האָט ער צו איר געזאָגט:

— איך װעל אײַך שױן מער ניט רופן כאַװערטע כאַנע, און אױב איר װעט מיר ניט אָפּזאָגן, װײל איך, אַז מיר זאָלן זיך מאָרגן אױך באַגעגענען.

— דאָס איז שױן ניט מאָרגן, נאָר הײַנט. און הײַנט גײ איך צו מײַנע קינדער, װעלן מיר זיך באַגעגענען אַ ביסעלע שפּעטער, װי נעכטן.

— איר האָט קײן כאַראָטע ניט? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— נײן, אַ האָר אױך ניט. זײַט רויק, ס׳איז שױן אַ היפּשע צײַט, װי איך סטאַרעװע זיך צו טאָן אױף װיפל עס איז מעגלעך נאָר דאָס, װאָס איך װיל, — האָט כאַנע געזאָגט און איז פאַרשװוּנדן אין קו־שטאַל.

עס איז געװען אַ טאָג, װי אַלע טעג. כאַנע איז געריטן אין סטעפּ, געשאָטן זאַלץ, גע־מאָלקן, און נאָכן באַטאָגיקן געמעלק האָט זי מיט די פּאַסטעכער און מיט די סקאָטניקעס געדאַרפט אָפּקלײַבן די יונגע ביקלעך, װעלכע מע האָט געטריבן אין יעװפּאַטאָריע אױף פלײש־פאַרגרײטונג. כוץ דעם, װאָס דאָס איז פאַר כאַנען געװען פּײַנלעך, איז עס נאָך געװען אַ גרױסער קלאָפּאָט. ביז מע האָט אָפּגעטײלט די ביקלעך פון די טעלעצעס מיט די קעלבער, איז כאַנע געװען אין סטעפּ. עטלעכע מאָל האָט זי אָנגעזאָגט:

— יאָגט זײ ניט, זאָלן זײ זיך פּיטערן צוביסלעך. אין סאַקי זאָלט איר זײ אָנפּאָיען, װאָרעם, כוץ צאַר־באַלעכאַים, װעלן זײ אָנװערן װאָג, אױב איר װעט זײ קײן װאַסער ניט געבן. אָנגעזאָגט, באַגלײט אַ דרײַ־פיר קילאָמעטער, האָט כאַנע פאַרקערעװעט דאָס פערד צו דער קאָמונע. אָבער אײנער פון די פּאַסטעכער, שמולקע דער זשמערינקער, האָט זי אָנגעיאָגט און מיט אַ ראַכמאָנעס־קאָל געזאָגט:

— װי װעל איך גײן אַ באָרװעסער אַזאַ מעהאַלעך?

— דו װעסט גײן, װי איך װאָלט געגאַנגען.

— דו רײַטסט מערער װי דו גײסט צופוס. און אַ פערד האָט פּאַדקאָװעס!

— דו ביסט גערעכט, שמולקע. איך װעל שטעלן די פראַגע אין קאָמונע־ראַט, מע זאָל קריגן שטיװול פאַר דיר און פאַר אַלע פּאַסטעכער, — האָט כאַנע צוגעזאָגט, און איר פּאַרדראָס, װאָס שמולקע און די איבעריקע פּאַסטעכער װעלן אַ לאַנגן טאָג שפּאַנען אױף דער שטעכעדי־קער סטערניע, האָט זי פּלוצעם אױסגעלאָזט צו באַרעכן. ער האָט ניט געקאָנט װיסן, פונװאַנען באַ כאַנען אין האַנט האָט זיך גענומען אַ בײַטש, זי אַלײן האָט עס אױך ניט געדענקט. װען מע האָט אָפּגעטײלט די ביקלעך, האָט זי מיט דער בײַטש געפּאַכט, קעדײ יענע זאָלן זיך צונױפנעמען. איצט האָט עס באַרעך געפילט אױף זײַן האַלדז און אױף זײַנע זײַטן. ערשט אין קאָמונע־הױף איז כאַנע געקומען צו־זיך און האָט אַראָפּגעלאָזט די בײַטש. שימקע האָט געקוקט, װי זי נעמט אַראָפּ דעם זאָטל פון באַרעכס פאַרשװיצטן רוקן, און ער האָט געמיטלעך איר אָנגעזאָגט:

— אין סטאַלאָװע איז הײַנט אָן אַרבעסענער זופּ — די פינגער צו לעקן.

— װאָס זאָגסטו, אַ זופּ? ס׳איז טאַקע ניט איבעריק! באַרעך איז דערשװיצט, זאָל ער זיך אָפּקילן. און איך װעל גײן צום אַרבעסענעם זופּ.

נאָכן עסן איז כאַנע װידעראַמאָל געװען אין סטעפּ ביז פאַרנאַכט. װי אַלע טאָג, האָט

זי געטאָן וואָס מע האָט געדאַרפט, פונדעסטוועגן האָט שיפּרעלע, איינע פון די בעסטע מעלקערנס, באַם פּאַרנאַכטיקן געמעלק באַמערקט, אַז כאַנעס גאַנג איז עפּעס אַן אַנדערער, און שיפּרעלע האָט זיך אַ וויצל געטאָן:

— כאַנע, וואָס איז מיט דײַן פּאַכאַדקע? ביז דו וועסט צוטראָגן די מילך צום בידאָן, וועט זי זויער ווערן.

— די מילך זאָל זויער ווערן, אַבי דו זאָלסט זײַן זיס, ווי האָניק.

— יאָ, מײַן האָניק און דײַן גיפט, — האָט שיפּרעלע צוגעוואָרפן.

אויפן האַרצן איז כאַנען געווען ניט מעקאַנע צו זײַן, דערפאַר האָט זי שיפּרעלען ניט געענטפערט. זי האָט ניט פאַרגעסן, ווי שמולקע האָט צו איר געזאָגט: „דו רײַסטסט מער ווי דו גייסט צופוס".

די פאַרגאַנגענע נאַכט האָט זי אויך רוען ניט געלאָזט. כאָטש ער האָט אַזוי ווינציק גע־רעדט און זי האָט נאָך אַפילו רעכט ניט געוווּסט, ווי מע רופט אים, האָט זיך אין איר אַרײַנגעכאַפּט אַ מאָדנער, אומרו, וואָס האָט ניט אָפּגעלאָזט. זי האָט נאָך, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געוווּסט, אָבער געפילט האָט זי, אַז דער קינסטלער האָט זיך געוואָלט באַגעגענען מיט איר ניט צוליב גרינגער צעשטרייונג. דעריבער איז זי אין אָוונט אַרײַנגעגאַנגען אין קינ־דערהיים ניט מיט קיין גרינג געמיט.

קינדער זײַנען אַ טרייסט. זי האָט זיך מיט זיי געשפּילט, ווי מיט איר גלײַכן, די קינדער האָבן עס געפילט און ניט נאָר אירע אייגענע מיידעלעך, נאָר דאָס גאַנצע קליינוואַרג איז לויט דער רייַ געזעסן אויף איר רוקן, זי האָט זיי געזונגען: „אַ רעגנדל, אַ רעגנדל, אַ רעגן טריפט און טריפט". דערנאָך האָט זי זיך געזעצט מיט זיי אויף דער פּאָדלאָגע און זיי דער־ציילט אַ מײַסעלע, ווי איינע אַ באָבעשי האָט געהאַט אַ שעפּסעלע און די באָבעשי האָט עס ליב געהאַט. געהיט און געצערטלט, דער באָבעשיס אייניקלעך האָבן אויך ליב געהאַט דאָס שעפּסעלע, נאָר פּלוצעם איז דאָס שעפּסעלע פאַרפאַלן געוואָרן. צי דערפאַר, ווײַל דער פּאַסטעך איז געווען אַ פאַרשלאָפענער, צי דערפאַר, ווײַל דאָס שעפּסעלע איז געווען אַ שטיפערקע. אַ שעפּס האָט דאָך אַ קורצן זיקאָרן. איין טאָג ניט געקומען, נאָך אַ טאָג ניט געקומען, איז די באָבעשי זייער פאַראומערט געוואָרן. די שכיינעס האָבן דערזען, אַז בא דער באָבעשי גייט ניט קיין רויך פון קוימען, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז זי קאָכט ניט קיין קאַשע פאַר זיך און קיין בולבע־שאָלעכץ פאַר דעם שעפּסעלע. איז אַ שכיינע אַרײַנגעגאַנגען צו דער באָבעשי און געפרעגט, וואָס איז דער מער? האָט די באָבעשי דערציילט, אַז איר אייניציק שעפּסעלע איז פאַרפאַלן געגאַנגען. האָט מען געזוכט אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און דאָס שעפּסעלע האָט מען ניט געפונען. אויפן דריטן טאָג זיצט די באָבעשי אויפן נידעריקן בענקעלע און וויינט. זי קאָן שוין ניט אַריבערטראָגן אירע צאָרעס. מיטאַמאָל דערהערט זיך אַזוי שטיל און ציטערדיק „ב־ע־ע־ע". טוט זיך די באָבע אַ לאָז צו דער טיר, לויפט אַרויס. און וואָס האָט זי דערזען? זי האָט דערזען איר שעפּסעלע מיט צוויי קליינינקע שעפּסעלעך. „כאַכאַמעלע מײַנע, מאַמעלע מײַנע!" — האָט די באָבע אויסגעשריִען. פאַרוואָס האָט זי אַזוי אויסגעשריִען, קינדערלעך? פאַרוואָס?" — „ווײַל זי האָט זיך דערפרייט מיט איר שאָף און מיט די שעפּע־לעך", — האָבן די קינדער אויסגעשריִען און געטאַנצט פון פרייד.

כאַנע האָט אויך געטאַנצט מיט זיי אין ראָד. נאָר ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען פון קינ־דערהיים, האָט הענקע, וועלכע האָט דאָ געאַרבעט, זי דעריאָגט און שטיל באַמערקט:

— כאַנקע, דו האָסט זיי אַזוי צערודערט, אַז זיי וועלן לאַנג ניט אײַנשלאָפן. צי שוין זשע פאַרשטייסטו ניט, אַז עס וואָלט געווען בעסער, ווען דו קומסט אַלע טאָג אויף אַ שאָ, איידער צוויי מאָל אַ וואָך אויף צוויי שאָ מיט אַ מײַסע?

כאַנע האָט געהאַט וואָס צו ענטפערן, ווײַל זי איז געווען זיכער, אַז אַמאָל איז בעסער צו הערן אַפילו אַ טרויעריק מײַסעלע, וואָס צערודערט, איידער גאָרנישט הערן און רויק אײַנשלאָפן. אָבער זי האָט הענקען גאָרנישט ניט געענטפערט און איז אוועק צום עסצימער. זי האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרזוכן דעם אַרבעסענעם זופּ, וואָס מע האָט איר דערלאַנגט, ווי דער נאַכט־סקאָטניק האָט זיך באַוויזן אין דער אָפענער טיר און זי אַ רוף געטאָן אין קר־שטאַל. ניט צו דער צײַט, אינמיטנדערינען האָט זיך „האַגאַר" אַוועקגעלייגט פאַראווען קימפּעט. כאַנע האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל, געריבן דער בעהיימעס זײַטן. ביז כאַנע האָט דערזען דאָס מאָרדעלע, אַ שפּיץ צינגל, דערנאָך דאָס קעפּעלע מיט צוויי געלע טלאָעלעך פון ביידע זײַטן קעפּל, האָט זי אַ שוויס באַשלאָגן. פּלוצעם האָט זיך די בעהיימע אַ שטעל געטאָן אויף דער שטרוי, וואָס דער נאַכט־סקאָטניק האָט אונטערגעבעט, און אויף דער שטרוי איז מיט אַ פּאַטשנדיקן כליופּ אַוועקגעפאַלן דאָס קעלבל. ביז כאַנע האָט עס אויסגעווישט מיט אַ זאַק, ביז זי האָט עס אַוועקגעטראָגן אין קעלבער־שטאַל, איז שוין געווען גאַנץ שפּעט־

לעך. פונדעסטוועגן, איז זי ווידער אוועק צום עסצימער. אָבער זי האָט ניט באַוויזן אַרײַנגײן אַהין, ווײַל זי האָט דערהערט אַ שטילן, זייער ווייכן „גוט אָוונט, כאַנע״.

— איר האָט אָף מיר קיין פאַריבל ניט, וואָס איך האָב פאַרשפּעטיקט?

— דעם עמעס געזאָגט, האָט עס מיך פאַרדראָסן, אָבער איצט איז אַלץ אוועק, — האָט דער קינסטלער געזאָגט.

ווידער האָט כאַנע דערזען זײַן מילדן שמייכל, וואָס האָט אופגעשײַנט אָף זײַן לענגלעך פּאָנעם און אין זײַנע טיפע שוואַרצע אויגן.

— וווּהין וועט איר מיך הײַנט פירן? — האָט ער געפרעגט און אַרופגעלייגט זײַן האַנט אָף איר אַקסל.

— איך וועל אײַך פירן צו אַ שײנעם קאַנט, אויב איר האָט ליב און איר וועט ניט מיד ווערן צו גיין צופוס.

זיי זײַנען געגאַנגען פּאַמעלעך דורך דער שטילקײַט פון סטעפּ. קיין פּיצל אָטעם פון אַ ווינט האָט זיך ניט צוגערירט צו זייערע פּנעמער, אפילע די שטערן אין הימל האָבן זיך ניט איבערגעווונקען. דער מוילעד האָט זיך צוגעשפּיליעט אַ גרינלעכן שטערן באַם שאַרף־אויסגע־שניטענעם האָלדז. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אָף דער גאַנצער ראַכוועס אַ בלייך־גרינלעכע שײַן, אַלע פּראָטים אָף דער ערד זײַנען געווען ווי פאַרהילט אין אַ גרינלעכן שלייער, און דאָס אָרט, ווו דער הימל איז צוגעגאַרטלט צו דער ערד, איז געווען אַזוי נאָענט, אַז עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, ווען מע זאָל גיין אַזוי גלײַך און גלײַך, וואָלט זיך דער שײַנענדיקער גורט איבערגעריסן און מע וואָלט דערזען, ווי דער ראַנד פון דער ערד ענדיקט זיך.

— אײַך געפעלט דאָ? — האָט כאַנע געפרעגט.

— איר געפעלט מיר.

ווידער האָבן זיי געשוויגן.

— ווו איז דער שיינער קאַנט, וואָס איר האָט צוגעזאָגט?

— ס׳איז שוין ניט ווײַט, — האָט כאַנע שטיל געענטפערט, און ס׳האָט זי אַרומגענומען אַן אומרו, אפילע אַ פאַרלוירנקײַט, עפּעס אַזוינס, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געפילט. זי האָט אים אַראָפּגעפירט אין יענער באַלקע, ווו זי איז ניט איין מאָל געקומען צו רײַטן. זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט אָפן ווייכן קילן גראָז, און כאַנע האָט צוגעדעקט אירע באָרוועסע פיס מיטן פּאָדאָלעק פון איר שוואַרצן סאַטינענעם סאַראַפאַן. זי האָט פאַרנומען זײַן אָפּט אָטעמען, בײס ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר. עס איז זי באַפאַלן אַ שרעק און אַ שוואַכקײַט. זי האָט זיך פון אים אָפּגערוקט. ער האָט מיט קויעך זי אַרומגענומען מיטביידע הענט און זי באַהאַגלט מיט מילדקײַט פון זײַנע וואַרעמע ליפּן... זי האָט דערפילט, ווי דאָס האַרץ אירס לעשט זיך און צינדט זיך ווידער העל, און זי האָט זיך אין יענער באַשערטער נאַכט מער ניט געוועהרט...

■

דאָס האַרץ האָט אַזוי געפּיקט אין איר, אַז עס האָט פאַרטויבט זײַן פראַגע:

— איר טרויט מיר? איר זײַט זיכער אין מיר? — האָט ער געפּליסטערט.

— וואָס? יאָ, מיטן גאַנצן האַרצן.

— רעכט אַזוי. איך וועל זיך מיט אײַך קיינמאָל ניט שיידן. איר ווילט דאָ זיצן, אָדער איר ווילט אַ ביסעלע זיך דורכגיין? — האָט ער געפרעגט.

— איך וויס נאָר, אַז איך וויל ניט אוועקגיין פון אײַך, — האָט כאַנע געזאָגט.

עס האָט שוין באַגינט, ווען זיי זײַנען אַרײַן אין קאָמונע־הויף.

— הײַנט אין אָוונט וועל איך אָף אײַך וואַרטן, כאַנעלע, און איר זאָלט וויסן, אַז דאָס וואַרטן וועט מיר זײַן ניט גרינג, — האָט ער געזאָגט.

— מיר אויך אַזוי, — איז זי זיך מוידע געווען, און זי איז פאַרשוווּנדן אין דער טיר פון דער שטוב, ווו דער צימער, אין וועלכן זי האָט געוווינט מיט אירע שכײנעס, האָט זיך געפונען.

— כאַנקע, ווו ביסטו געווען אַ גאַנצע לאַנגע נאַכט? — האָט כעוועד פאַרשלאָפן געפרעגט.

„פאַר ווען די נאַכט איז לאַנג אָן אַ סאָף, פאַר ווען קורץ, וואָס קירצער קאָן ניט זײַן!" — האָט כאַנע געטראַכט און אין אָנטאָן זיך אַ וואָרף געטאָן אָפן בעטל, אָבער זי האָט אָן אויג ניט צוגעמאַכט ביז צום סאַמע אינדערפרי ־קן געמעלק.

■

נאָכן געמעלק איז כאַנע אוועקגערײטן קיין סאַקי. זי איז שוין לאַנג ניט געווען אינעם קוראָרט פון בלאָטע־היילונג, וווּהין זי האָט דאָס דריטע יאָר קעסיידער אָפּגעשיקט די גאַנצע מילך.

באַרעך האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס מיט זײַן רײַטערן טוט זיך. זי האָט אים קיין איין מאָל ניט קיין גלעט געטאָן, אירע פּיאַטעס האָבן זיך ניט צוגערירט צו זײַן בויך, און זי האָט קיין איין גוט וואָרט צו אים ניט געזאָגט. האָט ער זיך געפּרוּווט א הייב טאָן אַף די הינטערשטע פיס, דערנאָך זיך א דריי געטאָן אַף איין אָרט און פּלוצעם געלאָזט זיך גאַלאָפּ. כאַנע האָט זיך אָנגעבויגן ביז צו זײַן האַלדז. ער האָט דערפילט, ווי איר האַנט האָט אים א פעסטן פּאַטש געטאָן איבערן קאַרק. זי האָט צו אים געזאָגט: „באַרעך, מאַך ניט קיין לײַטיש געלעכטער!"

אַרײַנגעריטן אין הויף פון קוראַרט, האָט זי אַרופגעוואָרפן דאָס צײַמל אַף א סטויפּיק פון נידעריקן פּאַרקן, אַרויסגעשפּרונגען פון זאָטל און איז אוועק אין קאַנטאָר. מע האָט אַרויסגערופן דעם פאַרוואַלטער פון קוראַרט פּיאָדאָר פּעטראָוויטשן. ער האָט צוגערוקט כאַנען א שטול. זי האָט זיך אוועקגעזעצט, און זיי האָבן גענומען שמועסן, ווי טאָמיד, ווען זי פלעגט אַהער קומען. זיך דורכגעשמועסט, האָט פּיאָדאָר פּעטראָוויטש געזאָגט:

— כאַנע דאַווידאָוונאַ, איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז די קראַנקע זײַנען זייער צופרידן, זיי לויבן די מילך פון קאָמונע. וויפל מאָל האָב איך אײַך געבעטן, איר זאָלט בלײַבן בא אונדז אַף מיטיק. און אַלע מאָל זאָגט איר, אַז איר אײַלט זיך.

— צום באַדויערן, האָב איך איצט אויך קיין צײַט ניט, פּיאָדאָר פּעטראָוויטש. מיטיק ווי מיטיק, אָבער איך וואָלט געוואָלט, איר זאָלט מיר טאָן א גרויסע טויווע. ווען ניט דאָס, וואָלט איך עפּשער הײַנט ניט געקומען צו אײַך.

— וואָס נאָר איך וועל קענען, כאַנע דאַווידאָוונאַ, וועל איך טאָן, — האָט ער זי איבער־געשלאָגן.

— איר ווייסט דאָך, אַז איך דאַרף גאָרנישט. נאָר די פּאַסטעכער און די סקאָטניקעס פון שטאַל־בריגאַדע האָבן קיין שוכוואַרג ניט. דער זומער גייט אוועק, באַלד וועלן זיך אָנהייבן די רעגנס. מיט איין וואָרט, איך דאַרף האָבן א צען פּאָר שטיוול, שיך אָדער כאָטש לאַפּטיעס.

— דאָס איז ניט קיין גרינגע זאַך, אָבער איר ווייסט דאָך דאָס וואָרטל, אַז עס זײַנען ניטאָ אַזוינע פעסטונגען, וואָס באָלשעוויקעס זאָלן ניט אײַנעמען. מיר פרעמירן אַלע יאָר די קאָמונאַרן פון שטאַל־בריגאַדע און אײַך אויך, וועל איך שוין זען, אַז די פּרעמיע זאָל האַיאָר זײַן אַזאַ ווי איר בעט. בלײַבט איר צו מיטיק?

— ניין, א גרויסן דאַנק אײַך, די קי בענקען נאָך מיר, — האָט כאַנע זיך געוויצלט און זיך אויפגעהויבן פון שטול. ווען זי איז שוין געשטאַנען לעבן באַרעכן און האָט פאַרהויבן א פוס צו דער סטרעמענע, האָט זי דערזען, ווי פּיאָדאָר פּעטראָוויטש גייט האַסטיק צו איר מיט א ווײַסער טאָרבעטשקע אין דער האַנט. ער איז צוגעגאַנגען, אויסגעצויגן די האַנט מיט דער טאָרבעטשקע צו כאַנען און ניט געזאָגט, נאָר געבעטן:

— כאַנע דאַווידאָוונאַ, דאָס איז א ביסל צוקער פאַר אײַער קינדערהיים. נעמט, נעמט, דאָס איז דאָך ניט פאַר אײַך. וואָס זײַט איר אַזוי רויט געוואָרן? — ער האָט פון ערגעץ אונ־טערן קראַגן אָפּגעשפּיליעט א זיכערנאָדל, זי דערלאַנגט כאַנען מיט דער טאָרבעטשקע אײַני־נעם און איז אוועק.

זיצנדיק אין זאָטל, האָט כאַנע מיט דער זיכערנאָדל, וואָס פּיאָדאָר פּעטראָוויטש האָט איר געגעבן, צוגעשפּיליעט דאָס זעקעלע מיטן צוקער צווישן די קנעפּעלעך פון דער קאָסאָוואָ־ראָטקע. כאָטש ס'האָט זיך איר זייער געוואָלט געבן א ציגעלע צוקער באַרעכן, האָט זי עס ניט געטאָן. זי איז האַסטיק אַרויסגעריטן פון סאַקי, אירע ברוינע פיס זײַנען קימאַט געשטאַנען אין די סטרעמענעס. פון זינען איז איר ניט אַרויס דער נעכטיקער אָוונט... „איך ווייס דאָך אַפילע ניט, וואָס פאַר א מענטש דאָס איז, — האָט זי געטראַכט, — צעגאַנגען געוואָרן, ווי שניי פון דער זון". דערהערט א סקריפּען פון רעדער, האָט זי זיך א קערעווע געטאָן אַפן זאָטל און דערזען דעם פאָרזיצער. ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס צווייערדערדיקע ווענעלע, אָנגעקוקט כאַנען, און כאָטש זי איז מיטן פערד שטיין געבליבן זייער נאָענט פון דער בײַדאַרקע, האָט ער צו איר א געשריי געטאָן:

— פונוואַנען?

— פון סאַקער קוראָרט, רעב פאָרזיצנדער.

— וואָס הערט מען גוטס?

— ניט צו פאַרזינדיקן, פּיאָדאָר פּעטראָוויטש האָט צוגעזאָגט שטיוול אָדער לאַפּטיעס פאַר די שטאַל־אַרבעטער צו די נאָיאַבער־טעג.

— אויב לאַפּטיעס, איז דאָס א מוירעדיקע טויווע! — האָט דער פאָרזיצער צעשטרייט געזאָגט צו כאַנען, און אין דער זעלבער צײַט האָט ער זייער אופמערקזאַם געקוקט אַף כאַנעס

פּיס אין די קורצע סאַטינענע שוואַרצע שאַראַוואַרן. געקוקט, געקוקט און אומדערוואַרט פּאַר כאַנען אַ זאָג געטאָן: — ס'וואָלט געווען אַ זינד, ווען דײַנע שאַראַוואַרלעך זײַנען לענגער.

— וואָס, וואָס פֿאַר אַ זינד? — האָט כאַנע ניט פֿאַרשטאַנען.

— איך זאָג, ס'וואָלט געווען אַ זינד, ווען דײַנע שאַראַוואַרלעך וואָלטן געווען לענגער.

— אַ־אַ־אַ! — האָט כאַנע אַ צי געטאָן, — ווי קומען זיי אַהער? מיר האָבן דאָך גערעדט וועגן פּרעמיעס פֿאַר די שטאַל־אַרבעטער. אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, איז עס ניט מײַן אײַסעק, וואָס די פֿליודערן געפֿעלן דיר! — האָט זי באַמערקט, אַ צי געטאָן דאָס צײַמל, און באַרעך איז אוועק, ווי אַ ווינט.

■

האַרוואַניע און האַרעוואַניע. נאָכן אָונטיקן געמעלק איז כאַנע אוועק אין קינדערהיים, און ווידער האָט זי דערציילט מײַסעלעך, געזונגען און געטאַנצט מיט די פּיצלעך. די קינדער האָבן שיר ניט געוויינט, ווען זי איז אוועק עסן וועטשערע.

אַף וועטשערע איז ווידער געווען אַ גערשטן־קאַרענע פּאַרמישקע... זי האָט זי גיך אַרײַנגעזופּט און איז אוועק צום באַשטימטן אָרט. ער איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק לעבן ברונעם. זי האָט דערפֿילט, ווי דאָס האַרץ אירס האַמערט איר אין די שלייפֿן.

כאַנע איז מאַמעש אַרײַנגעפֿאַלן אין זײַנע פֿאַנאַנדערגעשפּרייטע אָרעמס. דאָס ברונעם־מויערל האָט אַף זיי געוואָרפֿן אַ שאָטן, דעריבער האָט זי ניט געזען זײַנע אויגן, אָבער זײַן טיפֿהאַרציקע שטימע האָט זי גוט געהערט.

— איר טרויט מיר הײַנט ווי נעכטן? איך האָב זיך געשראָקן, צי זײַט איר ניט בייז אַף מיר?

— ווי איז אײַך דאָס געקומען אַפֿן זינען? איר האָט פֿאַרגעסן, וואָס איך האָב אײַך נעכטן געזאָגט? איך האָב דאָך געזאָגט, אַז איך טרוי אײַך. און אויב שוין יאָ זײַן בייז, דאַרף איך בייז זײַן אַף זיך. צי דען מיינט איר, אַז דאָס, וואָס עס האָט נעכטן געטראָפֿן, טרעפֿט מיט מיר אָפֿט?! צי דאַרף איך אײַך זאָגן, אַז איך האָב אײַך ליב? איצט זעט איר, אַז איך האָב ניט געוואַרט, ביז איר זאָלט מיר זאָגן, וואָס איך האָב אַזוי געוואָלט הערן פֿון אײַך.

ער האָט זי אַזוי שטײַף צוגעדריקט צו זיך, אַז דער אָטעם האָט איר פֿאַרכאַפּט. אין אַ רעגע אַרום האָט ער זי אָפּגעלאָזט, און זיי זײַנען אוועק אין סטעפּ אַרײַן. זיי זײַנען געגאַנגען פּאַמעלעך. זיי האָבן קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. ווײַלעוויז האָט כאַנע געהאַט אַ געפֿיל, אַז כוץ זיי ביידן איז אַף דער וועלט קיינער ניטאָ. פּלוצעם האָט זי שטיל געפֿרעגט:

— ווי רופֿט מען אײַך?

— נעכעמיע איז מײַן נאָמען.

— נעכעמיע איז טרייסטונג, — האָט כאַנע פֿאַרטײַטשט און ווײַטער געפֿרעגט:

— פֿונוואַנען זײַט איר?

— איך בין פֿון ווײַסרוסלאַנד. איצט ווייסט איר שוין וועגן מיר מערער, ווי איך וועגן אײַך.

— מיר ווייסן שוין איינער וועגן אַנדערן ניט ווינציק, און פֿונדעסטוועגן האָב איך צו אײַך אַן אַ שיר פֿראַגעס.

— בעסער דערציילט איר. איר האָט אַזוי שיין אויסגעמאָלט וועגן די פֿערד. איך האָב געהערט און אַלץ געזען, ווי מיט מײַנע אויגן.

— איך בין פֿון ליטע, אַ מאַמע האָב איך געהאַט, קיין טאַטן ניט. איינמאָל האָט די באָבע געזען, ווי דער שטיפֿטאַטע שלאָגט מיך, האָט זי מיך אַרויסגעריסן פֿון זײַנע הענט, און פֿון דעמלט בין איך געווען בא דער באָבען מיטן זיידן.

— כאָטש איר האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דעם, צי איז אײַך גוט געווען בא זיי, פֿיל איך, אַז איר האָט זיי זייער ליב.

— ליב? איך האָב זיי האָלט, ווי מײַן לעבן.

— וואָס איז דאָס האָלט?

— האָלט איז מער, ווי ליב! איר וועט זיך אין קאָמונע אויסלערנען ריידן ייִדיש.

— איך רייד שוין ניט שלעכט, וואָרעם, אַז איך הער ווי איר רעדט, דערמאָן איך זיך, ווי מײַנע שטוביקע האָבן גערעדט, און ווערטער, וועלכע איך האָב יאָרנלאַנג ניט געהערט, פֿליִען צו מיר פֿון אַלע זײַטן. אָבער דערציילט מיר בעסער וועגן זיך, וועגן אײַער קינדערקײַט?

— ניט קינדערקײַט, קינדהײַט דאַרף מען זאָגן. אָבער דאָס איז אַ לאַנגע מײַסע. בעסער וועל איך אײַך דערציילן, וואָס פֿאַר אַ בריוו מײַן באָבע, אַלעאַהאַשאָלעם, פֿלעגט מיר שרײַבן.

אליין האָט זי, פאַרשטייט זיך, שרײַבן ניט געקאָנט, אָבער פון די בריוו האָב איך געפילט, אַז געשריבן זײַנען זיי אַקוראַט, ווי זי האָט דיקטירט. אין אַלע בריוו האָט זי באַ מיר געוואָלט דערגיין אַ טאָלק, וויפל איך פאַרדין, צי האָב איך אַן אייגענע שטוב פון געהילץ, צי עפּשער האָב איך גאָר אַ מויער פון ציגל? אין לעצטן בריוו האָט זי געפרעגט: „זאָג מיר, מײַן קינד, מײַן אויג אין קאָפּ, ווער זײַנען דײַנע שותּפים? דו שרײַבסט, אַז דו האַלטסט באַ די דרײַ הונדערט בעהיימעס און באַ די צוויי טויזנט שעפּסן, קיין איינהאָרע! בעט איך דיך, דו זאָלסט אַכטונג געבן אויף די כעזשבוינעס, דו ווייסט דאָך, אַז דער זיידע איז אַ גרויסער לאַמדן. דו געדענקסט, ווי ער האָט מיט דיר געלערנט כומעש, טאַנאַך און וואָס ניט! ער האָט קעסיידער געזאָגט, אַז ווען עס פעלט דיר ניט אײַן קלייניקײַט, וואָלסטו געוויס געווען אַ ייִנגל, וואָרעם אַזאַ אָפּענער מויעך טרעפט באַ איינעם פון הונדערט ייִנגלעך! טײַנעט ער איצט צו מיר, איך זאָל דיר שרײַבן, זאָלסט אַכטונג געבן אויף די כעזשבוינעס, און דו זאָלסט זיך כאַסווע־שאָלעם אויף דײַנע שותּפים ניט פאַרלאָזן".

אַז איך האָב איבערגעלייענט וועגן די שותּפים, האָב איך געפּלאַצט פון געלעכטער. אָבער פון נאָך אַ בריוו איז מיר שוין אַלץ קלאָר געוואָרן, ווײַל דאָרטן איז געשטאַנען: „בייס דו ביסט פון אונדז אַנטלאָפן, זײַנען מיר אַרומגעגאַנגען, ווי צעדולטע, דער זיידע איז געווען אויס מענטש! דערנאָך האָבן מיר פון דיר גענומען קריגן בריוו, אַז דו ביסט מיט נאָך כאַ־ווײרים אין קרים, און אַז איר האָט אַזויפיל בעהיימעס מיט שעפּסן, קיין איינהאָרע. דעמלט האָט דער זיידע דיר גלײַך אוועקגעשיקט אַ בריוו, דו זאָלסט זיך אויף דײַן זיקאָרן ניט פאַר־לאָזן, דו זאָלסט אליין אַלץ פאַרשרײַבן ביז אַ האָר. איצט בעט איך דיך, שרײַב אונדז, ווו דו מיט דײַנע שותּפים זעצן אויף דאָס מילכיקס, די וואָל פון די שעפּסן און דאָס שעפּסענע פלייש? ווײַטער האָב ראַכמאָנעס און שרײַב אָפּטער, וואָרעם ביז מיר דערוואַרטן זיך אויף אַ בריוו פון דיר, קריכן אונדז אַרויס די אויגן פון קאָפּ. מיר האָבן דיך גרײַלעך האַלט. זײַ געזונט, גריס דײַנע שותּפים, ווי עס ווינטשן דיר דײַנע באָבע־זיידע".

— פּרעלעסט! — האָט נעכעמיע אויסגערופן און האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס עפּעס אַ „פּרעלעסט", זאָגט בעסער „אַ פּראַכט" אָדער „ווונדערלעך". אָבער לאָ־מיר גיין אַ ביסל גיכער, עס איז מיר קאַלט, — האָט כאַנע געזאָגט.

— אויב אַזוי, וועלן מיר גיין צוריק. כוץ דעם, וואָס אײַך איז קאַלט, דאַרפט איר אַ שלאָף טאָן, עס איז שוין גוט נאָך האַלבער נאַכט, — האָט ער פאַרגעלייגט.

כאַנען האָט אַזש אָנגענומען באַם האַרצן פון דעם, וואָס ער האָט מיט אַזאַ זאָרג עס אַרויסגערעדט. זי האָט אַרויסגעכאַפּט איר האַנט פון זײַנער, איז צוגעפאַלן מיט אירע ליפּן צו זײַן שטערן, צו זײַנע באַקן. ווען ער קלאַמערט ניט אַרײַן איר קאָפּ אין זײַנע הענט, וואָלטן אירע ליפּן נאָך אַ ביסעלע געבלאָנדזשעט, ביז זיי וואָלטן זיך געטראָפן מיט זײַנע.

זיי זײַנען אַ ווײַלעטשקע געשטאַנען וואַקלענדיק זיך און אוועק צו דער קאָמונע. לעבן דער שטוב, ווו כאַנע האָט געוווינט מיט אירע שכיינעס, האָט זי זיך צוגעבויגן און געזאָגט:
— עס איז ניט אַזוי געפערלעך, ווי אומדערוואַרט. אָבער גוט, וואָס בעסער דאַרף איך ניט. אַ גוטע נאַכט. — און איז פאַרשוווּנדן.

■

„דוכט זיך, גאָר ניט לאַנג, ווי זיי זײַנען באַקענט, זיי האָבן אַזוי קנאַפּ און פונדעסטוועגן גענוג גערעדט. גענוג, אַז ער זאָל פאַרשטיין און אָפּשאַצן, וואָס ער האָט אַזוי אומגעריכט געפונען" — אַזוי האָט נעכעמיע געטראַכט, קוקנדיק, ווי זי גייט אוועק פון אים. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ניט אָפּגערעדט מיט איר, ווו זיי זאָלן זיך מאָרגן באַגעגענען, און האָט וויטעקלעך אַ טראַכט געטאָן: „עפּשער וועט זי מאָרגן מיך ניט וועלן זען?" מיט אַ שווער געמיט איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין אַלטן הויז, ווו ער האָט זיך געפונען מיט די איבעריקע קינסטלער.

ער וואָלט געוויס גיכער אײַנגעשלאָפן און זיך העכער געשאַצט, ווען ער ווייסט, וואָס זי טראַכט, אָבער... ווי האָט ער עס געקאָנט וויסן?

כאַנע איז אין אָנטאָן געלעגן אויף איר געלעגער און האָט פון פרייד ניט געקאָנט אײַנ־שלאָפן. עס האָט קוים אַ שפּראָץ געטאָן אויף טאָג, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער און אוועק צו דער קוי־שטאַל.

דער הויף איז געווען פּוסט. די עטלעכע שטיבער, די קוזניע, די סילאָס־טורעמס, דער איינציקער בוים באַם קינדערהויז, דער הימל און די ערד זײַנען געווען אײַנגעהילט אין אַ

גרינגן נעפּל. אַלץ איז נאָך געשלאָפן אין לעצטן זיס־באַגינענדיקן שלאָף. כאַנע איז אַרײַנגע־גאַנגען אין קו־שטאַל און האָט דערזען, ווי אין סאַמע עק שטאַל שטייט ייִסראָעל פון טולטשין. ער איז געשטאַנען אָנגעלענט צו דער וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט די בוהײַעס פון די קי, און כאַנע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער שלאָפט. זי איז אַוועק הינטער די קאַרעטעס, ווו עס איז געלעגן טרוקענע האָבערנע שטרוי, זיך אײַנגענוריעט אין דער שטרוי, און אַ זיסע מידקײַט האָט דורכגענומען אַלע אירע גלידער. אײַנשלאָפנדיק, האָט זי אַ טראַכט געטאָן: „אַזאַ מין טרייסט, אַזאַ טײַערקײַט, ווי אומגעריכט דאָס איז. פונוואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ גליק צו מיר?"

כאַנע איז געשלאָפן סאַכאַקל אַ קאַרגע שאָ, זי האָט דערהערט, ווי די בידאָנעס מיט די בלעכענע עמער קלימפּערן, האָט זי זיך אַ הייב געטאָן און זיך פאַרוווּנדערט, ווײַל זי האָט דערפילט אַזאַ פרישע קרעפטיקײַט, אַז זי האָט זיך צעזונגען. די קי האָבן אַ רעגע אופגעהערט מאַלעגיירען, אַזוי האַרציק האָט געקלונגען איר שטים: „אַפן בוידעם שלאָפט דער דאַ־אַ־אַך"...

— אַז מע שלאָפט אַליין ניט, שלאָפט דער דאַך, — האָט זיך געוווּרטלט טײַבעלע די באַברויסקער. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַפן נידעריקן בענקעלע און גענומען וואַשן דער „יאַכסנטעס" אײַטער.

„מײַנע שכיינעס האָבן שוין צעפּויקט", — האָט כאַנע אין זיך געשמייכלט, דערבײַ גע־מאָלקן אַזוי גיך, אַז די איבעריקע מעלקערנס זײַנען אײַנגיכן געבליבן הינטערשטעליק מיט דרײַ בעהיימעס, און זיי האָבן מיט קינע געקוקט, ווי כאַנע לויפט נאָכאַנאַנד מיטן עמער שומיק־אופגעשלאָגענער מילך צו די בידאָנעס.

— כאַנעטשקע, עס קלעמט דיר דאָס האַרץ, ווילסט גיכער אַרײַנכאַפּן דעם געשמאַקן אָנבײַסן? — האָט טײַבעלע זיך געכאָכמעט.

— שרײַ ניט, די בעהיימעס שרעקן זיך! אויב דיר איז פוסטעוואַטע, נעם אַ זופּ מילך, הײַנט מעג מען!

— אַ נעס, וואָס דער וואַלד איז ווײַט, קאָן איך ניט צולויפן אַ קוק טאָן, וויפל בערן עס האָבן געכאַפּט די פּעגירע, — האָט איבערגעשלאָגן שיפרעלע און פאַריינס אונטערגעשטעקט כאַנען אַ שפּילקע, — טויבקע, ַמאַך אַ בראָכע, וואָס פון אונדזער בריגאַדיר האָט דער שלאָף זיך אָפּגעטאָן, אָבער קיין מילך זאָלסטו ניט פאַרזוכן, זאָלסט וויסן זײַן, אַז עס וועט דיר אַרויס באַקאָם!

— פאַרוואָס באַקאָם? אויב עס איז אַזאַ מילך־מאַניפעסט, וועט זיך טרינקען אויסגע־צייכנט! — האָט זיך געכאָכמעט רייזל פון אומאַן.

— טרינקט, כאַווערטעס! — האָט טײַבעלע איבערגעשלאָגן רייזלען מיט יענערס נוסעך.

ווען כאַנע איז אַרויסגעגאַנגען פון דער קו־שטאַל, האָבן זיך באַ איר די קני אונטערגע־בויגן פון פריידיקער איבעראַשונג, — נעכעמיע איז געשטאַנען לעבן שטאַל־טויער.

— גוטמאָרגן, מײַן „פּרעלעסט". יאָ, יאָ, איך ווייס, אַז מע דאַרף זאָגן מײַן „פּראַכט", — האָט נעכעמיע אויסגעשאָטן, זיך צוגעבויגן צו איר און זי אַ קוש געטאָן. כאַנע איז שטאַרק רויט געוואָרן.

— נעכעמיע, נעכעמיע! — האָט זי שטיל איבערגעכאַזערט זײַן נאָמען, ווי זי וואָלט אים געוואָרנט פון אַ סאַקאָנע.

— האָסט זיך דערשראָקן, ווילסט ניט, דײַנע קאַמונאַרן זאָלן זען? נאַרישקײַטן, אַלע וויסן שוין! מײַנע ווייסן שוין, אַז איך בין מיט דיר געגאַנגען שפּאַצירן, און איך האָב דאָס ניט אָפּגעלייקנט.

— איך בין זיך מודיע, אַז איך שרעק זיך ניט און איך שעם זיך ניט! אָבער איך קאָן זיך באַגיין, אַז בייס איך קוש עמעצן, אָדער בייס מע טוט עס מיר, זאָלן קיין איבעריקע אויגן ניט זען.

— גוט. ווו וועל איך דיך טרעפן אין אָוונט?

— איר ווייסט, ווו די קאָשאַרע איז?

— איך ווייס, איך האָב דאָרט געצייכנט, ווען די טשאַבאַנעס האָבן געמאָלקן די שאָף.

— איך וועל דאָרט אַף אײַך וואַרטן נאָך וועטשערע.

— כאַנעלע, זאָג מיר איין מאָל „דו" — גיי איך אַוועק, אַז ניט, גיב איך דיר עטלעכע קושן. זעסט, אָט טרײַבט מען דעם סקאָט, וועלן דײַנע פּאַסטעכער זען.

— „דו" וועל איך זאָגן, ווען עס וועט זיך זאָגן פון זיך אַליין. איך מוז לויפן. איך דאַרף אָפּשיקן די מילך, — האָט כאַנע געזאָגט און זי איז אַוועק אַכטונג געבן, ווי די שטאַל־אַרבעטער שטעלן אַוועק די בידאָנעס אין מאַזשאַרע.

— נאָך א ביסל שטרוי, סראָלקע! אז ניט, וועסטו ברענגען קיין סאַקי ניט קיין מילך, נאָר פּוטער! — האָט כאַנע געוואָרנט, און זי איז אוועק צו דער בעקעריַי.

זי האָט קוים באַוויזן אריבערשפּאַנען די שוועל, האָט דער בעקער איציק פון אומאַן ערנסט און אָן א מינדסט שמייכעלע געפרעגט:

— געבן דיר א פרישׂ שטיקל ברויט? טאָקע פאר דיר און א נעכטיקן אַקריַידיק פאר דיַין סוס?

— פארוואָס זידלסטו באַרעכן?

— ווער זאָגט עס, אז סוס איז געזידלט?

— איך האָב קיין צייַט ניט, גיב שוין גיכער, — האָט כאַנע געבעטן. זי האָט מאַמעש ארויסגעכאַפּט פון איציקס הענט דאָס ברויט און איז אוועק צו דער פערד־שטאַל. מיט דער לינקער האַנט האָט זי צום מויל צוגעטראָגן דאָס ברויט, מיט דער רעכטער אופגעהויבן דעם זאָטל.

— לאָז, איך וועל אָנזאָטלען דיַין „מעיוכעס", — האָט שימקע פאַרגעלייגט און פאַריינס ארויסגעלייגט זיַין טרעפלעכע באַטראַכטונג:

— כאַנטשע, דיַין מינע מיט דיַין פּאַכאָדקע איז ניַי־געניצעוועט. איך קוק אף דיר און איך פאַרשטיי ניט, וואָס מיט דיר האָט געטראָפן? דו האָסט איינס־און־צוויי פאַרגעסן, אז מע האָט דיך ארויסגעשלאָסן פון קאָמונע־ראַט!

— איך וועל דיר געבן א כאַווערישע אייצע, דערמאָן דאָס, וואָס איך וויל, — האָט כאַנע געזאָגט און זיך אַריַינגעכאַפּט אין זאָטל. באַרעך האָט געפּרוווט אונטערטענצלען, אָבער זי האָט אָנגעצויגן די צוים. דאָס פערד איז אוועק רויִק און שפּאַרעוודיק. די בעהיימעס האָבן גאַנץ געשמאַק זיך געפּיטערט, כאָטש די זאַלץ איז שוין קימאַט נעלעם געוואָרן און איז געבליבן בלויז ערטערוויַיז, בא די סאַמע וואָרצלען פון די פאַרוויאַנעטע גראָזער. טאָקע אהין, ווו די זאַלץ איז נאָך געלעגן, האָבן די בעהיימעס געשטרעקט די אויסגעבויגענע, האַרט־באַרשטיקע, גריַיפלדיקע לעקערס און האָבן, ווי מיט טעמפּע סערפּן, ארויסגעכאַפּט, געריבן און געמאָלן מיט די ציינער די פעדעמדיקע פּאַשע.

ביז צום באַטאָגיקן געמעלק איז נאָך געווען א גוטע שאָ. כאַנע האָט זיך דערמאָנט, אז הייַנט האָט מען אָנגעהויבן פירן די קוקורוזע צו די סילאָס־טורעמס, און זי איז אוועקגע־ריטן אהינצו.

בא די קיַילעכדיקע סילאָס־טורעמס זיַינען געשטאַנען עטלעכע מאַזשאַרעס מיט גרינ־געבראַקטער קוקורוזע. פון אינוויַיניק פון די טורעמס האָבן זיך געהערט שטימען און א ווייך טופּען, ווי מע וואָלט געטאַנצט אף פּערענעס. א פרישׂ־זויערלעכער רייעך האָט זיך געשפּרייט ארום און ארום, ווי דאָ וואָלט אין א באַקדייזשע זיך געזויַערט און געיוירט א מוירעדיק־גרויסע קאָרענע ראַשטשינע.

כאַנע איז ארויסגעשפּרונגען פון זאָטל, דאָס פערד האָט זי צוגעבונדן צו א דראָבענע פון א מאַזשאַרע, און אליין איז זי אוועק צום צווייטן טורעם. זי איז שוין געווען אף די ערשטע טרעפּ, בייס זי האָט דערהערט זיַין שטילע שטים:

— קאָנסט זיך ניט אוועקדרייען פון מיר. קום אהער, לאָז מיך אָנקוקן דיַין קליינעם שטערן, — האָט ער שטיל געבעטן אזוי, אז זי האָט עס גיכער פאַרשטאַנען לויט דעם, ווי ער האָט באַוועגט מיט זיַינע ליפּן, ווי לויט דעם, ווי ער האָט עס צו איר געזאָגט.

זי איז צוגעגאַנגען און האָט זיך אוועקגעשטעלט אהינטער זיַין פּלייצע. ער איז געזעסן אף א נידעריק בענקעלע, אנטקעגן אים אף א קליינעם מאָלברעט איז געשטאַנען א דיקטן ברעטל מיט א צוגעקלעפּטן בויגן פּאַפּיר. זי האָט געזען אפן פּאַפּיר די סילאָס־טורעמס ניט אזוי, ווי זי פלעגט זיי טאָמיד זען. אפן פּאַפּיר זיַינען די טורעמס געווען געל און זיי זיַינען ווי אופגעהויבן געוואָרן אינדערלופטן צום הויכן הימל. די מאַזשאַרעס זיַינען געווען טונקל־גרין, און די פערד ראָזלעך. די ערד איז געווען ברוין, די מענטשן — ווער רויטלעך, ווער ליכטיק־גראָ, און אלץ איינינעם האָט אפן בילד אויסגעזען דערהויבן און יאָמטעוודיק.

— גיי צו נעענטער, וועסט מיר ניט שטערן, איך האָב שוין געענדיקט, — האָט ער גע־זאָגט, און ער האָט שטילינקערהייט געפרעגט, בייס כאַנע איז נאָענט צוגעגאַנגען:

— עס געפעלט דיר?

כאַנע האָט געשוויגן און געקוקט. ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, האָט זי צו לאַנג געשוויגן.

— עס געפעלט דיר ניט? — האָט ער איבערגעכאַזערט אומגעדולדיק.

— וואָס פאַלט איַיך איַין? עס געפעלט מיר זייער! גיט אליין א קוק, די טורעמס זיַינען אזוי גרינג, אזוי לופטיק, אז מיר דוכט זיך, איך וואָלט זיי אופגעהויבן. איך האָב אפילע

קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז זיי קאָנען לויכטן, ווי כאַנעקע־לאַמטערנס, — האָט זי אויסגעדריקט איר מיינונג, און אַ זאַפטיקע רויטקייט האָט באַשלאָגן איר פּאָנעם ביז צום שטערן.

— כאַנעקע־לאַמטערנס?! דאָס האָב איך שוין לאַנג, לאַנג פאַרגעסן, איך האָב דאָך אַזוי ליב געהאַט כאַנעקע. דו דערמאָנסט מיר אַלץ, אַדאַנק דיר קומען צו מיר אַזויפיל געוועזענע זאַכן, וואָס זײַנען געווען אַזוי באַליבט, וויכטיק... דו האָסט געשפּילט אין דריידלעך? מיסטאָמע ניט, מיידלעך שפּילן ניט אין קיין דריידלעך!

— פאַרוואָס עפּעס ניט? דער זיידע פלעגט אַלע יאָר אָפּגיסן פאַר מיר אַ צינען דריידל, צו פינף יאָר האָט מיר דער זיידע געוויזן: די נון, גימל, היי, שין, און ער האָט מיר געזאָגט, וואָס דאָס באַטײַט.

— איך האָב זיך שוין דערמאָנט, דאָס באַטײַט: נעס גאָדל האָיאָ שאָם. עמעס?

— יאָ.

— איצט וועל איך דיך רופן „כאַנוקל". ווי דערלעבט איך שוין דעם פאַרנאַכט?

— פאַר מיר וועט זיך אויך דער טאָג ציִען ווי. פון פעך, — האָט כאַנע אים געטרייסט און איז אַוועק צום פערד.

ער האָט אַ פאַרקישעפטער געקוקט, ווי געשיקט זי האָט אַרײַנגעטאָן אירע באַרוועסע קליינע פיס אין די סטרעמענעס, ווי פלינק זי האָט זיך אַ הייב געטאָן און זיך אַרײַנגעפּאַסט אין זאַטל. דאָס פערד און זי האָבן זיך שוין פונדערווײַטן געזען אָפן פרײַען סטעפּ, ווי אַ נעקודע אָף אַ גרויסן ליידיקן בויגן פּאַפּיר, און נעכעמיע איז נאָך אַלץ געשטאַנען און גע־קוקט, ביז דאָס נעקודע־פינטעלע איז פאַרשוווּנדן. דערנאָך האָט ער צונויפגעלייגט זײַן גע־צײַג, אויסגעגאָסן די וואַסער פון קאָנסערוון־פּושקעלע, אין וועלכן ער האָט געשווענקט די פענדזלעך פון דער אַקוואַרעל־פאַרב, און ער איז אַוועק צו דער שטוב, ווו ער האָט געוווינט מיט די איבעריקע קינסטלער.

נעכעמיע איז נאָר אַרײַנגעגאַנגען, האָט ער גלײַך דערפילט, אַז עס איז ניט קעשורע. דער קליינוווּקסיקער מיט דער פעך־שוואַרצער טשופּרינע האָט געשפּאַנט הין און צוריק איבערן צימער, דער בלאָנדער איז געזעסן אָף דעם איינציקן טאַבורעט, זײַן קאָפּ איז געווען אַראָפּגעלאָזט, גלײַך עס האָט אים געטראָפן אַן אומגעריכטע צאָרע. נעכעמיע האָט פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט איינעם און דעם אַנדערן.

— איר, ווי איר ווילט און ווי איר געפינט פאַר נייטיק. איך פאָר מאָרגן אַוועק! איך וויל ניט עסן מיט די הינער פון איין שיסעלע, איך האָב קיינעם ניט געגעבן קיין וואָרט, אַז די בלוטדאָרשטיקע וואַנצן זאָלן מיט מיר טאָן, וואָס זיי ווילן! — האָט קימאַט ווי געשרי־ען דער קליינוווּקסיקער.

— ערשטנס, שרײַ ניט אַזוי, צווייטנס, איז דאָס ניט באַקוועם. מיר זײַנען דאָך פאָרט אַ בריגאַדע. נעכטן איז אידע אַוועקגעפאָרן, איצט סטראַשעסטו די וואַנצן, — האָט נעכעמיע ערנסט און שטיל באַמערקט.

— איך פאָר אויך אַוועק, — האָט אָנגעזאָגט דער בלאָנדער. — און דו? — האָט ער זיך געווענדט צו נעכעמיען.

— איך בלײַב. כ'האָב געוווּסט, אַז קיין האָטעלן וואַרטן דאָ אָף מיר ניט.

— כוץ דעם, וואָס דו האָסט אַזוי גוט געזען, איז דאָ נאָך אַ וויכטיקע סיבע, וועלכע דו האָסט ניט פאַרויסגעזען... קיין פאַרבאַרגענע זאַכן זײַנען ניטאָ, נעכעמיעלע, — האָט דער בלאָנדער באַמערקט.

— קיין פאַרבאָרגענע זאַכן זײַנען טאַקע ניטאָ: איך וויל — זאָג איך, איך וויל — שווײַג איך. אויב דו ביסט מיר אַ פרײַנט, ווינטש מיר, אַז די וויכטיקע סיבע זאָל ווערן אַ שטענ־דיקע, אפילע אַן אייביקע, — האָט נעכעמיע שטיל געזאָגט.

— האָב אָף מיר קיין פאַריבל ניט. האַלעווײַ זאָל זײַן, ווי דו ווילסט, אָבער איצט ווײַז, וואָס דו האָסט געמאַכט.

— איך הענג ניט אויף קיין שלעסל אָף מײַן פּאַפּקע מיט די עטיודן. אַז איך בין ניטאָ אין צימער, קוקסטו דאָך אַלעמאָל, וואָס דאָרטן ליגט. וואָס זשע בעטסטו איצטער בא מיר, אַז איך זאָל דיר ווײַזן? נעם און קוק.

דער בלאָנדער האָט אַרויסגענומען אַן עטיוד, אַ קוק געטאָן און גלײַך געגומען אייַצן, ווי זײַן שטייגער איז געווען:

— האָסט געדאַרפט מאַכן די פערד און וועגענער אַזוי לײַכט, ווי דעם הימל, וואָלט עס געווען מער פאַרגאַנצט.

— דו ביסט גערעכט. די פערד, די וועגענער, די ערד זײַנען אומגעלומפּערט שווער.

פאַרשטייסט, איך וויל זיך אָפּשאַקלען פון געוויסע זאַכן. איך פאַרשטיי, פּאַרוואָס דער הימל געפעלט דיר. ער געפעלט דיר, ווײַל ער איז ענלעך אַף דײַנע הימלען...

— גאָר אַזוי? פאַרוואָס האָסטו דאָס מיר קיינמאָל ניט געזאָגט אין מאָסקווע?

— דו ביסט אַ מאָדנער מענטש! אין מאָסקווע האָב איך געזען, ווי דו מאַכסט איליוסטראַציעס; דאָ האָב איך דערזען, ווי דו אַרבעטסט פון דער נאַטור, און איך האָב אַ געפיל, אַז איידער דו זעעסט דעם הימל, די ערד, ווייסטו שוין, וואָס דו וועסט נעמען פון דער פּאַליטרע... איצט פאַרשטייסטו מײַן מיין?

— געוויס פאַרשטיי איך. יעדערער האָט זיך זײַן צוגאַנג. איך וויל דיר אָבער זאָגן וועגן דײַן פּלוצעמדיקער באַגעגעניש. דו ביסט מיר צו נאָענט, אַז איך זאָל דאָס פאַרשווײַגן. באַקלער זיך גוט. אירע קינדער וועלן דײַנע קינדער. ניט געטראַכט, ניט געדאַכט פאַר אַ טאַטן דיך געמאַכט. דאָס איז ערשטנס, צווייטנס, איז זי גאָר פון אַן אַנדער סוויווע. דאָס איז וויכטיקער, ווי עס קאָן זיך אויסווײַזן. דריטנס, מיילע...

— וואָס דריטנס, ווייס איך ניט, — האָט נעכעמיע איבערגעשלאָגן דעם בלאָנדן, — אָבער זאָג מיר בעסער: דו ביסט זיכער, אַז דו ביסט ביז איצט קיינמאָל קיין טאַטע ניט געווען?

— וואָס רעדסטו, נעכעמיע?

— איך זע, אַז דו האָסט זיך איבערגעשראָקן, וועל איך בעסער ריידן וועגן זיך. איך ווייס טאַקע יאָ, אַז איך וואָלט געקאָנט זײַן אַ טאַטע. דו געדענקסט דאָך, אַז איך האָב געהאַט אַ סטודענטקע פון סקולפּטור־פאַקולטעט. מיר זײַנען, פאַרשטייט זיך, געווען ווי מאַן און ווײַב. אין איינעם אַן אָוונט האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי טראָגט. איך בין געווען געפלעפּט, כ׳האָב געקראָגן געלט, און זי איז פּאָטער געוואָרן דערפון. ווײַטער וועגן דער סוויווע. איך פאַרשטיי, דו ווילסט זאָגן, אַז זי איז ניט פון קיין שפּעריישער סוויווע.

— יאָ, יאָ, דאָס מיין איך טאַקע.

— שלאָג מיך ניט איבער. זאָג מיר אַזאַ זאַך: דו מיינסט, אַז אַלע דײַנע באַקאַנטע קינסטלער און קינסטלערנס זײַנען שפּעריישע מענטשן?

— ס׳הייבט זיך גאָרניט אָן.

— איך ווינטש מײַנע באַקאַנטע קינסטלערנס, זיי זאָלן זײַן אַזוי אומיטלבאַר, אָריגינעל, אופריכטיק, ווי כאַנע. איך וואָג שוין צו זאָגן: ווי מײַן כאַנע, — האָט נעכעמיע אויסגעפּראַלט.

— איך זע, אַז דו ביסט פאַרטיק. איך וואָרן דיך: באַטראַכט זיך גוט, איידער דו נעמסט זי!

— איך האָב געמיינט, אַז דער שמועס איז געענדיקט, אָבער איך האָב ניט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ שטאַרקער נעמער. פונוואַנען קומט עס די זיכערקײַט, אַז נאָר מיר נעמען? עס פעלט דיר ניט אײַן, אַז מע נעמט אונדז פונקט אַף אַזויפיל? דער שוואַכער מילדער פּרעכטיקער געשלעכט איז ניט קיין ערגערער נעמער פון אונדז. טו אַ טראַכט וועגן דערוף. איך בין דיר דאַנקבאַר פאַר דײַנע וואָרענונגען. איך פאָר דערווײַל נאָך ניט אַוועק, — האָט נעכעמיע געזאָגט און זיך גענומען צו זײַן מאָלערײַ־געצײַג.

ביז פאַרנאַכט האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין סטעפּ, נאָר ניט געטראָפן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיך אים וועלן מאָלן. ער איז אַוועק אַהיים מיט אַ שווער געמיט. יענעם אָוונט האָט ער זיך מיט כאַנען ניט געטראָפן.

■

אַף מאָרגן זײַנען די קינסטלער אַוועקגעפאָרן קיין יעווּפּאַטאָריע. אין אָוונט האָט נעכעמיע אָפּגעוואַרט כאַנען בײַ דער קו־שטאַל, און ער האָט איר גלײַך אָנגעזאָגט:

— איך בין אַליין אין צימער, דער הימל איז פאַרוואָלקנט, קום צו מיר.

— דאָס איז אַ גוטע בשורה, אָבער בעסער אַ פאַרוואָלקנטער הימל, ווי אַ ליכטיקע סטעליע. קומט לאָמיר גיין אין סטעפּ.

היפּשע עטלעכע שאָ זײַנען זיי אַרומגעגאַנגען, מער געשוויגן ווי גערעדט. פאַרשטייט זיך, אַז כאַנע האָט געפילט — נעכעמיען איז שווער אַפן האַרצן. געפרעגט האָט זי אָבער גאָר־נישט ניט. פּלוצעם איז ער שטיין געבליבן, האָט זי אָנגענומען בײַ די הענט, צוגעצויגן צו זיך אַזוי ראַפּטאָם, אַז זי איז שיר ניט אַוועקגעפאַלן. „אוי“, האָט זי ווי אַ קרעכץ געטאָן, און דערפילט, ווי זײַנע ליפּן לויפן איבער אירע באַקן, איבער אירע אויגן, בײַ די שלייפן, אַף אירע האָר. זי האָט אים צוגעטראָגן אירע ליפּן, אַרויסגעפּליסטערט...

— האָב ראַכמאָנעס.

— ראַכמאַנעס? דו זאָג בעסער, פון וואָס פאַר א סוויווע ביסטו, וואָס איז דײַן ייִכעס, דו, מילך־באַרישניע?

— וואָס ייִכעס, ווער סוויווע, וואָס רעדסטו? — האָט זיך כאַנע דאָס מאָל געווענדט צו אים אַף דו.

ער האָט זיך צעלאַכט און קוים אַרויסגערעדט:

— האַ־האַ! סוויווע, שע־פּע־רר, מע קאָן שטאַרבן!

— וואָס רעדסטו, איך פאַרשטיי א האָר ניט, — האָט זי געזאָגט.

ערשט אין קאָמונע־הייף האָט ער קימאַט אויסגעשריִען:

— סוויווע אַהין, סוויווע אַהער, קוק ניט אַזוי אַף מיר. אַז מע איז פאַרליבט, אָדער, ווי דו זאָגסט, אַז מע איז פאַרהאַלטעוועט, איז אַלץ רעכט!

זי האָט טאַקע אַף אים געקוקט ערנסט און שטרענג. ווײַל דער הימל איז געווען פאַר־וואָלקנט, ניט אויסגעשטערנט, איז דאָס פּאָנעם זײַנס געווען ניט ברילעט, נאָר זײַנע שוואַרצע אויגן האָבן געשפּריצט, ווי מיט הײמלעכע פײַערלעך. דער באַגינען האָט אָפּגעבערשטלט די וואָלקנס פון הימל, און כאַנע האָט געקוקט אַף אים מיט אַזויפיל געטרײַקײַט און גינציקײַט.

— ביז מאָרגן, טײַער קינד מײַנס, — האָט נעכעמיע געזאָגט.

— ביז הײַנט פאַרנאַכט, אײַנציקער נאָכעס מײַנער, לעבן מײַנס, — האָט כאַנע אים אַרײַנ־געאָטעמט גלײַך אין אויער אַרײַן און איז אוועקגעלאָפן צו דער קו־שטאַל.

די קומענדיקע טעג איז נעכעמיע געווען אומגעריכט דערפרייט, וואָס די אַרבעט איז בא אים אוועק. צוויי עטיודן א טאָג האָט ער געמאַכט. עס זײַנען געווען אַזעלכע טעג, ווען ביידע עטיודן זײַנען אים געפעלן. אין איינעם אַן אָוונט האָט ער געזאָגט צו כאַנען:

— אויב עס וועט אַזוי גיין ווײַטער, וועט זײַן גוט.

— עס וועט גיין, אַוודע וועט גיין, — האָט כאַנע מיט האַרץ געזאָגט.

— פונוואַנען ווייסטו אַזוינע זאַכן, דו, מילך־קאָמונאַרקע?

— איך ווייס נאָך זיך נאָך, אַז ס'איז גוט אָפּן האַרצן, איז די אַרבעט באַשמירט מיט פּוטער.

— אַהאַ, אָבער פאַרוואָס ווייסטו ניט, אַז דו דאַרפסט מיך א קוש טאָן?

— א נײַע נײַס! אָט וועסטו שוין באַלד זען!

באַלד איז זי שוין אײַנגעקלאַמערט אין זײַנע אָרעמס, ווי אין אײַזערנער רייף. איר האַרץ שפּרינגט אַרויס פון איר גוף און פלאַטערט אַזוי פײַנלעך־זיס ערגעץ אין גריבעלע בא איר האַלדז.

דערנאָך? דערנאָך זײַנען זיי זיך געגאַנגען פאַמעלעכקע. זי האָט פון אים אירע אויגן ניט אַראָפּגענומען, ווײַל זי האָט ניט באַנומען, ווו, פונוואַנען נעמט זיך צו אים דער פאַרכאַפּנדי־קער מוירעדיקער קויעך, וואָס פענטעט זי און באַפרײַט זי פון זיך אַליין. דאָס מאַכט זי אַזוי שוואַך, אַז זי פאַרשווינדט, זי ווערט ווי אײַנגעזונקען אין אים.

— קוק ניט אַזוי אַף מיר, איך קאָן דאָס ניט אַריבערטראָגן, — בעט ער זיך בא איר און קושט באַזונדער יעדער פינגער פון אירע הענט. זי קוקט אָבער פאָרט אַף אים און זעט, ווי זײַנע אַראָפּגעלאָזטע אויגן דרינגען אין איר נעשאָמע אַרײַן. זי פרעגט ניט אים, זי פרעגט בא דער צעזיפּטער גרינלעכער שטערן־שײַן:

— פונוואַנען, פונוואַנען נעמען זיך די קויכעס?

— ווּעמענס קויכעס, כאַנעלע?

— דײַנע קויכעס, דו ביסט ניט הויך, דײַנע פּלייצעס זײַנען ניט ברייט, גיב א קוק, ווי קליין דײַנע הענט זײַנען, ווי דין דײַנע פינגער זײַנען, — רעכנט זי אויס פאַרטראַכט.

— זאָג דאָס ניט, — לייגט ער פלוצעם אַרײַן די הענט אין די קעשענעס, — מײַנע הענט האָבן א סאַך קויעך, און זאָלסט וויסן זײַן, אַז א קינסטלער דאַרף האָבן מער קויעך פון אַן ערד־אַרבעטער, פון א שמיד, פון וועמען דו ווילסט אַף דער וועלט! קום צו מיר, טו מיך א קוש, א לעצטן קוש און לויף כאַפּ א שלאָף, טײַער קינד מײַנס.

לויפן כאַפּן א שלאָף איז כאַנען ניט באַשערט געווען ניט דעם באַגינען, ניט אין די קומענדיקע נעכט און באַגינענס. ניט איין מאָל האָט זי אין יענע טעג צו אים געזאָגט:

— ווי גרינג די הענט לויפן, ווי גיך די אַרבעט ווערט אויסגעלעקט, מע דאַרף דעם שלאָף אַף קאַפּאָרעס, בייס דאָס גליק איז אונטער דער האַנט...

■

ריכטיק האָט דער בלאָנדער קינסטלער געזאָגט: „קיין פאַרבאָרגענע זאַכן זײַנען ניטאָ" — אָבער נאָך ריכטיקער איז געווען, וואָס כאַנע מיט נעכעמיען האָבן זיך לאַכלוטן ניט פאַר־

2*

באַרגן. די קאָמונאַרן האָבן זיי געזען אין קו־שטאַל, אין סטעפּ, בא די סילאָס־טורעמס, אין קינדערהיים. די טעג האָבן זיך געקײַקלט, אַלץ נעענטער האָט זיך צוגערוקט נעכעמיעס אוועקפאָרן. איצט איז כאַנע מיט אים זעלטן געגאַנגען אין סטעפּ. צו אַלע אַרבעטן איז איר צוגעקומען נאָך אַנדערע זאָרגן: אין קאָלווירט „ייִדישער פּויער" האָט מען געבראַכט פּופּצן קי, האָט מען זיך דאָרטן געגנייטיקט אין אירע אייצעס. דער קאָלווירט האָט זיך געפונען פינף קילאָמעטער פון קאָמונע, איז דאָס כאַנען ניט גרינג אָנגעקומען, זי האָט דאָרט פאַרבראַכט ניט איין שאָ אין טאָג.

נעכעמיע האָט זיך געוועדטלט:

— ס'איז נאָך א גליק, וואָס דו גייסט ניט מעלקן די בעהיימעס אין דזשאַנקאָי און אין פּרײַדאָרף. קיין ייִדישע ווירטשאַפטן פעלן ניט אין קרים.

— דאָרטיקע ייִדישע פּויערים נייטיקן זיך ניט אין מײַנע אייצעס. זיי זײַנען מער באַהאַווענט פון מיר, — האָט כאַנע באַמערקט.

ניט נאָר דערפאַר וואָס כאַנען איז צוגעקומען דײַגעס, איז זי איצט זעלטענער געגאַנגען מיט נעכעמיען אין סטעפּ. זי האָט דערפילט, אַז זי האָט שוין איבערגענוג וואָס זיך צו דערמאָנען, ווען ער וועט אוועקפאָרן... פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אומיטלבאַרער מענטש, ווי כאַנע, האָט עס ניט אויסגערעכנט, אָבער, ווי געזאָגט, האָט זי געפילט און זיך אַפילע אָפּט געשראָקן דערפאַר, וואָס נעכעמיע האָט זי באַשאַנקען מיט אַזאַ שלאַל אומגעפּרוּווטע מעסיקעס, וועגן וועלכע זי האָט לאַכלוטן ניט געוווּסט און ניט כוישעד געווען. זי האָט טאַקע אַנומלטן צו אים געזאָגט, ווען ער האָט זי גערופן אין סטעפּ:

— ניין, נעכעמיעלע, האָב ניט קיין בייז האַרץ אַף מיר, וואָרעם איך הייב ניט אָן צו וויסן, וואָס עס טוט זיך מיט מיר, וואָס פאַר א קישעף שטעקט אין דיר. איך בין געווען פאַראַהאַרטעוועט, ווי א שטיין. דו האָסט מיך ווייכער געמאַכט פון א מאַלינע... פאָלג מיך, מײַן טײַערער, קום מיט מיר צו די קינדער. מײַנע קינדער פעלט, באַרעכאַשעם, גענוג. האַלעווײַ זאָל זיי דאָס צוקומען.

נעכעמיע האָט, פאַרשטייט זיך, געוואָלט גיין נאָר מיט כאַנען, אָבער ער איז געווען גענוג איידל, קעדיי ניט צו דערווידערן. אין קינדערהיים איז ער געגאַנגען, מיטנעמענדיק קליינע פּירקאַנטיקע שטיקעלעך וואַטמאַן. ער האָט אַף דעם געמאָלט פאַר די קינדער לאָשעקעס, לעמעלעך, הינער און הענער. די קינדער זײַנען געווען אַזוי פאַרגאַפּט פון די געמעלן, אַז זיי האָבן אַפילע ניט באַמערקט, ווי אַף אייניקע שטיקעלעך וואַטמאַן האָט ער פאַרײַנס אָנגעצייכנט קינדער־געזעמלעך, פאַרוואונדערטע און פאַרכאַפּטע.

אין איינעם א טאָג, נאָכן באַגינענדיקן געמעלק, איז דער פאַרזיצער אַרײַנגעגאַנגען אין קו־שטאַל. ער האָט באַטראַכט די בעהיימעס, די בוהײַעס, איז א ווײַלינקע געשטאַנען און געקוקט, ווי כאַנע מעלקט, און געזאָגט צו איר:

— נאָכן געמעלק, זײַ אַזוי גוט, גיי אַרײַן אין קאָנטאָר. מיר דאַרפן א שמועס טאָן וועגן זייער א וויכטיקן איניען.

— דער איניען איז וועגן דעם היי, וואָס ליגט אין יעוופּאַטאָריער „אַזעט"? — האָט כאַנע געפרעגט.

— דו גיי אַרײַן, וועסטו שוין הערן. וואָרעם עס איז ניט פײַן, אַז אַזאַ פאַרנומענער מענטש, ווי איך, זאָל דאַרפן וואַרטן אַף אַזאַ פּוסטעפּאַסניצע, ווי דו.

— ביסט גערעכט, כ'וועל אַרײַנגיין.

בייס כאַנע איז אַרײַנגעגאַנגען אין קאָנטאָר, איז איר אויסגעקומען גאַנץ מאָדנע, וואָס קיין איין מענטש איז דאָ ניטאָ, כוץ איר און דעם פאַרזיצער. ער האָט צוגערוקט א טאַבורעטקע צו כאַנען און געזאָגט:

— זעץ זיך, רו זיך אָפּ.

— כ'האָב קיין צײַט ניט, כ'וועל שטיין.

— ווען מע קאָן זיצן, דאַרף מען ניט שטיין, — האָט ער אויסגענוצט דאָס באַוווּסטע גלײַכווערטל און ערנסט אָנגעהויבן:

— כאַנע, איך האָב געהערט, אַז דו פאַרברענגסט די פרײַע צײַט מיטן כודאָזשניק, און עס אַרט אים ניט, וואָס די בעהיימעס זײַנען איינזאַם און עלנט. כוץ דעם...

כאַנע האָט אים אָנגעקוקט און איבערגעשלאָגן:

— כוץ דעם, האָב איך גופע גאָרנישט קעגן דעם כודאָזשניק.

— זע, ווי דו לאָזט קיין וואָרט ניט אויסריידן. וואָרט אויס, איך בין מיט א מיטוואָך

עלטער פון דיר. ווען אים קאָן איך גאָרניט זאָגן, ס׳קאָן זײַן, אַז ער איז זייער אַ לײַטישער מענטש, אָבער דו דאַרפסט וויסן, אַז ער איז פאַרקנאַסט אַף גאָר אַנדערע הייוון...

— איך ווייס ניט, אַף וואָס פאַר אַ הייוון איז ער פאַרקנאַסט. איך ווייס אָבער, אַז ער איז מיר זייער צום האַרצן.

— לאָז זיך דינען, שלאָג מיך ניט איבער. דו מאַלסט דיר אויס, ווי דו וועסט זיך פילן, אַפילע אין בעסטן פאַל, אויב ער מיינט עס ערנסט און ער וועט דיך מיט די קינדער אַרײַנ־ בערנעמען קיין מאָסקווע.

— כ׳ווייס ניט, וואָס ער מיינט און וואָס ער טראַכט, איך ווייס אָבער מיט מײַן גאַנצן האַרצן, אַז איך וועל גיין מיט אים עק וועלט. כ׳פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס דו דײַגעסט וועגן דעם!

— איך דײַגע וועגן דיר, כאַנע. צי דען האָסטו ניט געפילט, אַז דו געפעלסט מיר, אַז איך בין אַפּט אַנציקט פון דיר? עס איז שווער עפּעס פאַרויסזען, די צײַט איז זייער אַנגע־ שטרענגט. ס׳קען זײַן, אַז די קאָמונע וועט דיך שיקן זיך לערנען אין סימפעראָפּאָל. ווער ניט ניספּעעל, וואָס ער איז אַ כודאַזשניק, כאָפּ ניט, ס׳איז ניט קיין טייגלעך מיט פּאָסאַליעס. געדענקסט, ווי איך האָב דיך באַגעגנט, דו ביסט געריטן פון סאַקי. כ׳האָב דיר דאַן געזאָגט עפּעס אַ נאַרישקײַט, און דײַנע פּיס געפעלן מיר. האָסטו מיך אַזוי אָפּגעשניטן, אַז די צונג האָט מיר אָפּגענומען.

— יאָ, איך געדענק.

ער האָט אַ שפּאַן געטאָן און אַרופגעלייגט זײַנע הענט אַף אירע אַקסלען, און זי האָט דערפילט, ווי די הענט זײַנע שאַרן זיך פּאַוואָליע צו איר האַלדז. האָט זי זיך ראַפּטאָם אַ קערעווע געטאָן און, שוין שטייענדיק בא דער טיר, שטיל און אײַנגעהאַלטן געזאָגט:

— עס קומט מיר אויס, אַז דו ווילסט מיט צוויי פּיס גיין איבער צען סטעזשקעס מיטאַ־ מאָל. דו האָסט שוין קינדער פון דרײַ מאַמעס. קיין פינפטע ראָד צום וואָגן וועל איך קיינמאָל ניט זײַן! הערסט, אַזריעל?

— שטיי, כאַנטשע! אַזוי וועסטו פון מיר ניט אַוועק!

— גענוג. דאָס וועט קיינמאָל אַף דער וועלט ניט זײַן, — האָט כאַנע אויסגעשריִען און איז אַרויסגעלאָפן פון קאָנטאָר.

כאַטש כאַנע האָט געהאַט געגונג אַרבעט אין שטאַל, איז זי פאַרבײַ דער קוזניע אַוועק מיטן וועג צום דערפל סאַבאַנטוי. זי האָט זיך צוגעזעצט אַף דער ערד, גלײַך ווידער אופגע־ שפּרונגען און געגומען שפּאַנען הין און צוריק, אַזוי צערודערט איז זי געווען. און ניט אַזוי דערפון, וואָס זי האָט ניט לאַנג צוריק אויסגעהערט, ווי דערפון, וואָס זי האָט דאָס אַלץ ניט געקאַנט באַנעמען. ווען זי איז צוריקגעגאַנגען צו דער קאָמונע, איז איר אַנטקעגן געגאַנגען אַזריעל. זי איז גיכער אַוועקגעגאַנגען, אָבער ער האָט ברייט אַ שפּאַן געטאָן איין מאָל און נאָכאַמאָל, זי אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט און גיך־גיך צו איר געזאָגט:

— אַזוי, כאַנקע, אַזוי פאַטערט מען מיך ניט אָפּ. בייס איך זאָג: עס געפעלט מיר, איז געזאָגט!

— כאָפּ ניט אַזוי, דו ביסט ניט מײַן פאַרעץ, איך בין ניט דײַן הונט. דו ביסט פאַרזיצער ניט דאָס ערשטע יאָר אין קאָמונע. וואָס בין איך דיר פּלוצעם געפעלן געוואָרן? מײַן מאַמע פלעגט זאָגן: בעסער איין פויגל אַפן צווײַגל, איידער צוויי אין שטײַגל. האָסט געוואָרט, איך זאָל צײַטיק ווערן? איך פאַרשטיי דאָס, דײַנע געבליטן האָסטו געהאַט מיט וואָס אײַנצושטילן. ביסט ניט קיין נאַר, אָבער אײַנעמען דײַן גײַווע קאָנסטו ניט. ס׳איז ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן, — האָט כאַנע געענדיקט און איז אַוועק צו דער קר־שטאַל. דאָרט האָט זי שוין דערזען נעכעמיען, ער האָט זי אָנגעקוקט און געפרעגט:

— וואָס איז, טײַערע, ס׳איז עפּעס פאַרלאָפן אַף דער אַרבעט?

— יאָ, אַ ביסעלע.

— וואָס זשע, זאָג גיכער.

— וואָס האָט געטראָפן? דו ווייסט ניט? דו האָסט אַף מיר אָנגעשיקט עפּעס אַ מאָדנע אָנשיקעניש: ווו איך גיי און ווו איך שטיי, ביסטו פאַר מײַנע אויגן, איך קאָן אָן דיר קיין מינוט ניט זײַן. איך פרעג דיך: וואָס וועל איך טאָן, אַז דו וועסט אַוועקפאָרן?

— אויסגעצייכנט! אַזוי דאַרף זײַן! איך וועל אַוועקפאָרן, נאָר איך וועל ווידער קומען און וועל דיך צונעמען. איך בין אויך מעסוקן קראַנק. איך גיי פון פעלד־בריגאַדע און איך פיל, אַז איך מוז דיך זען די מינוט, שוין איצט, און דו שטייסט טאַקע. אַרעם כאַנעלע מײַנס, קום, טו מיך אַ קוש.

— די סקאָטניקעס דרייען זיך דאָ.

— זאָלן זײ זיך אויך קושן. קום, — האָט נעכעמיע גיכער אַרויסגעקרעכצט, ווי געזאָגט.

און ער האָט באַקרענצלט מיט זײַנע ליפּן אירע באַקן, אירע אויגן, איר שטערן און איר קאָפּ. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעריסן פון איר, זי אָנגעקוקט און שטילינקערהייט געבעטן:

— דו ביסט מײַן לעבן און מײַן אָטעם, גײ זשע אַ ביסעלע אַוועק, איך וויל זען דײַן גאַנג אין דער זוניקער שײַן, בײַס דו גייסט אַזוי ווײַט, ווײַט...

— אַלץ, וואָס דו הייסט, וועל איך טאָמיד טאָן. איך וועל דיך אַלעמאָל פֿאָלגן. און טאָ־מער, כאַלילע, וועסטו מיך אַמאָל פּײַנט קריגן, זאָלסטו מיר די מינוט זאָגן. לאָז כ׳וועל אַ גלעט טאָן דײַן פּאָנעם, — האָט כאַנע געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קאָל און אַנטלאָפֿן אין שטאָל.

■

בײַס כאַנע איז אין אָוונט אַרויסגעגאַנגען פון קינדערהיים, האָט נעכעמיע שוין אָף איר געוואַרט.

— כאַנוקע, וואָס שווײַגסטו?

— שווײַג אויך. לאָמיר ביידע שווײַגן. הער זיך אײַן. דו הערסט, וואָס עס טוט זיך אין סטעפּ? דאָ שפּילט זיך אַ ניגן, ווי נעכעמיע מיט כאַנען גייען זיך דאָ אַזוי שטילינקערהייט, און ביידע שווײַגן זײ. און די שטערן קוקן אָף זײ און פינטלען צו — זײ וווּנדערן זיך, פון־וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ פּאָרל...

— מײַן גליק, מײַן פרייד, — זאָגט נעכעמיע, און מער קאָן ער קיין וואָרט ניט אַרויס־ברענגען, ווײַל זייערע ליפּן זײַנען צונויפגעכאַסמעט. זײ זײַנען אַזוי באַהעפט, ווי דער הימל איז באַהעפט מיט די שטערן. באַגינען, ווען זײ גייען צוריק צו דער קאָמונע, זאָגט נעכעמיע:

— איך בין קײַנמאָל, קיינמאָל אָן דיר ניט געווען. ווי איז דאָס מעגלעך, ווי׳אַזוי האָבן מיר ניט געוווּסט איינער וועגן צווייטן? וואָס ווייסטו? זאָלסט ניט סמייען צו וויינען! איך ווייס, די קינדער! אָבער דו זאָלסט וויסן, אַז וועגן אונדזערע קינדער האָסטו ניט וואָס צו וויינען. זײ וועלן זײַן מערער מײַנע, ווי אַלע קינדער באַ זייערע טאַטעס! קום צו מיר, מײַן אָרעם קינד. כ׳וועל אויסקושן דײַנע שיינע אויגן, דײַן קליינעם שטערן, וואָס קאָן באַהאַלטן אַזויפיל פאַרשטאַנד און ליבע. קום ווידער, קום ווידער, צו מיר, צו מיר, מײַנע קויכעס גייען מיר אויס, — פּליסטערט ער צו איר.

■

אַפילע אַזאַ זעלטן־זעלטנסטע ליבע, ווי עס איז צווישן נעכעמיען און כאַנען, אַ ליבע, וואָס איז געווען ריין פון ערעגײַץ, פון געלטגײַץ, פון וועלכער־ס׳איז־ניט־איז אייגננוץ, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער איין־איינציקער לײַדנשאַפט צו זײַן אינײַנעם, האָט פאָרט ניט געקאָנט אָפּשטעלן די צײַט. ניט איין מאָל האָט כאַנע געטראַכט: „ווי האָב איך געלעבט אָן אים ביז איצט, ווי וועל איך בלײַבן אָן אים? דאָס איז דאָך אַ גרוילו!“

איצט האָט כאַנע קלאָר געוווּסט, אַז זי האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, ביז זי האָט באַגעגנט נעכעמיען, וואָס ליבע איז, זי האָט שוין ניט איין מאָל געפרעגט באַ נעכעמיען:

— זאָג מיר, מײַן כײַעס, ווי׳אַזוי האָסטו געוווּסט, אַז דו דאַרפסט קומען אַהער?

— כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט, נאַרעלע. אָבער קוים האָב איך דיך דערזען, געדענקסט, בײַס דו האָסט אויסגעווישט דעם טיש, ווען די הינער זײַנען אַרײַנגעלאָפן אין עסצימער, אָט יענעם טאָג האָב איך דערפילט, אַז איך מוז זיך אומבאַדינגט באַקענען מיט דיר. איצטער פאַרשטייסטו עפּעס? איך פאָר אַוועק, און דאָ בלײַבט מײַן נעשאָמע און מײַן האַרץ. אָבער דו זאָלסט גאָרניט איבערטראַכטן, מיר וועלן זײַן אינײַנעם. אַזוי וועט זײַן!

כאַנע האָט אים געגלייבט מיטן גאַנצן האַרצן. אָבער איר גלויבן האָט ניט געקענט אָפּשטעלן דעם האַסטיקן לויף פון דער צײַט, און זי האָט אין אָוונט געזאָגט צו נעכעמיען:

— פאַרוואָס זײַנען מיר געווען אַזוי בלינד? אַ גאַנצע וואָך איז צערונען געוואָרן, ביז מיר האָבן זיך באַקענט.

— יאָ, אַ גאַנצע וואָך! און אין דרײַ טעג אַרום פאָר איך אַוועק, — האָט נעכעמיע געזאָגט מיט אַזאַ האַרצרײַסנדיק קאָל, אַז כאַנע האָט זיך פון אים אָפּגערוקט און זיך ווידער צעוויינט.

■

פאַר די לעצטע דרײַ טעג זײַנען זײ אין אָוונט געגאַנגען נאָר אין קינדערהיים. און ניט נאָר זײ זײַנען געווען דערשלאָגן, — אַפילע די קינדער זײַנען אויך אומעטיקער געוואָרן, ווי זײ וואָלטן געפילט, וואָס עס פאַרלויפט זיך צווישן כאַנען און נעכעמיען.

אין באַשטימטן טאָג האָט כאַנע אַרויסגעפֿירט באָרעכן פֿון פֿערד־שטאַל, זי האָט אים פּאַוואָליע געשטופּט אַף הינטערוויילעך, ביז דאָס פֿערד איז שטיין געבליבן צווישן די האָלאָבליעס פֿון צווייערעדערדיקן וועגל. כאַנע האָט אים אײַנגעשפּאַנט. דאַן האָט נעכעמיע געבראַכט זײַן קלאָפּערגעצײַג און עס אַרײַנגעלייגט אין וועגל. דערנאָך האָבן זיך ביידע — כאַנע מיט נעכעמיען — אַרײַנגעזעצט אַהין. כאַנע האָט אַ ציִ געטאָן די לייצעס, געזאָגט עטלעכע גוטע ווערטער צו באָרעכן, אָבער יענער האָט זיך פֿון אָרט ניט גערירט. כאַנע איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון וועגעלע, האָט אַ ציִ געטאָן פֿאַרן צײַמל. דאָס פֿערד האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק. אַ רעכטע ווײַלע האָט זי גענוקעט, געהאַלטן די לייצעס אין דער האַנט, אַפֿילע אַ גרינגן שמיץ געטאָן מיט דעם קורצן בײַטשל באָרעכן, עס האָט אָבער געהאָלפֿן, ווי אַ טויטן באַנקעס. צום סאָף איז כאַנע געפֿאַלן אַף אַ האַמצאָע: זי איז אַוועקגעלאָפֿן אין פֿערד־שטאַל און געבראַכט דעם זאָטל. ווי נאָר זי האָט באָרעכן אָנגעזאָטלט, איז באָרעך אַוועק, ווי אַלע מאָל, מיט זײַן שווים־רויִקן טראָט.

די פֿרייד פֿון די זעלטענע פּוסגייער, וואָס האָבן יענעם טאָג באַגעגנט אין סטעפּ, אַפֿן וועג צו סאַקי, דאָס מעשונעדיקע געשפּאַן מיט דער רײַטערן פֿון אויבן, האָט נעכעמיע, צום באַדויערן, ניט צעטיילט. ער איז געזעסן איינינקער אַליין, אַן אומעטיקער אין וועגעלע צווישן זײַן באַגאַזש און האָט אויסגעזען לעכערלעך, ווײַל דעם גרויסן שירעם, וואָס ער האָט פֿאַרזײַן שנורעוועט אין אַ טשעכאָל, האָט ער אָנגעטאָן אַפֿן אַקסל, ווי אַ ביקס. דאָס האָט אויך פֿריילעך געמאַכט די זעלטן באַגעגנטע, אָבער ער איז געווען ווײַט פֿון געלעכטער, ער האָט נאָר פֿון צײַט צו צײַט געלאָזט פֿאַלן מיט אַן אומעטיק קאָל: „עפּשער האָט זיך שוין באָרעך צוגעווינט, פּרוּוו זיך זעצן לעבן מיר”, — כאַנע האָט געפֿאָלגט, זי איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון זאָטל. באָרעך האָט זיך אָפּגעשטעלט און מער פֿון אָרט זיך ניט גערירט.

באַ סאַקער וואָקזאַל איז די באַוועגונג פֿאַרגליוועט געוואָרן, בייס דאָס צווייערעדערדיקע וועגעלע איז מיט כאַנען אין זאָטל שטיין געבליבן. דערנאָך האָבן די פּאַסאַזשירן לעבן וואַגאָן פֿון צוג, וואָס האָט געדאַרפֿט אָפּגיין אַף מאָסקווע, מיט גרויס נײַגער געקוקט, ווי נעכעמיע האָט אויסגעקושט כאַנעס פּאָנעם, אירע הענט און איר פּאַטשיילקע אַף איר קאָפּ. איינע אַ פֿרוי, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ נעענטער פֿון אַנדערע, האָט, בייס דער צוג איז שוין אַוועק, געזאָגט צו כאַנען:

— שוועסטערקע, ביסט אַ גליקלעכע, ער שטאַרבט, ער גייט אויס נאָך דיר. כאַפּ דאָס גליק פֿאַר דער פּאָלע. כאַפּ, הערסט, וואָס איך זאָג דיר! און האַלט שטײַף, מיט ביידע הענט!

■

יענעם טאָג האָט כאַנע זיך געטרייסלט אין זאָטל און דאָס וועגעלע האָט געקלימפּערט הינטער איר, אָבער זי האָט ניט געהערט און ניט געזען גאָרנישט. דאָס ערשטע מאָל האָט זי פּאַרשפּעטיקט צום פֿאַרנאַכטיקן געמעלק, דאָס ערשטע מאָל...

כא:ים מאַלטינסקי

פונעם בוך „יאָרן, יאָרן מײַנע"

צו דער בריווטרעגערן

פון קיינעם בריוו כ׳דערוואַרט ניט,
נאָר כ׳גיי איר פאָרט אַנטקעגן,
דער קיינעוודיקער, צאַרטער,
און וויל זי עפּעס פרעגן,

נאָר וואָס גענוי — איך ווייס ניט,
מײַן צונג האָט זיך פאַרפּלאָנטערט,
מײַן פּאָנעם, פיל איך, הייס ווערט,
און כ׳פרעג זי: הײַנט איז מאָנטיק?

— און מאָרגן וועט זײַן דינסטיק, —
א שמייכל טוט זי ליכטיק.
כ׳באַדאַנק, און ענטפער זיכער:
ס׳איז זייער פאַר מיר וויכטיק,

ווײַל דינסטיק,
דאַרפט איר וויסן,
האָב איך באַשטימט דאָ ווידער
אײַך טרעפן און באַגריסן.

מיר דאַכט

וואָס אָנגעכאָלעמט האָט זיך מיר די
נאַכט.
ווען כ׳זאָל אפילו וועלן דיר דערציילן,
ווי ס׳האָבן וויכערס מיך געיאָגט
דורך כווּשעכדיקע היילן,

צווישן פעלדזן־הליבעס,
אין אַלדי שוואַרצע העקן, —
וואָלט מיר אַף דעם, מיר
דאַכט,
קיין הונדערט יאָר ניט קלעקן.

איך הער פאַרגאַפּט

עס איז אין וואַלד דער שניי נאָך ניט צעגאַנגען,
און ס׳פּרוּווט דער סאָלאָוויי שוין זײַנע קלאַנגען.

ער שפּילט דערווײַל די סאַמע אָנפאַנג־גאַמעס.
כ׳שטיי צווישן סאָסנעס — מײַנע דאַלעדאַמעס —

און הער פאַרגאַפּט, ווי ס׳ווערט א ליד געבוירן.
בא מיר אין האַרץ עס נעמען זאַפטן יוירן.

און כאָטש אין שניי אין בלאָטיקן
די פיס מיר פרירן,
פאַרקישעפט קען איך זיך פון אָרט ניט רירן.

פידל־שפּיל

פידל־שפּיל דורך ראַדי:אָ איך הער.
אין דער לופט די זיסע טענער טײַען.
ווערט אַף דער נשאָמע ענג און שווער.
מאָדנע, נאָר איך קאָן זיך ניט באַפרײַען

פון א ביטער־גרויליקן געדאַנק
(פּלאָנטערט אין מײַן קאָפּ זיך ווילד־מעשונע):
פּלוצעם ווערט דערשטיקט דער מילדער קלאַנג
און די ערד פּלאַצט, ווי א זילבער־סטרונע...

פאר דיר

פאר דיר מײַן הארץ
איז קײנמאָל אונטער זיגל.
פאר דיר מײַן טיר
איז פרײַ פון שלאָס און ריגל.
און אָפן מײַנע טישקעסטלעך,
קאָמאָדן.

און קומען װאָלסטו
אָנטאָן מיר א שאָדן,
א קעלישעק צעברעכן
צי א טעלער,
װאָלט מײַן געמיט
דערפון נאָך װערן העלער.

װאָס מער איך זוך

יאָ, אז מע זוכט, װי באקאנט, געפינט מען, —
א זיכערער און אלטער קלאל.
איך האװע אום און דרײ מיך, װי א װינטמיל,
באקומט זיך גאָר פארקערט, אין יעדן פאל, —

װאָס מער איך זוך, אלץ װײניקער כ׳געפין.
ארום דײַן שטוב איך זשומע, װי א בין,
קלאַפּ אָן זיך אין דײַן קלאָרער רײנער שױב,
נאָר דו ביסט צו מיר בלינד און טױב...

שטיפעריש

איך האָב פון דעם האנאָע װײפל,
װען איך פארקאטשע הױך די פלודערן
און גיב א שטופּ פון ברעג דאָס שיפל
און שפּרינג אין דעם ארײַן, נעם רודערן
מיט בײדע װעסלעס פלינק און רײן.

איך װאָלט אזױ פון זיך אלײן
זיך אָפּשטױסן מיט פארגעניגן,
אַף כװאליעס הױדען זיך און װיגן,
דערזען, װי דאָרט באם ברעג איך שטײ,
צו זיך טאָן שקאָציש א געשרײ.

די ערד פארשטײט

אָטכײַעט קױם דאָס הארץ, און גלײַך אנטרינט
די שאָפּלדיקע שלאַבעריקע אלטקײַט.
דערפילסט אפּסנײַ דעם פרישן פרילינג־װינט,
די בלױע הײך,
די האָפערדיקײַט
און צעשטראלטקײַט.
און אף די בערג ביסט גרײט
ארומצושפּרינגען, װי א העזל.
די ערד אונטער די פיס אָבער פארשטײט,
װי שװער דיר איז,
און ס׳שטערקט א האנט דיר אױס
איעדעס גרעזל...

כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו

מיט אַ וואַרעם האַרץ

(באַרשעווער מאָטיוון)

אַרום דעם וווּנדערבאַרן אוצר

דאַנערשטיק פאַר מיטיק האָב איך געבראַכט דעם שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט אין שול־היים.

דער פּאָרטרעט, אײַנגעהילט אין כאָמעלעס א געשטריקט קאָוריקל, האָט געמאַכט אַזאַ גוואַלדיקן רוישעם, אַז אַלע זײַנען מאַמעש געבליבן געפּלעפט.

אַרל סקליאַר האָט אויסגערופן מיט גרויס היספּײַלעס און אַנציקונג:

— זע נאָר, אַשער שוואַרצמאַן! אָט דער מערקווירדיקער פּאָרטרעט, — זאָגט ער, אַן איבעראַשטער, — איז געמאָלט געוואָרן ניט נאָר מיטן פּענדזל, נאָר אויך מיט דער נעשאָמע פון אַ דענקענדיקן הויכטאַלאַנטירטן קינסטלער, אַ יאַשער־קויעך אים פאַר אַזאַ שעדעווער! בעפּיירעש אָן גוזמע, אַ פּרעכטיק ווערק... דער שעפער פון דעם דאָזיקן שוואַרצמאַן־בילד איז דערהויבן געוואָרן צו שוואַרצמאַנען דעם דיכטער... גלייבט מיר, מײַנע טײַערע, בענעמאָנעס, כ'האָב אַפילע רעכט ניט געוווּסט, אַז אַף אונדזער באַרשעווער ערד לעבט אַזאַ גוטער קינסטלער.

נאָך מיטיק־צײַט האָט זיך אַרײַנגעשטעלט דער פּאָליטפּראָסוועט מיט נאָך עפּעס אַ דיקלעכן פּאַרשוין פון די פּניי־האָיר, כ'מיין דאָ צו זאָגן, פון די שטאָט־באַלעבאַטים. אַ סוואָרע, דער דאָזיקער שטיל־געמיטלעכער פּוללײַביקער נעפּעש מיטן הוילן הויכן שאַרבן זאָל האָבן צו הערשן איבער שול־ און קינדערהיים־וועזן. צו אונדזער קינדער־אַנשטאַלט, קלער איך, האָט ער מיסטאַמע דעם גרעסטן שײַכעס און די ברייטסטע דייע. אָן זײַן האַנט־כסימע רירט מען זיך ניט פונדאַנען אַהין... נאָר איין מענטש, דער כאַווער יאַקאָוו, איז מיט אים היימיש און רופט אים פּראָסטלעך — מישע. אונדזערע לערער אָבער האַלטן אין איין בייגן זיך און בייגן פאַר אים, אַז עס שלאָגט צו דער גאַל. דעם כאַווער יאַקאָוו, זע איך, ווערט עס אַזש אַליין פּריקרע. זויערלעך שעפּטשעט ער שטיל פאַר זיך: מאַיאָפּעסניקעס!..

— מישע! — ווענדט ער זיך צום דיקלעכן פּאַרשוין, — פאַרײַס ניט צו הויך די נאָז, האַלט זיך ניט מײַסע פּאָרעץ... זעסט דען ניט, ווי דאָס הײַפּעלע לערער כאַפּן אַ ציטער?

— איך בין ניט קיין וואָלף, — ענטפערט יענער, — און זיי זײַנען ניט קיין שאָף...

— מיכאַ:ל דעניסאָוויטש! — צערטלען די לערער יעדעס מאָל זײַן פולן נאָמען. — מיכאַ:ל דעניסאָוויטש! — באַמיט זיך יעטווידער אײַנער אײַנקויפן בא אים אין ליבשאַפט, נויסע־כיין זײַן אין זײַנע אויגן... די נאָכגעבערישע האַכנאָע מיצאַד די לערער קאָסט אונדז געזונט — צו וואָס זיך שטעלן אַזוי וואָלוול? ווער פאַרלאַנגט עס זייער פאַרמינערונג?..

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נום. 6, 1973.

כעוורע ייִנגלעך פון עלטערן קלאַס שושקען זיך סוידעסדיק, ווינקען שטום און פאַרדעכטיק צו יענער זײַט, וווּ עס שטייט דער באַל־באָסער. אין שטאָט, דערציילן כעוורע, האַלט מען אים פאַר א גרויסער „שישקע". א קלייניקייַט — אַן אינספּעקטאָר! איך, לעמאָשל, ווייס נאָך מער, וויפל די ייִנגלעך דערציילן, איך ווייס, אז ער איז אויך דער פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע באַם שטאָט־ראַט. זעט אויס, דערפאַר טאַקע שטייט דער פאָליטפּראָסוועט מיט אים אין אַן ענגן קאָנטאַקט, אנדערש, מיין איך, וואָלט אים דער כאַוועך יאַקאָוו ניט געפירט אין שול־היים.

דאָ זעען מיר פלוצעם, ווי ער, דער אינספּעקטאָר, פאַרלאָזט די לערער, דעם כאַווער יאַקאָוו און גייט אוועק צו דער קיך. דאָרטן פאַרזוכט ער פונעם געקעכץ, פרעגט זיך נאָך באַ דער קעכנע, צי די שפּײַז־פּראָדוקטן ווערן ארויסגעגעבן צו דער צײַט; וואָס שטערט, אז מע זאָל נאָרמאַל צוגרייטן פאַר די קינדער דאָס עסן? אף וואָס קלאָגן זיך די וויכאָוואַנצעס?..

פון דעם אלעם איז געווען צו דרינגען, אז דער שווארצמאַן־פּאָרטרעט האָט אים ווינציק וואָס אינטערעסירט. אַפּאַנעם, עס גייט אים אָן אין דער לינקער פּייע די גאַנצע סימכע, מיט וועלכער מיר אלע פרייען זיך. שפּעטער, נאָך דער קלייניקער רעוויזיע אף דער קיך, איז דער פולבלעכער אינספּעקטאָר ווידער ארומגערינגלט געוואָרן מיט א הײַפּל קינדער, ער האָט געמאַכט א שטיקל אויספרעג: עפשער זײַנען די שילער ניט צופרידן מיט די לערער־דערציִער? צי ווערן ניט די קינדער צו הארב באַשטראָפט?.. וויִאַזוי גייט דאָס לערנען? וויִאַזוי פאַרברענגט מען די פרײַע צײַט?

— שעמט זיך ניט, זײַט מיט מיר פרײַ און אָפן: וועלכע טײַנעס שטעלט איר ארויס?

אָט לויפן מיר גלײַך אויסדערציילן פאַר אים אלע סוידעס. אפילע דער כאַווער יאַקאָוו, וועלכער איז אַן אָפּטער ארײַנגייער צו אונדז, קאָן זיך אקוראַט ניט דערגרונטעווען אלע אונדזערע פאַרבאָרגענישן, — וויל ער, דער געראָטענער אינספּעקטאָר, מיט איין קנאַק אַראָפּשיסן אלע פּערציק סאָראָקעס... דערנאָכדעם זײַנען געקומען צו אונדז געסט פון דער זאַראַסיער ארבעט־שול און פון קינדערהויז. דעם דיכטערס פּאָרטרעט האָט מען אף א פּײַערלעכן אויפן אופגעהאנגען אין יענעם גרויסן קלאַס־צימער, וואָס דינט אונדז אָפט אף ברייטערע פאַרזאַמלונגען און אויך פאַר אנדערע יאָמטעוודיקע פּײַערלעכקײַטן. אונדזערע מיידלעך האָבן דאָ, באַ דער צערעמאָניע, ארויסגעוויזן פּײַנעם געשמאַק, כאַריפּעסדיק אויסגעצירט מיט יעלן־צווײַגלעך דאָס שווארצמאַן־בילד, און עס האָט זיך זייער קונציק באַקומען, גלײַך ווי מע וואָלט דעם פּאָרטרעט אין דער איידל־געשניצטער ראַם ארײַנגעטאָן נאָך אין איין ראַם פון לעבעדיקן גרינס, צוגעפּוצט מיט פרישע קווייטן. מענדעלע מויכער־ספאָרים, י.־ל. פּערעץ, שאָלעם־אַלייכעם זײַנען מיט דעם נײַ־צוגעקומענעם פּאָרטרעט ווי אָפּגעפרישט געוואָרן.

ס'איז געווען מיט וואָס זיך גרויסן און איבערנעמען.

אינעם קליינעם קאָרידאָרל, דאָרט, ווו די קעכנע שטעלט אלע אינדערפרי דעם סאַמאָוואַר, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אָפּן כאַווער יאַקאָוו. ער האָט מיך געבעטן שטיין א ווײַלע אָט דאָ אין דער שטילקײַט לעבן אים, ביז ער וועט אויסרייכערן דעם ציגאַר.

— כאָמעלע האָט מיר אלצדינג דערציילט, — לויכט ער אוף א דערפרייטער. זײַן האַנט קלאַמערט זיך געטרײַ אין מײַן אקסל, ער דריקט מיך פעסט צו זיך מיט עפּעס א מין געהויבענער פריילעכער שטימונג. — איך ווייס, טײַערינקער, איך ווייס... דײַנע שמועסן וועגן דיכטער האָבן באַם אלטן מעשומעד שטארק אויסגענומען... דאָס האָסטו מאַשפּיִע געווען, ער זאָל זיך נעמען צו אָשער שווארצמאַנען. ביסט א כוואַטסקע יאַטל, דאָס קעפּעלע דײַנס שפּילט. פון דער ערשטער קענטשאַפט האָב איך אין דיר אײַנגעזען קערנדיקס, עפּעס אַזוינס, אף וואָס מע דאַרף זיך אומקוקן...

כ'בין פּאָשעט ניט געוווינט אין מײַן לעבן, עמעצער זאָל מיך רימען, ביפראַט נאָך אז דאָס טוט גאַנץ הויך אף א קאָל דער כאַווער יאַקאָוו אליין... כ'האָב בעדייע געהאַט נאָך פריִער מיט א צײַט אלצדינג דערציילן, מיסוואָדע זײַן זיך פאַר אים, האָט מיר שטארק געשראָקן דאָס הארץ, טאָמער כאָלילע וועט דער מאָלער מאַכן שווארצמאַנען פאַר א בלינדן, אָנמאָלן אים מיט צעשאָסענע אויגן...

איך האָב ליב זען דעם כאַווער יאַקאָוו מיט זײַן פּראָסטהארציקײַט און פּאַשטעס, מיט זײַן צוגעלאָזטער גוטער נעשאָמע פון א ווילן, פרײַנטלעכן מענטש, וואָס איז שטענדיק באַהערשט פון גוטע מאַכשאָוועס און גוטע קאַוואָנעס, פאַרמאָגט אין זיך אײַנזעעניש פאַרן יאָסעמדיקן קינד, ער איז זיך מאַמעש מויסערנעפעש פאַרן עלנטן און דאַכלאָזן נעפעשל.

דאָרטן, אין יענעם געראַמען צימער, ווו מע האָט אָקאָרשט אף א פּײַערלעכן אויפן אופגעהאנגען דעם שווארצמאַן־פּאָרטרעט, באַרעמלט און באַצירט מיט פרישע יעלן־צווײַגלעך, געפלאָכטענע קרענצלעך, פילפאַרביקע בלומען, האָט געשלאָגן מיט פריילעכן רויש, מיט

יויול־געשריי און שטאַרק צעוואָרעמטן טומל. ווי נאָר מע האָט דערזען דעם כאַווער יאַקאָוו בא די צעעפנטע טירן, איז גלײַך געוואָרן א פּריילעכע פּליעסקערײַ מיט א זשומעניש אַף טויב צו ווערן. כעוורע פאַרבעטן אים הײמיש אין קאַראַהאָד, יעדער איינער וויל דאַפקע נאָר שטיין לעבן אים און פילן זײַן האַנט. אייפערדיק ציִען אים מיט קינע אונדזערע צוגעפּוצטע מיידלעך, קלעפּן זיך ארום אים און עסן אים מאַמעש מיט די אויגן.

ווי גוט, ווי ווויל וואָלט נאָך געווען, ווען דער אַלטער מאָלער, אַניסי מאַרקאָוויטש, זאָל טאַקע בעמכילע, מיט זײַן קאַוועד, בײַזײַן אַף דער דאָזיקער סימכע... דער יאָמטעוו אַליין, דאַכט מיר, וואָלט געווען א דאָפּלטער. מיט וויפל ליבשאַפט, פאַרערונג און באַוווּנדערונג מיר וואָלטן דעם גרויסן מאָלער אופגענומען. מיר וואָלטן אים געמאַכט אזא פּײַערלעכן קאַבאָלעס־פּאָנעם, אז די גאַנצע שטאָט וואָלט זיך געוויגט.

איין פערעלע האָט זיך פונדעסטוועגן אײַנגעשטעלט און געפערגט טמימעסדיק שטיל, אופהייבנדיק איר ליב כיינעוודיק פּאָנעם, וואָס פאַרמאָגט אין זיך א וועלט מיט וואַרעמער שײַן.

— קעדיי שאַפן אזא פּרעכטיק בילד, — פאַרקאַטשעט זיך בא איר העכער דאָס אייבערשטע ליפּעלע, און אין די ברייט־צעעפנטע אויגן קוועלט מיט אַזויפיל מילדן נײַגער, — איז דאָך נייטיק, — זאָגט זי, — ניט נאָר צולייגן געזונט, קויעך, נאָר אויך ארײַנגעבן, ווי דער לערער אונדזערער, ארל סקליאַר, דריקט זיך אויס, א שטיק אייגענע נעשאָמע... איאָ? און פאַר אונדז, שול־היימניקעס, האָט שוין באַם מאָלער אויסגעפּעלט אי געזונט, אי האַרץ, ער זאָל זיך מאַטריִעך זײַן אַליין קומען... כאַווער יאַקאָוו, קלערט עס מיר אוף!

די קורצזיכטיקע אויגן ווערן באַם כאַווער יאַקאָוו ליבלעך־כיינעוודיק פאַרשמאָלט, און ער ענטפערט פערעלען:

— דאָס קאָן איך דיר טאַקע ניט אופקלערן... עפּשער ניט געזונט...

פערעלע האָט בלויז גוטמוטיק צוגעשמייכלט. פון אזא מעטושטעשן ענטפער וועסטו בעַ־מיילע ארויס ניט וויסנדיק. ווער־ווער, נאָר איך ווייס דאָך דעם עמעס — דער כאַווער יאַקאָוו האָט פאַר איר גאָרניט געלייקנט... אוואַדע וואָלט דער כאַווער יאַקאָוו אַליין א באַלן געווען, אז דער קאַפּריזער זאַקן, וועלכער איז געבענטשט מיט ראַכוועסדיקער שאַפונג, הויכער טאַ־לאַנירטקייט, זאָל זיך געפינען דאָ אַף דער קאַראַטשענע, אין שול־היים צווישן די קינדער, באַטייליקן זיך אין זייער שטיקל יאָמטעוו... ווער ווייסט, צי דער אַלטער מאָלער — דער איינזאַמסטער מענטש אין באַרשעוו — האָט כאָטש געפּילט, אז ער פאַרשאַפט סײַ די לערער, סײַ די דערצויגלינגען מיט זײַן ניט־קומען אין זייער קינדער־אַנשטאַלט פיל אָגמעסנעפעש?..

איך ווייס ניט, צי מע דאַרף אַף אזא אויסנעמיקן פאַרשוין שטאַרק פאַריבל האָבן, נאָר עפּעס לייגט זיך שווער אַף דער נעשאָמע א מין געמיש פון נאַגעניש און פאַרדראָס.

דורכן אָפענעם פענצטער האָט דורכגעשוועבט אין הויף א קענטלעכע פיגור. אָנשפּאַרנדיק זיך אַף דער ברייטער פענצטער־ברעט, רוק איך טיפער ארויס דעם קאָפּ מײַנעם אין דרויסן. ריכטיק, כ׳האָב קיין טאָעס ניט געהאַט, טאַקע כאָמעלע אַליין... אין איין אויגנבליק, פּײַל־אויסן־בויגן, טו איך א שפּרונג ארויס אין הויף. ביז עפּעס וואָס, זע איך, ווי זי שטייט שוין מיטן אינספּעקטאָר, וואַרפט זיך דורך מיט א פריילעך וואָרט, שפּאַסט און, ווערדליק מיר דאַכט, כויזעקט זי נאָך א ביסעלע אונטער, ווי זי איז דאָס געוווינט צו טאָן מיט מאַנצבלען. אָנגעטאָן אין דעם פײַנעם שוואַרצן זשאַקעט, ליגן אין דעם מאַלבעש אירע שמאָל־גערונדיקטע אַקסל אויסגעגאָסן, ווי אין א פורעם. דאָס דורכזיכטיקע טיולענע טיכל ווינטלט זיך אפילע דעמלט, ווען אין דרויסן איז ניט צו פילן קיין מינדסט ווינטעלע. כאָמעלע איז געקומען אהער, אין שול־היים, קאָן מען זאָגן, א ביסל מער אויסגעסטאָרצלט, ווי געוויינלעך. בייסמײַסע איז מיר אפילע א פאַרדעכטיקער געדאַנק דורכגעלאָפן: עפּשער צום כאַווער יאַקאָוו?.. זיי קענען זיך שוין לאַנג. מיסטאַמע איז עס ניט דאָס ערשטע מאָל, ווען מע שטעלט אָפּ א באַגעגעניש. גראָד איצט קאָן איך כאָמעלען זייער גוט צוניץ קומען. איך רוק זיך צו נעענטער, קימאַט אומבאַ־מערקט און פרעג ניט דרייסט:

— ארויסרופן?..

— אָ! — האָט זי זיך שטאַרק דערפרייט, דערזעענדיק מיך, — נאָר דיך איינעם דאַרף איך אַצינד האָבן, מער קיינעם. אַניסי מאַרקאָוויטש האָט געבעטן ארײַנוואַרפן אן אויג אין אײַער שול־היים, טו איך עס אים צוליב... ער וויל וויסן, דאָס כײַעס גייט אים אויס, ווי־אזוי האָט מען אופגענומען דעם שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט? הער נאָר א מײַסע... פאַרשפּעטיקט, א שאָד! האָט מען דעם שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט באַוויזן שוין, זאָגסטו, אַף א פּײַערלעכן אופפּצו־הענגען אַף דער וואַנט? מיט גרינע צווײַגלעך און פרישע בלומען ארומגעפּוצט?.. פּײַן, פּײַן! אהא, — וואַרפט זי הייסע נײַגעריקע בליקן אַף ארוף, צו די אָפענע פענצטער, — איך הער

טאַקע, איך הער, ווי עס איז בײַ אײַך פריילעך, מע זינגט און מע פּליעסקעט און מע טופּעט מיט די פּיסלעך. מײַן איך, גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ גדולה, לאָזט זיך גאָר אויס...

— לעקאָוועד דעם דיקטער, — שטעל איך גיך צו מײַנע צוויי־דרײַ ווערטער, — און אויך לעקאָוועד דעם פּעטראָגראַדער אַלטן מאָלער, אַניסי מאַרקאָוויטש. פון הײַנט אָן, כאַמעלע, האָט דער גרויסער מײַסטער דערמעגלעכט, אַז אָשער שוואַרצמאַן זאָל שטיין נאָך אַ קאַר־פּעטשקע נעענטער צו אונדז...

— צו מײַן גרויסער כאַרפּע, — איז כאַמעלע זיך מיסוואָדע, — ווייס איך אַפילע רעכט ניט, וואָס פאַר אַ פּאָעט ער איז געווען, אָשער שוואַרצמאַן... נאָכן געמאָלטן פּאָנעם נאָך האָט ער, אוואָדע, געמוזט זײַן אַ כוואַטסקער יונגערמאַן, אַ מין פּושקין אָדער לערמאָנטאָוו... דער כילעק צווישן זיי און אים באַשטייט, אַפּאָנעם, אינדערינען, וואָס אָשער שוואַרצמאַן איז ניט אַרויס אַף קיין דועל זיך שלאָגן צוליב אײַנהיטן דעם קאָוועד, יענע האָבן געקענט אײַנשטעלן דאָס לעבן...

נאַרישע דילדע!.. נאַרישע בעהיימע!.. טוט אין מיר אַ בראָט דאָס גאַנצע אינגעווייד.

— אָשער שוואַרצמאַן, — רוף איך מיך אָן מיט אַ בייז געהעכערט קאָל, — האָט זיך געשלאָגן ביזן לעצטן אָטעם צוליב אונדז אַלעמען.

כאַמעלע, ווייס איך גאַנץ גוט, האָט ליב אַרײַנקוקן אין אַ בוך, און עס כידעשט מיך, וואָס זי ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ געבענטשטער דיכטער עס איז אָשער שוואַרצמאַן...

— „מיט ביקס אין האַנט״, איר הערט, כאַמעלע?

... מיט ביקס אין האַנט
מיט ווערעם בלוט אין הארצן...

אָט אַזוי, כאַמעלע, זײַנען מענטשן געגאַנגען זיך שלאָגן פאַר פרײַהײַט, פאַר דער גרויסער וועלט־רעוואָליוציע.

— אַרויסרופן דעם כאַווער יאַקאָוו? — טו איך פּלוצעם אַ פרעג נאָך אַ היפּשער ווײַלע שווײַגן.

— רעד ניט קיין נאַרישקײַטן, — טוט זי זיך קאַקעטיש אַ בייזער. — ניט אַף קיין ראַנ־דעוווּ בין איך אַהער געקומען. מיך אינטערעסירט בלויז די מאַטאָנע, שוואַרצמאַנס פּאָרטרעט... וואָס פאַר אַן אײַנדרוק האָט דעם מאָלערס בילד געמאַכט אַף די קינדער און אַף די לערער? דעם כאַווער יאַקאָוו דײַנעם האַלט אַף שאַבעס... — כאַמעלע האָט אַ לעצטן מאָל שטאָלץ אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ צו די פריילעכע אָפענע פענצטער, פונוואַנען עס האָט ברייט געשטראָמט דאָס געטומל, די זשומעניש און קינדערשע פאַרשײַטע לוסטיקײַט.

— גייט אַרײַן אינעווייניק, כאַמעלע, — פאַרבעט איך זי זייער העפלעך, ווי אַ געוווּנטשע־נעם גאַסט, — איר וועט גאָרניט אָנווערן. באַלד וועט מען דעקלאַמירן שוואַרצמאַנס לידער.

— לידער דעקלאַמירט מען ניט, — באַמערקט זי איראָניש, קימאַט אָפּשפּעטנדיק, — לי־דער זינגט מען... גוט, ווי־עס־איז וועל איך אַליין פּרוּוון אַרײַנקוקן אין שוואַרצמאַנס שאַפונגען. קעדיי אומיסטן זען, מיט וואָס אַזעלעכס וועט ער מיך איבעראַשן. צו גוטן לעקעך מעג מען מיך אָפּוועקן אינמיטן דער נאַכט...

דער האַרטער נוס איז ניט פאַר אירע ציין. גיי דערקלער כאַמעלען, אַז זי איז ניט גענוג צוגעגרייט צום קינסטלערישן וואָרט. סײַדן... סײַדן ווען דער לערער אַרל סקליאַר אָדער אַן אַנדער דערפאַרענער מענטש קנעלט מיט איר צו, דעמלט, מעגלעך, וואָלט זי זיך גרינגער דערקליבן צום דיכטערס אויצרעס. אויב זי וויל, כאַמעלע, קאָן איך זייער לײַכט קריגן פאַר איר דאָס קליינע ביכעלע לידער. יענץ, דאָס גרעבערע מיט די האַרטע טאָוולען, וואָס איז ערשט ניט לאַנג דערשינען, געפינט זיך נאָר אין דער שטאָט־ביבליאָטעק, ס׳איז אַ פרישע זאַך, שפּאָגל־נײַ, און מע דאַרף, זאָג איך, האָבן אַ צאַד, קעדיי עס צו קריגן... באַם כאַווער יאַקאָוו וואָלט זי עס אויסגעפּויעלט אײנס און צוויי.

— פאַר דײַן קלוגער אײַצע, — טוט זי זיך אַ קרים, — אַ שיינעם דאַנק דיר אין היטל! כ׳האָב ניט איבעריק ליב, ווען מע טוט מיר צוליב... צוליב קאָסט טאָמיד טײַער. שענק מיר ניט קיין האַניק, — וואַרפט זי צו מיט אַ גיפטיק ניגנדל, — און גיב מיר ניט אַ ביס. באַם כאַווער יאַקאָוו, זאָלסטו וויסן זײַן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, זוך איך ניט קיין טויוועס. פאַר אַ גוטן, פאַר אַ פרומען און פאַר אַ מעשוגענעם היט איך מיך, ווי פאַר פײַער.

וועגן אַזאַ מענטשן, וואָס איז ניט אין דער שטימונג, זאָגט מען באַ אונדז: אופגעשטאַנען אַף דער לינקער זײַט... כ׳האָב מוירע, אַז כאַמעלע, די שיינע קלוגע כאַמעלע, שײַנט מיר צו זײַן איבער עפּעס וואָס פאַרזויערט. אַף וועמען, בין איך אַ באַלן וויסן, איז די מויד אָנגע־דרודלט?.. ווי נאָר איך האָב זיך געכאַפּט, אַז מע דאַרף, פונדעסטוועגן, צו דער מעוואַלוואַלדי־

קער, אומצופרידן־רוגזעדיקער כאַמעלען זײַן אַ ביסל צוגעלאָזענער, מילדער, פאַרגעבן איר אופגעיווירטן שיגאָען, איז זי פּלוצעם פאַרשווּנדן געוואָרן אָן אַ זײַ־געזונט... אין מײַן דימיען טויכט אויף אָנשטאָט כאַמעלען די האַרעפּאַשנע, צילגעווענדטע קאָמסאָמאָל־טוערן בלומע יאַכניס מיט אירע ברייטע גוטהאַרציקע שמייכלען צו אַלץ און צו אַלעמען, וואָס איז נײַ און פֿריש. זי איז נעבעך מיד־מאַט, פאַרשטויבט פון ווײַטן וועג. זי אָטעמט שווער, אַלע אירע אייוורים בלײַבן מאַמעש אָן קויכעס, לעכצן נאָך רו. דער אָפּגעבליאַקעוועטער גרינער שינעל הענגט אַף אירע אַראָפּגעלאָזטע אַקסל וואַגיק־שווער. אַ ווײַסער שיכט וועג־שטויב רוט אַף די ענג געשנורעוועטע סאַפּאָזשקעס.

— מאַלאַדצי, רעביאַטאַ!.. — פרייט זי זיך גליקלעך, אָן איבערגעהאַרעוועטע, צוזאַמען מיט אונדז. — זייער גוט, זייער שיין! — קלײַבט זי טײַנעג. — עס איז גוט, וואָס איר האָט ליב אַזאַ דיכטער...

און מיר, דאָס הײַפל קינדער, בעראָש מיט אונדזער ליבן לערער, אַרל סקליאַר, כאַפּן אונטער שטיל־דערהויבן, באַצוויבערטע און פאַרכאַלעמטע:

ס'איז אַ הירש שוין געקומען צו טרינקען פון טײַך,
ס'איז דאָס וואַסער אַ לויטער־קרישטאָלענע דעק...
מיט אַ צווייענדיק־ליכטיקער זעלע טרוים איך
פון אַ לאַנד דאָרט אַף יענעם באַגילדעטן ברעג...

דאָס הײַפל קינדער ווייסן זייער גוט, ווען דער דיכטער האָט געשענקט די דאָזיקע ערלעכע, ריין־האַרציקע שורעס. טאָקע דערפאַר האָבן מיר זיך מיט פולער ליבשאַפט, געטרײַ אָן אַ ברעג און אָן אַ סאָף געצויגן צו דער מיד־וואונדערנדיקער קאָמסאָמאָל־טוערן בלומע יאַכניס, וועמעס אומרויִקער גײַסט עס טראָגט זיך שטורמיש אַרום אין גרויס אײַנשטעלעניש, מעסירעסנעפּעשדיק, איבער אומצאָליקע דערפער, כוטאָרן, ווײַטע, פאַרוואָרפענע ייִשווים, צוליב פּלאַנצן דעם נײַעם באָלשעוויסטישן געדאַנק, זייען פרישע זוימען פאַר דער צוקינפטי־קער געזעלשאַפט, כאַווען דעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר, וואָס קומט בויען די נײַע וועלט. מיר האָבן געקוקט אַף דער געוואַגטער און דרייסטער קאָמסאָמאָלקע בלומע יאַכניס ניט נאָר ווי אַף אַ שאַליעך פון אַ הויכגעשטעלטער אינסטאַנציע, נאָר בעפּיירעש טאַקע, ווי אַף איינע פון די סאַמע מוטיקסטע, שרעקלאָזע, פעסטע און באַהאַרצטע יונגע קאָמוניסטן.

מיר זײַנען עפּשער מער ווי גליקלעך, וואָס מיר זעען און פילן, ווי בלומע יאַכניס פרייט זיך מיט אונדזער סימכע. און אַז מע האָט באַ איר געפרעגט, צי איז קעדײַ געווען זיך אָנטאָן אַזאַ היפּשן קויעך, דורכמאַכן צופוס אַזאַ ווײַטלעכע שטרעקע אָן אָפּרו, אַ האַלב־הונגעריקע, אַבי וואָס גיכער קומען צו די שולהיימניקעס אָנטיילנעמען אין די פײַערלעכקײַטן אַרום דעם שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט, קלערט זי ניט לאַנג און ענטפערט:

— ווען איך ליג צו בעט טויט־קראַנק אַפּילע, — זאָגט זי, — וואָלט איך זיך אויך דערשלעפּט צו אײַך, מײַנע האַרציקע און טײַערע, בּיפּראַט איך בין, גאָט צו דאַנקען, געזונט אַף אַלע אייוורים. אײַ, די פּיסעלעך?.. די פּיסעלעך טוען אַזוי לאַנג ווײ, ביז זיי הערן אויף ווײ טאָן... דער מאַלער, אַ יאַשער־קויעך אים, אַ גוט געזונט לעבן אַף אים, האָט פאַרדינט, מע זאָל אים אָפּגעבן דעם שיינעם קאָוועד. אַ שאָד, וואָס ער פעלט דאָ אויס, אַוודע אַ גרויסער שאָד... אָבער ניט געזאָרגט, קינדער, אומבאַדינגט וועט ער נאָך קומען צו אײַך. מיר האָבן גענוג צײַט און געדולד צו וואַרטן... ער האָט געקאָנט געפינען דעם וועג צו אָשער שוואַרצמאַנען, וועט ער בעמיילע ניט קאָנען אויסמײַדן דעם הײַנטצײַטיקן אויסגעלייזטן מענטשן. אָן עמע־סער טאַלאַנטפולער קינסטלער מוז געפינען נעשאָמע־פרייד אין אונדזער רעוואָליוציע, סײַ באַם סאָלדאַט, סײַ באַם קינד, סײַ באַ אָן אָפּקומענדיקער נעשאָמע און סײַ באַ אַזעלכע פּראָ־לעטאַרישע וועג־פירער, מאַנהיגים, וואָס אַנטפּלעקן פאַרן פּאָשעטן אַרבעט־מענטשן נײַע וועלטן...

וועגן פעטראַגראַדער מאַלער האָט זי גערעדט מיט באַוווּנדערונג און היספּײַלעס, אָבער שטיל געהאַמעוועט די צעוואָרעמטע געפילן און געצוימט דעם הייס־פּיבערדיקן פלוס זייערן.

— איך בין זיך אָפּנהאַרציק מוידע, — זאָגט זי, — דער לאַכלוטן פאַר מיר אומבאַקאַנטער מאַלער האָט אַ צווייט מאָל מעגאַלע־פּאָנעם געווען דעם דיכטער, דעם פרײַנט און דעם כאַווער מײַנעם... דאָס איז אַ וווּנדערלעך קונסט־ווערק, וואָס דערוועקט נײַע געפילן, פרישע געדאַנקען...

קיינער האָט אַזוי הויך ניט געקאָנט שעצן דאָס מײַסטער־ווערק, ווי בלומע יאַכניס, די מיטצײַטלערן, די געטרײַע פאַרערערן און פאַרזענלעכער פרײַנט פונעם העלדיש־אומגעקומע־נעם דיכטער. אין דער קיִוועור קאָמסאָמאָלקע בלומע יאַכניס האָבן מיר אַלע געהאַט דעם ווירקנדיקן אײַנדרוק, געשפּירט מיט אַלע כושים אַ שטיק לעבעדיקן אָשער שוואַרצמאַן...

ווינציק צו זאָגן, אַז בלומע איז אונדז געווען ביז גאָר אָנגענעם, ליב מיט אַלע כּיִיסן אין דעם דאָזיקן געדענק־טאָג, וואָס וועט זיכער בלייבן אויף לאַנגע יאָר איינגעבאַקן אין האַרצן. מיר האָבן אויך אין איר גופא דערפֿילט די גרויסע שייַכעסדיקייט צו שוואַרצמאַנס סוויווע, צו זיין בילדערישער וועלט און בעמיילע, פאַרשטייט זיך, צו זיין דיכטערישן שאַפן. בלומע יאַכניס איז פֿאַר מיר זעלבסט געווען אַ מין אייגנאַרטיקער פאַליטפּראַסוועט. זי האָט אויך געהאַט צו טאָן מיט ברייטער פּראָפּאַגאַנדע, קולטור, דערציִונג. זי איז דעלעגירט געוואָרן פֿירן און אינספּעקטירן די קולטור־מאַסעווע אַרבעט צווישן קינדער און יוגנט, אָרגאַניזירן אין די אַרומיקע דערפֿער קאַמיוגישע קעמערלעך, ריכטן די לערן־אַנשטאַלטן אינעם נייַעם גייַסט, שאַפֿן אַ נעץ פֿון ליקבעז־פּונקטן, רופֿן צום קאַמף מיט די פֿינצטערע פֿאַנאַטישע קלעריקאַלן, וועלכע האַמעווען דעם רעוואָליוציאָנערן גאַנג, האַלטן אײַן מיט אַלע קויכעס די פּאַרגליוועוורטע פּרומקייט, לאַנגאַניקע מינהאָגים, פֿאַרגרעבטע פֿירעכצן אינעם טאָגטעגלעכן שטייגער, לאָזן ניט אויסוואַרצלען די פֿאַרשימלטע דורעסדיקע זיטן, מידעס, געוווינהייטן. אָט די ענטוזיאַ־סטיש־ענערגישע, אַקטיווע, טעטיקע בלומע יאַכניס איז געווען איינע פֿון די, וואָס זייַנען געגאַנגען מיט אָנגעשטאָלטן ווילן ברעכן דאָס דאָר־דורעסדיקע פֿאַרקאַוועטע איִיז. ניט איין מאָל איז איר אויסגעקומען איינשטעלן דאָס לעבן... וויפֿל פייַנטלעכע קוילן פֿון באַנדיטישע אָברעזן זײַנען אין דער אומרויִקער קאָמסאָמאָלקע געשיקט געוואָרן...

איצט האָב איך נאָך צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן אונדזער באַרשעווער כאַמעלען.

כאַמעלע האָט זיך אַפּאַנעמעסן געצויגן נעענטער צום דיכטערס שאַפונג, קעדייי געפֿינען פֿרישע שפּײַז פֿאַר איר שטענדיק דאָרשטיקער נעשאָמע. זי זוכט שיינקייט, דערהויבנקייט אין אַלע מינים קונסט־געביטן. פֿאַר כאַמעלען באַטײַט עס גײַסטיק רײַכער ווערן, פֿאַרפֿײַנערן איר קונסט־געשמאַק. זי האָט אַ גוסט צו עפּעס רעכטס, כאַריפֿעדיקס, אויסנעמיקע אַנטיקלעך. נו, מאַכטייסע, זאָל איר גאָט העלפֿן אין אירע אַלע זוכענישן און גריבלענישן. אוודע וואָלט עס געווען פֿאַר איר אַ גרויס גליק, ווען דער דיכטער אַשער שוואַרצמאַן וועט מיט זיין צויבער־קראַפֿט אַרויסהעלפֿן כאַמעלען פֿון איר קראַנקער אייגנליבע און פֿון אַלע אירע מע־שונעדיקע קאַפּריזן.

ריכטיק, ס'איז ווייַט ניט דער ערעך, ניט צו פֿאַרגלײַכן כאַמעלען מיט אַשער שוואַרצמאַנס פֿרײַנדן, די יונגע הייסבלוטיקע קאָמוניסטקע בלומע יאַכניס. זאָגן בלויז, אַז דאָס זײַנען צוויי פֿאַרשידענע יונגע פֿרויען, הייפּעכדיקע כאַראַקטערן — דאָס איז שפּאַט־ווינציק געזאָגט וועגן זיי... מער פֿינקטלעכער און ריכטיקער וואָלט זיין: צוויי באַזונדערע וועלטן, יעדע איינע פֿאַרמאָגט איר אינהאַלט און איר וועלט־באַנעם. סײַ די און סײַ יענע זײַנען אין לעבן ניט געגאַנגען אין דער מאַמעס שיך... דער כילעק איז נאָך געלעגן אינדערינען, וואָס כאַמעלע האָט געהאַלטן אין סאַמע רעכטן בלאָנדזשען... גאָט ווייסט, צו וואָס פֿאַר אַ ברעג זי וועט נאָך צושווימען?.. עס גילט ניט דאָס צאַצקען זיך אינעם אייגענעם „איך", דאָס שטעלן זיך שטאַרצעם, אויספֿירן נאָר דאָס, וואָס מע וויל און מע פֿאַרלאַנגט... מיט אַזאַ אַקשאָנעס איז שווער זיך אַרופֿשלאָגן אַפֿן עמעסן וועג. קאָן זײַן, ווען דער גורל פֿירט זיי צונויף צוזאַמען (האַגאַם איינע די אַנדערע זײַנען זיך סויסער, סטירעדיק אין די כאַראַקטער־אייגנשאַפֿטן), וואָלט אַזאַ צעבויטעטע כאַמעלע מיט אַלע אירע צעפּעסטעטע קאַפּריזן, מיט אַלע אירע כעס־רוינעס און מײַלעס עפּעס וואָס נוצלעכס אָפּגעלערנט פֿאַר זיך.

— —

...אין דעם אומגעוויינלעכן טאָג, דאָנערשטיק, האָבן מיר, טאַלמידים פֿון שול־היים, פֿאַר־לאָזט דאָס אופֿגעקאַלופּעטע ברוינע מויערל אויף דער שטילער קאַראַטשענע אַ סאַך שפּעטער ווי אין אַנדערע וואָכעדיקע טעג. אין דרויסן איז נאָך ניט געווען שטאַרק פֿינצטער, אָבער אויף די גאַסן שטייען שוין די הײַזער אין נעפּלדיקער נאַכט־שײַן. פֿיל קליינע נאַפּט־לעמפּלעך בליקן בלינד אַרויס פֿון די האַלב־אָפֿענע פֿענצטער צום וואָס אַמאָל מער און מער געשאָטנטן דרויסן. ווי־ניט־ווי האָבן זיך שוין אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז דאָס זעלטענע קונסט־אַנטיקל, געמיינט, אַפּאָנעם, דעם שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט, וועט מען בעקאָרעוו אוועק־פֿירן קיין קיִעוו אויף דער לאַנד־אויסשטעלונג און אים, דעם אַלטן מאָלער פֿון פּעטראָגראַד, צוריקרופֿן אויף זײַן אָרט... מאַשמאָעס, אַז דער אַרופֿגעלייגטער כיירעם וועט אינגאַנצן באָטל ווערן. לונאַטשאַרסקי אַליין טוט אינדערינען פֿיל מער ווי עס קאָן טאָן דער בעסטער גוטער פֿרײַנט. לונאַטשאַרסקי, דאַרף מען וויסן, איז באַ דער מעלוכע ניט אַבי ווער... האַלעווײַ וואָלט דער אַלטער מאָלער ניט געהאַט די מאַנקאַליע אין קאָפּ און זיך ניט געבריקעוועט, וואָלט ער אופֿגעריכט געוואָרן, דער דערפֿאָלג זײַנער און די דערהויבונג פֿון זײַנע העכסטע קונסט־ווערק איז פֿאַר אים אומעטום קימאַט געווען געזיכערט מיט האַצלאָכע. וואָס זשע דען יאָ,

ער וועט נאָך פּרוּוון, דער מעפורסעם, זאָגט מען, פאַרן לאַנד־קאָמיסאַר איבער קולטור־איניאָנים, אַרויסשטעלן טנאָים...

קלערן קלער איך, אַז דאָס זײַנען נאַרישע פּלוידעריַי, פּוסטע גאַס־דיבורים, באַטלאָנעס. ווער־ווער, נאָר איך ווייס דאָך די אַניוועס און די ערלעכקײַט פונעם אַלטן מאָלער. ווי ער האָרעוועט שווער און ביטער איבער יעדער מינדסטער געמעל־צייכענונג. דער זאָקן ווייסט ניט פון קיין רו, ניטאָ פאַר אים קיין שאַבעס און קיין זונטיק, שאַנעוועט ניט דאָס איבערגע־בליבענע ביסל געזונט, שטענדיק טרעפט מען דעם שעפער באַ זײַן אַרבעט. די סאַרפּעדיקע זון האָט אים שוין געמאַכט שוואַרץ ווי קויל, אַרויסגעצויגן דעם קליאַק פון די אַלטע ביינער, די צעקנייטשטע הויט אַדורכגעבערענט אַף דורך און דורך. הײַנט די אינערלעכע יעסורים, קלעמעניש און פּײַן, וואָס דער באַיאָרטער מענטש לעבט איבער ביסן מאָלן?.. עס איז קעדײַ אַמאָל פאַר טשיקאַוועס שטיין באַ אַ זײַט פונדערווײַטנס און אָבסערווירן, ווי־אַזוי דאָס צע־אַקערטע פּאָנעם זײַנס ענדערט זיך אַלע ווײַלע. וויפל לייד, פּלאָג, פאַרצווייפלונג מאַטערן זײַן נעשאָמע. יעדער שטריך פונעם פּענדזל, וואָס ער פירט איבערן לײַוונט, איז ווי אײַנגעטונקען ניט אין קיין צעמישטער פאַרב, נאָר אין אייגענעם בלוט, אין אייגענע נעשאָמע־שמערצן... טאָמיד הערט מען פון אים דאָס אומצופרידענע וואָרטשען: „ניין, ניין, ניט דאָס האָב איך געוואָלט... עס טויג לאַכלוטן ניט... פאַלש, פאַלש... פאַלש!" און דאָס צעפּליקטע פּאַפּיר פליט זשמוטעוויַיז אין אַלע פיר זײַטן. דאָס איז די פּולע פון ס'ראָוו ניט פאַרענדיקטע געמעלן, עסקיזן, לאַנדשאַפטן... דער מאָלער איז אַן אַכזער אַף זיך אַליין, שנײַדט אומבעראַכמאָנעס־דיק אַף רעכטס און אַף לינקס, כויזעקט און שפּאָט פון זײַן אַרײַנגעלייגטער מי, פון זײַן ביז גאָר שווערער אַרבעט, וואָס געפינט באַ אים ניט קיין כיין. אַן אַנדערער וואָלט פון דעם, וואָס דער אַלטער מײַסטער רופט אָן „ניוועץ", „פּכאַס", אָדער, נאָך פּאַשעטער גערעדט, „בראַק", געוויס אויסגעשלאָגן פּוטער. קימערט אים עפּעס אין זײַן מאָלעריש שאַפן, אַפילע אַ נישטיקע קלייניקײַט, איז שוין מיט סאַקאָנעס־נעפּאָשעס.

— ניין, — שרײַט ער שוין אויפגערעגט און ער וויל מער פאַר די אויגן דאָס געמעל ניט זען, — ס'איז ניט נאָר קיין כיסאָרן, — ברילט ער צו זיך אַליין מיט ווילדן קאַס, — נאָר אַ וואָרצל פון פאַלשקײַט... דאָס דאָזיקע שמירעכץ איבלט... „קאַקעפּיצי", — קרימט ער דאָס טיף־צע־פאַלדעוועטע פּאָנעם, ווי עס וואָלט בעעמעס פונעם בילד געטראָגן מיט שלעכטע רייכעס. ער שטראָפט זיך, טאַדלט דאָס אייגן געשאַפן בילד... — אַדעראַבע, פּרוּווט זאָגן: נו און יענער און יענער קינסטלער, וואָס איז פּאָפּולער אין דער ברייטער וועלט, מאָלט בעסער?..

דערוף ענטפערט אָניסי מאַרקאָוויטש מיט איראָניע:

— אַז איך וועל זײַן, ווי יענער און יענער, ווער זשע וועט זײַן, ווי איך?..

ווי מיר וואָלטן אַ צווייט מאָל פאַריאָסעמט געוואָרן

דאָס דאָזיקע ווינציק אָנזיכטיקע, ברוין־אָפּגעקאַלופּעטע מויערל אַף דער טויט־שטילער קאַראַטשענע, די אַמאָליקע טאַלמעדטוירע, שפּעטער — די ערשטע קלאַסן פון דער זאַראָסיער אַרבעט־שול און איצט די שול־היים, האָט אין איינעם אַ טאָג באַקומען פולע אַנערקענונג, געוואָרן אַ שעם־טאָוו אין באַרשעוו. וואָס עמעס איז עמעס, דער אַלטער אוילעם־האַטויעניק האָט אונדז געמאַכט גאָר אַ פײַנע רעפּוטאַציע. מיר לאָזן זיך איצט אָפּטער הערן אין שטאָט. די שול־היימניקעס זײַנען לעצטנס געוואָרן ווײַט ניט ז', וואָס גייען צוויי פאַר אַ דרײַער. נישטאָ דער טאָג, עמעצער זאָל ניט קומען צום ברוין־אָפּגעקאַלופּעטן מויערל אָנקוקן דעם באַרימט געוואָרענעם שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט. מיר, שול־היימניקעס, די באַזיצער פונעם אויצער, זײַנען מעכויעוו אופנעמען יעטווידער געקומענע גרופּע גאַסטפרײַנטלעך, אויסשטעלן זיך פאַר די באַזוכער לײַטיש, מאַכניס־אוירעכדיק, באַגעגענען מיט אַ פריילעכן קאַבאָלעס־פּאָנעם יעדן איינעם, דערבײַ וואָס ברייטער אַרויסווײַזן העפלעכקײַט, ווי עס פּאַסט פאַר ווילדערציִיגענע קינדער... אין איינע־צווייִ וואָכן זײַנען מיר געוואָרן ווי אַ שטיקל מוזייום פאַר דער שטאָט. מע קומט באַזוכן אונדזער אַלט ברוין מויערל אינדערפרי, באַטאָג און גלאַט אין אַ מיטן שאַבעס...

די „פריילעכע" יעדיִעה האָט מען אונדז שוין ניט איין מאָל געגעבן אָנצוהערן — דעם שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט, קאָן זײַן, זאָל מען אוועקפירן קיין קיִעוו... דאָ איז ניט קיין אָרט פאַר אַזאַ ווערטיקן קונסט־ווערק. דאָס שוואַרצמאַן־בילד האָט געמאַכט צו אַ גרויסן רוישעם. פונ־דעסטוועגן, מיין איך, דאַרף מען זיך נאָך אָנפרעגן באַם אַלטן מאָלער אַליין, ער איז דאָך

פֿאַרט אי דער שפּעטער, אי דער באַלעבאָס פֿון אַט דעם שטעטל... האַלטן זיך אַנדערע בײַ דער מיינונג, די, וואָס האָבן איבער אונדז די האַזשגאָכע, אַז אַ מאַטאַנע קערט מען ניט אום צוריק. דער אייגנטימער פֿונעם געשאַנק האָט שוין איצט גאָר אַ קלײנע דייע איבערן געשענקטן... אַזוי אַז קיינער וועט בײַ אים ניט גיין פֿרעגן, וואָס ווײַטער טאָן מיטן שווארצמאַן־פּאָרטרעט. וויל מען, פּירט מען דאָס בילד קיין קיִעוו, וויל מען — גיט מען אים אַוועק דעם אַרבעט־פּאַלאַץ אָדער אַפֿילו דער שטאָט־ביבליאָטעק, און אַז מע וויל גאָר, פֿון אַלע גליקן, בלײַבט דער פּאָרטרעט הענגען אַפֿן אָרט, דאָרט אינעם גרויסן, געראַמען קלאַס־צימער און מע גיט אים קיינעם ניט אַוועק...

טאָג און נאַכט קומען קינדער פֿון דער זאַראַסיער שול, פֿון קינדערהויז, דערוואַקסענע באָכערים פֿון ביידע אָוונט־שולן, עלטערע מענטשן פֿון ליקבעזן, מע גייט צו אונדז, אַזוי ווי נאָך שמורע־וואַסער, אָדער, ווי די לערער זאָגן, מע גייט ווי אין אַן עמעסן מוזיי... די שטילע דרעמלענדיקע קאַראַטשענע איז לעצטנס געוואָרן אַ ביז גאָר אופֿגעלעבט וואַכנדיק געסל. אָפּטער ווערן אין שול־היים דורכגעפֿירט ליטעראַרישע שמועסן, פֿאַרלעזונגען, רעפֿעראַטן אי פֿון היימישע אייגענע קויכעס, אי פֿון אײַנגעלאַדענע לערער און אויך פֿון אַנגעפֿאַרענע געסט, וואָס כאַפּן זיך אַראָפּ קיין באַרשעוו דורכלייענען עטלעכע לעקציעס פֿאַרן שטאָטישן אוילעם. איינע אַזאַ לעקציע פֿון אַ געוויסן כאַשעוון לעקטאָר האָבן מיר אײַנגעאָרדנט דאַפּקע בײַ זיך. די טעמע: וועגן גרויסן פֿאָלקס־קאָבזאַר טאַראַס שעווטשענקאָ. דער שעווטשענקאָ־אָוונט איז דורכגעגאַנגען אַף כידושים. דער אַלט־שטאָטישער כאַר באַם אַרבעט־פּאַלאַץ איז דעמלט געקומען צו אונדז אַף דער קאַראַטשענע מיט אַ פֿאַרויס צוגעגרייטער שעווטשענקאָ־פּראָגראַם. די פֿײַערלעכקײַט פֿונעם אָוונט האָבן מיר נאָך מער דערפֿילט, ווען אַלע זײַנען אופּגעשטאַנען פֿון די ערטער און שטייענדיקערהייט געזונגען דעם „זאַפּאָוויט".

אָט דאָ, די לעצטע צײַט, האָט דער לערער אַרל סקליאַר געגומען גרייטן מיט די עלטערע קינדער אַ שאָלעם־אַלייכעם־וואָך. כוץ דער אינסצענירונג „די גימנאַזיע", וועט די שלעמעטעכע, ראָכעלע די ווײַסע, פֿאַרלייענען אַף אויסווייניק „דאָס טעפּל", און פֿערעלע וועט זינגען וואַרשאַווסקיס לידער. „אַפֿן פּריפּעטשעק ברענט אַ פֿײַערל" האָט מען אַרויסגעוואָרפֿן אָן שום איבעריקע רייד פֿון דער פּראָגראַם — סע שטימט ניט מיט אונדזערע נײַע דראָכים אַ רעבע, אַ כיידער, אַ קאַנטשיק... דערצו איז נאָך אינעם רעבנס ענגער שטוב הייס, דושנע, פֿון אַלע פֿיר ווינקלען שמעקט מיט שימל, צעבעבער־פּאַפּעניצעס, טאַבעק־רויך און צעהאַנגענע קינדערשע ווינדעלעך... שטעלט זיך דאַפּקע פֿערעלע אַנטקעגן דעם לערער מיט גאַנץ ראַיעלע באַוויַזן: וואָס הייסט, און וואָס הייסט?.. אין פֿיל ייִדישע הײַזער זינגט מען דאָס דאָזיקע לידל... און אַז מע רעדט שוין יאָ וועגן עכטע פֿאָלקס־לידער, זאָגט זי מיט אַ טײַנע, ווייסט מען נאָך דערווײַל ניט פֿון קיין בעסערס און שענערס, סײַדן עפּשער „אַ ברױוועלע דער מאַמען..."? זאָל דער לערער אַרל סקליאַר נאָכאַמאָל זיך גוט איבערלייגן, טאָמער וועט ער כאַראָטע קריגן אַף זײַן אויסגעטראָגענעם פּסאַק־דינז?.. „מיר זײַנען קינדער פֿונעם פֿאָלק, פֿאַרוואָס זשע, פֿרעגט זי, זאָלן מיר זיך אָפּזונדערן פֿונעם פֿאָלקס שאַפֿן?.. ווער זאָגט זיך עס אָפּ פֿון אייגענע טאַטע־מאַמע?.."

איצט זעט איר שוין, פֿערעלע קאָן מיט איר האַרבער קאַשע אויך אַמאָל גוט צושפּאַרן צו דער וואַנט. אַדעראַבע, לאָמיר הערן, וואָס פֿאַר אַן ענטפֿער וועט דער געניטער לערער איר געבן?

אַהאַ, ער קווענקלט זיך... ס'אַ גוטער סימען — קנייטשן מיט דער נאָז איז נאָך ווינציק. — ניט אַלץ, וואָס דאָס פֿאָלק זינגט, — דערקלערט אַרל סקליאַר מיט אַ גלײַכן געדאַנק, — איז קאָשער־וועיאָשער... ניט פֿון יעדער יערושע האָט מען נוץ. איבערנעמען בלינד און אומבאַוווסטזיניק דאָס, וואָס ס'איז געשאַפֿן געוואָרן פֿון פֿאָלקס־מויל, קאָן אויך אַמאָל זײַן שעדלעך. נאָכבאַמקען, ווי דער פּאָפּוגײַ, איז גאַנץ נאַריש. ווער וויל עס זײַן אַ „פּאַפּקע דוראַק"?.. נאָכן אַלטן אָפּגעלעבטן כיידער, גלייבט מיר, איז ניטאָ וואָס צו בענקען. עס גייט דאָ ניט, קינדער, אינעם „פּריפּעטשעק". אָנעם „פּריפּעטשעק", מיטן „פּריפּעטשעק". טאַקע בײַ דעם זעלבן פֿאָלקס־דיכטער וועט איר געפֿינען אַ סאַך שענערע פּערל. בעמיילע דאַרף איך אײַך זאָגן, קינדער, בלײַבט וואַרשאַווסקי איינער פֿון אונדזערע שענסטע פֿאָלקס־זינגער. וואָס דאַרפֿט איר מער, דער גרויסער שאָלעם־אַלייכעם האָט געהאַלטן פֿון אים אוילעם־אומלויע, געלויבט דעם פּאָפּולערן פֿאָלקס־זינגער ביזן הימל, און ס'איז געווען טאַקע פֿאַרוואָס.

געוויס, קלער איך, האָט דעם לערערס ענטפֿער געשטעלט צופֿרידן פֿערעלען. נאָך אַ גוטן סימען האָב איך: מער האָט זי בײַ אים ניט געבעטן אײַנשליסן אין איר קליינטשקער פּראָגראַם „אַפֿן פּריפּעטשעק ברענט אַ פֿײַערל". ניין איז ניט. דאָס פּריקרע העסלעכע וואָרט אַליין „כיידער" האָט געקאָנט אָפּשטויסן אַף מײַלנוויַט.

אַלע האָבן מיר געפילט אין שול־היים דאָס סאַמע איקערדיקסטע — אין אונדזער רעשוס געפינט זיך אַ גוואַלדיק פאַרמעגן, אַן אויצער, קאָן מען זאָגן... זאָל זײַן, אַז די דערנערונג איז פון אַזאַ גווירעשאַפט פעטער ניט געוואָרן. צווישן אונדז גערעדט, זײַנען מיר אַפילע ווײַט צו ברויט־זעט... דאָס שיינע אָנטאָן אונדזערס האָט אויך ניט אויסגעזען צו זײַן פריציש. אָבער מיר זײַנען רײַך... רײַך מיט אַזאַ רײַכקײַט, וואָס ווערט ניט געמאָסטן מיט מאַמאָשעסדיקע רעאַלע מאָסן. דאָס גרויסע אַשירעס לאָזט זיך ניט נעמען גלײַך אין די הענט אַרײַן... מיר פאַרמאָגן אַזעלעכס, וואָס קיין איין קינדער־קאָלעקטיוו אין באַרשעוו, און ניט נאָר אין באַרשעוו, האָט עס ניט און קאָן אַפילע ניט כאָלעמען וועגן דעם... די פילצאָליקע וואַרעמע בריוו, וואָס ווערן אַדרעסירט צו אונדז, זײַנען אַלץ וועגן שוואַרצמאַנס פאָרטרעט.

אָבער ווי נאָר דאָס גליק טוט אומגעריכט אַ בלענד אין איין זײַט, אַזוי שפּרייט זיך גלײַך אויס אַ טונקל שאָטנדל אַף דער צווייטער זײַט... ניט אַף לאַנג איז אונדז געגעבן געוואָרן דאָס באַשערטע גליק, מיר זאָלן זיך קאָנען מיט דעם פרייען און אָנפרייען... אַז ס׳איז ניט באַשערט, ווי זאָגט מען, העלפט ניט קיין כאָכמעס — דער שלימאַזל ווערט באַדײַ צוגעשיקט מיטן ווינט...

אַ גאַנץ גרויסע קאָמיסיע, מענטשן פרעמדע, שטרענגע, אָנגעכמורעטע, זײַנען אַראָפּגעקומען פון ווײַטן כאַרקאָוו. אין יענעם געראַמען, ריין צוגעקליבענעם קלאַס־צימער, דאָרט, ווו דער שוואַרצמאַן־פאָרטרעט הענגט אונטער גרינע יעלן־צווײַגלעך, האָט מען אונדז שוין מער ניט אַרײַנגעלאָזט, די טיר שטייט פאַרשלאָסן, מאַכמעס דער יאָמטעוודיקער צימער איז קימאַט ווי פאַרכאַסמעט... קאָן זײַן, אַז עס האַלט דערבײַ, מיר זאָלן אָנווערן דאָס סאַמע טײַערסטע, וואָס מיר פאַרמאָגן... די אַלע באַזוכן און עקסקורסיעס צום אַלט־ברוינעם מויערל אַף דער קאַראַטשענע האָט מען צײַטווײַליק אָפּגעשטעלט. טאָגטעגלעך יאָוועט זיך אין שול־היים דער כאַווער יאַקאָוו נישט גאָר קיין פריילעכער. אויפגערעגט און אַפילע עטוואָס צעטראָגן, האַלט ער אָפּ לאַנגע זיצונגען מיט דער שטרענגער קאָמיסיע. איך שטויס מיך אָן, אַז דאָרט הינטער די פאַרמאַכטע טירן גייט ניט קיין קליינע דינגעניש.

דאָ מוז פאָרט קומען, קלער איך, דער אַלטער מאָלער אָניסי מאַרקאָוויטש זאָגן זײַן לעצט ענדגילטיק וואָרט. ווער האָט נאָך אַזויפיל רעכט אָפּן געמאָלטן בילד, ווי דער באַשעפער אַליין?..

דאָס קליינע הײַפעלע לערער גייען אויך אַרום אומרויִקע, צעטאָרעטע און באַרויגעזע. זיי האָבן, זעט אויס, אַ קליינע דייע איבערן פאָרטרעט — אַן אומגעריכטער געשאַנק, וואָס איז זיי אָנגעקומען, דעם עמעס גערעדט, גרינגער, ווי אַרויסציִען אַ האָר פון מילך.

איך פאַרשפּאָר איצט לויפן צום אַלטן מײַסטער, ווי איך האָב מיט אַ פּאָר טעג געקלערט, קומען זיך קלאָגן פאַרן מאָלער, ער זאָל וואָס גיכער זיך אַרײַנלייגן אינעם באַדראָענדיקן איניען, אָפּשרײַען דעם שוואַרצמאַן־פאָרטרעט, עלע ניט, קאָנען מיר גרינג אָנווערן די מאַטאָנע זײַנע... אָניסי מאַרקאָוויטש האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס בילד זײַנס איז אויסגעשטעלט אַף סאַקאָנע, איז ער גלײַך געקומען, און ווי נאָר ער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָט זיך געיאָוועט דער כאַווער יאַקאָוו. אָניסי מאַרקאָוויטש האָט אויסגעזען פאַרמאָרעשכוירעט, די קאַלטע פאַרלאָשענע פיפקע זײַנע, אָן אַ זייכער פון לעבן, איז אַראָפּגעהאַנגען פונעם מויל־ווינקל. דער מאָלער טראָגט אָפּן קאָפּ אַ פלאַטשעכיק היטעלע אַף אַ זײַט, דאָס היפּשלעך־צעפאַלדעוועטע ראַזירטע פּאָנעם, נאַכלעסיק דורכגעשאָבן מיטן גאָל־מעסער, האָט אויסגעזען ווי אַ שטיק וויסטער מידבער נאָך אַ דורכגעטראָגענעם ווירבל־ווינט. אַלץ איז דאָ אין שול־היים פאַר אַזאַ מעפורסעם געווען נײַ, אַלץ האָט אים געוווּנדערט... דאָס אומדערוואַרטע אַרײַנשאַרן זיך פונעם מאָלער האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון די טומלענדיקע קינדער מיט זײַן אויסטערלישן אויסזען. דער כאַווער יאַקאָוו האָט אים שנעל אונטערגעכאַפּט אונטערן אָרעם און אים זייער העפלעך פאַרבעטן אין יענעם פאַרבאָטענעם קלאַס־צימער, ווו די אַראָפּגעקומענע קאָמיסיע האַלט אַף איר לעצטע זיצונג.

אינעם קויעך פונעם אַראָפּגעקומענעם מאָלער האָב איך שטאַרק געגלייבט. אָניסי מאַרקאָוויטש וועט דעם פאָרטרעט אָפּשרײַען... אין דעם בין איך עפּעס געווען מער ווי זיכער.

העט שפּעט, קימאַט סאָף טאָג, איז שוין דער גוירל פונעם שוואַרצמאַן־בילד געווען אַ געלייזטער... קורץ גערעדט, מיר האָבן דעם געשענקטן אויצער פאַרלאָרן... וויפל מע זאָל שוין איצט, נאָכן באַשלוס, אין אונדז ניט אַרײַנריידן גוטע רייד, צוזאָגן גאָלדענע בערג, קאָרמעווען מיט האָוטאָכעס, איז עס אַלץ פאַרן ווינט אַרויסגעוואָרפן, העוולדיק, קיין שיבעש ניט ווערט... וואָס קומט אַרויס, אַז מע וועט דעם שוואַרצמאַן־פאָרטרעט לאָזן דרוקן אין טויזנטער עקזעמפּליאַרן, ווער עס וועט נאָר וועלן, וועט האָבן אַ מעגלעכקײַט אײַנשאַפן פאַר

זיך דעם דיכטערס בילד... און דאָס דאַזיקע עמעסע געמעל, וואָס דער מאָלער האָט געמאָלט, בלײַבט פאַרן לאַנד־מוזיי...

— מונטערער, כעוורע! — הערן מיר פון דער קאָמיסיע טרייסט־אויסרופן. — באַוווּסטזיניקע קינדער פאַלן ניט אַרײַן צוליב נוצלעך־מעלוכישע זאַכן אין אומעטיקער אַנטוישונג.

— לאָזט ניט אַראָפּ די ניוני... העכער די קעפּ!..

— באַפרײַט זיך פונעם נידעריקן עגאָיִסטישן געפיל! — טראָגן זיך פון אַלע זײַטן אי שטראָף־רייד, אי דערמוטיקונג. — ווי קומט צו אײַך אָט די קליינבירגערלעכע באַגרענעצטקייט?.. מײַנס... דײַנס... אייגנס... איצט ווערט דאָס שוואַרצמאַן־בילד זײַן אַ בעשוטפעסדיקס, אונדזער אַלעמענס...

איך זע ניט, דער כאַווער יאַקאָוו זאָל שטאַרק זײַן דערפון גליקלעך, וואָס מע פירט דעם שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט אַרויס פון באַרשעוו. ער זאָגט אונדז גאָרניט, האַלעמײַ מיר גייען אַרום אומעטיקע, מיט פאַרקלעמטע הערצלעך. צוזעענדיק אונדזער ערגערניש, מאַכן די לערער אויך ניט קיין איבעריקע פּאַרוווּרף־באַמערקונגען. קעגן דער רעספּעקטירטער קאָמיסיע, אָפּאָנעם, קאָן קיינער זיך ניט שטעלן. דאָס, וואָס זיי האָבן באַשטימט, איז פעסט און זיכער... נו און ווו איז געווען דער מאָלער אַליין, אַניסי מאַרקאָוויטש, מיט זײַן וואָגיק וואָרט? ער האָט דאָך געמעגט זײַן דרייסטער, זאָגן דאָס, וואָס קיין אַנדערער וועט עפּשער ניט וואָגן... זײַן מיינונג, לאָזט זיך אויס, האָט ער שוין אַרויסגעזאָגט דאָרט, אין יענעם קלאַס־צימער, ווו מע האַלט די טיר פאַרמאַכט... וואָס זשע איז די פּולע? ווײַל ער איז אַ געשטרויכלטער (גאָט וויסט, פאַר וועלכע זינד), האָט מען זיך, זעט אויס, ניט איבעריק גערעכנט מיט זײַנע פּאָדערונגען, פּראָטעסטן און קלאַפּן אין טיש... ס'איז צו גלייבן, אַז לעהאַבע וועט לונאַטשאַרסקי אויך די באַגאַנגענע אוולע קעגן אים און קעגן די שולהיים־קינדער ניט פאַרשווײַגן. דער שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט, טײַנעט די קאָמיסיע, קער ניט צום פּעטראָגראַדער מאָלער, נאָר צום קינדער־אַנשטאַלט... און זיי, מיר, שול־היימניקעס הייסט עס, האָבן געגעבן דערויף די האַסקאָמע... ווער קאָן זיך עס שטעלן קעגן אַזאַ ספּעציִעל צוגעשיקטער קאָמיסיע?..

אונדז, שולהיים־קינדער, וועלכע האָבן דעם מאָלער וואַרעם־ליב אַרומגערינגלט, זאָגט דער קינסטלער צו, אָנהייבן מאָלן אַ גרויס שאָלעם־אַליכעם־בילד. ער גלייבט און וויל האָפן, אַניסי מאַרקאָוויטש, אַז דער שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט וועט זיך צוריקקערן אין שול־היים. פאַר די טאַלמידים פון דעם דאָזיקן לערן־אַנשטאַלט, זײַנע יונגע פאַרערער, בלײַבט ער לעסאַטע אַ באַלכויוו.

דער „אָטשעלניק" הייבט ניט אָן צו וויסן, פאַרוואָס גייען דאָ שילער אַזוי אָרעם געקליידט. ניט צו זען קיין איין גאַנצע פּאָר שיכלעך, גאַנצע הייזלעך, גאַנצע העמדלעך. אַלע געלאַטעטע, פאַרצירעוועטע, מיט אַנדערע קאָליר־שטאָפּן פאַרנייט. באַ אַ מערסטן טייל קינדער שלעפּן זיך נאָך צעטריפּעטע טראָלדן. עס זעען זיך אַרויס פונעם אָרעמען אָנטאָן צעעפנטע לעכער, דעקן אויף נאַקעט לײַב. דער אַלטער מאָלער קוקט אויף אונדז מיט צעשראָקענע אויגן, עס שרעקן אים די דאָזיקע האַלב־ווילדע שלעפּערישע האָלעדריגעס... און די דאָזיקע „באָסע קאָמאַנדע", קלערט ער געוויס, האָט צאַרטן געפיל, איידעלן, פײַנעם גוסט צו גרויסער קונסט און פּאָעזיע... זיי ווילן, די קינדער, מיט זייער קינדערשער נעשאָמע־ריינקייט אײַנפלאַנצן אין זיך דעם כוש פאַר דערהויבענער מענטשלעכער שיינקייט... שוואַרצמאַן, דער דיכטער און העלדישער קריגער, איז געוואָרן פאַר זיי אַ מאַמאָשעסדיקער, ערדישער גאָט... אויסגעצערט, אָפּגעריסן, קרוע־בלוע, ציִען זיי זיך צו די הייליקסטע שאַפונגס־אוצרעס... אין דעם אַליין מוז דער מאָלער אײַנזען דעם וווּנדער פון דער צײַט... אין אַ צען־פופצן יאָר אַרום וועלן זיי ווערן די געזעצלעכע יאָרשים, שעצער און מעווינים פון אַלע מינים קונסטן... מיטן סאַמע איקער מעג ער זײַן באַוואָרנט אויף דער שפּעטערדיקער צײַט: באַ זיי, באַ די אָרנטלעכע פון די אָרנטלעכסטע, אויב מע וועט זיי נאָר פון וועג ניט אַראָפּפירן, וועט קיין פאַלשקײַט ניט גילטן...

דערנאָכדעם האָט דער אַלטער מאָלער צוגעזאָגט, געגעבן דאָס וואָרט: וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן, אויב דאָס לעבן וועט אים געשענקט זײַן, נעמט ער פאַרן שול־היים, בעלי־ניידער, מאָלן דעם וועלט־באַרימטן שאָלעם־אַליכעמען. דערבײַ האָט ער שטיל צוגעגעבן, ווי עפּעס אַ מין מעכילע־בעטן:

— זײַט ניט באַטריבט, מײַנע טײַערע, לאָמיר האָפן, אַז איר וועט נאָך דערפרייט ווערן... זאָל אײַך דער שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט ניט באַנק טאָן.

ווי צעשטרייט און אופגערודערט ער איז ניט געווען אויף דער הייסער מינוט, דאָך האָט ער אופגעכאַפּט מײַן אומצוטרויִלעכן בליק, דעם פאַריבל צו אים און עפּשער אויך דעם אַנגעקנווילטן ביטערן פאַרדראָס. דאָס, וואָס דער גרײַז־גרויער קינסטלער האָט מיך אַזוי

וואָרעם־געטריַ אַרונטערגענומען אונטער זײַן ברייטן אָרעם, געצערטלט און געגלעטשעט, דערפֿון איז מײַן האַרץ צו אים ווייכער ניט געוואָרן. ווען ער זאָל געווען שטאַרק וועלן, וואָלט ער דעם שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט אָפּגעשריִען,— שטיי איך פֿעסט בײַ מײַן מיינונג.

— בייזער זיך ניט,— דריקט ער מיך פֿעסטער צו זיך און פּרוּווט לינדערן דעם טאָן, אין וועלכן עס איז געלעגן אי פֿאַרגעבונג, אי וואָרעמהאַרציקע מילדקייט.— דער פּאָרטרעט וועט אין יאָם ניט אַרײַנפֿאַלן... מיילע, מיסטאָמע איז באַשערט, אַנדערע מענטשן זאָלן גע־ניסן פֿון אים...

אויף מאָרגן גאַנצפֿרי איז געקומען דער מאַמעטליוווער שטונדיסט,— זײַן אָפּגעצויגן פּנים קאַשער־פּרום און, ווי שטענדיק, טאָגנעסדיק־פֿאַרשמאַכט,— מיט נאָך עפּעס אַ טאַמעוואַט באַכערל, אויך געבעך געל ווי וואַקס, אָפּגעצערט, אָן אַ טראָפּן בלוט אין די באַקן, און מע האָט גענומען אינצווייען אײַנפּאַקן דעם פּאָרטרעט אין אַ שמאָל צונויפֿגעשלאָגענעם קאַסטן, אַ ברעטל געקרייצט אויף אַ ברעטל, ענלעך צו יענע גלאָז־קאַסטנס, מיט וועלכע די גלעזער גייען אַרום איבער דער שטאָט אַרײַנשטעלן גלאָז אין די פֿענצטער. אין דרויסן, פֿון יענער זײַט הויף־טויער, האָט שוין אַ צײַט געוואַרט אַ פּורל מיט אַ באַלעגאָלע. ווען מע האָט פֿון לעצטן קליינעם קאָרידאָרל אַרויסגעטראָגן דעם אײַנגעפּאַקטן פּאָרטרעט, ווי מע טראָגט אַרויס אַן אָרן, האָבן מיר אַלע געהאַט דעם געפֿיל, אַז מע האָט בײַ אונדז אַוועקגענומען דאָס בעסטע און שענסטע, וואָס די שול־הײם האָט ווען אַמאָל פֿאַרמאָגט. מעגלעך, אַז ניט נאָר בײַ מיר אַליין, נאָר אויך בײַ אַנדערע קינדער איז דער ווייטעק געווען נאָך אַזוי יעסורעמדיק־פֿריש, גלײַך ווי מיר וואָלטן אַ צווייט מאָל פֿאַריאָסעמט געוואָרן...

דאָס גאָר פּראָסטע פּורל מיטן נאָך פּראָסט־אָרעמערן באַלעגאָלע זײַנען טמימעסדיק־שטיל דורכגעפֿאָרן די שמאָל־דרעמלדיקע קאַראַטשענע, פֿאַרקערעוועט זיך רעכטס, אויף אַרויף, צום מער ברייט־אויפֿגעלעבטן וועג, וואָס פֿירט דורך דער טאַראַוויצע צום ווײַטלעכן וואָקזאַל. אין דעם זעלבן טאָג, צו פֿאַרנאַכט־צו, איז אויך אָפּגעפֿאָרן אין אײַלעניש די אַראָפּגעקומענע באַרקאָווער קאָמיסיע.

ניט אויפֿן צווייטן און ניט אויפֿן דריטן טאָג האָט מען דעם כאָוער יאַקאָוו ניט געזען בײַ אונדז אין שול־הײם. זײַן הויך פֿאַרנומענער אַמט אַלס פּאָליטפּראָסוועט, לייגט זיך אויפֿן סייכל, האָט אים, מאַשמאָעס, ניט דערלאָזט קעגנשטעלן זיך שאַרף דער צוגעשיקטער קאָמיסיע. נאָר אַז די געשיכטע מיטן שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט האָט אים געקאָסט אַ שיין ביסל געזונט, אין דעם צוויפֿל איך ניט.

דער ווײַטערדיקער גוירל פֿונעם בילד איז געווען, מוז מען זיך מודיע זײַן, אַ גאַנץ טרויעריקער... ווי עס לאָזט זיך אויס, האָט מען דעם שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט אין קיינע שום טיפּאָגראַפֿיעס ניט געגעבן דרוקן און אויף קיינע שום אויסשטעלונגען ניט אַרויסגעשטעלט. זינט דאָס וווּנדערלעכע בילד איז פֿאַרלאָרן געגאַן, האָט מען דעם פֿענדזל־מײַסטער נאָך ווינציקער באַגעגנט אין שטאָט. באַם טיף אַרײַנגעטאָנענעם אין זיך אַלטן מאָלער, אָניסי מאַר־קאָוויטש, האָבן גענומען סיווער ווערן די באַרשטיקע ברעמען, אַרויסשפּאַרן רונדיקער דער רוקן.

„דאָס איז, כאָלילע, ניט קיין הויקער,— פֿאַרענטפֿערט ער זיך און ציט ווײַטער דעם ציבעק,— דאָס שטייט שוין אויף די עלטער מײַנע...”

די לעצטע דעפּעשע פֿונעם פֿאָלקסקאָמיסאַר

זינט די טעג זײַנען געוואָרן קירצער און קילער, לויף איך מיט אַ סאַך אַ קלענערן אימ־פּעט צום טײַך. איצט באַהאַלט איך זיך שוין ניט פֿון דער זון, פֿאַרקערט, דאָרט, וווּ זי וואָרעמט שטאַרקער, דאָרט פֿאַרהאַלט איך מיך לענגער. ניט זעלטן, אָפּט און אָפּטלעך, באַמערק איך דעם אַלטן סיוון מאָלער אַרומשווימען איבערן טײַך אויף אַ קליין שיפֿל, דאָס שיפֿל טראָגט זיך לאַנגזאַם, מיט דער קוים־קוים באַוועגלעכער וואַסער. קיין וועסלעס זעט מען ניט. ער שטייט אָנגעשפּאַרט, דער האַרעפּאַשנער זאַקן, אויף די קני, איבערן מאָלבערט געבויגן, אַרײַנגעטאָן און פֿאַרטיפֿט, ווי מע זיצט איבער אַ סייפֿער, ער צייכנט מיט דער האַנט דאָס, וואָס די ריִע זײַנע כאַפּט אויף... נאָכדעם זע איך, ווי ער פֿאַרקערעוועט אויף יענער זײַט ברעג, שלעפּט זיך מיט די מאָל־מאַכשירים איבער די אָנגעוואַלגערטע מאַסיווע שטיינער, ביז ער געפֿינט, ענדלעך, דאָס פּאַסיקע אָרט פֿאַר זײַן אַרבעט.

אָט אַזוי, פֿונדערווײַטנס, זע איך אים קימאַט אַלע טאָג.

און אז עס מאכט זיך א רעגן, ווייס איך אויך ווו אים צו זוכן.

כאַמעלע איז אים געבליבן ווײַטער געטרײַ, עפּשער נאָך א ביסעלע מער, ווי ביז אהער. אז סע קומט אמאָל צו רייד אין שול־הײם וועגן דעם אומזיסט־און־אומניש אַנגעווירענעם שווארצמאַן־פּאָרטרעט, צינדט זיך אָן מענדל דער רויטער מיט א העליש פֿײַער, מאַמעש דאָס בלוט זעצט אים פון די אויגן.

— איך און דו. און ער און ער...— ציילט מענדל די יינגלעך איינציקווײַז מיטן ווײַז־פינגער, וועלכע שטייען ארום אים, — אלע זײַנען צוביסלעך שולדיק... ווען מיר שטעלן זיך דעמלט אײַנגעשפּארט שטארצעם פאר דער קאָמיסיע, ווי א געמאָווערטע וואנט: שיסט מיט הארמאטן אין אונדז, איינמאָל ניין... דעם דיכטערס פּאָרטרעט גיבן מיר ניט... דעם פּאָרטרעט קאָנט איר נאָר אין כאָלעם זען... מאַטאָנעס גיט מען קיינעם ניט... וואָס זשע מיינט איר? די קאָמיסיע וואָלט אונדז נאָר געקאָנט בלאָזן קרײַד...

מענדלס רייד לייגן זיך אפן סייכל, מענדל רעדט ניט פון ארבל. יעדער איינער פון אונדז פארדינט קאָשער זײַן נאָמען: שלימאזל מיט עסיקן.. דזשימדזשיק מיט די גלעקלעך... יאָלאָפּ!.. מוישע־ראַביינעס בעהיימעלע...

אזעלעכס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן — געקומען פון ערגעץ א קאָמיסיע, ארופגע־לייגט א האנט און געמאכט א בראָכע איבערן פּאָרטרעט... ס׳איז געווען, לאכן אנדערע, א מין רעקוויזיציע... גיי האָב איצט טײַנעס צו רעב פּײַוועשן. שרײַ כײַ־וועקײַעם...

— צום לאָמפּ! — ווארפט צו ביטלדיק שלוימקע, ווי אין דער גאל אריין געגרעדט. — צו שפּעט זיך געכאַפּט. פארוואָס, פרעג איך אײַך, איז אָט דער מענדל דאָנדיק פריער ניט געווען אזא גרויסער כאָכעם? ער אליין, דער גרויסער העלד, לייבעלע קאָזאק, איז דען דעמלט ניט געשטאנען הינטער דער טיר?

— עמעס! — כאַפּט גיך אונטער דער שעפּעליאַווער יאָסעלע ראַווינסקי. — סלוימקע, האָסט נאָך קיינמאָל אזא עמעס ניט געזאָגט. פון זייערע הענט צוריקבאַקומען דעם כודאָזניקס פּאָרטרעט איז אלציינס ווי אויסרײַסן באם וואָלף דאָס לעבעדיקע ספּעלע...

שטילער און אומעטיקער איז געוואָרן אין יענעם פארוקטן ווינקל, ווו עס שטייט ארויס־געשטויסן, מעיוכעד, דאָס אלטע אָפּגעקאָלופּעטע מויערל מיטן נאָמען „שול־הײם". וואָלט כאָטש פון ערגעץ־ווו אָנגעקומען א טרייסט־בריוועלע: אזוי און אזוי... דער שווארצמאַן־פּאָרטרעט געפינט זיך דאָרט און דאָרט, כאָלילע ניט געשעדיקט, גאנץ און אומבאַרירט... ווי נאָר די דרוקערײַ וועט אים נעמען אין דער ארבעט, וועלן מיר אײַך טייקעף מודיע זײַן... דערווײַל, טײַערע, זײַט וואָס ווינציקער באַאומרויקט, דער פּאָרטרעט שטייט אײַנעט אין גע־זיכערטע הענט... דאכט זיך, וואָס? גאָר א קליינינקײַט, נאָר אף וויפל וואָלטן אונדזערע הערצער, בעסויכעם אויך די לערערס, דעם כאָווער יאַקאָווס און אלע־אלע גוטעפרײַנטס אופגעריכט געוואָרן?..

ווי עס שײַנט, האָט דער אלטער מאָלער אויך קיין שום יעדיִע ניט באַקומען. ווען עס זאָל עפּעס וואָס זײַן אפילע, לאָמיר זאָגן, א ווײַטער גרוס, וואָלט מיר כאָמעלע מיסטאמע געגעבן צו וויסן.

דעם פּעטראָגראַדער מײַסטער זע איך טאָגטעגלעך, נאָר דערנעענטערן זיך צו אים, אויס־ריידן א וואָרט — דאָס ניט... כוץ דעם, וואָס איך שעם מיך אים קוקן גלײַך אין די אויגן, טראָג איך נאָך אין הארצן א פּאַרדראָס... פארוואָס האָט דער געקרווינטער קינסטלער געלאָזט זיך אזוי גרינג אָפּנארן פון עפּעס אן אָנגעפּאַרענער קאָמיסיע?.. אינעם גרויסן רוישיקן פּעטראָגראַד האָט ער געקאָנט בונטעווען, ווידערשפּעניקן, און דאָ אין בארשעוו איז די נעשאָמע זײַנע אנטלאָפן אין די שפּיץ קנעכל... אז איך פרעג בא כאַמעלען, צי דערמאָנט דער אלטער כושימניק דעם פארלוירן געגאנגענעם שווארצמאַן־פּאָרטרעט, ענטפערט זי:

— זעלטן, גאָר זעלטן... דיך דאַפקע דערמאָנט ער אָפּט, פרעגט זיך נאָך. מיינסט, אז ער פילט ניט, זאָגט זי, ווי אָנגעמאָסטן דו ביסט אף אים?.. ווייסט נאָך, וואָס ער טראַכט, אַניסי מאַרקאָוויטש? ניט נאָר דעם דיכטערס בילד, מאכט ער, איז פארפאַלן געוואָרן, א סאך זײַנע ארבעטן קאָן מען פארשרײַבן אפן וואסער... ע, ווען ער קאָן אומקערן דאָס, וואָס ס׳איז פארלאָרן געגאנגען...

דער פּאָליטפּראָסוועט אונדזערער, כאָווער יאַקאָוו, האָט אויך שוין געהאט ווי פארגעסן אינעם שווארצמאַן־פּאָרטרעט. ער איז פארנייסעקט מיט אנדערע, עפּשער בילכערע ארבעטן. זינט ער האָט זיך אומגעקערט פון דער פּאָוויט־שטאָט, קארסון, האָט מען אף זײַנע פּלייצעס ארופגעוואָרפן נאָך א הליבע — די היגע קוסטארן. מיט אזא הארטן ביסן, ווי די קוסטארן, קלאָגט ער זיך, קאָן מען זיך וואָרגן... וועד האָט עס א בארוטע מינוט? ניט קיין טאָג און ניט קיין נאכט. דער מענטש, מעגט איר גלייבן, זעט פאר זיך ניט די ליכטיקע שײַן. שטענדיק

קומט אויס אַצינד גיין אין שווערן אַקער. מע דאַרף טראַכטן וועגן רוויוואַרג, אַפּזאַץ, קרעדיט... דער קאָפּ, זאָגט ער, גייט אים כאַדאַראַם, ס'אַן עמעס. די קוסטאַרן פֿאַרביטערן אים דאָס יונגע לעבן, ער ווערט, ווי מע זאָגט, אַלט און גראָוו פֿון די קוסטאַרן. די דאָזיקע ניי־צוגעקומענע אַרבעט רעכנט זיך ניט פֿאַר קיין אָפּיציעלע שטעלע, דערפֿאַר באַקומט ער קיין פּרוטע ניט, ס'אַ מין געזעלשאַפטלעכע אָנלאָדונג.

קורץ גערעדט, דער כאַוער יאַקאָוו האָט פֿאַרגעסן דעם וועג צום שול־הייִם.

עקסקורסיעס, אויספֿלוגן הינטער דער שטאָט זײַנען אויך וואָס וויַיטער געוואָרן וויִנציקער, מאַכמעס דער האַרבסט לאָזט זיך וואָס אַ טאָג שטאַרקער פֿילן, ער ווערט כוצפּעדיקער. אַרײַנגעגנײַדעט האָט ער זיך דאַפקע שטיל און אומבאַמערקט, דערנאָכדעם האָט ער אָף אַ ווילדן אויפֿן גענומען זיך צעגאַרטלען, אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען אָף רעכטס און אָף לינקס — אָט, לעמאַשל, גיסט אַ רעגן אַ מאַבל, און אין אַ ווײַלע אַרום שטייט שוין דער הימל אַן אויסגעלײַטערטער, אַ דורכזיכטיקער, קרישטאָל־בלוי. די זון שײַנט ווידער ליכטיק, העל, עמעס, ניט איבעריק וואַרעם, און דאָ, מיטאַמאָל, איין גאָט ווייסט פֿונוואַנען, טראָגט פֿון ערגעץ אָן אַ כווישעכדיקע כמאַרע, פֿון אַלע פֿיר זײַטן נעמען יאָגן בייזע קאַלטע ווינטן, אַ קעלט נעמט דיך דורך, וואָרעסט אויסגעשטעלט, קיין איבעריקע מינוט איז ניט מעגלעך שטיין אין דרויסן.

עס מעג זײַן דער גרעסטער געוויטער און שטורעם, קומט אָניסי מאַרקאָוויטש מיט זײַנע מאָל־מאַכשירים צום טײַך אָדער צו די שטיין־קאַריערן, אײַנגעהילט אין אַ שווערן ברעזענט פֿון עפּעס אַן אומגעלומפּערטער מאָס, מאַמעש ער ווערט פֿאַרלוירן אין אים... ווײַזט ער זיך ניט אין אַ שלעכטן וועטער, איז אַ סימען, אַז דער אַלטער איז ניט מיט אַלעמען. מיר דאַכט, אַז דאָס איז דער אייִנציקער מענטש, וועמען איך קען, וואָס פֿאַטערט קיין איבעריקע מינוט ניט אומזיסט... עס טרעפֿט, ווען דער מאָלער איז אופגעלייגט, וויצלט ער זיך פֿריילעך אונטער אַפֿן אייגענעם כעזשבן, אָבער אין די געשפּיצטע, כאַריפּעסדיקע שאַרפֿקײַטן ליגט אַ היפּשע מאָס באַטריבעניש. „איך בין דער גרעסטער אויסבראַנגער אין דער וועלט", באַקלאָגט ער זיך, „צו מיר איז ניטאָ קיין גלײַכן אין פֿאַרשווענדן צײַט... עס ווילט זיך אָף דער עלטער ניט בלײַבן קיין אָנזעצער... יעדע מינוט, וואָס איך כאַפּ אַרײַן, איז גלײַך ווי געפֿונען... אין מײַן לאַנג לעבן האָב איך געגוג געזינדיקט קעגן גאָט, קעגן מענטשן און טאַקע קעגן זיך אַליין... יאָ, יאָ, איך בין שוין באַ די יאָרן, ווען מע מוז אײַנהיטן מיט די לעצטע פֿיבערן די געשענקטע מינוטן, וואָרעם אָט־אָט וועט זיך די אַלטע פּאַס צעשיטן..."

טרויעריקע רייד, דאָס קאָל — מוירעדיק געפֿאַלן...

קיין ווײַב און קינדער לאָזט דער מאָלער ניט איבער נאָך זיך. קיין האָב־און־גוטס אוואַדע ניט. וואָס זשע פֿאַרמאָגט ער יאָ? פּעק, הורבעס פּעק, הויפֿנס פּאַפּיר, קאַרטאָן, לײַוונטן פֿון פֿאַרשיידענע ברייטן און לענגן, אייל און אַקוואַרעל־מאָלערײַ, אָט אין דעם ליגט זײַן גאַנצע אַשירעס...

מאַמעש צו שטוינען, וואָס פֿאַראַ מאָדנע קונצן דער האַרבסט ווײַזט אַרויס. קייִנער איז ניט באַוואָרנט מיטן דרויסן אין אַ האַלבער שאָ אַרום. גאָר ציקאַווע איז דעמלט, ווען עס טוט פּלוצעם אַ כליופּע אַ קאַלטער גוסרעגן און אין הימל איז ניט צו זען קיין ברעקל וואָלקנדל... גאָט ווייסט פֿונוואַנען עס פֿאַלן געדיכטע די אײַז־קאַלטע טראָפּנס, ווי געפֿרוירענע יאָדערן...

און אָט קומט דער צוגעשטילטער פֿרײַער שאַבעס.

שאַבעס — פֿון שול־הייִם אויך פֿרײַ. אַ טאָג, וואָס איז ווײַט ניט ענלעך אָף אַלע איבעריקע טעג אין דער וואָך. הײַנט איז אומעטום, פֿיל איך, שאַבעס. רעכענען רעכנט מען דעם טאָג פֿאַר אַ פֿרײַען, און מיר דאַכט, אַזוי פֿאַטויפּעט זיך באַ מיר אין מויעך, אַז מיר זײַנען פֿרײַ אַפֿילע פֿונעם טאָג... שאַבעס אינדערפֿרי האָב איך זיך פֿון ניט האָבן וואָס צו טאָן אַראָפּגעלאָזט צו די טײַך־שטיינער. דער דרויסן האָט זיך אויסגעגעבן ווײַט פֿון צו זײַן זוניק, העל, און דאָך, ווערדליק די צײַט, שטייט אַ לינדע וואַרעמקײַט אין באַרשעוו, אַ מין איבערגעשטאַנענע לעבעלכקײַט פֿון וואָלקעניש. פּאַמעלעך, שווער קויקלען זיך געדיכטע וואַסער־כוואַליעס אינעם טײַך, שלאָגן זיך אָן אין די שטאַרצנדיקע שטיינער, כליופּען בייזלעך אַרויס צום ברעג און שווענקען אַרום די צעוואָרפֿענע גראַניט־הערודעס. געקייטלטע סקאַלעס שטייען נאַקעט־הויל, געשרומפּן און געהויקערט, וואַרטן אופּצונעמען די גרויזאַמע שקוואַלן, געוויטער־שטורעמס, וואָס דאַרפֿן נאָך אַראָפּנידערן אָף זייערע רוקנס... ווי דורך אַ דרעמל, פֿאַרנעמען זיי דערווײַל דאָס מאָנאַטאָנע וואַסער־זשומעניש מיט גליוועדיקער גלײַכגילטיקײַט.

מע דאַרף זיך מעשאַער זײַן, אַז דאָס מאָל האָט זיך דער אַלטער מאָלער ווידער פֿאַרקליבן מיט האַקל־פּאַקל אין אַ פֿאַרבאָרגן ווינקל. דעם עמעס גערעדט, זוך איך אים ניט איבעריקס, נייטיקער און בילכער וואָלט איך אוואַדע וועלן באַגעגענען עמעצן פֿון מײַנע כאַוויירים

יינגלעך, ארומשפרינגען מיט זיי איבער די שטיינער, צוזאמען שטיפן, פירן וואַסער־עס־איז־ניט־איז פריילעכע שפּיל אָדער פאַרקלײַבן זיך מיט די כעוורע צו דער כאַרעווער וואַסער־מיל, וועלכע שטייט האַלב־פאַרטרונקען, ווי אַן אונטערגייענדיקע שיף. באָטל־ליידיק דריי איך מיך איינער אליין ארום באַם ברעג. ווו־ניט־ווו לאָזט זיך הערן דער אָפּהילך פון וועש וואַשן. זעלטענער פאָרט אהער אראָפּ צום טײַך א וואַסערפירער. דערפאַר אָבער דאָרט, בא דער הרעבליע, שלאָגט מיט באַוועגלעך לעבן, מענטשן גייען אויף און אָפּ, פורלעך פאָרן הין און צוריק, ווער עס טרײַבט א טשאַטע גענדז, אַן אנדערער פירט א ציג, א דריטער פאַרט אַף אַן אויסגעשפּאַנט פערד. אויב איין שטאָט פילט זיך שאַבעסדיקע רו, איז אַף דער צוגע־טאָפּטשעטער הרעבליע טאָמיד וואָכעדיק.

פּלוצעם און אומגעריכט האָט זיך פונעם מעשופּעדיקן בערגל וויכערדיק געטראָגן אונדזער פאַליטפּראָסוועט, דער כאַוועד יאַקאָוו. דערזעענדיק מיך באַם ברעג טײַך, האָט ער זיך דער־פרייט, ווי מיט עפּעס רעכטס און דערקוויקנדיקס.

— אַ! — שטרעקט ער אויס ביידע הענט לעבעדיק־זשוואַוו, מיט עפּעס א מין גדולע. — קומסט מיר שטענדיק אנטקעגן צו מאַזל, — טוט ער זיך אַף מיר גליקלעך א וואַלגער ארוף און כאַפּט מיך פעסט ארײַן אין זײַנע אָרעמס. — ווידער פון לונאַטשאַרסקין אַן עקסטרע דעפּעשע, — שרײַט ער אויס דערפרייענדיק. — איצטיקס מאָל צוגעלייגט א באַנדעראָל־פּעקל. ווו איז ער ערגעץ, דער ווידערשפּעניקער, דער מוירעד בעמאַלכוס?..

— אַניסי מאַרקאָוויטשן מיינט איר אַוואַדע?

— אים טאַקע מיין איך, וועמען זשע דען?.. ערגעץ מוז ער דאָ ארום טײַך אַרודוועןן מיט זײַן קלייזײַען, דער געבראָטענער אַקשן.

— בא דער קאַמענאַלאַמניע, כאַוועד יאַקאָוו, וועט איר אים געוויס טרעפן.

צוזאמען מיטן פאַליטפּראָסוועט זײַנען מיר אַוועק אויסזוכן דעם פאַרעשע.

— דאָס מאָל, האָב איך מוירע, וועט ער שוין אפּאנעמעסן וואַרפן אונדזער באַרשעוו און פאָרן אהיים, צוריק קיין פעטראָגראַד, — טראַכט דער כאַוועד יאַקאָוו אַף א קאָל, — לונאַטשאַרסקי רופט אים... דער סייכל מײַנער איז זיך מיסכײַעוו, אַז באַרשעוו האָט אים פאָרט א ביסל אונטערגעהיילט... איך וויל נאָך קלערן, אַז דער שוואַרצמאַן־פאַרטרעט איז פאַרן אלטן מאַלער אויך געוועזן ניט קיין שלעכטע רעפוע... די שטיין־קאַריערן זײַנען אים צוניץ געקומען ניט ווינציקער, ווי א גוטער קלימאַט פאַר א כוילע. דער טײַך ראַס האָט אויך בא אים זייער אויסגענומען. מיט איין וואָרט, באַרשעוו איז געוועזן און אים געדינט פאַר זייער א נוצלעכע סאַנאַטאָריע...

בא די רייד לייג איך צו, אגעוו־אורכע, מײַן אייגענעם סייכל: אין דער הייל־סאַנאַטאָריע איז געוויס געוועזן איינער פון די טיכטיקסטע און דערפאַרענע דאָקטוירים דער כאַוועד יאַקאָוו, אונדזער פאַליטפּראָסוועט... זײַענדיק פאַרטיפט אין זײַנע מאַכשאַוועס, רופט ער זיך מיטאַמאָל אָן פראָסט און געוויינלעך, אָן שום פּוצן, ווי צו זײַנעם א גלײַכן:

— זאָלסטו וויסן זײַן, גוטערברודער, — פאַרטרויט ער מיר קימאַט א סאָד, — אַז דו אליין ביסט אויך פאַרעכנט אינעם מעדפּערסאָנאַל... א קליינער כילעק ווער דו ביסט — א פעלדשער, א סאַניטאַר, צי א שפּיטאָל־דינער, טוען טוט מען אלע איין זאַך: געזונט מאַכן דעם כוילע... א רעפוע אײַנגעבן, פלעגערן ארום קראַנקן, שטעלן אַף די פיס — דאָס איז דער כיוו פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן. אין דעם פאַל האָבן מיר אלע זיך באַמיט היילן דעם מאָלערס נעשאָמע... דאַך פאַרשטיי איך ניט, מיט וואָס דער כאַוועד יאַקאָוו פרייט זיך דאָ... א ווילער און א טײַערער מענטש פאָרט אַוועק פון אונדז. דעם ווערט פונעם אַנווער וועלן מיר ערשט שפּעטער דערפילן... וואָס זשע, וויל איך וויסן, איז די סימכע? צי דען זשע באַנעמט ניט דער פאַליט־פּראָסוועט דעם פאַרלוסט?.. ענטפערט ער מיר דערויף: באַרשעוו וועט זיך נאָך מער קוויקנ־שעם זײַן מיט דעם, וואָס פאַרן פעטראָגראַדער מאָלער האָט מען געזאָרגט, געשאַפן באַדינגונגען, ער זאָל ווײַטער פאָרזעצן זײַן שעפערישע ארבעט.

צי דען זשע וויל מיט דעם אויסברײַען דער כאַוועד יאַקאָוו, אַז אַף קאַזיאָנע קעסט איז געזעסן דער פעטראָגראַדער מאָלער אַניסי מאַרקאָוויטש?.. זאָל עמעצער קומען וואָגן זאָגן: דער אלטער האָט לײַדאַקעוועט... דער אלטער שטורמאַק האָט אומזיסט געגעסן בא דער מעלוכע איר ברויט און זאַלץ...

— ווײַטער, — פּרוווט טײַנען דער כאַוועד יאַקאָוו, ווי ער וואָלט עפּעס זייער וויכטיקס מיר געגעבן צו דערקלערן, — איז די טעווע פונעם קאַפּריזנעם מאָלער שטעלן זיך אומעטום דיבאָם, אים איז ניט אײַנצובעטן, ער גייט טאָמיד מיטן שטעקן אין דער ברייט. וועסט דעם געבראָטענעם אַקשן, — זאָגט ער, — ניט איבערשפּאַרן מיט דרײַ פּאָר אָקסן... פון א פרעמדן מענטשן וויל מען דאָס ניט לײַדן, אָבער ער, דער פעטראָגראַדער מאָלער, אַניסי מאַרקאָוויטש,

איז דאָך פּאָרט אַן אייגענער, אַן אונדזעריקער... מוז מען, פאַרשטייסטו, אַ ביסעלע צולײַדן. לונאַטשאַרסקי ווייסט, מיט וועמען גיין צום טיש. אײַ ער בריקעוועט זיך, קאַפּריזעוועט, אַ מענטש מיט פליגן אין נאָז, דערצו נאָך טויב צו יעדער גוטער אייצע? דערפאַר אָבער איז ער געבענטשט מיט טאַלאַנט, אַ ריזיקער קינסטלער, וועמען מע דאַרף אַמאָל פאַרגעבן, אַ נאַרישקײַט מוחל זײַן...

הערן הער איך שוין דעם כאַווער יאַקאָוו מיט אַ האַלבן אויער. קלעטערן, שפּרינגען איבער די שטיינער איז פאַר מיר אַ סאַך בילכער. אויף דעם, זאָגן מײַנע כאַווײרים, בין איך אַ מאַזיק. איך טו עס פלינקער און געשיקטער, ווי דער כאַווער יאַקאָוו. ערגעץ דאָרט, גאַנץ ווײַטלעך הינטער מיר, קאַראַבקעט זיך דער פּאָליטפּראָסוועט. גראַדע דאָ, בײַ די פּילצאָליקע גראַניט־שטיינער, וויל איך ווײַזן מײַן ספּריטנעקײַט. ווי נאָך וועל איך האָבן אַזאַ געלעגנהײַט מיט וואָס צו באַרימען, אויספּײַנען זיך פאַרן פּאָליטפּראָסוועט?.. זאָל ער נאָכאַמאָל זען און איבערצײַגן זיך, וואָס פאַר אַ כוואַט איך בין... דער כאַווער יאַקאָוו זאָל אַזוי מידלעך צושטיין און ניט בעקויעך זײַן מיך אָניאָגן, דאָס דאַפקע וויל איך ניט. ערשט דעמאָלט, ווען מיר האָבן זיך דערקליבן צו דער קאָמענאַלאָמניע, האָט ער זיך צוגעשפּאַרט מיטן רוקן צו דער בליציקער גראַניט־וואַנט אָפּרוען.

— מאַמעש איך באַוווּנדער דײַן גרינגע פלינקײַט, — לויבט ער מײַן אימפּעטפולע באַוועגלעכקײַט, — טראָגסט זיך איבער די שטיינער, ווי אַ פלינקער הירש.

הערנדיק אַזאַ קאָמפּלימענט, ווער איך גרעבער ווי לענגער. אוודאי איז מיר ליב, זייער אָנגענעם, וואָס אַזאַ כאָשעווער מענטש, ווי דער כאַווער יאַקאָוו, רימט מיך.

— וואָס־וואָס, — זאָגט ער, אָפּגעבנדיק מיר גרינג די בכוירע, — נאָר שפּרינגען איבער די שטיינער וואָלט איך מיט דיר זיך ניט געגאַן פאַרמעסטן... — דאָס סקריפּען פון די גיך לויפיקע טאַטשקעס אַרויף און אַראָפּ איבער די ניט גלײַכע געמאָסטעטע ברעטער, דאָס איבערופן זיך אויף אַ קאָל פון צענדליקער און צענדליקער קאַריער־אַרבעטער פּילט אָן דעם אַרומטײַך מיט מוירעדיקן געטומל. פון אַלע זײַטן טראָגט זיך דאָס הוקען און קלאַפּן, האַגאַם קיין מאַשינעס איז אין ערגעץ ניט צו זען.

דעם אַלטן מאָלער דאַרף מען זוכן ערגעץ־ווו אין אַ פאַרבאָרגענער באַהעלטעניש. זאָל דער כאַווער יאַקאָוו דערווײַל דאָ אָפּרוען, און איך וועל מאַכן אַ שטיקל „ראַזוועדקע". לאַנג זוכן איז מיר ניט אויסגעקומען. אָט דאָרט, אונטער יענע צוויי אַרומגעהריזעטע שטיינערזײַלן, וואָס שאַפן אַ מין געבראָכענע אַרקע (אַ דרײַסיק־פערציק שפּאַן בעסאַכאַקל פון דער ריזיקער גראַניט־וואַנט), זיצט דער מעכוטן אַליין, אָניסי מאַרקאָוויטש. וואָדען, איך וועל אים ניט געפינען?.. אין דער הייך, ווי אין אַ שטיינערנער פּאַס, פאַרבאַריקאַדירט, מידט זיך איבער זײַן הייליקער אַרבעט דער מאַסמיד, ער פאַרקוקט זיך צומאָל אויף די פאַרהאָרעוועטע קאַריער־אַרבעטער. פאַרן כאַווער יאַקאָוו האָב איך אויפגעהויבן די האַנט, אַ סימען, אַז איך האָב דעם מאָלער אויסגעזוכט און געפונען. ביידע, איך און דער כאַווער יאַקאָוו, זײַנען שיינע עטלעכע מינוט געשטאַנען פונדערווײַטנס אויף אַ געוויסער שטרעקע און געקוקט אויף אים.

— זעסטו כאָטש? — גאַפט דער כאַווער יאַקאָוו. — זעסט, וויפל לעבעדיקײַט שפּרודלט פון דעם ווײַט ניט יונגן מענטשן? ער איז אַרײַנגעוואַקסן אין זײַן מאָלערישער אַרבעט. בײַ אַן עכטן מאָלער קאָן עס אַנדערש ניט געמאָלט זײַן...

פאָרזיכטיק שטעלט דער כאַווער יאַקאָוו טריט צו דער שטיינערנער אַרקע. טריט פּאַמעלעכע, געהיטע, ווי זיי וואָלטן אײדעס געזאָגט וועגן דעם יראס־האַקאָוועד, וואָס דער פּאָליטפּראָסוועט טראָגט אין האַרצן צום פּעטראָגראַדער מאָלער. איך ווייס שוין לאַנג דערפון — בײַ יעדער באַגעגעניש ווײַזט דער כאַווער יאַקאָוו אַרויס צו אים גרויסע העפלעכקײַט, ער באַציט זיך צום מאָלער מיט גרויס רעספּעקט און פאַרערונג... דאָס מאָל, בײַ דער קאָמענאַלאָמניע, האָב איך ווידער געזען דעם אָפּשײַ און די הויכשעצונג צום קונסט־מײַסטער.

די דעפּעשע און דאָס באַנדעראָל־פּעקל האָט דער מאָלער מיט גלײַכגילט איבערגענומען, ווי מע נעמט איבער אַ געשיקטע זאַך פון אַ געוויינלעכן שאָליעך, ניט אַרײַנקוקנדיק, פונוואַנען עס איז געשיקט געוואָרן, ווער עס שרײַבט און וואָס מע שרײַבט... גראָד איצט, מער ווי ווען־עס־איז, האָב איך דערפילט, אַז דער כאַווער יאַקאָוו איז אין אַ פאַרלעגנהײַט, ווי איינער, וואָס טאַפּט אַ וועג אין דער פינצטער... ער האָט זיך אַ ביסעלע פאַרלוירן. כ'האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, פונקט ווי ער איז געקומען אהער איבערבעטן אַ באַרויגעזדיק שטאָלצן זיידן, וועלכער האָט פאַרלאָזט די מישפּאָכע, און מע דאַרף אים ווייכער מאַכן, ער זאָל ווייליק זײַן זיך צוריקקערן...

שקאָציש און פאַרשײַט שטעל איך מיך אַרײַן גאַנץ שטאָלץ און פאַריסן אין דער שטיינער־אַרקע, ווי אין אַ רעמל, צווישן קינסטלער און דעם כאַווער יאַקאָוו. דער אַלטינקער

אַניסי מאַרקאָוויטש, זע איך, איז צופרידן פון מײַן אומגעריכטן באַזוך. זײַן גוטמוטיקער בליק האָט צאַרט און וואַרעם אַרײַנגעשמייכלט אין מײַן צופרידן פּאָנעם.

— האָסט געטאָן זייער א גלײַכע זאַך. דײַן קומען אהער האָט דערפרייט מײַן הארץ, — רופט דער מאַלער זיך אָן אופגעלייגט. — אָט זעט איר, — ווענדט ער זיך צום כאַווער יאַקאָוו, — נאָך וועמען כ׳האָב זיך אפּגעמעסן שטארק פארבענקט, — דאָס ייִנגל איז ווערט, מע זאָל נאָך אים בענקען...

— ווו האָט ער איבעריקע צײַט? — נעמט מיך דער כאַווער יאַקאָוו אונטער זײַנע פליגל. — מע דאַרף לערנען, גרייטן לימודים, אויספילן געזעלשאַפטלעכע פליכטן. ער דערציט זיך, דאַרף מען געדענקען, אין אזא לערן־אַנשטאַלט, וואָס איז פאַר אים א היים אויך.

— א היים... א היים... — וואַרטשעט דער מאַלער מיט כויזעק. — נו יאָ, ווער ווייסט עס ניט, די „שול־היים" אין באַרשעוו? איינס פון די צוויי, — שטעלט ער אַרויס ביטערע טײַנעס צום פּאַליטפּראַסוועט, — אָדער מאַכט א שול, אָדער מאַכט א היים... ווי׳אַזוי מע דערנערט דאָרט די קינדער, ווייס איך ניט, נאַר ווי׳אַזוי זיי זײַנען געקליידט, זאָל איין גאָט שוימער־אומאַצל זײַן, — כאַפּט ער זיך פארן קאָפּ. — ערגער קאָן גאָר ניט געמאָלט זײַן, מיט די הוילע, זײַט מויכל, פּופּיקלעך אין דרויסן.

באַם כאַווער יאַקאָוו האָט זיך אַרײַנגעגאַנגעוועט א פּײַערל אין די אויגן.

— ווען איר, מיט אײַער קאָוועד אַליין, אַניסי מאַרקאָוויטש, — צוימט ער אָנגעשטרענגט זײַן אופרעגונג, — גאַרטלט זיך גוט אונטער, וואָלט איר אויך מיט עפּעס וואָס געקאָנט גיין די אָרעמע קינדער אַנטקעגן... כאַלילע, ראַכמאָנעס ווילן מיר אין אײַך ניט דערוועקן, ראַכ־מאָנעס איז א שלעכט געפיל, ראַכמאָנעס בעטן מיר באַ אײַך ניט... וואָס די קינדער עסן און טרינקען, ווי׳אַזוי זיי זײַנען געקליידט, פאַרשפּאַרט איר אונדז דערציילן... נאָר שטיין פונ־דערווײַטנס, ווי א באַאָבאַכטער, מיט א גלאַטן לונג־און־לעבער צוווּאַרפן, ווי אָן אָפּגעשטאַ־נענער קליינבירגער, א שטעכווערטל, טאַדלען און אפילע אָפּשפּעטן, ווייס איך ניט, צי עס פּאַסט פאַר אזא באַרימטן מאָלער, מיט וועמען לונאַטשאַרסקי שטייט אין ענגער פאַרבינדונג...

אוווא, שטאַרק אַרײַנגעזאָגט! דערלאַנגט גלײַך אין לעבער אַרײַן. איצט, זע איך, אַז דער כאַווער יאַקאָוו כאַפּט גאָר א קליינעם ציטער פאַרן מעפורסעם, ווי מיר האָט זיך פרי׳ער אויסגעדאַכט. אָפּגעבן קאָוועד, שעצן זײַן שאַפונג איז איין זאַך, און שטעלן זיך געוויסנהאַפט אַף דער גערעכטער זײַט איז א צווייטע זאַך... יענער מעג טאַקע זײַן דער קויהענגאָדל אַליין מיט דער העכסטער און שענסטער רעפּוטאַציע, א יאַכיד סגולע פון דער ערשטער וואָ־סער, דאָס אייבערשטע, ווי מע זאָגט, פון דער מילך, נאָר אַז סע קומט אויס זאָגן דעם עמעס אין די אויגן, וועט דער כאַווער יאַקאָוו, ווי מיר זעען, זיך פאַר קיינעם ניט גיין שעמען. אָט אזא מין איז ער באַ אונדז, דער פּאַליטפּראַסוועט.

אומזיסט האָב איך געמיינט, אַז באַלד וועט אויסברעכן גאָט ווייסט וואָס פאַר א מילכאָמע, עס וועט זיך טאָן כוישעך... אָבער ניין, דאָס האָט דאַפקע ניט פּאַסירט.

געדולדיק אויסגעהערט דאָס שײַנע ביסל מוסער־זאָגן מיט א מינע פון א ווינציק באַקי־מערטן פאַרשוין, נאַכאַמאָל געכאַפּט זײַטיק א קוק אין דער לאַנגער דעפּעשע, וואָס האָט געהאַט אין זיך העכער א האַלבע זײַט אויסגעגאָסענע שורעס אַף געקלעפּטע פּאַסיקלעך מיט געדיכטע אויס׳יעס, טוט דער מאַלער פּאַמעלעכן זיך א הייב אויף.

— מעגלעך... — זאָגט ער שטיל. — מעגלעך, אײַערע שטראָף־רייד האָבן געפונען אין מיר דעם ריכטיקן אַדרעס... איך בין מיט מײַן טײַנע ניט אויסן געוועזן קיין שום בייז. גאָט איז מײַן איידעס... קינדווײַז, אין זײַנע יאָרן, — לייגט ער אַרויף אַף מײַן קאָפּ זײַן רעכטע ציטער־ריקע האַנט, ווי זי וואָלט אונטערגעכליפּעט, — אינדערינען ליגט שוין א היפּש ביסל יאָרן... האָב איך קיין שענערן אויסזען ניט געהאַט, ווי די קינדער פון אײַער שול־היים. וועגן מײַן דערנערונג און מײַן דערציִונג לאָמיר בעסער ניט דערמאָנען... קיין האָניק, מעגט איר מיר גלייבן, האָב איך באַ מײַנע עלטערן, בלוטיקע נעגידים, ניט געלעקט. הײַנט דאָס זיצן פאַר־שפּאַרט דעם גאַנצן טאָג, סײַ זומער, סײַ ווינטער, אין אַן ענג שטיקנדיק כיידערל... אין מײַן פרי׳ער קינדהײַט האָב איך ניט ווינציקער געהונגערט נאָכן דרויסן, נאָך פרישער לופט. דער־פאַר, נאָך אַדהײַעם, בין איך טאָמיד זשעדנע ראַכוועס, הימל, זון, רוים...

דער כאַווער יאַקאָוו איז געווען גערירט פון דעם אַלטן מײַסטערס קורצער קינדהײַט־געשיכטע, ער האָט אזש געביסן דעם נאָגל פונעם פינגער.

— איך פיל אײַך מיט, — זאָגט ער, — מיטן גאַנצן האַרצן פיל איך אײַך מיט... איך פאַרשטיי אײַך זייער גוט, וואָרעם דאָס, וואָס איר דערציילט, איז מיר ניט פרעמד... נאָך אזא וועלט־כורבן האַלטן מיר באַזונדער טײַער דאָס קינד. די שטערבלעכקײַט וואָלט געווען אין פיל מאָל גרעסער, ווען די יונגע אָרעמע מעלוכע אונדזערע לייגט ניט אַרײַן איר גאַנצע

נעשאַמע, ווי מע זאָגט בא אונדז, דאָס גאַנצע דאַבערע־מאַזל אינעם ראַטעווען די אומבאַשיצטע אויפּעלעך... וועמ־וועמ, נאָר אַזעלכע אַנגעזעענע פּערזאָנען, ווי איר, דאַרפֿן די ערשטע קומען צו הילף...

— מיט מײַנע גיטער?.. — טוט דער אַלטער מאַלער אַ פֿלאַקער אויף. — מיט מײַנע אַשי־רעס? מיט מײַן גוואַלדאָוונע פֿאַרמעגן?..

— בלאָטע!.. — ווערט אויך הייס אופֿגעקאָכט דער פּאָליטפּראַסווועט, — קיין בורזשויען זײַ־נען בא אונדז אין לאַנד ניטאָ. אַז מיר ריידן דאָ וועגן הילף די היימלאָזע, מיינען מיר ניט קיין געלט דאָ... זײַט פֿאַר זיי עפּעס מעכוּיעוו מיט אײַער רײַכער באַגאַבונג, מיט אײַער שאַפֿונג... דאָס אַליין, פֿאַרשטייט איר אויך זייער גוט, וואָלט געווען דער גרעסטער צו־שטײַער... שײַע דער באַנדער, איר קענט אים ניט און ווייסט אים ניט, וואָס רעכנט זיך צווישן די אָרעמע באַלמעלאָכעס, פֿאַרמאָגט אַ ביסעלע מער געלט־קאַפּיטאַל, ווי איר, אַניסי מאַרקאָוויטש... און פֿונדעסטוועגן זײַט איר אין טויזנט מאָל רײַכער, ווי די ראָטשילדס אין פּאַריזש... וועגן עס גייט אַ טוישונג — דער וועלט־באַנקיר מיט אַלע זײַנע מאַיאָנטקעס און גאָלד־אויצרעס זאָל קומען אין אונדזער פֿאַראָרעמטער מעדינע, און איר, אַניסי מאַרקאָוויטש, פֿון פּעטראָגראַד, אָן אַ קאָפּעקע געלט בא דער נעשאָמע, זאָלט פֿאָרן אַהין, וואָלטן מיר אַזאַ בײַט ניט געמאַכט... אין דעם באַשטייט אויך די סאָציאַלע רעוואָליוציע...

אַ דורכזיכטיקע ראָזלעכע פֿאַרב, דער קאָליר פֿון טמימעס און ערלעכקייט, ווערט אָנגעגאָסן אויף דעם אַלטנס געפּאַלדעוועט געזיכט. שעמעוודיק, דעם גרוי־גרײַזן קאָפּ געבויגט, מישט ער דעם אַקאָרשט באַקומענעם מיט די פֿאַרבן־רײַכע רעפּראָדוקציעס קונסט־אַלבאָם, וויזט פֿאָרן כאָווער יאַקאָוו, אָן באַרימערײַ, פּאַשעט, אַניוועסדיק זײַנע אָפּגעדרוקטע מאָל־אַרבעטן. דאָס באַנדעראָל־פּאַפּיר מיט די טריוואַקס־שטעמפּלען וואַלגערן זיך אָט דאָ אומ־גוציק אויף די צעדרויבלטע שטיינדלעך.

— דאָס איינציקע פֿאַרשאַפֿטע ביסעלע פֿרייד, — קוויקט זיך כּיעסדיק, ווי אַ קינד, דער עלטערער מענטש, — דאָס האַרץ ווערט אויפֿגעריכט, ווען דו זעסט ערגעץ־ווו כאָטש אַ זייכער פֿון דײַן מי... — און צו מיר קערעוועט ער אויס זײַן פּאָנעם מיט די אויגן, וואָס האַלטן פֿריידיק אײַן דעם אופֿגעלויכטענעם שימער־פֿינקל. — עס וועט זײַן גוט... זײַ ניט שטאַרק באַצאָרנט, — דערמאָנט ער זיך פּלוצעם אין מײַן באַליידיקט ווערן פֿאַרן דיקטערס בילד. — דער שוואַרצ־מאַן־פּאָרטרעט וועט זיך מיט דער צײַט אָפּזוכן... איך בין דיר אָרעוו.

יאָ, יאָ, קלער איך, מע מעג עס פֿאַרשרײַבן אַפֿן וואַסער. נאָכן בילד קאָן מען זאָגן קאַדעש.

נו, און וואָס זאָגט ער מיקויעך דער עקסטרע־טעלעגראַם, וואָס רופֿט אים צוריקקערן זיך אַהיים, קיין פּעטראָגראַד? עפּעס הער איך ניט קיין קלאָרע דיבורים. דער כאָווער יאַקאָוו, זעט אויס, וואַרט אויך אומגעדולדיק אויף אַ לעצט וואָרט פֿונעם אַלטן מאָלער: וואָס פֿאַר אַ טשוווע וועט ער אים שיקן, דעם פּאָלקסקאָמיסאַר?..

נאָך אַ קורצן יישעווו־האַדאָס טוט ער ענדלעך אַ ברום אַרויס:

— ס'וועט אויסקומען פֿאָרן...

דער כאָווער יאַקאָוו האָט זיך צעשײַנט, ווי אין טאַמעז די זון.

— לונאַטשאַרסקי, — זאָגט דער אַלטער אַ דערמונטערטער, — האָט בעפּיירעש גוטע קאַ־וואָנעס. לונאַטשאַרסקי איז אַ מעלוכע־מאַן פֿון גאָר אַ גרויסן מאַסשטאַב. דער מעדינע־קאָ־מיסאַר קאָן אויך זײַן אַ וווּנדערלעכער האַרצפֿרײַנט... ער פֿילט אַכרײַעס פֿאַר יעדן קינסטלער. גאָרקיס נוסעך... אַ נעשאָמע־מענטש, אַ גײַסטרײַכע פּערזענלעכקײַט.

אויג־אויף־אויג מיטן מעפּורסעם

2.

נאָכדעם האָט דער גוט געשטימטער אַניסי מאַרקאָוויטש פֿאַמעלעך גענומען צונױפֿלייגן זײַנע מאָל־מאַכשירים, ווי אַ באַלמעלאָכע לייגט אַוועק שער־און־אײַזן אינעם קורצן טאָג. דער כאָווער יאַקאָוו האַלט זיך בא געזעגענען, נאָר איידער ער פֿאַרלאָזט דעם געדויש פֿון די שטיין־קאַריערן, רופֿט ער זיך גאַנץ פֿריילעך אָפּ צום מאָלער, שפּילעוודיק־לײַכט, קימאַט היימיש:

— פֿאַרגעסט ניט, אַניסי מאַרקאָוויטש, אינעם זײַ־געזונט.

— נו־נו, — מורמלט יענער גוטמוטיק אין זיך, — באַרשעוו נעם איך צו גלײַך מיט אַלע מײַנע בילדער, וואָס איך האָב געמאָלט דאָ...

עס איז מיר אויסגעקומען לענגער זיך פֿאַרהאַלטן, געהאָלפֿן אײַנפּאַקן דעם מײַסטער דאָס

געשיר, די פּושקעלעך און סלאַיִקלעך, אויסוואַשן די פּענדזלעך. עפּשער וועט מיר נאָך אויסקומען עפּעס־וואָס פּאַרטראַגן פונעם קלייזיַען צום מאַלער אהיים? — מיטן שענסטן קאַוועד.

דער קליינימשקער פּאַרדראָס מייַנער, וואָס איך האָב א צייַט געטראָגן אין האַרצן (טאַקע איבער דעם שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט), איז שוין לאַנג אָפּגעגאַן. דעם כאַווער יאַקאָווס געבראַכטע יעדיַע האָט מיר קיין גרויסן פאַרגעניגן ניט אָנגעטאָן... איך האָב געהאַט דעם פּאַרגעפיל, אַז עפּעס זייער טייַערס און ליבס וועט אינגיכן פאַרשווונדן ווערן. ווי אַזוי וועט אויסזען דער טייַך, די שטיינער, דער גרינבאַרגיקער מאַנאַסטיר, די קאַמענאַלאָמניע, ווען דער מאַלער וועט פּאַרלאָזן אונדזער באַרשעווי?..

אַניסי מאַרקאָוויטש פּרעגט מיט אַן ערנסטער מינע בא מיר: צי דער פּאַליטפּראָסוועט איז טאַקע א מענטש א לייַטישער, צי האָט ער א גוטן שעם אין שטאָט, צי האַלט מען אים אין כשיוועס, צי די אייַנוווינער זייַנען פון אים צופרידן? מיר איז שווער ענטפערן אַף אַזעל־כע קאַשעס — פּאַרוואָס מיינט דער מאַל־מייַסטער, אַז איך קווענקל זיך אין געבן אַן אָפ־ריכטיקן ענטפער? איך נעם זיך אָן מיט דרייסטקייַט און זאָג אים בעערעך אַזוי: ניט נאָר פאַר דער היגער באַפעלקערונג, נאָר אויך פאַר אייַך, אַניסי מאַרקאָוויטש, זאָרגט דער כאַווער יאַקאָוו... אייַער גורל גייט אָן דעם פּאַליטפּראָסוועט ניט ווייניקער, ווי אייַער סאַמע נאָענטסטן מענטשן... די דערמונטערנדיקע דעפּעשעס פון לונאַטשאַרסקין פּרייען דעם כאַווער יאַקאָוו עפּשער מער ווי אייַך זעלבסט...

— פּונוואָנען ווייסטו? — קוקט ער אַף מיר פאַרכידעשט. — קאָנסט דאָך מיר ניט זאָגן, אַז ער איז שיר ניט דייַנער א כאַווער און טיילט זיך מיט דיר, ווי מיט זייַנעם א גלייַכן? ביכלאַל וואָלט איך געוועלט זייער א באַלן צו וויסן, וואָס פאַר א שייַכעס האָסטו צו דעם דאַזיקן יונגנמאַן?

— קיין שום כאַווער ניט... קיין שום שייַכעס ניט... נאָר דאָס, וואָס איך דערצייל אייַך, איז אינגאַנצן עמעסדיק... און אַז איר ווילט וויסן ביזן סאָף, קאָן איך אייַך אנטפּלעקן נאָך א סאָד: אַז אייַך, לעמאָשל, גייט שלעכט אין דער מאַלערישער אַרבעט, שלים־שלימאַזל, לעבט דער כאַווער יאַקאָוו עפּשער איבער מער, ווי אייַער בעסטער און איבערגעגעבנסטער פרייַנט. יעדעס בילד, וואָס איר צערייַסט און וואַרפט אַפּן װינט אָדער אין וואַסער אַרייַן, ווי איר האָט עס צוריק מיט א צייַט געטאָן דאָרט באַם בורון, אונטער ראָסקאָפּענעץ, רופט זיך עס אָפּ יעסורעמדיק אַף אונדזער פּאַליטפּראָסוועט...

— פּונוואָנען, זונעניו, ווייסט ער אַזעלכע זאַכן?

— ער ווייסט. אַלצדינג ווייסט ער... די אַרבעט איז בא אים אַזאַ... אַנדערש, וואָס פאַר א פּאַליטפּראָסוועט וואָלט ער געווען?

דער כמורנער דרויסן לייגט זייַן גרויע טאָג־שייַן בלייַ־שווער אַפּן מאָלערס געזיכט. נאָך אַזאַ גוטער בסורע, און דאָך איז ניט צו זען קיין ברעקל שטראַלעכל פון זוניקער ליכטי־קייַט, קיין קאַפּעלע פרייד. ניט די גליקלעכע דעפּעשע און אויך ניט דאָס באַנדראָל־פּעקל האָבן אופגעריכט זייַן געמיט. דער פּענדזל־מייַסטער איז מיט זייַנע ראַיווינעס פאַרטיפט אין זיך. זייַן בלאָנדזשענדיקע נעשאָמע, דער שיגאָען, טראָגט אים שוין ווידער אַרום ערגעץ ווייַט־ווייַט אין אוילעם־האַטויע...

דאָרט, אַף אַרוף, לעבן די געפלאַכטענע טינען, וואָס ציִען זיך מיטן שמאָלן געסל, פּירט די סטעזשקע נעענטער צו אַניסי מאַרקאָוויטשעס געדונגענע נאַכלע. דאָס דאָזיקע שעפעדיקע ווינקל — סעדער, סעדער, סעדער — ווייסט קיינמאָל ניט פון קיין אומגערעטעניש. זומער־צייַט, ווען די סעדער נעמען זיך אָן מיט לייַב, בינדט מען אונטער די שווערוואָגיקע צווייַגן, זיי זאָלן זיך ניט ברעכן, מע שטעלט אונטער דרענגלעך, געפעסטיקט מיט שטריק און דראָט, קעדיי די ביימער אליין זאָלן ניט צעשעדיקט ווערן פון דער בראַכעדיקער שעפע.

איך ווייס שוין פון לאַנג, דער אלטער האָט מעסוקן ליב דאָס געראָטענע שטילע געסל אויסער דער שטאָט. איצטיקס מאָל, גייענדיק מיט מיר, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט א ווייַלע, ערנסט און פאַרטראַכט געקוקט אַפן פּרעכטיק האַרבסטיקן אַרום, אַף די ביימער, ווי זיי שטייען אין זייער שעמעוודיקער האַלב־נאַקעטקייַט... באַם שטאַם צופוסנס ליגט דאָס אַראָפּ־געוואָרפענע געלע קלייד. אומעטום שורשענדיקע הורבעס בלעטער. דער מאַלער האָט זשעדנע געקוקט און געשלונגען מיט די אויגן דאָס צויבערדיקע גאַניידן־ווינקל אַף יענער זייַט טייַך.

— בעלי־סאָפּעק... — מורמלט ער שטיל פאַר זיך, — אומבאַדינגט, דאָס ווונדערלעכע ווינקל וועל איך געוויס מיטנעמען... דעם טייַך ראָס, די ריזיקע שטיינער און סקאַלעס, די טאָמיד ווימלענדיקע וואַסערפאַלן... דאָס קריצעניש און ריטשעניש פון די שטיין־קאַריערן מיט די אומצאָליקע שנעל־לויפיקע טאַטשקעס אַרוף און אַראָפּ. הייַנט די קאַלטע וואַסער־קוואַלן בא דער גראַניט־הליבע, אייַנגעהילט אין פייַכטלעכן מאָך... אָט מיט וואָס פאַר אַן אויצרעס איך

פאָר צוריק אַהיים, קיין פעטראָגראַד... יאָ, זיכער דיך וועל איך אויך מיטנעמען, און כאָמעלען אוואַדע. מעגלעך אַפילע דעם פּאַליטפּראָסוועט אַפּיערן, דעם שפּירעוודיקן יונגערמאַן... הײַנט איז ער מיר באַזונדערס געוווען געפעלן.

וואָס הייסט, ער וועט מיטנעמען?.. אָבער אַז איך נעם די רייד זײַנע רעכט אַפּן זינען, טראַכט ערנסט און רויק אין זיי זיך אַרײַן, פאַרשטיי איך, אַז דער מאָלער מיינט מיט דעם צו זאָגן: די צײַט, וואָס ער האָט באַ אונדז אין באַרשעוו פאַרבראַכט, נעמט ער מיט, ווי אַ טײַערן אָנדענק... דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. אוואַדע לאָזן זיך גרינג ניט פאַרגעסן ניט די סקאַלעס און שטיינער, ניט דער זינגענדיקער טײַך, ניט די קאַלטע קוואַלן און ניט די ברייט־צעוואָרפענע קאַמענאַלאַמניע. ווען ער פרעגט מיך, אַשטייגער, וואָלט איך אים נאָך געצייצעט מיטנעמען ביידע זײַטן לאַנקע אַרום דער געוואַנט־פאַבריק, דעם אַרבעט־פּאַלאַץ מיט זײַנע פּײַערלעכע אָוונטן און דעריקער דאָס קינדערהויז, וואָס שטייט אינמיטן שטאָט, ווי אַ לײַכט־טורעם... אויב עס איז פאַר אים ניט שווער, זאָל ער אויך ניט פאַרגעסן דאָס קאָמיוג־מויערל, דאָרט אַף אַרויף צו דער פּאָטשט, פונוואַנען עס ציען זיך שטענדיק אין די אָוונטן געזאַנגען, לוסטיקײַט און נאָך עפּעס אַזעלכעס, וואָס מע קאָן אָנרופן: מונטערע יוגנט־פרייד.

דער אַלטער מאָלער פאַרלויפט מיר אָבער דעם וועג.

— גאַנץ באַרשעוו, — זאָגט ער, — וועט בלײַבן זיצן אויבנאָן, אין גרויס קאָוועד אָט דאַ־אָ! — ווײַזט ער אַפּן האַרצן. — זעלטן צו געפינען נאָך אַזאַ געבענטשטע, אייגנאַרטיקע נאַטור. סײַדן אין איטאַליע אָדער ערגעץ אין די בערג פון קאַווקאַז.

דערנאָכדעם פרעגט ער באַ מיר ווײַטער, ווי מע פרעגט אַ רעטעניש:

— ווי קלערסטו, דאָס דאָזיקע הינטערשטאָט־געסל מיט די רײַכע באַלעגופּישע סעדער און בײַזע, אַף קיינעם געהאַלטענע, וואָלף־הינט זאָגן דיר גאָרניט?.. מיר, דעהײַנע, קומט אַפּן זיכּאָרן אַ צעבליטע שמעקנדיקע רויז מיט אַרומגעוואַקסענע שטעכלקעס. טאַקע שיין, צאַרט, איידל, די רויז גיט פון זיך אַרויס דערקוויקנדיקע דופטן, נאָר קום ריר־סטו זיך אָן אין איר, נעמט בלוטיקן דײַן לײַב...

דאָ ווייס איך שוין ווידער ניט, וואָס דער מאָלער מיינט מיט דער „דערנער־רויז?" איבערפרעגן פּאַסט עפּעס ניט. מאַלע וואָס אַן עלטערן מענטשן פאַלט אײַנעט... איינס איז איצט פאַר מיר קלאָר: מיטן אַלטן פעטראָגראַדער מאָלער גיי איך דאָס לעצטע מאָל... איינער אַליין וואָלט איך זיך קיינמאָל אין דער וועלט אַהער ניט פאַרקליבן, ניט מאַכמעס דאָס בילן פון די בײַזע הינט שרעקט מיך, נאָר די פאַרביסענע פּײַנטשאַפט פון די זאַטע באַלעבאַטים צו דער שטאָטיש־עוויוינישער געבראָכנקײַט... עס ציטערט אַף די היגע מעשטשאַנעס די הויט, טאָמער וועט די רעוואָליוציע, כאָלילע, אָנרירן זייערע פעסט־געפונדעוועטע נעסטן, די פולע שײַערן מיט אַלדאָסגוטס...

ווײַט פונעם באַלעגופּישן געסל, באַ איינער אַ הויכער קאַליטקע, בלײַבן מיר ביידע אַ ווײַלע שטיין. אַרײַנגיין צום אַלטן מאָלער אין שטוב האָב איך גאָר אַ קליינעם כיישעק איבער פיל טײַמים. אומקערן זיך צוריק אַהיים וועל איך געוויס מיט דער זאַראַסיער שטעג־קאַליע, עפּשער ניט אַזאַ קורצער וועג, אָבער דערפאַר אַ רויִקערער.

נאָך איידער איך נעם אויסשטעלן אַף דער ערד דאָס ביסל געשיר, וואָס איך האָב דעם אַלטן געהאָלפן פאַרטראָגן אַהער, טוט ער אַף מיר מאָדנע אַ קוק, ווי איינער רעדט: וואָס איז דאָס פאַר אַ טנועה?..

זאָג איך:

— אין דער היים וואַרט אַף מיר מײַן מאַמע. ס'איז הײַנט שאַבעס.

— אין קיין באַהעלפערס נייטיק איך זיך ניט. איך וויל דיך אופנעמען ווי אַ טײַערן, געוווּנטשענעם גאַסט... אָפּקומען מיט אַ דאַנק, צולייגן אַ ביסל מינץ, וועסטו זיך באַליידיקן און זײַן גערעכט. דאָס גראַדע וויל איך ניט... איך האַלט דיך פאַר מײַנעם אַ יונגן פרײַנט, ניט פאַר קיין מעשאַרעסל. ווי קאָן אַ פרײַנט זיך אָפּזאָגן פון אַ פרײַנטלעכער אײַנלאַדונג? בעפּיירעש גערעכט.

ביז אַהער האָב איך ניט געוווּסט, אַז דער פעטראָגראַדער מאָלער האַלט מיך פאַר זײַנעם אַ מעקורעוו... כאָטש וואָלטן כאַווײרים ייִנגלעך געהערט דאָס, וואָס דער זאָקן האָט אַרויסגע־בראַכט פון מויל. אַ קלייניקײַט, דער לאַנד־מאָלער האַלט מיך פאַר זײַנעם אַ פרײַנט! ווער איז צו מיר גלײַך?.. געמיטלעך־רויִק קוקט אַרויס די ווײַסע כאַטע, וואָס טיילט זיך אַף צוויי העלפטן. פון איין זײַט וווינט דער באַלעבאָס מיט זײַן קליין געזינדל, וואָסערע דרײַ־פיר נעפּאַשעס, די אַנדערע זײַט פאַרנעמט דער מאָלער.

קוידעמקאָל האָט אָניסי מאַרקאָוויטש מיך מעכאַבעד געוווען מיט געטריקנטע פיסטאַשקעס.

די ברוינלעכע ניסלעך, געבעט אין דין־שטרויענע קישעלעך, האָבן געהאַט דעם זיבעטן טאַם, מעכיײַ־נעפֿאַשעס, אַזעלעכס זעט מען אַפילע ניט אינעם שענסטן כאַלעם.

שוואַך און קאַרגלעך דרינגט אַרײַן די גרױלעכע שײַן פֿונעם כמורנעם דרויסן אַהער אין נידעריקן שטיבל דורך די צווײ שאָטנדיקע פֿענצטערלעך. אָנגעוואָרפֿענע כפֿייצים, בלעכענע און גלעזערנע קיילים מיט קאָלערלײַ פֿאַרבן, פֿאַרשײדענע לײַוונטן, דאָ און דאָרט וואַלגערן זיך בערשטלעך, פֿענדזלעך, קויל־שטיפֿטן, טוש, טיוביקעס.

ווען אָניסי מאַרקאָוויטש האָט זיך באַפֿרײַט פֿון זײַן, מישטיינסגעזאָגט, קיך־באַלעבאַטיש־קײַט, האָט ער זיך געשטעלט צו דער בלאָער טויבער וואַנט, קעגניבער די גרױ־נעפּלדיקע פֿענצ־טערלעך, ראַפּטאָם אַ ציִ געטאָן דאָס געקעסטלטע רעדנעלע און מיט אַ באַגײַסטערט קאָל זיך אָנגערופֿן:

— האַ?... וואָס?.. דערקענסט?.. פֿאַרן שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט וועל איך צאָלן קייפּל־קיפּלאַיִם... דאָס, וואָס איך האָב אין באַרשעוו ניט פֿאַרענדיקט, וועל איך מיט גאָטס הילף ברענגען צו אַ טאַלק אין דער היים, אין פּעטראַגראַד... איך דאַרף נאָר אויסבעטן בא דעם, וואָס זיצט אין די הימלען, ער זאָל טאָן מיט מיר דעם גרויסן כעסעד זײַנעם און שענקען נאָך אַ ביסעלע געזונט און אַ קאַפּעטשקע צײַט... אַ קאַפּעטשקע צײַט...

אַף דער טונקעלער וואַנט האָבן מײַנע אויגן דערזען אַזעלעכס, וואָס האָט מיך מאַמעש דערשיטערט... שווער גלייבן זיך אַליין... ווײכע אַראָפּגעלאָזטע קרויזן, אַפֿן שטערן האַלב־רונדיקע פֿענסנע־גלעזלעך... איך האָב דערקענט דעם באַליבטן ייִדישן פֿאָלקס־שרײַבער, וועמעס גערימטער גוטער נאָמען איז פֿאַרוואָרצלט אין יעדער ייִדישער שטוב... נאָך ניט אײַנ־גאַנצן איז אינעם געמעל אויסגעפֿורעמט דאָס געשטאַלט, נאָר די שיטערע וואָנצן און דאָס קורץ געשוירענע בערדל, וואָס שאַפֿן צוזאַמען אַ מין ווײכן קאָמעץ, זײַנען אַזוי פֿײַן און ריכטיק אופֿגעכאַפּט, אַז פֿאַר מיר, לעמאַשל, האָט שוין מער גאַרניט געפֿעלט. דאָס בילד שטייט לעבעדיק פֿאַר די אויגן.

נאַכלעסיק ליגט אַף דער ערד דאָס אַראָפּגעוואָרפֿענע בײַענע קאָלדרעלע פֿונעם אָפּגע־דעקטן שאָלעם־אַלייכעמען.

דער מאָלער פּרוווט מיר דערקלערן, וואָס פֿאַר אַ געדאַנק און וואָס פֿאַר אַ קאַוואָנע ער האָט בעדייע אַרײַנצולייגן אין זײַן שאָלעם־אַלייכעם־אַרבעט.

— צאַרטקײַט, הויכע אינטעליגענטישקײַט פֿון אַ ייִדישן דעמאָקראַט, לאָמיר זאָגן, אַ־ליאַ טשעכאָוו, גאָרקי, קאָראָלענקאָ. אָט אַזאַ פּאָרטרעט וואָלט איך וועלן שאַפֿן מיט מײַנע גע־געבענע מעגלעכקײַטן. פֿעלן פֿעלט מיר דער סאַמע איקער צו מײַן שאָלעם־אַלייכעמען: זײַנע אויסדריקלעכע אויגן, אויגן לעבעדיקע, קלוגהאַרציקע, עטוואָס פּאַרוקט־נעפּלדיקע אונטער די פֿענסנע־גלעזער... ניט דער קאָליר אינטערעסירט מיך. איך דאַרף פֿאַר אים אַזעלכע אויגן, וואָס אין זיי זאָל ליגן אי מילדקײַט, אי קינדעריש־שטיפֿערישע פֿאַרשײַטקײַט, שאַרפֿער קאָ־טאָוועס, קלוגע דורכגעטריבנקײַט, אי גרויס מיטלײַד צום געליטענעם. בעשאַס מיר איז אויס־געקומען מאָלן דעם דיכטער שוואַרצמאַן, האָב איך קוידעמקאָל דערשפּירט זײַנע אויגן... גראָד איצט באַם שאָלעם־אַלייכעם־פּאָרטרעט קומט עס מיר אָן שווערער, כאָטש עס וואָלט באַדאַרפֿט, דוכט זיך, זײַן פֿאַרקערט...

ווערליק איך בין דער גרויסער מייווין, דער שעצער, זאָג איך, אַז קיין בעסער בילד פֿון שאָלעם־אַלייכעמען איז מיר ניט אויסגעקומען זען. דערנאָך, זאָג איך נאָך אַ ביסל טאַמע־וואַטע, מעגלעך, אַפֿילע גאַנץ לעפּיש:

— אונטער די פֿענסנע־גלעזער זעט יעדער אײנער, וועלכע אויגן ער וויל... אָט קוק איך זיך אײַן אינעם בילד און זע אַזעלכע אויגן, וואָס נאָר איין שאָלעם־אַלייכעם האָט פֿאַר־מאָגט... בעסערע, שענערע, קליגערע פֿאַרשפּאָרט מען גאָר צוטראַכטן.

פֿרעגט מיך בעכיירעם, וואָס, אַשטייגער, האָט דער מאָלער דאָ אַזעלעכס דערזען אין מײַנע רייד? אַ קלוגער עלטערער מענטש זאָל ניספּאָעל ווערן פֿון אַ גאַנץ אײנפֿאַכן געדאַנק... דער מײַסטער קאָן זיך גאַרניט אָפּכידעשן פֿון מײַן כאַריפֿעס.

— וואָס הייסט, — זאָגט ער, אַ פֿאַרכלינעטער אין היספּײַלעס, — רעדסט דאָך זייער קלוג... קיבעד דערלאַנגט ער ניט נאָר מיט דער ברייטער האַנט, בעיאַד־האַרכאָווע, ברייט־האַרציק. כוץ איריסלעך און זיסע קישעלעך ליגן נאָך אַפֿן טעלער פּילקאָליריקע מאָנפּאַסיע, לענגלעכע און דיקלעכע, אַנדערע זעען אויס ווי פֿישעלעך, הענעכלעך, טײַבעלעך, אַלע זײַנען אַפֿן טאַם זויער־עסיק, עס בראָט אַזש אַפֿן צונג. די אַלטגעבאַקענע הרעטשענע מאַרק־קאָר־זשיקלעך האָבן אויך דער באַבע כאַוועס טאַם... קיין בעסערס און געשמאַקערס, זעט אויס, פֿאַרמאָגט ניט דער פּעטראָגראַדער מעפֿורסעם. אָבער פֿון קיבעד, ווי עס פּירט זיך, זאָגט מען זיך ניט אָפּ.

ווי א וויכער־ווינט האָט זיך מיטאמאָל אַרײַנגעריסן כאַמעלע. די אומגעריכטקייט פון איר קומען האָט דעם אלטן מאָלער ניט נאָר געוווּנדערט, נאָר אויך אים געשטעלט אין א פּאַר־לעגנהײַט. כאַמעלע האָט הייס און שווער געאָטעמט, שטייענדיק אַף דער שוועל בּאַ דער אָפענער טיר. זי איז אין איין אָטעם געקומען צו לויפן געווירע ווערן, צי עס איז אַן עמעס?..

— יאָ, כאַמעלע, ס'אַן עמעס, — ענטפערט דער מאָלער שולדיקלעך פארלוירן. — אַט דאָ, וועו, מיט א פּאָר שאָ צוריק, האָט דער פּאָליטפּראָסוועט אײַערער געבראַכט מיר צו דער קאָמענאַלאַמניע די ידיעה.

— ווידער פון לונאַטשאַרסקין?

— ווידער, מײַן גנעדיקע באַסמאַלקע. ווידער פון אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטשן... אין צוזאַ־מענהאַנג מיטן יוביל פון דער קונסט־אַקאַדעמיע רופט ער מיך דרינגענדיק קיין פּעטראָגראַד. לונאַטשאַרסקי שרײַבּט מיר, אַז ס'איז נייטיק אָפּקלײַבּן אייניקע אַרבּעטן מײַנע צו דער יובליי־אויסשטעלונג. און איך, דער אַלטער שאַרבּן, האָב שוין געמיינט, אַז די קינסטלערישע וועלט האָט אין מיר פאַרגעסן... נו, וואָס זשע זײַט איר געבּליבּן שטיין?

מאַנצבלש־ווירדיק איז ער צוגעגאַנגען צו דער שוועל, העפלעך זיך פאַרנייגט און זייער דעליקאַט, מאַנירלעך־איידל גענומען כאַמעלעס האַנט אין זײַנער.

— בּיטע! — פירט ער זי צו צו דעם טאַבּורעט. — זעצט זיך, גנעדיקע האַרנטע! איר זײַט שטענדיק, כאַמעלע, דער סאַמע אַנגעלייגטער גאַסט מײַנער, — אַף א דזשענטלמענישן אויפן האָט ער א קוש געטאָן די האַנט אירע.

מאַכמעס דער באַלעבּאָס פון דער נאַכלע דרייט זיך שוין א צײַט אַרום אונטער די גרויע פענצטערלעך, וואַרט אומגעדולדיק (און ס'איז ניט שווער זיך אָנשטויסן צוליב וואָס ער וואַרט), ער וויל, מיסטאָמע, מאַכן א לעצטן כעזשבּן, מע זאָל אים אויסצאָלן די רעשט דירע־געלט, מוז דער מאָלער אַף א געוויסער צײַט אונדז פאַרלאָזן.

— יענער שטייט דאָרט אַף הייסע קוילן, — מאַכט אַניסי מאַרקאָוויטש א כויזעקלעכע גרימאַסע צו די פענצטער־צו.

כאַמעלע האָט זיך ניט געוווּנדערט, וואָס איך געפין זיך אין אזא צײַט, סאָף טאָג, בּאַם מאָלער אין דער געדונגענער דירע. זי האָט בּלויז געפרעגט, פון וועמען האָב איך זיך אזוי גיך דערוווּסט, אַז אַניסי מאַרקאָוויטש קלײַבּט זיך בּעקאָרעװ פאַרלאָזן בּאַרשעוו?

—איך בּין בּײַגעווען דערבּײַ... — דערצייל איך איר, ווי דער עמעס איז, — ווי אַן איידעס בּין איך געשטאַנען, בּייס דער כאַוער יאַקאָוו האָט אים איבּערגעגעבּן צו די הענט די דעפּעשע און דאָס בּאַנדעראָל־פּעקל.

— זיי זײַנען דאָך אַף מעסער־שטעך... — קוקט זי מיך ווילד אָן, — מע קאָן זיך איינס דאָס אַנדערע ניט אָנקוקן...

— ע, ס'איז ווײַט ניט אזוי די מײַסע, — זאָג איך. — עפשער געפינען זיך אַזעלכע סאָנים, וואָס וואָלטן עס געוואָלט זען... נאָר פריִער מעגן זיי אַף זיך זען פאַרעס מאַקעס... לאַכט זי, כאַמעלע.

א לײַכטע ריין־ראָזלעכע בּאַהויכונג שפּילט אַף איר שיין, צאַרט פּאָנעם. איך מעג נאָכ־אַמאָל שווערן, אַז כאַמעלע איז פּאָרט דאָס שענסטע מיידל אין שטאָט. סאַרא מין דימענט־גלאַנץ לויכט פון אירע גוטע וואַרעמע אויגן. דעמלט וועו עס רוט אַף איר די גוטע שאָ, איז קיין צווייטע כאַמעלע, דאַכט מיר, ניט צו געפינען.

זי פרעגט בּאַ מיר רירנדיק־שטיל, צי איך וועל בּענקען נאָכן פּעטראָגראַדער מאָלער?

— נאָך א מין בּענקען... שטענדיק וועט מיר עפּעס פעלן...

— בּיסט געראָכט. דאָס, וואָס דו זאָגסט, איז אַלץ לויטערער עמעס. איך, לעמאַשל, בּין שטאַרק צו אים צוגעווויינט. קימאַט ווי צו אַן אייגענעם פאָטער. אַז עס ווערט מיר קאַלעמוטנע אָפּן האַרצן, קום איך צו אַניסי מאַרקאָוויטשן אַראָפּרעדן דאָס אָנגעזאָלעטע... אַנדערש וואָלט איך מעשוגע געוואָרן.

דער מאָלער האָט זיך אומגעקערט א צופרידענער, גלײַך ווי ער האָט אַראָפּגעוואָרפן א גאַנץ שווער פּעקל פון די פּלייצעס.

— א סאָף, פאָטער געוואָרן, — גלײַכט ער אויס די ביינער, — אָנשטאָט געלט אָפּגעגעבּן אים א האַלבּן כוידעש פּאַיאָק... טאָמער ווילט איר זען, קינדער, א לעבּעדיקן גאַבּסעק, דאַרפט איר ווײַט ניט גיין אים זוכן...

כאַמעלע, קלער איך פאַר זיך, מעג בּלײַבּן דאָ זיצן, וויפל עס גלוסט זיך איר אַליין, עפשער האָט זי א לעצט מאָל, פאַרן געזעגענען זיך, טאַקע נייטיקס וואָס אַראָפּרעדן פון האַרצן פאַר אַניסי מאַרקאָוויטשן?.. אָבּער איך, איך מוז גלײַך לויפן אַהיים. הײַנט איז שאַבּעס, די מאַמע איז פרײַ פון איר אַרבּעט. זי קוקט די גאַנצע וואָך אַרויס אַפן רו־טאָג.

וואַדען? אוואַדע, אומבאַדינגט וועל איך גיין באַגלייטן דעם מײַסטער, מײַן נײַעם געטרײַען פרײַנט... זאָל ער נאָר זאָגן, וועלכער טאָג עס פּאַלט אויס און אין אַ וואָסערער צײַט קלײַבט ער זיך צום באַן. באַ דער געלעגנהייט דערמאָן איך דעם מאָלער, אַז ווי נאָר ער וועט קומען בעשאָלעם אהיים, זאָל ער, לעמאַנעשעם, דערציילן לונאַטשאַרסקין וועגן פאַרלוירן געגאַנגענעם פּאָרטרעט... לונאַטשאַרסקי ווייסט ווו אײַן און ווו אויס, ער וועט זיך דערקונדיקן, ווו דער פּאָרטרעט איז געבליבן שטעקן, ער וועט גיך דערגרייכן אַ טאָלק... און נאָך בעט איך אָניסי מאַרקאָוויטשן, ער זאָל ניט פאַרגעסן, אַז די היגע שול־היים האָט אַלע רעכט אפן שווארצמאַן־בילד, ס׳אַ געשאַנק... די מאַטאַנע מוז מען אומקערן.

נאָך אַ קלײניטשקע באַקאָשע:

— קערט מיר אום, זײַט אזויפיל גוט, דאָס פּאָטאָ־בילדל פונעם אַלטן זשורנאַל, — בעט איך באַ אים, שעמעוודיק אראָפּלאָזנדיק די אויגן, — איר דאַרפט עס שוין בעמיילע ניט האָבן, און באַ מיר וועט דאָס בילדל בלײַבן, ווי אַ ליכטיקע דערמאָנונג אי וועגן שווארצמאַן־פּאָרטרעט, אי וועגן אײַך אליין...

— גערעכט, הונדערט מאָל גערעכט!.. — רופט ער רווישיק אויס. — אַ כוויו איז אַ כוויו. האָסט די פולע רעכט אים אופּמאָנען. שטיי, וואַרט אַ ווײַלעטשקע, איין מאָמענט, — שטרענגט ער אָן זײַן זיקאָרן, — ווו האָב איך די פּאָטאָ אהינגעטאָן? אהאַ! — טוט ער זיך ענערגיש אַ וואָרף, ווי אַ יונגערמאַן באַ די פולע קויכעס. — דערמאָנט זיך, דערמאָנט זיך! — אײַליק האָט ער געמומען וואַלגערן פּעק און פּעקלעך, געוויקלטע בויגן פּאַפּיר, געמאָלטע לײַוונטן, ענדלעך ארויסגעצויגן פון דער ענגשאַפט דאָס געזוכטע.

— האָסט געוואָלט האָבן אָן אָנדענק? נאָ!.. — דערלאַנגט ער מיר אַ פײַנעם עסקיז, אַ קאָלאָריטפול אייל־בילדל. — האָסט דערמאָנט דעם דיכטער אַשער שווארצמאַן — איז אָט האָסטו זײַנעם אַ „מאָטיוו”... נעם עס אַלס מײַנע אַ מאַטאָנע...

אָנשטאָט אָפּדאַנקען רויק, ווי אַ מענטש, קרייע איך פאַרן קינסטלער, ווי אַ צעפּאַלאָשעט הענדל:

— ניט נייטיק... איבעריק... נו, צו וואָס?..

כאָמעלע, פיל איך, קנײַפּט מיך הינטן־אַרום:

— לאָקש מאַקאַראָווער... נעם, גלאָמפּ איינער!.. ווער זאָגט זיך עס אָפּ פון אזא מאַטאָנע?!

אַ מאַטאָנע, וואָס שטייט העכער פון יעדער מין פרײַז

צוריקוועגס אהיים גיי איך ניט ווי אַ שטיל סטאַטעטשנע יינגל דאַרף גיין, נאָר איך שפּרינג פריילעך אונטער, כ׳בין אופגעגרוימט אי פון דער געשענקטער מאַטאָנע, אי פונעם אָפּגענומענעם כוויו. הײַנט האָבן מיר שאַבעס אָפּ דער וועלט, און אָרום דינסטיק באַטאָג פאָרט דער אַלטער מאָלער ארויס פון באַרשעוו. אַ שאָד! דעם גאַנצן טאָג וועל איך שטיין און אים אָפּוואַרטן אָף דער שעוטשענקאָ־גאַס, לעבן געלן קלײַזל.

אין דער היים קוקט שוין פון אַ צײַט ארויס אָף מיר די מאַמע מײַנע מיט איר שטיקל שאַבעסדיקן וואַרעמעס. זי בייזערט זיך ניט, שרײַט ניט אָף אַ קאָל, פונדעסטוועגן פיל איך אין איר טאָנעסדיק פּאָנעם, אַז זי איז אָף מיר בייז.

— באַ לײַטן, — זאָגט זי, — איז שאַבעס ווי שאַבעס, און באַ מיר, איך זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד, דאַרף דער שאַבעס מײַנער פאַרשטערט ווערן.

— מאַמע, — קומט מײַן טמימעסדיקע פאַרענטפערונג, — מעגסט מיר גלייבן, אַז איך האָב עס ניט געטאָן אומיסטן... ס׳איז מיר געוועזן שווער זיך שיידן... דער עלטערער מענטש פאָרט דינסטיק אָפּ פונדאַנען. ווער ווייסט, צי איך וועל אים ווען אמאָל זען... אין דעם גרויסן טומלדיקן פּעטראָגראַד, צווישן אָנגעזעענע מעיוכאָסים, באַרימטקײַטן, זיצט ער באַ דער שפּיגל־וואַנט... לונאַטשאַרסקי אַליין, פאַרשטייסט, מאַמע, דער פאָלקסקאָמיסאַר, שרײַבט זיך מיט דעם דאַזיקן מענטשן איבער. זעסט, וואָס פאַר אַן אַנטיקל? — באַרים איך זיך מיט מײַן אייל־בילדל. — ניט צו קויפן פאַר געלט, עס האָט גאָר קיין פרײַז ניט. דאָס האָט דער אַלטער מאָלער מיר געשענקט אָף אַן אָנדענק... אוי, עסן, מאַמע, די נעשאָמע גייט מיר אויס. יאָ־יאָ, נו גוט, — גיב איך איר נאָך, — זאָל זײַן אָנגעשאָבענער רעטעך, דערנאָך ראָסלפלייש.

— וואָס פאַר אַ ראָסלפלייש כאָלעמט זיך דיר? ס׳אַ פאַלשע זשאַרקאָיע... אָן פלייש...

— אַ דײַגע, אַבי גיב שוין גיכער עפּעס וואָס אין מויל אַרײַן.

— ווער זשע איז ער, דער יאַכסן, דער גאָדל־האָדאָר דײַנער? א דאָקטער, א פּראָפעסאָר, צי עפּשער גאָר א צאַדיק?..— דערפּיל איך גלײַך איר בײַסיקע איראָניע, די אָפּשפּעטעניש.

— דער עלטערער מאַן, — ענטפער איך איר מיט גרויס איבערגעגעבנקײַט צום קינסט־לער, — איז גאָר א גרויסע זעלטנהײַט... א מאָלער פאַר מאָלערס... פון די וועלט־מענטשן, וואָס מע ציילט אין דער מעדינע אָף די פינגער...

— וואָס זשע האָט עסרעג צו טאָן מיט באַרשעוו און וואָס פאַר א שײַכעס האָסטו צו דעם מוישע מוירײנו?

— דער מאָלער איז דאָ אָפּגעקומען זינד־שטראָף... איצט, דאַנקען גאָט, האָט מען דעם זינדיקן רײן געוואַשן, און ער פאָרט צוריק אהיים, קיין פּעטראָגראַד... — א סאַך שווערער קומט מיר אָן פאַרענטפערן די צווייטע העלפט פון איר פאַרגעבענער האַרבער קאַשע. איך ווייס, וואָס פאַר א שײַכעס?..— אמאָל, — זאָג איך איר ניט דרייסט, — קומט אויס פאָלגן א גאַנג... באַהילפיק זײַן דעם עלטערן מענטשן, מיט וואָס־ס'ניט־איז נוצלעך זײַן...

— נו יאָ, — זיפּצט זי אָפּ און טאַדלט ווײַטער מיט כויזעק, — אָף אן אומזיסטיק מעשאָ־רעסל וועט זיך שטענדיק געפינען א באַלן. דאָ אין שטוב איז ניטאָ, ווער עס זאָל מיר פונדאַ־נען אהין פאַרשפּאָרן א גאַנג, פאַזשאַלעווע, און פאַר יענעם איז מען גרייט איבערטראָגן בערג... אזא מאַזל האָב איך! א נײַער רעב צאַצעלע אָף מײַן קאָפּ!

— מאַמע... — טו איך פײַנלעך זיך א קרים, — דעם אַלטן מאָלער לאָז צורו. ער איז מער ווערט, וויפל מע טוט פאַר אים... מיט פאַרגעניגן, ווי דו קוקסט מיך אָן, וואָלט איך אים צו־געדינט, ווען ער לאָזט זיך נאָר... אז דער אויסגעצייכנטער מאָל־מײַסטער וועט אָפּפאָרן, וועט די שטאָט אונדזערע, באַרשעוו, אָרעמער ווערן... דאָס דאַרף מען קאָנען נעמען אָפּן סייכל און פאַרשטיין.

— אײַ־אײַ־אײַ, אזא נאָגיד איז ער, דער פאָן באַראָן דײַנער?

— א נאָגיד צי ניט קיין נאָגיד, רײַך איז ער מיט עפּעס אַנדערש, ניט מיט קיין געלט... דער מענטש איז רײַך מיט הויכער באַגאַבונג, מיט זײַן גוואַלדיקער אַרבעטזאַמקײַט.

— האָסט ראַכמאָנעס, קינד מײַנס, אָף אן עלטערן ייִדן? — ווערט זי מיטאַמאָל ווייכער.

— ער איז נאָר א האַלבער ייִד... — ברענג איך אַרויס טויבלעך־שטיל.

— נו יאָ, מיט אַלע מײַלעס...

נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל גיב איך דער מאַמען צו פאַרשטיין, וואָס פאַר א זעלטענער מענטש עס איז אָט דער אַלטער מאַן. א גאַנץ לעבן אָפּגעקומען אין דער פרעמד, אויסגע־וואַלגערט זיך, ווו די וועלט האָט אן עק...

— אוי ער מאָלט נאָך אַלץ צאַצקעלעך, קאַרטינקעלעך?..

— יאָ, מאַמע, ער מאָלט... אַוואַדע מאָלט ער. ער מוז מאָלן, אַנדערש קאָן ער ניט לעבן אָף דער וועלט. ער איז מיט אַלץ מאַקריוו צוליב זײַן הייליקער מעלאָכע.

— זייער אן אָרעם געשעפט... — מאַכט די מאַמע אינגאַנצן אָוועק מיט דער האַנט.

און איך האָב נאָך בעדייע איר צו דערקלערן און איבערצײַגן, אז זײַן שטרעבונג צו שאַפן, אַרויסברענגען דאָס, וואָס ער זעט און וואָס ער פילט, שטייט באַ אים העכער פון אַלץ. אויסדריקן דעם דאַזיקן געדאַנק אָבער האָט מיר, ליידער, אויסגעפעלט לאָשן.

דערנאָכדעם, ווען איך בין געבליבן מיט דער מאַטאָנע אויג־אָף־אויג, האָב איך ערשט דערשפּירט מיט אַלע מײַנע כושים שוואַרצמאַנס מילכאָמע־מאָטיוו. א קוים באַלויכטענע שטאַל. דאָס מיד־מאַטע סאָלדאַטישע פערד שטייט געלאַסן אויסגעזאָטלט באַ דער קאַרעטע און רײַבט דעם פריש־אונטערגעשאָטענעם האָבער. די שוואַרצע גריווע כאַפּט א ציטער אין דער קאַל־טער, רעגנדיקער נאַכט, וואָס, ווי עס דוכט, זי הודעט מיט געוואַי דאָרט אין כאַשכעסדיקן דרויסן, פון יענער זײַט שטאַל, הינטער די הילצערנע פײַכטע ווענטלעך... ווו־ניט־ווו לאָזט זיך מערקן א לאַנגזאַם טריפן פון רעגן־טראָפּנס... איבערן קאָפּ הענגט א שטיק איבערגע־פוילטע באַלקע, דורכגעווייקט אָף דורך און דורך, און לאָזט פון זיך רינען פּאָטיאָקעס. מע קאָן זיך גרינג אָנשטויסן, אז די פויערשע שטאַל געפינט זיך נאָענט צו דער פײַער־פּאָזיציע... אָף דעם קאַרגלעך־אויסגעבעטן היי זיצט אײַנדרײַען געבויגן אן עלטערער סאָלדאַט, א רײַטער, ער איז פאַרטראָגן אין זײַנע מאַכשאָוועס, דאָס שטיפטל פאַרקוועטשט צווישן די פינגער. דאָס פיצינקע געלע פלעמל פונעם לאַמטערן שלאָגט זיך דורך מיט אַנגסט־מאַטערניש דורך דעם מאַטעוון קאָלפּעק און וואַרפט אָפּ א העלערן פלעק אָפּן געשריבענעם בייגעלע פּאַפּיר... דער סאָלדאַט שרײַבט א בריוועלע אהיים.

דער לערער מײַנער, אַרל סקליאַר, וואָלט דאָ געוויס צוגעשטעלט שוואַרצמאַנס א סטראָפע:

וואָס וויינט ער, דער ווינט, אין פאַרוואָלקנטער נאַכט,
פאַרלויפֿנד פֿון פֿעלד אין אַ ליידיקן הויף?
צווישן די שטאָלן די ערד רײַסט און דרייט
און, ווי אין אַ ביטערן קלאָג, זיך פֿאַרגייט.

פֿון מײַן זײַט מוז איך נאָך צוגעבן די אַנדערע סטראָפֿע פֿון דער זעלבער מילכאָמע־ליד:

צי וויל ער דערציילן, אַז איינער פֿון זיי
אָן הילף אַפֿן שלאַכטפֿעלד גייט אויסעט אַצינד,
אין האַרצן די ווונד, און בײַ יעדער כריף
דאָס בלוט אין דער ווונד הייבט זיך אויף און פֿאַרינט.

דער לערער, ווי עס געדענקט זיך, האָט מיט אונדז לאַנג און ברייט אַרומגערעדט די טרויעריקע ליד, דערציילט פֿון רעדיפֿע און נעגישע, פֿון מאָרד און רעציכע, פֿון פֿאַרברעכן און גוואַלט־מײַסים. די אַלע שווידערלעכקײַטן האָט געבראַכט מיט זיך די וועלט־מילכאָמע. וויפֿל טויזנטער לעבנס דאָס צעבלאָזענע פֿײַער האָט אײַנגעשלונגען... אומעטום, אַף אַלע וועגן, פֿילט מען דעם כורבן און אומקום, מעדינעס זײַנען כאַרעוו־וועניכרעוו געוואָרן נאָך דערפֿאַר, האָט דער לערער אין אונדז הייס אַרײַנגעטײַנעט, ווײַל געוויסע פֿירנדיקע קנופּיעס, הערשאַפֿטן האָבן די אויבערהאַנט... זיי זיצן אַפֿן טראָן, טראָגן די קרוין, פֿירן די מעמשאָלע און היטן אָפּ זייערע אייגנטימערישע אינטערעסן — פֿאַרזשעברעוועט וואָס מער אויצרעס... גרויסע רעוואָכים, אשירעס, הרודעס געלט שיטן זיך אין די צעעפֿנטע ברייטע בײַטלען, בעשאַס עס פֿלאַקערט די גרויסע וועלט־סרייפֿע... לעבעדיק בלוט ווערט פֿאַרוואַנדלט אין גאָלד... דער לערער אַרל סקליאַר האָט פֿאַר אונדז, שולהיים־שילער פֿון עלטערן קלאַס, ברייטער און טיפֿער אויפֿגעקלערט די טעמע פֿון שווארצמאַנס ליד — די גוואַלדיקע אומגליקן, וואָס די מילכאָמע ברענגט מיט זיך. מיר דאַכט, אַז דאָס געשענקטע אייל־בילדל האָט אין זיך פֿאַרקערפּערט אַ טיפּישן עפּיזאָד פֿון מילכאָמע־צושטאַנד. דאָס פֿאָלקומע שווארצמאַן־ליד האָב איך אי געפֿילט, אי געזען.

די מאַמע מײַנע האָט מיט כידעש געקוקט אַפֿן אייל־בילד.

— זע נאָר, — שרײַט זי קימאַט אויס, כאַפּנדיק זיך פֿאַרן קאָפּ, — עס איז דאָך אונדזער קוזמאַ... ער איז אויך אַ טעלעשיוועקער... ער האָט אומגעקערט זיך צוריק אין דאָרף אַ קאַליקער, נעבעך... יינגלווײַז פֿלעגט ער אונדזער בעהיימע אויך טרײַבן אין דער טשערעדע... קוזמאַ, אײַ־אײַ־אײַ, עלטער געוואָרן, שטאַרק פֿאַרעלטערט...

צעשיידונג

איך האָב גוט אין זינען געהאַט דעם טאָג דינסטיק.

דאָרט אַף אַרוף, באַם געלן קלײַזל, אַפֿן סאַמע שאָסיי־וועג, וועט מיר אויסקומען אָפּוואַרטן אָניסי מאַרקאָוויטשן. דער פֿאַטריאַרך וועט לאַנג באַ מיר בלײַבן אין זיקאָרן. ווען איך דערמאָן דאָס וואָרט „שמאַד", „שמאַדן זיך", מיינט עס ניט, אַז דער מענטש האָט געפֿונען אַן אַנדער גלויבן, אַן אַנדער גאָט... אין יענער פֿאַרדאַרבענער צײַט, אין די פֿינצטערע צאַרישע יאָרן, האָט דעם וואָגלדיקן מאַלער געדאַכט, אַז דאָס שמאַדן זיך וועט אים אַרויסהעלפֿן פֿון אַלע צאַרעס, גרינגער מאַכן דאָס נאַווענאַד־לעבן, דערמעגלעכן דעם וועג זײַנעם צו הויכער מײַסטערשאַפֿט, וועלט־אַנערקענונג... לאָזט זיך אויס, אַז די מאָגערע קעשענע איז ניט געווען ווינציקער שטערונג אַף זײַן לאַנגן שווערן וועג, ווי דער ייִדישער אָפּשטאַם... דאָס שמאַדן זיך האָט אים, ווי עס זעט אויס, קיין גרויס גליק ניט געבראַכט, ס'האָט אים ווינציק וואָס געהאָלפֿן...

איך האָב אים בעעמעס ליב געקראָגן, דעם פּעטראָגראַדער מאָלער, ניט נאָר פֿאַר זײַן ווונדערלעכער מאָלערײַ, — ער איז מיר טיף אײַנגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן מיט זײַן ברייטער נעשאָמע, יוישערדיקײַט, אָרנטלעכקײַט, מענטשלעכער ווירדע.

דינסטיק האָב איך ניט פֿאַרפֿעלט, ווי אין יעטווידן וואָכעדיקן טאָג, קומען אין שול־היים. אַפֿן האַרצן איז מיר געווען ניט איבעריק פֿריילעך, וואָרעם עפּעס האַלט איך באַ אָנוווערן אַזעלכס, וואָס וועט זיך צוריק אַזוי גיך ניט אומקערן... די לימודים זײַנען דורך גאַנץ שלעפּעריק, לאַנגווײַליק. פֿון אַלע זײַטן, דוכט מיר, ווייעט מיט אומעטיקער צעשיידונג... דאָס איינציקע, וואָס האַלט מיך דאָ אין שול־היים, איז דער מיטיק... פֿאַר די לערער קומט ניט

אויס לאַנג צוטראַכטן דעם נייטיקן טערעץ, זיי זאָלן מיך פרײַ לאָזן. כ׳האָב זיך גראָד דאָס מאָל אויסגעדרייט, ווי אַף א גלאַטן טעלער.

טרעפט אַמאָל, אז די קורצע ווײַלע איז צו לאַנג... נאָכן מיטיק לאָז איך זיך גיין צום געלן קלײַזל. יאָ, היפּשלעך צײַט קומט אויס צו האלטן וואך איבער די פיל פאַרבײַלויפנדיקע בריטשקעלעך, דראָזשקעס, פאַעטאָנען. יעדער פערד־און־וואָגן, וואָס נעמט די ריכטונג צו דער באַן־סטאַנציע, גייט דורך מײַן וואכזאַמען קאָנטראָל־אויג... נישטאָ דאָ דער פּעטראָגראַדער מאָלער? ניין?.. איז פאַרט ווײַטער געזונטערהייט.

צו מײַן גרויסן ווונדער, מאַמעש צו שטוינען, דערזע איך פּלוצעם די זשוואַווע כאַמעלע, באַנאַנד מיט איר אין איין טראָט שפּרײַזן דער כאַווער יאַקאָוו און דעם, וועמען זיי באַגלייטן, — אַניסי מאַרקאָוויטשן. קיינער פאַרט ניט, אלע דרײַ גייען צופוס... וואָס זאָל עס באַטײַטן? ווער מיר פּעקלעך, וואָס מיר טשעמאָדאַנען, ניטאָ קיין שום קלומעקלעך. עפּעס קומט עס אויס באַ מיר: פרײַע מענטשן האָבן זיך געלאָזט סטאַם אַף א לײַכטן שפּאַציר איבער דער שטאָט... שטילינקערהייט שאַר איך מיך אויך צו, און באַ כאַמעלען פרעג איך:

— נו, און דער באַגאַזש?..

— פּכע, — צוקט זי כיינעוודיק אַן אַקסל, — ווער האָט עס ליב זיך טראָגן מיט איבעריקן גרוז? אינדערפרי נאָך האָט מען אָפּגערעדט מיט שמײַע דעם ליטוועק, ער זאָל אָפּפירן דעם באַגאַזש צו דער סטאַנציע. מער ווי אָט דאָס קליינע סאַקוואַיאַזשל, — טוט זי שטיפעריש א וויג דאָס ווייך געקעסטלטע רענצעלע, — מיטן מישטיינסגעזאָגט ביסל עסנוואַרג פאַרמאָגט ער גאָרניט... ווו געפינט מען נאָך אַזא גרינגן פאַרשוין?

דער כאַווער יאַקאָוו האָט מיט פריילעכקײַט מיך אַריבערגעשלעפּט אין זײַן זײַט.

— ער איז פאַר אײַך קיין באַווײַז ניט?.. — האלט ער מיטן מאָלער אין סאַמע צעפּלאַ־קערטן וויקועך. — דאָס ייִנגל אליין זאָגט אײַך גאָרניט?.. דאָס איז דען פאַר אײַך קיין מוסטער ניט?.. דער אַרעמער מעלוכע דאַרף דאַרן דער קאָפּ, ער זאָל ניט ארומגיין הונגעריק, דאָס לײַב זײַנס זאָל ניט זײַן נאַקעט, און מע דאַרף נאָך גוט אין זינען האָבן דעם איקער, דאָס ייִנגל זאָל ניט וואַקסן אין סטויפּ אַרײַן... אַזעלכע קינדער יעסוימים האָבן די פּולע רעכט מאָנען באַ דער סאָוועטישער מאַכט, מע זאָל זיי באַזאָרגן מיט דעם נייטיקסטן, ס׳איז זײַן טאַטע־מאַמע. דאָס ייִנגל איז ניט שולדיק, וואָס ער איז קינדווײַז געבליבן א יאָסעם... דעריבער זאָג איך, אז דער כויוו, טײַערער אַניסי מאַרקאָוויטש, ליגט אַף אײַך אויך. קינסטלער, מוזי־קער, אַקטיאָרן מוזן אומבאַדינגט זיך אַקטיוו אַרײַנמישן און דערלאַנגען פאַרן שוצלאָזן קינד הילף. ס׳איז אונדזער צוקונפט, אונדזער האָפענונג!

ווענן וואָס גייט דאָ די אַמפּערניש? כאַמעלע, זע איך, מישט זיך ניט אַרײַן אינעם צע־וואַרעמטן שמועס.

ווײַט פון דער שעווטשענקאָ־גאַס, קימאַט באַ דער טאַראַהאָוויצע, האָב איך גענומען געזעגענען זיך, צעכושט און פאַרלוירן, מיטן אלטן מאָלער, צוגעוווּנטשן, ווי דער שטייגער איז, ער זאָל פאַרפאָרן געזונטערהייט, מאַצליעך זײַן און ער זאָל געדענקען אונדזער באַרשעוו, ניט פאַר־געסן די איבערגעגעבענע פרײַנט זײַנע. — איך האָב אָנגעוויזן אַף כאַמעלען, אַפן כאַווער יאַקאָוו און אַף זיך אליין... עפּשער איז עס טאַקע אויסגעקומען א ביסל נאַריש. מיטן הארצן האָב איך גערעדט גאַנץ קלאָרע דיבורים, אפילו עטוואָס פײַערלעך דערהויבן:

— מיר האָבן אלע געהאַט פאַר אײַך דערעכערעץ און אָפּשײַ. אַף לאַנגע־לאַנגע יאָרן וועל איך געדענקען דעם שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט, די בילדער פון דער קאַמענאָלאָמניע און א סאַך אַנדערע... די מאַטאָנע, וואָס איר האָט מיר געשענקט, — קלאַפּט דאָס האַרץ אין מיר שטאַר־קער, — האַלט איך זייער טײַער...

רירנדיק, מיט עפּעס א מין נעשאָמע־ציטער, האָט דער אלטער מאָלער צוגעדריקט מײַן קאָפּ צו זײַן ברוסט, ווי ער וואָלט מיך געבענטשט.

— ליב און טײַער ייִנגל מײַנס, זײַ גליקלעך אין דײַן לעבן. האָסט אויך איבערגעלאָזט אין מײַן הארצן אַנזיכטיקע שפּורן. איך געזעגן זיך נאָך מיט דיר ניט... זאָל נאָר דער איי־בערשטער פאַר דער צײַט ניט פאַרשנײַדן מײַנע יאָרן, וועל איך זומער־צײַט זיך אומקערן ווידער צו אײַך, קיין באַרשעוו...

ווי אַן אָפּהילכנדיקער דונער האָט זיך געטראָגן פון דער ווײַט דאָס קאָל פונעם באַ־לעגאָלע, וואָס האָט געשעמט מיט זײַן צונעמעניש — די האלבע באָרד. דאָס בעקאָוועדיק־ברייטע זיצן זײַנס אַף דער קאָזלע האָט דעם באַלעגאָלע צוגעגעבן כשיוועס און אָנזען, צו וויסן געגעבן וועגן זײַן אָרט אין די סאַמע הויכע פענצטער. א קליינינקײַט, ער אַרבעט דאָך אין אויספּירקאָם!

— דערלאַנגט אהער דעם פאַרשוין! זײַט מויכל, פּעטער, קריכט אין בריטשקעלע אַרײַן!

פאַרן פּאַליטפּראַסוועט פאַרענטפערט זיך זיידל — די האַלבע באָרד, ווי פאַר העכערע באַטשאַלסטווע:

— איך בין שוין, זאָגט ער, געווען גרייט מיטן שפּאַן, אַזוי ווי מע האָט גערעדט, אָפּווארטן באַם געלן קלײַזל, האָט זיך דער זאַוווכאָז, דער דיבעק, א בראַנד אָף אים, געשטעלט שטאָרצעם, כאַטש האַק און בראַק אים... ער וועט קיינעם ניט לאָזן פון יענער זײַט טויער אַרויספאָרן. דער וועטערינאַר, האַלט ער מיך אײַנעט מיט גוואַלד, איז מעכוייעוו אָט־אָט אונטערקומען. נאָר דער פּאַליטפּראַסוועט, ווייס איך ווויל, האַלט ניט פון קיין פוילע טערוצים. גלייבט א ייִדן בענעמאָנעס. זיידל טראַכט ניט אויס קיין פּיזמוינעס.

דער כאַווער יאַקאָוו, זע איך, האָט כײַשעק אים אומקערן צוריק אין אויספּירקאָם, נאָר די האַלבע באָרד שטעלט זיך אַנטקעגן: וואָס פאַר א פּאָנעם האָט עס? איך בין דאָך שוין דאָ מיטן בריטשקעלע. אין איין קעהערעף־אײַען זײַנען מיר דאָרט, אָפּן וואָקזאַל...

צום שטאָט־וואָקזאַל באַגלייט דעם אַלטן מאָלער, אַניסי מאַרקאָוויטשן, נאָר איין כאָמעלע.

גייענדיק צוריק אין שטאָט אַרײַן, האָט דער כאַווער יאַקאָוו גערעדט וועגן אַלטן מאָלער:

— ס׳א פּערזענלעכקײַט! ער איז פון די לאַנד־מאָלערס, וואָס מע האַלט זיי אין מיזרעך־וואַנט.

ווען דער כאַווער יאַקאָוו זאָל פרעגן בא מיר, וואָס קלער איך טאָן מיט דער געשענקטער מאַטאָנע, צי פאַרמאָגן מיר דען אַזא דירע, וווּ מע קען אויפהענגען דאָס אייל־בילד (ער ווייסט זייער גוט אונדזערע וווינונגס־באַדינגונגען, די קאַלטע קיך איז אים באַקאַנט...), וואָלט איך מיסטאָמע לאַנג געקלערט און ניט געוווּסט, וואָס מע ענטפערט...

און ווען עס איז געקומען בעפויעל־מאַמעש צו רייד וועגן בילד, האָט דער כאַווער יאַקאָוו ניט באַדאַרפט מיר לאַנג אײַנריידן און איבערצײַגן. פאַראַן, זאָגט ער מיר אונטער, צוויי אַנשטאַלטן, בעפיירעש כאַשעווע און געהויבענע, וועמען עס לוינט אָוועקגעבן דאָס בילד. דער שול־הײם אָדער דעם אַרבעט־פּאַלאַץ. זאָל דער האָרעפּאַשנער אוילעם האַנאָע האָבן פון עמעסער קונסט.

ווי:אַזוי אָבער גיט מען עס אַוועק א מאַטאָנע?..

— א מאַטאָנע צו א מאַטאָנע איז ניט גלײַך, — ענטפערט ער מיר קלאָר און דײַטלעך, פּונקט ווי ער האָט אַרויסגעלייענט מײַן געדאַנק, — א געשענקטע פאַר שיך, — זאָגט ער, — גיט מען ניט אַוועק, וואָרעם דו ביסט בילכער זיי טראָגן. א זיס שטיקל לעקעך פרעסט מען אויך אַליין אויף... דײַן מאַטאָנע, דאָס טײַערע אייל־בילד, מיין איך, כאָטש עס איז א געשענקטע זאַך, קאָן זי אָבער נוצן ברענגען אויך פיל אַנדערע מענטשן. דאָס בילד קאָן ברענגען גײַסטיקן געַנוס הונדערטער און הונדערטער אַרבעטער. דו וועסט פון דער מאַטאָנע גאָרניט אָנווערן. קוקסט אָפּן וווּנדערלעכן בילד גלײַך מיט אַלע, האָסט האַנאָע גלײַך מיט אַלע... קיין זאַך ווערט ניט געמינערט. וואָס איז דאָ דער כילעק, צי זי הענגט אָף דײַן וואַנט, צי אָף אַלעמענס וואַנט?.. דו קענסט קוקן, איך קען קוקן, דער קען קוקן, און יענער קען קוקן... אַלע קאָנען מיר זיך נוצן מיט דײַן מאַטאָנע. אַבי עס זאָל נאָר פאַרשאַפן דעם מענטשן פאַרגעניגן. קיין קונסט־גאַלעריי פאַרמאָגן מיר נאָך דערווײַל ניט.

דער כאַווער יאַקאָוו אײַלט מיך ניט מיט געבן א טשוווע, דאָס באַטײַט אַזוי גוט, ווי איינער רעדט: באַטראַכט זיך, קיינער טרײַבט דיך ניט אין האַלדז־און־נאַקן. טו, ווי:אַזוי דו פאַרשטייסט.

איך קאָן ניט זאָגן, אַז איך בין אַזוי שטאַרק צוגעוווינט צום אייל־בילד, עס זאָל מיר זײַן שווער זיך שיידן מיט דער מאַטאָנע. ווער שמועסט נאָך, אַז ס׳איז לעטויוועס האַקלאַל, פאַר אייגענע באַרשעווער האָרעפּאַשניקעס, וועבערס און מוליערס, בלעכערס און קירזשנערס, שטיינהעקערס און פאַבריק־אַרבעטער, ביפראַט נאָך, אַז איך שטיי צו, ווי א גלײַכער שוטעף צו זיי.

ערשט סאָף וואָך, אַרום פרײַטיק, האָב איך די טײַערע מאַטאָנע מײַנע געבראַכט צום פּאַליטפּראַסוועט, אײַנגעוויקלט אין א זויבער רעדנעלע.

— זאָל עס זײַן, — זאָג איך, — פאַרן אַרבעט־פּאַלאַץ, אַזוי ווי איר האָט מיר געייצעט. אַניסי מאַרקאָוויטש וועט אָף מיר קיין פאַריבל ניט האָבן און פאַר מײַן האַנדלונג שטרענג ניט מישפּעטן.

— אויב אַזוי, ביסטו דאָך אַן עמעסער מאָלאָדיעץ! פון דײַן זײַט, — לויבט דער פּאַליטפּראַסוועט מיך אין הימל אַרײַן, — איז עס ביז גאָר א פײַנער, איידעלער טאַט. אָט אַזוי האַנדלט א באַוווּסטזיניק ייִנגל פון דער רעוואָליוציע, א קינד פון אונדזער נײַער סאָציאַלער דערציִונג.

זייער פּאַרזיכטיק נעמט דער כאַווער יאַקאָוו פאַנאַנדער דאָס אין ערטערווײַז פּאַרצירעטע רעדנעלע, אַפּן גרויסן שרײַבטיש בלײַבט ליגן דאָס בילד, ווי עפּעס לעבעדיקס, צאַרטס, וואָס האָט מעסוקן מוירע ניט כאַפּן צופעליק אַ שטויס, אָן אומפּאַרזיכטיקן צופּ, היט זיך מיט סאַקאַנעס־נעפאַשעס פאַר אַ קויטיקן שמיר, ניט אָנפּרעגן, כאַסוועכאַלילע, אַף זיך קיין פלעק...

— כאַווער יאַקאָוו, — טו איך זיך פלאַמיק אַ קאַך אויף, ווי די טעווע מײַנע איז, — איר מיינט געוויס, אַז דאָס איז גלאַט אַ בילד, געמאָלט פונעם פּעטראַגראַדער מאָלער... אָנגעמאָלט גלאַט סטאַם... זאָלט איר וויסן זײַן, אַז דאָס איז אַ ריכטיקע שילדערונג פון אַשער שוואַרצמאַנס אַ מילכאַמע־ליד! — שרײַ איך, ווי צו אַ מענטשן, וואָס איז שוועער אָפּן אויער, פּרווו אופקלערן מיט היץ, אומגעדולדיק, דעם אַלטן מאָלערס אָפּגעגעבענעם געדאַנק דערצו. — כאַווער יאַקאָוו! איר זעט דען ניט יענע שטאָל?.. דאָס דאַרף אַליין, וואָס שטייט נאָענט צום שלאַכט־פײַער, שײַנט אָפּ אין פלאַמען... אָניסי מאַרקאָוויטש ווײַזט אַ לעבעדיק בילד פון שוואַרצמאַנס געשילדערטער שטאָל אַפּן עק דאַרף אין שפּעטן אָסיען. ס׳איז אַ כוישעכדיקע נאַכט, אין דרויסן גיסט אַ רעגן, פון אַלע זײַטן טריפט ער אַרײַן אין דער כאַרעוועער שטאָל. טוט אַ רעכטן קוק, כאַווער יאַקאָוו, ווי דאָס פערד שטייט און כראַמטשעט דעם האָבער. און אָט זיצט אײַנדרײַען געבויגן דער באַיאַרטער סאָלדאַט — קוזמאַ... קוים־קוים צו באַמערקן זײַן טונקל געזיכט. ער איז שטאַרק מיד, די מאַמע מײַנע זאָגט, אַז זי קען אים. באַ דעם בלינצלדיקן קאַנעץ שרײַבט ער אַ בריוועלע אַהיים...

— פּרעכטיק! — רופט באַגײַסטערט אויס דער כאַווער יאַקאָוו. — וווּנדערבאַר!.. דאָ, אַפּן בילד, זעט מען טאַקע באַשײַמפּערלעך אַ רירנדיקע סצענע פון זעלנערישן שטייגער־לעבן. דאָס קורצע ביסעלע נאַכט־רו האָט דער סאָלדאַט אויסגענוצט אַף אָנצושרײַבן אַ בריוול... עס איז אַ בילד, פול מיט געדאַנק און געפיל...

מיר זײַנען די יאַרשים

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך שוין קימאַט געהאַט פאַרגעסן אין דער געשענקטער מאַטאַנע מײַנער, וועלכע איך האָב אַליין אויך אוועקגעשענקט... האָט דער לערער, אַרל סקליאַר, ווידעראַמאָל דערמאָנט מיר אין איר... זײַענדיק אונטערן אײַנדרוק פונעם בילד, וואָס ער האָט געזען אין אונדזער אַרבעט־פּאַלאַץ, דערציילט ער וועגן אים פאַרן עלטערן קלאַס מיט אַזויפיל היספּײַלעס און פאַרכאַפּטקײַט, אַז מיר אַלע, ווי פּאַרקישעפּטע, האָבן געקוקט אים גלײַך אין מויל אַרײַן.

— דער באַליבטער דיכטער, — רעדט ער צו אונדז פלאַמיק, — האָט זיך אדורכגעריסן אין אונדזער אַרבעט־פּאַלאַץ, צו די באַרשעווער האַרעפּאַשניקעס. מיר האָבן פיל צו פאַרדאַנקען דעם פּעטראַגראַדער מאָלער, וואָס איז געוועזן באַווירקט, איך ווייס אַפילע ניט גענוי ווי:אַזוי דאָס איז געשען, פונעם דרײַסטן קעמפער און ערלעכן דיכטער אַשער שוואַרצמאַן. פאַר זײַן וועקפּאָרן האָט דער מאָלער איבערגעלאָזט פאַר די באַרשעווער פּראַציוניקעס אַ שיינע, רײַכע מאַטאַנע, אַ פאַרמעגן, אָן אוצער. מיר וועלן מאַכן אַ ספּעציעלע עקסקורסיע. אַזאַ קונסט־ווערק באַשײַנט דאָס גאַנצע פּאָלקס־הויז.

ביז מע וועט אונדז אַמאָל פירן אַף אָן עקסקורסיע אין אַרבעט־פּאַלאַץ, האָב איך קיין געדולד ניט געהאַט. אין דעם זעלבן טאָג, פאַרנאַכטלעך, האָב איך זיך אַרײַנגעכאַפּט איינער אַליין. אַפּן אונטערשטן שטאָק האָב איך דאָס בילד ניט געטראָפן הענגען... אַפּן העכערן עטאַזש הער איך, ווי עס זינגט דער אוקראַ:נישער כאָר די באַקאַנטע ליד „אוי פּריאַלאַ טשי נע פּריאַלאַ”. איך לאָז זיך מיט די אויסגעשטשערבעטע שטיגן אַף אַרופצו. בישכיינעס מיטן צו־שויער־זאַל, ווו דער כאָר רעפּעטירט אַלטע און נײַע לידער, געפינט זיך די גערעמע ליכטיקע פּאַיע מיט די פיל צעשטעלטע ווייכע שטולן, אַלטפּרענקישע טישלעך און צעוואַקסענע אין דייזשעס היפּשע פּיקוסן. די מאַטאַנע מײַנע, דאָס אייל־בילד, אײַנגערעמלט אין פײַנגעשני־טענעם האָלץ, איז געהאַנגען אַף דער מיט וואַנט...

שטייענדיק דאָ איינער אַליין, האָב איך מיר געקאָנט אָנטאָן דעם פאַרגעניגן און פאַר־האַלטן זיך לעבן בילד מער מיט אַ ווײַלע, טיפער אַרײַנדרינגען אינעם לאַנג באַקאַנטן און איצט נאָך מער היימיש געוואָרענעם שוואַרצמאַן־מאָטיוו. ביז אַהער האָב איך ניט באַמערקט אַזוי בוילעט־קלאָר דאָס געלע פלעמעלע פונעם בלינצלדיקן קאַנעץ, וואָס וואַרפט אָפּ פון זיך אַ פאַסיקל בלאַסלעכע שײַן אַף די פּיצינקע צעפּאָרענע אויסי:עס פונעם געשריבענעם ברי־וועלע... כוץ די וואַרעמע מעלאָדישע קלאַנגען פון כאָר, וואָס האָט צײַטנווײַז אַזוי טרעפלעך צונויפגעגאָסן זיך מיט דער טיף־אויסגעבענקטער נעשאָמע פונעם זעלנער, ווען מע האָט

ביגוואלד אָפּגעריסן פון דער ליבער איַינגעזעסענער היים, פון דער איַינגעוואָרצלטער דוירעס־דיקער מאמע־ערד, האָט דאָס ווייכע, רירנדיקע געזאנג געוועקט אין מיר דעם רוף־געפיל — העלפן!.. גיין אנטקעגן מיט וואָס נאָר איך האָב בעיאַד דעם סאָלדאט קוזמאַ... גיכער לויפן אין דאָרף אריַין, צו וויַיב און קינדער, אָנזאָגן די גוטע, פריילעכע בסורע: ער לעבט...

ווי נאָר איך טו מיך א קערעווע אויס, דערזע איך פּלוצעם א צווייט בילד אין מער ליכטיקערע פארבן, גרעסער אין פארנעם, אויך אריַינגעשטעלט אין א שיינגעשניצטער ראַם, אָבער דאָס ליכטיקע בילד אליין איז געהאנגען, ווי אין שאָטן, דער הויכער פּיקוס האָט עס פארשטעלט. דעמלט רוק איך זיך אוועק אין א זיַיט, נעענטער צו דער טויבער וואנט, ווי וויַיט מעגלעך דער פּיקוס־קרוין זאָל מיר ניט שטערן. אַך, סאַרא ליב, ווארעם פּאָנעם, א נאָענט, היימיש געשטאלט, וואָס דערמאָנט גליַיך אין דער אומפארגעסלעכער בלומע יאכניס... יאָ, איך בין זיך אַף קיין האָר ניט טויע, ס׳איז טאקע זי, די קיִעווער קאָמסאָמאָל־טוערן, שווארצמאנס נאָענטע פריַינדן... אינמיטן וועג האָט זי זיך אָפּגעשטעלט בא די לויפיק־זשומיקע שטראָמען, אראָפּגעוואָרפן דעם שינעל אַף א פלאטשיקן שטיין און גענומען שווענקען די מידע פיס אירע... אָט דאָ דערנעבן, באם טיַיך, האָט זי געפונען אן אָרט פאר אָפּרוען. זי זיצט אַף א ברעג שטיין, דאָס קליידל פארנומען העכער די קני, איין פוס אראָפּגעלאָזט אין דער וואסער, דער צווייטער פוס — אָנגעשפּארט אין דער אנטקעגניבערדיקער גראניט־הליבע, וואָס שטארצט ארויס פון טיַיך. ארום איר בולקעט דאָס ברויזיק־ווירבלדיקע וואסער.

איך ווייס ניט, פונוואנען קומט אהער, אין ארבעט־פּאלאץ, דאָס דאָזיקע בלומע יאכניס־בילד, נאָר איך בין טיף איבערציַיגט, אז דאָס האָט געמאָלט דער אלטער פעטראָגראדער מאָלער אָניסי מארקאָוויטש... אין דעם צווייפל איך ניט. ווארט נאָר, ווארט, וואָס שטייט אָנגעשריבן באם סאמע עק בילד? — „פּריוואל”. לאָמיך נאָכאמאָל אקוראט פאנאנדערקליַיבן, בעפּיירעש אזוי — „פּריוואל”. נידעריקער א ביסעלע — זיַין כסימע.

...אַף אזא בושע־ביזאָיענדיקן אָפּשניט האָב איך זיך ניט געריכט. מיט איין וואָרט, מע האָט מיך מעשאַלייעך געווען פונעם ארבעט־פּאלאץ גאָר אַף א מיִעסן אויפן... וועגן דעם שעם איך מיך אפילע צו דערציילן. איינער עפּעס א מעגושעמדיקער גוילעם האָט זיך צעשריִען:

— ווו ערגעץ א דער־רועך־ווייסט־וואָס, זוכט עס פאר זיך דאָ אויס א ווארעם ווינקעלע... אלע בערקוטלעך קריכן דאַפקע אהער אין ארבעט־פּאלאץ... וואָסי, דער דרויסן איז קליין?..

אוואדע וואָלט געווען זייער נאריש פון מיַין זיַיט, ווען איך ענטפער דעם נאַר, אז עפּעס האָב איך דאָ אויך א שטיקל כיילעק.

— וואָסי, וואָסי, — ווארף איך זיך הין און הער, ווי אן אָפּגעגאָסענער מיט אָקרעפּ, — מע טאָר שוין אַף די קארטינעס ניט קוקן?!..

— א מענטש פון קארטינעס! — קרימט ער העסלעך די צורע זיַינע. — וויש פריִער אָפּ די נאָז, סמארק איינער!

אָפּן אלטן, וואָס דינט דאָ פאר א שוימער אין ארבעט־פּאלאץ, האָב איך קיין גרויס פאריבל ניט געהאט, עס האָט נאָר א ביסל א קאָראָבע געטאָן.

וועגן מיַין מיִעסן אומגעריכטן אָפּשניט האָב איך קיינעם ניט דערציילט — ס׳א כארפּע און א ווייטעק דערציילן אזא זאַך.

ניט מאכמעס באַרימעריַי, נאָר איך האָב זיך שטארק געניייטיקט אָנצוטרויען מיַין פאר־באָרגענעם סאָד, כוצן כאווער יאקאָוו, נאָך עמעצן. דער גוירל איז געפאלן אָפּן לערער ארל סקליאר. אייגנטלעך גערעדט, אויב מע וויל זיך גוט אריַינטראכטן, האָט דער לערער ניט קיין קלענערן כיילעק אין דער געשענקטער מאטאָנע פונעם פעטראָגראדער מאָלער אָניסי מאר־קאָוויטש, ווי איך אליין. טאקע דערפאר, וואָס דער איבערגעגעבענער און געטריַיער לערער האָט איַינגעפלאנצט אין אונדזערע יונגע הערצער ליבשאַפט און פארערונג צום געבענטשטן דיכטער, מעג דאַך אוואדע מיַין סאָד ניט זיַין פאר אים פארהוילן.

— אַך, אזוי... — טוקן זיך אין די טיפע נעסטן זיַינע קליינע אייגעלעך פארכידעשט. — הער נאָר א מיַיסע, הער נאָר א מיַיסע. איך גלייב דיר, נארעלע איינער, אָן שוועס... דער שטאדלען פונעם שווארצמאן־פּאָרטרעט, הייסט עס, ביסטו גאָר געווען?..

— אָשער שווארצמאן, — רוף איך מיך אָן צו אים, — האָט זיך ניט געניייטיקט אין מיַינע שטאדלאָנעס. דער דיכטער קאָן פאר זיך אליין זיַין שטעטל באשטיין. נאָר איר, דער לערער מיַינער, האָט יאָ צוגעהאָלפן, אז דער מאָלער זאָל זיך א קער טאָן צו אָשער שווארצמאנען... עמעס, איך האָב אויך א ביסעלע אונטערגעשטופּט דעם וואָגן מיט מיַינע פארגעדענקטע שווארצמאן־שורעס. כאָמעלע האָט אויך צוגעלייגט א גוט וואָרט, פארטיַיטשט וואָס סע האָט זיך געלאָזט...

שאפונגען
פונעם קינסטלער
לעאָניד פאסטערנאק

(זע דאָס ארטיקל, ז. 180).

די אלטיטשקע באם שטריקן א זאָק

„נאָך דער עקזעקוציע״. איליוסטראציע צו לעוו טאָלסטאָיס ראָמאַן „וואָסקרעסעניע״

פאָרטרעט פון
אלבערט איינשטיין



פאָרטרעט פונעם
יידישן שרייבער
ש. אנ־סקי

קלעזמאָרים

א גאנדז אן־ יאָמטעוו



דער בעטלער

— ריכטיק, ריכטיק, — באַגיטיקט ער, — דער דיכטער לאָזט זיך פאַרטײַטשן. איצט זאָלסטו טאַקע וויסן זײַן, אַז דו ביסט בײַ מיר פאַרעכנט פאַר אַ גרעסטן טאַלמיד. אָבער, — פאַלט אַרל סקליאַר אַרײַן, ווי אין ספּייקעס, — קעדיי אָנמאָלן אַ בילד אויף שוואַרצמאַנס אַ מילכאָמע-מאָטיוו, מוז מען דאָך אַליין זײַן אונטערן דיכטערס אײַנדרוק, און דו זאָגסט, אַז דער מאָלער קען קיין יידיש וואָרט ניט... פונוואַנען זשע קומט צו אים אַזוי טיף און עמעסדיק באַנעמען און באַווירקט זײַן פונעם דיכטערס קינסטלערישער וועלט? האָב צײַט אַ ווײַלע. זעט אויס, — פאַרענטפערט ער אַליין, — אַלצדינג, וואָס ס'איז מענטשלעך, איז דעם מאָלער ניט פרעמד... דער מאָטיוו „מילכאָמע" ליגט אים מיסטאָמע אויך גוט אין די ביינער. הײַנט, פרעגט זיך, פאַרוואָס זאָל ער ניט באַנעמען און פילן שוואַרצמאַנס פּאָעזיע?.. טאָטערן פאַרשטייען גוט פּושקינען, קאַלמיקן טרייסטן זיך מיט שעווטשענקאָן, פאַרוואָס זשע זאָל דער פּעטראָגראַדער מאָלער ניט פאַרשטיין אונדזער יידישן דיכטער אָשער שוואַרצמאַן?

זינט דער געשפּרעך איז פאָרגעקומען צווישן מיר און דעם לערער אַרל סקליאַר, האָט דער לערער באַצויגן זיך צו מיר גנעדיקער און מילדער. ער האָט שוין מער ניט געשטראָפט מיט זײַן האַרבער „פּרינציפּ-שטראָף": איבערלאָזן עסן מיטיק דעם סאַמע לעצטן... צו אַנדערע קונדייסים, וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט, האָט ער אויך, שײַנט מיר, שוין ווינציקער אָנגע-ווענדט דעם דאָזיקן נײַעם „דערציִונגס-מעטאָד", וואָס איז בלינד איבערגענומען געוואָרן בײַ די פריִערדיקע לערער.

וואָס איז שײַך דעם אָפּפאָר פונעם אַלטן אַניסי מאַרקאָוויטשן, פיל איך איצט גוט די צעשיידונג. עפּעס זייער נייטיקס פעלט מיר אויס... מײַן האַרץ בענקט, ווי מע קאָן בענקען נאָך אַ ליבן, טײַערן מענטשן, וועמען ס'איז שווער אַרויסרײַסן פון זיקאָרן, פאַרגעסן אין אים... אַנדערשער, דוכט מיר, זײַנען געוואָרן די נאַטור-ערטער, אונדזער באַרשעווער פּייזאַזש, ווי דער מאָלער פלעגט זיך לענגער פאַרהאַלטן, עס האָט מיר אַפילע אויסגעפעלט דער טאַבאַק-רויך פון זײַן דורכגעסמאָלעטער פּיפּקע.

כאַמעלע גייט אויך אַרום די לעצטע צײַט אַ ביסל פאַרכמורעט. עמעס, זי טיילט זיך מיט מיר ווינציקלעך וועגן מאָלערס אָוועקפאָר. אָט דאָ ווען האָט זי מיר דאַפּקע אַ זאָג געטאָן:

— קיינער האָט מיך אַזוי טיף ניט פאַרשטאַנען, ווי אַניסי מאַרקאָוויטש... איך פלעג זיך שטענדיק פילן גרינגער, ווען איך האָב פאַר אים אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצן.

און דאָס גאָר.

צו גאָט אַ האָפענונג, קלערט געוויס כאַמעלע, אויב עס איז אים באַשערט, דעם גרײַז-גרויען מאַן, לענגערע יאָר, וועט מען זיך מיסטאָמע נאָכאַמאָל זען אין אַ גוטן אופן. לאָמיר נאָר אַלע זײַן געזונט און שטאַרק, דערלעבן צו דעם אומגעדולדיקן „איבעראַיאָר זומער...".

דערווײַל האָבן אין באַרשעוו די ווינטן אויסגעקערט ווי ערגעץ אָן אָפּגעפאַלן בלעטל, אָן אָפּגעוועלקט קווייטל. די סאַמע סומנע האַרבסט-צײַט האָט זיך באַזעצט אין באַרשעוו.

יעטווידער מענטש פאַרמאָגט זײַן פאַרטײַעט ווינקעלע, זײַן הייליקע ציטערדיקע באַהעל-טעניש בײַ זיך אין האַרצן. מעגלעך, אַז בײַ כאַמעלען איז דאָס פאַרהוילענע ווינקעלע בענ-קעניש צום פּעטראָגראַדער מאָלער געוואָרן מער פילבאַר, ווי בײַ עמעצן אַנדערש. וואָס אָנבאַ-לאַנגט מיך, האָב איך אַ טיף אינערלעכן געפיל, הייס און פאַרליבט געטראָגן צו דער קיִעווער קאָמסאָמאָלקע בלומע יאַכניס. די גאַנצע צײַט הערט מײַן אויער איר ליבלעך קאָל:

— געדענקסט, כעווערע: מיט וואָרעם בלוט אין האַרצן!

— געדענקסט: אין אופשטאַנד!

דערבײַ קלער איך, אַז זי האָט די פולע רעכט, בלומע יאַכניס, צו פרעגן, צו מאָנען, וואָרעם מיר, קינדער פון דער רעוואָלוציע, זײַנען די עמעסע יאָרשים פונעם באַליבטן דיכטער.

דער הייליקער כוווו

(צו מוישע גערשענזאָנס 70־טן געבורטסטאָג)

ער איז אינגאנצן ניט געווען ענלעך אַף א מיליטערמאַן. א שטילער, א באשיידענער, מיט א גוטמוטיק אָפן פּאָנעם, א פּארברוינטס פון דער דניעפּערישער זון, א פולבלעכער, מיט א געדיכטער שווארצער קוטשמע האָר און צוויי טונקעלע קלוגע און שמייכלענדיקע אויגן, פלעגט ער אָפטלעך קומען אַף אונדזערע ליטערארישע אָוונטן, און עס איז גענוג געווען, ער זאָל ארויסברענגען א פּאָר ווערטער, אז אלע זאָלן נעמען קײַכן פון געלעכטער.

אפילע יענע, וועלכע האָבן אים געזען דאָס ערשטע מאָל, האָבן אויך זיך גלײַך אָנגעשטויסן, אז דאָס איז אן אקטיאָר. א קאָמישער אקטיאָר. און האָבן קיין טאָעס ניט געהאט.

רעזשיסערן, וועלכע האָבן געזען אָט דעם פולבלעכן יונגנמאן אַף דער בינע, בעשאס ער האָט געשפּילט קאָמישע ראָלן, האָבן צווישן זיך גערעדט, אז ער וואָלט גלענצנד אָפּגעשפּילט די ראָל פון דעם בארימטן פריילעכן און טראגישן סאָלדאט שווייק...

נאָר ער, מוישע גערשענזאָן, אויסהערנדיק דאָס, האָט געקנייטשט מיט די אקסל און שעמעודיק, ווי ער זאָל זיך פאר עמעצן פארענטפערן, געזאָגט:

— גאָט באהיט! איך וואָלט געווען גליקלעך, ווען איך קען אויספּילן אזא ראָל, נאָר ווער ווייסט, צי איך וואָלט זיך ספּראוועט... איך האָב קיינמאָל ניט געדינט אין ארמיי, און דאָס מיליטער־לעבן איז מיר אינגאנצן ניט באקאנט...

דאָס, וואָס ער האָט אין ארמיי ניט געדינט, האָט אים אפילע א ביסעלע געקימערט. נאָר וואָס, אשטייגער, האָט ער געקאָנט טאָן, אז אין זײַן צײַט, בעשאס ער האָט זיך געשטעלט צום פּריזיוו, האָבן אים די דאָקטוירים „פּארבראקעוועט”: לויטן געזונט־צושטאנד האָט ער ניט געטויגט פאר מיליטער־דינסט. איז ער מעקאנע געווען זײַנע כאוויירים, וועלכע האָבן געדינט אין ארמיי און זיך אומגעקערט אהיים, געקומען פארהארטעוועטע, פעסטע, שטײַפע.

ער איז געווען אן אקטיאָר לויטן בארוף, א געבוירענער שוישפּילער, און ער האָט דורכגעמאכט א שווערן וועג צו עכטער קונסט.

געבוירן געוואָרן צוריק מיט זיבעציק יאָר אין דעם ווונדערלעכן שטעטל טשערניאכאָוו, אַף וואָלין, האָט ער פון קליינווײַז אָן פארזוכט דעם ביטערן טאם פון נויט און שווערער האָרעוואניע. נאָר א באָכערל מיט א שארף אויג און א שארפער צונג, האָט ער ליב געהאט זיך צוקוקן און צוהערן צום ארומיקן אוילעם, צו די שארפזיניקע און פריילעכע קאפּצאָנים — שנײַדער, שוסטער, סטעלמאכס... דערבײַ האָט ער פארמאָגט א גוטן זיקאָרן און אלץ פארגעדענקט.

אין כיידער, און דערנאָך אין שול, איז מוישע גערשענזאָן געווען א פריילעך, לוסטיק ייִנגל, אָן אים איז ניט דורכגעגאנגען קיין איין שול־אָוונט אָדער פארווײַלונג. אין דראמקרײַז האָט ער שטענדיק געשפּילט פריילעכע ראָלן, און די כעוורע האָבן אים ליב געהאט פאר זײַן לעבנסלוסטיקײַט, פאר זײַן שארפזין און פריילעכקײַט, ווי אויך דערפאר, וואָס ער איז בא זיך קיינמאָל ניט געפאלן און איז געווען א געטרײַער כאווער און פרײַנט פאר די ארומיקע.

מע האָט אים ליב געהאט פאר זײַן גוטער נעשאָמע און גרייטקײַט קומען צוהילף יעדן, ווער עס האָט זיך אין זײַן הילף גענייטיקט.

זייער פרי האָט זיך געענדיקט די קינדהײַט זײַנע.

געוואקסן אין אן אָרעמער שטוב, ווו עס זײַנען געווען א סאך קינדער — דעם טאטנס גרעסטער פארמעגן, — האָט ער ניט אָפט געגעסן צו זאט, געווען אָנגעטאָן אין געמיינע בגאָדים, דערצו נאָך — דער שטענדיקער אומרו, די סאקאָנע! ארום האָבן געבושעוועט די שלאכטן פון בירגערקריג. עס איז געגאנגען דאָס אנטשיידענע געשלעג פאר דער ראטנמאכט, און דאָס קליינע שוצלאָזע שטעטל איז אָפט באפאלן געוואָרן פון קולאקישע ווײַסע באנדעס.

ווי נאָר עס איז געוואָרן עטוואָס רויִקער אַף די וועגן און מע האָט אופגעשטעלט די צערויִנירטע אײַזנבאן, וואָס איז געגאן אין דער ברייטער וועלט, האָט מוישע גערשענזאָן גענומען דאָס רענצעלע, א לעבל ברויט, זיך אָפּגעזעגנט מיט די אייגענע און זיך פארקליבן

אין א צעבראָכענער טעפּלושקע, וואָס איז גע־
ווען איבערפולט מיט סאָלדאטן און מעשאָטש־
ניקעס.

לאנג האָט זיך געשלעפּט דער צוג איבער די פעלדער און וועלדער פון אוקראינע. בא יעדן טעלעגראף־סלופּ האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, געלאָפן אין וואלד אָנהאקן האָלץ און געשלעפּט עס צום אלטיטשקן לאָקאָמאָטיוו, ער זאָל באקומען קויכעס אַף זיך שלעפּן ווײַטער. נאָך לאנגע מאטערנישן איז דער צוג געקומען קיין קיִעוו.

ניט קיין קרוויוּוים, ניט קיין באקאנטע זײַנען דאָ ניט געווען, און דער באָכער פון טשערניאכאָוו האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, וווהין מע קערט זיך און צו וועמען מע גייט. ער האָט אָבער אָנגעטראָפן אַף גוטע מענטשן. מע האָט גלײַך באמערקט דאָס פײַיִקע און האָרעפּאשנע ייִנגל.

אײנגיכן האָט ער דאָ געקראָגן א דאך איבערן קאָפּ. אויסגעפּרווּוט געניג מעלאָכעס, זיך גוט אָנגעבידעוועט, ביז מע האָט אים אײַנגעאָרדנט אַף לערער־קורסן. ער איז אָנגעקומען אין א שול, געלערנט טאלמידים, וועלכע זײַנען געווען ניט ייִנגער פון אים, געלערנט זיי לייענען און שרײַבן.

צוזאמען מיט א גרופּע ליבהאָבער האָט ער געשאפן א קליינע דראמאטישע טרופּע. מע איז ארויסגעטראָטן אין די ארבעטער־קלובן, פאר די רויטארמייער אין די קאזארמעס. מע האָט אליין געשאפן דעם רעפּערטואר, געשריבן לידער, טשאסטושקעס, סקעטשן, און דער אוילעם האָט באגײַסטערט אופגענומען די יונגע, טאלאנטפולע אקטיאָרן. דער טעאטער האָט זיך אָפּגערופן אַף אלע געשעענישן פון טאָג, אויסגעלאכט דאָס שלעכטס, די אָפּגעשטאנענקײַט און באזונגען אלדאָס נײַע, וואָס די רעוואָליוציע האָט געבראכט דעם פאָלק.

ס'איז גאָרניט געווען קיין לײַכטע ארבעט ארויסטרעטן יעדע וואָך מיט א שפּאָגל־נײַער פּראָגראם. מע האָט אלע מאָל געמוזט שאפן נײַע אייגאקטערס, פריילעכע פעליעטאָנען, לעבעדיקע בילדלעך פונעם נײַעם לעבנשטייגער. פאר דער דאָזיקער מעלאָכע האָט זיך גענומען מוישע גערשענזאָן.

ווען עס האָט זיך געשאפן אין קיִעוו דער ערשטער מעלוכישער ייִדישער טעאטער, האָט מען, נאטירלעך, אײַנגעלאדן אהין דעם באגאבטן, ארבעטזאמען אקטיאָר און רעזשיסער מוישע גערשענזאָן. דאָ האָט זיך נאָך שטארקער צעבליט זײַן טאלאנט.

ניט אלע פון אונדז האָבן געוווּסט, אז אין יעדער פרײַער שאָ, און אָפטמאָל דורך די נעכט, זיצט מוישע גערשענזאָן איבער זײַנע מאנוסקריפּטן, שלײַפט קאָמעדיעס, ווי עס שלײַפן טײַערע שטיינער די יוּוועלירן.

עטלעכע יאָר פאר דער פאָטערלענדישער מילכאָמע זײַנען מיר געשטאנען פארגאפט פאר די אפישן, אַף וועלכע עס האָט געשײַנט זײַן נאָמען — דאָס מאָל שוין ניט אין דער ראָל פון אן אקטיאָר, נאָר אלס א דראמאטורג, א קאָמעדיאָגראף.

מיר האָבן דערזען זײַן וווּנדערלעכע אינסצענירונג פון שאָלעם־אלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאזנס”.

די פּיעסע האָט געהאט א גרויסן דערפאָלג און איז געשטעלט געוואָרן אין עטלעכע טעאטערן פון לאנד.

און גאָר אײנגיכן האָט ער אונדז באוווּנדערט אפּסנײַ — זײַן נאָמען איז געשטאנען אין צעטל פון די רעפּובליקאנער לאוריאטן — דראמאטורגן פאר זײַן צאפּלדיק־פרישער, פריילעכער פּיעסע „דער דירעקטאָר”.

גלײַך נאָכדעם האָט זיך אין מאָסקווע אַף די טעאטראלע אפישן באוויזן מוישע גערשענזאָנס „הערשעלע אָסטראָפּאָליער”, אין דער שטעלונג פונעם גאָסעט אונטער דער אָנפירונג פון שלוימע מיכאָעלסן.

די קאָמעדיע, וואָס איז געשאפן געוואָרן אַפן גלענצנדיקן מאטעריאל פון ייִדישן פאָלקלאָר, האָט געהאט א רוישנדיקן דערפאָלג.

פארקליבן זיך העט, אין א ווײַט ווינקל אַף דער גאליאָרקע, האָט דער מעכאבער מיט הארץ־צאפּל געקוקט די פאָרשטעלונג, און ווען דאָס לעצטע מאָל האָט זיך אראָפּגעלאָזט דער פאָרהאנג, איז דער שעפער פון דער קאָמעדיע „הערשעלע אָסטראָפּאָליער” אוועק מיט די באנאכטיקע מאָסקווער גאסן צום צענטראלן טעלעגראף. ער האָט צוגעזאָגט דער פרוי און זײַנע שוועסטער גלײַך מיטיילן זיי, וויאזוי עס איז אדורך די פּרעמיערע. ער האָט לאנג געדרייט אין אלע זײַטן דעם בלאנק פון דער טעלעגראמע, ניט וויסנדיק, וואָס אָנצושרײַבן. און געגעבן א טעלעגראמע, וועלכע איז באשטאנען פון זיבן ווערטער:

„צוועלף מאָל האָט מען געהויבן דעם פאָרהאנג”.

„הערשעלע אָסטראָפּאָליער” איז געווען פון יענע ווערק, וועלכע זײַנען ארײַן אין אונדזער סאָוועטישער ייִדישער קלאסיק. אדהײַעם גייט זי אַף א סאך בינעס פון די עקזיסטירנדיקע טעאטער־קאָלעקטיוון סײַ בא אונדז אין לאנד, סײַ אין אויסלאנד.

די פּיעסע האָט אויסגעהאלטן דעם גרעסטן עקזאמען — דעם אויספּרווו פון דער צײַט. זי לעבט, די קאָמעדיע, וואָס איז דורכגעוועבט מיט עכטער ליבע צום פּאָשעטן מענטשן, צו זײַן האָרעוואניע, צו זײַנע טרוימען און גוטע אופטוען.

א פּאָר יאָר פאר דער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז דער מאָסקווער גאָסעט אפּסנײַ געקומען קיין קיִעוו אַף גאסטראָלן.

שלוימע מיכאָעלס האָט אײַנגעלאדן צו זיך גערשענזאָנען און פארגעבן אים איין פראגע:

— וואָס וועט איר נאָך „הערשעלען” פארלייגן אונדזער טעאטער?

אלס קלאל האָט מוישע גערשענזאָן מיט קיינעם זיך ניט געטיילט וועגן זײַנע פארטראכטן, אָבער דעם גרויסן מײַסטער האָט ער געזאָגט,

אז ער ארבעט איצט איבער א נײַער קאָמעדיע „די כעלעמער כאכאָמים”, וואָס ווערט בא אים געבויט, ווי „הערשעלע”, אפן פאָלקלאָר. דאָס דארף זײַן אין גוסעך פון פאָלקס־הומאָר און פאָלקס־כאָכמע, און אײַנצײַטיק וועט דאָס זײַן א טיף סאָציִאלע פיעסע, וועלכע וועט אויסלאכן אָפגעשטאנענקײַט, ווילדקײַט, צווייפענעמדיקײַט און אנדערע צאָרעס, וואָס האָבן נאָך א קיִעם.

מיכאָעלס האָט ניט בלויז באגריסט דעם נײַעם פארטראכט פונעם דראמאטורג, נאָר מיטגעהאָלפן מיט אלע קויכעס — מיט גוטע אייצעס, מאטעריאלן, — אז דער אווטאָר זאָל אים אפן בעסטן אויפן קאָנען פארווירקלעכן. נאָך דער באגעגעניש האָט שוין מיכאָעלס „ניט אראָפגעלאָזט דאָס אויג” פונעם דראמאטורג.

אין א שפעטן הארבסט־אָוונט, נאָך דעם, ווי אין מאָסקווער גאָסעט האָט זיך געענדיקט דער אָרדנטלעכער ספעקטאקל, האָבן זיך בא מיכאָעלסן אין קאבינעט צונויפגענומען די פירנדיקע אקטיאָרן. מע האָט נאָך ניט באוויזן אראָפנעמען דעם גרים, זיך איבערטאָן, זיך אָפרוען — עס איז געקומען מוישע גערשענזאָן לייענען פארן קאָלעקטיוו זײַן נײַע קאָמעדיע.

עס איז געווען שווער צו לייענען. יעדע סצענע איז איבערגעריסן געוואָרן מיט הילכיקן געלעכטער. דאָס איז געווען א פריילעכע פאָלקס־קאָמעדיע, וואָס האָט קיינעם ניט געלאָזט בלײַבן גלײַכגילטיק.

דער אווטאָר האָט נאָך געדארפט ענדיקן די פיעסע, אָנשרײַבן דעם דריטן אקט, — נאָר די אקטיאָרן האָבן שוין אָנגעהויבן „זיך קריגן” פאר די ראָלן, יעדן האָט זיך געוואָלט שפילן אין דער קאָמעדיע, וואָס שפרודלט מיט הומאָר, כאָכמע, טאלאנט.

אין טעאטער האָט מען אָנגעהויבן גרייטן די דעקאָראציעס, שרײַבן די מוזיק, מע האָט זיך געגרייט צו דער נײַער פרעמיערע, ווי צו א יאָמטעוו.

נאָר עס האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע.

די פרײַנט און קאָלעגן פונעם דראמאטורג זײַנען אוועק אפן פראָנט קעגן די פאשיסטישע כאיאָלעס, וואָס זײַנען אומדערווארט אָנגעפאלן אף אונדזער ערד. אויך מוישע גערשענזאָן האָט געבעטן, מע זאָל אים געבן געווער אין האנט. אָבער ווידער, ווי אמאָל, האָט מען אים געענטפערט, אז לויטן געזונט־צושטאנד קאָן ער ניט זײַן קיין סאָלדאט.

דער הארבסט פונעם ערשטן מילכאָמע־יאָר האָט געטראָפן דעם טאלאנטפולן שרײַבער אין באשקיריע, ווו ער שאפט א ריי אינטערעסאנטע פארצייכענונגען וועגן די דאָרטיקע נאפטלער. ער שרײַבט אויך שארפזיניקע מעשאָלים, וועלכע ווערן פארעפנטלעכט אין דער רעפובליקאנישער פרעסע.

דער סוינע דערנענטערט זיך צו די טויערן פון דער הויפטשטאָט מאָסקווע, טויזנטער מענטשן בויען פארצוימונגען, גראָבן טראנשייעס, אלץ נײַע דיוויזיעס גייען אוועק אפן פראָנט. די שטאָט איז פארטונקלט. און דאָך עפענען זיך פארנאכט די טירן פון די טעאטערן, און דער אוילעם פארפולט די זאלן.

אין קליין־בראָנע־גאס שפילט טאָגטעגלעך דער גאָסעט. און ווער האָט עס געזאָגט, אז מע דארף ניט קיין פריילעכע פיעסן בעשאס א מילכאָמע? א שארף וואָרט, א כאָכמע קאָנען אויך שלאָגן דעם פײַנט!

שלוימע מיכאָעלס שיקט אוועק גערשענזאָנען קיין באשקיריע א דרינגנדע טעלעגראמע און רופט אים ארויס קיין מאָסקווע. געקומען אין דער הויפטשטאָט, צו מיכאָעלסן, האָט גערשענזאָן זיך פארלוירן:

— אין אזא שווערער צײַט דארף מען א קאָמעדיע?

— געוויס! אלע סאָנים אף צעפיקעניש! — האָט געזאָגט מיכאָעלס.

...אין א קאלטן, ניט־באהייצטן נומער פונעם האָטעל „מעטראָפאָל” איז געזעסן טאָג ווי נאכט מוישע גערשענזאָן און דערשריבן די לעצטע בילדער פון זײַנע „כעלעמער כאכאָמים”. פונווײַטנס האָט זיך אהער דערטראָגן דער מוירעדיקער געברום פון פאשיסטישע באָמבארדירער, אופרײַסן פון דער שווערער ארטילעריע.

ס'איז ניט געווען באשערט, אז די קאָמעדיע זאָל באוויזן ווערן דעם מאָסקווער צושויער. דער סוינע איז צוגעטראָטן נאָך נעענטער צו די מאָסקווער טויערן. די טעאטערן האָבן זיך עוואקויִרט, צײַטווײַליק געמוזט זיך איבערקלײַבן אין טיפן הינטערלאנד. דער גאָסעט איז אריבערגעפאָרן קיין מיטלאזיע. און מוישע גערשענזאָן האָט זיך צוריק דערקליבן צו זײַן צײַטווײַליקער היים, ווו עס האָט אף אים געווארט זײַן מישפאָכע. ווידער שרײַבט ער פארצייכענונגען, מעשאָלים, טרעט ארויס מיט שרײַבער־בריגאדעס פאר די שלאכטלײַט, וועלכע גייען אוועק אפן פראָנט, אין די האָספיטאלן פאר פארוווּנדעטע סאָלדאטן און אָפיצערן, וועלכע מע האָט אהער געבראכט פונעם פראָנט אף היילונג. ער ווענדט זיך נאָכאמאָל אין וואָיענקאָמאט, מע זאָל אים נעמען אין דער ארמיי, און איצט געלינגט עס אים: ער ווערט אָפגעשיקט אף אָפיצערישע קורסן, ווו אין משך פון זעקס כאָדאָשים לערנט ער זיך די קונסט פון פירן א שלאכט. באקומען דעם טיטל לייטענאנט, פאָרט ער אוועק אפן פראָנט אלס קאָמאנדיר פון א קוילנווארפער־ווזוואָד.

יענע, וואָס האָבן אים געזען צום ערשטן מאָל, האָבן געמיינט, אז דער באשיידענער, פארהארטעוועטער, ניט־יונגער מענטש איז שוין ווייסעך וויפל צײַט אפן פראָנט. ער האָט זיך געפירט העלדיש אונטערן סוינעס פײַער. און דאן, ווען עס איז באזונדערס שווער געווען אף די פאָזיציעס, האָט ער זיך אליין געלייגט באם קוילנווארפער און אָפגעשלאָגן א פײַנטלעכע אטאקע, אָפט פארביטן א סאָלדאט, וועלכער איז געפאלן טויט אָדער געוואָרן פארוווּנדעט.

זומער 1943, ווען די סאָוועטישע אַרמייען האָבן געטריבן די פאַשיסטן אַלץ ווײַטער אַפן מײַרעוו, האָט מוישע גערשענזאָן געשריבן אין זײַנע בריוו, אַז ער וועט נאָך קומען מיטן ווזוואָד קיין בערלין, אָפּצאָלן דעם פאַרהאַסטן סוינע די פולע פּרײַז, וואָס יענער האָט פאַרדינט.

און דאָרטן, אין פאַרשיידענע שטעט פון היני־טערלאַנד, האָט מען אַף די בינעס פון די טעאַטערן געשטעלט „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" און „די כעלעמער כאַכאָמים". דער אוילעם, וואָס האָט מיט אַזאַ ענטוזיאַזם אופגענומען די לעבנסמוטיקע ספּעקטאַקלען, האָט, קאָן זײַן, ניט געוווּסט, אַז דער אווטאָר פון די דאָזיקע ווערק געפינט זיך אין סאַמע ברען פון די שווערע שלאַכטן מיט די פאַשיסטן, אַף צאָפן־קאַווקאַז, אין די סטעפּעס פונעם קראַסנאָדאַרער קאַנט.

דער טאָג פונעם 16 אַפּרעל 1943 איז פאַר מוישע גערשענזאָנען געווען א מוירעדיק שווערער. פון קאַיאָר אָן האָט ער מיט זײַנע דרייסטע יאַטן פאַרנומען די פּאָזיציעס לעבן דער סטאַניצע קאָטליאַרעווסקאַיאַ, ניט ווײַט פון קראַסנאָדאַר. צענדליקער באָמבאַרדירער מיט שוואַרצע צלאָמים אַף די פליגלען זײַנען אָנגעפלויגן אַף דער פײַער־ליניע און זי פאַרשאָטן מיט באָמבעס, עס האָט געשאָסן די פײַנטלעכע אַרטילעריע. שווערע טאַנקען, אין דער באַגלייטונג פון אווטאָמאַטלער, האָבן זיך גאַנצפרי געלאָזט צו די אָקאָפּעס, אין וועלכע עס איז געלעגן דער שרעקלאָזער קוילנוואַרפלער־קאָמאַנדיר מיט א קליין הײַפל סאָלדאַטן.

ווען סאָלדאַטן זײַנען שוין פאַרבליבן ווייניק, האָט דער קאָמאַנדיר אַליין זיך גענומען פאַרן קוילנוואַרפער, דער סוינע איז געווען גאָר נאָענט פון די אָקאָפּעס. גערשענזאָן איז פאַרווּנדעט. ער פאַרלאָזט ניט די ריי, כאָטש ער גייט אָפּ מיט בלוט. נאָר אָט האָבן זיך אויסגעלאָזט די קוילן, און דער קאָמאַנדיר איז אַראָפּגעשפּרונגען אין גרוב נאָך די גראַנאַטעס, וועלכע זײַנען דאָרטן געלעגן. ער האָט זיך אונטערן מוירעדיקן פײַער אופגעהויבן צוריק צום ברוסטווער, האַלטנדיק א גראַנאַטע אין האַנט, קעדיי זי א שלײַדער טאָן אינעם טאַנק, וואָס איז שוין געווען גאָר נאָענט, נאָר א שפּליטער האָט אים געטראָפן אין ברוסט, און ער איז געפאַלן א טויטער.

ער איז געפאַלן צוזאַמען מיט זײַנע שלאַכטכאַווירים, שלאָגנדיק זיך ביזן לעצטן אָטעם פאַרן פאָטערלאַנד.

...אין דאָרף שײַטאַלאָווסקע, אין קראַסנאָדאַרער קאַנט, איז אויסגעוואַקסן א הויכער קורגאַן, ווו עס איז באַערדיקט מוישע גערשענזאָן מיט זײַנע שרעקלאָזע קוילנוואַרפלער — רוסן, אוקראַיִנער, ייִדן, גרוזינער, טשוּוואַשן — טרײַע זין פון אונדזער פילנאַציאָנאַלן היימלאַנד. אַפן קורגאַן האָבן די אָרטיקע פויערים אופגעשטעלט א דענקמאָל און מיט גאָלדענע בוכשטאַבן אַף אייביק פאַרקריצט דעם נאָמען פונעם העלדישן קאָמאַנדיר מיט זײַנע שלאַכטפרײַנט.

די שטעגן אַרום דעם אָבעליסק ווערן ניט פאַרוואַקסן מיט גראָז. שטענדיק ליגן באַם סאָלדאַטישן קייווער פעלד־בלומען און קרענץ.

אַף אייביק איז מוישע גערשענזאָן פאַרשריבן אין די צעטלען פון זײַן דיוויזיע, און ער אַליין איז פאַרבליבן לעבן אין זײַנע ווערק.

הערשל פּאָליאַנקער

מוישע גערשענזאָן

דאָס טײַכל

ס'איז א טײַכל פון א באַרג אַפגיך אַראָפּגעלאָפן
און אַפן וועג א שטיין געטראָפן:
— לאָז דורך, — א מורמל האָט געטאָן דאָס טײַכל,
נאָר ס'האָט דער שטיין גענומען קײַכן:
— אוי, נאַריש וואַסער וואָס דו ביסט!
אומזיסט דײַן לויפעניש, אומזיסט.
האָסט מוירע, וועסט פאַרשפּעטיקן
דעם יאַם מיט וואַסער אָנצוזעטיקן?
צי דען פאַרשטייסטו ניט אַליין,
אַז ס'קאָן דער גרויסער יאַם אָן דיר זיך אויך באַגיין?
דאָס טײַכל אין א זײַט האָט זיך א טראָג געטאָן
און האָט א זאָג געטאָן:
— ווי קאָן א שטיין
פאַרשטיין,
אַז ס'וואָלט דער גרויסער יאַם שוין לאַנג אויסגעטריקנט,
ווען קליינע טײַכעלעך אין אים וואָלטן ניט רינען.

דער מענטשנפּרעסער

א מענטשנפּרעסער האָט פּאַרצוקט א קינד,
און צו פּאַרדעקן אָט אַ־די־אַ זינד,
איז ער אַפּגיך אוועקגעלאָפן
די מוטער שטרענג באַשטראָפן:
— ווי לאָזט מען אָפּ א קינד אליין?
ווער ווייסט, ווו ס׳קאָן א קינד פאַרגיין?
פאַראַנען כּײַעס קאַרג צי קאַרג ניט־גוטע?
א מענטשנפּרעסער ביסטו, ניט קיין מוטער!

די ציבעלע

א ציבעלע האָט זיך אײַנגערעדט: „איך בין א זייגער".
און ווי דער שטייגער, אז מע רעדט זיך אײַנעט,
האָט אויך די ציבעלע געטײַנעט:
— ניטאָ א פירמע נאָך אזא, ווי מײַנע!
ליגט די ציבעלע אינמיטן טיש
מיט פיש,
מיט כריין,
מיט ברויט,
מיט קרויט,
און ס׳ברענט אף איר די צענטע הויט —
אזא פּאַרדראָס:
איר באַלעבאָס,
ער זיצט אַנטקעגן איר און זעט זי, דאַכט זיך, גוט
(עס קאָכט אין איר דאָס בלוט)
און רופט זיך אָן צום ווײַב: „אשטייגער,
וויפל האַלט אצינד דער זייגער?!"
— נו, קאָן מען ניט צעפּיקעט ווערן?
און טרערן האָבן זיך בא איר געשטעלט...
— עד, ניטאָ קיין עמעס אף דער וועלט!

דער באַנדיט

איינער האָט זײַן שאָכן
מיט א מעסער דורכגעשטאָכן,
און ווי יעדערער פאַרברעכער,
וואָס האַלט זיך פאַר גערעכט,
האָט אויך אָט דער די סיבע
פון זײַן טאַט אזוי דערקלערט:
— דערשטאָכן האָב איך אים
פאַר גאָרנישט ניט,
נאָר האַלעמײַ האָט ער געזאָגט,
אז איך בין א באַנדיט...

דאָס שטעקל

א שטעקל האָט דערהערט — מע וויל א בוים פאַרפלאַנצן,
האָט עס פאַר קאַס אזש אָנגעהויבן טאַנצן:
— ווידערביימער, ווידער צווײַגן,
נייַן, מערער קאָן איך שוין ניט שווײַגן.
ביימער פלאַנצט מען דאָ פון אלע מינים,
און שטעקלעך מאַכן האָט מען ניט אין זינען!..

די קליאַמקע און די טיר

רופט זיך אָן די קליאַמקע צו דער טיר:
— וואָס איז דײַן ווערט אַנטקעגן מיר?
ביסט טאַקע הויך און שיין און גרויס,
נאָר אז מע דאַרף פון שטוב אַרויס
און אויך אַרײַן,
איז ווער דו זאָלסט ניט זײַן,
און כאָטש דו ביסט א טיר,
צו וועמען קומט מען אָן? —
צו מיר!

דעם פוקס׳ מאַפּאַלע

— ביזוואַנען איז דער שיר, דער לייב זאָל קעניגן,
און איך, דער פוקס, זאָל אים זיך אונטערטעניקן?
דער גרויסער כאַכעם, וואָס דער לייב איז? ווייסעך!
כ׳וואָלט אויך, ווי ער, געקאָנט זײַן קייסער.
אָט דער געדאַנק
האָט שוין פון לאַנג
דעם פוקס גענומען מאַטערן,
און ער האָט פעסט באַשטימט דעם לייב צו פּאַטערן.
קעדיי צו זיכער זײַן, אַז פונעם קריג וועט ער אַרויס א זיגער,
איז ער אַוועק צום וואָלף און צו דעם טיגער,
אייגער פונעם צווייטן זאָל ניט וויסן,
מיט כיטרע ריידעלעך זיי אײַנריידן און אָפּמאַך שליסן:
„ווי נאָר איך, פוקס, וועל מיט דײַן הילף דער קייסער ווערן,
וועלן אַלע שאָף נאָר דיר אַליין געהערן״.
און אָט, ווען ס׳האָבן אַף די ביימער זיך באַוויזן בלעטער
(דאָס איז געווען די צײַט די אָפּגערעדטע),
זײַנען זיי אײַנדרײַען,
פון קאָפּ ביז פיס באַוואָפנט מיט קלייזײַען,
אַרויס אין גרויסער שלאַכט —
באַם אַלטן לייב אַרויסרײַסן די מאַכט.
אַלץ וואָלט, עפשער, אָפּגעגאַנגען גלאַט און גוט,
באַדאַרף דער רוצך אין אָט דער מינוט
אַרויסשיקן אַנטקעגן זיי א שאָף.
— א סאָף! —
האָט א געשריי געטאָן דער טיגער. —
פון איצטער־אָ געהערסטו נאָר צו מיר.
— פאַרוואָס נאָר דיר? —
האָט אים דער וואָלף געטאָן א פרעג.
און ס׳איז אַוועק א קריגערײַ און א געשלעג,
ביז ס׳איז זייביידן ניט געוואָרן קלאָר:
עס האָט דער פוקס זיי אָפּגענאַרט, און גאָר.
דערווײַל האָט זיך פון דעם דערוווּסט דער לייב,
האָט ער זיך פון זײַן אָרט געטאָן א הייב,
אַרופגעפאַלן אַף דעם פוקס, גענומען רײַסן, בײַסן,
ביז ס׳איז פון אים געבליבן... בלויז אָט די־אָ מײַסע.

יעכיעל פאליקמאן

דער מאמעס מײַסעס

זייער ווייניק האָב איך פארגעדענקט פון דעם, וואָס די מאמע האָט דערציילט, פון די ווערטלעך, מעשאָלים, פון די מײַסעס אירע... און, אייגנטלעך, האָט זי דאָך א גאנץ לעבן גערעדט וועגן איינס און אײַנגעטײַנעט איינס, די מאמע: וויִאזוי צו זײַן א מענטש, וויִאזוי בעסער טראָגן אָט דעם שווערן און גליקלעכן אָל.

דעם קארגנס שליסל

— בא וועמען עס געפינען זיך קעסיידער דעם קארגנס שליסל, ווייסטו כאָטש? ס׳איז געווען שטארק א רײַכער און שטארק א קארגער מענטש. קארג אי פאר יענעם, אי פאר זיך. אלץ איז בא אים הינטער שלעסער, אין אײַזערנע קאסטנס, צוגעשרויפטע צום דיל, הינטער אײַזערנע טירן, און וואָס פארא אשירעס עס ליגט דאָרט, האָט קיינער קיין אנונג ניט געהאט, אפילע זײַנע נאָענטע, און ער אליין — עפשער ער אליין שוין אויך ניט. א בינטל שליסל, און גאָר, און ער טראָגט זיי קעסיידער בא זיך, און אזוי, אז קיינער ווייסט גאָר ניט, ווו ער טראָגט זיי.

איז ער איינמאָל אפדערנאכט געווען בא זיך אין הויף, געמיינט צוגיין פון איין קאמער אין דער צווייטער, צי ער איז פון א קאמער געגאנגען אין שטוב, נאָר ער גייט שוין עפעס צו פיל. טוט ער זיך א שטעל אָפ: וואָס איז עס? פינצטער, אז מע קאָן בלינד ווערן. און עפשער איז ער טאקע געוואָרן בלינד? רופן עמעצן, איז א כארפע, ווי רופט מען עס צו הילף בא זיך אין הויף — מע קאָן מיינען מיִעדייע וואָס. גייט ער ווײַטער, ער טאפט מיט די הענט ארום זיך, נאָר גאָרנישט לאָזט זיך ניט אָנטאפן. ס׳הייסט, שפעטער א ביסל האָט ער שוין יאָ עפעס אָנגעטאפט — קוסטעס. איז ער דאָך אין וואלד, און דער וואלד איז ווײַט פון זײַן שטוב. און טאקע — דורך דער פינצטערניש זעט ער שוין: וואלד, אלטע ביימער, א געדיכטעניש. טוט ער זיך א וואָרף טאפן די ערד, צי איז דאָ א וועג אונטער די פיס. ניטאָ קיין וועג. נעמט ער רופן, שרײַען, נאָר — ווו, קיינער ענטפערט ניט, סײַדן דאָס אייגענע ווידערקאָל. און סאָוועס קרעכצן ערגעץ נאָענט. קוקט ער זיך ארום און נעמט אײַלן. וווהין? שײַעך — וווהין, וווהין די פיס טראָגן. נאָר גיכער, מע דארף ארויס פון וואלד! און ער פארגייט אזוי אלץ טיפער. ער מוז שוין ארומגיין עפעס א בלאָטע מיט אָטשערעט, ער האָט זיך שוין ניט איין מאָל אָנגעקלאפט דעם שטערן אָן דער שערשאווער קאָרע פון ביימער, ניט איין מאָל שיר ניט ארויסגענומען זיך אן אויג איבער די נידעריקע צווײַגן, און דער וואלד האָט קיין סאָף ניט.

מיטאמאָל האָט ער דערזען, דער קארגער: א פײַערל פינקלט צווישן די ביימער. לאָזט ער זיך אהין. דאָס פײַערל איז שוין גאָר נאָענט, און ניט איינס — א סאך פײַערלעך. א פאלאץ — דער הויף איז באלויכטן, אלע פענצטער זײַנען פארגאָסן מיט שײַן. א שמאָלער טײַך מיט אן אופגעהויבענער בריק טיילט אָפ דעם קארגן פונעם פאלאץ. נאָר מיטאמאָל דערהערט זיך א קאָל:

— קום, קום, מע ווארט אף דיר!

די בריק האָט זיך אראָפגעלאָזט צום צווייטן ברעג, דער קארגער איז אריבערגעלאָפן — דער טויער פונעם פאלאץ איז צעפראלט, איז ער ארײַן אין הויף. וווהין גייט מען ווײַטער? און דאָ דערהערט זיך ווידער דאָס פריִערדיקע קאָל:

— גיי, גיי, מע ווארט שוין לאנג אף דיר!

גייט ער אין פאלאץ. ארײַנגעקומען אינעם פאָדערצימער, — ס׳רעדט זיך, א פאָדערצימער — אן אנטיקל, ברייט, הויך, אלע ווענט

זײַנען באַמאָלט מיט מענטשן, און חיות, און פֿייגל, די קאַרניזן זײַנען געדעקט מיט גאָלד, ווײַסע מירמלנע טרעפּ פֿירן אַ ביסעלע אַרוף, אין דער טיף פֿון פּאַלאַץ. גייט ער. עס עפֿנט זיך אַ שווערע, געשניצטע טיר, זי עפֿנט זיך גאָר אַליין פֿאַר אים, און ער בלײַבט שטיין אַ דערשטוינטער: אַ צימער דורכויס פֿון זילבער. זילבערנע ווענט, זילבערן מעבל, זילבערנע לעמפּ הענגען אַראָפּ פֿון דער סטעליע, און ער טרעט אַף זילבער... קוקט ער זיך אַרום, דער קאַרגער: קיינער איז ניטאָ! ווי זשע נעמט מען ניט כאָטש אַ שטיקל זילבער, כאָטש עפּעס, נו, דאָס זילבערנע טאַבאַק־טעצעלע אַפֿן טישל לעבן פֿענצטער?..

ער האָט שוין געמאַכט אַ שפּאַן צום טעצעלע, אויסגעצויגן די האַנט, דערהערט זיך ווידער דאָס קאָל, וואָס פֿרײַער:

— גיי ווײַטער, גיי, כאַפּ זיך ניט אָנשטאָפּן די קעשענעס!

קומט ער אַרײַן אין אַ צווייטן צימער — גאָלע גאָלד. ס'הייסט, די ווענט זײַנען דאָ דאַפֿ־קע ניט קיין גאָלדענע, די סטעליע און דער דיל — אויך ניט, נאָר גאָלד איז דאָ אַ מענ־גע: אַף די טישן — אָנגעשאָטענע קופּעס פֿון רענדלעך און כּפֿייצים — אַלץ פֿון גאָלד, איי־ניקע שטיקער מעבל — אויך גאָלדענע, יעדנ־פֿאַלס, די בענקלעך און פֿאָטעלן זײַנען אַקוראַט קייסערשע קרוין־בענק, און עטלעכע קרוינען פֿינקלען אויך צווישן די כּפֿייצים...

— אוי, — טוט אַ קרעכץ דער קאַרגער, — כאָטש עפּעס!..

— ווײַטער, ווײַטער! — יאָגט אים דאָס קאָל, וואָס קומט ערגעץ פֿון הינטער זײַנע פּלייצעס. נאָך איין טיר צעפּראַלט זיך. אַ צימער, וואָס איז פֿאַרפֿולט צי מיט בליצן, צי מיט רעגנ־בויגנס — גאָלע בריליאַנטן... גרויסע און קליי־נע, און פֿון אַלע קאָלירן, און ס'איז שוין פֿאַר זיי קיין אָרט ניטאָ אַף די טישן און אַף די מירמלנע פֿענצטער־ברעטער, זיי וואַלגערן זיך אַפֿן דיל, אונטער די פֿיס... טוט ער אַ פֿאַל אַף די קני, דער קאַרגער, — ס'איז אַי אַ געבעט זײַנער, אַי אַ בלינדער פֿאַרלאַנג כאַפּן, כאַפּן וואָס מער פֿון אָט די אוצרעס. ער האָט שוין עפּעס געפּאַקט אין דער האַנט, נאָר ווידער קומט דאָס קאָל, איצטיקס מאָל אַ בייזס און אַזוי ווי אַ לאַכנדיקס:

— גיי, נאָר וואָס דו ביסט, גיי ווײַטער!

פֿאַלט עס אַרויס פֿון דער האַנט, דאָס, וואָס דער קאַרגער האָט געפּאַקט, צי עפּעס אַ כּוח רײַסט עס אַרויס, און ער גייט ווײַטער — צו אַ שווערער, אײַזערנער טיר, וואָס צעעפֿנט זיך פֿאַר אים קוים, מיט אַ סקריפּ.

אַרײַנגעקומען און געבליבן שטיין אָן לשון. און דאָס בלוט פֿליסט אָפּ צו די פֿיס, אָט פֿאַלט ער אום. עס ווילט זיך לויפֿן צוריק, אַהין, וווּ ער איז ערשט געווען — נאָר די טיר איז שוין פֿאַרמאַכט. און דאָ, אַף אַלע ווענט, אַף דער סטעליע, אַף די פֿענצטער, וווּ ס'איז נאָר דאָ אַן אָרט, הענגען שליסל, בלויז שליסל — איינ־ציקע, בינטלעכווײַז, גרויסע, קליינע, פֿאַרזשאַ־ווערטע און ניט קיין פֿאַרזשאַווערטע, נאָר — שליסל... וואָס טויגן זיי, וועמעס זײַנען זיי? אַ וועלט מיט שליסל! און פּלוצעם טוט דער קאַר־גער אַ ציטער, און באַלד — אַ ריס זיך צו דער וואַנט:

— מײַנע שליסל!

יאָ, זײַן בינטל הענגט דאָ אויך. נאָר עמעצער לאָזט אים ניט צו צו זיי און לאַכט:

— קוק, קוק, ס'איז דײַנע?..

— מײַנע! ווי קומען זיי אַהער?!

— וואָס זשע, — ענטפֿערט דאָס קאָל, — מיינסט, דו ביסט דער באַלעבאָס איבער דײַן אַשירעס? דער שעד איז דער באַלעבאָס. די שליסל פֿון אַלע קאַרגע זײַנען דאָ, באַ אים...

ס'פֿאַרשווינדט דער פּאַלאַץ. אַלץ איז פֿאַר־שוווּנדן. נאַכט און גאָר.

איז ווייסטו שוין, באַ וועמען עס זײַנען דעם קאַרגנס שליסל?..

פֿ אַ ר אַ י אָ ר י ק ב ר ו י ט

איינער אַ קלוגער מענטש, אַ לאַמדן, צי, לאָמיר זאָגן, אַ וועלטלעכער געלערנטער, האָט אויסגעליינט ערגעץ, צי סטאַם געזען, אַז יע־דערער, ווער עס וועט עסן ברויט פֿון דער נײַ־ער גערעטעניש, וועט אַראָפּ פֿון זינען. קיין טומל דערפֿון האָט ער ניט געמאַכט, ווײַל וואָס זשע דען וועט עסן אַ גאַנצע וועלט, אויב ניט די נײַע גערעטעניש? נאָר אַליין האָט דער כאַ־כעם פֿאַרגרייט פֿאַר זיך ברויט פֿון דער אַל־טער גערעטעניש, און שטילערהייט געגעסן עס, דאָס ברויט.

הער זשע אָבער, וואָס עס איז ווײַטער געווען. אַלע האָבן געגעסן דאָס נײַע ברויט, זיי זײַנען אַראָפּ פֿון זינען, און ער איינער, דער ווײַט־זיכטיקער, האָט געגעסן פֿון דעם אַלטן זאַפּאַס זײַנעם און איז געבליבן קלאָר. נאָר באַ דער וועלט, דער משוגענער וועלט, האָט ער, דער קלאָרער, גענומען אויסזען, לויט אַלע זײַנע תּנועות און גענג, ווי אַ משוגענער, און מע האָט אים אַזוי גענומען רופֿן אומעטום:

— כאַסערדייע!

לאַנג האָט דער איינער ניט אויסגעהאַלטן, ער האָט, ווי אַלע, גענומען עסן דאָס נײַע ברויט...

גײ װײס, װוּ זיך היטן

א װאנדערער האָט אראָפּגעשלאָגן זיך פון װעג אין עפּעס א װיסטעניש, צװישן בערג, און ס'איז בא אים אױסגעגאנגען דאָס װאסער, װאָס ער האָט מיטגענומען. די זון ברענט, ער כאלעשט א טרינק צו טאָן, און עס טרעפט זיך אים אין ערגעץ ניט קײן ריטשקע, קײן ברונעם. מיטאמאָל האָט ער, נאָך העכער אין די בערג, צװישן שטעכלקעס, דערזען א שטיבל — א מין בודקע, צונױפגעשטעלט פון דרענגלעך און צװײַגן. מיט די לעצטע קױכעס האָט דער מענטש זיך גענומען דערקלײַבן אהין.

ער זעט — ער קומט שױן צו צום שטיבל — אן אלטע איז אים ארױס אנטקעגן. קלײן, קרומבאָקע, אין פארשמאָלצעװעטע קלײדער. נאָר דאָס איז נאָך גארניט. דאָס פּאָנעם, — דאפקע א גרױס, עס פאסט גאָר צום גוף ניט, — איז העסלעך־מיִעס, באװאקסן מיט האָר. די אױגן־לעפלעך, פארקיסנטע, הענגען בלינדלעך אראָפּ. און דעריקערשט — די גראָבע ליפּן זײַנען קרעציקע, באדעקט װי מיט א שװארצער שאָלעכץ. עפשער איז אפילע די אלטע קראנק אף עפּעס אזױנס, װאָס זי מוז זיך האלטן װײַט פון מענטשן?...

שטײט ער א װײַלע, דער װאנדערער, און טראכט: „װי טרינקט מען גאָר פון דער קײלע, װאָס זי ניצט?"

נאָר װוּ איז די ברײרע — מע מוז בעטן א טרונק.

— באלדי! — זאָגט גערן די אלטע. זי פארשװינדט און קערט זיך אום מיט א פולער קופערנער קװאָרט, פון װעלכער דאָס װאסער קאפּעט.

דער װאנדערער קוקט אף דער קװאָרט — זי איז גרין פון זשאװער, גליטשיק פון שלײם... פונדעסטװעגן נעמט ער די קײלע און פּױעלט בא זיך, אז טרינקען װעט ער באם הענטל, דאָרט, װוּ די אלטע קער אקוראט ניט טרינקען. ער פלײַסט זיך קױם צוטוליען די ליפּן בא די סאמע פינגער, װאָס האלטן די קװאָרט. און דאָ דערהערט ער:

— זע נאָר, מײַן טעװע! איך טרינק אױך אזױ...

װעמעס יאָרן?

אָדאָם־האָרישן און כאװע, זײַן װײַב, האָבן דאָך געזאָלט לעבן אײביק, זײ און אלע דורותס זײערע. האָבן זײ זיך אָבער פארזינדיקט, די ערשטע מענטשן אף דער װעלט, און װאָס גאָט האָט מיט זײ אָפּגעטאָן — װײסט מען. האקלאל, פאר אָדאָמען איז קלאָר געװאָרן, אז ער װעט דארפן שטארבן, װי אלע אנדערע גאָטס באשעפענישן, און ער האָט זיך גענומען שטארק זאָרגן, װײַל װער װיל עס שטארבן?

נו, דעמלט, װען ס'זײַנען אף דער ערד אומגעגאנגען סאכאקל צװײ מענטשן, כאװע האָט נאָך עפשער אפילע ניט געזױגן דעם דריטן — יענעם, װאָס איז שפּעטער געװאָרן דער ערשטער שאָליִעך דעם מאלעך־האמאָװעסעס — קאָינען, אָט דעמלט איז גאָט נאָך געװײנלעך ניט אזױ שטארק פארנומען געװען, װי איצט, און א מענטש, װער שמועסט אזא װי אָדאָם, האָט אים געקאָנט אי זען אָפּט, דעם באשעפער, אי רעדן מיט אים, יעדנפאלס, פרעגן אים װעגן דעם, װאָס בריט דאָס הארץ. האָט ער אים א פרעג געטאָן, אָדאָם, דעם אײבערשטן:

— און צו װיפל װעלן מיר לעבן, איך און אלע, װאָס װעלן קומען נאָך מיר?

ענטפערט גאָט — די זאך איז שױן בא אים געװען א באקלערטע:

— אזױ פיל, װיפל עס לעבן אנדערע מײַנע באשעפענישן.

פארטראכט זיך אָדאָם. ער האָט שױן געװוּסט, װיפל אָן אָקס, לעמאָשל, לעבט, נו, צו קײן פליג, קײן שמעטערלינג, צי, לעהאװדל, צו קײן שטשורל װעט ער זיך דאָך ניט גלײַכן — אָן אָקס, דאָס איז שױן נישקאָשע. טראכט ער אזױ, דער ערשטער, און זאָגט:

— פארװאָס קומט מיר לעבן אזױפיל, װיפל אָן אָקס, ער װײסט דאָך ביכלאל עפשער ניט, אז ער לעבט אף דער װעלט?

טוט גאָט א שמײכל, דאָרט, אין די כמארעס, פונװאנען ער קוקט ארױס:

— ביסט מעקאנע דעם אָקס אף זײַנע יאָרן? גוט, איך קאָן בא אים צונעמען אפילע האלב און דיר עס צוגעבן. װעסט האָבן נאָך א פופצן יאָר — דו און אלע דײַנע.

ע, זעט אָדאָם, אז גאָט איז נאָכגיביק, שטעלט ער זיך אײַן און זאָגט שױן מיט א טײַנע:

— און א מאלפּע, לעמײַ זאָל זי אזױ פיל לעבן, װיפל איך װאָלט געלעבט? זי כאפּט מײַן אָנבליק, אָבער װאָס איז דאָ דער פארגלײַך?

איז גאָט מאסקים:

— מײלע, מירן בא דער מאלפּע אױך נעמען צען־פופצן יאָר.

— און א הונט, — זאָגט אָדאָם אונטער, — א הונט — װאָס טױגן אים אזױ פיל יאָרן?

— רעכט, נאָך אָנדערהאלבן צענדליק יאָר! — ענטפערט גאָט.

נאָר אָדאָם שטײט ניט אָפּ — ער דינגט זיך דאָך ניט נאָר פאר זיך, ס'איז אף דאָר־דורירעס! — זאָגט ער װײַטער:

— און אָט־אָ האָט א קראָ זיך געזעצט אף א בױם... גאָט מײַנער, זי איז דאָך אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן! װוּ איז יױשער? װאָס האָט זי צו

טאָן אַף דער וועלט אוואדע דרײַ הונדערט יאָר?!

ווערט שוין גאָט א ביסל באַרויגעז. די כמאַרעס פאַרדעקן אים, נאָר ער זאָגט:

— נעם בא דער קראָ וויפל דו ווילסט — כאָטש א דריטל, כאָטש האלב...

און אזוי איז עס געבליבן — פאַרשריבן און געכאַסמעט ביז הײַנט. א מענטש לעבט זיך אָפּ זײַנע דרײַסיק יאָר — גוטע, שיינע, מענטשישע. ווײַטער גייען אוועק די אָקסישע יאָרן — עס האָבן אים שוין באַזעצט קינדער, דאָס ווײַב איז שוין צומאָל ניט מיט אלעמען, צי עס וויל זיך פוצן און ווילטיקן דאָס ווײַב, האָרעוועט ער טאַקע, ווי אַן אָקס. נאָר די דאָזיקע געזונטע יאָרן גייען אויך אוועק, און דעמלט קומען די מאַלפּישע. ער ניאַנטשעט אייניקלעך, ער קרימט זיך, מאַכט צורעס, קעדײַ אײַנשטילן, פאַרווײַלן אַן אייניקל, ער קרייט צוליב דעם, ווי א האָן, מיאַוקעט, ווי א קעצל, ער טאַנצט און פּליעסקעט פאַר היספּײַלעס, ווען דאָס קינד זאָגט א כאָכמע, עס מאַכט א קלוג מינעלע, ער נעמט גאָר רעדן, ווי דאָס קינד רעדט, רופט אָן זאַכן, ווי דאָס שעפּעליאַווינקע... נאָר אָט די יאָרן — עפּשער אפילע נישקאָשעדיקע, און עפּשער גוטע יאָרן, — זיי גייען אויך דורך, און דעמלט קומען די הינטישע... אָ, דאָס איז שוין ביטער. די אייניקלעך זײַנען אויסגעוואַקסן און מע הערט אים, דעם אלטן, פאַר א דרײַער, מע הערט ניט קיין ייִנגערס פון אים, איין שטוב איז ער איבעריק, און עס שטעכט, און עס לאָמעט, נאָר וועמען וועסטו זיך קלאָגן, און אז וועסט זיך קלאָגן, איז סײַדן — פאַרן פאַרקן... און ווײַטער — ע, ווײַטער קומען גאָר די טונקעלע יאָרן, יענע, וואָס מע האָט באַקומען בא דער קראָ, מע לעבט און מע הערט שוין הינטער דער פּלייצע: אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן, וואָס טוט ער, וואָס דאַרף ער זיי?..

אזוי, אזוי, און דאָך איז לאַנג לעבן — א בראָכע!

א ריפּטעלע רעטעך

פרײַטיקצונאַכטס איז דאָס געווען. בא דער שײַן פון א האַלבער לעוואָנע האָבן אַף דער ערד זיך אַראָפּגעלאָזט פון הימל צוויי מאַלאָכים — דער גוטער און דער שלעכטער, זאָל זײַן אפילע — דער מאַלעכהאַמאָוועס. וועלכע זײַנען זיי, די מאַלאָכים? וועסט זיי ניט אונטערשיידן איינעם פונעם אַנדערן, ווער רעדט נאָך, בא אזא שיינער און בלאַסער לעוואָנעשײַן. כ׳ווייס, עפּשער איז בא איינעם, באַם שלעכטן, א ביסעלע טונקעלער דאָס פּאָנעם, ווי באַם צווייטן, באַם גוטן, — מאַלאָכים האָבן דאָך פּנעמער, — און די פליגל זײַנען בא יענעם, דעם שוואַרצן, א ביסעלע אויסגעפּלעקט, ניט אומעטום ווײַס... און ביכלאַל — מאַלאָכים, ווער האָט די זכיִע זיי צו זען, און אז מע זעט זיי — ווער קען אין זייערע פּנעמער קוקן? פּאָשעט, עס דאַכט זיך: די לעוואָנע שײַנט דאָרט א ביסעלע שטאַרקער, א גלעזל פינקלט אַף דער ערד, צי א קאַליוזשקע. ערשט, דאָס זײַנען זיי...

איז מען אַראָפּ אַף דער ערד, דער גוטער און דער שלעכטער, מע איז דאַפקע כאַווער צווישן זיך, און מע איז אוועק איבער שטעט און שטעטלעך, צו זען, וואָס עס טוט זיך דאָרט. גייט מען אזוי איבער א שטעטל, מע שטעלט זיך אָפּ בא די ליכטנדיקע פענצטער אָט פון איין שטוב, אָט פון א צווייטער, אָט פון א דריטער — בא מאַלאָכים קומט עס פּאַר, מיסטאַמע, גיך — און מע זעט: אַן אלטיטשקע, אין א ווײַס טיכל, מיט געבראָכענע אַקסל, שטייט ניט ווײַט פון ברענענדיקע ליכט (זי האָט ערשט געבענטשט) און קוקט מיט א גליקלעך און אומרויִק פּאָנעם אַף דער צוגעמאַכטער טיר פון א זײַטיק כיידערל, אַן אַלקער; א יונגער מאַנצבל שטייט ווײַטער א ביסל, בא דער וואַנט, און קוקט אויך אַהין, אַף דער צוגעמאַכטער טיר.

— א קינד ווערט געבוירן, — זאָגט דער גוטער מאַלעך, — אָט דער אלטערס אורייניקל, און דעם דאָזיקנס בכאָר... באַלד, באַלד וועט עס דעם ערשטן געשריי אַרויסלאָזן — שוין אַף דער וועלט — און זײַן מיט לאַנגע יאָרן...

דער שוואַרצער מאַלעך שווײַגט. ער האָט דאָ ניט וואָס צוגעבן און וואָס צו זאָגן אַנדערש. ער, דער שוואַרצער, ווייסט בלויז פון אַלדאָס שלעכטס, וואָס דאַרף געשען, און דער גוטער — פון אַלדאָס גוטס. אז ער זאָגט, זאָגט ער. ס׳איז געכאַסמעט.

ווידער שטייט מען בא א פענצטער און מע זעט: א קראַנקער ליגט, געל, ווי וואַקס, דער קאָפּ איז אײַנגעגראָבן אין דער קישן, דאָס ווײַב שטייט לעבן בעט מיט א פאַרוויינט פּאָנעם, זי האַלט א פלעשעלע אין איין האַנט, א לעפעלע אין דער צווייטער, און בעט זיך, דער כוילע זאָל אײַנעמען א רעפּוע.

— ער וועט אײַנעמען, — זאָגט דער גוטער מאַלעך, — ער וועט געזונט ווערן...

דער מאַלעכהאַמאָוועס שווײַגט. א כמורנער, נאָר ער שווײַגט.

נאָך איין פענצטער: א מיידל זינגט, געסט הערן. דער גוטער מאַלעך טוט א שמייכל, דער שוואַרצער — ער קוקט אפילע ניט אַהין...

ווידער א פענצטער, א נידעריקס, אין אַן אלטער שטוב, אונטער א פאַרצוויטעטן, שינדל-

דיקן דאַך. א היפּש געזינד זיצט ארום א געשפּרייטן טיש. אין שטוב איז ניט גאָר רײַך, ס'הייסט, לאכלוטן ניט רײַך, נאָר ס'פּילט זיך — זי איז פול מיט נאכעס, מיט שטילער פרייד. מע האָט שוין אָפּגעגעסן. דער טאַטע זיצט אויבנאָן, אין א קאמזויל, אין א ווײַס העמד מיט א צעשפּיליעטן קאָלנער, ער האָט זיך א ביסעלע אָנגעלענט אינעם ווענטל פונעם אָפּגעריבענעם ווייכן שטול, דער טאַטע, און דערציילט עפּעס פריילעך, אופגעלייגט. די קינדער, איינס קלענער פונעם צווייטן, מיט אויסגעצוואָגענע קעפּלעך, מיט צערויטלטע פּענעמלעך, הערן, מע האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן, און די מאמע — זי איז הוילע גוטסקײַט, זי שטייט מיט א טעלער אין האנט, געוואָלט אים אוואדע צונעמען פון טיש, און אזוי־אָ פארגעסן גאָר, וואָס זי האָט געמיינט טאָן, — זי הערט מיט כשיוועס און מיט פרייד...

דער מאלעכהאמאָוועס האָט א קוק געטאָן אפן גוטן מאלעך.

— נו, — האָט ער געפרעגט, — ביסט צופרידן?

— זייער...

— ער וועט באלד שטארבן, — האָט דער מאלעכהאמאָוועס געזאָגט שטיל, מיט עפּעס א פארענדערט קאָל, אזוי אז מע האָט ניט געקאָנט פארשטיין — עס טוט אים באנק, צי ער האָט האנאָע פון זײַן גרויסן וויסן און פון זײַן מאכט.

— ווער וועט שטארבן? — האָט דער גוטער מאלעך א כאפּ געטאָן דעם שווארצן פארן פליגל. — ווער? ס'קאָן ניט זײַן!

— ער, דער טאַטע... באלד!

— און גאָרנישט קאָן אים שוין ניט ראטעווען?

— כם, — דער שווארצער האָט א שמייכל געטאָן קוים־קוים, בלויז מיט זײַן קרומער נאָז, — איינס קאָן אים די קויכעס דערהאלטן, ראטעווען, נאָר פונוואנען זאָל ער דאָס וויסן? אָט־אָ יענץ ריפּטעלע פונעם רעטעך, וואָס ליגט אפן טיש, ווען ער בײַסט עס אײַן...

דער טאַטע איז מיטאמאָל אנשוויגן געוואָרן, א וויש געטאָן דעם לײַכטן שווייס פון שטערן, א קוק געטאָן ארום זיך א ביסעלע פארלוירן. נאָר קיינער באם טיש האָט דאָס נאָך ניט באמערקט, בא קיינעם אין די אויגן האָט זיך נאָך די פרייד און דער אינטערעס ניט אויסגעלאָשן. בלויז עפּשער באם עלטסטן מיידעלע, מיט ווײַסע, פארפלאָכטענע צעפּלעך, וואָס איז געזעסן אין עק פון טיש, איז דאָס פּענעמל אזוי אויסגעצויגן געוואָרן, ווי זי זאָל וואַרטן, ווי זי זאָל עפּעס זען און ניט וויסן וואָס. זי האָט זיך צוגעקוקט צום טאַטן, און טאקע צו איר האָט ער ניט הויך געזאָגט:

— דערלאנג מיר נאָר יענץ־אָ ריפּטעלע. עפּעס איז מיר ווי מלאָסנע געוואָרן. גאָרנישט, גאָרנישט, הא?..

דאָס מיידעלע האָט באלד דערלאנגט דאָס ריפּטל מיטן רעשט פון די אָפּגעשניטענע בלעטער.

דער שווארצער מאלעך איז געוואָרן פינצטערער פון דער נאכט און אָפּגעקערעוועט זיך, דער גוטער מאלעך האָט א שײַן געטאָן, ווי א שפּיגל, אף וועלכן עס פאלט א שטראל.

די צונג

מע זאָגט אמאָל: „יאק בי ניע ריידעלע, אבי דאָברע מיינעלע". איז עס ניט גאָר אזוי. הערט א מײַסע.

ס'ליגט איינמאָל א מענטש און שלאָפט, און די אייווורים קריגן זיך אין אים, יעדער אייווער זאָגט, אז ער איז דער טײַערסטער, דער איקערדיקסטער. די הענט טײַנען זיך, געוויינלעך, זייערס: וואָס וואָלט דער מענטש געטאָן, ווען ער האָט קיין הענט ניט. ענטפערט מען זיי, אז יאָ, אָן הענט איז טאקע ביטער און פינצטער, נאָר פונדעסטוועגן לעבן אייניקע אפילע אָן ביידע הענט. די פיס — דער זעלבער טערעץ, די אויגן — אוואדע. נו, אנדערע אייווורים איז ניטאָ, וואָס צו ענטפערן, נאָר מע מאכט זיי צווישן זיך ווי־ניט־איז אויך צונישט.

די צונג האָט זיך געפּרווט אָנרופן:

— איך בין נייטיקער פון אײַך אלעמען, ווײַל אָן מיר איז דער מענטש ביכלאל קיין מענטש ניט!

האָט שוין דער קאָפּ ניט אויסגעהאלטן און געזאָגט:

— איך בין דער איקער, ווײַל אויב איך וועל ניט קלערן, וועלן די הענט ניט טאָן, די פיס ניט גיין, די אויגן וועלן ניט וויסן, וואָס זיי זעען, די אויערן — וואָס זיי הערן, און דו, צונג, וואָלסט גאָר געמעלעט ווער ווייסט וואָס... שווײַג שוין בעסער!

די צונג האָט זיך באלײדיקט, און ווי יעדער באלײדיקטער געוואָלט דערווײַזן איר גערעכט. און ס'האָט זיך איר גלײַך אף מאָרגן, צי אף איבערמאָרגן, צי עפּשער אין א וואָך ארום — מע האָט נאָך אלע געדענקט וועגן דער קריג — געמאכט א געלעגנהײַט דערווײַזן, וואָס זי קאָן.

עס האָט זיך צעטראָגן א קלאנג אין דער מעדינע, אז דעם קייסערס איינציקע טאָכטער איז קראנק געוואָרן און ראטעווען קאָן זי בלויז לייבן־מילך. ווער עס וועט דער ערשטער, אמשנעלסטן, ברענגען מילך פון א לייביכע, דער וועט שייני־לעמעלעך, צי יעדנפאלס, ער וועט שוין וויסן א טאם פונעם לעבן, אָפּלעקן א ביינדל. אלע, — ס'רעדט זיך, אלע, — די, וואָס האָבן געקענט, האָבן זיך געוואָרפן זוכן לייבי־

כעס אין מידבער און ווי־עס־איז פּרווון אויס־
מעלקן זיי. וואָס איז דאָ לאַנג צו בריַיען, דער,
וואָס די אייוורים זײַנע האָבן זיך געקריגט, איז
געווען ניט קיין פאַרשלאָפענער, ער האָט דער
ערשטער געבראַכט א קריגל לייבן־מילך און
אָנגעקלאַפּט אין טויער פונעם קייסערס פּאַלאַץ:
— איך בין אזא און אזא, און כ׳טראָג א
רעפוע — דאָס, וואָס מע דאַרף!

לאָזט מען אים צו צום קיניג מיטן קריגל, און
דער קיניג איַילט מיט אים אוועק צו דער
קראַנקער, און דאָרטן פרעגט דער קיניג א
פּאַרסאָפּעטער:

— נו, איז וואָס זשע, מענטש, האָסטו גע־
בראַכט? זאָג, דער רופיפּע זאָל הערן!

טוט א קיצל יענעם מענטשנס צונג: „אהא,
אָט דאָס איז עס, באַלד וועל איך אלעמען וויַיזן,
ווער איך בין!" דער מענטש וויל אויסריידן:
„לייבן־מילך", דער קאָפּ טראַכט: „לייבן־מילך",
און די צונג ברענגט ארויס:

— קעצן־מילך האָב איך געבראַכט, גרויסער
קיניג!

— קעצן־מילך?!

דאָס צווייטע האָט שוין דער קיניג אויסגע־
שריגן:

— הענגען!

איַי, דער צונג איז אויך ביטער געווען,
ווערסטו זאָגן. נאָר ניט דאָס בין איך איצטיקס
מאָל אויסן: „מיינעלע, איז זיך מיינעלע, נאָר מע
דאַרף אויך וויסן, ווי מע האַלט מיטן — רייד־
דעלע"...

א צופאַל מיט שלוימע האַמעלעך

שלוימע האַמעלעך איז דאָך געווען איין כאָ־
כעם, ער האָט, דערציילט מען, געקענט א סאַך
לעשוינעס, און מע זאָגט, ער האָט פאַרשטאַנען
אפילע באַלעכאַיִם, און כיַיעס, און פייגל, — איז
אָט שלוימע איינמאָל געגאַנגען פאַרבײַ זײַן
פּאַלאַץ און דערהערט, אז עפּעס פּישטשעט
אויבן, בא דער רינווע. א פייגעלע פּישטשעט.
און ער ווייסט דאָך, וואָס דאָס פּישטשען באַ־
טיַיט, שטעלט ער זיך אָפּ, הייבט אוף דעם קאָפּ
און נעמט קוקן ארוף. יאָ, א ראָב שפּערל, א
וואָראָבייטשיקל, און ניט איינס, נאָר צוויי —
אָן ער און א זי. און דאָס פײַנט זיך אזוי אויס,
דער־אָ פּיצינקער, ווי א געשניצטער, און
שפּרינגט אזש אונטער בייסן פּישטשען, ווי אָף
דרעטעלעך:

— ווען איך וויל באַלד, טו איך איין טופּע
מיטן פוס, פאַלט איַין דאָס גאַנצע ווינקל פון
דעם דאָזיקן פּאַלאַץ!

צעלאַכט זיך שלוימע האַמעלעך, און טאַקע
הויך — וויַיל ווי קאָן מען עס הערן אזוינס
און ניט לאַכן?..

דאָס פייגעלע האָט א שפּרונג געטאָן צום
סאַמע ראַנד פונעם דאַך, גאַדלעסדיק און בייז,
מיט איין אויג, א קוק געטאָן אָף דער ערד, נאָר
אָפּגעשוויגן.

שלוימע האַמעלעך האָט זיך פונדעסטוועגן
דערוואַרט, ביז דאָס באַרימערל איז אריבער־
געפלויגן אָף א פּאַלמע, דעמלט איז ער צוגע־
קומען אהין און געפרעגט:

— זאָג מיר נאָר, מיינסט טאַקע, אז דו קאָנסט
אײַנוואַלגערן אָט דעם פּאַלאַץ מײַנעם?

האָט דאָס וואָראָבייטשיקל א שפּאַר ארויס
געטאָן דאָס ברוסטל און געענטפערט:

— בא מײַן פּאָר אין די אויגן דאַרף איך
אַלץ קענען!

א ד ע מ ב

הערסטו, מע זאָגט אמאָל, און עס ווערט אפּי־
לע געשריבן: „צײַט צו שוויַיגן, צײַט צו ריידן".
מיינט מען דאָך דערמיט א סאך. און איך וויל
דיר דערציילן איינס פון דעם, וואָס ווערט דאָ
מיסטאַמע געמיינט. אזא מיַיסע... געווען א ריַי־
כער שניטקרעמער, אָן אָפּטאָווע סויכער, צי
עפּשער גאָר א פּאָרעץ, וואָס פאַרמאָגט א
גרויסן גוט, האָקלאָל, איינער אזא, וואָס מוז
האָבן און וואָס האָט אָרנטלעכע און שטילע —
לעמאַנהאַשעם, שטילע — מעשאָרסים, באַהעל־
פּער. ס׳הייסט, מע איז בא אים די רעכטע
האַנט, איינער, יעדנפאַלס, נאָר אויך דער דאָ־
זיקער איז ניט מער, ווי אזא, מיט וועלכן מע
שאַפט זיך. אָן אייצע — מאַכטייסע, נאָר —
שטיל, בעניִמעסדיק, אָן א בריקעווען זיך, אָן
האַנאָר, אָן „אזוי מײַן איך" — קיין דײַע
האָסטו ניט.

נו, אָט. איז בא אזא־אָ אוישער געווען אזא־
אָ באַהעלפער, ווי איך זאָג, אָן עלטסטער פּריי־
קאַזשטשיק, צי אָן אופּראַוויטעל אינעם גוט,
געוואַקסן בא אים, באַם באַלעבאָס, מיסטאַמע,
פון קליינוויַיז אָן, קימאַט אָן אייגענער, טאַקע
שוין די רעכטע האַנט, און האָט צו שאַפן
איבער קלענערע פון זיך, נאָר...

דעם „נאָר" איז דעם באַלעבאָס אפילע קיינ־
מאָל ניט אויסגעקומען ארויסברענגען. דער דאָ־
זיקער, וואָס האָט בא אים געדינט, האָט שטענ־
דיק ניט וואָס אויסגעפּילט זײַן, דעם באַלעבאָס׳,
ראַצן, ער האָט גאָר ווי געלעבט צוליב דעם,
קעדיי באַנעמען, טרעפן, וואָס עס ווערט פאַר־
לאַנגט פון אים. מיט איין וואָרט, ווען דער
באַלעבאָס האָט געדאַרפט א טראַכט טאָן, אז עס
מוז אין עמעצנס הענט אריבער זײַן גאַנץ גע־
שעפט, זײַן מיסכער, זײַן גוט, וויַיל א מענטש
לעבט דאָך ניט אייביק, און קיין זין, ווי עס
טרעפט, זײַנען ניט געווען, צי זיי זײַנען יאָ
געווען, נאָר ניט אויסגעטויגט זיך פאַר אזעלכע

זאָכן, האָט דער גוויר, צי דער פאַרעץ, כאַסענע געמאַכט דעם דאָזיקן, דעם בעסטן פון זײַנע לײַט, פאַר דער טאָכטער און געמאַכט אים, אַזוי צו זאָגן, פאַרן עמעסן באַלעבאָס.

נו, גוט, אַלץ איז אַוועק ווײַטער עפשער נאָך בעסער, ווי עס איז פריִער געווען, נאָר אַליין יענער, וואָס האָט אַזוי פיל יאָר קיין הויך וואָרט ניט אויסגערעדט, וואָס איז געווען אַזוי בענימעסדיק, און פלײַסיק, און געהאָרכזאַם, ער, האָט מען דערזען — און ווער? דער באַלעבאָס אַליין — דער ערשטער! — יענער־אָ, האָט מען דערזען, קאָן גאָר אַ אויסשרײַען זיך, נאָר אַזוי, און אַ שטעל טאָן זיך, און באַווײַזן האַנאָר. — האַנאָר? — וועסט אים גאָר קיין וואָרט ניט זאָגן אַנטקעגן, ער קאַכט, ער קאָן צערײַסן אַף שטיקער!..

זאָגט אים איינמאָל אין אַ גוטער מינוט — מע האָט שוין געדאַרפט זוכן אַ גוטע מינוט, — זאָגט אים דער שווער, דער פריִערדיקער באַלעבאָס, הייסט עס: „הער נאָר, ביסט שטענדיק געווען אַזאַ שווײַגנדיקער, אַזאַ גוטער, ווי האָסטו זיך עס איבערגעקערט, וואָס איז מיט דיר?"

ענטפערט יענער, דער איידעם, דאַפקע ליבלעך, מיט אַ שמייכל, נאָר אַזאַ, אַ פאַרטײַעטן:

— אויב איר ווילט, קומט מיט מיר אַרויס אין סאָד, אָן־אָ צו יענעם דעמב...

גייט מען אַרויס אין סאָד, צום דעמב, אַן אַלטן, אַ גראָבן, און דער, וואָס אויך דער דעמב איז שוין איצט זײַנער, זאָגט:

— איר זעט, די קאָרע אַפן דעמב איז אָט אָ־דאָ, דאָ און דאָ צעבראָכן, אויסגעהריזעט? ס'האָב איך געהריזעט... אַלעמאָל, ווען ס'איז מיר עפעס ניט געפעלן, ווען כ'האָב געוואָלט זאָגן דאָס, וואָס כ'האָב געמיינט, געטראַכט און אָפגעשוויגן, ווען ס'איז מיר ביטער געווען אַפן האַרצן, בין איך געגאַנגען צום דעמב און געהריזעט אים פאַר ווייטעק, פאַר קאַס, פאַר אַלץ, וואָס עס האָט מיך געוואָרגן. און איצט... איצט וועט שוין עמעצער אַ צווייטער הריזען דעם דעמב, דער, וואָס וועט שווײַגן.

הינטער די זשאַרנעס

איינער זידלט און זידלט אַ הולטײַ אין גאַס, פאַר מענטשן, ער זאָגט אים אי גאַנעוו, אי פאַסקודניאַק, אי מאָסער, און אַלע, וואָס הערן, — ווייסן: ער איז גערעכט, דער, וואָס שרײַט. בלויז יענער, וועמען ער זידלט, שווײַגט. נאָר ווען ער נעמט שוין אַוועקגיין, טוט ער אַ זאָג:

— מיילע, נו, ווער איך בין, בין איך, אָבער דו ווער ביסט — געדענקסט, הינטער די זשאַרנעס?..

— וועלכע זשאַרנעס? — טוט זיך אַ כאַפ דער ערשטער.

נאָר דער, וואָס האָט דאָס געזאָגט, איז שוין אַוועק.

— וואָס פאַרא זשאַרנעס? וואָס איז דאָרט געווען? — נעמען איבערפרעגן אַלע, וואָס שטייען דערבײַ. — וואָס זאָגט ער עס?.. — מע האָט שוין גאָר אין אַלץ, וואָס איז דאָ געשריגן געוואָרן, פאַרגעסן.

— כ'הייב ניט אָן צו וויסן פון קיינע זשאַרנעס! אַ הולטײַ זאָגט!..

— ניין, נאָר פונדעסטוועגן?

— טאָקע?..

מע האָט אים אָנגעיאָגט יענעם, דעם אויסגעזידלטן:

— וואָס האָסטו עס געזאָגט — זשאַרנעס?

— איך האָב געזאָגט, — האָט יענער אַ דריי געטאָן מיטן קאָפ, — און זאָל ער אײַך דערווײַזן, אַז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן.

„ניין, אַזאַ קו..."

איינער אַ ייִשוווניק, אַ דאָרפס־ייִד, האָט אין אַ מאַרק־טאָג געבראַכט אין שטעטל, אַף דער טאַרהאָוויצע, צו פאַרקויפן זײַן קו. אַ גרויסע, נאָר אַ מאָגערע, אַ שוואַרצע, מיט שאַרפע הערנער און ביסטרע אויגן. נאָר ווער קוקט עס אַ קו אין די אויגן?

קוינים האָבן זיך דאַפקע גלײַך פון אָנהייב גענומען אָפשטעלן לעבן ייִשוווניק און פרעגן:

— איר פאַרקויפט?

— איך פאַרקויף, — ענטפערט ער קאַלטבלוטיק. אַ מענטשל איז עס ניט קיין גרויס, ניט אַף קיין סאַך העכער פון דער בעהיימעס רוקן, די אײַנגעפאַלענע באַקן באַדעקט אָן אַרומגעצופטע באָרד. אַ שטיקל לוי־יוצלעך, אַף אַלץ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַפילע אַף דער אייגענער באָרד, איינמאָל פאַר אַלעמאָל געפויעלט באַ זיך, אַז — עט! נאָר וואָס איז דאָס קוקן אַפן באַלעבאָס, ווען מע מיינט די קו?

— געקעלבט זיך, צי יאַלעווע? — פרעגן קוינים.

— יאַלעווע, אַ רועך אין אירע ביינער! אַז זי קעלבט זיך, און מע נעמט באַ איר אַפ דעם קאַלב, איז זעט איר אירע הערנער.. זי קען האַרגענען!

— נאָר מילך גיט זי מיסטאָמע נישקאָשעדיק?

— קיין פול מעלקשעפל האָט זי קיינמאָל ניט געגעבן, איצט — אַוודע ניט. נאָר ווען זי טוט כאָטשבי ניט אַף דעם קונץ, ווען זי קלאַפט ניט מיטן פוס איבערן מעלקשעפל...

גייען די מענטשן אַוועק. אייניקע טוען נאָך אַ פרעג דעם מעקעך. דער ייִשוווניק רופט אָן גאָר ניט קיין גרויסע פרײַז, נאָר קיינעם נעמט

דאָס ניט אַלציינס. בעהיימעס איז באַרעכהאַ־שעם א פּולער מארק.

צום יִשוווניק, ווי ער פאַרקויפט זײַן קו, און צו דער קו נאָך מער עפּשער, איידער צום יִשוווניק, האָט זיך צוגעקוקט א יאַרידניק, — נאָר פון יענע! א פאַרשוין מיט א פּאַרוקט בײַטשל הינטערן פּאַסיק, מיט א קעפּקעלע, וואָס דעקט צו די פּאָטיליצע, מיט מאַמזערישע אייג־לעך, וואָס קוקן אַזוי ווי ניט אַף גאָרניט, און זעען אַלץ, און אַז זיי קוקן יאָ אַף עפּעס, לייקע־נען זיי אַף דאָס, וואָס זיי זעען. אָט אַזא־אָ פאַרשוין, א פּולבלעכער, א זשוואַוער, האָט זיך דאָ געמאַכט. ער האָט געזען, ווי דער יִשווו־ניק האָט שוין דורכגעלאָזט דורך די פינגער איין קוינע, א צווייטן, א דריטן, און ס'האָט אים, דעם יאַרידניק, פאַרדראָסן, א בראָט גע־טאָן אין די געדערים.

— נע, — האָט געזאָגט דער, מיטן בײַטשל, — אנו, פעטערל, לאָז נאָר מיך פאַר־קויפן דײַן קו! וויפל כ'וועל ניט נעמען הע־כער פון דײַן מעקעד, זײַנען נאָר צווי קאַר־באַטשן — מײַנע!

— פאַרקויף! — דער יִשוווניק איז אָפּגע־טראָטן אין א זײַט און איבערגעגעבן דעם, וואָס מיטן קעפּקעלע, דאָס שטריקל.

קומט צו א קוינע און פרעגט:

— מע פאַרקויפט די קו, צי זי איז שוין א פאַרהאַנדלטע?

— זעסט, — טוט א קנאַק מיט דער צונג דאָס זשוואַווע פאַרשוינדל, — אַן עמעסער מייוון פאַרשטייט, אַז אַזא קו וועט באַלד אַראָפּ פונעם מארק... נײַנצן ווערסט געשלעפּט זיך אַהער, איך בין פאַרמאַרעט, און זי — ווי ערשט פון דער פּאַשע!

— איז פאַרקויפט איר? — פרעגט מער א ביסעלע גערן דער קוינע.

— ע, — טוט טרויעריק א קרים זיך דער, וואָס האַלט דאָס שטריקל, — איך פאַרקויף, וואָ־דען זאָל איך טאָן — די צאָרעס מײַנע פאַרקויפן זי... די קינדער זײַנען דרײַ ווערסט נאָכגעלאָפן, איך זאָל זי ניט פאַרקויפן, און דאָס ווײַב...

— אַזא גוטע קו? כע, פּאַשעט, צוגעווינטשט זיך צו איר, — דער קוינע נעמט באַטראַכטן די שוואַרצע פון איין זײַט, פון דער צווייטער.

און דער, מיטן בײַטשל, רוט ניט:

— א קו איז עס? א מאַמע! מע דאַרף גאָר קיין קאַרטאָפל ניט פאַר דער שטוב אַף ווינ־טער, זי קאָן אַליין אָנהאָדעווען די מישפּאָכע מיט די קעזן און מיט די מילכן... פינף דיקעס, איר זעט כאַטש? און דער עק, ס'דאַך א מילכי־קער! און וואָס עסט זי בא מיר, מישטיינסגע־זאָגט, — טוט א קוק אַף די אײַנגעפאַלענע זײַטן, — און די הערנער זײַנען שאַרפע, דעם קאָפּ האַלט זי גלײַך, די אויגן זײַנען ביסטרע...

און אַז זי האָט א טעלעטשקעלע, — קיין ביק־לעך האָט זי גאָר ניט, — איז עס דאָך א סימכע, אַפילע איר מאַלאָזוווע מילך איז געשמאַקער, איידער בא אַן אַנדערער, א יאַלעווער...

— וואַרט נאָר, — דער יִשוווניק האָט מיטאַ־מאָל צוגערוקט זיך פון דער זײַט און איבער־געגעבן דאָס שטריקל, — ניין, אַזא קו פאַרקויף איך ניט.

האקן און העקען

איינער האָט זיך אָנגעדונגען צעהאַקן א פורל האָלץ. דעמב און גראַב, און דערצו נאָך — נאַס, סוקעוואַטע. שטייט ער און מוטשעט זיך, קלאַפּט אַרײַן קלינעס און קלאַפּט זיי אַרויס, פונקען שפּריצן אים פון די אויגן בא יעדער שווערן מאַך מיט דער האַק. קומט צו א צווייטער, אַזא, וואָס זוכט זיך שטענדיק א גרינג פאַרדינסטל, — ער ווייסט, ווען צושטיין, לעמאַשל, צו מעק־לערײַ, ווען דער מיסכער איז שוין קימאַט פאַרענדיקט, מע דאַרף נאָר עפּשער פון דער זײַט צוגעבן א ביסל היץ דעם קוינע, צי גאָר צו א גוטן „מאַגאַריטש" קאָן ער צושטיין, אָט דער דאָזיקער, — איז ער צוגעקומען צו דעם, וואָס האָט ביטער געהאָרעוועט איבערן פורל האָלץ, און אָנגערופן זיך צו אים:

— ווילסט, וועל איך דיר העלפן!

— העלף, — ענטפערט דער, וואָס האַקט דאָס האָלץ.

דער האָלצהעקער הייבט די האַק, און יענער, וואָס העלפט אים קלוימערשט, מאַכט אַלעמאָל, ווען די האַק לאָזט זיך אַראָפּ אַפן קלעצל צי אַפן פּניאַק: „הע!". ער העקעט גאַנץ לעבע־דיק, דער, וואָס וואַרט אַפן גרינגן קערבל...

ס'איז געקומען צום צערעכענען זיך פאַר דעם אָפּגעטאָנענעם שטיקל אַרבעט, דער האָלצהע־קער באַקומט דעם סכאַר, זאָגט דער, וואָס האָט געהעקעט:

— גיב מיר מײַן קיילעק.

— אַהאַ, יאָ, יאָ, — ענטפערט דער האָלצהע־קער און טוט דערבײַ א וואָרף אונטער די קלינגענדיקע מאַטבייעס אַף דער דלאָניע, — דו האָסט געהעקעט — קומט דיר דער קלאַנג, כאַפּ אים, און מיר בלײַבט דאָס זילבער!..

א שרײַבער

א ייִדענע איז געקומען צו לויפן צום רעבן מיט א פּאַלעש:

— וויי, א צאָרע האָט מיך געטראָפן!

— שאַ, גאָט איז מיט דיר, וואָס איז?

— וואָס הייסט — וואָס איז?! מײַן זון האָט פאַרטראַכט צו ווערן א שרײַבער!

— נו, איז דאָך פֿײַן, — פֿאַרשטייט ניט דער רעבע.

— וועלכער — פֿײַן? — צעפּלאַמט זיך נאָך מער די ייִדענע, — אַזוי ווייס איך אײנע, אַז ער איז אַ נאַר, און איצט וועט די גאַנצע וועלט וויסן!..

פּ ר ע מ ד ע ס ו י ד ע ס

די מאַמע מײַנע, און דײַן באָבע, כּײַע־דוווירע, זי איז געווען אַ כאַכאָמע, און שײן, ווי די מומע מאַכליע — די מומע כאַפּט איר אָנבליק, נאָר ווו — די באָבע איז געווען שענער, איז אָט, זי, וואָס אַז מע זאָגט נאָך איצט אויך בא אונדז אין ליובאַר עפּעס אַזוינס, גיט מען צו: „כּײַע־דוווירע פֿלעגט זאָגן", — יאָ, איז אַז עמעצער פֿלעגט קומען זיך אויסריידן פֿאַר איר דאָס האַרץ — מענטשן טוען שטענדיק אַזוי, דערייקערשט ווײַבער, און מע פֿלעגט אויסנעמען בא איר: „כּײַע־דוווירע, נאָר עס זאָל בלײַבן צווישן אונדז, האַ?" — פֿלעגט זי אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ, און אַ זיפֿץ טאָן, ווי זי האָט געקענט, און קוקן אָפּן מענטשן, ווי זי האָט געקענט, און ענטפֿערן: „ע, קינד מײַנס", — אָדער: „ע, פּרײַנט מײַנער", — ס'אָנבאַלאַנגט פֿון דעם, ווען זי האָט געהאַט פֿאַר זיך, — „אַז דו אַליין קאָנסט דײַן סאָד ניט אײַנהאַלטן, וועט אים דיר עמעצער אײַנהאַלטן?"

א ו י ב ד ו ק ע נ ס ט

ס'איז געווען, ווען זי איז שוין געלעגן אָפּן טויטן בעט, די באָבע. קומט צו גיין די קרויווע — געדענקסט זי, געווען בא אונדז אַ ווײַטע קרויווע, וואָס מע האָט זי אַזוי טאַקע גערופֿן — די קרויווע, זי האָט געוווינט בא דער קאַליוזשע, ניט ווײַט פֿון מאַרק, און מע האָט דיך געהאַט אַרײַנגעטראָגן צו איר אין שטוב, ווען אַ קו האָט דיך גענומען אַף די הערנער, — קומט זי, די קרויווע, מעוואָקער־כּוילע זײַן זי און זאָגט:

— אײַ, כּײַע־דוווירע, וואָס לאָזסטו זיך אָפּ?

— קענסט, — ענטפֿערט די באָבע, — האַלט מיך צו.

ג ע צ ל

דער זיידע דײַנער, אורעאָם, דעם טאַטנס טאַטע, איז דאָך געווען אַ דאָרפֿס־ייִד, קלאַפּט מען צו אים אײנמאָל — אין אַ זאַוויי־נאַכט מיסטאַמע — אין פֿענצטערל:

— אורעאָם, אורעאָם!

אין דאָרף, און ווער רעדט — ווינטער, שלאָפֿט מען געשמאַק, און יענער קלאַפּט ווידער און ווידער:

— אורעאָם!

— אַזוי ווי געצלס קאָל, — זאָגט דער זיידע צו דער באָבען און צו די קינדער, וואָס הערן שוין אַלע דאָס קלאַפּן און עס ווילט זיך קײנעם ניט אַראָפּ אַף דער קאַלטער ליים.

נאָר — געצל! געצל איז געווען אַ גאַנעוו, וואָס מע האָט אים געקענט סײַ אין ליובאַר, סײַ אין טשאַרטאָריע, סײַ אין אָסטראָפּאָל און אין די אַרומיקע דערפֿער. אַ וואָרטעלע — געצל!

— ס'איז דו, געצל? — פֿרעגט שוין דער זיידע, און אָפּן האַרצן איז אים מלאָסנע, — ווילסט נעכטיקן, צי וואָס?

— נע, איך האָב קיין צײַט ניט... אורעאָם, ווו זײַנען דײַנע פֿערד?

— אין שטאַל, — ענטפֿערט דער זיידע, און אין האַרצן איז אים שוין אַרײַן די קעלט, — אין שטאַל שטייען זיי...

— נע.

— ווו זשע, געצל — בא דיר אין שטאַל!

— נע, ערגעץ שטייען זיי... אורעאָם, טראָג אַרויס אַ דרײַערל, וועל איך זיי צוריק אוועקשטעלן, די פֿערד.

— געצל, וואָס רעדסטו נאַרישקײַטן!

— נו, גיי אַראָפּ, אורעאָם, טו אַ קוק — די שטאַל איז ליידיק. און מאָרגן איז דאָנערשטיק. מײַן ווײַב דאַרף גיין אין מאַרק — פֿאַרשטייסט דאָך...

— ס'וועט זײַן גענוג אַ קערבל, גאַזלען!

— נע, אַ דרײַערל...

ס'איז אויסגעקומען אָנטאָן זיך און אָפּבינדן דאָס קניפּל — מע דאַרף פֿאַרשטיין, אַז בא דײַן זיידן איז קיין גרויס קניפּל ניט געווען — און אַרויסטראָגן דאָס דרײַערל. געצל האָט נאָך געגעבן אַ טרונק, — האָט מען אים געדאַרפֿט דערלאַנגען די קוואָרט אויך צו דער שוועל.

אין שטאַל האָט שוין דער זיידע ניט געהאַט וואָס צו קוקן — געצל וועט ניט אָפּנאַרן סײַ אַז ער האָט אוועקגעפֿירט די פֿערד, סײַ אַז ער וועט זיי ברענגען.

קעגן וואָס ברײַ איך דאָס? כ'ווייס, ס'האָט זיך דערמאָנט אַ נאָמען — געצל...

ש מ י ל ע ק, װ א ס ע ר!..

אַלעוואַשאַלעם, דער טאַטע דײַנער איז דאָך געוואַקסן אַ יאָסעם. דו ביסט געבליבן אָן אַ טאַטן, ווען ביסט אַלט געווען אַרום צען יאָר, און זײַן מאַמע איז געשטאָרבן, ווען ער איז אַלט געווען נײַן טעג... איז קאָן מען שוין פֿאַרשטיין, וויאַזוי ער איז געוואַקסן. עמעצער, די אַם צי אַ ניאַנקע, — מיסטאַמע, אַ ניאַנקע, —

האָט אים געפּאַטערט אַ פּיסל, געלאָזט אים ווינטער ליגן אַף אַ פּריזבע; ביז זי איז ערגעץ אַוועק, האָט ער זיך צעוויקלט און געמוטשעט זיך שוין מיט דעם אָפּגעפרוירענעם פּוס דאָס גאַנצע לעבן. נאָר ניט דאָס וויל איך איצט דערציילן.

ער האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ שטיפמאַמע, עפּשער ניט קיין ערגערע, ווי בײַ אַנדערע, זאָל איר דאָרט זײַן גרינג די ערד, נאָר — אַ שטיפמאַמע. זי האָט אַליין אַ שאָט געטאָן אירע זיבן קינדער, און דרײַ האָט זי געטראָפן אין שטוב. האָבן איר שטענדיק געקלעקט כלאָפּאָטעס. אירע קינדער האָט זי ווי־עס־איז געשאַנעוועט, און די עלטערע צוויי פרעמדע ייִנגלעך זײַנען פּרי אַוועק פון דער היים — פאַר באַהעלפערלעך אין שטעטל, צו אַ מעלאַמעד, צי פאַר פּאַסטעכלעך טאַקע דאָרט, אין דאָרף, אין כיזשניק. ווער געדענקט דאָס, נאָר דער טאַטע, אַ קאַליקע, האָט זיך לענגער געהאַלטן בײַ דער שטוב. איז ווי נאָר זי פלעגט אים דערזען, די שטיפמאַמע, האָט זי געהאַט פאַר אים אַן אַרבעט, אַ גאַנג, און אָפּטער פון אַלץ: „שמילעק, טו נאָר אַ קוק — די דייזשקע איז ניט ליידיק?" צי פּאָשעט, ניט געטראַכט, ניט געקוקט: „שמילעק, וואַסער!"

און געוועזן איז דער טאַטע דײַנער ניט, כאָלילע, וואָס אַ קײַסן, און ניט וואָס מיט אַ האָנאָר, נאָר ווי זאָל איך עס זאָגן — אַזאַ, וואָס „טשעפּע מיך בעסער ניט". איינמאָל, מע דאַרף פאַרשטיין, אַז געוועזן איז עס ווינטער, ער טרעט נאָר אַריבער די שוועל אין קיך אַרײַן — געקומען שוין עפּעס פון אַן אַרבעט, צי אַ גאַנג, מיד, הונגעריק, דערפרוירן. און די שטיפמאַמע, אַ פאַרפלאַמטע בײַם אויוון, טוט אַזוי, מיטן ראָהאַטש אין די הענט, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ פון אונטערן פריפּעטשיק, אַ זאָג:

— אַהאַ, ביסט דאָ?.. שמילעק, וואַסער!

ניט געענטפערט קיין וואָרט, ווידער אָנגערוקט דעם יאָלעפּ און אַרויסגעשלעפּט די הענטשקעס פון קעשענע, איז ער אַוועק אין פאָרהײַזל און אַ קוק געטאָן — די דייזשקע איז קימאַט פול, ער האָט נאָך אינדערפרי אָנגעגאָסן זי, ווי אַן אויג, נאָר גאָרנישט — עס האָט שוין בײַ אים אַ זאָט געטאָן דאָס האַרץ — גענומען בײדע עמער מיט דער קאָראָמיסלע און אַוועק צום ברונעם, וואָס לעבן טויער. געבראַכט איין מאָל וואַסער, אויסגעגאָסן אין דייזשקע, — ס'האָט שוין אַפילע אַ כליופּע געטאָן איבערן ברעג, נאָר ער קלינגט ווידער מיט די ליידיקע עמער אַף די אַקסל. דאָס צווייטע מאָל האָט ער שוין די וואַסער געגאָסן פאַרבײַ דער דייזשקע, דאָס דריטע מאָל — אויך, דאָס פערטע מאָל — אויך, און דאָס פינפטע, און דאָס זעקסטע מאָל, ביז די וואַסער האָט אַ פלייץ געטאָן איבער דער שוועל אין קיך אַרײַן...

— שמילעק, אוי, וויי איז מיר, די דייזשקע האָט געלאָפּנעט?! — די שטיפמאַמע האָט געגעבן אַ קוק אַרויס אין פאָרהײַזל און שוין פאַרשטאַנען אַלץ.

פון דעמלט אָן האָט זי מער ניט אַרויסגעבראַכט: „שמילעק, וואַסער!"

דו לאָז זיך נאָר אײַנשפּאַנען...

וואָס קלעפּט מען ניט צו צו אַן אייזל: אי אײַנגעשפּאַרט, ווי אַן אייזל, אי טעמפּ, אי ניט איבערקלײַבעריש, ס'הייסט, עס וועט אַלץ פאַרדײַען, אַלץ איבערטראָגן, אי — לאַנגע אויערן, זיי שטעקן, הייסט עס, אַלעמאָל אַרויס, מע דערקענט עס, דאָס אייזל... מיט איין וואָרט — ערגער ווי ערגער, ווי ס'זאָל גאָר מער קיין פאַרשטויסן, ניט געראָטן באַשעפעניש ניט זײַן אַף דער וועלט.

איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען אַן אייזל, וועל איך דיר עמעס זאָגן, ווען כ'בין שוין געוועזן אַ גרויסע — עפּעס אַ צירק, צי אַ מין זווערינעץ איז צו אונדז קיין ליובאַר אַראָפּגעקומען. מע קען מיינען — רעכטס! אַ ציגײַנער האָט געבראַכט אַ בער מיט אַן אויסגעקראָכענער פעל, אַ פּאָפּוגײַ, אַ פּאַווע — בײדע מיט אויסגעסמיקעטע פעדערן, אַ מעשונע־ווילד פּאַטלאַטע הינטל, וואָס מע האָט אַזוינס ניט געזען אין אונדזערע מעקוימעס, און — אַן אייזל. טאַקע דאָר, קוואָר, מיט לאַנגע סטאָרטשענדיקע אויערן, און אַליין איז עס קליין, ווי אַ לאָשעקל. נאָר ווײַל ס'איז אַף אַ ביסטרע לאָשעקל לאַכלוטן ניט געראָטן, פאַרקערט, עפּעס איז עס ווי אַן אַלט לאָשעקל, וואָס וואַקסט שוין ניט ווייסעך וויפל יאָר, איז בײַ מיר אויסגעקומען, אַז ס'האָט אַזוי ווי אַ מענטשיש פּאָנעם, דאָס אייזל — ברייטע ליפּן, אַרום זיי שפּראָצן איינציקע שוואַרצע האָר, אַ צוגעפּלעטשטע נאָז, אַן אויסגעצויגענע אין דער לענג, און דעריקערשט — די אויגן, מאַמעש זיי רעדן — אומעטיקע, טרערנדיקע, אָבער דערבײַ אויך אײַנגעשפּאַרט־זשוואַווע.

און כ'האָב שוין אַפילע געוווסט, ווע‏מעס אָנבליק אָט דאָס אייזל כאַפּט — קוציע דעם פּאָטשטאַליאָנס. געוועזן בײַ אונדז אין ליובאַר אַזאַ לוי־יוצלעך, אַ לויפער, און האָט ליב געהאַט קנײַפּן קינדער. אָט אַזוי־אָ קומט ער צו צו דיר שטיל, בעני‌מעסדיק, מיט זײַן שווערער סומקע איבער איין אַקסל, מיט צוויי און אַמאָל אויך דרײַ פּעקלעך, וואָס הענגען אַף אַ רימען איבערן צווייטן אַקסל, ער טוט אַ נעם אַראָפּ דעם קאַשקעט, ווישט אַרום דעם שטערן מיט אַ דלאָניע, טוט דיך אַ פרעג אָפּן טאַטן, אַף

דער מאמען, צי זײַנען זיי אין דער היים, קלוימערשט ער דארף זיי, ער האָט פאר זיי עפּעס, און שטעקט דיר אָפּ א קניפּ אין האנט צי אין זײַט, אז דו זעסט שוין ניט, ווי ער לויפט אוועק ווײַטער, אזוי ווערט דיר פינצ־טער אין די אויגן...

איז אָט יענץ אייזל באַ מיר אויסגעקומען א ביסל, ווי קוציע דער פּאָטשטאליאָן, ווײַל כאָטש ער האָט געקנײַפּט, האָב איך אָף אים ראכמאָנעס געהאט — ער איז געווען עלנט ווי א שטיין און שטענדיק פארהאָוועט, א ביסעלע עפּשער ניט מיט אלעמען, צי פּאָשעט ניט ווי אלע, און די אויגן זײַנע, טרערנדיקע, האָבן געטרערט סײַ ווען ער האָט געבראכט א טרויעריקע יעדיִע, סײַ א גוטע.

דערנאָך האָב איך געזען אייזלען שוין בייס דער עוואקואציע, אָט דאָ, אין אזיע. ע, די זײַנען געווען אזעלכע ווי יענץ, פון צירק, נאָר יענץ האָט גלאט געהאט א פּוסט לעבן, געווען ווי א פארבלאָנדזשעטס, א פארטורקעטס, און די האָבן ביטער געהאָרעוועט. מע גייט צווישן שטיינער בארג־ארוף, בארג־אראָפּ, מע איז אָנגעלאָדן מיט מאסע, וואָס אָדער זי הענגט, זעק געוויינלעך, פוןביידע זײַטן ביז דער ערד, אָדער זי איז אָנגעוואלגערט פון אויבן, אז מע זעט דאָס אייזל קוים ארויס פון אונטער איר. און מע רײַט דאָ אָף אייזלען, די פיס האלט מען צעשפּרייט, זיי זאָלן ניט דערלאנגען ביז דער ערד, ווײַל דער, וואָס רײַט, איז צוויי מאָל גרעסער פון דעם, וואָס טראָגט אים.

יאָ, אן אייזל. אָט דאָרט, אין אזיע, האָב איך ערשט געזען, ווי מע לאָזט צו דעם אויס דאָס הארץ, ווי מע יאָגט עס אונטער מיט שטעקנס, כאָטש גאָר פריטקע לויפט עס אַל־ציינס ניט, איך האָב געהערט, ווי מע רופט עס סײַ מיט די נעמענער, וואָס מיר ווייסן, סײַ מיט אנדערע, נאָך ערגערע...

איז צוליב וואָס זשע דערצייל איך דאָס? ווײַל עס גייט אין שפּאן, דאָס אייזל, און אויב עס שפּארט זיך ווען אײַן און גייט ניט, איז דעם שוין טאקע איבער די קויכעס.

נאָר אן אייזל, לאָמיר זאָגן, איז אן אייזל. נו, און א פערד? אָף דעם וועסטו דאָך שוין ניט זאָגן — א פארדאָרבענע באשעפעניש. א פערד איז שיין, כאָטש שפּיגל זיך אין דעם. און פול מיט קויעך, און באוועגלעך. ס׳טרעפט א פערד — פײַער. און די שלאנקײַט זײַנע! און טאקע קלוג אויך — א פערד, אין א מע־טעליצע, א זאווייִ, ערגעץ אין וואלד, צי אין פעלד, ווען מע זעט קיין וועג ניט, מע האָט זיך פארדרייט, ווי דער שעד זאָל אומפירן, איז גענוג נאָכגעבן דעם די ווישקעס, פּאָשעט אָפּלאָזן די ווישקעס, וועט עס דיך ארויספירן אויב ניט אהיים, איז צו מענטשן. און וואָס וועט דיר א קאזאק זאָגן וועגן א פערד? די עטלעכע הרודקעלעך צוקער פירט ער אין קע־שענקע פון זאָטל ניט פאר זיך, נאָר פארן פערד. און פונדעסטוועגן הערסטו, ווי מע טוט א זאָג: „א פערדישער קאָפּ“, „וואָס טופּעסטו, ווי א פערד“, „ער עסט, ווי א פערד“, און דעריקערשט — „פויל, ווי א פערד“!..

איך וועל דיר אָבער נאָך מער זאָגן, און אז כ׳האָב זיך עס דערוווּסט, כ׳האָב עס דער־הערט, בין איך פּאָשעט נישטוימעם געוואָרן... א הירש — וואָס קאָן שוין טאקע זײַן שענער פון אים? זײַן קאָפּ מיט צעצווײַגטע הערנער — א קרוין, זײַן שטעל, זײַן גרינגקײַט, און אליין דער קוק פון זײַנע אויגן, ריינע, צאַרטע, עמעסדיקע, זיי זײַנען דערשראָקענע, די אויגן, און זאָגן אזוי ווי: „טשעפּע מיך ניט, איך דיך וועל אוואדע ניט טשעפּען“. מיט איין וואָרט, ס׳דאָך טאקע אזוי: דער איידעלער הירש. זיץ איך איינמאָל אין וואגאָן, ווו א מענטש פון צאָפן איז געפאָרן, און כ׳דערהער: „נאריש, ווי א הירש“. און א צווייט מאָל, וועגן איינעם, וואָס האָט פארטשעפּעט א פּעקל לעבן דער פּאָלקע: „אָ, ווי א שלעכט געשפּאנטער הירש“...

און דאָ האָב איך זיך דערמאָנט: אָף צאָפן שפּאנט מען אײַן הירשן!

טינט אין טײַך

איך וועל דיר געבן א מאָשל. געווען אמאָל באַ איינעם א פלאש טינט. געדיכטער טינט, שווארצער, מיסטאמע, און עפּשער רויטער. קיין בלאָווע און גרינע טינטן זײַנען גאָר אמאָל, לויט איך האָב געהערט, ניט געווען. געשריבן האָט ער, יענער, מיט אָט דעם טינט בריוו, ווען ער האָט געדארפט, געשעפטלעכע צי סטאם צו פרײַנט, באגריסט אמאָל עמעצן מיט כאסענע מאכן א קינד, צי מיט אן אנדער סימכע אין דער מישפּאָכע, עפּעס א יאָמטעוו, אויסגעצאצקעט לעשאָנע־טויוועס, צי אָנגע־זאָגט, געוואָרנט, מע זאָל באהיט זײַן, וועגן עפּעס א צאָרע. מאלע וואָס. נו, און עפּשער אפילע מער, — קיין שפּעטנער מענטש דארף דאָך ניט קיין טינט, דערבײַ א גאנצע פלאש, און היט זי ניט אזוי, די פלאש, — עפּשער האָט ער געפירט א פּינקעס, צי געהאט זיך זײַנע קסאָווים...

באקומען האָט ער דעם טינט בעירושע, און אפילע ניט פון קיין נאָענטן זיידן, אזוי איז צו דרינגען געווען, ווײַל ער האָט געהיט יעדער טראָפּנדל, סטאם ניט אײַנגעטונקען די פּען. און טאקע — דער טינט האָט דאָך אים און ווער ווייסט ווער ביז אים געהאָלפן רעדן מיט דער וועלט! און ווײַל דער טינט איז עמעסדיק שטארק געווען, האָט זיך די

פלאַש ניט אויסגעשעפּט. טאָמער זײַנען ווען אַראָפּ עטלעכע טראָפּנס, צי עס האָט מיט דער צײַט, כאָטש די פלאַש איז גוט פאַרקאָרקעוועט געווען, זיך אויסגעוועפּט א ביסל, איז אונטערגעגאָסן ריינע וואַסער, און דער טינט איז ווידער טינט...

יאָ, איז אָבער בא יענעם איינעם אויסגעוואַקסן א זון, ווי עס וואַקסט אַמאָל אויס אין א מישפּאָכע, ווײַט ניט קיין שײַנדל — א פּראָסטאַק, א פאַרדאָרבענער נעפעש, אַזאַ, וואָס גאָרנישט גייט אים ניט אָן, ניט קיין טאַטע, ניט קיין זיידע. א לאַמדן, א כאָכעם, א דענקער — דאָס אַלץ איז בא אים בלאָטע. וואָס עס גייט אים יאָ אָן? כ׳ווייס, שמײַסן פערד, כאַוווען הינט, אומפירן זיך מיט אומלײַט. אז מע טוט א קוק אַרום און אַרום, זעט מען אַזעלכע.

זאָגן אים איינמאָל, דעם נארישעוואַטן, די גוטע כאַווײרים זײַנע, זײַן גלײַכן, צי ער האָט עס אַליין א טראַכט געטאָן: טינט, וויפל וועט ער שטיין, אַף וואָס דאַרף איך אים? שוין צײַט אויסגיסן. און ער איז אַוועק מיט דער פלאַש צום טײַך, וואָס איז געפלאָסן ניט ווײַט פון זײַן שטוב.

אַפן טײַך, ווען ער האָט אין אים אויסגעפליוכעט דעם טינט, איז א שטיקל צײַט נאָך געשטאַנען א פלעק, דאָס וואַסער אַרום איז א ביסל אָפּגעפאַרבט געוואָרן, נאָר וואָס ווײַטער, און די כוואַליעס טראָגן, האָט מען אַלץ ווייניקער געזען די פאַרב — וואַסער און גאָר. מיט איין וואָרט, דער טײַך איז געבליבן אַזאַ, ווי געווען, פּולער איז ער פון דער איינער פלאַש, ווי דו פאַרשטייסט, אויך ניט געוואָרן. וואָס זשע יאָ — א פּוסטע קיילע איז געבליבן ליגן אין זאַמד.

דער נימשל? ניט שטענדיק דאַרף קומען א גרייטער נימשל. טראַכט אַליין.

הערשעלע אַסטראָפּאַליער

מיר זײַנען דאָך ליובאַרער, און אַסטראָפּאָל איז לעבן אונדז, מע פלעגט אַהין פאָרן ניט וואָס אַף יאַרידים — אַף יאַרידים פלעגט מען פאָרן אין א סאַך ווײַטערע שטעטלעך אויך, — פּאַשעט דורכגיין זיך אַהין אַמאָל, קיין אַסטראָפּאָל, פּאַר אן אַכאַטקע, יונגעלײַט, צי מיידלעך, צו א פעטער אָדער צו א זיידן צוגאַסט, מע קויפט א גלאָז ווײַסע יאַדערן, קאַבאַקאַווע, און ביז מע קנאַקט זיי אויס, קומט מען אַף אן אָרט. און אַזוי אויך צוריקוועגס. און עפּשער איז מען גאָר ניט שטענדיק דערגאַנגען צו אַסטראָפּאָל, אָפּגעשטעלט זיך בא קרוויום אין עפּעס א דאָרף, וואָס ליגט אַפן וועג, און געהייסן האָט עס, אז מע איז געווען אין אַסטראָפּאָל. יאָ, נאָר וועגן הערשעלען דעם אַסטראָפּאַליער פלעגט מען בא אונדז דערציילן אָפּט, און א סאַך, און אַזוי, אז מע האָט עס שיר ניט אַליין טאַקע פון זײַן אייגענעם מויל געהערט, צי פון זײַנעם א קאַרעווס מויל, ווײַל ווער ווייסט, ווען יענער הערשעלע האָט געלעבט, און צי איז ער, אַזאַ כאָכעם, דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעזעסן אין זײַן היים — ניט אַוועק איבער דער וועלט?..

איז אַט אַזוינס, זאָגט מען, מיט אים געווען, מיט הערשעלען. ער האָט קיין פײַנע קאַפּאָטע ניט געהאַט, און מע האָט אים פאַרבעטן אַף א כאַסענע. קומט ער צו א נאָגיד און אַנטלײַט בא אים, נו, ניט די בעסטע, נאָר אן אָנשטענדיקע קאַפּאָטע. געקומען אַף דער כאַסענע, אַוועקגעזעצט זיך, ווו מע האָט אים דאָרט געהייסן, — דאָס מאָל, ניט ערגעץ אין עק, ווי אַלעמאָל, ווײַל מע האָט דערזען — א לײַטישע קאַפּאָטע, — אַוועקגעזעצט זיך קימאַט ווי אַנטקעגן דעם גוויר, וועמעס מאַלבעש עס באַשיינט אים, הערשעלען, נעמט ער, ווען מע האָט דערלאַנגט די גאָלדענע יויך, און גיסט אויס די ערשטע פּאָר לעפל, סאַמע מיט די אייגלעך, אַף דער קאַפּאָטע... דער גוויר ווערט בלאַס, נאָר ער שווײַגט אָפּ. אַלע טוען זיך א קוק איבער און שווײַגן אויך, ווײַל מע ווייסט: הערשעלע, עפּעס האָט ער שוין פאַרטראַכט, מע קאָן פרעגן און בלײַבן צום נאַר. נאָר אז מע דערלאַנגט צום טיש דאָס פעטע געבראַטנס, און ער טוט א שמיר איבער דער קאַפּאָטע מיט דער ערשטער געגנדזענער פּולקע, הײַנט דערנאָך, ווען ער גיט נאָך א גיס אויס אַפן מאַלבעש א ביסל ווישניק, ווערט שוין דעם גוויר, וועמעס קאַפּאָטע דאָס איז, אַפילע ניט גאָר קיין נײַע, נאָר פונדעסטוועגן, ווערט אים שוין הייס אינגאַנצן, ער טוט א שפּרינג אוף אן אַנגעצונדענער און שרײַט אויס:

— הערשעלע, וואָס טוסטו, ס׳דאָך כילעל־האַשעם, ס׳דאָך ניט דײַנס!

— אַט דאָס איז דאָך עס, — האָט הערשעלע געענטפערט גאַנץ געלאַסן און איז אַפילע ניט אופגעשטאַנען, — ניט מײַנס... נאָר איבער דער קאַפּאָטע האָב איך דאָך דעם קאָוועד צו זיצן אנטקעגן דיר, גאָר אַפן פײַנעם אָרט, קומט איר אויך קיבעד, דער קאַפּאָטע, דער ערשטער, כאָטש א ביסעלע!

און נאָך פלעגט מען דערציילן וועגן אים, — ווער קאָן עס גאָר איבערדערציילן, דאָס אַלץ, א וועלט רעדט, — נאָר אַט אַזוינס האָט מען טאַקע דערציילט: דער רעבע איז ניטאָ, ערגעץ פאַרהאַלטן זיך אין שול באַם אויסטײַטשן א בלאַט געמאָרע, צי וואָס, און הערשעלע האָט זיך דערווײַל אַרופגעכאַפּט אַף זײַן אָרט

אויבנאָן. קומט א ייד, עפּעס א קאַראָבײניק, לאָמיר זאָגן, צי א שמאַטניק, וואָס גייט אום איבער די דערפער און קען גאָר דעם רעבן ניט, צי עפּשער איז עס א פרעמדער ייד, א נאַוועגאַדניק, קומט ער און זאָגט:

— רעבע, א צאָרע, איך בין באַנאַכט געשלאָפן אין א סטאַניע, אף שטרוי, באַ א פּויער, איך כאַפּ זיך אוף — אַן אישטע ליגט דאָ אויך און שלאָפט, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען... איך בין גאָט די נעשאָמע שולדיק, נאָר פונדעסטוועגן, גענעכטיקט אין איין דאַלעדאַמעס מיט א פרעמדן ווײַב — לייגט אף מיר ארויף עפּעס א שטראָף, איך זאָל די טומע ריינוואשן.

— גיי, — זאָגט הערשעלע, — אין פּאָרהײַזל, דאָרט ליגט שטרוי צום הייצן — קײַע...

קומט דער רעבע און זעט: א ייד קײַעט שטרוי, בלוט רינט שוין פון די יאַסלעס. שווײַגט ער און גייט ווײַטער, ווײַל דורך דער אָפענער טיר זעט ער: הערשעלע זיצט אויבנאָן באַם טיש, ס'שוין הערשעלעס א שפּיצל.

— הערשעלע, — זאָגט דער רעבע, — וואָס זאָל דאָס הייסן?

— כע, — טוט הערשעלע א לאַך, — אַז ער איז געשלאָפן אין איינע דאַלעדאַמעס מיט אַן אישטע און מיינט, אַז ס'איז א כעט, איז ער דאָך א בעהיימע, זאָל ער קײַען שטרוי!..

און אָרעם איז ער געווען, הערשעלע, אוי, אָרעם! ס'פּירט זיך שוין אזוי די וועלט — די קליגסטע זײַנען אָפט — די אָרעמסטע. קיין רעכטן אויוון האָט ער אין שטוב ניט געהאַט. צעלאָמעט, צעבראָכן, און אַז מע הייצט — איז אַנטלויף פונעם רויך, ווּהין די אויגן טראָגן.

איז ער איינמאָל אזוי ארויס פון שטוב, הערשעלע, און אוועקגעזעצט זיך ניט ווײַט, אף א פּוסטעניש, גלײַך אף דער ערד. נאָר ס'שוין קאַלט, מיסטאָמע האַרבסט. פרעגן אים מענטשן:

— הערשעלע, וואָס זיצסטו דאָ?

ענטפערט ער א ביסל האָפערדיק, ווי ער פלעגט קענען:

— דאָס פּלאַנעווע איך בויען א נײַע שטוב, ווען כ'וועל האָבן פּאַרוואָס, וועט דאָ זײַן באַ מיר דער אָפּן־אויוון. איז מיר אזוי גוט פון די מאַכשאָוועס, אַז כ'זיץ דאָ שוין, ווי אפן אָנגעהייצטן אויוון.

א טויבער מאַלעך

און נאָך וועגן הערשעלען.

מע האָט אמאָל צו אים, צום אָסטראָפּאָליער, געזאָגט:

— וועסט זיך, הערשעלע, אף יענער־וועלט אויך אויסדרייען!

און אף יענער־וועלט איז דאָך אזוי: אַז עס קומט א נעשאָמע, הערט דאָס ערשטע זי אויס א מאַלעך, וואָס האָט זי, הייסט עס, געלאָזט פאַר א מײַסים־טויווים אף דער ערד, וואָס האָט זי דאָרט געזינדיקט, און ער גיט שוין אַלץ איבער דעם אייבערשטן, קעדיי יענער זאָל זאָגן זײַן וואָרט, ווּהין אָפּשיקן זי, די נעשאָמע, — אין גאַניידן צי אין גענעם. איז אָט האָט עס, באַקומט זיך, געדאַרפט הייסן, אַז ער, הערשעלע, וועט שוין ווי־ניט־איז מיט זײַן סייכל זיך אויסדרייען. האָט ער אָבער געשוויגן א ווײַלע און געענטפערט גאָר ניט פריילעך:

— ע, אויב מע וועט מיר ניט געבן קיין טויבן מאַלעך...

ווייס, וועמען געבן די האַנט

מע זאָגט: א שיינע מײַסע, נאָר א קורצע. איך וועל דיר דערציילן א קורצע מײַסע, און עפּשער — א שיינע. מיט דיר איז עס פאָרגעקומען. קליינערהייט ביסטו געווען א ווײַסער, א קוטשעראַווער, זייער א קוטשעראַווער, און די אויגן, אַזעלכע, ווי איצט — ליכטיקע. איך האָב, ווי יעדער מאַמע, געהאַלטן, אַז דו ביסט מאָלעכיין, און עפּשער האָבן אַנדערע אויך אזוי געהאַלטן.

געווען באַ אונדז א דאָקטער ווישניעווסקי. פון די פּריצים, נאָר אַזאַ, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן מיט מענטשן פּראָסט. א גוטער דאָקטער, ער האָט, דאַרף איך דיר זאָגן, געראַטעוועט אויך דײַן טאַטן. אינגיכן נאָך אונדזער כאַסענע איז באַם טאַטן עפּעס געשען אינווייניק, מע האָט געמוזט שנײַדן, און, ווי עס טרעפט — שפּעט. האַקלאַל, ווישניעווסקי איז פון אים ניט אָפּגעטראָטן, ארויסגעכאַפּט אים אף צוריק שוין פון יענער־וועלט... פאָרט ער יאַקאָס איבערן שטעטל, ווישניעווסקי, אין זײַן פאַעטאָנדל, ער האָט געהאַט אַזאַ דראָזשקע, און עס זיצט מיט אים באַנאַנד, לעבן דער אראָפּגעלאָזטער לעדערנער בויד, זײַן הונט. א פאָרעץ, האָט ער, דער דאָקטער, געהאַלטן א יאַגד־הונט. א לעמפּערט, און דאַפקע שטיל — קיין מענטשן האָט ער ניט געטשעפּעט. מ'האָט זיך געדאַרפט פאַר אים היטן, נאָר ארײַנקומען אין הויף האָט מען געקענט.

ווישניעווסקי דערזעט מיך שטיין מיט דיר אף די הענט באַם שליאַך, מיסטאָמע איז אים גוט געווען אפן האַרצן, און ביכלאַל — זײַנעם, א געראַטעוועטנס, קינד! — הייסט ער אָפּשטעלן די פערד און רופט מיך צו.

— טוואַי? — ס'הייסט — פאַראַן א יוירעש, מיינט ער זאָגן.

— מײַנער, אונדזערער.

— נאָ! — גיט ער דיר די האַנט. ער גיט, און דו נעמסט די האַנט.

דער הונט, מיסטאמע איז ער געווען א געלערנטער, רוקט אויך זײַן לאַפּע, פון דער גרינג אזוי גיט ער זי א ציִ אויס, א ביסל אַן אַראָפּהענגענדיקע. דו נעמסט ניט. צי האָסט זיך דערשראָקן, כאָטש געווינט, געדענק איך, האָסטו ניט, צי האָסט פּראָסט דערפילט, אַז ס'איז עפּעס ניט אזוי, ווי עס דאַרף זײַן. נעמסט ניט דעם הונטס לאַפּע. יענער האָט זי גע־האַלטן א ווײַלע און זי אַראָפּגעלאָזט.

— אָ! — האָט ווישניעווסקי צופרידן א לאַך געטאָן אין די וואָנציעס. — ער ווייסט שוין דעם כילעק!

כ'מיין ניט, אַז האָסט דעמלט געוווסט דעם כילעק, נאָר איצט, אין לעבן, זונע, געדענק עס.

ניט קיין געבוירן גליק

ווייסט, דאָס לעבן לערנט אמאָל מער, איי־דער א מאָשל. און כאָטש דער מאָשל קומט, ווי איינער, וואָס איז אויסגעוועון א וועלט און האָט אלץ אָנגעמאָסטן אף זיך, איז דאָס, וואָס מיר אליין ווייסן פון לעבן, וואָס מיר זעען מיט די אייגענע אויגן, — ווי א שטיין, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל, ווועסט עס ניט אוועקמאַכן מיט דער האַנט. א פּאַסטעך האָט אמאָל געבראַכט אין שטעטל צו אונדז אזא שטיינדל, וואָס אלע האָבן געזען, ווי עס איז געפאַלן מיט א שטיק פײַער אַפּן וויהאָן. ער האָט עס אויסגעגראָבן און געבראַכט, דער פּאַסטעך. קלוימערשט, א געוויינלעך שטיינדל, גרוי, שוואַרצלעך, און דאָך — אַן ארומגע־ברענטס, פון ווײַטע וועלטן...

נאָר דאָס רעדט זיך סטאַם אזוי. איך וויל דיר דערציילן אַן עמעסע מײַסע. יאָ צוליב א מאָשל, ניט צוליב א מאָשל — ווי דו ווילסט. איך האָב יענעם, וועגן וועמען איך קלײַב זיך דיר דערציילן, געזען, ווי דאָס שטיינדל באַם פּאַסטעך אין די דלאָניעס. איך האָב אים געזען, דעם, וואָס כ'האָב אין זינען, באַ אונדז אף א יאַריד, מע האָט מיר אָנגעוויזן אף אים, ווען ער איז נאָך געווען אַן אוישער, אַן אדיר, וואָס שעמט אינעם גאַנצן ארום. גרינבערג האָט מען אים גערופן. גווירים פלעגן אמאָל ליב האָבן, מע זאָל זיי רופן באַ די פאַמיליעס. און פּראָסטן אוילעם — באַם נאָמען. כ'וואָלט אפילע געקענט שווערן, אַז געהייסן האָט ער פינכעס. נאָר דער צווייטער, וועגן וועלכן ס'איז אין שײַכעס מיט אים דערציילט גע־וואָרן, האָט געהייסן — דאָס געדענק איך גוט — שלוימעלע. שלוימעלע — אין די גאָר יונגע יאָרן, שלוימעלע — אף דער עלטער. ס'הייסט, אויב אין גוטן מוט — איז שלוימעלע.

יאָ, יענער גרינבערג, צי ווי איך האָב אים אָנגערופן — פינכעס, איז, ווי דו פאַרשטייסט, געווען ניט קיין היגער, פון א ווײַט שטעטל, נאָר דערציילט האָט מען וועגן אים אינעם ארום קעסיידער, און ווען ער איז אַראָפּגעקו־מען צו אונדז אף א יאַריד, איז געוואָרן אַן אָנגעלויף, מע איז אים נאָכגעגאַנגען אין די גאַסן. מיילע. א ווערטעלע, אַן אופגעקומענער גוויר, און נאָך וויאזוי אופגעקומען — דורך א געווינס, א ווײַגרישנע בילעט. קימאַט, ווי באַ שאָלעם־אלייכעמען, נאָר א ביסל אַנדערש. מיט איין וואָרט, געווען איז ער פון אָנהייב, יענער גרינבערג, צי ווי איך זאָג — פינכעס, אפילע ניט קיין וואַסערפירער, נאָר דעם שטעטלדיקן וואַסערפירערס א באַהעלפער. יענער, דער עמעסער וואַסערפירער, וועמעס קליאַטשע ס'איז געווען, איז געזעסן אף די קאָזלעס, און ער, פינכעס, א באַכערעץ, א מאָוער, האָט געטראָגן די פולע עמער אין די הײַזער און האָט מיט קרײַד צוגעשריבן אף דער טיר אלעמאָל צווי צי דרײַ פּאַסיקלעך — ס'אָנבאַלאַנגט, וויפל עמער ער האָט צוגעטראָגן אין דער דייזשקע, און יעדער פרײַטיק פלעגט מען אונטערפירן דעם כעזשבן.

דערנאָך איז געקומען רעקרוטשינע. דאָס שטעטל האָט געדאַרפט געבן א סאָלדאַט, צי עטלעכע, און ער האָט זיך פאַרקויפט, פינכעס, אזוי איז דערציילט געוואָרן, פאַר א הונדער־טער, אוועק פאַר עמעצן, אף וועמען דער גורל איז אויסגעפאַלן. מע דערציילט, אַז ער האָט זיך דעמלט, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, אָנגעשיקערט, ער האָט זיך געוואַלגערט אין די גאַסן, נאָר דעם רעשט, מיסטאַמע א גרויסן רעשט, פונעם ניט פאַרטרונקענעם מעזומענס, האָט ער סייכל געהאַט ערגעץ פאַרגראָבן אין א פּושקע. ס'הייסט, אַז ער וועט קומען צוריק, וועט ער עס דאַרפן, און אויב ער וועט פוילן אין דער ערד, איז זאָל דאָס געלט אויך פוילן. זאָל די פּושקע זשאַווערן.

און ווי עס פירט זיך, האָט ער אָנגעטראָפן אף א מילכאָמע — אזוינס איז מען ניט זשעדנע, טאַקע אף דער שיפּקע, געשלאָגן זיך קעגן טערק. געווען איז ער א סאַניטאַר. כ'ווייס, מע ברײַעט, אַז ער האָט אפילע דער־נאָך געבראַכט נאָך א ביסל געלט פון דער מילכאָמע — אַרויסגענומען עס פון די קעשע־נעס באַ די האַרוגים, צי באַ יענע, וואָס זײַנען געשטאָרבן פון די ווונדן. און עפּשער איז עס סטאַם לאַשנהאָרע. נאָר געקומען איז ער פון

דער סאָלדאטשינע צוריק, געקומען מיט הענט און מיט פיס, נאָך מער גוואר, ווי פריִער, און — ווי האָט ער עס גאָר צוגעטראכט, מיסטאמע געהערט פון עפעס אן אָפיצער, א דאָקטער, מיט וועלכן ער איז זיך אף דער מילכאָמע צונויפגעקומען, — אומגעקערט זיך אהיים און געקויפט אין באנק א ווײַגרישנע בילעט, א גאנצן הונדערטער אוועקגעלייגט אף דערויף. און איז זיך ווידער א וואסערפירער, צי א בינדיוזשניק, צי סטאם א טרעגער.

אָבער ווי עס פירט דאָס מאזל, טאקע נאָר אזוי ווי אין א מײַסע, כאָטש דאָס איז קיין צונויפגעשטעלטע מײַסע ניט, ס׳איז שעהויע, טאקע ווי עס פירט דאָס ווילדע מאזל, האָט יענער גרינבערג, יענער פינכעס, ווי איך זאָג, אויסגעשפילט. אויסגעשפילט אלע צוויי הונדערט טויזנט! מיילע, ס׳האָט זיך שוין געפונען א מענטש, עפעס אן אדוואָקאט, א דאָקטער, צי סטאם א ווייסער, וואָס איז אוועקגעפאָרן מיט אים קיין פעטערבורג נאָכן געלט, מע האָט געדארפט פאָרן נאָכן געווינס, נאָר אומגעקערט האָט זיך גרינבערג — א מאלכעס, אויסגעקליידט, ווי דער גרעסטער גוויר, און אף אן אייגענער בריטשקע, — א בריטשקע? — א ווייעזד, ווי בא א פּאָרעץ, ניט ערגער, און די פערד זײַנען עפשער אפילע בעסערע — ער האָט פארשטאנען, וואָס פערד זײַנען...

ס׳איז דורכגעגאנגען א שטיקל צײַט, צי עפשער איז עס באלד געשען, נאָכן געווינס — מע האָט דערהערט: גרינבערג לייגט ארײַן דאָס געלט אין א געשעפט, ער בויט אוף אין שטאָט אן אכסאניע, אן עמעסן האָטעל בויט ער, מיט א רעסטאָראן און מיט א טעאטער באנאנד — אין מײַנע צײַטן איז עס געווען שוין אן איליוזיאָן, און נאָך בויט ער א פרונטנע מויער אף צו פארדינגען דירעס, און אליין וועט ער אין יענעם מויער פארנעמען אן עטאזש, א גאנצן עטאזש, דעם צווייטן, מיסטאמע, ווײַל ער קלײַבט זיך כאסענע האָבן.

כאסענע האָבן? האָבן זיך א שאָט געטאָן שאדכאָנים און סטאם גוטע אייצעגעבער, אזוי זיך, קלוימערשט צוליב א טויווע, א גוטע אייצע. און גרינבערג, א ביסל האָט ער זיך אפילע ארופגעארבעט אין הילכעס איוורע, ווען ער איז געווען א סאניטאר, שוין ניט אינגאנצן קיין גראָבער יונג, האָט זיך דאפקע ארויסגעוויזן אלס א מייוון אין די דאָזיקע זאכן אויך — ער האָט אויסגעקליבן דעם בעסטן גווירס טאָכטער, א שטודירטע און א שיינע, שיין — אקוראט. וואָס זשע יאָ, א ביסל א פארזעסענע, ווײַל זי האָט לאנג געקליבן, און ס׳איז ווי מיט א פײַנער פיירע — צוגעלעגערט איז אלציינס געשײַנט, נאָר אינווייניק — פוילבלעך... אים, גרינבערגן, האָט זי געהאלטן אף א מעהאלעך פון זיך, ער טוט זיך זײַנס, און זי האָט זיך איר רעמל פריצימלעך, און סטאם טשאקנדיקע פארשוינען, מיט וועלכע זי פירט קאָמפאניע, פאָרט זיך וווהין זי וויל, גייט וווהין זי וויל, פראוועט אופנאמעס. דעם שטאָק, ווו מע האָט געדארפט וווינען, האָט זי אויסגעצאצקעט לויט נאָך איר פארשטאנד און גוסט: ארויסגערופן מאליערעס פון פאריזש, עמעסע מאָלער און קלעפער, און מעבל האָט מען דאָרט געשטעלט, אז עס ברעכט דעם מויעך. אזוי האָט מען וועגן גרינבערגן דערציילט. נאָר איינס — קיין קינדער האָט זי ניט, זײַן ווײַב... אזוינס דארף קינדער?

וואָס ווײַטער, ווערט ער עלטער, גרינבערג, און ווערט אלץ מער פולער, געפאקטער, ווי א פאס — ווײַל וואָס טוט ער אזוינס? אלץ, וואָס ער האָט פארטראכט בויען, האָט ער שוין אויסגעבויט, געלט שיט זיך אין קעשענע, און ער אליין שטייט אָפטער באם טויער פון זײַן אײַנפאָרהויז, דעם האָטעל מיט דעם רעסטאָראן, ווו קלעזמער הילכן, מיט דעם איליוזיאָן, ער שטייט אָט דאָרט אינמיטן שטאָט, אין א זײַט פון דער טאָרהאָוויצע, אלע זעען אים, און ער זעט אלעמען, און קוקט אף אלעמען, ווי א שטאָט־באלעבאָס. קעסיידער הערט מען — ער שרײַט און קלאפט מיטן שטעקן אין דער ערד:

— נאָכעמציע, גאזלען, וואָס שמײַסטו אזוי די פערד! לייג אָן ווייניקער מיט א האלבן צענדליק זעק, נישקאָשע! — דאָס לערנט ער אזוי א בינדיוזשניק, מיט וועלכן ער האָט אמאָל צוזאמען אונטערגעשטעלט א פלייצע.

צי אזוינס:

— פײַוועקע, א ברעגונג אף דיר, די שלייע איז פארדרייט, די לינקע שלייע! — ווידער א בינדיוזשניק געלערנט.

ער פלעגט זיך אויך מישן אין אנדערע זאכן, אלץ איז אים אָנגעגאנגען — סקוטשנע! — און אויב ער האָט געדארפט עמעצן אָנלערנען פונווײַטנס, אויסמוסערן אים, זאָגן: „טוסט קרום”, צי עפעס איבערגעבן, באפוילן, איז כאָטש מעשאָרסים האָט ער, ווי מע קען קלערן, געהאט, האָט ער זיך אָבער געשאפן מיט שלוימעלען — א ייִנגל, א שוכפוצער, וואָס איז דאָ געזעסן באם טויער מיט זײַן קעסטל און מיט זײַנע בערשטלעך, ווײַל ס׳איז דאָס סאמע באלעבטע אָרט אין שטאָט, קליִענטן טרעפן זיך דאָ קעסיידער.

שלוימעלע איז געווען א ייִנגל א ברען. כ׳וויס, אוודע א יאָר צוועלף, צי א ביסל מער. מע דערציילט — א געמאָלט־שיין יאטל. קלוג, זשוואוו, און זאָגסטו אים א וואָרט, איז עס ניט ווי מיט יענעם פירגילנדיקן מעשאָרעס. ער פארשטייט א וואָרט פאר צען, און

פּאַלגט — שיקסטו אים ערגעץ, איז געפלויגן און געקומען מיט א קלאָרן ענטפער. געווייג־לעך, דאָ ווערט געמיינט דעריקערשט, אַז אַזוי פלעגט שלוימעלע פּאַלגן גרינבערגן, ווייל ווע־מען נאָך האָט דאָס יינגל געדאַרפט פּאַלגן? געדאַרפט — עס זאָגט זיך ניט סטאַם אַזוי. הער ווײַטער... ער אַרבעט מיט די בערשטלעך, שלוימקע, — געוועזן איז ער א יאָסעם, געהאַט נאָר א מאַמע, און איז מיסטאָמע געווען ניט דאָס איינציקע קינד אין שטוב, ווי עס מאַכט זיך, און עפּשער — דער איינציקער ברויטגע־בער, — אַרבעט ער מיט די בערשטלעך, פּוצט עמעצן די שיך, פּירט שוין אָן דעם גלאַנץ, און גרינבערג שטייט בא דער זײַט, לעבן דער באַנק באַם טויער, צי ער זיצט זיך מיטן ציבעבעק אין מויל אַף יענער באַנק, און פּלוצעם טוט ער א זאָג:

— שלוימעלע, טו נאָר א שפּרונג צו צו פייגע דער שניטקרעמערקע, זאָל זי מיר געבן עפּעס א פײַנער נאָזטיכל. כ'ווייס וואָס פאַר א שמאַטע מע האָט מיר אין שטוב אונטערגע־רוקט!..

אָדער, ס'מעג אַפילו וואַרטן לעבן שלוימע־לען נאָך א קליענט, אַפילו צוויי:

— באָכערקע, הײַדא, רוף שמילעק דעם רופא, זאָל ער אַלץ וואַרפן און קומען — עפּעס פּיקט זיך מיר א פרישטש אַפן קאַרק!

צי:

— דערמאָן דעם שערער, כאָנען, נו, טייקעף, אַז אויב ער וועט שערן שיקערע, אָן־אָ יענעם, וואָס גייט צו אים אַרוף אַפן פידאַשעק, וועל איך אים אַפילו נאָך דעם, ווי ער וועט דרײַ־מאָל גיין אין באָד און טוקן זיך אין דער מיקווע מיטן ראָוו צוזאַמען, ניט צולאָזן מער צו מײַנע וואָנציעס!..

צי:

— האָסט ניט געזען, שלוימעלע, עפּעס איז ציריל די אַלמאָנע ניט געקומען צו מיר נאָכן קערבל, וואָס זי באַקומט אַף שאַבעס. זי איז עפּשער אײַנגעפאַלן? זי פאַלט אַלץ אָפּטער אײַן. אַנו, טראָג עס איר אַקאָרשט אַוועק, דאָס קערבל!

צי:

— שלוימקע, וואָס שוויצסטו אַזוי? די טשר־פּרינע איז נאַס. פּרעסירע נאָר דעם אָדן, לויף צו מייערקע לאַטוטע און זאָג אים, א רוען אין זײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן, ער זאָל מער די בורע שקאַפּע ניט שפּאַנען — זי שלעפּט דאָך שוין דעם נײַנטן כוידעש, די זשערעבנע!.. א נעכפּע אַף אים, ער וועט בא מיר זיצן אָן ברויט, מייערקע.

און שלוימעלע לויפט. פאַר וועמען פון די קליענטן מע קען, טוט ער זיך א פאַרענטפער, וואַרט עפּשער צו א רעגעלע, א מינוט־צוויי, פראַשע פאַנע, צי רעב יאָקל, איר זעט דאָך — איך שטיי אין זײַן לאַסקע. פאַר וועמען מע קען זיך ניט פאַרענטפערן, איז מיילע, ווי זאָגט עס גרינבערג: „ברען ליכטיק", דאָס אָרט איז וויכטיקער, און דער גוויר איז בילכער... שלוימעלע לויפט, ער קומט באַלד צוריק, שטיל, בענימעסדיק ברענגט ער דעם ענטפער, און גרינבערג, ווי ס'איז אים אַפן האַרצן, צי וואָס עס גייט אים אַרײַן אין קאָפּ: אַמאָל האָט ער שוין א נײַעם גאַנג, עפּעס האָט אים צעקאָכט, צי ס'איז ביכלאַל א טוטשע אַפן האַרצן, אַמאָל רופט ער צו צו שלוימעלען, און טוט אים א קניפּ אין בעקל, אַמאָל — א קלאַפּ אין פּלייצע, אַז דאָס יאַטל מוז זיך אַזש צוזעצן: „מאַלאַ־דיעץ!" — שוין גאָר אַף א סאָלדאַטישן אויפן, און אַמאָל, ס'הייסט אַפילו גאַנץ אָפט, גיט ער אים א כאַפּ פאַרן אויער, דעם יאַט, א כאַפּ אַזוי, אַז דער אויער בלײַבט שיר ניט אין די אײַזערנע פינגער, ער פירט אים אוועק אין בופעט פון איליוזיאָן, צי אַפילו אַרויף, אין רעסטאָראַן, ווו די קלעזמער האַווען און קלאַפּן, און טוט א זאָג צו דער בופעטשיצע פון איליוזיאָן: „גיב אים נאָר אַזויפיל פּיראָ־זשנעס, וויפל ער וועט קענען אויפעסן!", צי צום קעלנער, וואָס שטייט מיטן האַנטעכל אַף דער האַנט בא דער טיר פון רעסטאָראַן: „וואָס האָט באַשטעלט יענער־אָ פאַרעץ? גיב אים דאָס זעלבע, שלוימקען. אָן־אָ, בא יענעם טישל זעץ אים אוועק, נאָר די ווײַנען גיב אים ניט..." און מע האָט אויך געוווּסט פון אַזעלכע פאַלן: ער פירט אים, גרינבערג, אַוועק, שלוי־מעלען, אַלץ פאַרן אויער, קלוימערשט א פאַר־שולדיקטן, צו א שוסטער און זאָגט: „נעם נאָר אים אַראָפּ א מאָס אַף א פאַר שטיוול, אַזעל־כע, אַז ער זאָל אין זיי גיין, ביז ער וועט ווערן א כאָסן־באָכער!"

אָט אַזוי האָט זיך עס געפירט, און שלוי־מעלע האָט געפאַלגט, נאָר יעדער מענטש האָט דאָך א גאַל, אַפילו א קינד האָט אויך א גאַלכנדל. ווער ווייסט, ווי ס'האָט שוין דאַרטן פאַסירט, וועמען ער האָט געפּוצט, שלוימקע, די שטיוול, צי די שטיבלעטן, עפּשער אַזאַ, וואָס איז ניט ווייניקער קנאַקער פון גרינבערגן, נאָר ווען גרינבערג האָט מיטאַמאָל געהייסן וואַרפן אַלץ און לויפן, לויט ווי מע דערציילט, אַנקלאַפּן אים דעם ליולקע־ציבעק מיט טוטין אײַנעם קלייטל פון יענער זײַט טאַראַאַוויצע, האָט שלוימעלע געענטפערט:

— באַלד, איין ווײַלטשקע, באַלעבאָס... איר זעט דאָך!

— האַ?! — איז גרינבערג געוואָרן אויסער־זיך. — מיך פאָלגסטו ניט?! אַנו, לייג אַוועק די בערשטלעך און קום אַהער! — דאָס יאַטל איז שוין צוגעגאַנגען, און גרינבערג האָט אים אָנ־

געכאַפּט באַם אויער, נאָר טאַקע אַזוי אָנגע־כאַפּט, ווי קיינמאָל ניט, דער אויער האָט גע־נומען ברענען, אָט פּאַלט ער אַפּ. שלוימקע איז אוועקגעפירט געוואָרן אָט אַזוי איבער אַלע טרעפּ אַפּן צווייטן שטאָק, אין די פּאָקאָיעס, עפּעס האָט גרינבערג זיך פאַרהוסט פאַר קאַס, גרימצאַרן, ערגערניש, מע האָט אים נאָך אַזאַ ניט געזען. האַלטנדיק דאָס יאַטל אַלץ נאָך פאַרן אויער, וואָס איז שוין גאָר קיין אויער ניט געווען, האָט ער אויסגעשריגן צו עמעצן פון די מעשאָרסים:

— דעם נאָטאַריוס! טייקעף, אַף אַ ברישקע, אהער!

דער נאָטאַריוס איז געקומען ניט טויט, ניט לעבעדיק. רוקט אים גרינבערג, — ביז דעם האָט ער שוין ראַק געשוויגן, געריייכערט דעם ציבעק, וואָס עמעצער האָט טאַקע אָנגעקלאַפּט, געשפּיגן אַפּן אָנגעוועקסלטן דיל און גע־שוויגן, — רוקט אים גרינבערג דאָס בינטל שליסל און זאָגט:

— איר ווייסט, מיט וועלכן מע עפנט די קאַסע — עפנט!

די קאַסע, וואָס איז דאָ טאַקע געשטאַנען אין צימער, איז אופגעעפנט געוואָרן. זאָגט גרינ־בערג ווײַטער:

— איר ווייסט, ווו יענץ פּאַפּיר, וואָס איך מיט אײַך האָבן אויסגעפּראַוועט, ליגט, מײַן צאַ־וואָע — לייענט אַף אַ קאָל!

און דער נאָטאַריוס לייענט: אַזאַ און אַזאַ, שלוימע פריטולע, לאָמיר זאָגן, זאָל זײַן אבראַ־מאָוויטש, צי הערשקאָוויטש, ווי ס'איז שוין דאָרט געשטאַנען, איז דער יורש פון גרינ־בערגס פאַרמעג, פונעם גאַנצן אשירעס, סײַ וואָס מע קען עס רירן פון אָרט, סײַ וואָס מע קען עס ניט רירן...

— און איצט גיב אהער דאָס פּאַפּיר, — האָט גרינבערג באַפוילן, ווען דער נאָטאַריוס האָט געענדיקט לייענען. אָפּגעלאָזט שלוימעלעס אוי־ער, האָט גרינבערג צעריסן די צאַוואָע אַף פּיץ־פּיצלעך און אַ געשריי געטאָן צום יאַטל איין וואָרט:

— גיי!

אַזוי איז געווען. צי איז שוין דאָרט געשטאַ־נען יענער שלוימקע מיט זײַן קעסטל און מיט די בערשטלעך באַם טויער, ווייס איך ניט. מע דערציילט עס ניט, ווײַל ניט דאָס איז דער איקער. ער האָט זיך, זאָגט מען, שפּעטער אַרופּ־געאַרבעט אַף אַ בינדיוזשניק, שלוימעלע, און געווען אַ בינדיוזשניק, ווי אַלע, — געהאָרע־וועט, געהרוזעוועט, געפאָרן וווהין מע האָט גע־דאַרפט, געהאַט אַ ווײַב מיט קינדער... דאָס גליק איז פאַר אים ניט געבוירן געוואָרן, דאָס גליק, צי דער אומגליק. ווײַל דאָס וויל איך טאַקע אויסברײַען: וואָס איז געווען דאָס גליק, יענעם גרינבערגס — געלט אַ סאַך, טאָן, וואָס עס ווילט זיך, און וואָס אַ מענטש דאַרף עפּ־שער ניט וועלן?..

ווען ס'איז געקומען די רעוואָליוציע, דער־ציילט מען, האָט מען יענעם גרינבערגן אַ טאָרע געטאָן, נאָר ניט אַזוי, ווי מע האָט צומאָל געטאָרעט גרויסע גווירים. ס'הייסט, מע האָט אים שוין געפירט, ווי אייניקע אַנדערע. האָבן די בינדיוזשניקעס זיך אײַנגעשטעלט פאַר אים, ניט געלאָזט, עס זאָל פאַלן אַ האָר פון זײַן קאָפּ. מיילע, דער מויער איז זיך געבליבן אַ מויער, ניט זײַנער, געוויינלעך, דאָס גוטס — אויך. דאָס ווײַב האָט זיך עפּשער סטאַם אָפּגערוקט. אים אַליין האָט מען געלאָזט עפּעס אַ כיידערל, גרינבערגן, און עפּעס אים געלאָזט פון וואָס צײַען די כאַיונע... און מע זאָגט, דאָס איז גאָר שיין, אַז טאַקע שלוימעלע איז אויך געווען צווישן יענע בינדיוזשניקעס, וואָס האָבן זיך אײַנגעשטעלט פאַר גרינבערגן.

וואָס זשע מיין איך זאָגן? ניט קיין געבוירן גליק. וועגן גליק, וואָס איז דיר ניט אָנגעקו־מען, — באַדויער ניט. ס'איז גאָר עפּשער אַ גליק, וואָס ס'איז ניט אָנגעקומען, ווי מיט יע־נעם שלוימען האָט פּאַסירט... אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן, אַלץ — מיט די אייגענע הענט. נעם דיר אַראָפּ אַ מאָשל!

איציק קיפּניס

פון מײַנע טאָגביכער

די גאַס, אַף וועלכער איך וווין, מיט אירע אַלערליי הינט אין די הייף הייבט מיך אָן צו פאַרגעסן, נאָך איידער איך האָב אַף איר געוואָרפן מײַן לעצטן בליק. אין הייפל לעם גאַנעק איז אַן אומאָרדענונג. אַ סאַך אָנגעשטעלט קיילים. מאַטריאָנע סטעפּאַנאָווּנע שטייט מיט אונטערגעשטעקטע קליידלעך און מיט אַן אַרומגעבונדענעם קאָפּ אַף אַ טישל בײַ אונדז אין צימערל. ס'איז שוין דאָ ניטאָ קיין סימען פון אונדז. זי איז פאַרליאַפּעט אין צעפּירטן פאַרבלויטן קרײַד און קאַלכט שוין די ווענט מיט דער סטעליע. זי האָט מיך אַ רעגע אָנגעקוקט און באַלד ווײַטער געליאַפּעט מיטן אײַנגעטונקטן ראַגאָזשע־בערשטל איבער די ווענט, ווי איך וואָלט איר געווען אַ פרעמדער. איך האָב איר נאָך געזאָגט, אַז מיר האָבן באַקומען אַ פּאָסט־קאַרטל פון אַ כאַווער. (ס'איז כאַסקלס אַ קאַרטל. ער האָט פּונקט ווי געטראָפן די מינוט אַף קומען זיך געזעגענען מיט אונדז, ווינטשן אונדז, מיר זאָלן טאַקע אַוועקפאָרן אין אַ גוטער שעה. און דער וועג זאָל אונדז אויך גיין מיט כּעסעד). בײַ מיר האָט זיך קוים אַ קער געטאָן די צונג זאָגן נאָכאַמאָל אַ גוטן טאָג דער פרוי, וואָס האָט אונדז געגעבן אַ שטיקל צײַט אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ דיל אַף צום שלאָפן. זי האָט עס געטאָן צוליב די דידענקעס. פאַר זיי האָט זי מיט עפּעס געמוזט יויצע זײַן. אָבער צו אונדז, ווי גלאַט מענטשן, ווײַזט אויס, קיין קאַפּעלע האַרץ און קיין טראָפּן נעשאָמע...

דעם גאַנצן וועג צוריק צום באַן־הויף האָט זיך פון מיר ניט אָפּגעטאָן איר הוילעך, איר אומגעדולד: וואָס גיכער פאַרקאַלכן, אָפּוואַשן און אָפּווישן דעם סליעד אונדזערן. און דווירל איז דאָך ניט קיין אומציכטיקע. מיר זײַנען אַלע, כאָלילע, ניט קיין אומציכטיקע. מיר באַמיִען זיך ווי ווײַט מעגלעך ניט אָנוואַרפן, ניט אָנמיסטיקן — אַ צווייטער זאָל אונדז נאָך ניט דאַרפן ראַמען. ניין, מאַטריאָנע סטעפּאַנאָווּנע איז פּאָשעט אַ קינדערלאָזע, פאַרמאָגט זי אַ שטיינדל דאָרט, וווּ ס'דאַרף געוויינלעך זײַן אַ האַרץ. איין מײַלע נאָר — זי איז ניט קיין נאַר. קען זי אַ סאַך זאַכן פאַרדעקן.

מעגלעך, אַז ווען איך דערצייל עס פאַר מײַנע שוועסטער, וואָלטן זיי מיר געזאָגט, אַז מע דאַרף זיך ניט ערגערן, און זיך רויגעזן אַף איר איז אויך ניטאָ וואָס, — סאָף זומער און סאָף ווינטער ראַמט מען געוויינלעך די הײַזער. זי האָט געוווּסט, אַז איר קלײַבט זיך אַוועקפאָרן, האָט זי עס אָפּגעצויגן אַ ביסל.

...דווירע קען זי בעסער. אַז מיר האָבן דערציילט דווירלען פון איר „אומגעדולד", האָט זיך בײַ איר קיין גוט וואָרט פון יענערסוועגן ניט אָפּגעזוכט. דאָס האַרץ האָט זיך פּאָשעט אַ טונק געטאָן אין בלוט. דאָס פּאָנעם האָט זיך אַף אַ ווײַלע פאַרענדערט פון אומזיסטער באַליידיקונג און שוין.

כאַסקלס קאַרטל האָב איך איבערגעלייגט פון איין קעשענע אין דער צווייטער. דער דרויסן האָט זיך אַ ביסעלע אַ כמאַרע געטאָן. ס'איז שוין פאָרט נאָך סוקעס און... ווען עמעצער גייט צו און זאָגט אונדז: איר פאָרט, „קיין אײַנהאָרע", זאָל זײַן מיט מאַזל, וואָלטן מיר קיין בעסערס אין דער רעגע ניט געוואָלט. מענטשן אַרום זײַנען פאַראַן היפּש, יעדערער מיט זײַן געפּעק און יעדערער איז פאַרטאָן מיט זיך. אַפילע יענץ גרויס גוט אָנגעטאָן ווײַבל האָט זיך

מיט מיר ווינציק דערפֿרייט. זי איז מערער צוגעזען אין לעבן און מערער באַזאָרגט. מיר האָבן אָבער אַמאָל געהאַט א געגאַנווועטע זיסע באַגעגענונגס־מינוט. דאַרפֿן מיר עפּשער זײַן פֿרײַנט צווישן זיך און דאַרפֿן זי בײַדע געדענקען אַלע יאָרן?.. אַמאָל קען איין גאַטס־גע־בענטשטע מינוט אַזוי זיך צעוואַרעמען אין א דורערנדער לאַנגיאָריקער פֿרײַנטשאַפֿט?

ס'הייבט אָן נאַכט ווערן. מיר עקן זיך מיטן כײַעס און מיט דער נעשאָמע. איין און דער זעלבער אומבאַשטימטקײַטס־צושטאַנד איז בא אונדז אַלע פֿירן. סײַ לייבעלע, סײַ ביילקע, סײַ דווירקע, סײַ איך. אויב ס'איז ערגעץ דאָ א גאָט אין הימל, זאָל ער אונדז העלפֿן.

מע רופֿט אויס לויט די צעטלען מענטשן. עפּעס א קלייניקײַט וויפֿל צעטלען! וויפֿל מענטשן! פֿאַר יעדן וואַגאָן איז אָנגעמערקט אַן עלטסטער, און מיר, ווי מיר וואָלטן נאָך אַף דער וועלט ניט געווען. קיין זייכער וועגן א מישפּאָכע פֿון פֿיר קיִעווער מענטשן, וואָס אַנט־לויפֿן אָן אָטעם פֿון היטלערן ייִמאַך שמוי וועזיכרוי.

פֿון אונדזערע אויגן צאַפּט זיך בלוט. מיר זוכן זאַקלייאַפּענקאַ. ערגעץ איז זי אין וואַק־זאַל. ערגעץ דערליידיקט זי די לעצטע איניאַנים. יאָ, זי איז דאָ. זי זעט אונדז שוין. זי זאָגט צעטראָגן „באַלד"... זי רעדט עפּעס מיט א מענטשן. מע דערלויבט אונדז גיין אינעם 12־טן וואַגאָן. מיר שלעפּן די פּעקלעך מיט די לעצטע קויכעס. — — — —

— וווהין איז?!.

— מע האָט אונדז געהייסן...

— וואַרט, מירן באַלד א פֿרעג טאָן... קיִעוו? פֿיר מענטשן? אינעם צעטל פֿון ראַיויספּיר־קאָם? ריכטיק.

אַפֿילע צו בלוטצאַפּעניש נעמט אַמאָל א סאָף. מיר זײַנען שוין אין וואַגאָן. אינעם דורכ־גאַנג. אַלע זײַנען אַף זייערע ערטער. נאָר מיר בעטן גאָרניט. מיר מאָנען גאָרניט. דער וואַ־גאָן, וואָס שטייט אַף רעדער, האָט ווענט, האָט א דאַך איבער זיך, איז אונדז אין איין רעגע געוואָרן א לײַבלעכע, ראַכמאָנעסדיקע מוטער. אוואַדע גלוסט זיך ניט די באַלעבאַטים, זיי זאָלן, דורכגייענדיק, זיך אַלע מאָל פֿאַרטשעפּען אין אונדז און אין אונדזער געפּעק. מיר זײַנען גרייט זיך אײַנשרומפּן, זיך אײַנטוליען וואָס טיפֿער אין וואַנט, אָבער אין איינס זײַנען מיר זיכער: קיינער וועט אונדז ניט אַרויסטרײַבן פֿונדאַנען.

זאַקלייאַפּענקאָ איז א גאָלדענער מענטש. אַלע זײַנען גאָלדענע מענטשן. יענע האָט שוין דאָרטן אויסגעקאָלכט דעם צימער. זאָל זי אים קאַלכן אַפֿילע צען וואָכן דורכאַנאַנד. זי איז אונדז ניט קיין פֿרײַנט, און מיר זײַנען איר ניט קיין סאָנים.

איך וויל גלעטן דווירלען מיט די קינדער, איטלעכן באַזונדער טוליען צו זיך.

אין וואַגאָן טוט זיך עפּעס.

נאַהאַרני — א פֿינף־און־דרײַסיק — פּערציקיאָריקער אײַזנבאַנער. א הויכער, א שטאַלט־נער, אין שטיוול, אין א פֿאָרמע, טונקלע האָר, קאַרע אויגן. איך מיין, אַז איינציקע געטער זײַ־נען אַזוינע, ווי ער...

אַליין, ווי מיר שײַנט, בײַטיקט ער זיך ניט אין קיין זאַך. אויב ער טוט עפּעס, טוט ער עס פֿון איטלעכנס וועגן. איטלעכע — דאָס איז דער וואַגאָן מיט מענטשן. דער וואַגאָן איז א טייל פֿונעם גאַנצן צוג. הייסט עס, אַז פֿעדעמער פֿאַר מיר אומגעזעענע פֿאַרבינדן אונדז מיט אַלע איבעריקע קאָלעקטיוון, פֿון וועלכע דער צוג באַשטייט.

אומעטום זײַנען דאָ אַי עלטערע מענטשן (אַפֿילע גרײַז־גרויע און אָפּגעשוואַכטע), אַי יונגע. ס'זײַנען דאָ פֿרויען פֿון אײַזנבאַנער, פֿאַראַן שיינע, פֿאַרמעגלעכע, רײַך געקליידטע, ווי אין שטאָטישע נאָרמאַלע באַדינגונגען. פֿאַראַן אויסגעהאָרעוועטע, מיט די קינדער און קינדס־קינדער פֿאַרטאָגענע. קינדער האָבן מיר פֿון אַלערליי עלטערס. אָן־אָ קוואַקעט אַפֿילע א פּיצל, וועמען מע שטופּט די ברוסט אין מײַלעכל אַרײַן. אָט דער־אָ מוטער איז גאָר ניט גרינג פֿאַר־צונעמען א ווײַטן וועג: ווינדעלעך וואַשן, א סאָסקע, א ביסעלע וואַרעמע מילך. צווישן איי־גענע מענטשן וועט מען ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן.

נאַהאַרני איז צוגעקומען צו אונדז. ער האָט פֿאַרשריבן דווירלען, ביילקען, לייבעלען.

— קומט, — זאָגט ער, — וועל איך אײַך ווײַזן אײַער געלעגער.

אינמיטן וואַגאָן, רעכטס, אונטער דער סאַמע סטעליע. דער דריטער שטאָק. דאָרטן גייען דורכוויסיקע נאַרעס.

גוט. בעסער קען ניט זײַן. נאַהאַרני איז אַוועק. מיר טראָגן אַהין אונדזערע זאַכן. דווירל קוקט צו מיר, פֿרעגט מיך אָפּן ווונק, אי מיט א שמייכל (וואָס איז? זי איז דען ניט די גליק־לעכסטע?), אי מיט שטילער מוירע (ס'איז דאָ פֿאַרוואָס זיך באַאומרויִקן).

— נו, און דו?..

איך וויַז איר אַפּן ווונק, אַז איך בין אויך גליקלעך אָן אַ ברעג, וואָס זיי האָבן שוין געלעגערס. אייגנטלעך, ווער דאַרף דען געלעגערס? אַבי ס'איז דאָ אַ דיל, און ס'זײַנען דאָ רעדער אונטערן דיל, און אַ לאָקאָמאָטיוו פון פּאַרנט, און גוטע מענטשן אַרום און אַרום. איך דאַרף ניט קיין געלעגער. אָט האָב איך אַ בענקעלע, וואָס בייגט זיך אָפּ פון דער וואַנט. אַ געשמאַק טײַער בענקעלע. אַ ליבע, גוטע, דורכוויסיקע וואַנט, אַ באַרעמהאַרציקע, אַ צוגע־לאָזטע! ניט געזאָרגט!

מײַנע לײַט ליגן שוין, ווי די מלאָכים. איז דען דאָ צו אונדז אַ גלײַכן אין דער גאַנצער וועלט?! איך בין אַוועק איבערן שמאָלן דורכגאַנג צו מײַן בענקעלע, צו מײַן וואַנט. קיינער האָט עס דערוויַיל ניט פאַרנומען...

איך האָב זיך צוגעטוליעט מיטן קאָפּ צו דעם גוטן האָלץ פונעם דינעם וואַגאָן־ווענטל. האָב מיט אַזאַ ליבקײַט צוגעמאַכט די אויגן. אוי, ווי גוט ס'איז מיר אַצינד!

דער הויכער און ליבער נאַהאַרני וועט ניט מיד אומצושמײַען הין און צוריק איבערן וואַגאָן. ער איז נאָך אַלץ פאַרנומען. ער האָט נאָך אַלץ וואָס צו טאָן. ווי ליב איז דעם ווײַב, וואָס האָט אַזאַ מאַן. ווי גוט איז די קינדער, וואָס האָבן אַזאַ פאָטער.

אָט איז ער שוין ווײַטער לעם מיר. קלאָר, אַז ער קען נאָך מיך ניט. און לויט אַלע סימאָ־נים בין איך ניט קיין געפעלשעוועטער באַשטאַנדטייל פון זײַן ווירטשאַפט.

— און איר האָט ווו צו שלאָפן? — פרעגט ער מיך.

— אָט דאָ, ווו איך זיץ, וועל איך שלאָפן, — ענטפער איך אים מיט גערנדיקער צופרידנ־קײַט. — דער פרוי מיט די קינדער האָט איר דאָך שוין געגעבן געלעגערס...

— ניין, אַ געלעגער דאַרף יעדערער האָבן. קומט, וועט איר מיר ווײַזן, ווו זיי זײַנען.

איך לאָז אָפּ פאַמעלעך מײַן בענקעלע, ס'זאָל זיך ניט אָפּקלאַפּן צו הילכיק אין דער וואַנט, און פאַרפיר אים צו די מײַניקע...

— אהא, — האָט נאַהאַרני אַ זאָג געטאָן, — דאָ שלאָפט לעם אײַך איין מענטש. דער קינסטלער. וועל איך אים איבערנעמען אין עק וואַגאָן, און איר וועט שלאָפן לעם אײַערע.

אין אַ מינוט, אין צוויי אַרום איז ער צוגעקומען מיט אַן עלטערן מענטשן, לויטן וווקס נאָך העכער פון אים, נאָר מאָגערער.

— איר קענט זײַן באַקאַנט, — האָט זיך נאַהאַרני צו מיר אָנגערופן, — דאָס איז איוואַן איוואַנאָוויטש אַליאַבאָוו. אַ מאָלער. אין דער אײַזנבאַן־שול געלערנט די קינדער מאָלן. איצט גייט ער אַוועק פון אײַך. נאָר איר וועט פאָרן אין איין וואַגאָן. און איך האָף, אַז די באַקאַנט־שאַפט וועט אײַךביידן זײַן ליב.

— זייער, זייער אָנגענעם.

דער לאַנגער באַאַרטער מענטש איז ווירקלעך אַ צוגעלאָזטער און גוטער פאַרשוין. איך האָב געמיינט, אַז איך טו אים אָן איבערשלאָג... צו וואָס באַדאַרף מען עס?.. אָבער ניין. ער האָט מיט מיר אויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער. מיר האָבן צוגעזאָגט איינס דעם צווייטן אָנ־האַלטן באַקאַנטשאַפט. ער האָט פאַרנומען זײַנע זאַכן, און מײַנע לײַט האָבן מיך מיט פרייד אַרײַנגענומען צו זיך אין געצעלט אַרײַן. דאָס געלעגער פאַר דרײַען איז, ווי דורך אַ שפּרונג, געוואָרן אַ געלעגער פאַר פירן. לייבעלע האָט שוין, דוכט זיך, געדרעמלט, מיר זאָל זײַן פאַר אים... ער האָט זיך געננוג אָנגענודעט פאַרן טאָג.

דווירל און ביילקע האָבן מיר געגעבן עפּעס איבערצוקײַען, אפילו עפּעס צו פאַרטרינ־קען. מע האָט מיר געהאָלפן אַראָפּציִען פון זיך אַ פּאָר אייבערשטע בגאָדים. און איך ליג שוין אויך אויסגעצויגן, ווי אַ גראַף...

איינס, וואָס מיר ווילט זיך וויסן (נאָר דאָס וועל איך צײַט האָבן דערגיין שפּעטער אָדער מאָרגן): ווער האָט אונדז גאָט געגעבן פאַר שכיינים פון רעכטס און פון לינקס? און פון אונטן? אויבן איז דער דאָך גאַנץ נאָענט צו אונדז, נאָר צו אים דאַרף מען ניט קיין „זײַט זשע מוחל״, אפילו ווען מיר כאַפּן אומגערן אַ זעץ אינעם קאָפּ פון דער נידעריקער סטע־ליע.

אַן אייוועלע אינמיטן וואַגאָן איז דאָ. מיר נייטיקן זיך נאָך ניט אין דעם, אָבער ס'איז גוט, וואָס ס'איז דאָ. אַן אָפּגעצוימט ביידערל מיט אַ לאָך אינעם דיל איז דאָ, אַהין גייט מען, ווען איינציקווײַז און ווען מישפּאָכעסווײַז. דאָרטן קען מען זיך אויך אײַנוואַשן.

אונדזערע באַלעבאַטים האָבן געוווּסט, אַז די רײַזע איז ניט אויף קיין טאָג און אפילו ניט אויף קיין וואָך. ברויט דאַרף מען קריגן, און דאָס ברויט דאַרף מען פאַרטיילן אָרגאַניזירט. מע

האָט זיך מיט אונדז א דינג געטאָן. די איינציקע אָנגעהעריקײַט, וואָס מיר האָבן צום אײַזנבאנלער־קאָלעקטיוו אין וואגאָן, איז, אז מיר אנטלויפן אויך פונעם דײַטש, און אז מיר זײַנען אויך סאָוועטישע בירגער... דאָס דינגעניש האָט אונדז א ביסל א קאָלאָטע געטאָן אין הארצן, אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך אלץ צום גוטן: מע האָט אונדז ארײַנגעטראָגן אין די צעטלען פון ברויט און אפילו פון אנדער שפּײַז, וואָס ס'וועט נאָר מעגלעך זײַן באקומען בא דער מעלוכע לויט מעלוכישע פרײַזן.

ווען מע קען זיך איבערדעקן און אָפּשלאָפן ניט קיין סאך — דרײַ, פיר, פינף וואָכן, ביז דער צוג וועט אונדז ערגעץ פארפירן, דאָרט באגליקט ווערן מיט שטיקלעך וווינונגען און אָנהייבן טראכטן פון א טועכץ און פון וואָסער־ס'ניט־איז לעבן... אויב אָבער מיר זײַנען באזאָרגט מיט שלאָפן בלויז 12 — 14 שאָ אין מעסלעס, דארף מען זיך אײַנמאָסטען אין דער ענגער שטײַג אזוי, אז מע זאָל יענעם ניט שטערן. דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס, מע זאָל די קינדער געבן עפּעס עסן און אליין ניט הונגערן מער ווי ס'נעמט זיך אָן. מע דארף זיך צוקעמען, אָפּוואשן, טאָן וואָס לײַטן טוען — זיך אײַנשאפן א ביסל ווארעם געקעכץ אף די פּאָלוסטאנקעס. באָמבירט האָט מען אונדז נאָר אף איין גרויסער סטאנציע, וואָס אויב אויסמײַדן זי, וואָלט מען דארפן אָנלייגן צופיל וועג. עמעס, מיר זײַנען באלעבאטים אפן וועג־אויסוואַל. מאכמעס דער עשעלאָן עוואקויִרט די פאמיליעס פון די דניעפּראָפּעטראָווסקער אײַזנבאנער. ווען איך בין ניט אזוי אָפּהענטיק, וואָלט מען געקענט צו ביסלעך, צו קאפּעלעך זיך אײַנגלידערן אין אָט דעם גרויסן קאָלעקטיוו און ביז מירן אָנקומען אף אן אָרט זײַן מיט זיי איין מישפּאָכע.

נאָר אײַזיק איז קעסיידער אָפּהענטיק בא זיך און אים דוכט זיך, אז ער מיסברויכט אזוי אויך מיט דעם, וואָס ער לעבט אף דער וועלט. וועט ער גאָר גיין נארן אי זיך, אי יענעם, און מיט טאמעוואטע געננג זיך אײַנגלידערן אין דער גרויסער, צאָלרײַכער און אפילו באזאָרגטער אײַזנבאנער־מישפּאָכע?!.

די סוויווע אונדזערע באשטייט הויפּטזאכלעך פון אוקראַיִנער און רוסן. ייִדן זײַנען אויך דאָ. זיי געהערן אלע צום קיניגרײַך פון אײַזנבאנער, און די אײַזנבאנער האָבן זיך זייערע שולן, זייערע קלובן, זייערע שפּיטאָלן, ביבליִאָטעקן, און נאָך און נאָך...

דער אלטער קינסטלער איז שוין פון פרימאָרגן געווען לעם אונדז. געפרעגט, ווי מיר פילן זיך. ער איז זייער בארײדעוודיק, זייער צוגעלאָזט צו מענטשן און איז א געווינס פאר זײַנע שכיינים. אויב די שכיינים זײַנען שווײַגערס בעטעווע אָדער אין דער מינוט גייען בא זיי ניט קיין רייד פונעם מויל, וועט ער זיך ניט באליידיקן. ער קען ריידן פאר ביידן. דערצו איז ער גוטמוטיק. אז מיר בעטן אים, ער זאָל זיך אָפּשטעלן א רעגע, מאכמעס מיר דארפן צוגרייטן פרישטיק פאר די קינדער, אָדער מיטן אויסרייד, אז מיר גייען זיך וואשן, קען מען עס בא אים גרינג פועלן. נאָך א וויכטיקע זאך, שוין אויסער יעדער שפּאס: ער האָט געקענט צוגערעפינען פערזענלעך. ער פלעגט מיט אים און מיט זײַנע געסט זיצן בא דעם קונציק צוגעפאסטן טיש, וועגן וועלכן ס'איז ניט איין מאָל אויסגעקומען לייענען אין די זיכרוינעס פון רעפינס מיטצײַטלער, א טיש, וואָס האָט זיך געדרייט, ווען מע דארף, קעדיי יעדערער פון די געסט זאָל זיך קענען אליין באדינען. ווו וואָלט איך געטראָפן נאָך אזא געלעגנהײַט, מע זאָל מיר דערציילן וועגן רעפינען און זײַנע מיטצײַטלער, אזא, וואָס איז אליין דערבײַ געווען! מיר האָט זיך געדוכט, אז דאָס איז פאר מיר א לעבעדיק רייצנדיק בוך, און איך וועל אים קענען בלעטערן א גאנצן וועג און אלעמאָל אופמישן אזא שטעל, וואָס אינטערעסירט מיך צומערסטן...

א סאך פאמיליעס האָבן געהאט די מענער לעם זיך, אפילו גאָר אָנגעזעענע אָנפירנדיקע אײַזנבאנער, אינזשעניערן, דירעקטאָרן. בא אייניקע פאמיליעס האָט זיך זייער אָנגעזען זייער פארמעגלעכקײַט. און אויך דאָ האָבן זיי זיך אויסגעפּאָדערט באקוועמלעכקײַטן, עפּשער, פאַרשטייט זיך, ניט אזעלכע, ווי אין דער היים, אָבער דאָך... דעם טאָן האָט פארגעבן א ווײַבל פון א יאָר 35. איר מישפּאָכע איז באשטאנען פון צוויי קינדער, שווער־און־שוויגער, טאטע־מאמע און דער מאן אליין, וועלכער איז געווען גוט און ריין געקליידט. אלע האָבן זי געפאָלגט און גרייט געווען דינען דער דאָזיקער יונגער מאטראָנעסע. איר וואָרט איז געווען באפוילעריש, אפילו פאָטער און מוטער זײַנען איר געווען געהאָרכזאם.

געווען נאָך אן אלטער פאָטער אין איינער א מישפּאָכע, וואָס איז געווען גענוג בלייך און געפאסט טאנייסים. באנאכט, ווען קימאט אלע זײַנען געשלאָפן, פלעגט אים דאָס ווײַב שטילערהייט עפּעס אונטערשטופן, ער זאָל וויפל ס'איז שטילן דעם הונגער, ווײַל באטאָג פלעגן אים די שנור און די אייניקלעך האלטן פונדערווײַטן, און ער האָט עס אלץ איבערגעטראָגן. ס'איז געווען א צאר אף אים צו קוקן.

נאהאָרנעס פאַמיליע איז געווען זייער א ווילע. דאָס ווײַבל זײַנס — א פּרוי פון א יאָר 28 — איינפאַך, נאָר ריין געקליידט. ביידע קינדערלעך — א מיידעלע און א ייִנגעלע — אויך ריין צוגעזען און וויל דערצויגן. געפאָרן איז אין אונדזער וואגאָן א פּאַשעטע, קימאט פּויעריש געקליידטע פרוי, מיט א מיידעלע, וואָס איז אלט געווען האלעוויַ זעקס יאָר. דאָס מיידעלע האָט מיר צוגעטראָפן מיט איר לעבנס־פילאָסאָפיע. די מײַסע איז דערפון אזוי געווען. מירן באלד קומען צו דעם.

געפאָרן זײַנען מיר זייער לאנגזאם: אָפּגעפאָרן זיבן־אכט קילאָמעטער און שטייען ווידער אף א זײַטיקער קאָלייע א דרײַ־פיר שאָ און מער. אמאָל שטייען מיר אָפּ א גאנצע נאכט. גאנצפרי, ווען מע הייבט זיך אָן גרייטן צום אופשטיין, איז מען בא זיך זיכער, אז מע איז אָפּגעפאָרן צוויי־דריטהאלבן הונדערט קילאָמעטער. צום סאָף דערזעען מיר פונדערווײַטנס די זעלבע געביידעס, וואָס נעכטן, די זעלבע קראַנען מיטן געקאָכטן און קאלטן וואסער...

מענטשן באזאָרגן זיך מיט שפּײַז פאר זייערע פאַמיליעס. מע צעלייגט א פײַער ניט ווײַט פון וואגאָן, מע קאָכט אין א טשוהונענעם טאָפּ יעדערער, וואָס גאָט האָט אים געגעבן. ווער עס שיילט א קארטאָפל, ווער ס׳פארשיט א ביסל גרויפּן. בא וועמען ס׳שמעקט א גוט געבראָטנס. באם קאָכן אײַלט מען זיך מערסטנס. טאָמער טוט דער לאָקאָמאָטיוו א פײַף, כאַפּט מען דעם זודיקן טשוהון, די הייסע פארייכערטע ציגל, וואָס נוצן צום אונטערשטעלן, און מע יאָגט איבער איינס דעם צווייטן, קעדיי גיכער זיך ארופכאפּן אף די טרעפּלעך.

בא אזעלכע לאנגדויערנדיקע אָפּשטעלן פלעגט מען זיך א לאָז טאָן אין א נאָענטן דערפל און קומען פון דאָרטן אין א פּאָר שאָ ארום, יעדערער מיט זײַנע מעציִעס. אפילע מיר האָבן איינמאָל אויסגעביטן עפּעס א בעגעד אף א פלעשל טיקענעם שמאלץ, וואָס איז געווען שווארץ, ווי די ערד. אָבער דאָך איז עס געווען שמאלץ און מע האָט געקענט צופּרעגלען א ציבעלע צום זופּ. דעם טשוהונענעם טאָפּ, וועלכן מיר האָבן געקויפט אין וועג, האָבן מיר אָפּגעהיט, ווי אן אויצער. איינמאָל האָבן מיר זיך אפילע אומגעקערט פון דערפל מיט א שטיקל כאזער־שפּעק. ווערליק אונדזערע מעגלעכקײַטן און אונדזערע האסאָגעס, איז דאָס געווען א גרויס אײַנקומעניש. עמעס, דאָס הארץ איז אונדז ארויסגעפאלן אי דאָרטן, אי אף צוריקוועגס (און אמאָל פלעגן מיר זיך צוואנציק מאָל אומקוקן באם ארויסגיין), טאָמער גייט אוועק אונדזער טיזווע, אין וועלכער מיר האָבן זיך געראטעוועט פונעם מאבל. ווען זי פאָרט אוועק, איז עס, אויב מע קלערט זיך גוט ארײַן, אויך ניט פון די גרויסע סאקאָנעס, ווײַל אין אכט צי צען קילאָמעטער ארום וואָלט זי זיך ווידער אָפּגעשטעלט און לאנג דאָרט געשטאנען. אָבער פאר אזא גיבער, ווי איך, איז עס אלעמאָל געווען א ריזיקע מיט א מוירע און מיט אן ארויסגעפאלענעם געזונט. אז מע דערלעבט קומען און מע דערזעט, אז דאָס איז טאקע אונדזער באן, מיט אונדזערע מענטשן, אז אָט זײַנען ביילקע מיט לייבלען, איז צו אונדזער גליק קיין שיר ניט געווען.

איינמאָל האָט מען שפּעטלעך אין אָוונט געטיילט ווײַס ברויט. בעעמעס ווײַסן, פּוכקן, פרישן, געשמאקן ברויט. אף יעדער מישפּאָכע אזא און אזא כיילעק. און לייבעלע איז שוין געשלאָפן. וואָס טון? אים אופוועקן, ער זאָל מיט אלעמען באגלײַך זיך דערפרייען און א צאַפּל טאָן איבער אזא זעלטענער נאשערײַ, צי מיר זאָלן אים לאָזן שלאָפן?.. אויב אזוי, זאָלן מיר אינדרײַען אונדזער כיילעק עפּשער אויך איבערלאָזן ביז אינדערפרי?..

איינמאָל האָט מען מיך אויך ארײַנגעשטעלט צווישן די, וואָס גייען ברענגען ברויט. ס׳איז געווען ארום נײַן אין אָוונט. מע האָט אונדז געגעבן יעדן באזונדער א ליידיקן זאק. אין אָוונט זע איך זייער שלעכט. אף דער מילכאָמע ווען מע נעמט מיך צו, וואָלט דאָס שלעכטע זען באנאכט געווען פאר מיר דאָס ערגסטע. נאָר דאָ איז דאָך עס א געלעכטער. מיר זײַנען אין הינטערלאנד, איך גיי מיט א גאנצער קאָמפּאניע, און דאָס, וואָס די מענטשן פון די אנדערע וואגאָנעס זײַנען מיר ניט באקאנט, איז אויך א קלייניקײַט. ווי ס׳זאָל ניט זײַן, נאָר פאר מיר, א מענטשן מיט א שוואכער ריִע, איז אָט דער גאנג געווען ניט פון די לײַכטע זאכן. ס׳איז אָוונט. פינצטער. ווײַט. נאסלעך. די רעלסן טשעפּען זיך פאר די פיס. פונוואנען האָבן זיי זיך אהער אזויפיל גענומען? אָט פארשטעלט אונדז דעם וועג א פרעמדער באן. איך זאָל זיך כאָטש ניט פארלירן. זיך אָנהאלטן בא אן אומבאקאנטן פארן ארבל, וועט ער אף מיר קוקן, ווי אף א דולן, פאר אזא, וואָס טויג ניט א קאץ אן עק פארבינדן... ביז גאָט האָט געהאָלפן און מיר זײַנען געקומען צו א ייִשעוו, דערזען פאר זיך ווענט, הייפלעך, הײַזער, קליינע פענצטער, וואָס לײַכטן זיך צוביסלעך. און אָט זײַנען מיר שוין אין א פינצטערלעך, קוים באלויכטענער פּאָדערשטוב. דער עלטסטער אונדזערער טײַנעט, דינגט זיך, שרײַבט. מע לייגט

ברויט אַף דער וואָג. אַז מע וועגט אַ סאַך לעבלעך ברויט, וואָס דו און דײַנע גלײַכן וועלן פאַרנעמען מיט זיך, ווערט די זשעדנעקײַט ערגעץ אײַנגאַנצן אויסגערונען.

אין דרויסן איז די פינצטערניש נאָך געדיכטער. ווי בייטיק איך וואָלט דאַרפן אָפּריידן מיט אַ גוט זעעוודיקן, ער זאָל מיך האַלטן אין אויג, ער זאָל פון מיר ווײַט ניט אוועקגיין... פּלוצעם האָב איך זיך פאַרטשעפּעט אין אַ פּלויט. ווו זײַנען עס אַלע אַהינגעקומען? אָט גייען עפּעס מענטשן. צי זײַנען עס כאַטש פון אונדזער עשעלאָן? טאָמער האָב איך פאַרבלאָנדזשעט, וועט מען נאָך זאָגן, אַז איך האָב געוואָלט ערגעץ פאַרטראָגן קאַהאַלשן ברויט.

דער שווערער זאַק האָט זיך היפּש אַראָפּגערוקט, און ס׳ביט שיין אויסצוזאָגן: דאָס ברויט באַקט מיר אין רוקן און נידעריקער פונעם רוקן. איין ברויטל איז וואַרעם, צוויי זײַנען גוט וואַרעם, אַ סאַך לעבלעך זײַנען הייס, און אַפילע שטאַרק הייס, און ס׳בריט מיר דאָרטן פון יענער זײַט ניט צום דערהאַלטן. אַראָפּלאָזן דאָס זעקל, זיך אָפּקילן אַ רעגע... נו, יאָ, מער פעלט מיר ניט! אוי, קיפּניסל, קיפּניסל — אָדאָם אַ מענטש, קאַטשקע רוק זיך... און... גלייבן זאָלט איר מיר, אַז איך בין גאָר ניט אַזאַ מעלאַמעד. איך האָב באַ דרײַצן יאָר געשלעפּט נאָ־סילקעס אין האַרבאַרניע, איבערגעוואָרפן נאַסע, שווערע פעל פון דער זאָלע, געסטיסעוועט, געבאַקעוועט, געטראָגן צעבערעס, געזעגן האָלץ. אין די גרויסע פרעסט געגאַנגען איבערן הויף אָן אַ רעקל און מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל. אַז איך האָב עפּעס געטאָן, איז באַ מיר ניט גע־פאַלן פון די הענט... וואָס זשע טוט זיך עס איצט מיט מיר, הייב איך ניט אָן צו פאַרשטיין?!

טאָמער פאַרליר איך זיך מיט קאַהאַלשן ברויט, וועל איך אַליין זאָגן, אַז סע קומט מיך שיסן, הענגען, טרינקען, צערײַסן אַף שטיקער. לײַטן האָבן געגומען ווינציקער, און מיר האָט זיך פון אָנהייב געדאַכט, אַז ס׳ביט שווער, איך בין געווינט ניט דערשראָקן ווערן פאַר אַ שווער פעקל. און פאַרן לעצטן צוגאָב, דערלאַנגט די היץ דורכן אָנטאָן צום נאַקעטן לײַב. און גיי טײַנע. צו וועמען וועסטו טײַנען? מיר טראָגן דאָך ברויט פאַר אונדזערע מישפּאָכעס וועגן. ס׳איז דאָך אַ מאַטאָנע פון זײַן ליבן נאָמען! און נאָך פרישן ברויט, ערשט פונעם אויוון! איז דיר נאָך שלעכט? ס׳באַקט דיר גאָר, ס׳בראָט דיך אַ לעבעדיקן!?.. און אָט האָבן מיר שוין ווײַטער רעלסן אונטער די פיס. דו פאַרטשעפּעסט זיך, איז גיי געהיט, גיי פאַמעלעך. און אָט איז דער באַן, וועלכער פאַרשטעלט דיר דעם וועג. באַלד דאַרף שוין אויב אַזוי זײַן אונדזערער. אָט איז שוין די סטאַנציע. ווי׳אַזוי הייסט זי? וואָס מאַכט עס דיר אויס! זיי האָבן דאָך דאָ ייִסרעס נעמען... גיי, גיי. טאָמער לאָזטו אײַן דעם לעצטן קאָמפּאַניאָן, וועט דיר בלײַבן אײַנכאַזערן דעם אַדרעס: „דער עשעלאָן פון דניעפּראָפּעטראָווסקער אײַזנבאַנער”. געדענק זשע, גראָבער מויעך. זאָלסט כאָטש דאָס ניט פאַרגעסן!.. און אָט רוקן מיר זיך אָן צום פּאָנעם אַ סאַך פּלייצעס, אַ סאַך זעק. גאָט מײַנער! אָט די דאָזיקע אַלע פּלייצעס זײַנען מיר באַזונדערס טײַער.

דווירל פרעגט, צי איך האָב אָפּגעבראָכן אַ שטיקל ברויט און אַרײַנגעלייגט אין קע־שענע אַרײַן.

— מע מעג דען? — פרעג איך אַ פאַרווונדערטער. לאַכט זי פון מיר. אויב ניט פון קאָ־האָלשן, — זאָגט זי, — האָט מען געקענט אין בעקערײַ אָפּברעכן אָן אָקרײַעץ ברויט. דאָרטן לייגט מען אַף אַזעלכס ניט קיין אַכט...

— און ווען וועט מען טיילן דאָס ברויט?

נאָך גוט, וואָס איך בין ניט קיין עלטסטער אַפּן טיילן. בעסער זײַן אַ טרעגער, העלפן ברענגען (אַז מע וועט דאַרפן, וועל איך ווײַטער גיין). נאָר באַ גאָט וועל איך בעטן, ס׳זאָל אויסקומען באַטאָג. וועל איך זיך אָנזען מיט פרעמדע ערטער. און מיט פרעמדע מענטשן. אַף גאָטס וועלט ווילט זיך קוקן.

איינמאָל האָבן מײַנע „מיטרײַזנדער” (אייגנטלעך, בין איך זייער „מיטרײַזנדער”) גע־קויפט אַ גוטע, שיינע קאַלב פון אַ יאָר אָנדערהאַלבן און מע איז אוועקגעגאַנגען זי קוילען, זי פאַרוואַנדלען אין אַ שפּײַז־פּראָדוקט. האָט דאָס מיידעלע פון יענער פּראָסטער יונגלעכער מוטער, וואָס איז אַוואַדע אַלט געווען אַ יאָר זעקס, אומעטום געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דער געקוילעטער קאַלב:

— אַף וואָס דאַרפן זיי האַרגענען אַ לעבעדיקע טעליטשקע? זיי ווילן וואָרמעס? זאָלן זיי גיין אין יאַטקע, וועלן זיי קויפן פלייש?!

איך גיי צום אַרויסגאַנג, זע איך, ווי זי צעלייגט עפּעס רויטע שמאַטקעלעך אַזעלכע, און איך הער, ווי זי דערזינגט איר פּראַזע: „קענען זיי דאָך גיין אין מאַרק און קויפן פלייש?!”

דעם קינד האָט זיך, ווײַזט אויס, גוט אײַנגעבאַקן אין האַרצן דאָס אָנזען, ווי׳אַזוי מע האָט זיך אָנגעוואָלגערט אַף אַ יונגער בילד־שיינער קאַלב און מע האָט באַ איר מיט גוואַלד אַרויס־געריסן דאָס שטאַרקע אײַנגעשפּאַרטע לעבן. באַם קינד האָט געריסן דאָס האַרץ און ס׳האָט

מיט רייַנסטן פאַרשטאַנד די גאַנצע צײַט געקעמפט קעגן דעם, זי האָט ניט אופגעהערט איבער־כאַזערן: „זיי ווילן וואָרמעס, טאָ זאָלן זיי גיין אין יאַטקע און קויפן פליישו...״

אָט דאָס האָב איך פריִער אַ ביסל מוידע געווען, אַז איך בין אין כאָכמע ניט אַוועק ווײַטער פונעם קינד: איך, דער אַלטער וועגעטאַריאַנער, עס גערן פליישיקס. מעג זײַן יויך, מעג זײַן געבראָטנס. און אַ וואַרעמער אײַנגעפּרעגלטער קאָטלעט שמעקט מיר אויך גוט, און בײַפּראַט, אַז די קינדער האָבן נאָך וואָס אָפּצועסן. נאָר גיין אָפּנעמען בײַ אַ שאָף צי בײַ אַ קאַלב דאָס קרעפטיק גוט אײַנגעמאָסטעט לעבן? באַהיט מיך גאָט פון אַזעלכע טועכצן!... ווי דען? דו ווילסט מיטיק? קענסטו דאָך גיין אין יאַטקע און קויפן פלייש?.. (בײַ די קאַצאָווים וואַקסט אַוואַדע פלייש אין גאָרטן, אָדער זיי קלײַבן עס אויף אין וואַלד, ווו מע קלײַבט שוועמלעך אָדער יאַגעדעס)...

דעם קינדס רייד קלינגען מיר אין די אויערן. איך בין ווײַט פון איר סייכל נאָך ניט אַוועק, און וויל גאָר ניט אַוועק פון איר ווײַט, כאָטש דאָס קינד איז געבענטשט מיט קינדעריש כיינעוודיקער טמימעסדיקייט. זי גלייבט דאָך מיט אַן עמעס, אַז דער באַזיצער פון דער יאַטקע דאַרף ניט אָנקומען צו אַזאַ מיִעס שטיקל אַרבעט, ווי קוילענען און שינדן שיינינקע קעלבלעך...

קאַלט. ס׳איז קאַלט אין וואַגאָן. ס׳איז וואָכקע אין דרויסן. אָפּט צעלאָזן זיך אונדזערע פאַרשוינען, מערסטנס ווײַבער און קינדער. ניט ווײַט שטייען פעלדער און אויף די פעלדער זײַנען דאָ ניט קיין אָפּגעשניטענע זון־רויזן. זיי זײַנען שוין קויטיק און צוגעפוילט. טרוקענע קעפּ. אַמאָל ברעכן זיי זיך אָפּ גאַנצע, אַמאָל צעפאַלן זיי זיך אין די הענט. און אַלע טראָגן צו זיך אין די וואַגאָנען אַרײַן זאַק־רויב. גאַנצע זעק מיט אָט די זון־רויזן. מע שיילט אָן קערלעך. די קערלעך ווערן מיר עסן רויע, און מע קען זיי אַ טריקן טאָן אויפן אייוועלע (אין די זעלטענע שאָען, ווען דאָס אייוועלע איז פרײַ) אויף אַ סקאָווראָדע. אַ סקאָווראָדע איז דאָ אָן אייגענע, אָדער מע באָרגט בײַ די שכיינים. איבער די וואַגאָנען איז אַ מיסט פון די איבער־געדראָשענע זון־רויזן. היגע אײַנוווינער פון די נאָענטע דערפער און סטאַנציעס האָבן אפילע אַזוי ווי אין גוטן מוט זיך געקלאָגט פאַר אונדז, אַז די עשעלאָנען עוואַקויִרטע לאָזן נאָך זיך פון ביידע זײַטן קאַליעס אויף שטרעקעס פון ווײַטע ווערסטן אַ פאַרמיסטיקטן שפור.

מיר זײַנען ניט אינגאַנצן ריין פון שולד. אַ געוויסע העפקיירעס שאַפט זיך אין דער נאַטור, אינעם אַרט לעבן. אָט־אָ זײַנען מיר אַליין אײַזנבאַנער. און מיר אַליין פאַרנעמען זיך מיט שעדיקערײַ. מיר שמעקן אָן אויפן וועג, ווו מיר שטייען, שילדן פון צונויפגעשלאָגענע דינע ברעטעלעך — „שטשיטן״, וועלכע די אײַזנבאַן־אַרבעטער שטעלן אויס ווינטער־צײַט בײַס די זאַווייען מיט די זאַווערוכעס אין איין לאַנגן פּלויט, די שנייען זאָלן ניט פאַרבלאָזן די קאָליעס, דער באַן זאָל גיין אָן אָן איבערשלאָג. אויסער דעם, וואָס מיר דאַרפן זײַן מענטשן בײַ יעדער מינדסטער מעגלעכקײַט, זײַנען מיר דערצו נאָך אײַזנבאַנער. אָבער אַז אונדזער וואַגאָן דערזעט, ווי אַנדערע וואַגאָנען טראָגן שוין „שטשיטן״ צום באַהייצן, ווער גאַנצע, ווער אָנגעטרעשטשעטע אויף ברעטלעך און שפּענדלעך, לויפן מיר שוין אויך. מיר לויפן אין פעלד. מיר טרייסלען אָפּ פונעם שניי די „שטשיטן״. מיר טרעטן אָן מיטן פוס און שעדיקן מיט אימפּעט. וואָס מער אָנטרעשטשען, וואָס גיכער אָפּטראָגן. מע קוועלט. מע באַרימט זיך מיטן געראָטענעם „פאַנג״. אַ סאַך ברעטלעך לייגט מען בײַ זיך אונטער די נאַרעס. הייצן דאַרף מען ניט נאָר דאָס אייוועלע, מע קאָכט דאָך נאָך אויך אין די טשוהונענע טעפּ בײַ זײַט וואַגאָן אויף קונציק אויסגעלייגטע שטיקלעך ציגל אויף אײַזנדלעך. מע לערנט זיך אויס, מע פּאַסט זיך צו. איינער — מער, איינער — ווינציקער. די פּראַקטיק גיט זיך איבער פון די מער פייִקע צו די ווינציק געראָטענע. דאַרף מען באַהייצונג צום דרויסן אויך. „בעדאַ נאַוטשיט״[1], „גאָל נאַ ווידומקי כיטראַ״ — אַזוי לערנט דאָס שפּריכוואָרט.

מיר האָבן געקראָגן פלייש. מיר זײַנען אַרײַן צו אַ היגער באַלעבאָסטע. זי האָט אונדז געלאָזן, אפילע געהאָלפן אָפּבראָטן דאָס פלייש, מיר זאָלן עס האָבן מער ווי אויף אַ וואָך. די באַלעבאָסטע איז יונג און שלאַנק. זי וווינט ניט אין קיין שטוב, זי וווינט אין אַ וואַגאָנדל אָן רעדער. זי איז אַן אײַזנבאַן־אַרבעטערן. בײַ איר איז זייער ריין. ס׳איז זייער הייס אין שטוב. מע הייצט מיט שטיינקוילן. אַליין גייט זי אַרום אין שוואַרצע וואָלענע זאָקן איבערן ריינעם

---

[1] צאָרעס וועלן אָנלערנען.

דיל. זי איז מיר ליב, אַז איך גיי אויס פון לײַדנשאַפט און פון ליבשאַפט צו איר. זי איז מיר אַ זעלטענער געהויבענער סאָרט מענטש, אַ פרוי — אַ צירונג. זי פילט מיך און איז אַף מיר ניט בייז. קיין געצאָלטס פאַרן אָפּבראָטן באַ איר דאָס פלייש האָט זי באַ אונדז בעשום־אויפן ניט געוואָלט נעמען. זי איז דען אַזוי פאַרמעגלעך? ניין און ניין. באַ איר איז אַ שווערע אַרבעט. זי קריכט אַרײַן אינווייניק אין די ריזיקע אײַזנבאַן־ציסטערנעס און וואַשט זיי, ס'איז אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט. און וויאַזוי קען זי דערנאָך אין שטוב באַ זיך גיין אַזוי ריין אַרום זיך, ווייס איך אַליין ניט. אַז דווירע גייט אַוועק נאָך אַ קיילע און איך בלײַב מיט דער פרוי אַליין, קוש איך איר מיט גרויסע אײַנשטעלעניש די האַנט און זי ווערט זיך ניט. איך האָב צו איר גרויס ליבשאַפט און אויך גרויס אָפּשײַ. זי איז אַ מענטש. זי איז אַ מענטש פון אַ הויכער מאַדרייגע. זי זעט מיך אַף דורך און דורך. זי ווייסט אַפילע, ווי מער זי איז פון מיר אין איידלקײַט פון נאַטור און מענטשלעכן סייכל. אויב אין איר גוטסקײַט צו מיר איז דאָ אַ גרויסער צומיש פון ראַכמאָנעס, איז דער ראַכמאָנעס אַ געלײַטערטער. אַפילע די היץ אינעם וואַגאָנדל איז אַ געלײַטערטע. ווי וואָלט איך וועלן זײַן מיט איר אינײנעם אין די ריזיקע ציסטערנעס. אַרײַנקריכן און אַרויסקריכן איז דאָך אויך ניט גרינג. נאָר מיט איר צוזאַמען, ווי זיס וואָלט מיר דאָס לעבן געווען. די דאָזיקע „כאַווע" איז פאַר מיר אַ גאָט אין געשטאַלט פון אַ פרוי. איר אָנגעהייצט ציכטיק און צוגעקליבן וואַגאָנדל איז מײַן הימל. די ביכלעך און די העפטן פון איר נײַניאָריק ייִנגל, וואָס וועט גיך קומען פון שול, איז דער מיזבייעך, ווו איך דאַרף אַלע טאָג מאַקריוו זײַן מײַן נעשאָמע. איך וועל מיטן ייִנגעלע לערנען און שפּילן די פרײַע צײַט.

קיין מילכאָמע איז ניטאָ, און קיינע מילכאָמעס וועלן אַהער ניט קומען. לעם איר וועל איך צען מאָל אין טאָג אויסגיין אין ליבשאַפט. זי וועט מיך גלעטן מיט איר גרויסלעך רײַנער מענטשלעכער האַנט. זי וועט אַף קיין רעגע ניט פאַרגעסן, אַז זי איז איידעלער פון מיר, איר האַרץ איז אַ געטלעכס, אירע אייוורים זײַנען היפּש און געשניצט. נאָר צו מיר וועט זי איי־ביק זײַן גוט און נאָכגיביק. זי איז מײַנע, איך בין אירער.

אונדזער גמילעסכעסעד איז שוין אָפּגעטאָן. מער קען מען דאָ ניט בלײַבן. דווירל טראָגט די קיילע מיטן געבראָטן פלייש. באַ דווירעלען איז אויך פול דער בליק מיט דאַנקבאַרקײַט. נאָר מיך פירט זי נאָך זיך פאַר אַן אומגעזעען שטריקל. וווהין פירט זי מיך? — צו אונדזערע טײַערע צוויי קינדער, וואָס איך האָב זיי געבראַכט אַף דער וועלט און בין מעכוייעוו זיי ברענגען צו וועלכן־ס'ניט־איז טאַכלעס.

מײַנע בליקן, מײַן כּיעס הענגט נאָך איבער יענעם וואַגאָנדל, וואָס פונעם קוימען טעמט און שוועבט אַ הערלעכע מאַלאַכימדיקע היץ, אַ פײַער, וואָס איך ווער פאַרברענט אין זײַן ליבשאַפט. צי וועט זי מיך געדענקען, מאָטיע? מע רופט זי ניט כאַווע, מע רופט זי מאָטיע... אַפילע אירע שכיינים, אַפילע די, וואָס אַרבעטן באַנאַנד מיט איר, מוזן פון איר נאָענטקײַט אויסגעיידלט ווערן.

דווירל איז אָן סאָפּעק אַ הויכער, אָן אָרנטלעכער, אַ גוטער און פאַרשטאַנדיקער מענטש. זי זעט דען מיך ניט? זי ווייסט דען ניט, אַז איך ווייס ניט אַף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין? מײַן בליק איז פאַרצויגן, מײַן שמייכל איז פאַרכושט און פאַרטראָגן. איך בין ניט אַף דעם אוילעם...

זי ווייסט עס זייער גוט, און שוין אַפילע ניט פון ערשט, און זי טראָגט אַף מיר קיין האַרץ ניט. זי בעט נאָר גאָט, ס'זאָל באַ מיר דורכגיין מיט דער צײַט. זי דאַרף מיך פאַר די קינדער. זי דאַרף מיך פאַר זיך, און ס'איז קיין סאָד ניט, אַז זי דאַרף מיך פאַר מיר אַליין. זי וויל, אַז מײַן ליכט זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן. זי היט עס אַפילע, ווען ס'איז צוגעטונקלט, זי גלייבט אין דעם מער, ווי איך זעלבסט. זי בעט גאָט פאַר דעם „ורוח קדשך אל תקח ממני"[1].

דווירע ווייסט, אַז דאָס וואַגאָנדעלע, ווו זי איז מיט מיר געווען, ווו מיר האָבן זיך אָפּ־געפּאַרעט קימאַט אַ פרימאָרגן, און דאָס באַגעגענען זיך דאָרט מיט דער ליבער, לײַטישער, יונגער, שלאַנקער פרוי, וואָס די זאָקן קויטיקן זיך באַ איר ניט אַפן ריינעם דיל, איז קיין זינד ניט. פאַרקערט, דאָס איז פון גאָט צו אונדז געשיקט געוואָרן צוליב אַ ביסעלע רײַנער ליכטיקײַט אין אונדזער שווערן נאַוונאַד. זי וואָלט אַפילע וועלן, אַז די קינדער זאָלן אויך פון דעם וויסן.

1 „דײַן הייליקן גײַסט זאָלסטו ניט צונעמען פון מיר".

...וויאַזוי סע ציט מיך אַהין!.. מײַן בליק רײַסט זיך ניט אָפּ פון יענעם דעכעלע. עפּשער קלערט זי אויך פון מיר. עפּשער האָט זי מיך אַרײַנגענומען צו זיך אין האַרצן אַרײַן? זי, די וועלט פון אַלע מײַנע וועלטן...

מיר זײַנען פונדאַנעט אויך אַוועקגעפאָרן.

ניט איך הייס פאָרן, ניט איך פיר. אַ סאַך צענדליקער דערוואַקסענע און ניט קיין פאַרשלאָפענע מענטשן ווייסן אויך ניט, ווען דער עשעלאָן אונדזערער הייבט זיך אָן רוקן. ווען און פאַרוואָס בלײַבט ער שטיין און וויפל וועט ער דאָ שטיין. אָט שטייען מיר שוין ווײַטער...

מיר זײַנען אַוועק מיט דווירלען אין אַ דאָרף אַרײַן בײַטן עפּעס. אַלע טוען, אַלע גייען, דאַרפן מיר אויך גיין.

אין דערפל האָבן מיר געטראָפן צו אַן אָרעמער גוטמוטיקער פרוי... די שטוב — אָן אַ צוים. אַ ליידיק הייפל. אין שטוב איז אויך גענוג ליידיק. איין פאָר שטיוול אָף דרײַען — אָף איר און אָף אירע צוויי טעכטערלעך. איצט איז די באַלעבאָסטע אין שטוב. זי און דאָס קליינע טעכטערל. דאָס גרעסערע, שוין קימאַט אַ קאַלע־מיידל, איז ערגעץ אַוועק.

וואָס געפעלט מיר אין דער באַלעבאָסטע — זי איז גוטמוטיק, מונטער, אַ ברייטלעך, פּאַשעט, נאָר ריין געזיכט. און איז, דאַכט מיר, קיין קאַפּל ניט פאַרזאָרגט. זי לאַכט אַפילע, ווען זי רעדט. די שטים אַ גוטע, דער בליק אַ גוטער. ס'וואָלט געווען גוט, זי זאָל מיך נעמען צו זיך אָף שטודיום. וויאַזוי לערנט מען זיך אויס גאָרנישט ניט האָבן און זיך ניט שיידן מיט דער פרייד? עפּשער איז זי ניט קעסיידער אַזוי?

זי איז מיר צום האַרצן... איך געדענק, אַז דער באַן קאָן נאָך דאָרט אָן אונדז אַוועקגיין, און עפּעס אײַל איך מיך ניט. ס'איז מיר דאָ אויכעט גוט. דעם מיסכער פירט מײַן ווײַב. איך שטעל נאָר אַרײַן אַ וואָרט און לאַך מיט זיי צוזאַמען. ריכטיקער געזאָגט, איך האָלובע איינעווייניק באַ זיך אין האַרצן איר ציכטיקע אָרעמקײַט, איר גוטמוטיקײַט, איר עמעסע אָנשויעכץ זאָרגלאָזיקײַט. אין שטוב איז ניט קאַלט און ניט אָנגעוואָרפן. דאָס איז אויך עפּעס ווערט. און אַזויווי דער דרויסן פאַרמאָגט נאָך איצט אַ ביסעלע זון, איז דערפון דאָ אויך ליכטיק און גוט.

זי דאַרף אַלץ, וואָס דווירל לייגט איר פאָר: אי אַ שטיקעלע זשאָנע, אי די ווײַסע פּעדעמלעך. נאָר וואָס קאָן זי אונדז געבן פאַר דעם?..

מיר האָבן זיך אויסגעהאַנדלט וויל. איינער דעם צווייטן ניט געקריוודעט. איינער דעם צווייטן איז ביז גאָר געפעלן. ריין און צום האַרצן...

אָט־אָט קען איך באַ זיך פויעלן, אַז איך בין אייגן דאָ מיט די מענטשן, מיט דער שטוב. און צו וואָס איז דאָס אַוועקגיין פונדאַנעט? אָבער מע דאַרף...

עפּשער האָבן זיך אַנדערע אין מער פאַרמעגלעכע מישפּאָכעס אויסגעהאַנדלט רײַכער, ברייטער — טראָגן אין באַן אַרײַן מער מאַמאָשעסדיקײַט. נאָר מיר האָבן אויך צו גאָט קיין טײַנעס ניט. מיר האָבן געפונען ריינע גוטמוטיקײַט, צוטרוי, פאַרגינערישקײַט, און קיין סימען פון גיריקײַט אָדער, כאָלילע, פאַרביסנקײַט. ניט קיין זיסע, פאַלשע רייד, ניט קיין פאַרביטערטקײַט, קיין האַס, קיין ווילן אַרופלייגן די שולד אָפן צווייטן. ניין, אונדזער געמיט האָט זיך דאָ אויסגערוט, אויסגעלײַטערט, אויסגעבאָדן אין ריינקײַט. וווהין פירט ער אונדז, דער באַן, ווייסן מיר אַליין ניט, אָבער מיר זײַנען אַפילע אונטערבאַוווסטזיניק אים דאַנקבאַר, ווי אַ לעבעדיקן, וואָס ער פירט אונדז. ער האָט אונדז, געלויבט דער אייבערשטער, פון אַ געוויסן מאָקעם אַרויסגעפירט. דאָס איז דערווײַל פאַר אונדז אַמוויכטיקסטן. דאָס איבעריקע, אַז מירן לעבן, וועלן מיר זען.

דער וועג האָט זיך שוין פײַן אויסגעצויגן. מיר זײַנען ניט געוווינט צו אַזאַ ענגשאַפט. די אומריינקײַט וואַקסט און מערט זיך. די רעגעס זײַנען שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואָכן. און די וואָכן ציִען זיך אויס פאַר יאָרן. אין כומעש שרײַבט זיך, אַז עלף טעג וועג האָבן זיי געהאַט. און געגאַנגען איז מען פערציק יאָר. ווען מיר פאָרן, ווי אַ באַן דאַרף פאָרן, וואָלטן מיר פאַר דרײַ מעסלעס, נו פאַר פינף, געווען דאָרט, וווהין מיר קלײַבן זיך. איצט איז שוין באַלד אַ כוידעש, און מיר האַלטן נאָך ניט באַ קיין אָנהייב.

איך האָב איבערגעהערט אַ געדאַנק, וואָס האָט מיך אַפילע פאַרדראָסן, — סטײַטש: טאָמער איז עס אַ רעכילעס, וואָרעם כוץ גרענעצלאָזער דאַנקבאַרקײַט, קען איך קיין שלעכטס ניט פילן צו די אײַזנבאַנער. זיי זײַנען מיר אַלע אומבאַקאַנטע, נאָר אַלע ביז איינעם נאָענט. זיי ראַטעווען אונדז דאָס לעבן... נאָר... איינער, אַ היגער טאַקע, האָט מיר

א זאָג געטאָן, אז דאָ באַגלייטן אונדז צענדליקער געזונטע און נאָך גאַנץ יונגע, לויט די יאָרן, מאַנצבלען, און ס׳גייט זיי ניט אָפּ, מע זאָל זיך באַוועגן גיך. פאַרקערט, וואָס מע ציט עס אָפּ מערער, וואָס מע האַלט זיך אין וועג לענגער, איז עס פאַר זיי א געווינס. מע איז לעם די ווײַבער מיט די קינדער, און ניט אַפּן שלאַכטפעלד.

בא אונדז איז געווען אַמאָל א פּויעל מיכל פּרעמענט — א שלימאזל, אַן אָרעמאַן, נאָר מיט אַן אָפּטן גלײַכווערטל. ער פלעגט אָפּט זאָגן וועגן געוויינלעכע קליייניקײַטן: „ניין, דאָס איז ניט פאַר מײַנע געדאַנקען". כלעבן, איך מוז איצט אויך איבערכאַזערן מיכל פּרעמענטס ווערטער: „ניין, דאָס איז ניט פאַר מײַנע געדאַנקען". באַשולדיקן וויל איך זיי ניט. איך בין קיין קאָפּ ניט בעסער פון זיי. זיי זײַנען מענטשן פון טאַט. ס׳שטייט זיי נאָך פאַר געננוג, נאָר מיר איז שוין נימעס דאָס שלעפעניש. דאָס וואָרט „קצתי" ווייס איך ניט זײַן עמעסן טײַטש: צי „ס׳איז מיר נימעס ס׳לעבן", צי „ס׳איז אַן עק צו מײַן לעבן", נאָר ווען איך הער, ווי א יונגער מאַן אָדער אַן אלטער מאַן זאָגט: „ס׳איז קצתי בחיי", אפילו דער אויפן, ווי ער זאָגט עס, איז ניטאָ אים וואָס צו מעקאַנע זײַן. מיטלײַד, טיפן הילפלאָזן מיטלײַד, און מער גאָרניט.

מיט אונדז פאָרט א ייִדיש געזינד. א מאַן (עפשער איז ער א שמיד פון די אײַזנבאַן־קוזניעס, נאָר עפּעס איז ער ווינציק פאַרסאַזשעוועט), ליכטיקע האָר, א ליכטיקער, ווינציק אויסדריקלעכער בליק, אָרעם געקליידט און מאָנט גאָרניט באַם ארום. דאָס ווײַבל האָט א ביסל לײַב אָף זיך. נישקאָשע אַפּן אויסזען, רעדט, דערציילט, גיט אַמאָל אַן אייצע. צוויי מיידלעך, זעכצן און פופצן יאָר, אָדער זעכצן און פערצן. דאָס עלטערע ניט מע זעט, ניט מע הערט. דאָס ייִנגערע — ווײַט פון שיין. עפּעס א דין גרויסלעך נעזל, וואָס גיט ניט צו דעם יונגן פּאָנעם קיין כיין, נאָר אין די פאַרנאַכטן, ווען ס׳ענדיקן זיך די טועכצן און ס׳ווערט גאַנץ לאַנגווײַליק און אומעטיק אַפן הארצן, דערהערט זיך אין דער טונקל א גוטע, מעכײַעדיקע שטים, וואָס גייט גלײַך אין הארצן. מיכליע הייסט זי, אָדער מאַרטע. דאָס זינגט זי אזוי פּאָפּולערע רוסישע לידער, לידער, וואָס כאַזערן זיך בא איר איבער. (אין איר רעפּערטואַר קען מען אָנציילן דרײַ אָדער פיר לידער, אויב א סאַך — איז פינף). אפילע פריילעכע לידער אירע האָבן אין זיך א פאַרבענקטע צעצויגנקײַט און ס׳צעגייט זיך אין אלע אייוורים. אונדזער וואַגאָן מיט די דרײַפאַכיקע נאַרעס, אונדזער באַפעלקערונג פון ביידע געשלעכטן — אלטע, גאָר אלטע, מיטליעריקע, קינדער און זויג־קינדער, — אלע דרײַ שטאָקן ווערן צוגעשטילט. מע הערט נאָר איר אויסגעצויגענע אומגעצוווּנגענע אָפענע שטים, וואָס גייט פון דער טיף. איך בין זיכער, אז מיר זײַנען איר אלע דאַנקבאַר. מיר טיילן זי אויס, און דאָך איז זי פון קיינעם ניט געקעכלט.

איך פּוץ זי אויס בא זיך אין געדאַנק אין שענערן אָנטאָן, איך האַלט זי אין א שול פון געזאַנג, אין א קאָנסערוואַטאָריע. איך האָב זי שוין ארומגעשטעלט מיט לערער — מע־ווינים, וואָס היטן זי אָפּ. ס׳איז א קיילע, ס׳נישט אבי וואָס... נאָר די ווירקלעכקײַט טוט זיך אירס:

איינמאָל, אינמיטן באַטאָג, איז זי געקומען צו לויפן מיט א גדולע. ניט ווײַט פון אונדזער עשעלאָן שטייט א פראַכט־צוג. זי האָט דאָרטן אָנגעטאַפּט א וואַגאָן מיט ווייץ און מע קען שלעפּן צו ביסלעך ווייץ.

— גיב אהער עפּעס א טאָרבע אָדער א שמאַטע!..

...זי האָט זיך שוין געקערעוועט א פאַרפאַלײַעוועטע צוויי מאָל. דווירל קוקט צו ביילקען, ביילקע איז אויך גרייט גיין אָף געיעג. אפילע לייבעלע רופט זיך אויס, אז ער וועט העלפן טראָגן...

אי מיר דאַרפן, אי מיר האָבן ניט קיין כיישעק צו אזא מין אויפן פון אײַנקומעניש, נאָר ביז מיר האָבן זיך געייִשעוועט, האָט ביילקע שוין אויך געבראַכט א פּעלענע מיט ווייץ. פון א צעריסענעם זאַק איינעם שלעפּט מען. דערווײַל יאָגט זיך קיינער ניט נאָך נאָך זיי. אונדזער היישעריק איז שוין באַפאַלן דעם וואַגאָן מיט ווייץ פון פאַרשיידענע זײַטן... מע קען שיסן אויך פאַר אזעלכע זאַכן. אַן אָנגעפּעלצטער מענטש מיט א ביקס שפּאַנט ארום אהין ערגעץ לעם די ערשטע וואַגאָנען...

וואָס וועט מען טאָן מיטן ווייץ? מע וועט עס קלאַפּן מיט א שטיין איבער א שטיין. און מע וועט פּרוּוון קאָכן פון דעם קאַשע, ברויט איז דאָך עס געוויס. אייצעס הערן זיך פאַרשיידענע. האָבן מיר שוין, הייסט עס, עטלעכע קילאָגראַם ווייץ אויך. ניט קיין שלעכטער ווייץ. און ברעטלעך פון צעבראָכענע שילדן, ארויסגעריסענע פון אונטערן שנייִ, האָבן מיר אויך...

באנאכט. מיר שטייען שוין ווײַטער ערגעץ נאָענט אָדער ווײַט פון א סטאַנציע. אין וואגאָן פילט זיך אן אופלעבונג: גאָר נאָענט שטייט א לאָקאָמאָטיוו, אפן טענדער זײַנען דאָ א סאך קוילן. מע דאַרף ניט אײַנלאָזן די געלעגנהײַט. דער אוילעם טראָגט שוין קוילן. אויב די ברעטלעך זײַנען א פריוואטע זאך: ווילסטו גייסטו, ווילסטו ניט — וועסטו שלינגען די סלינע (ווען עמעצער וועט קאָכן), זײַנען אָבער די קוילן א קאָהאָלשע זאך. שלאָפן קען איך ניט, נאָר איך בין זיך גרייט מאכן, אז איך שלאָף. עפשער וועט דורכגיין דער יאַריד. ס׳איז מיר א כאַרפּע זיך פאַרלאָזן אף אנדערע. ס׳איז מיר א ווייטעק און א מוירע גיין גאַנוועגען פון א טענדער קוילן. אָבער עמעצער שלעפּט שוין מיך פאַר א פוס. יענער גלייבט טאַקע, אז איך שלאָף.

— האַ? וואָס?

— קומט, מירן העלפן אָנטראָגן א ביסל קוילן...

מיר האָבן זיך אָנגעטאָן און זײַנען אראָפּ מיט דווירלען אין דער טונקעלער קעלט אַרײַן. און סע גליקט מיר. מע טרײַבט מיך ניט אפן טענדער, מע גיט מיר נאָר אן עמער. איך דערלאַנג א ליידיקן, נעם צו — א פולן. דאָס איז מײַן ארבעט.

גראָדע אפן טענדער זײַנען ארופגעקראָכן אייניקע פרויען אויך. מיר זאָל זײַן פאַר אײַך, ווײַבעלעך: ליבע! איר וועגט ניט און ציילט ניט, ווען ס׳איז ביילכער צו קריכן אפן אָפענעם „שלאכטפעלד". איך בין שוין געװען, וואָס מע האָט מיך ניט געלאָזט זינדיקן, שלינגען די כאַרפּע און זיך מאכן, אז איך שלאָף... א האַלבע שאָ, צום העכסטנס א שאָ ארבעט. אָפענע גנייווע. די שטיקלעך קוילן שאַרפּען אין די הענט, קרישטשען אונטער די פיס. נאָר ס׳איז גוט: צי מע זעט און מע שווײַגט אונדז, צי די, וואָס דאַרפן זען, זײַנען פאַרנומען ערגעץ אנדערש. א דאַנק די מענטשן, וואָס האָבן מיך „אופגעוועקט", א דאַנק גאָט, וואָס איך האָב אין זיך גוויוער געוווען די מוירע מיטן ווידערגעפיל. די קוילן זײַנען איט־לעכנס, האָבן מיר שוין אין זיי אויך א כיילעק.

מיר זײַנען נאָך אָנגעטאָן ניט ווינטערדיק, ניט זומערדיק, נאָר ס׳וועט ניט העלפן. די מאַנטלען וועט מען שוין מוזן אַרויסשלעפן פון די פּעק. באַנאכט שלאָפן מיר אף זיי, באַטאָג גייען מיר אין זיי. מיר טרעפן זיך מיט נאָך עשעלאָנען.

איין עשעלאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט סאַמע לעם אונדז, א געמישטער: אין עטלעכע וואגאָנען דורכויס סאָלדאַטן יונגע. מע שפּרינגט אראָפּ פון די טעפּלושקעס, מע פוצט זיך אַרום. אײַנער לויפט מיט א קעסעלע אָקרעפּ, דער צווייטער — נאָך ברויט. און ני־דעריקער אינעם זעלבן עשעלאָן גייען א 5 — 6 וואגאָנען, ווי א פרעמדער שטיק צוגעטאָ־טשעטער קערפּער, וואָס באַשטייט פון הוילע בעזשענצעס. יידן מיט בערד, יידענעס מיט פאַטשיילעס. מע פרעגט זיך היימיש אויס וועגן פאַרשיידנס. גיי דערציייל זיי, אז איך ווייס ניט, וווהין מיר פאָרן. איך ווייס נאָר, מיט וועמען מיר פאָרן.

— א־א־א, מיט די אײַזנבאַנער?! נו, פאָרט איר דאָך קיין באַרנאַול!..

— ניין, זיי פאָרן קיין קוסטאַנײַ.

איך בין מאַמעש אָפּגעפרישט פון די יידן, וואָס זעען אויס אַלטמאָדישער פון מיר. פּערעצעס אייניקל פלעגט זאָגן: „זשידזשע סטאַראָזאַקאָני". יידן, וואָס סײַ דער קלאָסטער־פּאָנעם[1], סײַ די האַלבאָשע זאָגן איידעס: יידן, יידן, יידן! דורכויס יידן!

דער שײַנער מאַזל אונדזערער. נאָר מיר איז טויזנט מאָל ליב, וואָס ס׳פילט זיך אין זיי א שטײַפקײַט. מע איז אין וועג, אין א שווערן וועג. מע איז פאַרזאָרגט, פאַרהאָוועט, נאָר מע לעבט. לעבן זאָלט איר מיר, מײַנע טײַערע. און געזונט זאָלט איר אונדז זײַן, מיר זאָלן זיך נאָך דערלעבן זען אין א גוטן אויפן, און... מיר זאָלן זיך, לעמאַנהאַשעם, ניט פאַרמײַעסן באַ יענעם אין די אויגן!..

— אײַזיק! קוק נאָר אהער! דו פאָרסט אויך? וווהין פאָרסטו?!

— זע נאָר, יאַסל. יאַסל נאָטעס פון סלאָוועשנע.

מײַנע לאַנדסלײַט. זײַן ווײַב איז א זשערעוויטשער. נאָך אין סלאָוועשנע פלעגט יאַסל גיין אין א קאַפּעליוש. דאָס הייסט אי הײַנטוועלטיש, אי אינטעליגענט.

זײַן ייִנגל איז עפּעס ניט געזונט. א גוטער מאַטעמאַטיק. זייער א פײַיקער. און דאָס ווײַבל יאַסלס? דאָס ווײַבל איז עלטער פון אים. ניט קיין שיינע, ניט קיין ליבע. ער האָט זי געגומען אין א שמאַלץ־גרוב. איבער איר האָט ער צעלאָזן אן אנדער שידעך פון ווע־לעדניק. נו, די שמאַלץ איז, ווי געוויינלעך, אויסגערונען, די „גרוב" איז געבליבן. אָבער

---

[1] געזיכט־שטריכן.

אַט האָבן זיי א גערעטענעם זון. עפּעס איז ער א ביסל לעמפּאַקעוואַטע, נאָר ער איז זייער פֿייַן... פֿאָרן זיי אויך...

ער האָט געבעטן, טאָמער האָבן מיר א טשוהונען טעפּל אָן איבעריקס, וועלן זיי אונדז אומקערן דאָס געלט, וויפֿל ס׳קאָסט.

אין א האַלבער שאָ ארום האָבן זיי זיך אָנגעהויבן קלייַבן אין די וואַגאָנען און מע איז טאַקע אוועקגעפֿאָרן.

אין דרויסן, אַז מע רעדט, גייט פֿון מויל א פּאַרע. ס׳איז שוין גוט קאַלט, ס׳פֿרירן די הענט, ס׳פֿרירן די פֿיס. דער שניי איז אַמאָל יאָ דאָ, אַמאָל — ניט, נאָר ס׳איז שוין ווינטער...

האָבן מיר שוין געטראָפֿן לאַנדסלייַט אַפֿן וועג. אויך אַט דער וועג וועט זיך מוזן אַמאָל ענדיקן. נאָר דערווייַל איז ער אומענדלעך.

א צאַר צו קוקן און צו איבערלעבן איז געווען, ווען פֿון א צווייטן וואַגאָן האָט מען ארויסגעטראָגן א באַרמינען פּאַרוויקלט אין עפּעס. ווי־עס־איז אויסגעגראָבן באַ זייַט פֿעלד א קייווער, באַערדיקט, אפֿילו אוועקגעשטעלט א הילצערן, אַפּגיך צונויפֿגעקלאַפּט ציילעמל. אונדזערע עשעלאָנען באַצירן די זייַטן פֿעלדער מיט אייַנזאַמע עלנטע שטילע ציילע־מער. („מע זאָל כאָטש טיפֿער באַגראָבן, די הינט זאָלן ניט אויסשאַרן״, — טוט עמעצער א זאָג). אָט דאָס איז אייַך א „ציין־פֿינטל״ פֿון דער צייַט. אַנדערע, באַ וועמען דער מעס איז באַם לעבן געווען טייַער, פֿאַרגעדענקען דעם טאָג, דאָס אָרט, מע ווייסט אפּריער, אַז מע וועט אהער ניט פֿאָרן, נאָר מע פּרעגט אויס און מע פֿאַרצייכנט באַ זיך דאָס אָרט. אין דער היים לעבט מען דען אייביק? עמעס, נאָר דאָ איז דער צאַר גרעסער און דער מוסער, וואָס מע נעמט זיך אַראָפּ, — ערנסטער. שווייַגנדיק, נאָר טיף ווערט עס אייַנגעקאַרבט אין האַרצן.

אָפּגעפֿאָרן עטלעכע קילאָמעטער, שטייען מיר שוין ווידער. אין דרויסן איז קאַלט. ס׳גייט א שניי. אין אַזא שאָ וואָלט מען זיך ליבער אייַנגענורעט אַפֿן געלעגער. איז אָבער אין אָט דער קעלט און אין אָט דער אומהיימלעכער שנייִקייַט אַראָפּ א מאַניפֿעסט, אַזוי ווי א באַסקאָל פֿון הימל, אַז דער עשעלאָן גייט אין באָד אַרייַן. די באָד איז א קליינע, צו צען — פּופֿצן מענטשן אַף א מאָל. פֿריִער א פּעקל ווייַבער. דערנאָך א פּעקל מאַנצבלען. א גרופּע וואַשט זיך און קוועלט אָן אינעווייניק פֿון עמעסער נאַקעטקייַט, פֿון עמעסע שעפּלעך וואַרעמען וואַסער, וואָס גיסט זיך אַפֿן גלאַטן נאַסן דיל אונטער די פֿיס. א צווייטע גרופּע וואַרט הינטער דער טיר, און עטלעכע גרופּעס אין די וואַגאָנען גרייטן זיך. ניט איטלעכן ווילט זיך גיין אין שניי אַרייַן... צוליב אַזא אויסערגעווייִנלעכער געשעעניש האָט דער שניי ניט געקענט איבערוואַרטן.

די מענטשן זעען אויס איינער דעם צווייטן אַנדערש ווי נעכטן און אייערנעכטן: די ווייַבער מיט גרעסערע און קלענערע מיידלעך, די מאַנצבלען מיט די ייִנגלעך זייַנען אָנגע־טאָן אַפֿן ווילדסטן אופֿן. ווער ס׳וואַרפֿט אַרוף אַף זיך א שאַל, ווער א פּלאַשטש. מע קוקט ניט, צי ס׳פּאַסט, צי ס׳איז לויט דער מאָס. קימאַט אַלע געדענקען, אַז מע קען זיך נאָך גוט צוקילן. קימאַט אַלע ווילן אַרייַנכאַפּן זיך אויסוואַשן פֿאַר וואָכן פֿריִער און פֿאַר וואָכן שפּעטער. אייניקע שווענקען פֿאַר זיך אויס, אין איין גאַנג, א פּאָר העמדער, א פּאָר האַנ־טעכער, א פּאָר טריקאָ, וואָס ס׳לאָזט זיך נאָר... אַלע ווייסן, אַז מע טאָר קיין צייַט ניט פֿאַרנעמען, אַז מע טאָר קיין צופֿיל וואַסער ניט פֿאַרברויכן. אַלע ווייסן, נאָר יעדערער כאַפּט אַרייַן.

ריבוינעשעלוילעם! אַזא פֿאַרגעניגן, ווי א באָד מיט וואַרעמער וואַסער, ווו מע מעג זיך אומעטום שווענקען; אומעטום גיסן, אי אַף די בענק, אי איבערן לייַב, אי דורכויס איבערן גלאַטן נאַסן וואַרעמען דיל. דייַן גאַנץ גליטשיק צאַפּלדיק נאַקעט לייַב זאָל זייַן מיט דיר אָפּן און היימיש און ליב. זאָג אַליין, מע קאָן דען פֿאַרגעסן אָט די באָד, אַף דער אומבאַ־קאַנטער שנייענדיקער סטאַנציע אין דער פֿרעמד?...

דווירל און ביילקע זייַנען אַרויס מיט איין פּאַרטיע מענטשן. איך מיט לייבלען זייַנען אַרייַן מיט א צווייטער פּאַרטיע מענטשן.

— זע, זאָלסט אים ניט צוקילן, — רופֿט זי צו מיר, נאָר שוין אין טיר אַרייַן, וואָס איז נאַס און א כמאַרע דאַמף וואַלגערט פֿון איר. מיט אונדז גייט קעלט, אַנטקעגן אונדז גייט א קויטיקע און ניט גוט שמעקנדיקע נעץ.

— גיכער, גיכער! איר וועט ריידן שפּעטער! — איך ווייס ניט, צי מיר הערן עס, צי ס׳דוכט זיך אונדז נאָר אַזעלעכס.

טאַקע גיכער איבערקומען. טאַקע אָפּכאַפּן וואָס און וויפֿל ס׳לאָזט זיך.

באַם אַרויסגיין האָט אונדז א ווייַבל א רוף געטאָן און אינדערגיך איבערגעגעבן פֿון

די היימישע א שאַל און א שטיקל קאָלדרע, מיר זאָלן זיך בעסער פאַרשטעלן פון דער קעלט. הייסט עס, אַז דווירל מיט ביילקען קוקן שוין אַף אונדז אַרויס.

שניי, ווי אַפּט ביסטו א פרייד פאַרן מענטשנס אָטעם, פאַרן מענטשנס בליק. איצט ביסטו אײַנגעגעסן, רייצט זיך מיט אונדז, ווי א צעקראַכענע אַלטע מאַכעשייפע, אַז מירן זיך אוואַדע צוקילן, מירן אוואַדע שלאָף ווערן, פאַר א צוגאָב צו אַלע אונדזערע טײַערע פאַרגעניגנס.

דער קינסטלער, דער איינזאַמער אַלטער מאַן, אונדזער באַקאַנטער פון סאַמע אָנהייב, האָט זיך אויך צוגעפּאַסט צו דער סוויווע. געהאַלט גייט אים פאַר זײַן אַרבעט, וואָס איז איצט איבערגעריסן געוואָרן ניט איבער זײַן שולד. אַף לעבן בעצימצעם קען אים סטײַען. טרינקען טרינקט ער ניט. רייכערן — אויך ניט. נאָר ס׳פעלט אים א פענדעלע אַף אָפּצוקאָכן זיך א קאַשע. קיין גאַרקיכן זײַנען דאָ ניטאָ. און ווען עמעצער לײַט אים שוין א פענדעלע, האָט ער זיך ניט פאַרגרייט קיין האָלץ און קיין ציגל. וואָסער ברענגט ער אַמאָל, לאָמיר זאָגן, אי פאַר זיך, אי פאַר די, ווער ס׳וועט אים צונעמען אין שוטפעס און פאַר אים אָפּקאָכן דאָס ביסל גרויפּן, אָפּקאָכן און צוזאַלצן. א לעפל האָט ער, דוכט זיך, אַן אייגענעם. קיין טעלער — ניט. מע קען עסן פונעם פענדל. ער פּרוּווט זיך אַפילע דאָס פענדל אַמאָל אליין אויסוואַשן נאָך זיך. אין וואָס זשע האָט זיך אויסגעדריקט זײַן צוּפּאַסונג־מיטל? אין דעם, וואָס ער בורטשעט ניט אַף קיינעם, טרעט אָפּ איטלעכן דעם וועג און דערציילט גערן אייניקע שטייגער־זאַכן פון רעפּינס לעבן. ער מאַכט אויך עפּנטלעך אייניקע עקסקורסן אין דער רוסישער געשיכטע.

— איצט, — זאָגט ער, — פאָרן מיר דורך די סאַלסקער סטעפּעס. אין דעם און דעם יאָרהונדערט האָט זיך איבער די דאָזיקע סטעפּעס דורכגעטראָגן א כוואַליע פון אַזעלכע און אַזעלכע כאַיאַלעס...

דערפילט, ווי הינטערשטעליק מיר זײַנען אַליין אין אונדזער ווירטשאַפט און אין אונדזערע מעגלעכקײַטן, האָט דער קינסטלער זיך גענומען קלעפּן צו די באַביטשעס — א ווײלע יידישע פאַמיליע, וואָס האָט מער פון אונדז געוווסט, אַף וועלכע שרויפן ס׳האַלט זיך אונדזער וועלטל — אונדזער דניעפּראָפּעטראָווסקער עשעלאָן, נאָר פּונקט ווי מיר, האָבן זיי זיך אין ערגעץ ניט געמישט, נאָר געהאָלפן און אויסגעפילט, וואָס ס׳פאָדערט זיך אין „צוזאַמענוווינונג”. דער קינסטלער האָט זיך צו אונדז ניט פאַרפרעמדט, נאָר לעם זיי האָט ער זיך א ביסעלע מערער דערמונטערט. די באַביטשיכע פלעגט איראָניש און אײַנצײַטיק אין גוטן מוט א ווונק טאָן צו דווירען אָדער צו מיר אָפּן קינסטלער, וואָס שטייט ווי א פויגל, אַף זײַנע הויכע טרוקענע פיס, עלנט און פאַרקלערט.

— א ביטערער ראַכמאָנעס אַף אַזעלכס, — פלעגט זי שטיל א זאָג טאָן.

קיין סאַך האָבן זיי זיך אַף אים ניט אויסגעבראַכט. נאָר דאָס ביסעלע גוטסקײַט, דאָס ביסעלע פאַרקוקן אין זײַן זײַט האָט פאַרשײַנט זײַן עלנטקײַט.

דאָס מיידעלע, וואָס האָט לאַנג ניט געקאָנט פאַרשטיין, צו וואָס זאָל מען קוילען אַזא שיין קעלבעלע, אויב מע קאָן קויפן פלייש אַף וואַרמעס אין יאַטקע, שפּילט זיך אָפּט מיט קאָלירטע שמאַטקעלעך. פאַרשיידענע „ווירטשאַפטן” אונדזערע שטעלן איר צו מאַטעריאַל. איצטער שטייט זי לעם אונדז, איך ראַזיר זיך לעם די אונטערשטע נאַרעס. זי שטשעבעטשעט, דערציילט עפּעס, בינדט אויס א קונציק שיינע קוקלע און בינדט זי גלײַך פאַנאַנדער. בײַ מיר זײַנען די מעסערלעך טעמפּע, א שטיקעלע שפּיגל־גלאָז האָב איך ווי־עס־איז צוגעמאָסטעט צו א סטויפּטשיקל פון די נאַרעס, און ס׳איז קלאָגעדיק. אי דער שפּיגל, אי די זייף־וואַסער, אי דאָס „שאָבן” זיך דאָס פּאָנעם. ס׳טוט ווײ... זיך שוין צעשניטן אויך. אונ־טערן קאָלנער איז פאַרגאַנגען נעץ. צו וואָס האָב איך זיך אויסגעקליבן ראַזירן, ווען דער באַן גייט?.. קאַרג שאָען שטייט ער און רירט זיך ניט פון אָרט, ווי מע וואָלט אים צוגע־שלאָגן מיט צוועקעס? נאָר דענסטמאָל איז מינאַסטאַם דאָ אַנדער אַרבעט, און די וואַגאָן־אײַנוווינער שליאָנדערן דאַן אַרום הין און צוריק, ווער ס׳קלײַבט זיך גיין אין א נאָענט דאָרף אַרײַן בײַטן, ווער ס׳שטעלט זיך עפּעס קאָכן. ניין, ווײַזט אויס, אַף ראַזירן זיך איין מאָל אין צוויי־דרײַ וואָכן מיט אַן אָפּגענוצט מעסערל איז קיין פּאַסיקערע צײַט, ווי איצט, ביטאָ, ס׳זאָל נאָר זײַן א ביסעלע ליכטיקער, און יענץ באַגאַבט מיידעלע, אויב זי וויל, מעג זי זיך פאַרגיין אין איר פאַרצויגענעם בענקענדיקן געזאַנג...

איך וואָלט שוין וועלן זײַן דענסטמאָל, ווען דאָס מיידעלע וועט גרויסערהייט מיט דער

געהעריקער געשולטקייט פאַר אַ גרויסן פּובליקום זינגען אַ קאָמפּליצירטע אַריע. איך בין גרייט קאַווירן, אַז זי וועט עס דערגרייכן. און דאַן וועל איך אין טעאַטער אויף מײַן פּלאַץ און לעם מײַן פאַר זײַן אַרומגעראַזירט ווי געהעריק, אַנגעטאָן ווי סע דאַרף צו זײַן, יאָמ־טעוודיק געשטימט, און וועל מיט דאַנקבאַרקייט געדענקען, וויאַזוי דאָס מיידעלע מיט דעם צו דינעם, לאַנגן נעזל, וואָס נעמט אָפּ דעם יונגן כיין פון פּאָנעם, וויאַזוי דאָס באַגאַבטע קינד האָט אַליין ניט געוווּסט, וויפל טרייסט זי האָט געבראַכט פאַר אַ סאַך מענטשן אין אַ שווערער שאָ.

וויאַזוי הייסט זי טאַקע, אָט די סטאַנציע? זי האָט דאָך אַ נאָמען און מינאַסטאַם אַ באַ־ליבטן נאָמען, אויב מײַנע סלאָוועשנער לײַט, העניע מאַטלס, וואָס מיר און זיי טראָגן איין פאַמיליע־נאָמען, זײַנען שוין ניט קיין עוואַקויִרטע. זיי וווינען שוין דאָ אויף אַן אָרט, ווי אײַנגעזעסענע. אַז מיר ווילן, קערן מיר זיך אָן קרוויוועשאַפט ערגעץ דורך אירע האָראָשקער קרויווים. דער אַלציינער פאַמיליע־נאָמען איז נאָר דעם מאַנס, אין קרוויוועשאַפט זײַנען מיר דורך איר. ערעוו פּייסעך פלעגן זיי שטעלן אַ מאַשין אויף מאַצע באַקן, און מיר זײַנען געווען יאָרנלאַנג זייערע קונדן. אָט האָסטו דיר אַ מאָשל פון „אַמאָל איז געווען". און איצט איז עס ווײַטער דאָ. זיי האָבן אונדז דערזען אין גאַס, העניע און איר מיטלסט מיידל. מע האָט זיך מיט אונדז דערפרייט, ווי מיט נאָענטע אייגענע. אַז די מאַמע אונדזערע איז ניטאָ, ווייסט זי, דאָס איז שוין געווען לאַנג.

— נו, און דער טאַטע? איז דאָך דאָרטן געבליבן... — זי זאָגט און דערזאָגט ניט. זי פרעגט און דערעדט ניט. אייגנטלעך, דאַרף איך עס גאָר באַ איר פרעגן, ווײַל מיר זײַנען פון קיִעוו און זי איז פון דער היים...

זיי ווילן אונדז פאַרפירן אין שטוב אַרײַן צו זיך. אײַזיק זייערער מיטן ווײַב און קינד זײַנען אויך דאָ. ער אַרבעט אין קאָאָפּעראַציע. די טעכטער זײַנען אויך באַ אַן אַרבעט. זי זעט צו די שטוב.

— ווו איז מוישע־אַרן מיטן ווײַב?

צו מוישע־אַרנס ווײַבל פון לעווקאָוויטש (אַ דאָרף, אַכט ווערסט פון אונדז) האָב איך זיך אַמאָל געשאַדכנט. זי איז געווען אַ ווולע, אַ יונגע, אַ נאַיִווע. איך בין געווען אַן אַלמען מיט אַ קינד. האָט זי בעסער כאַסענע געהאַט פאַר אַ ייִנגל מיט בלעכערנעברילן, אַ קורצ־זיכטיקער. מיר קענען זיך מיט אים, ווי אַרבעטער־געזעלן. ער האָט זיך אויך געלערנט גאַרבערײַ... זי וואָלט דאַן עפּשער געגאַנגען צו מיר, ווען איך „באַפאַל" זי מיט מער ערנסט און ענערגיע. אָבער איך האָב עס געטאָן קעלאַכער־יאַד: „יאָ" איז ניט שלעכט, „ניין" איז אוודע גוט. אַלעמאָל, ווען איך שטויס זיך אָן אין איר אָדער אין אירן אַ נאָענטן, איז זי מיר עפּעס ליב, נאַיִוו, ווי אַלע נאַיִווע, נאָר טמימעסדיק, אָרנטלעך און ריין. ריין אין אַלע הינזיכטן. איך זאָג ניט, אַז איך האָב דערלייגט צו דווירלען. איך זאָג ניט, אַז איך האָב עפּעס צופיל אָנגעווירן, נאָר ס'רופט מיך צו איר אַ גוט געפיל. זי איז מיר מיט אַ סאַך זאַכן נאָענט. מעגלעך, אַז זי פילט אויך עפּעס ענלעכס, ווען מע רעדט פון מיר אין איר אָנוועזנהײַט.

העניע פינטלט מיט אַן אויג אַלע יאָרן, זינט מיר קענען זי. זי איז מיר ליב און היימיש. אַז איך רעד מיט איר, מיין איך, אַז איך בין אין סלאָוועשנע. באַלד קום איך פון שטעטל אַהיים (מיר וווינען הינטער דער שטאָט), וועל איך טרעפן אַ שטוב מיט אַ מאַמע, מיט אַ היימישן אָטעם.

העניע בעט, מיר זאָלן פאַרגיין צו איר. באַ מיר איז דאָ אַן אַנדער געדאַנק. זיך אָן אייצע האַלטן מיט דווירלען און דערנאָך מיט אונדזערע לאַנדסלײַט. ס'איז שוין דאָ ווער ס'זאָל דיר דערלאַנגען אַ האַנט, טאָמער וואָלטן מיר אַראָפּ פון עשעלאָן און מיר וואָלטן זיך דאָ באַזעצט. איך האָב שוין פאַר זיך אַ לעבעדיק בילד.

באַטאָג אַרבעטן מיר, אין די אָוונטן גייען מיר צוגאַסט איינס צום צווייטן. אײַזיק זייערער איז ייִנגער פון מיר אַ סאַך, נאָר ער איז שוין אויך ניט קיין יונגערמאַן, אַ טאַטע פון צוויי קינדערלעך. אײַזיק פאַרמאָגט אין זיך שיינע איידלקייט. אײַנגעבוירענע, ניט קיין אָנגעכאַפּטע — לייענט אַ העברעיִש ביכל. זײַן ווײַבל איז פון סטאַרבענע, זי נעמט ניט איבע־ריקס מיט איר שיינקייט, נאָר זי איז אַ שטאַלטנע און אויך וויל דערציִגן. אַזוי וועלן מיר איבערזײַן קימאַט ווי אין דער וואַרעם, ביז די מילכאָמע וועט איבערגיין...

דווירלען, דעם ווײַבל מײַנס, איז עס אויך געווען אָן ערעך געפעלן, דאָך האָט זי זיך אָפּגעהאַלטן.

— מיר דאַרפֿן זיך ציִען צו אַ גרעסער אָרט, ווו ס'איז דאָ כאָטש אַ קליינע אָפּטיילונג פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד. אין אַן ענגער שאָ איז דאָ צו ווענען זיך אָפּרופֿן... זיך אָפּרײַסן אײַנגאַנצן איז קיין כאָכמע ניט.

זי רעדט צו דער זאַך. ס'איז גוט, וואָס מיר קענען שוין טראַכטן פֿון אַן אויסוואַל. קומט אויס, אַז מיר זײַנען שוין אויך מענטשן. פֿון אַזאַ געפֿיל ווערט מען באַ זיך שטאַרקער.

דערווײַל זײַנען מיר נאָך די זעלבע נאַכט אָפּגעפֿאָרן פֿון דער סטאַנציע און זיך ניט אָנגעכאַפּט אין דעם עמעסן ביסעלע וואַרעמקײַט, וואָס האָט צו אונדז אַרויסגעקוקט.

לייבעלע האָט געלייענט אַ גראָבן בוך „די געהיימניס פֿון צוויי אָקעאַנען". ער האָט עס באַ עמעצן גענומען. ער האָט אויך אָנגעקוועלט פֿון אַ בילדל אין אַן אַלטן נומער „קראָ־קאָדיל": איינער גייט אין באָד אַרײַן און זעט, ווי זײַן באַקאַנטער באָרט זיך אין אַ פֿאַ־לאַנקע.

— פֿאַרוואָס זאָלסטו אויך ניט גיין אין באָד אַרײַן?

— ע! דאָרטן ווערסטו צוגעפֿרוירן ווערן צו דער באַנק!

דאָס הייסט, אַז ס'איז אַ באָד מיט פֿײַנע באַלעבאַטים. מע דערמאָנט זיך אויסצוהייצן, ווען ס'איז שוין דאָרטן קיינער ניטאָ.

דער אַלטער קינסטלער אַליאַביעוו־פֿאַנין האָט זיך ניט געפֿוילט און דורכגעפֿירט אַ שמועס פֿאַרן גאַנצן וואַגאָן וועגן רעפֿינען.

דער באַן איז געפֿאָרן אַזוי פּאַמעלעכן, אַז צוויי פֿויערים, וואָס מע האָט געזען גיין פֿון יענער זײַט פֿענצטער, זײַנען אַ שטיק צײַט ניט געבליבן הינטערשטעליק.

דער קינסטלער האָט מיר איינמאָל געזאָגט, אַז ס'וועט ניט שאַטן, איך זאָל אויך דורכ־פֿירן אַ שמועס.

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך שרײַב אין ייִדיש. פֿאַרינטערעסירן אונדזער אוילעם וואָלט מען עפּשער געקענט נאָר מיט שאָלעם־אַלייכעמען...

— מירן נאָך לאַנג אַזוי פֿאָרן? — פֿרעג איך אים.

מיר זײַנען געשטאַנען באַ אַ פֿענצטער און געקוקט צום ווינטערדיקן דרויסן. אַזוי ווי ס'איז דאָרטן געווען אומהיימלעך, אַזוי איז געווען אַפֿן האַרצן.

סאַראַטאָוו זײַנען מיר שוין דורכגעפֿאָרן. פֿאָרן מיר, הייסט עס, ווײַטער. אָף איינער אַ סטאַנציע האָבן זיך אַרײַנגעבעטן צו אונדז אַ פּאָר פֿויערים. זיי האָבן זיך מיט אונדז צערעדט. לויט זייער געדאַנק וואָלטן מיר דאַרפֿן מאַכן אַן עק צו דער נודנער רײַזע. אַ פּאָר פֿאַמיליעס קענען זיי גרינג אײַנאָרדענען באַ זיך אין דאָרף. דווירל מיט ביילקען וועלן וואַשן דאָס געפּעס אין גאָרקיך. הונגעריק וועלן זיי ניט זײַן. איך וועל עפּשער אַרויסגעבן נאַפֿט (גאַזע) און בענזין אין קאָלווירט פֿאַר דער טראַקטאָרנער סטאַנציע. מירן ניט פֿאַר־פֿאַלן ווערן.

די ווילע, עמעס גוטהאַרציקע באַביטשעס אײַצענען אונדז ניט אָפּרײַסן זיך פֿון די אײַזנבאַנער. די עלטערן פֿון ביידע מיידלעך, די עלטערע — ליבע און די קלענערע — מיכליע, וואָס זינגט אַלע אָוונט, זאָגן, אַז זיי גייען אויך אַראָפּ. און מיר באַשליסן זיך אָף אַן אומפֿאַרזיכטיקן שריט. מיר געזעגענען זיך. מיר באַדאַנקען אונדזערע שכיינים. אונדזער ביילעך ברעטלעך מיט די ציגל לאָזן מיר איבער, און מיר גייען אַראָפּ אָף אַ קאַלטער פֿאַרפֿאַרענער פֿאַרצאָרנטער סטאַנציע בעזימיאַנע (וויבאַלד דער נאָמען אירער איז אָן אַ „נאָמען", וועט ניט זײַן ווען צו שעלטן). אונדזערע שכיינים האָבן אונדז געהאָלפֿן אַראָפּ־דערלאַנגען די זאַכן. כאָטש אַלע זיי באַטראַכטן אונדז מיט ניט קיין באַהאַלטענער באַ־דויערונג. די צוויי ווינטערדיק אָנגעטאָנענע, אָנגעפּעלצטע פֿאַטראָנען אונדזערע האָבן געהאָלפֿן אונדז זיך אײַנמאַסטען אינעם טונקעלן וואָקזאַלעכל. און מיר ריידן אָפּ מיט זיי:

צו זייער אָרט האָבן מיר אַכצן קילאָמעטער מיט דער פֿור. מאָרגן, ניט שפּעטער ווי עלף אינדערפֿרי, וועלן קומען נאָך אונדז איינע אָדער צוויי שליטנס, גוט אויסגעבעט מיט שטרוי. און מע וועט אונדז אויך צושיקן אַ פּאָר גרויסע פּעלצן, מיר זאָלן אין וועג ניט פֿאַרפֿרוירן ווערן. אָט טאַקע די אויסגעבעטע שליטנס און די פּעלצן, וואָס מיר האָבן נאָך ניט געזען, גיבן אונדז צו פֿעסטקײַט. ווי נאָר דער אָנהייב וועט זײַן אַ גוטער, וועט דאָס ווײַטערדיקע אויך גיין ווי ס'באַדאַרף צו זײַן.

דווירל מיט ביילקען וועלן וואַשן דאָס געפּעס אין גאָרקיך. איך וועל זיך פֿאָרען לעם

דעם נאַפט, פאַרשרײַבן, וויפל נאַפט באַקומען, וויפל פּעסער לײדיקע אײַזערנע אומגעקערט. וויפל אָפּגעלײזט. וועמען פאַרטײלט פּאַפּירלעך, בלעטלעך, דאָקומענטאַציע. און די ייִדישע מישפּאָכע מיט די צוויי טעכטער האָבן אין דער לעצטער רעגע טאַקע כאַראָטע געקראָגן און זײַנען געבליבן אין וואַגאָן, בעשאַס מיר זײַנען אַראָפּ. מיר האָבן איבערגעלאָזט בײלקען מיט די זאַכן און זײַנען אַוועק זוכן דאָ א קיך צום איבערבײַסן.

שטעלט אײַך פאָר, אַז מיר האָבן זי געפונען ניט ווײַט.

לײדיק. וועגט ניט קײן געקאַלכטע. קאַלטע. בענק לאַנגע. קאַלט. די טישלעך ניט צורירן זיך צו זײ. דאָרפס־מײדלעך האָבן אונדז אַזוי ווי באַדינט. גיך גענומען געלט. גיך דערלאַנגט א ביסל וואָכעדיקן וואַסערדיקן קוליש אין לײמענע טעלער. מיר האָבן גענומען פאַר בײלקען אויך א טעלער. לעפל דאַרף מען ברענגען אײגענע.

גוט. דאָס צווייטע מאָל וועלן מיר שוין וויסן. מיר האָבן זיך דאָ געטראָפן מיט א ייִדיש ווײַבל. אויך אַן אָנגעפאָרנס. זי האָט זיך דאָ אײַנגעאָרדנט אין א גרויסער שטוב. מע האָט איר אַפילע געוואָלט געבן א בעהײמע אַף אויסצאָלן. דאָ זײַנען פאַראַן א סאַך לײדיקע הײַזער, נאָר ס׳איז קאַלט. מיט באַהײצונג איז גוואַלדיק שווער. צו לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט וואָלט מען דאָך דאַרפן זײַן כאָטש וויפל־ס׳איז־ניט־איז צוגעפּאַסט...

— און דאָרט, וווּהין מיר פאָרן מאָרגן? — פרעגן מיר זי.

— ס׳איז אומעטום גוט... עפּשער וועט איר זיך צו עפּעס צושלאָגן?!

דווירל לאַכט מיט טרערן. איך האַלט זיך אָן אָן איר. לײבעלע שטײט א דערפרוירענער פונדערווײַטנס.

אַראָפּגײן פונעם פּאַנאַנדערגעצוימטן הײפל איז קימאַט אומעגלעך. אָנגעפרוירן אײַז, ווי מיט נאָז־לײכעץ גראָב באַשמירט אַראָפּ־באַרג. אומהײמלעך און פרעמד. א שטיפמאַמע איז נאָך גאָלד אַנטקעגן דעם, וואָס מיר זעען פאַר זיך. אונדזער באַן איז שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן. עפּשער שטײט ער איצט ווידער גאָר ניט אַזוי ווײַט — א צען־פופצן ווערסט פונדאַנען. דאָרט לעבן זײ איז אַפילע דער דרויסן א וואַרעמער.

צו וועמען קאָנען מיר האָבן טײַנעס? מיר האָבן דאָך אַלײן אויסגעקליבן אָט דאָס „גליק”. קײנער האָט דאָך אונדז ניט צוגערעדט צו דעם. פאַרקערט, אונדזערע שכײנים אין וואַגאָן האָבן זיך צו אונדז צוגעווײנט און מיר זײַנען זײ ניט געווען צו שווער.

...צוריק אַהער זײַנען מיר שוין געגאַנגען ניט מיטן בערגל, געגאַנגען און געלאַכט.

„טאַטע, דו לאַכסט? אַז אָך און אַז ווײ איז צו דײַן געלעכטער”... אַזוי פלעגט מען בא אונדז זאָגן.

איך האָב דערצײלט בײלקען פונעם באַגעגנטן ווײַבל, וואָס האָט ניט געוואָלט נעמען קײן בעהײמע. דער ווינטער איז א שווערער, ס׳וועט ניט זײַן מיט וואָס צו האָדעווען.

די קיך מיט די קאַלטע הוילע ווענט באַטראַכטן מיר מיט אַנדערע אויגן. דווירל און בײלקע פאָרן דאָך אַרבעטן מינאַסטאַם אין אַזאַ קיך. אײנע וועט וואַשן די קײלים, די צווייטע וועט דערלאַנגען עסן...

בײלקע, טײַערע, דו זאָלסט אונדז דאָרט זײַן רירעוודיק, ספּריטנע. אַז די הענט וועלן דיר אַפילע זײַן צעפרוירן, דאַרפסטו די טעלער טראָגן, זײ ניט אַרויסלאָזן אינמיטן וועג. ניט צעפּליושקען דאָס געקעכץ...

איך זאָג עס איר ניט, נאָר מיר פאַרשטײען אײנס דעם צווייטן.

אַפּצוריקוועגס דאַרף מען אָפּזוכן לעם וואָקזאַל א ווינקל, אויב מע וועט דאַרפן אַרויסגײן באַנאַכט. לײבעלען דאַרף מען אַפילע איצטער פירן... בעקיצער, ס׳איז אונדז גוט! בעפּײרעש גוט! ווײַל... ס׳קען נאָך ערגער זײַן.

קײן געלעגערס וועלן מיר זיך איצט ניט מאַכן. מירן שלאָפן זיצנדיק אַף די פּעקלעך, אָנגעשפּאַרט אין א באַנק. אויסשלאָפן וועלן מיר זיך שוין דאָרטן אַפן אָרט. די מענטשן, וואָס האָבן אונדז צוגערעדט, זעען אויס צו זײַן ווילע. צווייטנס, נײטיקן זײ זיך אין אַרבעטס־הענט. דאָס איז געווען קענטיק פון זײערע רײד.

אין וואָקזאַלעכל זײַנען מיר ניט אַלײן. ס׳זײַנען דאָ נאָך געצײלטע מענטשן. ווער דאָ, ווער — דאָרט. אַלץ מענטשן פון וועג. סײַ פרויען, סײַ מענער. צווישן אַוילעם דרײט זיך אום א ייִדל מיט א קלײן טונקל בערדל און טרויעריקע אויגן, וועלכער האָט זיך, קענטיק, צוגע־ ערגעץ פאַרלאָרן פון א טראַנספּאָרט. ער איז צו לײַכט געקלײדט. ווערדליק ער קײַט א ברענטע סקאָרינקע, פאַרשטײען מיר שוין, סאַראַ שײנע מאַראָכע ער האָט. מיר לאָזן אים ניט אַרויס פון אויג, כאָטש ער פאַרפירט מיט אונדז ניט קײן מאַגע־אומאָסע. מע זעט, אַז ער איז שוין דאָ א שטיקל בען־באַיִס. ער איז מיט קײנעם און מיט גאָרניט ניט פאַרנומען,

און דאָך איז ער ניט פּריי. דאָ גייט ער ערגעץ מיט אַ בלעכערנעם שאַכטעלע — נאָך וואַ־סער, קענטיק. דאָ שטייט ער אַ פאַרטראַכטער באַם פענצטער און קראַצט זיך, ניט אַזוי מיט די הענט, ווי מיט די אַקסלען, וואָס באַוועגן זיך געשיקט און קונציק.
וויאַזוי רופט מען אים, אַט דעם יונגנמאַן? זיידל? כאַנאָן? ביינוש? לייבוש? ווּעמען האָט ער? פון אַוועלכער מישפּאָכע קומט ער אַרויס? צי איז ער אָפּטמאָל ניט פון פּוילן אָדער פון מיזרעוו־אוקראַיִנע? דאָס האַרץ ציט צו אים אַזוי. — — — —
באַנאַכט האָבן מיר אי געדרעמלט, אי געוואַכט. און וואָקזאַל האָבן מיר קימאַט ווי ניט געזען קיין „באַלעבאַטים", וואָס זאָלן אונדז יאָ ווּעלן אָדער ניט ווּעלן ליידן. יעדער איינ־ציקער פאַרשווין אָדער בינטל פאַרשווינען זיינען זיך אַ מעלוכע פאַר זיך. וויזט אויס, אַז דער גרעסטער קאָלעקטיוו זיינען מיר געוועזן. אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ טאָכטער און אַ זון. מיט אַ ביסל וואַנדער־פּעקלעך, דאָס איז איינס, און מיט אַ זיכערער באַוואָרענונג אין האַרצן, דאָס איז צוויי. מיר זיינען באַוואָרנט, אַז אינדערפרי (טאָג וועט דאָך מוזן ווערן ס'איז־ניט־איז ווערן), אַרום צען אָדער עלף, וועט אָנקומען אַן אויסגעבעטעטער שליטן און עפּשער צוויי מיט גוטע היגע פערד. מע וועט אונדז דערלאַנגען גרעאַמע פּעלצן און מע וועט אונדז, ווי אַ כאַסנס־צאַד, פאַרנעמען צו אַ גרייטער היים, און דאָרטן, דאָרטן ווּעלן מיר מיט אונדזערע וואַנדער־פּעקלעך זיך צעלייגן, ווי באַם טאַטן אין ווינגאָרטן. קיין קעסט־קינדער ווּעלן מיר דאָרטן ניט זיין. מיר זיינען גרייט אַלע אַרבעטן. ביילקע דער־לאַנגט עסן, דוווירל וואַשט די קיילים אין קיך. לייבעלע גייט אין שול, גרייט די לימודים, און איך בין אַ גאַנצן ווינטערדיקן טאָג באַ דער גאַזע. אַ קליינער נאַכעס די גאַזע מיטן בענזין, נאָר אַרבעט איז עס, ליידיקגיין איז — פּע. זיי באַ אַן אַרבעט, באַ ווּעלכער ס'זאָל ניט זיין. אין אָוונט אין דער וואַרעמער שטוב מיט דיין ליב געזינדל וועסטו זיצן באַ אַ באַלויכטענעם טיש. אויב וועסט קאָנען אַ שאָ אָדער צוויי דורכן אָוונט עפּעס שרייבן, וועסטו זיך באַהעפטן מיט דער שכינע, און זאָל דיין נייר־טאָמיד, ווי דוווירל האָט עס ליב אָנרופן, זיך ניט אויסלעשן. אפילע דריי מאָל אין וואָך אָדער צוויי מאָל אין וואָך וועט די פּאָטשט אַהער קומען. ווּעלן זיך ווייטער אָנהייבן בריוו פון אייגענע און באַקאַנטע. ס'וועט זיין אַ בלאַט־צייטונג אויך. ווו דער מענטש איז דאָ, דאָרט איז דאָ לעבן.
לייבעלע שלאָפט. ביילקע דרעמלט. איך מיט דוווירלען ריען זיך לעם די פּעקלעך, און מיר הערן, ווי דער לייכט געקליידטער אויסגעהונגערטער יונגערמאַן מיטן טרויעריקן בליק קראַצט זיך געשמאַק פון שלאָף.
ווער איז ער, אַט דער יידישער יונגערמאַן? אַ טוישעוו דאָ, צי ער פאָרט נאָך ערגעץ, אַזוי ווי מיר?
און ווער בין איך אין פאַרגלייך מיט אים?
אַז מענטשן שטרעקן מיר אויס אַ האַנט, בין איך דאָך נאָך אַ פאָלנער מענטש. אפילע אַ נוצלעכער, אי פאַרן אַרום, אי פאַר זיך.

דער פרימאָרגן איז געקומען אָף כידושים קוויטיק, הויל, אַרומגעפרוירן און אַזוי אומ־היימלעך און אַכזאָריעסדיק פרעמד צו דורכפאָרנדיקע מענטשן, וואָס ווייסן נעבעך אַליין ניט וווהין זיי פאָרן. מיט ווייב און קינדער... און דאָס ביסל זליבאָדע, וואָס דאַרף העלפן אויסקומען אין אַן ענגער שאָ, איז אויך שפּאָט ווינציק. הער אַ מייסע: אָף זיך אונטערהעלפן מיט דעם איז עס געגליכן צו גאָרניט, און זיך אַרומשלעפן מיט דעם איז עס שווער, אומ־באַקוועם און צעבלאָזן. בלויז לייבעלע האָט איין באַקוועם שטיקל מאַסע, דאָס איז די שרייב־מאַשינקע. דערווייל היטן מיר זי אָפּ: אין אַ גוטן אויפן וועט זי צוניץ קומען באַ דער אַרבעט. אין אַ שווערער שאָ, וועט זיין וואָס צו פאַרקויפן...
מיר מעגן נאָך גיין אין דער הוילער אויסגעפרוירענער גאָרקיך? באַצאָלן און אופּעסן אַ ביסל וואַרעם געקעכץ? ווייל אָף די שליטנס אונדזערע איז נאָך פרי אַרויסצוקוקן. אַז דער זייגער וועט זיין עלף, ווּעלן מיר איינמאַסטען אונדזערע זאַכן, זיך איינקוטען אין די צוגעשיקטע פּעלצן און פאָרן ניט ווי קיין אָנגעוואָרפענע. אַרבעטן זיינען מיר גרייט. ווּעלן מיר פון הונגער ניט שטאַרבן, און אַ דאַך איבערן קאָפּ וועט אויך זיין. דער ווינטער וועט דאָרט זיכער זיין אַ צעשויבערטער, אַ האַרטנעקיקער, נאָר ניט קיין קוויטיק־פאַרפרעמדטער. מע וועט קריגן פּוישטן אָף די פּיס, מע וועט זיך אָנטאָן אַ ביסל וואַרעמער. מענטשן לעבן אויך אין דער טונדרע, אין דער טייגע. און דאָ איז נאָך אייראָפּע. ס'שטערט ניט.
מיר האָבן זיך באַקאַנט מיטן דרויסן, מיט אַ פּאָר אַרומגעריסענע הייף מיט געציילטע

מענטשן, וועלכע האָבן קיין מורינע ניט ארויסשטעקן די נאָז אַף דער גאַס... אָן־אַ פּאַרט אפילע א שליטן. ניין, ער האָט זיך לעם וואָקזאַל ניט אָפּגעשטעלט. ער איז ערגעץ אוועקגעפאָרן ווײַטער.

מיר האָבן זיך געגודעט אפן וואָקזאַל און אין דרויסן. מיר האָבן שוין אָנגעהויבן ארויסקוקן שטארקער. דאָס זײַנען ניט קיין מענטשן, וואָס וועלן אונדז אָפּנארן. אייגנטלעך, האָבן זיי דאָך נעכטן אויך געהאַט א שליטן. נאָר צו וואָס זאָלן מיר זיך ענגען זאלבעזיבן אַף איין שליטן? ווײַטער האָבן זיי איידלקײַט און זיי האָבן גלײַך פאָרגעלייגט, אַז זיי וועלן צושיקן א פּאָר געראמע פעלצן...

ביז דער לעצטער שאָ האָבן מיר אונדזערע „ווערבירער" ניט געמאכט שולדיק אין קיין זאַך. ס'קען דען ניט זײַן, אַז פּונקט אין דער פּאָר שאָ זײַנען — פּאַרנומען אלע פערד?

דער טאָג איז קליין. דורכפירן נאָך איין שלאָפלאָזע נאכט אפן אויסגעקילטן קליינעם וואָקזאַלעכל ווילט זיך עפּעס ניט.

מיר האָבן אָנגעהויבן פּירנעמען דרייסטע פּלענער. קויפן באַן־בילעטן פאַר דרײַ־דער־וואקסענע. לייבעלע וועט פאָרן אַזוי. און זיך אומקערן קיין סאראטאָוו. סאראטאָוו, די גרויסע רוסישע שטאָט, וועט געוויס זײַן א שטיקל שוץ.

מיר שטייען שוין לעם קאַסע־פענצטערל.

א פּאָר יונגע סאָלדאטלעך האָבן זיך אָנגעשלאָגן, אַז זיי וועלן אונדז העלפן ארופשלעפּן דאָס ביסל געפּעק. דער באַן פּאָרט אָן. דער באַן ווארפט זיך ניט מיט אונדז... און הער נאָר, הער נאָר א מײַסע — מיר זיצן שוין אין פּאסאזשיר־באַן, אין אַן עמעסן וואגאָן, און מיר פאָרן... אויס בעזימיאַנע. ניטאָ קיין בעזימיאַנע... דאָס דאָרף, וואָס מיר האָבן געוואָרט אַף דעם, מיט זײַנע מענטשן, מיט זײַנע גאסן, מיט דער גאָזע, מיטן בענזין, מיט דער גאַרקיך, וואָס מיר וועלן דאַרפן באַדינען, — איז שוין אויך ניטאָ. אפילע קיין איין מאָל ניט אָנגעקוקט... ארום אונדז זיצן מענטשן פון אלערליי עלטערס. ווער ס'ליגט אַף אַן אונטערגעהויבענער פּאָליצע, ווער ס'רייכערט, ווער ס'האָט פרײַ געלאָזן די קנעפּ פונעם גרויסן טולעפּ. דווירל מיט ביילקען מיט לייבעלען זײַנען געזעסן אין איין קופּע, איך האָב זיך מיט א ביסל פּעקלעך אײַנגעמאָסטעט אַף א פרײַען פּלאַץ, ניט ווײַט פון מײַניקע, אין א צווייטן קופּע.

נו, וואָס גייט דיר איצט אָפּ? וואָס ווילסטו? האָסט מוירע, ס'שרעקט דיך דאָס אומבאַוווּסטע?..

ווען כ'האָב זיך אופגעכאַפּט, האָבן אין וואגאָן שוין געברענט ליכט. אָן־אַ זעען מיר שוין פײַערן פון די ביישטאָטישע סטאנציעס. און אָט זײַנען צוגעקומען די צוויי יונגע בעזימיאַנער פרײַנט אונדזערע — די סאָלדאטיקלעך און אונדז באַרוּיקט: מיט זיי צוזאַמען וועט אונדז זײַן א סאַך גרינגער אראָפּצושטײַגן.

אינעם גרויסן סאראטאָווער וואָקזאַל זשומעט, ווי אין א בינשטאָק. די אפּדערגאַכטיקע פײַערן — אַזוי ווי זיי ווייסן גאָרניט פון קיין מילכאָמע. ס'איז א שטאָט מיט איר האָב און גאָב, מיט איר אוף און אָפּ. מיר האָבן אין דער טומלדיקער ענגשאַפט אויסגעשפּרייט געלעגערס פאַר דער מישפּאָכע טאקע אפן דיל. א דאנק גאָט דערפאַר אויך. מיר האָבן ארום זיך, ווי ס'זעט אויס, זייער ווילע שכיינים. דווירל האָט זיך אײַנגעמאָסטעט מיט די קינדער, און איך מעג גייען קריגן ערגעץ א זעמל אָדער א לעבל ברויט. כאָטש ס'איז שוין באלד ארום צען אין אָוונט. גוט, שיין און ווויל... אָבער איך האָב ניט באוויזן אָפּצוגיין, ווי ס'זײַנען געקומען די אופּראַמערנס מיט בארשטן און עמערס וואסער, און צי מיר ווילן, צי מיר ווילן ניט — אלע הייבן זיך פון די ערטער. אויך מיר קלײַבן צו אונדזערע אַזעלכע היימיש געוואָרענע געלעגערס און גייען ארויס אין גאָטס דרויסן אונטערן כמורנעם ווארעמען הימל. יאָ, ווארעמען. ביז מיר זײַנען פאַרפאָרן אהער, האָבן מיר דאָ געטראָפן אַן אַדליהע. ס'איז טאקע נאסלעך אונטער די פיס, נאָר ס'איז ווארעם. ס'איז עפּעס ליב. איך ווייס אליין ניט וואָס. מיר זוכן אָפּ א ברעטל, א שטיקל ציגל, די זאכן זאָלן ניט נאס ווערן אפן סאמע שניי. מיר האָבן אָנגעטראָפן א פּלאַץ עפּשער א 15 מעטער די לענג, וואָס איז אויסגעלייגט מיט א סאַך ריינעם, שיינעם געפּעק.

דאָס זײַנען אייניקע מאָסקווער אנשטאלטן, וואָס ווערן ארויסגעפירט אין א באשטימטן אָרט. זיי וועלן קומען אין גרייטע דירעס, סײַ פאַר די אנשטאלטן, סײַ פאַר די מישפּאָכעס... האָט עס שוין גאָר אַן אנדער טאַם! מיר זײַנען טאקע אויך אפן וואָקזאַל־פּלאַץ. בא זיי איז א געזעצלעכע צײַטווײַליקײַט. און מיר האָבן ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ, און גאָט ווייסט ווען וועלן מיר אים נאָך האָבן. כאָטש מיר זײַנען שוין אין סאראטאָוו און כאָטש א געוויסע באַרויקונג גיט עס אונדז... ס'איז ניט בעזימיאַנע!

ערשט איצט זײַנען מיר אוועק מיט ביילקען אָף פאנג. און מיר האָבן אָן שום וויסן און פארשטאנד זיך צוגעטשעפּעט עפּעס אין א געסל לעם א בויד מיט ווענט און מיט א דעכל. נאָר אַט דאָס קלייטל נעמט שוין קיין קוינים ניט אוף... האָבן מיר א בעט געטאָן, א זאָג געטאָן, דערציילט, פונוואנען מיר קומען, און... די לײַט זײַנען געוואָרן גוט צו אונדז. זיי האָבן אונדז אָפגעשטעקט צוויי לאנגעכיקע געקארבטע זעמל. מיר האָבן באצאָלט, באדאנקט און גענומען זוכן איבער די ליידיקע גאסן דעם וועג צוריק צום וואָקזאל. מיר האָבן געהאט די פולע רעכט א האלבן זעמל אופעסן גייענדיק. ווינטער? יאָ, ווינטער. א שטאָט? נאָך א מין שטאָט! לאָמיר אָפזוכן דווירלען מיט לייבלען און לאָמיר זיך עפּשער פונסנײַ ארײַנגאנווענען אין וואָקזאל און וואַרטן אָף טאָג.

דער ערשטער געדאנק אונדזערער איז געווען — אָפזוכן דעם עוואקאָפונקט. ווען מיר דערווײַל האָבן ווי אוועקצולייגן די זאכן.

געפונען א פערד מיט א שליטן, זיך אויסגעדונגען. וואָס ס׳פאָרט, וואָס ס׳גייט נאָך דעם שליטן צופוס. אָבער דער באלעגאָלע האָט זיך געוואָלט קערעווען גיכער. האָט ער אונדז אײַנגעמאָסטעט איטלעכן אָפן שליטן. מיר האָבן זיך אָנגעהאלטן איינס פארן צווייטן, מיר זאָלן זיך ניט אויסשיטן. דאָס פאָרעכץ איז געווען ניט אזוי זיס. די הענט פרירן, די פיס פרירן, ס׳פארבלאָזט אין די קני. אָבער מיר זײַנען געקומען. מיר גייען אויספרעגן, אויסקוקן. בא דווירלען איז דאָס פאָנעם צוריק פארזאָרגט. זי האָט געמיינט עפּעס געפינען, און נאָך איידער עפּעס וואָס אלץ פארלאָרן.

— מירן אהער ניט גיין, — רוימט זי מיר אײַן. — דאָ קען מען זיך גיך אָנשטעקן מיט א קרענק.

די מידקײַט, דער הונגער, די אויסזיכטלאָזיקײַט און דער ווינטערדיקער טאָג גייט אויס, ווי א ליכט. ווו ווען מיר זיך אהינטון?.. ערשט צום סאָף האָבן מיר געקריגן א גוטע, א נוציקע אייצע. א קלוגע פרוי האָט אונדז אונטערגעזאָגט: מיר קענען גיין אין הויז פונעם קאָלווירטלער — א געמויערטע געבײַדע מיט גרויסע זאלן און מיט א גרויסן הויף. דאָרטן וועלן מיר אָפּצאָלן פאר אכט טעג אפריער און מירן זיך קענען דערווײַל ארײַנציִען.

יאָ. ס׳איז אָן אייצע! וואָס איז אונדז דאָרטן געפעלן געוואָרן? זיי פארמאָגן א גאָרקיך. די צימערן זײַנען גרויס, געראם און קימאט ליידיק. מיר האָבן זיך אויסגעקליבן א הויכן פלאץ — די בינע פונעם קלוב. דאָ וועלן מיר שלאָפן אָף דער ערד. געראם און ריין. לייבעלע האָט ניט קיין מוירע דאָ בלײַבן. מיר גייען אוועק צופוס צו ביילקען, וועלכע מיר האָבן איבערגעלאָזט אין הויף פון עוואקאָפונקט היטן די פּעק. זי איז שוין גוט דערפרוירן. ס׳קלאפּט איר א צאָן אָן א צאָן. זי האָט דאָ געהאט א געווונטשענע באגעגעניש. — כאַיִם בלאנקמאן מיט ציפּוירען. אליין געבוירענע אָוורוטשער. מע האָט אויך געווינט אין קיִעוו. זיי פילן זיך פאר אונדז א ביסעלע שולדיק. זיי האָבן דאָ א מוטער, א ברודער, א שוועסטער. נאָר זיי האָבן באשלאָסן ניט אָפשטעלן זיך דאָ. זיי פאָרן ווײַטער.

— מירן אײַך ברענגען, — האָבן זיי געזאָגט, — א האלבן ברויט. — און זיי האָבן מעקײַעם געווען. דאָס ברויט איז פארפראָרן פון דער קעלט. נאָר מיר קײַען צו שטיקער און ס׳איז געשמאַק.

ביילקע איז שוין א ביסל געקומען צו־זיך. איצט וועט זי גיין מיט דווירלען, און איך בלײַב דאָ מיט די זאכן. דער שאָפער, וואָס באדינט דעם עוואקאָפונקט, באפרײַט זיך ארום אכט אין אָוונט, וועט ער פארנעמען מיך מיטן ביסל געפּעק און פארפירן צום הויז פון קאָלווירטלער.

איצט טופּע איך ארום די זאכן, טופּע און בײַס שטיקער פון דער פארפרוירענער געשמאַקער לוסטע ברויט.

סאראטאָוו איז עפּשער פאר אונדז צו א גרויס היטל. אָבער ס׳שטערט ניט. אבי מיר זײַנען שוין דאָ. איצט האָב איך צײַט קלערן, פארשטיין. איבערכאזערן. באנעמען. ווען איך וויל, קוק איך מיך אפילע צו צום קאָנטינגענט מענטשן פונעם עוואקאָפונקט: פול מיט ייִדן. עפּשער הונדערט צוואנציק פראָצענט! וויִאזוי זשע קען זײַן הונדערט און צוואנציק? עפּשער וועגן איבער די ווײַבער מיט די קינדער? נאָר די קעלט האלט זיי מער אין געבײַדע. שלאָפקײַטן. שלעכט אָנגעטאָן... מערער זײַנען דאָ ייִדן פון די פוילישע געגנטן. ס׳איז נאַטירלעך.

די רעפּראָדוקטאָרס בא די דעכלעך האָבן לעם זיך לאָמטערנס. די לאָמטערנס לויכטן. די רעפּראָדוקטאָרס הילכן. דער קאָפּ איז פארדולט. און אזא פּראָסטע זאך, ווי שלאָפן — גלוסט זיך. און קאלט איז מיר קימאט אומעטום! אין פּלייצע, אין די פיס, אין די אקסלען, אין די הענט, אין פּאָנעם. דאָס ווינטל איז נאַטירלעך פארן דרויסן, פארן הויף. עס איז אָבער אומהיימלעך פארן מענטשן. נאָר די פּעקלעך דאַרף מען היטן. דאָס איז דאָך, מישטיינסגעזאָגט,

באלעבאטישקײַט פאר פיר מענטשן. אף טאָג און אף נאכט, אף זומער און אף ווינטער. געלעגערס, שוכן און קליידן, און עסן דארף מען דערווײַל אויך פונדאַנעט... בידנע. זייער בידנע. ניט איינער האָט זיך שוין געכידעשט, וויאזוי קען א מישפּאָכע פון פיר מענטשן ניט האָבן קיין פאָר רובל אין א נויט. האָב איך איין ענטפער דערויף: בלײַבן באַם דײַטש האָבן מיר ניט געטאָרט. קיין כילעק ניט, צי האָסטו יאָ, צי האָסטו ניט קיין געלט.

די רעפּראָדוקטאָרס הילכן... זיי ווייסן ניט פון קיין הונגער, ווייסן ניט פון קיין קעלט. ס׳גלוסט זיך זיי ניט שלאָפן. זיי האָבן אין מעשעך פון די דרײַ שאָ, וואָס איך דריי מיך דאָ ארום, שוין עטלעכע מאָל איבערגעכאזערט עפּעס איינס און דאָס זעלבע. איך ווייס נאָר ניט וואָס. דער קאָפּ נעמט ניט אוף. ס׳איז קאלט, ס׳שלעפערט מיך. און דו וועסט גלייבן? ס׳איז ערשט נײַן אזייגער. אפילע נאָך קיין פולע נײַן ניטאָ. איצט גיי פארשטיי, וואָס סע הייסט א ווינטערדיקער אָוונט. ער ציט זיך אויס, ווי אן עמעסע אייביקײַט. איך האָב פארגעסן, אז איך געפין זיך אין א מיט שטאָט, א גרויסער שטאָט, וואָס האָט אזויפיל צו טאָן און צו זאָגן.

און איך מיין, אז איך בין עפּעס אף א פוסטן שטיק פלאץ, וואָס איז באלאָדן נאָר מיט לאמטערנס און מיט הילכערס. א הונט איז לעם מיר דורכגעלאָפן, האָט א שמעק געטאָן און איז אוועק ווײַטער. ווען־ניט־ווען שטעלט זיך צו אן אינוויַיניקסטער דורכגייער, ווי ער וואָלט געגאנגען פון מינכע־מײַרעוו, און פרעגט מיך עפּעס... ווי שלעפערדיק און דערפרוירן איך זאָל ניט זײַן, דארף איך נאָך זײַן קלוג דערצו... ניט דערציילן אלץ דעם, וואָס פרעגט. איך קען אים דען און ווייס אים, ווער ער איז? פארוואָס זע איך ניט דעם שאָפער? אָן־אָ עפּנט מען דעם טויער, אָן־אָ פאָרט עמעצער ארײַן. שפּעטער פאָרט עמעצער ארויס. צי דען האָט ער אין מיר פארגעסן, פארגעסן, אז איך בין דאָ ערגעץ אף דער וועלט?

איך צי ארויס פון קעשענע א פאָר ביסנס פארפרוירן ברויט. איך קײַ און שלאָף. איך גיי ארום און שלאָף. איצט פארשטיי איך שוין, וויאזוי מיליטער־לײַט פאָרן אף פערד און שלאָפן צומאָל אײַן. דער שלאָף האָט אין זיך אויך א קויעך... אָבער איך גיי דאָך ארום. איך טאַפּ זיך בא די צעפרוירענע הענט. איך טאַפּ זיך בא דער נאָז. בא די באקן. ניין. די פּעקלעך, וואָס ליגן פאר מיר, וואָס איך בין צו זיי צוגעבונדן מיט אומגעזשזעענע שטריק, זײַנען ניט קיין פּירעקיקע. זיי האָבן קײַלעכיקע, לעבעדיקע קאָנטורן. פון יעדער זײַט זע איך פאָר זיך א געזיכט... א גרויס שיין געזיכט... א שטיקעלע מוירע נעמט מיך אָן, — ס׳איז מײַן מאמעס געזיכט! — א נאָז. אויגן. א גאנץ פארענדיקט פּאָנעם. נאָר א גרויס. פיר מאָל, פינף מאָל גרעסער, ווי א געוויינלעך מענטשלעך פּאָנעם. ס׳איז אָבער דער מאמעס פּאָנעם. איך מוז צו דעם צופאַלן און עס קושן.

נו, גיי שוין! — מונטער איך זיך אוף. — איך בין דאָך אין דער געגארטער שטאָט. ס׳איז דער הויף פון עוואקאָפּונקט. א געראַמער, אף נאכט פארשטילטער הויף. א הויף מיט קאזארמעס, וואָס האָבן מיר געוואָלט געבן א שטיקל היים. האָבן מיר ניט געוואָלט. מיר זײַנען געוווינט געווען צו בעסערס.

און ווידער פארוואנדלען זיך די טשעמאָדאנעס און וואליזעס אין גרויסע, ליכטיקע, טײַערע פּענעמער, און אלע פּענעמער האָבן איין פּאָרם, איין אויסדרוק, איין בליק. א גרויס, א ריזיק, מאַמיש פּאָנעם. מײַן מאמע. מײַן טײַערע מאמע! וויאזוי פאל איך צו צו דיר? וויאזוי קוש איך דיך? און די קני שטרויכלען זיך צום פאלן. אָבער פאלן טאָר מען ניט. ווען דו ווילסט, קענסטו זיך צוזעצן אפן ברעג פון א ווייך פּעקל. אָבער דו ווייסט גוט, אז מע האָט דיך איבערגעלאָזט וואכן. זעצסטו זיך נאָר אוועק, אזוי וועדסטו גלײַך אנשלאָפן... הייסט עס, אז צוויי־דרײַ שאָ פון א ווינטעריקן אָוונט אין א פוסטן הויף, אין א פרעמדער שטאָט זײַנען אויסגעוועבט פון מינוטן און יעדע מינוט איז עפּעס אזוי לאנג, ציט זיך אזוי אויס, אז אן אייביקײַט איז קעגן זיי א שפּיל. פּענעמער, בלויז פּענעמער הייבן זיך אָן פון א בלייכן שאָטן און פילן זיך אָן מיט קאָליר און מיט לעבן. אָט איז עס שוין א זאפטיק גרויס פרויִש געזיכט מיט לעבעדיקע אויגן. ס׳איז מײַן מאמעס געזיכט. טרייסל זיך אָפּ, אײַזיקל. טרייסל אָפּ פון זיך דעם שלאָף, דערמאָן זיך, וויאזוי דו האָסט דערלעבט ארײַנקומען אין לאבינקע צו די אײַזנבאנער אין עשעלאָן. ביסט דער גליקלעכסטער אין דער וועלט, ווײַל מע האָט דיך גענומען. דו ביסט שוין אין באַן. וועסט פאָרן. ווידער דער מאמעס פּאָנעם... טאָרסט ניט שלאָפן. גיי ארום. טופּע מיט די פיס. דערמאָן זיך אינעם שעפּס מיטן אָפּענעם אויג פול מיט צאר. וואָס אפילע נאָכן בלוט, וואָס האָט א יאָג געטאָן פונעם איבערגעשניטענעם האלדז, איז עס געבליבן אָפּן און אָנגעגאָסן מיט צאר. די מאמע. אך, טײַערע מאמע! ווי דו ביסט גוט צו מיר. איך ווייס גאָרניט, צי וועל איך ווען־עס־איז נאָכאמאָל, כאָטש נאָך איין מאָל האָבן א מעגלעכקײַט דיך זען אזא, א יונגע, א פּעסטע, א זיכערע, א שיינע! עמעס, אָן א גוף, אָן א פּאַטשיילע, אָן קליידער, בלויז א פּאָנעם. א גרויס, יונג, שיין פּאָנעם.

איך האָב אַן אייַצע, אַז כ׳זאָל ניט שלאָפן: אָנרײַבן זיך די הענט מיט שניי. אַז איך וועל זיי צעווישן, וועלן זיי אויך זיך דערוואַרעמען. און איצט קען איך קלערן פון מײַן מאַטיען אַף יענער סטאַנציע, אינעם וואַרעם אָנגעהייצטן וואַגאָן־שטיבל אירן. די פּליטע איז געווען רויט צעגליט פון די רויט־צעגליטע פלאַמיקע שטיינקוילן. זי איז געגאַנגען אין טונקעלע ריינע וואָלענע זאָקן (אָן שיך) איבערן ריינעם דיל. זי איז אײַנגאַנצן א שלאַנקע, א ריינע. זי טרײַבט מיך ניט פון זיך. זי איז מײַן גאָט, זי איז מײַן ליבע. איך וועל לערנען מיט איר ייִנגעלע, ווען ס׳וועט קומען פון שול. איך וויל זי אַזוי ליבן, אַז זי זאָל מיך קיינמאָל ניט אָפּשטויסן פון זיך, אַזוי ווי איצט. א סימען, אַז זי געפינט עפּעס אין מיר, אַז זי גלייבט אין מיר. איר גרויס הארץ איז מער ווי א מענטשלעך הארץ, און סײַווי איז זי אין איר ריינעם אָנטאָן, מיט אירע שלאַנקע אייוורים — א פרוי. א געגאַרטע פרוי. כאָטש זי אַרבעט אין ציסטערנעס, אין גרויסע קויטיקע ציסטערנעס. קען זי אַפילע איר שווערע אַרבעט מאַכן ליב? ווי רײַך וואָלט איך לעם איר געווען אין אַזוינע גרויסע ווינטערדיקע אָוונטן. זי איז פאַר מיר אײַנגאַנצן, און איך פאַר־אירעטוועגן וואָלט מיט גאָטס הילף אויך עפּעס געווען. זי האָט דאָך מיך ניט אָפּ־געשטופּט בא מײַן גאַנצער נעבעכדיקער וואַכעדיקײַט. און האָט מיך געלאָזן קושן איר גרויסע, ריינע ליבע האַנט. וואָס בין איך ניט גרייט אָפּצוגעבן פאַר אַזא מין האַנט, פאַר יעדן פינגער אירן!.. טײַערע געטלעכע פרוי מײַנע. זינט איך קען פרויען, ביסטו איינע. דיר וועט קיינמאָל ניט זײַן שלעכט. דו ווייסט עפּשער פון דעם ניט, נאָר קיין שום בייז אין דער וועלט טאָר איבער דיר קיין שליטע ניט האָבן. מאַטיע טײַערע! דערהויבענע, ליבע און גרויסע! יעדעס ווינקעלע, יעדעס טיילעכל פון דײַן אַנטפּלעקט לײַב וואָלט איך געמאָסטן און באַדעקט מיט די צאַרטסטע קושן, און דיר בין איך טײַער, ווײַל דו האָסט דערקענט אין מיר דײַן ערלעכסטן איבערגעגעבענעם אונטערטעניקסטן קנעכט, און אַזוי־ווי ס׳לעבט נאָך אין מיר א מענטש, בין איך דיר מיט דעם אַליין טײַער. אַך, ווי גוט ס׳איז, ווי גליקלעך איך בין, וואָס דו ביסט ערגעץ דאָ. די זײַטן פון די פּעק הייבן זיך אָן אויסבילדן פאַר מײַן בליק אין פּענעמער. איר ווייסט ניט? ס׳איז פאַר מײַן פאַרמאַכטן בליק, צי פאַרן אָפּענעם? גרויסע לעבעדיקע פּענעמער. די רעפּראָדוקטאָרס זעגענען זיך שוין מיטן זייגער־געקלאַנג, מיטן הימן פון האַלבער נאַכט. צי דען איז שוין אויס מאַשין, אויס וואַרטן אַף עפּעס א יונגנמאַן, וועלכן איך קען ניט און איך ווייס ניט? נאָר אָט איז ער געקומען צו מיר.

מיר האָבן אַרופגעוואָרפן די זאַכן אַף דער מאַשין. איך האָב פאַר אים צוגעגרייט עפּעס פּאַפּיר־געלט אַף געצאָלטס. האָט ער ניט געוואָלט נעמען. איך האָב אים, דוכט זיך, געזאָגט, אַז דאָס געלט איז ניט מײַנס. ס׳איז זײַנס. פאַר אים אָפּגעלייגט נאָך פון פאַרנאַכט. דער טויער, וואָס האָט אונדז אַרויסגעלאָזט, האָט זיך נאָך אונדז פאַרמאַכט.

די זאַכן זײַנען צו ווינציק פאַר אַזא גראַמער מאַשין. איך בין אַליין און בין אויך זייער ווינציק.

ווײַטער ווינטער. ווײַטער פרעמדע גאַסן. ווײַבאַלד איך פאָר איבער זיי, בין איך זייערער און זיי זײַנען מײַנע. עפּעס איז שוין דאָ אַזא אומגעשריבענער געזעץ. דער „גיך" איז קיין גיך ניט, נאָר קיין „לאַנג" איז דאָ אינגאַנצן ניטאָ. אָט האָט ער פאַרקערעוועט און מיך צוגעפירט צום קאָלווירטלער־הויז. דאָס, וואָס איך ווייס נאָך ניט, ווייסט ער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף א גאַס אַנטקעגן די טויערן פונעם גרויסן אײַנפאָר, ניט לעם סאַמע אײַנפאָר, נאָר לעם עפּעס א שטיבל קעגניבער דעם אײַנפאָר. ער האָט מיר געהאָלפן אַראָפּגעבן די זאַכן און האָט נאָך מיך באַדאַנקט, זיך נאָך פאַר מיר אַנטשולדיקט. ווּהין איז ער פאַרשווּנדן אין דער נאַכט? ס׳איז גוט, וואָס ער האָט אָבער געהאַלטן פאַר זײַן כויוו מיך, א פרעמדן מענטשן, צו־זען מיט עפּעס. צוזאָגן, געדענקען און אויספירן דאָס צוגעזאָגטע. מערער קען איך אים ניט און ער — מיך. נאָר געדענקען איינס דעם צווייטן פון א פאַרבײַגעלאָפענעם מאָמענט וועלן מיר עפּשער אייביק.

דאָס הײַזל איז געווען א קאַמער פאַר געפּעק. דאָרט איז געווען ליכטיק. דאָרט איז א פרוי א יונגע געזעסן פאַר איר טאַמבאַנק. זי האָט מיך ווינציק אויסגעפרעגט, צוגענומען בא מיר די זאַכן מיט א צאָל, מיט א וואָג, מיט א וואַרן־צעטל. צעצאָלט האָב איך זיך פאַר אַכט טעג פאַרויס. וואָס דאַרף איך דאָ נעמען? גאָרניט. וואָס דאַרף איך ווײַטער טאָן? איך ווייס ניט. דאָס מיידל האָט מיר דערקלערט, אַז מע וועט מיך אין דעם גרויסן אײַנפאָר אַזוי ניט אַרײַנלאָזן. איך דאַרף פריִער אַראָפּגיין אונטן און צונעמען א באָד, „אויסברענען" די זאַכן (מײַן מאַלבאַשע, הייסט עס). ערשט דאַן וועל איך זײַן קאָשער און רעכט פאַרטיק.

איך בין אַראָפּ אונטן. מע האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳איז שוין שפּעט. ווו בין איך פריִער געווען?.. איך דערצייל זיי: פאַמיליע, זאַכן, דאָס, יענץ, געגנדז, שמענדז...

— גוט. די זאַכן וועט מען מיר אויסברענגען. צום וואַשן זיך? קאַלטע וואַסער איז דאָ. וואַרעמע — ווער ווייסט...

נו, גוט.

און שטעלט אײַך פֿאָר, איך בין ניט דער לעצטער פּאַרשפּעטיקטער. ס׳זײַנען פֿאַראַן נאָך מענטשן אָנגעפּאַרענע. איך האָב זיך אויסגעטאָן. מײַן העמד איז שוואַרץ, ווי די ערד. מײַנע פּיס זײַנען ביינער. מײַנע הענט זײַנען שטעקלעך. די זאַכן מײַנע האָב איך אָפּגעגעבן. מע האָט זיי צעהאַנגען און אַוועקגענומען אין אַן אויוון אַרײַן. וואָס וועט ווערן פֿונעם פּוטער־נעם קאָלנער אַפֿן מאַנטל? מײלע, זאָל שוין ווערן וואָס ס׳וועט ווערן...

איך וואַש מײַן דאַר לײַב מיט קאַלטלעך וואַסער. ס׳איז טונקל. ס׳איז קלאָגעדיק אַרום און אַרום. עמעס, דער שלאָף איז פֿון מיר ווי־עס־איז אַוועק...

איצט דאַרף מען שלעפּן אַפֿן מאָגערן לײַב דאָס שוואַרצע, צוגעטריקנטע וועש. איך האָב ניט פֿאַרכאַפּט קיין האַנטעך. דאַרף מען זיך נאָך מיט דעם שײַנעם וועש אויסווישן אויך. ס׳איז מיר גוט, מאַמעלע, אַ מעכײַע. נאָר אָנגעטאָן בין איך שוין. מײַן פּוטערנער קאָלנער קנאַקט פֿון האַרטקײַט און וואַרעמט. איצט קען איך שוין גיין אַרויף, צו מײַן פּלאַץ אויף דער בינע. צו מײַנע נאָענטע און ליבע... יאָ. דו קענסט שוין גיין, אײַזיקל. גיי. גיי. טײַערער. דו ביסט שוין דעם געהענעם דורכגעגאַנגען. איצט גיי און נעם שוין די פֿאַרדינטע רו.

דורכוואַנען גיין? — נאַטירלעך, איבער די פֿינף טרעפּלעך זיך אויפֿהייבן און איבערן דיל טרעטן מיט די פּיס. ריכטיק? — ניין. אײַזיקל, נעם אָקאָרשט די אויגן אין די הענט. זײַ אַ בעריע און זוך פֿרײַער אויף אַ דיל. ניטאָ קיין דיל. ווי אויף דער וועלט ניט געווען! ס׳איז דאָ אַ דעק, אַ דורכויסיקע דעק פֿון אויסגעלייגטע מענטשן. ניטאָ ווו אַ פּוס אַוועקצושטעלן!.. און באַטאָג איז דאָך דאָ געווען אַזוי ליידיק, אַזוי פֿרײַ!.. אי לופֿט פֿרײַע, אי רוים פֿרײַער. און דאָס אַלץ, וואָס דו זעסט פֿאַר זיך, האָט די נאַכט געבראַכט...

נו, אײַזיקל!.. איז שוין באָו מאָים אַד נעפֿעש[1], צי ס׳נאָך ניט דאָס? טו גוט אַ קלער. ס׳קען נאָך ערגער זײַן?! און איך דערזע אין ווינקל אַ שטולעכל. אַן אינדזל פֿון גליק. לעם שטולעכל שטייט אַ נאַכט־שאַפּקעלע. איך דערלאַנג זיך מיט ניסים אַהין. איך צי קוים אַראָפּ דעם מאַנטל פֿון זיך. שפּרייט אים אויס איבערן נאַכט־שאַפּקעלע. אויפֿן בענקל — דער מאָ־גערער הינטן. אויפֿן שאַפּקעלע — די עלנבויגנס, דאָס פּאָנעם, דער קאָפּ אויף די הענט. די הענט זײַנען דאָך אויסגעוואַשענע. די אויגן מאַכן זיך צו מיט אַ מידער ביטערקײַט, נאָר די ביי־טערקײַט איז דיר זיס. איך בין פֿרײַ פֿון מײַנע פּעק. די פּעק האָבן זיך אויף אַ ווײַלינקע אָפּגעבונדן פֿון מיר. שלאָף, מײַן טײַערער, אָט דאָ, ווו דו זיצסט, און זאָל זיך דיר כאָלעמען, וואָס ס׳וועט זיך שוין טרעפֿן. דאָס שטולעכל איז קייסערלעך. דאָס שאַפּקעלע צום אָנשפּאַרן די עלנבויגנס און דעם מידן קאָפּ איז אַ הימלשער גאַניידן. עטעם אָפּ צו זאַט, און זאָל דיר ווויל אײַנגיין.

אַרום נײַן אינדערפֿרי זײַנען דווירל מיט די קינדער געקומען פֿון גאָרקיך, וואָס אינעם זעלבן אײַנפּאָר. ס׳איז מיר ליב צו קוקן אויף זיי. מיר האָט מען געגעבן אין אַ גרויסן טעלער אַ קליינע פּאָרציע קאַשע, איך האָב אויפֿגעגעסן, באַדאַנקט, און זיי האָבן מיך אַוועקגעפֿירט צו „זיך״ שלאָפֿן.

מע האָט מיך אײַנגעדעקט. טאַקע ווײַטער אויפֿן דיל, נאָר בײַ דער זײַט בינע. דאָס איז שוין אַ מאַדרייגע. אין אַ שאָ אַרום בין איך אַוועק זיך אָפּראַזירן, און פֿון דאָרטן וועלן מיר ערגעץ גיין.

די שערערײַ איז אַ גרויסע, אַ ליכטיקע, אַ גרויסשטאָטישע, עפּשער אַפֿילו „אַן ער־שטער קלאַס״. דער מײַסטער, וואָס איז געשטאַנען לעם דעם פֿרײַען שטול, איז אַ ייִדישער יונגערמאַן. ער איז, ווי די מערסטע טייל שערער, באַריידעוודיק. נאָר ער באַטראַכט מיך, ווי ער וואָלט ניט וויסן, וויאַזוי צו מיר צוגיין. איך האָב אַ פּיר געטאָן מיטן בליק ווי אומגערן איבערן שפּיגל, וואָס איז די גרייס, ווי אַ פֿעלד, און האָב אויך ניט דערקענט, ווער ס׳זיצט אַנטקעגן מיר: מאָגער, באַוואַקסן און דעריקער פֿאַרפּינצטערט. שטאַרק פֿאַרכוישעכט.

איך האָב זיך אָפּגערופֿן צום שערער אין ייִדיש און דאַפֿקע מיט אַ שמייכל. אייגנטלעך, וואָס דאַרף מיר, כאָלילע, זײַן אַזוי שלעכט אויפֿן האַרצן. איך האָב זיך דאָך דערלאַנגט צו דער יאַבאָשע. די כוואַליעס וואַרפֿן שוין מיך ניט אָן ראַכמאָנעס. דאָ וועל איך שוין קענען קומען צו־זיך.

---

[1] דאָס וואַסער איז דערגאַנגען ביזן האַלדז.

דער שערער האָט אויך געענטפערט מיט א שמייכלדיק וואָרט. מיך אָנגעהויבן אויסצו־פרעגן, ווער איך בין, פונוואַנעט איך פאָר, וויפל זײַנען מיר. ער האָט פאַר מיר אָפּגעזוכט א שטיקל נישטיק לײַלעכל. ער איז צעמישט און ווייסט ניט, צי דאַרף ער דעזינפעצירן די שער מיט דער שער־מאַשינקע פאַרן שערן מיך. גיכער וואָלט ער עס דאַרפן טאָן נאָכן שערן. איך גופּע באַטראַכט זיך אין אָפענעם גראַמען שפיגל איבערגעהיפערטערהייט. א קוק געטאָן און אָפּגעקערט דעם בליק. כאַטש איך כאַפּ אן אָנבליק אין מײַן מאַמען, וואָלט איך דאָך ניט וועלן, זי זאָל מיך זען אזא... סײַווי שמייכל איך. דער שמייכל איז זיס, זיס, נאָר אַפן סאָף ביטערלעך.

ער, דער שערער, האָט, לאָזט זיך אויס, באַקאַנטע „בעזשענצעס". „בעזשענצעס" — דאָס זײַנען מערסטנטייל יידן — סאָוועטישע און פּוילישע און בעסאַראַבער. זייער גורל איז מײַ־נער. מײַן גורל איז זייערער. כאַטש אויך דאָ, אין דעם געמיינזאַמען גורל, ווען מע צעגלי־דערט אים, שיידט זיך אונטער איינעמס גורל פונעם צווייטנס. ס'איז צווישן זיי דאָ א כילעק, ווי פון טאָג ביז נאַכט. איינע זײַנען הונגעריק און נאַקעט, פרירן און קומען אָפּ, און בא א צווייטן זײַנען שוין דאָ פאַרהענגלעך אַף די פענצטער, א טישטעך אַפן טיש און א הענגלאָמפּ אונטער דער סטעליע.

— מײַנע גראָווע און שוואַרצע האָר פון איבער דער שער זײַנען שוין אַף א בלעכערן לעפל, וואָס די צוראַמערן האָט צוגעקערט, זי קוקט מיך אויך אָן, ווי אַן „אַנדרויגענעס": ניט קיין שטאָט, ניט קיין דאָרף, ניט קיין בעטלער און ניט קיין מענטש... מײַן מאָגער פּאָנעם איז שוין אויך אויסגעגאָלט. איך בין קייסער אנטקעגן דעם, וועלכער האָט זיך אומגעדרייט אין קאַלטן פּוסטן הויף פון עוואַקאָפּונקט מיט די ליכטיקע לאַמטערנעס און מיט די הילכיקע הויכרײדערס. ניין. איך דאַרף זיך איצט ניט נעמען צום האַרצן. איך מעג שוין אפילע עפּעס אָנהייבן טאָן.

פון יעדער אונטערנעמונג (נאָך אפילע אין קיִוּו זײַענדיק) האָב איך ליב זיך פריִער אומקערן אהיים, א קוק טאָן, וואָס הערט זיך אין שטוב, דערציילן, ווו איך בין געווען, און ערשט דערנאָכדעם קען מען שוין גיין טאָן דאָס ווײַטערדיקע.

די גאַס פון אונדזער אײַנפאָר איז א גרויסע, קימאַט א צענטראַלע. דער נאָמען פּאַסט איר: גאָרקי־גאַס. אי א גרויסע, אי איינע פון די צענטראַלע, נאָר ניט קיין געפּוצטע. דאָ טראַסקען דורך פאַרן טאָג א סאַך בינדיוגעס מיט שווערע מאַסאָעס פון אײַזנוואַרג, פּעסער, קאַסטנס, פּעק.

גראָבע, שווערע פערד טרעטן מיט קויעך אַף דער געפּלאַסטערטער ערד און שלעפּן זייער פּראַכט גאַנץ ערנסט. דאָס אײַזן בריאַזגעט. און דער אײַנפאָר שטייט אַף א ראָג. אויב איין גאַס הייסט „גאָרקי", הייסט די קווערע, וואָס האַקט איבער די גאָרקי־גאַס, — וואָלזשסקע. אונדזער שטאָט שטייט דאָך אַף דער וואָלגע. אהינצו גיי איך נאָך ניט. פריִער דאַרף מען צו־גיין אין דער היגער אָפּטיילונג פון שרײַבער־פאַריין און אין א רעדאַקציע אַרײַן, וואָס גע־פינט זיך אינעם זעלבן הויף.

צו קיין כאַרפּע, צו קיין בושע זאָל אונדז ניט זײַן, אין רעדאַקציע האָב איך גאָרניט באַוויזן אופּצוטאָן. דערזען דעם בופעט־צימער אָפן, האָב איך פאַרשטאַנען, אז אהער דאַרף מען געוויס פאַרקערעווען.

נו, וואָס? ס'איז שוין נאָך אלע הײַעמס. דאָס מיידל, אינעם ווײַסן כאַלאַט, וויל שוין אונ־טערפירן א כעזשבן, וואָס זי האָט אָנגעלייזט, ווער ס'איז איר. געבליבן שולדיק, וואָס מע דאַרף באַזאָרגן אַף מאָרגן. מיך דערזען, ענטפערט זי מיר, נאָך איידער איך האָב בא איר עפּעס געפרעגט:

— שוין גאָר ניטאָ. איין בוטערבראָד געבליבן. און קיין צוקער איז שוין אויך ניטאָ.

— אָבער אָקרעפּ א גלאָז קען מען בא אײַך בעטן.

א וווילע פרוי, א באַטאַמטע. און זאָל איר גאָט געבן געזונט, סאַראַ מענטשלעך האַרץ זי פאַרמאָגט. זי האָט מיר אָנגעגאָסן א גלאָז עטוואָס קאַלאַמוטנע טיי, נאָך גוט וואַרעם. פאַרן בוטערבראָד האָב איך געבעטן א פּאַפּירל, איך וויל אים דאָ ניט עסן. פאַרן אָקרעפּ האָט זי קיין געלט ניט גענומען. איך טרינק לעם איר טאַמבאַנק. איך געדענק ניט, צי האָב איך אמאָל ווו־עס־איז געפילט אזא כיעס אין א גלעזל וואַרעמס! פון א גרויסן סאַמאָוואַר אָנגעצאַפּט. פון אַן עמעסער גלאָז טרינק איך א וואַרעמען, קימאַט היימישן, געטראַנק, וואָס א וווילע פרוי האָט מיר דערלאַנגט.

...ריבוינעשעלוילעם, וויפל דאַרפסטו דען, זאָלסט מאַכן גוט דער קליינינקער קיִעווער מיש־פּאָכע?! —

איך האָב זיך אליין גלײַך געכאַפּט אין א קליינעם פאַרזען: א גאַנעפעץ איז געקומען צום

גאַלעך זיך מיסוואַדע זײַן אין די פּאַרפּיסעך־טעג: ער האָט צוגעגאַנוועט א בײַטש מיטן בײַטש־שטעקל. דער גאַלעך האָט אים באַרויִקט, אַז די זינד איז ניט אַזוי גרויס, גאָט וועט אים מוחל זײַן. די בײַטש מיטן בײַטש־שטעקל זאָל ער נעמען און אוועקשטעלן שטילערהייט דאָרט, ווו ער האָט זי גענומען. אָבער דער גאַנעוו איז נאָך ניט פאַרטיק. לעם דעם בײַטש־שטעקל זײַנען נאָך געווען א גוטע פּאָר לייצעס... און לעם די לייצעס א טײַער פערד... דער באַלעבאָס פונעם פערד האָט זיך צופיל געראַנגלט, האָט ער, דער גאַנעוו, אים מיט א צו שטאַרקן זעץ אונטערן האַרצן אומגערן געהאַרגעט. זײַנען דאָרט געבליבן יעסוימים...

דער גאַלעך איז געווען געפּלעפט.

איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז בא מיר הייבט זיך אויך אָן פון א קלייניקײַט. וואָס דאַרף דען מײַן קליינינק מישפּאָכעלע? א ריינע גלאָז טיי... א ריינעם געלעגער... אָן אייגענעם דאַך איבער קאָפּ און... עפּשער גאַר צוריק אין קיִעוו בא זיך אין דער היים, אף לענין־גאַס, נומ. 68...

דער פּאַרזיצער פון דער היגער שרײַבער־גרופּע מעלדעט מיר, אַז קיין דירע קענען זיי מיר ניט געבן. וואָס שײַעך ברויט, איז ווי נאָר איך וועל זיך אײַנמעלדן אין סאַראַטאָוו, וועל איך האָבן א ברויט־קאַרטל, ווי א מיטגליד פון שרײַבער־פאַריין.

אכט טעג האָבן מיר אָפּגעווינט אינעם קאָלווירטלער־הויז. דווירען מיט די קינדער האָב איך אײַנגעאָרדנט אין א צימער מיט בעטלעך. זײַנען זיי שוין בא מיר קייסאָרים. איך בין געבליבן אינעם אַלגעמיינעם זאַל. שכיינים האָב איך אַלע טאָג, אפן דיל, פאַרשיידענע. ווען שטילע, ווען אומדערטרעגלעכע, כאָטש הייב זיך אוף אינמיטן באַנאַכט און גיי זוך זיך צו אָן אַנדער פרײַ פּאַסיקל ערד, ווו מע קען זיך צושפּאַרן.

דער באַלעבאָס פון אונדזער אײַנפאָר איז א יונגער, גרויסער, ברייטפּלייציקער באָכער. אויב 25 יאָר איז א סאַך. ווען איך, א מענטש פון וואָסערע 45 יאָר, מיט זייער א שוואַכער ריִע, שעם זיך, ווען איך שטיי נאָך ברויט צווישן א סאַך פרויען, שעם זיך, וואָס איך בין ניט אף דער מילכאָמע, און ווען איך זע, ווי מע פירט איבער פון א וואַגאָן די פאַרוווּנדעטע, מיין איך, אַז איך בין שולדיק יעדן איינעם כאָטש א טייל האַנט, כאָטש א פינגער פון א פוס, מיט וועלכער ער האָט זיך שוין געזעגנט אף אייביק. איז ווי שעמט זיך עס ניט, טראַכט איך בא זיך, אַזא באָכערעץ זיצן אין הינטערלאַנד? אויב אפילע ניט אפן פראָנט, קענסטו ניט אַרבעטן אף א זאַוואָד? אפילע לייבעלע, מיט זײַן קינדעריש פאַרשטאַנד, האָט א זאָג געטאָן: א געזונ־טער אַרטילעריסט. און אָט דער דאָזיקער ווערגעלעץ אין דער וואַרעמער פּוטערנער קורטקע פאַרגינט זיך אין איינעם א פּרימאָרגן אונדז פּירצוהאַלטן: צי קלײַבן מיר זיך נאָך לאַנג בא אים וווינען?..

ס'איז זײַן טאַטנס יערושע אוואַדע? ער האָט דאָ אַרײַנגעלייגט א גרויסן קיילעק. און עמעצער קען נאָך מיינען, אַז ער שענקט אונדז אָדער ער באָרגט אונדז דאָס דירע־געלט.

איך האָב אים געענטפערט, געקומען זײַנען מיר אַהער ניט פאַר נאַכעס. ביז מירן קריגן וווּ צו וווינען האָבן מיר דערווײַל אין ערגעץ ניט ווו צו גיין. סאָפּקאָלסאָף האָט ער א ביסל אַראָפּגעלאָזן זײַן שטעל און זיך פאַרענטפערט, אַז דאָ האָט די מיליציע צו שאַפן — ניט ער... האָב איך אָנגעגורט די לענדן און בין אוועק אינדערפרי אין מיליציע אַרײַן.

א שרײַבער־מישפּאָכע. ווינטער, דאָס, יענץ. א דאַנק גאָט, מע האָט גאָרניט געדאַרפט קיין סאַך ריידן. דער מיליציע־עלטסטער האָט פאַרלענגערט אונדז דעם אײַנפאָר נאָך אף צען טעג.

די היגע שרײַבער קענען פאַר אונדז גאָרניט ניט טאָן בא זייער גאַנצער גרייטקײַט. ס'זײַ־נען, אייגנטלעך, דאָ גאָר קיין שרײַבער ניטאָ. און די, וואָס זײַנען דאָ, ריידן מיט מיר שטיל, אָנשטענדיק, און זיי פאַרבאַהאַלטן ניט פון מיר זייער אומבאַהאָלפנקײַט.

— ווענדט זיך, — זאָגן זיי מיר, — עפּשער צו באַזשאַנען. זײַן פרוי ווינט איצט אין סאַראַטאָוו, און ער דאַרף דאָ אויך זײַן די נאָענטסטע טעג.

באַזשאַן — דאָס איז שוין אָן אָפּגעעפנטער פענצטער צו דער פרײַער לופט. ס'איז א רע־טונגס־אינדזלעלע. וויפל איז גלאַט ווערט דערזען א היימישן מענטשן אין דער ווײַטער רוסי־שער שטאָט?..

דווירעס מיט די קינדערס אַלקער, ווו זייער בעטל געפינט זיך, צווישן נאָך עטלעכע פּרויִשע בעטלעך, זעט מיר אויס קעסיידער, ווי א ביידער פון א קראַנקן־הויז. צוויי מאָל אין טאָג עסן מיר אין דער גאָרקיך. ס'איז אָרעם און וואַכעדיק. דאָך איז עס פאַר אונדז א שטיקל גאַסטדינסט, ווען מיר קלײַבן זיך אוף און גייען אַלע אינפּירן אהין דורך די דרויסנדיקע טרעפּ. מיר פאַרנעמען איין טישל. אף יעדער טעלער — א ביסעלע הייסע קאַשע. ווען היר־

זשענע, ווען גערשטענע. מיר עסן לאַנגזאַם. אַן אַנדערשמאָל פֿאַרגינען מיר זיך נעמען צו צוויי פּאָרציעס קאַשע. דאָס איז שוין אַ הויצאָע. בעסער נעמען אַף פיר מענטשן זעקס פּאָרציעס און פאַרגרעסערן מיט דעם יעדערן זייַן כיילעק. נאָכן עסן טראָגן מיר אָפּ אונדזערע רעשטן אין שטוב אַרייַן. מיר זאָגן אָן די קינדער וואָס צו טאָן, און מיר גייען מיט דווירען קוקן דירעס. אַ שאָ צוויי קענען מיר אויסגעבן דערויף, וויַיל מיר ווערן מיד ניט אַזוי פונעם גאַנג, ווי פון די אומזיסטע געענג.

איינמאָל האָבן מיר צופעליק פאַרבלאָנדזשעט אַפן מאַרק. מיר האָבן דאָרטן קיין זאַך ניט געקויפט און קיין זאַך ניט פאַרקויפט. מיר האָבן פּאָשעט באַטראַכט דעם פרעמדשטאָטישן און דעם פרעמדקאַנטיקן מאַרק. עפשער וועט נאָך אונדז אויסקומען דאָ אי צו קויפן, אי צו פאַרקויפן זאַכן, נאָר ניט פאַר נאַכעס.

פאַרשיידענע מענטשן זייַנען געווען אַף די בעטלעך און לעם דעם לענגלעכן טיש באַ דווירען מיט די קינדער אינעם גרויסן שלאָפצימער. יעדער פרוי — סייַ עלטערע, סייַ ייִנגערע האָט געהאַט איר געשיכטע, אירע פּאַסירונגען, אירע שקאַרמיצלעך מיט עסנוואַרג, אירע סלאַיִקלעך מיט רעפועס, אירע בריוולעך דורך פּאָטשט. צווישן אַלע אײַנוווינערנס אינעם פרויענצימער האָט זיך באַוויזן אַ ייִדיש מיידעלע פון אַ יאָר זיבעצן, עפשער ווינציקער. נאָר קיין וואָרט ייִדיש קען עס ניט. פאַרשטייט ניט און האָט עפשער עס קיינמאָל ניט געהערט (אין דעם זין, וואָס אויב אַפילע מעכאַניש געהערט, האָט עס צו איר קיין שייַכעס ניט געהאַט), אַ קליינס, אַן איידעלינקס. שוואַרצע, צעלאָזענע, נאָר ווינציק געקעמטע האָר. שוואַרצע, ליבע, שמייכלענדיקע אויגן, אַ ווויל פּענעמל. איינע אַליין. ניט קיין עלטערן, ניט קיין שוועסטער, ניט קיין ברידער, ניט קיין פרייַנט, ניט קיין אויסלייזער, ווי זי וואָלט זיי גאָר קיינמאָל ניט געהאַט. ניטאָ קיין וואַרעמער מאַלבעש אַפן לייַב. אַף די פיס שטעקשיכלעך אָדער קאַלאָשלעך, נאָר ניט קיין שיך. און אַ גרויל נעמט דיך דורך. די פיס זייַנען באַ דעם קינד אַרומגעפרוירן. קימאַט ווונדן, ניט קיין פיס. מיט די הענט איז אַ ביסעלע גרינגער...

פונוואַנען איז עס? ווי?אַזוי האָט זיך עס אַהער דערשלאָגן? ווי?אַזוי איז עס לעבן געבליבן? זי האָט דאָ אַ בעטל. דער אוילעם איז איר באַהילפיק.

אין אַ האַלבע שאָ אַרום. דאָס מיידל איז שוין געווען אין גאַס. דאָס מיידל איז שוין צוריק אין צימער. ס'טרעט פּאַרזיכטיק אַף די פאַרווונדעטע פיס און ס'עסט צוקערקעס (קאָנפעטן). קיינער פאַרשטייט עס ניט, אָבער אין קאַס קען מען אַף דעם דאָזיקן קינד ניט זייַן... מע האָט דאָך מיט איר ניט אויסגענומען אַף וואָס מע גיט איר געלט. עלע וואָס? ס'געפעלן איר קאָנפעטן, זאָל זייַן קאָנפעטן. זי באַהאַלט דאָך זיך מיט זיי ניט. אַן אַנדערע וואָלט געגעסן די קאָנפעטן ביגנייווע, ווו קיינער זעט ניט... ניין. זי גייט אַרום צווישן די בעטלעך אַרום דעם לענגעכיקן טיש. די ווונדן אַף די אָפּגעפרוירענע פיס טוען שרעקלעך וויי. די זאָקן דאַרף מען דערנאָכדעם מיט אַלע מיטלען אָפּווייקן, אָפּקלעפּן, נאָר דער שיינער קאָפּ האָר, דער יונגער בליק און דאָס גאַנצע קליינע געשטאַלטל רייַסן זיך צו פרייד. ס'איז אַ צאַר. ס'איז אַ רעטעניש. ס'איז אַ שיינקייַט. ווי?אַזוי רופט מען דיך, טאָכטער שיינינקע?.. וואָס טוט זיך עס מיט דיר און וואָס וועט פון דיר אין אַזאַ בעהאָלע־צייַט ווערן?..

ווער ווייסט?!

מיר טוט באַנק, וואָס מיר זייַנען ניט צוזאַמען. מיר זעען זיך אַ גאַנצן טאָג, נאָר מיר זייַנען דאָך ניט צוזאַמען.

לייבעלע זיצט אַפן בעט. לייבעלע אוןביילקע שפּאַצירן ווינציק. נאָר מיר פאַרהאָפן, אַז ס'וועט זיך אײַנלאַדען, לייבעלע וועט נאָך גיין אין שול אַרייַן. ביילקע וועט זיך נאָך געפינען אַרבעט. ס'וועט זייַן. ס'וועט נאָך אַלצדינג זייַן.

ווו נעמט מען אַ דאַך איבערן קאָפּ? עמעס, מיר זייַנען ניט אין דרויסן, אָבער דאָ וועט מען דאָך אונדז לאַנג ניט האַלטן. מיר זייַנען נאָך, אייגנטלעך, ניט פאַרעכנט אין דער דאָזיקער שטאָט. צווישן די הונדערטער טויזנטער נעמען אין די צעטלען אַף באַקומען שפּייַז־קאַרטלעך זייַנען נאָך אונדזערע נעמען ניטאָ. דאָס קינד אין בויך דאַרף זייַן צוגעפּעסטיקט צו דער מוטערס נאָפּל. אַנדערש וועט עס ניט האָבן פונוואַנען צי?ען כאַיונע אַפילע באַ דער מאַמען אין בויך.

און אָט זייַנען מיר שוין באַ באַזשאַנען. מיר, דאָס איז דווירע, אַ הויכע מאָגערע ייִדענע (אַליין איז זי ניט קיין ייִדענע, דווירל, זי איז אַ ייִדנס, דאָס הייסט מייַנס אַ ווייַב), און לעם איר איך — אַן אויסגעמאָגערטער ייִד, גאַנץ שלעכט געקליידט. ס'רעדט זיך אַזוי, באַ באַזשאַ־

נען... באַזשאַן איז אַן אַנגעזעענער מענטש, א פּאַרנעמע געשטאַלט אַף אוקראַיִנע. נאָר דאָ וווינט ער אויך אין א פּרעמדן צימער, אין איין צימער מיטן ווײַב און מיט א קרוויוע. אָבער אנטקעגן אונדז?.. ס'איז א צימער מיט א טיש, מיט א געוועקסלטן דיל, מיט פאַרהאַנגען אַף די פענצטער, מיט א טישטעך אַפן טיש. באַזשאַן און זײַן שיינע יונגע שטאַלטנע פרוי בעטן אונדז — עפּשער וועלן מיר מיט זיי אויסטרינקען א גלעזל וואַרעמס.

מיר האָבן זיך אָוועקגעזעצט באַ א זײַט און מיר האָבן דערציילט: אַז ביילקעלע, די טאָכ־טער מײַנע, איז פאַרשלאָפט געוואָרן אין באַטײַסק, זײַנען מיר אָפּגעשטאַנען פון אונדזערע...

— יאָ־אָ־אָ?! — — — און באַזשאַן האָט פּאַרקײַלעכיקט אונדזער שמועס מיט פאָלגנדעס:

— לאָמיר האָפן, כאַווײַרים, אַז ס'וועט נאָך אַמאָל זײַן גוט. איצט וועל איך אײַך געבן צו מאַמיקאָניאַנצן א צעטעלע, מע זאָל אײַך אַרויסגעבן טויזנט רובל. צווייטנס, זאָלט איר זײַן אין געגנטקאָם באַ ווינאָגראַדאָוון. איר וועט זאָגן, אַז איך האָב אײַך געשיקט. איר וועט זאָגן, אַז איר זײַט פון קיִעוו, פון שרײַבער־פאַריין. איך פאַרהאָף, אַז ער וועט אײַך עפּעס אונ־טערזאָגן וועגן א דירע.

מיר האָבן געזען, אַז ער רעדט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז טאָן וועט ער פאַר־אונדזערטוועגן אַלץ, וואָס ס'איז מעגלעך.

מאַמיקאָניאַנץ געפינט זיך אין אופאַ. רילסקי און די וויכטיקסטע אוקראַיִנישע שרײַבער — אויך דאָרט. נאָר איצט דאַרף פאַרקומען אין סאַראַטאָוו א צוזאַמענפאָר פון אוקראַיִנישער אינטעליגענץ און, דוכט זיך, אויך אַזא ראַדיאָ־מיטינג, ווי דער יידישער (וואָס ס'איז דאָ ניט לאַנג פאַרגעקומען, ווען מיר זײַנען געווען אין לאַבינסקע). איך האָב געקראָגן אַהין אַן אײַנ־לאַדונג. ס'גלוסט זיך זען היימישע באַקאַנטע.

און איך האָב זיך טאַקע דערוואָרט. איך האָב געזען די זינגערן וואַלגעמוט, דאַווזשענקאָ, קאָרנייטשוקס ערשטע פרוי — די יידישע שאַרלאָטע מאַיסייעוונע, געטראָפן דעם מיליטעריש־געקליידטן קאָמפּאָזיטאָר יעשוע פינקאָוויטש (יעגאָשוע פּאָוולאָוויטש). ער האָט זיך מיט מיר צעקושט, דערציילט קימאַט מיט טרערן אין די אויגן, אַז סאָניע — די פרוי זײַנע מיט איר מוטער, האָבן זיך פון מיטן וועג אומגעקערט צוריק קיין קיִעוו. ער ווייסט אַליין ניט, אַף וואָס זיי האָבן געהאָפט. עפּשער דערויף, אַז זי האָט ניט קיין יידישן אויסזען. ס'האָט איר אָבער ניט געהאָלפן. זי איז אוועק מיט אַלעמען „פּאָ פּריקאַזו".

איך האָב מיט יעשוען געאַרבעט אַף א שאָלעם־אַלייכעמישער בופאָנאַדע „באַם קיניג אַכאַשווייראָשן", סאָניע פלעגט מיר דערלאַנגען א גלאָז טיי. זי פלעגט אַקאָמפּאַנירן דעם כאָר זײַנעם. ער האָט זי זייער ליב געהאַט, זיי האָבן געהאַט גרויסע פיר צימערן אַף פּראָזאָראָוו־סקע אין א נײַעם הויז.

ווער באַלעבאַטעוועט איצט אין זייערע פיר צימערן? ווער בראַמקעט אַף זײַן טײַערן ראָיאַל? וויאַזוי, לעם וועלכע שכיינים איז סאָניע אָפּגעגאַנגען מיט בלוט און זיך צעזעגנט מיטן לעבן? סאָניע, סאָניע!

— צי וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל זען? — פרעגט יעשוע. זײַנע אויסדריקלעכע אויגן זײַ־נען פול מיט צאַר. ער פירט אָן מיט דעם אוקראַיִנישן דיוויזיע־כאָר. ער איז אין קאָוועד. נאָר וואָס קומט אַרויס? עפּעס גאָר וויכטיקס אין זײַן לעבן איז שוין געפּאַטערט.

די טויזנט רובל האָט מאַמיקאָניאַנץ צוגעזאָגט אָן פאַרזאַמונג צושיקן אונדז פון אופאַ. לויט ווינאָגראַדאָווס אָנווײַזונג גייען מיר אין וווינונגס־פאַרבאַנד.

ווינאָגראַדאָוו — א מענטש אין די מיטעלע יאָרן, א שטאַלטנער, א וווקסיקער און, מיר וואָלטן מעגן שווערן, זייער אַן אָנגענעמער. ער האָט מיט אונדז פאַרבראַכט ניט קיין סאַך, עפּשער א מינוט פופצן. נאָר אָט אַזעלכע פופצן מינוט קען מען צעפירן אין א גאַנץ יאָר מיט זײַנע שווועריקײַטן. דאָס זײַנען אַזעלכע טראָפּנס, וואָס דו דערפילסט גלײַך פון זיי א פאַרגרינ־גערונג. א גענעזונג.

ווינאָגראַדאָוו האָט געבעטן, איך זאָל אים דערציילן, וויאַזוי שרײַבער האָבן געלעבט אין קיִעוו; וואָס פאַר א וואָג עס האָט געהאַט צווישן די שרײַבער די יידישע ליטעראַטור, וואָס לייענט יידיש, וואָס שטעל איך מיט זיך אַליין פאָר? אין גרויסן פרײַען קאַבינעט איז געווען שטיל. צי ווײַל דער טאָג איז שוין לאַנג אוועק, צי ער האָט אַנגעזאָגט, מע זאָל אים ניט שטערן.

— ס'וועט אַלצדינג זײַן, — האָט ער אונדז געזאָגט, — אַז ס'וועט עפּעס אויסקומען, זאָלן מיר צו אים אָנקלינגען.

מיר נייטיקן זיך אין גוטע אָרנטלעכע מענטשן. אַזא מענטש איז געווען די דעפּוטאַטן פון שטאָט־ראַט ניקיפאָראָווע, צו וועמען ווינאָגראַדאָוו האָט אָנגעקלונגען וועגן א וווינונג פאַר אונדז.

ניקיפאַראָווע איז א ליבע פּאַשעטע פרוי פון א יאָר פערציק. זי האָט באַ מיר געגומען מײַן דערציילונג „ניט באַשערט“ אין רוסישער איבערזעצונג. די קינדער־זאַמלונג „דער שײַ־פער“ — אויך אין רוסישער איבערזעצונג. זי האָט צוגעזאָגט עס מיר אומקערן אין דער צײַט. זי ווייסט, אַז דאָס זײַנען באַ מיר די איינציקע שטיקער באַלעבאַטישקייט.

פאַר מיר אין די אויגן האָט זי געקלונגען און געפרעגט פאַר ביילקעס וועגן אַרבעט. איך בין איר ניט צו לאַסט. יעדער מאָל נעמט זי באַ מיר אָפּ א דין־וועכעזשבן פונעם אָפּגעטאָנע־נעם. זי האָט מיך פאַרבונדן מיט נאָך א פרוי, וואָס פאַרוואַלטעט אף גאַגאַל־גאַס מיט עטלעכע הײַזער. יענע וווינט מיט אַן אַלטער מוטער אין א גרויסן צימער. באַ זיי איז א פּאַשעטע אויס־שטאַטונג, נאָר אַלץ איז ריין.

צי וועלן מיר קענען גיין די ערשטע צײַט אין א קליין צימערל פון עלף מעטער?

— אויב די שכיינים זײַנען שטילע מענטשן.

— דאָרט זײַנען ניטאָ קיין סאַך שכיינים, די יודינס, די ליפּאַטאָווס און מיר. אַן איינשטאָ־קיק הויז. א קליין הייפל. באַ דער ליפּאַטאָווע איז דער מאַן אף דער מילכאָמע. דאָס עלטערע יינגל — אויך אף דער מילכאָמע; דאָס קלענערע איז מיט איר. זי וועט בלײַבן באַם גרויסן צימער, און אײַך וועל איך באַ איר פּויעלן זאָל זי אָפּטרעטן דאָס קליינע צימערל. איך גלייב, אַז איר וועט מיט זיי קענען הויזן. די יודינס זײַנען צוויי מענטשן. ער איז א יוריסט. פאַרנאַכט קומט צו גיין אין הויז־פאַרוואַלטונג. איך וועל אָפּזוכן א פרײַע מינוט און וועל אײַך צו־נויפירן. ביטע.

און אָט זײַנען מיר באַ דער ליבער און האַרציקער אַנאַסטאַסיע ליפּאַטאָווע. א שמאָל קליין צימערל. די הילצערנע בעט וועלן מיר קענען נוצן. מירן אויך קענען האַלטן האָלץ. ס'איז פאַראַן א פרײַ ווינקל.

— די ערשטע אַכט טעג הייצט אײַך די הרובע מיט אונדזער האָלץ, דערנאָך, אַז איר וועט קריגן באַהייצונג, וועלן מיר זיך אויסצאָלן. איר וועט וועלן, וועלן מיר הייצן די הרובע אף דער העלפט. אָדער האָלץ שוטפישע, אָדער א טאָג איר, א טאָג מיר.

— געזונט זאָל אײַך גאָט געבן, טײַערע אַנאַסטאַסיאַ איליאַריאָנאָוונאַ. און אײַער מאַן מיטן זון זאָלן אײַך קומען געזונט. פון דער ערשטער שאָ פילן מיר זיך מיט אײַך, ווי מיט אַן אייגענער.

די יודינס זײַנען דאָ אויך שכיינים. צוויי באַיאָרטע מענטשן. מאַריאַ אַפּאָלאָנאָוונאַ איז עפּשער אף א יאָר צען ייִנגער פונעם מאַן. ביידע הויכע לויטן וווּקס. ביידע טרוקענע. זיי האָבן אונדז צוגענומען ניט שטאַרק גערן, נאָר אויך ניט פאַרפרעמדט. מער פון סייכל, ווי פון גוטסקייט.

שוריק — א זעכצניאָריקער גרויסער מענערשער באָכער — איז געוווען לעם דעם פערד. וואָס פאַרא פערד? — זיי האָבן געהאַט א גרויס פערד און זיי האָבן אים נאָך א שטיק צײַט ניט געוואָלט פאַרקויפן. אַזוי ווי דער פאָטער, פלעגט ער אויך אַלע פרימאָרגן אײַנשפּאַ־נען און אַרויספאָרן פראַוועז פאַרנאָסעס.

מיר האָבן אָפּגעגעבן פאַנקראַטיעוונען אונדזערע פעסער. מיר האָבן זיי אין א פּאָר טעג אַרום געקראָגן צוריק שוין מיט א סאַראַטאָווער שטעמפּל און מיט אַן אַדרעס. דערווײַל ווער קאָן זיך איצט צו אונדז גלײַכן?! א שמאָלינק צימערל, נאָר ס'האָט א פענצטער. דאָס פענצטער האָט צוויי האַלבע לאָדן. מיר טרעטן אף א הילצערנעם דיל. אונטערן דאָך איז דאָ א סטעליע, און יעדן טאָג באַקומען מיר אף די שפּײַז־קאַרטלעך ברויט און צום ברויט...

לייבעלע גייט שוין אין שול. מיר האָבן געקראָגן פאַר זײַנעטוועגן ביכער. ניט גרינג איז אים אָנגעקומען צוליב דער שפּראַך זיך צוגעוווינען צו די נײַע כאַווײרים.

פיל סיבעס האָבן אין אים געשטאַרקט די ליבע צו אוקראַיִנע. קיִעוו, די הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע, וווּ ס'באַלעבאָטעווען איצט די פאַרהאַסטע דײַטשישע פאַשיסטן, איז דאָך זײַן היימשטאָט. זײַן מאַמע, באַ אונדז הייסט זי דווירל, אין פּאַספּאָרט שרײַבט זי זיך ווערא פעדאָסייעוונאַ, איז לויט דער אָפּשטאַמונג אַן אוקראַיִנערן, אפילע א קאַזאַטשקע. אַז מיר ברענגען אין שטוב אַרײַן א פרישע צײַטונג, זוכט ער דאָרטן קעסיידער יעדיִעס וועגן אוקראַיִנע. זײַן לערערן איז גוט צו אים און איז גוט צו אונדז. מיר האַלטן מיט איר פאַרבינדונג.

ניקיפאַראָווע האָט אײַנגעאָרדנט ביילקען אף אַרבעט אין א פאַבריק פון מוזיקאַלע אינסטרומענטן. ניט ווײַט פון אונדז. א צוויי, דרײַ קוואַרטאַלן. מײַן טײַערע טאָכטער, זי איז מיר א קינד, זי איז מיר א כאַווער. זי וואָלט דאַרפן איצטער לערנען באַגלײַך מיט

מיליאָנען יוגנטלעכע אינעם גאַנצן ברייטן לאַנד. די אוניווערסיטעטן מיט די אינסטיטוטן האָבן זיך ניט פאַרמאַכט. פון דער אָקופּירטער זאָנע זײַנען זיי אַרויסגעפאָרן אין הינטערלאַנד. אפילו אהער קיין סאַראַטאָוו איז געקומען דער לענינגראַדער אוניווערסיטעט. זי ווייסט אָבער, אַז מיר האָבן ניט קיין שטיקל ברויט אין שטוב. קען זײַן, אַז זי וועט פאַרדינען קוים אַף זיך. אָבער מירן דאָך עס אַלע פּילן. מיט פאַרדינען אַף זיך מאַכט מען אויך גרינגער אונדזער קליין קיניגרײַך, וואָס האָט זיך באַזעצט אינעם שמאָלן צימערל אָפּן ראָג טשאַפּײַעווער און גאַגאַלער גאַס. מיר האָבן אין צימער געלעגערס. אַף דעם הילצערנעם בעט מיט די אײַזערנע שרויפן צום ווינקל פון די יודינס וואָנט שלאָפט אונדזער קיניגן — דווירע זאָל לעבן. אַף אַן אײַזערן בעטל מיט הארטע ברעטער, לעם ליפּאַטאָווס וואַנט, שלאָפט דער קיניגנס מאַן אײַזיק מיטן יוירעש — מיט לייבעלען. לייבעלע צעוואַרפט זיך באַנאַכט אַף דער ברייט און לענג פונעם געלעגער. רוק איך זיך אָפּ אַף דעם שטאַרק מוליענדיקן אײַזערנעם קאַנט פונעם בעטל. איך באַנוגן זיך. אין די אָקאָפּן, ווייס איך, איז ערגער. און איך וויל ניט וועקן דאָס קינד און וויל אים ניט שטערן. מיר שלאָפן אין דער מיט פונעם ווענטל צו ליפּאַטאָווס צימער. באַם עקסטן שמאָלן ווענטל, רעכטס פון דער אַרײַנגאַנגס־טיר אונטער דער פּאָליטשקע פון קיילים, שטייט אַ געפלאָכטן שמאָל קאַנאַפּקעלע. דאָרט שטעלן מיר צו די פּאָר שטולכנס, און דאָ שלאָפט זיך קיניגלעך די פּרינצעסן, די יעסוימע פון דער מוטערס צאַד — אונדזער פאַרדינערן און ברויטגעבערן, אונדזער שיין אויסגעוואַקסענע ביילקעלע. וווּקסיק איז זי, גוט און יונג איז זי. זאָל נאָר די ביטערע צײַט איבערגיין. עפּשער וועט זי נאָך אויך קומען צו אַ וועג.

אין שרײַבער־פאַריין טרעף איך זיך שוין מיט אָנגעפאָרענע רוסישע צוויי ווײַבלעך, ווי מיט היימישע באַקאַנטע. די קליינע, מיטן ייִנגעלע, איז ליבעדינסקיס פרוי. זי וווינט דאָ מיט אַ מוטער. זי האָט מיר געלייענט איר אייגענע פּראָזע. לויט מײַן מיינונג, ניט קיין שלעכטע. אַז ליבעדינסקי איז געקומען אַף אַ פּאָר וואָכן, האָט זי מיך באַקאַנט מיט אים. ער פאַרבײַסט זיך ניט, האַלט זיך היימיש. ער האָט מיר אין איינעם אַ שמועס דערציילט, וויאַזוי ער האָט אין די ייִנגלשע יאָרן באַשלאָסן, אַז ער מוז וויסן מיט וואָס איז ער אַ ייִד, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר ייִדן? אַליין איז ער אַ סיבירער. האָט ער זיך באַוואָפנט מיט ענציקלאָפּעדיעס, מיט ביכער איבער געשיכטע. באַקאַנט האָב איך זיך מיט זיי אין פאַריין. טכילעס האָט ער געבראַכט זײַנע לײַט אהער קיין סאַראַטאָוו, שפּעטער האָט ער זיי צוגענומען קיין טשיסטאָפּאָל, וווהין ס'זײַנען געוועזן עוואַקויִרט אַנדערע מישפּאָכעס פון די מאָסקווער שריפטשטעלער.

דאָס צווייטע ווײַבל, סטרעלטשענקאָ, האָט געווינט איבערן גאַס קימאַט אַנטקעגן אונדזער פענצטער. זי איז אַ יונגע, אַ וווּקסיקע און אויך מיט אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר צוויי. ווער ווייסט, צי דער מאַן אירער, דער דיכטער, לעבט נאָך ערגעץ. איך האָב גענומען זײַנע דינע ביכעלעך אין ביבליאָטעק צום באַקאַנען זיך. סטרעלטשענקאָ פלעגט אַמאָל איבערלאָזן דאָס קינד באַ אונדז אַף אַ פּאָר שאָ. זי איז אויך אײַנגיכן אוועקגעפאָרן מיטן קינד. זי האָט מיר אַ פּאָר מאָל דערציילט, וויאַזוי פאַדייעוו איז גוט צו איר. פאַדייעוו איז געוועזן בעטעווע אַ גוטער.

געזונט זאָל זי מיר זײַן. זי איז געוועזן יונג און צעוואַקסן, האָט געקוקט אָפן און האָט גערעדט הויך און פרײַ.

עפּשער ווילט איר זיך באַקענען מיט נאָך אַ שרײַבערס אַ ווײַב? סאָפיע איזראַיִלעוונע רופט מען זי. זי איז דאָ מיט אַ ייִנגל פון וואָסערע 14 יאָר. דער מאַן אירער איז אַ רוסישער שרײַבער, נאָר אַליין איז ער אַ ייִד. אויך פון סיביר. רווון פרײַערמאַן.

אין דעם בירגערקריג האָט ער זיך קימאַט ניט אויסגעטאָן און זיך ניט אויסגעשלאָפן. די גאַנצע צײַט מילכאָמע געהאַלטן מיט די ווײַסע. דער פאָטער דער סיביריאַק האָט אים איינמאָל געפרעגט:

— רוווקע, זאָג נאָר מיר, האָסט כאָטש עפּעס פון דעם? זיי האָבן דיר עפּעס אַרויסגעגעבן?!

— יאָ, טאַטע, — האָט רווון אַ פריילעכער געענטפערט, — אוואַדע אַרויסגעגעבן. אַ פּעלץ מיט אַ פּאָר שטיוול...

סאָפיע איזראַיִלעוונע קומט אויך אַרויס פון אָרעמע עלטערן. דער טאַטע איז געוועזן אַ שוסטער.

— פאַר צוויי זאַכן, — פלעגט ער זאָגן, — זאָרג איך זיך ניט אפילע אַף קיין האָר... מע וועט זיי מיר ברענגען אין שטוב אַרײַן.

— וואָסערע צוויי זאַכן, טאַטע, וועט מען דיר ברענגען אין שטוב אַרײַן?

— דו ווייסט ניט וואָס? טאַכריכים און מאַצעס אַף פּייסעך. ס'זאָלן זיך אפילע קערן וועלטן, וועט מען מיך ניט איבערלאָזן אָן קיין טאַכריכים און אָן קיין מאַצעס אַף פּייסעך!..

סאָפיע איזראַילעווונע האָט געאַרבעט אין מאָסקווער ראַט, פאַרנומען דאָרט אַן אַנגעזעענעם פּלאַץ.

זי פלעגט צו אונדז אַרײַנגייען. מיר פלעגן זי אויך באַזוכן.

זי האָט געבעטן עפּעס מײַנס צום לייענען, האָט מיר אַרויסגעזאָגט איר מיינונג. זי איז אונדז געווען א גוטער פרײַנט.

מיטיק האָבן מיר שוין געגעסן אַף לעניןגאַס אין דער גאָרקיך פון געלערנטע, אַרטיסטן, שריפטשטעלער און אַנדערע. מיר פלעגן דאָרט זיצן בא איין טישל מיט סטרעלטשענקאָ און סאָפיע איזראַילעוונען.

עס זײַנען זיך צונויפגעפאָרן פיל אוקראַינישע ליטעראַטן, קינסטלער, מוזיקער, זינגערס און אַרטיסטן. גיכער האָט עס געטראָגן א כאַראַקטער פון א מיטינג. ס'איז געווען ליכטיק אין זאַל. פײַערלעך. קימאַט אַלע נעמען פון די, וואָס זיצן אין פּרעזידיום, זײַנען מיר באַקאַנט.

די מערסטע טייל פון זיי ווינט איצט אין אופאַ. א טייל זײַנען אָפּגערופן פון די פראָנטן. קאָרנייטשוק גייט אין א מיליטערישן פעלצל, א קורצס ביז די קני. ער איז דורכגעגאַנגען מיט א גרינגן גאַנג. מיר איז געפעלן, ווי ער זעט אויס באַשעפטיקט. דאָווזשענקאָ איז מיר שטאַרק צום האַרצן. ער גייט אויך אין א מיליטעריש פעלצל, אַרומגעגאַרטלט מיט א געלן לעדערנעם ברייטן פּאַס. אוקראַינע איז אײַנגאַנצן אָקופּירט פונעם סוינע. אַפילע די ערד די אוקראַינישע וואַרגט זיך אונטערן רעצייעכס שטיוול, ניט נאָר די מענטשן. ווי גוט עס איז, ווען ס'איז דאָ אַף וועמען אָנצושפּאַרן זיך... מיר זײַנען דאָ אין דער רוסישער רעפּובליק בעקאָוועדיקע געסט, פילן זיך ניט, ווי קיין אָנגעוואָרפענע.

אויך איך (כאָטש איך האָב אין זאַל זיך ווינציק אָנגעבונדן אין באַקאַנטע) האָב געפילט א היימישע, א נאָענטע אַטמאָספער. נאָך איין רעגע, און איך בין ניט אין קיין סאַראַטאָווער זאַל, נאָר אין א היימישן... באַלד וועט זיך ענדיקן די קינסטלערישע טייל, וועלן מיר אַרויסגיין פון די ברייטע צעעפענטע טירן און סע וועלן אונדז אופנעמען היימישע קיִעווער גאַסן. יעדערער וועט פאָרן צו זיך אַהיים. וואָלגעמוט, באַזשאַן, רילסקי, דאָווזשענקאָ, קאָרנייטשוק, יעדערער צו זיך, און איך אויך צו זיך...

איך האָב אַרײַנגעזאַפּט אין זיך די ליכטיקײַט און די פײַערלעכקײַט, וואָס האָט געהערשט אין פּרעזידיום און אין זאַל. מיר איז געפעלן, וואָס דער אולעם איז געקליידט גרויסשטאָטיש און קימאַט רײַך. איך האָב זיך אײַנגעקוקט אין די באַקאַנטע, מיר נאָענטע פּנעמער. איך בין אַזוי געווען פאַרטאָן מיטן אײַנזאַפּן אין בליק דאָס געזעענע, אַז אייניקע רעדעס זײַנען דורכגעשוווּמען פאַרבײַ מײַן געהער. עמעס, ווען דאָווזשענקאָ איז אַרויף אַף דער בינע, בין איך געוואָרן וואַך און זיך באַמיט ניט דורכצולאָזן קיין איין וואָרט... יעדעס וואָרט זײַנס האָט א וואָג און איז גײַסטיק פאַרטיפט. ער איז אַן עכטער זון פון זײַן פאָלק!.. אַזוי ווי ער איז א קינד פון א דאָרפישער מוטער, איז אים דאָס דאָרף אייגן. ער איז אין דער זעלבער צײַט א פרײַנט פון יעדן אונטערדריקטן פאָלק. די אוולעס, וואָס ווערן קעגן עמעצן באַגאַנגען, פילט ער, ווי זיי וואָלטן באַגאַנגען געוואָרן קעגן אים זעלבסט. אין דעם באַשטייט, ווײַזט אויס, זײַן צויבער...

איך בין געקומען אין מײַן קליין שמאָל צימערל. פריִער האָב איך א לײַכטן קלאַפּ געטאָן אין לאָדן, קעדיי ניט וועקן די באַלעבאַטים... דווירל האָט מיר גלײַך געעפנט. איך בין אַרײַן אין אונדזער וואַרעמער טונקלקײַט. איך פיל, אַז אויך מיט אונדזער היימישער אָרעמקײַט בין איך רײַך. איך בין געקומען צו זיך אין שטוב אַרײַן און האָב שטיל געטיילט מיט דווירלען מײַנע אײַנדרוקן. דווירל איז געזעסן אין איין העמד אַף איר געלעגער; מיר צוגערוקט דאָס עסן און מיט אַן אָפּן מויל געהערט, וואָס איך דערצייל. זי האָט אויך געוואָלט זײַן אין באַהעפטונג מיט די באַקענטע היימישע נעמען, וואָס איך רוף אָן, זיך פילן א רעגעלע אין דער היים...

■ ■ ■

פאַר קליין און גרויס

אַז וויל צו דער האַנט

אַז וויל צו דער האַנט, וואָס צו מי איז געוווּנט!
אַז וויל צו דער מי, וואָס ווערט ערלעך באַלוינט!

אַז וויל צו מײַן כּאַווער (זײַן מאַזל איז גרויס):
אַ וועלט און אַ ווײַנשטאָק, וואָס בליט אַרום הויז,

און קינדער, ווי פּיירעס (קיין שפּרענקל, קיין מום!),
זיי רינגלען דעם טיש זײַנעם ראַשיק אַרום.

ס'איז שאָלעם אין שטוב, און ס'איז פרידן אין לאַנד.
אַז וויל צו דער הערלעכער, מיזאַמער האַנט!

מינ.יאַטורן

◆

אויב דו ווילסט דערשפּירן שײנקײַט,
דראַפּע זיך ניט אַף קיין סטויג,
כאַפּ ניט אָן זיך פאַר קיין וואָלקן,
אויך די ערד — פאַר דעם זי טויג.

◆

מע זאָגט: די פאָרם, דער גאַנג, דער הײלעך,
מע זאָגט ניט סטאַם.
דער זעלבער ווײַן — אַן אַנדער קײלע:
אַן אַנדער טאַם!

◆

כ'לײקן ניט: כ'האַרגע. נאָר ווען? ווען מע מוז.
גלאַט צו פאַרווײַלן זיך, גלאַט צוליב לוסט
פאַנג איך קיין פישל ניט, טרעף ניט קיין העזל —
אַף אַ רעפּוע בלויז כ'רײַס אויס אַ גרעזל.

◆

דער פויגל זעט: קערנדלעך זײַנען צע־שפּרייט —
און לאָזט באַלד אַראָפּ זיך, און פּיקט זיי מיט פרייד,
און דאַנקט דעם באַלצדאָקע. ווי זאָרגלאָז ער עסט!
און וואָס האָט געטראָפן? אַרײַן אין אַ נעץ...

◆

די ציין, די ליפּן האָבן אָפן וועג זיך געשטעלט,
נאָר די צונג ברעכט אײַזן, זי ברענט אַ וועלט.
ווי פון אַ קראַטער, פון אַ ווולקאַן,
רײַסט פונעם מויל זיך אַ רויטע שטיק פלאַם.

ווילסטו עסן — וואַש זיך

— וואַשן, מאַמע, כ'וועל זיך ניט:
כ'ווער דאָך סײַווי קויטיק.
— ווערסט דאָך סײַווי הונגעריק —
עסן איז ניט נויטיק.

אַ האָנעכל

אַ האָנעכל, אַ פײַנס, נאָר אַ נאַקעטס,
כאַפּט אַרײַן פון יעדן סטוסאַקעס.
דאָס האָנעכל וואָרנט יעדערן:
— וואַרט אויס, כ'וועל אַרײַן אין די פעדערן!

רײַטנדיק

פליט אַ פערדעלע, פליט אַ פערד,
רירט ניט אָן מיט די פיס די ערד.
איך בין דער גליקלעכסטער אין דער וועלט:
איך זיץ אַף אָט דעם פערדעלע, די הענט צעשטעלט.
שרײַט די מאַמע: „זעט נאָר, וואָס ער טוט!"
„מאַמעניו, שרעק זיך ניט — כ'האַלט זיך גוט!"

יוסעף קאַלין

פערציק יאָר אַף דער בינע

זשיטאָמיר — סלאַוווּטע

איך בין געבוירן געוואָרן אין זשיטאָמיר אין 1914 יאָר. אין א מישפּאָכע, וואָס איז זייער ווײַט געווען פון קונסט. מײַן זיידע — פונעם טאַטנס צאַד, שלוימע שטאָפּענמאַכער, א באַדאַכטער, פּראָזאַישער מענטש, איז שטענדיק פאַרטאָן געווען אין טאָגטעגלעכע זאָרגן. אַלע זײַנע זין האָט ער געהאַלטן שטרענג אונטער זײַן האַזשגאָכע. בלויז דער פעטער סימכע האָט באַקומען הויכבילדונג און געוואָרן א כימיקער. דאָס לעבן אין זיידנס הויז איז געווען גרוי און שטרענג. ער האָט געהאַלטן, דער זיידע, אַז באַזוכן טעאַטער איז אַן איבעריקער לוקסוס.

דער פאָטער מײַנער איז געווען א פעסימיסט. איך געדענק ניט, ער זאָל זײַן אַמאָל אין א גוטער שטימונג. זײַן פילאָסאָפיע איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אַלץ אַף דער וועלט איז צײַטווײַליק; אַז ווי דער מענטש זאָל ניט לעבן, איז דער סאָף דער זעלבער, דעריבער איז נאַריש צו שלאָגן זיך פאַר עפּעס, זיך ראַנגלען און רײַסן זיך פאָרויס. דער שלימאַזל איז אים נאָכגעגאַנגען דאָס גאַנצע לעבן. ער האָט געפּרוּווט זײַן א מעשאָרעס; אַליין געהאַנדלט; אין אַמעריקע איז ער געווען אַן אַרבעטער אַף א פאַבריק און אַפילע א נאַכטוועכטער. אָבער שטענדיק — א גרויסער אָרעמאַן.

א מענטש א טרוימער, מיט א פּאָעטישער נעשאָמע, איז ער גאָר־גאָר ווײַט געווען פונעם רעאַלן לעבן. וועגן געלט און רעליגיע האָט ער שטענדיק גערעדט מיט עקל, כאָטש אין די יאָמטויווים פלעגט ער גיין אין שול. ער האָט ליב געהאַט זינגען יידישע און אוקראַינישע פאָלקסלידער, וועלכע ער האָט געקענט זייער א סאַך.

דער טאַטע פלעגט מיר פאָרלייענען דערציילונגען און לידער. עטלעכע מאָל האָבן מיר מיט אים דורכגעלייענט שאָלעם־אַלייכעמס „בלאָנדזנדע שטערן". טאַקע פון דעמלט אָן האָב איך אפן גאַנצן לעבן ליב באַקומען ראַפּאַלעסקאָן, האָצמאַכן און רייזעלע ספּיוואַק.

אַף די עלטערע יאָרן פלעגט ער אָפט זיצן אין צושויער־זאַל און קוקן, ווי זײַן זון שפּילט, דערבײַ האָט א טרער זיך אַרויסגעקײַקלט פון זײַנע אויגן.

פיל טרערן האָט צוליב מיר פאַרגאָסן מײַן מאַמע. איך געדענק אירע טרערן, ווען זי האָט מיך פאַרשטעלט מיטן קערפּער פון א פּעטליורישן באַנדיט בייס א פּאָגראָם. איך בין דעמלט אַלט געווען פינף יאָר, דאָך געדענק איך, ווי זי האָט אַראָפּגעריסן פון זיך די פינגערלעך, די אוירינגלעך און אַלץ אָפּגעגעבן דעם קוילער אָנשטאָט מײַן לעבן. איך געדענק אירע טרערן, ווען איך בין געלעגן א קראַנקער, ווען מ'האָט מיך דאָס ערשטע מאָל געפירט אין שול אַרײַן, ווען זי האָט מיך באַגלייט צום צוג אין דער ווײַטער שטאָט אַרײַן. זי האָט אויך געוויינט, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין געוואָרן אַן אַקטיאָר.

די מאַמע מײַנע איז געווען א גרויסע האָרעפּאַשניצע. דאָס גאַנצע לעבן האָט זי זיך געסטאַרעט עמעצן קומען צוהילף, אַלץ, אַלץ האָט זי אָפּגעגעבן יענעם און וועגן זיך ניט געטראַכט.

יוסעף קאָלין

א שווײַגנדיקע האָט זי געלעבט, און א שווײַגנדיקע און א שיינע צו 39 יאָר אוועקגעגאנגען פון דער וועלט...

און דאָך איז געווען א מענטש אין אונדזער מישפּאָכע, וועלכער האָט, ווײַזט אויס, אָפּגעשפּילט א געוויסע ראָל אין דעם, וואָס איך בין געוואָרן אן אקטיאָר. דאָס איז די באָבע עסטער, מײַן טאטנס מאמע, וואָס האָט געוווינט אין זשיטאָמיר. די דאָזיקע פּאָשעטע פרוי, וואָס איז לײַדנשאפטלעך פאַרליבט געווען אין מוזיק, געזאנג, האָט דאָס גאנצע לעבן ליב געהאט דעם ייִדישן טעאטער, די גאָלדפאדענישע פּיעסן. בײַס די גאסטראָלן פונעם גאָלדפאדען־טעאטער אין זשיטאָמיר האָט די באָבע, נאָך דעמלט א יונג מיידל, געזען אלע ספּעקטאקלען פון דער בארימטער טרופּע.

די גאנצע שטאָט האָט געוווּסט, אז די לעוויצקיס זײַנען פאַרערער פון מוזיק און געזאנג. פאַרשטייט זיך, אז ס'האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן, אז עמעצער פון דער דאָזיקער מישפּאָכע זאָל ווערן אן אקטיאָר, נאָר באזוכן די ספּעקטאקלען פון אן אָנגעפאָרענער טרופּע — דאָס איז דערלויבט געווען. די באָבע איז אפילע פּערזענלעך באקענט געווען מיט גאָלדפאדענען.

אלע געדענקען, ווי שיין זי האָט געזונגען די גאָלדפאדענישע לידער. אויך איך זע זי זיצן באַם פענצטער מיט די ברילן אויף דער שפּיץ נאָז, זי האלט א סידער אין די הענט און אויף א דין קאָל זינגט זי:

„אוי, איר ייִדן, בניי ראכמאָנעס"...

באזונדערס האָט די באָבע ליב געהאט זינגען פאַר מיר — ווײַזט אויס, זי האָט געפילט, אז איך בין א גוטער צוהערער. אמאָל פלעגן קומען אירע ברידער בעני און זאָרעך, שיינע, בערדיקע מאנצבלען, און איר נעמען אונטערזינגען, דעמלט איז די שטוב פול געוואָרן מיט וווּנדערלעכער גאָלדפאדענישער נעגינע.

אָבער דער סאמע פרוכטבארער באָדן פאַר א קומענדיקן ארטיסט איז געווען די שטאָט זשיטאָמיר גופע. די היימשטאָט מײַנע האָב איך ליב ביז איצט. איך בין אויסגעפאָרן דאָס גאנצע לאנד, נאָר אלע מאָל, ווען איך קום אין מײַן היימשטאָט, לייען איך מיט הארץ־פלאַטערניש די שילד אפן וואָקזאל „זשיטאָמיר". איך בין געקומען אהער, ווען איך בין געווען א סטודענט פונעם סלאוווטער אינדוסטריעלן טעכניקום, א סטודענט פון דער מאָסקווער טעאַטער־שול, א יונגער אקטיאָר פונעם בירָאבידזשאנער ייִדישן טעאטער, אן ארטיסט פונעם מאָסקווער גאָסעט און פונעם פּושקין־טעאטער. אויך איצט, ווען איך קום קיין זשיטאָמיר אויף א קאָנצערט, ווערט מײַן הארץ איבערפולט מיט צארטקײַט און ליבע.

איצט איז זשיטאָמיר א גרויסער געגנטלעכער צענטער.

א שטאָלצער שפּאציר איך ארום איבער די שיינע גאסן און פּראָספּעקטן. איך זוך די געסלעך און ליקעלעך — די איידעס פון מײַן קינדהײַט און יוגנט.

עפּשער זײַט איר אמאָל געווען אין דער דאָזיקער געמיטלעכער שטאָט, באזונדערס זומער, ווען דאָס איז שוין ניט קיין שטאָט, נאָר איין גרויסער גרינער סאָד... אז איר גייט אדורך די בערדיטשעווער גאס, פאַרקערעוועט אויף דער טעאטראלער, וועט איר אומבאדינגט דערזען דעם אלטן שטאָט־טעאטער. אָך, ווי איך האָב אמאָל געפלאטערט, קוקנדיק אויף אָט דעם וווּנדערלעכן הויז! שאָענווײַז האָב איך געקענט אָפּשטיין און קוקן אויף די געהיימניספולע פענצטער, אויף די קאָלאָנעס. איך בין מעקאנע געווען די מענטשן, וואָס האָבן א צוטריט אין אָט דעם הייכל.

איינמאָל האָב איך זיך דורכגעשמוגלט דורך דער הינטערטיר אויף דער בינע. מיר האָט אָפּגעגליקט, וואָס ארום איז געווען פינצטער. דאָס הארץ האָט שטארק געקלאַפּט, און איך האָב דערפאַר ניט פאַרשטאנען, ווו איך געפין זיך. ווען איך בין געקומען צו־זיך, האָב איך דערהערט א קאָל, ווי פונעם הימל, דאָס איז געווען דאָס קאָל פונעם באוווּסטן אמעריקאנער

אַרטיסט יוליוס אַדלער, וואָס האָט דעמלט גאַסטראָלירט מיט זײַן טרופּע אין זשיטאָמיר און האָט געשפּילט יענעם אָוונט ליידוי מאַזשאָוויער אין שאָלעם־אַליײכעמס „גאָלדגרעבער״. פאַרשטייט זיך, אַז פאַרבלײַבן לאַנג אין דעם דאָזיקן גאַנײדן איז מיר ניט געלונגען, דער פײַערלעשער האָט מיך דערזען און אַרויסגעפירט פון טעאַטער.

זשיטאָמיר איז שטענדיק באַקלעפּט געווען מיט פאַרביקע אַפישעס. און מיר, ייִנגלעך, האָבן ליב געהאַט אינדערפרי לויפן צו די בודקעס און קוקן אַף די פרישע, ערשט־אויס־געקלעפּטע אַנאָנסן. אָבער ניט נאָר די אָנגעפאָרענע טרופּעס האָבן געמאַכט זשיטאָמיר פאַר אַן עכט־טעאַטראַלער שטאָט. אין יעדער זומער־גאָרטן, בא יעדער אָרטעל, בא יעדער קלוב איז געווען אַ דראַמאַטישער ליבהאָבער־קרײַז. צווישן די זשיטאָמירער ליבהאָבער האָבן זיך געפונען אַ סאַך באַגאַבטע מענטשן, וועלכע זײַנען מיט דער צײַט געוואָרן פּראָפעסיאָ־נעלע אַקטיאָרן. אין יענע יאָרן זײַנען באַזונדערס פּאָפּולער געווען די ליבהאָבער טאָמבאַק, לאַנדאַו, קאָסטינסקי, סטאָסמאַן, בעלאָשיצקי. די ספּעקטאַקלען מיט זייער אָנטייל האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. אָבער אויך אַף די ליבהאָבערישע ספּעקטאַקלען איז גאָר ניט גרינג געווען אַרײַנצודרינגען. נאָר מיר, ייִנגלעך, האָבן זיך אויסגעלערנט אַריבערקריכן איבער די פּאַרקאַנס פונעם זומער־גאָרטן, וווּ עס פלעגן געגעבן ווערן פאָרשטעלונגען פון די ייִדישע ליבהאָבער־קרײַזן...

לעבן אונדזער הויף שטייט נאָך איצט דאָס רויטע דרײַשטאָקיקע ציגלנע מויערל. מיט אַ סאַך יאָרן צוריק איז דאָס געווען איינע פון די גרעסטע הײַזער — דער שטאָלץ פון פּאָדאָליער גאַס. דאָ האָט זיך געפונען די דריטע ייִדישע אַרבעט־שול — אַזוי האָט זי דעמלט געהייסן. ביז דער רעוואָליוציע האָט זיך דאָ געפונען די טאַלמעדטוירע. ניט איין מאָל איז אַהער געקומען מענדעלע מויכער־ספאָרים. ער האָט געוווינט ניט ווײַט פונדאַנען — אַף דער שכיינעסדיקער גאַס, וואָס טראָגט ביז איצט דעם נאָמען פונעם ייִדישן קלאַסיקער. ווען איך זאָל ניט זײַן אין זשיטאָמיר, קום איך צו גיין אַהער, צום הויז, וואָס איז אין מעשעך פון זיבן יאָר געווען מײַן צווייטע היים. יעדער ווינקעלע, יעדער צימער, יעדער קוסט פונעם שול־גאָרטן דערמאָנט מיר מײַן יוגנט, די אומפאַרגעסלעכע שול־יאָרן. אויך איצט איז דאָרט אַ שול. איך קום צו גיין אַהער שוין אַ גראָוער באַיאָרטער מענטש, בלאָנדזשע אַרום אינעם סאָד, איבער די שול־קאָרידאָרן, און די קינדער קוקן פאַרוווּנדערטע אַף מיר און פרעגן: „וועמען דאַרפט איר, זיידעניו?״ קיינעם דאַרף ער ניט, דער דאָזיקער זיידע, ער זוכט אין די קאָרידאָרן די פאַרגאַנגענע יוגנט זײַנע, דערמאָנט זײַנע כאַווייירים־שילער, די לערער, וואָס ליגן שוין לאַנג אַפן זשיטאָמירער בעסוילעם.

עס זײַנען פאַרבײַ בא 50 יאָר, נאָר אַלע מײַנע לערער שטייען מיר בוילעט פאַר די אויגן. איך האָב זיי ליב געהאַט יעדערן אַף אַן אַנדער אופן, אָבער מער פון אַלעמען רויטלמאַנען, דעם לערער פון ליטעראַטור. דאָס איז געווען אַ טיף געבילדעטער מענטש. ער האָט דערצויגן בא אונדז, שילער, גרויסע ליבע און פאַרשטאַנד צו ליטעראַטור. ס'איז ניט געווען בא אונדז קיין שילער, וואָס זאָל ניט שרײַבן קיין לידער אָדער דערציילונגען. אַרום רויטלמאַנען איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ליטעראַרישער קרײַז. מיט מיר האָט ער אַלץ אײַנ־געטײַנעט, אַז איך דאַרף ערנסט זיך פאַרנעמען מיט ליטעראַטור. מײַנע לידער האָבן זיך אָפט געדרוקט אין דער וואַנט־צײַטונג פון שול, און איך בין שטאָלץ געווען דערמיט.

דער לערער פון מאָלן דאַנציס האָט מיר אײַנגערעדט, אַז ניט מיט קיין לידער דאַרף איך זיך פאַרנעמען, נאָר מיט מאָלערײַ.

אָבער מער פון אַלץ האָט מיך געצויגן צו דער בינע.

אין יענע יאָרן זײַנען זייער פּאָפּולער געווען די אַזויגערופענע „לעבעדיקע צײַטונגען״. אונדזער פּיאָנערן־קלוב האָט אויך זיך געגרויסט מיט זײַן אַגיטקאָלעקטיוו פון דער לעבע־דיקער צײַטונג. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן אין דעם דאָזיקן קאָלעקטיוו. אָבער ניט לאַנג האָב איך זיך דאָרט פאַרהאַלטן, גאָר אינגיכן בין איך איבערגעגאַנגען אין אַ צווייטן קרײַז — אין דראַמאַטישן, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט אַ פּייִקער מענטש, אַ ליבהאָבער פון טעאַטער — דער לערער טאַרטאַקאָווסקי. דער דאָזיקער מענטש איז געווען מײַן ערשטער רעזשיסער־פּעדאַגאָג. בא אים האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַף אַ ספּעקטאַקל דאַרף מען אַרבעטן, אַז אַף דער בינע קאָן מען ניט אַרומגיין אַזוי, ווי עס ווילט זיך, אַז די ווערטער, וואָס דו ברענגסט אַרויס, דאַרפן אַרויסגעבראַכט ווערן מיט פאַרשטאַנד.

טאַרטאַקאָווסקי, אַ מענטש מיט אַ דינעם געשמאַק און הויכער ערודיציע, האָט אין אונדז אײַנגעפלאַנצט ליבע צו מי און איבערצײַגט אונדז, אַז דער וועג צו סצענישער קונסט איז זייער אַ שווערער און קאָמפּליצירטער וועג. ביז איצט געדענק איך די קלוגע און באַלערעוודיקע שמועסן זײַנע און בין אים דאַנקבאַר.

סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש מיכאָעלס האָט אַמאָל מיר געזאָגט: „ניט אַלע קומען אַלציינס צו שעפערישע דערפּאָלגן, ווער עס פאָרט צו זיי אויף אַ פור, מאַכט דורך אַ שווערן אויס־מאַטערנדיקן וועג, און ווער אויף אַ לײַכטן אווטאָמאָביל״. איך געהער צו די, וואָס פאָרן אויף אַ פור.

אין זיבן־און־צוואַנציקסטן יאָר איז עס געווען. אין איינעם אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן האָב איך איבערגעלייענט אַ באַשיידענע אַפישע: „אַרטיסט ווינאָגראַדסקי. אין דער פּראָ־גראַם: ווערק פון מיכאַיל גאַלאָדני, ספּעקטאַר און שאָלעם־אַליכעם״. וואָס איז דאָס? אַ טעאַטער? ניין! — איין אַרטיסט. וואָס וועט ער טאָן? זינגען? שפּילן? אין קלאַמערן איז געווען אָנגעשריבן: „קינסטלערישע פאַרלעזונגען״. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר די דאָזיקע מי־ניאַטיורע אַפישע האָט מיך פאַרינטעריגירט, און איך בין דעם זעלבן אָוונט אוועק אין קוסטאַרן־קלוב, וווּ עס איז אַרויסגעטראָטן דער יידישער אַרטיסט. אָבער זיך אַרײַנכאַפּן אינעווייניק איז געווען קימאַט אוממעגלעך. מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט הערן ווינאָגראַדסקין, זײַנען געקומען דרײַ מאָל מער, ווי דער קליינטשקער קלוב האָט געקאָנט אַרײַננעמען. נאָר צוליבן געדראַנג אַרום דער טיר האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אַרײַן אין איבערפולטן זאַל. עס איז שוין פון לאַנג אַריבער די אָנגעמערקטע צײַט, און דער קאָנצערט האָט זיך אַלץ ניט אָנגעהויבן — ס׳איז געשטאַנען אַ גוואַלדיקער טומל. דעמלט האָט מען געעפנט אַלע טירן, דערלויבט די מענטשן שטיין אויף דער בינע, און ס׳האָט זיך סאָפּקאָלסאָף אָנגעהויבן. אויף דער בינע איז אַרויסגעגאַנגען אַ גאַנץ געוויינלעכער מענטש, אַ נידעריקער, מיט אַ נערוועז און אומצופרידן פּנים. ער האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אויסגעטיילט פון אַלע, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. מיר האָט זיך אַפילו געדאַכט, אַז עפּעס איז אין אים פאַראַן אָפּשטויסנ־דיקס. אָט האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ געוויינלעך בענקל, בײַ אַ געוויינלעך קליין טישעלע. ער האָט זייער לאַנג זיך אײַנגעמאָסטעט. דערהערט אַ סקריפּ פון אַ טיר, האָט ער זיך אופגעהויבן פונעם אָרט און איז אוועקגעגאַנגען. אַזוי האָט זיך עס איבערגעכאַזערט עטלעכע מאָל, ביז אין זאַל איז געוואָרן טויט־שטיל. דעמלט איז ער ווי פאַרגליווערט געוואָרן און שטיל־שטיל אָנגעהויבן עפּעס דערציילן. די שטים אַ גרילצנדיקע, אַפילו ניט קיין אָנגענעמע. וואָס זאָל דאָס באַטײַטן? — האָב איך זיך געכידעשט. — שוין זשע איז דער דאָזיקער מענטש אַן אַקטיאָר? נאָר איך האָב אַליין ניט געוווּסט און ניט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס איז פאָרגעקומען. אין עפּעס אַ מאָמענט בין איך פאַרקישעפט געוואָרן. עס איז פאַר־שווונדן דער געפּאַקטער צושויער־זאַל, עס איז אויך פאַרשוווּנדן דאָס קליינע מענטשעלע — אויף דער בינע איז געזעסן אַ קישעפמאַכער, וואָס האָט אַלעמען געהאַלטן אין זײַנע הענט און געשאַפן מיט די צושויער אַזוי ווי אים האָט זיך געוואָלט. אָט האָבן די מענטשן אין זאַל געוויינט, אָט האָבן זיי זיך געקאַטשעט פון געלעכטער, און אָט זײַנען זיי פאַרשטילט געוואָרן, ווי אונטער דער ווירקונג פון אויסערגעוויינלעכן היפּנאָז. יאָ, דאָס איז געווען אַ גרויסער היפּנאָטיזאָר. דערבײַ האָט ער קימאַט גאָרניט געטאָן. געזעסן אויפן בענקל, זיך אַפילו ניט אונטערגעהויבן. ער האָט בלויז געקוקט אין איין פּינטל, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אים אינטערעסירט גאָר ניט, צי הערט מען אים צי ניט, צי געפעלט זײַן לייענען, צי עס געפעלט ניט. ער האָט, דאַכט זיך, אײַנגאַנצן ניט געדענקט, צי מיר עקזיסטירן. איך האָב ניט געוווּסט, ווי׳אַזוי דאָס אָנצורופן — פאַרלעזונג, שפּיל. נאָר איך האָב פאַרגאָסן טרערן, ווען ער האָט געלייענט ספּעקטאָרס „שטייט אויף, יידן, צו סליכעס״, מיכאַיל גאָלאָדניס „וואַסקע פון אַלעקסאַנדראָווער גאַס״, שאָלעם־אַליכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס״ און „בערל־אײַזיק״. איך בין געווען אַזוי דערשיטערט, אַז אַ לאַנגע צײַט האָב איך ניט געקאָנט קומען צו־זיך, אַ פאַרכאַלעמטער בין איך דער לעצטער אַרויסגעגאַנגען פון קלוב און ווידער דערזען דאָס קליינע מענטשעלע אין אַ באַשיידענעם מאַנטל. ער האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט פון די טרעפּ איינער אַליין. כ׳האָב דערזען אין זײַן האַנט עפּעס אַן אַלטן פּאָרט־פעל, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער אַרטיסט איז עפּעס אַזוי איינזאַם... שוין זשע איז דאָס ווינאָגראַדסקי? שוין זשע איז דאָס דער זעלבער קישעפמאַכער, דער היפּנאָטיזאָר, וואָס האָט געהערשט איבער אונדז אין מעשעך פון אומפאַרגעסלעכע צוויי שאָ?

איך בין אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט אופגעשטעלט דעם קאָלנער און לאַנג אַרומגע־בלאָנקעט איבער די זשיטאָמירער גאַסן, ביז איך האָב אין דער פינצטער אים ערגעץ פאַר־לוירן. איך בין נאָך לאַנג אַרומגעגאַנגען און געטראַכט וועגן דעם, סאַראַ גליק עס איז זײַן אַזאַ אַרטיסט.

זינט יענעם אָוונט בין איך פאַרליבט געווען אין ווינאָגראַדסקין. דער דאָזיקער אַרטיסט האָט אַזוי געווירקט אויף מיר, אַז כ׳האָב אַלץ אָנגעהויבן טאָן אַזוי, ווי ער וואָלט עס געטאָן —

יעדנפאלס האָט זיך מיר אזוי געדאכט. אין שטוב האָט מען זיך געכידעשט, וואָס כ'האָב גענומען ריידן אונטער דער נאָז — מע האָט גאָר געקלערט, אז איך בין פארקילט, קיינער האָט דאָך ניט געוווסט, אז איך רעד אזוי, ווי מײַן באליבטער אקטיאָר ווינאָגראדסקי.

איך האָב געלונגען אים קאָפּירט. די כעוורע אין שול און אפילו די לערער, וועלכע האָבן געהערט ווינאָגראדסקין, האָבן געזאָגט, אז איך מאַך אים נאָך פּינקטלעך. די דאָזיקע נאָכמאכעניש האָט מיך טײַער געקאָסט — כ'בין שיִער ניט דורכגעפאלן צוליב דעם אָף די עקזאמענעס אין דער מאָסקווער טעאטער־שול. אָבער אין יענער צײַט האָב איך אלץ געטאָן, ווי ווינאָגראדסקי וואָלט עס געטאָן. איך האָב צוגעגרייט א קאפּיטל פון מענדעלעס „מאַסאָעס ביניאָמין־האשלישי" און מיט גרויס דערפאָלג ארויסגעטראָטן מיט דעם אָף א ליטערארישן אָוונט אין שול. דער דערפאָלג האָט מיך באפליגלט, און איך האָב גענומען לייענען „מאָטל פּייסי דעם כאזנס" אין די קלובן פון זשיטאָמיר. מײַנע ארויסטרעטונגען האָט דער אוילעם ווארעם אופגענומען.

שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אין 7־טן קלאס, האָב איך אינסצענירט „יאנקאָ מוזיקאנט", אליין אָנגעמאָלט דעקאָראציעס און אליין געשפּילט די ראָל פונעם בלינדן מוזיקאנט. דער לערער טארטאקאָווסקי איז געווען דער רעזשיסער פונעם דאָזיקן ספּעקטאקל. די סצענע, ווו יאנקאָ גאנוועט אוועק דעם פידל באם באלעבאָס און ליגט דערנאָך א קראנ־קער צו בעט, האָט זייער אויסגענומען. איך געדענק, אז רעפּעטירנדיק דעם דאָזיקן פראג־מענט, האָב איך איינמאָל פארלאָרן דעם באוווסטזײַן.

אומבאמערקט איז אונטערגעקומען דער סאָף פונעם לעצטן לערניאָר. די שול איז פארענדיקט. דעם 7 אווגוסט בין איך אלט געוואָרן פערצן יאָר. יענע נאכט בין איך ארומגעגאנ־גען איבער די זשיטאָמירער גאסן און געטרוימט וועגן טעאטער... איך האָב שוין געוווסט, אז דאָרט, אין מאָסקווע, עקזיסטירט דער יידישער קאמער־טעאטער, אז דאָרט שפּילט דער גרויסער ארטיסט מיכאָעלס.

בא אונדז אין דער מישפּאָכע האָבן אלע געהאלטן, אז מיר איז שוין צײַט צו ווערן א מענטש... ניט קיין אקטיאָר, נאָר א מענטש, און דאָס האָט באטײַט באקומען עפּעס א פּראָפעסיע, וועלכע־עס־זאָל־ניט־זײַן, נאָר ניט קיין אקטיאָר. אפילו די באָבע עסטער, די ליבהאָבערן פון גאָלדפאדענען, וואָס איז טיף אין דער נעשאָמע געווען אן אקטריסע, האָט אויך געהאלטן, אז בא די שטאָפּנמאכערס זײַנען ניט געווען און עס דארפן ניט זײַן קיין ארטיסטן. דעריבער האָבן זיך אלע דערפרייט, ווען פון סלאווּטע איז אָנגעקומען א מיט־טיילונג, אז איך בין פארעכנט אלס סטודענט פונעם ערשטן קורס אין אינדוסטריעלן האָלצ־באארבעטנדיקן טעכניקום.

קיין סלאווּטע בין איך אוועקגעפאָרן צוזאמען מיט מײַן כאווער מיכל דלוגאטש. איצט איז מיכאל א געלערנטער, דער אווטאָר פון א ריי ביכער וועגן מאטעמאטיק, א דאָקטאָר פון מאטעמאטישע וויסנשאפטן. נאָר דעמאלט, אין 1928 יאָר, אין דער אווגוסט־נאכט, ווען מיר האָבן זיך מיט אים באגעגנט אפן זשיטאָמירער וואָקזאל, איז דאָס געווען א דערשראָקן פּראָווינציעל ייִנגל, וואָס האָט צום ערשטן מאָל זיך געזעצט אין צוג, זיך געזעגנט מיט די עלטערן. דער צוג האָט זיך גערירט פונעם אָרט, און מיר ביידע, איך און מיכל, זײַנען צוגעפאלן מיט די פּענעמער צו די פענצטער. די עלטערן האָבן געפּאָכט צו אונדז מיט די הענט, עפּעס נאָכגעשריגן, און זשיטאָמיר איז אלץ ווײַטער און ווײַטער אָפּגעשווומען אָף צוריק. אדיע, זשיטאָמיר, אדיע, קינדהײַט... עס האָט גענומען שארײַען אָף טאָג. א נײַער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן. עס האָט זיך אָנגעהויבן א נײַ לעבן.

סלאווּטע, וווהין מיר זײַנען געקומען, האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א געמיטלעך און שיין שטעטל, אן אײַנגעהילטס אין גרינס. אינעם אינדוסטריעלן האָלצבאארבעטנדיקן טעכ־ניקום זײַנען זיך צונויפגעקומען ייִנגלעך און מיידלעך פון פארשיידענע שטעט — פון אָוור־רוטש, קאָראָסטען, בערדיטשעוו, נאָוואָגראד־וואָלינסק. מע האָט אונדז אלעמען אוועקגעפירט אין צוזאמענוווינונג פונעם טעכניקום, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א נײַ לעבן.

דער דירעקטאָר פון אונדזער טעכניקום איז געווען זייער א ליבער מענטש, אן אויס־געצייכנטער מאטעמאטיקער. שאמשטיין איז געווען זײַן פאמיליע. אלע סטודענטן און אפילו די לערער האָבן געציטערט פאר אים. דאָס איז געווען א מענטש מיט אן אויסערגעוויינלעכן טעמפּעראמענט. ער האָט מיט אזא ענערגיע געשריבן אפן טאָוול, אז דאָס קרײַד האָט געשפּריצט אין אלע זײַטן. ווען עס פלעגט אים אויסקומען באווײַזן אונדז א ליניע, וואָס ציט זיך אין אומענדלעכקײַט, האָט ער, ווי אן ארטיסט פון באלעט, געמאכט א שפּרונג

אין דער הייך. ביכלאל האָט ער מיט זײַן קערפּער זיך געסטאַרעט אונדז באַווײַזן פֿאַרשיי־דענע געאָמעטרישע פֿיגורן — אַ קרײַז, אַ דרײַעק, און ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „ביסעקטריסע", האָט ער געמאַכט אַ „פֿאַ", ווי אַ באַלערינע. פֿאַרשטייט זיך, אַז ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, און איך האָב געגומען אים נאָכמאַכן מיט אַלע פּישטשעווקעס. מײַנע אימיטאַציעס האָבן אַרויסגערופֿן באַגײַסטערונג, און אינגיכן בין איך פּאָפּולער געוואָרן אין גאַנצן טעכניקום. אַלע האָבן געלאַכט, געהאַלטן זיך בײַ די זײַטן, נאָר מער פֿון אַלעמען האָט געלאַכט שאַמשטיין אַליין. ער האָט געלאַכט און אַלץ איבערגעכאַזערט: „נו, אַן עמער־סער אַרטיסט". ער פֿלעגט אַמאָל בייס די לימודים, אויסטאַנצנדיק זײַן באַליבטע מאַטעמאַ־טיק, כאַפּן אַ קוק אויף מיר און זיך פֿאַרגיין אין אַ געלעכטער. ער האָט זיך זייער גוט באַ־צויגן צו מיר, ווײַל איך בין געווען אַ גוטער שילער אויף מאַטעמאַטיק. זײַן אַ גוטער שילער איז מיר אָנגעקומען גאָר ניט גרינג. איך פֿלעג בוכשטעבלעך לערנען דורך די נעכט, און אַלץ קעדיי ניט אָפּשטיין פֿון מײַן באַגאַבטן מיכעלע דלוגאַטש, וועלכן שאַמשטיין האָט מעסוקן ליב געהאַט. עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז דער קליינינקער, שעמעוודיקער מיכעלע האָט געלייזט מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען, אַזוי ווי קיינער האָט עס ביז אים ניט געטאָן. דער באַגײַסטערטער און טומלדיקער שאַמשטיין פֿלעגט דעמלט בלײַבן שטיין אַ גליקלעך־דער־שיטערטער.

מיט די טעאָרעטישע לימודים איז אַלץ געווען בײַ מיר אין אָרדענונג, נאָר די פּראָ־דוציר־פּראַקטיק האָט זיך בײַ מיר ניט געקלעפּט. מיר האָבן געדאַרפֿט אין אונדזערע וואַר־שטאַטן באַהערשן די מעלאָכע פֿון סטאָליערס. איך האָב זיך געסטאַרעט, נאָר די הענט האָבן מיך אָבער ניט געפֿאָלגט.

כאַטש אונדזערע טעג זײַנען פֿול געווען מיט לערנע און מיט מי, פֿלעגט דאָך מיך אָפּט באַפֿאַלן עפּעס אַ בענקעניש נאָך זשיטאָמיר, נאָך מײַנע פֿרײַנט, נאָכן קלוב. אין אַזעלכע מינוטן פֿלעג איך אַרומבלאָנקען אַרום דעם הויכן פּלויט פֿונעם גאַרניזאָן־גאָרטן, ווו עס האָט אָפֿט געשפּילט אַ זעלטענער אָרקעסטער.

איך האָב אויך ליב געהאַט אַרײַנצוגיין צו די ברידער ווײַנשטיין. אַלע זײַנען זיי געווען „כאָלאַסטיאַקעס", גוטע מוזיקאַנטן און ליבהאָבער פֿון טעאַטער. דער סאַמע עלטסטער, אַ הויקער, האָט געגעבן ביכער אויף לייענען, פֿאַר וועלכע ער פֿלעגט באַקומען גראָשנס. נאָכן טויט פֿון זייער פֿאָטער, וואָס איז אין סלאַוווּטע געווען אַ באַוווּסטער קלעזמער, האָבן זיי פֿאַרגעזעצט שפּילן אויף כאַסענעס. דער ייִנגסטער ווײַנשטיין איז געווען זייער אַ פֿײַקער ליבהאָבער. אין סלאַוווּטע האָט מען אים גוט געקענט. ווען איך האָב זיך באַקענט מיט די ווײַנשטיינס, האָב איך פֿאַר זיי פֿאַרגעלייענט דעם מאָנאָלאָג „דער מעשוגענער אין שפּי־טאָל". מײַן שפּילן איז זיי אַזוי געפֿעלן געוואָרן, אַז קעדיי מיט עפּעס מיך באַדאַנקען, האָבן זיי אַרויסגענומען די אינסטרומענטן און אָפּגעשפּילט פֿאַר מיר אַ וווּנדערלעכן קאָנצערט. פֿון דעמלט אָן פֿלעג איך אָפֿט זיך אַרײַנכאַפּן צו די ברידער.

אַ ייִדישער טעאַטער פֿלעגט קומען אַהער זעלטן. נאָר איינמאָל האָט זיך באַוויזן אָן אַפֿישע, וואָס האָט געמאָלדן, אַז אינגיכן וועט אַ ייִדישע טרופּע באַווײַזן די פּיעסע „ווו זײַנען מײַנע קינדער". אין ספּעקטאַקל וועלן אָנטיילנעמען די אַרטיסטן ריטע גאַרבערג און מישע קאַרלאַס. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין דער ערשטער געקומען צו לויפֿן אין קלוב אויפֿן ספּעקטאַקל. קיין אויל‏עם איז קימאַט ניט געווען. אין אַ ווינקל האָב איך באַמערקט אַ וווּקסיקן שיינעם מאַנצבל מיט אַ שעווע‏ליורע פֿון אַ קינסטלער. ער איז געשטאַנען אַ פֿאַר־טראַכטער, עס האָט זיך געפֿילט, אַז דער מענטש לעבט עפּעס שטאַרק איבער. כ'וויים ניט פֿאַרוואָס, נאָר איך האָב באַשלאָסן, אַז דאָס דאַרף זײַן קאַרלאַס, און איך האָב קיין טאָעס ניט געהאַט. עס איז דורך אַ שאָ, צוויי, און דער ספּעקטאַקל האָט זיך ניט אָנגעהויבן. מישע קאַרלאַס איז אַלץ געשטאַנען אין דער זעלבער פּאָזע. סאָפּקאָלסאָף האָבן זיך פֿאַרזאַמלט עטלעכע צענדליק צושויער, און דער ספּעקטאַקל האָט זיך אָנגעהויבן.

אַפֿילע דעמלט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז די פּיעסע איז פֿון זייער אַ נידעריקן ניוואָ. נאָר דער שלעכטער דראַמאַטישער מאַטעריאַל האָט ניט געקאָנט צעפּאַטערן דעם אײַנדרוק פֿון די צוויי זייער באַגאַבטע אַקטיאָרן. ריטע גאַרבערג איז געווען אַן אַקטריסע פֿון גרויסן טעמפּעראַמענט, און דער שיינער מישע קאַרלאַס האָט מיך געפֿאַנגען מיט זײַן טיפֿן דראַ־מאַטיזם.

אויף זייער לאַנג האָב איך פֿאַרגעדענקט דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס איז פֿאַרן אָנהייב פֿון ספּעקטאַקל געשטאַנען אַ טרויעריק־פֿאַרטראַכטער. ווײַזט אויס, אַז אין יענעם מאָמענט האָט ער באַשלאָסן פֿאַנאַנדערלאָזן זײַן טרופּע.

אין אַ וואָך אַרום איז צו מיר אין טעכניקום געקומען אַ באַיאָרטער מענטש מיט אַ

צעקנייטשט, פאַרוואָקסן פּאָנעם און זיך געווענדט צו מיר האַלב אויף דײַטש, האַלב אויף ייִדיש.

— איך בין אַן אַקטיאָר, — האָט ער געזאָגט, — פֿון קאַרלאָסעס טרופּע. ער האָט אונדז צעלאָזט און איז אוועקגעפֿאָרן, און מיר, עטלעכע אַקטיאָרן, זײַנען געבליבן. מיר ווילן שטעלן אַ ספּעקטאַקל און פֿאַר דעם אָפּגעלייזטן געלט נעמען באַן־בילעטן. מיר בעטן אײַך, איר זאָלט אָנטיילנעמען אין אונדזער פֿאָרשטעלונג, עס קלעקן אונדז ניט קיין אַקטיאָרן. מיר האָבן געהערט, אַז איר זײַט אַ גוטער ליבהאָבער פֿון זשיטאָמיר. נאָכן ספּעקטאַקל וועלן מיר אײַך באַצאָלן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער ליבהאָבער פֿון זשיטאָמיר האָט גלײַך געגעבן זײַן הסכּמה. איך געדענק ניט, צי מע האָט מיר געגעבן אַן איבערגעשריבענע ראָל, צי האָבן מיר לאַנג רעפּעטירט, איך געדענק בלויז, אַז די פּיעסע האָט געהייסן „דאָס מיידל פֿון שוויי־פּראָם", און אַז איך האָב געשפּילט די ראָל פֿון אַן אַלטן מאַן. מיר, אַ זעכצניאָריקן, איז אויסגעקומען צו שפּילן די ראָל פֿונעם טאַטן פֿון יענעם צעקנייטשטן אַקטיאָר.

איך געדענק ניט, צי דער ספּעקטאַקל האָט געהאַט דערפֿאָלג, איך ווייס נאָר, אַז אוילעם איז געווען אַ סך, און אַז איך האָב די גאַנצע צײַט אימפּראָוויזירט, זיך געסטאַרעט מאַכן פֿריילעך, און דאָס איז מיר געלונגען. פֿאַרשטייט זיך, אַז קיין געלט האָט מען מיר ניט געגעבן, דערפֿאַר אָבער זײַנען די אַקטיאָרן געווען זייער צופֿרידן פֿונעם פֿאַרדינסט, און זיי האָבן מיר געדאַנקט פֿאַר מײַן אָנטייל.

באַגײַסטערט פֿון מײַן שפּילן זײַנען געווען די ברידער ווײַנשטיין. זיי זײַנען געקומען צו לויפֿן אויף דער בינע און מיך געקושט און געהאַלדזט. אָבער איך אַליין בין געבליבן ניט צופֿרידן מיט זיך. אינטויִטיוו האָב איך געפֿילט, אַז מײַן דערפֿאָלג איז אַ ביליקער, אַז מע טאָר אַזוי ניט שפּילן, אַז אין דעם איז פֿאַראַן עפּעס אָפּשטויסנדיקס, ברודיקס. איך האָב שוין געוווּסט, אַז עס זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע שולן, וווּ מע לערנט שפּילן אויף דער בינע. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איינמאָל האָב איך אין זשיטאָמיר באַגעגנט פּענע ראַפּאָפּאָרט, מײַנע אַ באַ־קענטע, וואָס האָט געלערנט אין מאָסקווע, און זי האָט מיר דערציילט, אַז דאָרט, אין מאָסק־ווע, איז פֿאַראַן אַ ייִדישער קאַמער־טעאַטער, און אַז בײַ דעם טעאַטער עפֿנט זיך אַ טעאַטער־שול, אַז דער הויפּט־לערער פֿון דער דאָזיקער שול איז סאָלאָמאָן מיכאָעלס... דעמאָלט האָב איך דאָס אַלץ בלויז אויסגעהערט, איך האָב געוווּסט, אַז אַפֿילו טראַכטן וועגן דעם טאָר איך ניט. נאָר אין יענער נאַכט, נאָכן ספּעקטאַקל, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז אויף ווערן אַן אַקטיאָר דאַרף מען זיך לערנען, אַז איידער אַזוי שפּילן, ווי די גאַסטראָליאָרן, וואָס זײַנען געקומען קיין סלאַוווּטע, איז שוין גלײַכער צו זײַן אַ פּאַשטעטער סטאָליער.

אין טעכניקום האָב איך זיך גערעכנט פֿאַר איינעם פֿון די בעסטע סטודענטן. מע האָט געהאַלטן פֿון מיר. אהיים האָב איך געשריבן גוטע בריוו, און די עלטערן זײַנען געווען צו־פֿרידן. די ידיעות און באַבעס האָבן זיך באַרימט אין זשיטאָמיר מיט זייער זיאָזיען, וואָס מאַכט גרויסע דערפֿאָלגן אין טעכניקום. ווען איך בין נאָכן פֿאַרענדיקן דעם צווייטן קורס געקומען אויף קאַניקולן אהיים, האָב איך דערפֿילט, אַז מע רעדט מיט מיר ווי מיט אַ דערוואַקסענעם. די באָבע עסטער האָט פֿאַר אַלעמען געמאָלדן, אַז איר זיאָזיע איז געוואָרן אַ מענטש. אַלץ איז געווען נאָרמאַל, און קיינעם איז אפֿן זינען ניט געקומען, אַז אינגיכן וועט פֿאַרלויפֿן אַזוינס, וואָס וועט שטעלן אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ, אַז אַלץ, וואָס איך האָב מיט גרויסע שוועריקײַטן דעראָבערט אין סלאַוווּטע, וועט צעשמעטערט ווערן אויף פּיץ־פּיצלעך.

און געשען איז אָט וואָס.

אין אָנהייב פֿונעם דריטן לערנאָיאָר האָט אין סלאַוווּטע אונדז דערוואַרט אַ סורפּריז. ס'איז דערהאַלטן געוואָרן אַ באַפֿעל פֿון קיִעוו, אַז דער אינדוסטריעלער האַלבצבאַארבעטנדיקער טעכ־ניקום ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ כימישן, אַז די, וואָס ווילן פֿאַרזעצן די לערע אין אַ האַלב־באַארבעטנדיקן אַנשטאַלט, קאָנען איבערפֿאָרן קיין בעלאַצערקאָוו. מיר האָבן ניט געוווּסט וואָס צו טאָן, זיך לאַנג געקווענקלט. אייניקע סטודענטן זײַנען פֿאַרבליבן אין סלאַוווּטע. איך האָב זיך אײַנגאַנצן פֿאַרלוירן. נאָר אומגעריכט האָט דאָס לעבן אַליין מיר אונטערגעזאָגט, וואָס איך האָב צו טאָן.

אין טעכניקום האָב איך געהאַט אַ כאַווער פֿון קיִעוו, גאַלוב האָט ער געהייסן, דאָס איז געווען אַ פֿאַרטרוימטער באָכער, וואָס האָט אין סלאַוווּטער טעכניקום זיך געפֿילט ניט אויף זײַן אָרט. ער האָט געשריבן לידער, זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט ליטעראַטור און האָט גע־רעכנט, אַז אין אינדוסטריעלן טעכניקום איז ער צײַטווײַליק. איינמאָל, פּונקט אין די טעג, ווען איך האָב ניט געוווּסט וואָס פֿאַרצונעמען, האָט גאַלוב מיר געבראַכט אַ נומער פֿון דער

צײַטונג „דער עמעס", אַף דער לעצטער זײַט פון װעלכער ס'איז געװען אָפּגעדרוקט א מעלדונג, אז די ייִדישע טעאַטער־שול באַם מאָסקװער מעלוכע־טעאַטער מעלדעט אָן אופנאַם אַפן ערשטן קורס. די עקזאַמענעס הײבן זיך אָן דעם 5 סענטיאַבער.

— װאָס איז עס מיט דיר? פאַרװאָס ביסטו אַזױ בלאַס געװאָרן? — האָט גאַלוב מיט כידעש און מיט שרעק זיך נאָכגעפרעגט.

— גאַלוב, איך פאָר קײן מאָסקװע! דו הערסט, װאָס איך זאָג?

— פאָר, יאַסקע, פאַרװאָס זאָלסטו טאַקע ניט פאָרן, — האָט מײַן פרײַנט מיך אונטערגעהאַלטן.

יאָ, יאָ, אװאַדע װעל איך פאָרן קײן מאָסקװע, זיך לערנען אַף אַן אַקטיאָר. װי האָב איך עס פריִער ניט פאַרשטאַנען? איך דאַרף זײַן אַן אַקטיאָר, און נאָר אַן אַקטיאָר! װאָס האָב איך צו טאָן אין טעכניקום, װאָס פאַר א שײַכעס האָב איך צו סטאָליערײַ? קײן מאָסקװע, קײן מאָסקװע! נו, און די מאַמע, און די באָבע עסטער? פאַר זײ װעט עס דאָך זײַן אַן אומגעריכטער און שרעקלעכער קלאַפּ. און עפּשער װעלן זײ מיר פאַרצײַען? איך װעל דאָך װערן א גוטער אַקטיאָר. קאָן זײַן, אז זײ װעלן זיך נאָך גרױסן מיט מיר... יאָ, יאָ, איך פאָר קײן מאָסקװע...

אין א שאָ אַרום האָבן אַלע אין טעכניקום שױן געװוּסט, אז איך װיל אַװעקפאָרן קײן מאָסקװע צו מיכאָעלסן. אײניקע האָבן מיך אונטערגעהאַלטן, די אַנדערע האָבן, פאַרקערט, מיך אָפּגערעדט. מער פון אַלעמען האָט מיך אָפּגערעדט מיכעלע דלוגאַטש. איך האָב אָנגעשריבן א בריװ מײַן זשיטאָמירער באַקענטער פּענע ראַפּאַפּאָרט, אז איך װיל קומען קײן מאָסקװע אַף עקזאַמענעס. פּענע האָט מיר באַלד געענטפערט: „טראַכט ניט לאַנג און קום צו פאָרן. מיר זײַנען באַװוּסט דײַנע פײַיִקײטן, דײַן אָרט איז אין טעאַטער־שול. איך װאַרט, דו זאָלסט קומען".

נאָך אַזאַ בריװ זײַנען אַלע צװײפלענישן צערונען געװאָרן. מײַן גורל איז געלײזט געװען.

איבער מײַן בעט איז געהאַנגען א געאָגראַפישע קאַרטע פון אוקראַיִנע. מאָסקװע איז דאָרט, פאַרשטײט זיך, ניט געװען, דעריבער האָב איך דורכגעפירט א ליניע פון סלאַװוּטע ביז צו דער סטעליע, װאָס האָט געדאַרפט באַטײַטן, אז אין עטלעכע טעג אַרום װעל איך זײַן דאָרט, אין מאָסקװע. איך בין געװען גליקלעך. מײַנע כאַװײרים האָבן געקוקט אַף מיר, װי מיר האָט זיך געדאַכט, מיט קינע. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַקומען אָנשטאָט דער טאָג־נאָרמע פון שפּײַז א לעבל ברױט און צען לעפעלעך צוקער, און אַף שטענדיק פאַרלאָזט סלאַװוּטע.

מ אָ ס ק װ ע

באַגעגנט האָט מיך מאָסקװע ניט זײער פרײַנטלעך. דאָס איז געװען אין א רעגנדיקן, קאַלטן סענטיאַבער־טאָג. דער װינט האָט מאַמעש געװאַלגערט פון די פיס. דער קיִעװער װאָקזאַל איז פול געװען מיט אומרויִקע מענטשן. אַלע האָבן זיך געשטופּט, ערגעץ געײַלט, מיר האָט זיך געדאַכט, אז אָפּשטעלן עמעצן, עפּעס פרעגן איז אומעגלעך אין דעם דאָזיקן כאַאָס. איך האָב ביז דעמלט נאָך קײנמאָל ניט געזען אַזאַ מענגע מענטשן, אַזאַ אָנגעלױף. מער פון אַלץ האָב איך מורע געהאַט פאַרלירן מײַן הילצערנעם סאַקװאַיאַזש — דאָרט האָט זיך געפונען מײַן גאַנץ פאַרמעגן: א פּאָר שפּאָגל־נײַע קאַלאָשן, װעלכע איך האָב געקלערט פאַרקױפן, אױב איך װעל ניט אָנקומען אין טעאַטער־שול און אױב עס װעט מיר אױסקומען זיך אומקערן צוריק אַהײם.

מיט שװעריקײטן האָב איך זיך דערקליבן צום װאָקזאַל־פּלאַץ און בין בוכשטעבלעך געפּלעפט געװאָרן פון דער גיגאַנטישער שטאָט, װאָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר. נאָך דער געמיטלעכער שטאָט זשיטאָמיר בין איך פאַרטױבט געװאָרן פונעם רױש, צעטומלט און פאַרלױרן געװאָרן פונעם אימפּעטפולן האַמױן.

דאָך האָב איך אָפּגעשטעלט א באַיאָרטן מאַנצבאַל, װעלכער האָט מיר גערן דערקלערט, אז דער ייִדישער טעאַטער געפינט זיך אַף קלײן־בראָנע־גאַס און אז דערקלײַבן זיך אַהין קאָן מען מיטן טראַמװײַ B. שױן אין טראַמװײַ האָט אַן אַלטיטשקע מיך פאַרזיכערט, אז זי װעט מיר זאָגן, װוּ איך דאַרף אַראָפּשטײַגן, נאָר צום באַדױערן, האָט זי זיך פאַררעדט און געכאַפּט זיך צו שפּעט — דער טראַמװײַ האָט זיך שױן געהאַט גערירט פונעם אָרט, װען זי האָט מיר געמאָלדן, אז מיר זײַנען פאַרבײַגעפאָרן קלײן־בראָנע. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פונעם טרעפּל און אומגעפאַלן. מײַן סאַקװאַיאַזש האָט זיך צעעפנט, און איבערן ברוק זײַנען זיך צעפלױגן אַלע מײַנע טראַנטעס — דאָס פּושקעלע צײן־פּודער, דאָס שטיקל זײף, עטלעכע ריפּטלעך

ברויט און דעריקער די נײַע קאַלאַשן. זיי זײַנען איצט געלעגן אינמיטן סאַדאָווע... ניט אָפּ־געבנדיק זיך קיין כעזשבן, האָב איך זיך א לאָז געטאָן נאָך די קאַלאַשן און שיר ניט ארונטער־געפאַלן אונטער די רעדער פונעם טראַמווײַ. דער טראַמווײַ האָט פּאַרטאַרמאַזירט און זיך אָפּגעשטעלט, עס האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט אַלע מאַשינעס, לעבן מיר איז, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן א מיליציאָנער, ער האָט מיר געהאָלפן צונויפקלײַבן מײַנע זאַכן און דערנאָך אונטער דער האַנט מיך ארויסגעפירט אפן טראָטואַר. דערקלערט, וויאַזוי זיך דער־קלײַבן צום ייִדישן טעאַטער, האָט ער צוגעשטעלט די האַנט צום דענעק און א שמייכל געטאָן. אונטערהינקענדיק האָב איך געשפּאַנט איבער דער לאַנגער קליין־בראָנע־גאַס, ביז איך בין צוגעקומען צו א באַשיידן דרײַשטאָקיק הויז, ווו איך האָב מיט נעשאָמע־ציטער איבערגע־לייענט „ייִדישער מאָסקווער מעלוכע־טעאַטער". אָט איז זי, די קליין־בראָנע־גאַס, נומער 2.

דעמלט, דעם פערטן סענטיאַבער פונעם דרײַסיקסטן יאָר, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל צוגעקומען צו דעם וווּנדערלעכן אָרט, פאַר מיר, פאַנטאַסטישן הויז, האָב איך ניט געקאָנט וויסן, וויפל פרייד און וויפל דערשיטערונגען עס דערוואַרטן מיך דאָ. איך האָב לאַנג זיך ניט אײַנגעשטעלט אן עפן טאָן די טיר, קעדיי ארײַנצוגיין אינעם דאָזיקן הייכל...

יויסעף קאַלין (דער ערשטער פון רעכטס) צווישן כאַווײרים ארטיסטן. 1938

און דאָס הייכל האָט מען דעמלט גראָד רעמאָנטירט. אַלץ איז געווען פאַרליאַפּעט אין קאַלך. די מאַליאַרעס האָבן געוויַסט די סטעליע, מע האָט געפּאַרבט, געראַמט — געגרייט זיך צום נײַעם טעאַטער־סעזאָן. באַם ארײַנגאַנג איז באַ א טישל געזעסן א באָכערל, אַזא ווי איך. א באָכערל מיט א לאַנגער נאָז, א דריבנינקער, מיט גאָלדענע קנעפּ אפן רעקל. ער האָט מיך א פרעג געטאָן, וועמען איך דאַרף. ווען איך האָב אים דערקלערט, אַז איך בין געקומען האַלטן עקזאַמענעס אין דער ייִדישער טעאַטער־שול, האָט ער מיך באַקוקט פון די פּיאַטעס ביזן קאָפּ, מיט געמאַכטער סאָלידקײַט ארויסבאַקומען פון קעשענע א פּאַפּיראָס־פּושקעלע און פאַררייכערט.

— איך, — האָט ער געזאָגט, — לערן שוין א יאָר אין דער דאָזיקער שול, איצט ארבעט איך צײַטווײַליק אַלס קאָנטראָליאָר. — ערשט דערנאָך האָט ער מיר געמאָלדן, אַז איך דאַרף גיין אין סטאָליעשניקאָוו־געסל, 8, דאָרט געפינט זיך די טעאַטער־שול.

— אָט באַלד, — האָט ער צוגעגעבן, — וועט ארײַנקומען אהער דער דירעקטאָר מאַנדעל, וועט איר גיין מיט אים צוזאַמען.

וואַרטנדיק אף מאַנדעלן, האָב איך אַליין ניט באַמערקט, ווי איך האָב זיך אופגעהויבן

אפן צווייטן שטאָק. ערשט דאָ האָב איך זיך ארומגעקוקט און דערזען פאר זיך א גרויסע פּאַיע מיט אויסערגעוויינלעכע בילדער אף די ווענט — אזעלכס האָב איך קיינמאָל ניט געזען: א דאָרפישער פידלער שטייט אף א דאך און שפּילט, און אָט שטייט א ייִדיש ייִנגל אָן א קאָפּ — דער קאָפּ זײַנער, שוועבט ארום ערגעץ אין הימל. איבערגעקערטע שטיבלעך, א ציגעלע אפן הימל... כאָטש כ׳האָב דעמלט גאָרנישט ניט פארשטאַנען, נאָר דערפילט האָב איך, אז דאָס איז עפּעס אומגעוויינלעכס. מיט א צײַט שפּעטער בין איך לאַנגע שעה אָפּגעשטאַנען פאר די דאָזיקע שעדעווערן.

דאָס באַכערל מיט די גאָלדענע קנעפּ איז צוגעקומען צו מיר, דערקלערט, אז דאָס זײַנען בילדער פון מארק שאַגאַלן.

ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מאַנדעל איז א הויכער מאַנצבל מיט געלע האָר.

ווען מיר זײַנען ארויסגעגאַנגען אף דער גאַס, האָט ער מיר א זאָג געטאָן:

— דו וואַלסט, יונגערמאַן, זיך געדאַרפט איבערטאָן צום עקזאַמען.

איך האָב אים געענטפערט, אז קיין גרויסע גאַרדעראָבן פאַרמאָג איך ניט, נאָר א פּריש ווײַס העמדל וועל איך אָנטאָן.

ער האָט פרײַנטלעך א שמייכל געגעבן, און דערמיט האָט זיך פארענדיקט אונדזער געשפּרעך.

ווען מיר האָבן זיך אופגעהויבן אפן צווייטן שטאָק, איז אונדז אנטקעגן געקומען א קורץ־זיכטיקע דאַרינקע פרוי מיט האָרן־ברילן אף דער נאָז און שעפּטשענדיק געוואָרנט:

— שטילער, אין זאַל אַרבעט מיכאָעלס!

דאָס הארץ האָט גענומען שטאַרק קלאַפּן — כ׳האָב ניט געקלערט, אז כ׳וועל דאָ טרעפן מיכאָעלסן.

די קורצזיכטיקע פרוי — דאָס איז געווען פאַינע יעפימאָוונע רובינשטיין. זי האָט זיך גלײַך באַקענט מיט מיר. פּונקט ווי בא מאַנדעלן, האָט מײַן הוילעך ניט שטאַרק אויסגענומען בא איר. זי האָט מיך פארשאָטן מיט פראַגעס. איך האָב, ווײַזט אויס, ניט זייער אופמערקזאַם געהערט, וואָס זי רעדט צו מיר, ווײַל מײַנע געדאַנקען זײַנען געווען דאָרט, אין זאַל, ווו עס האָט זיך געפונען מיכאָעלס. און פון דאָרט האָט זיך דערטראָגן א וווּנדערלעך געזאַנג. עס האָבן געזונגען צוויי — א פרוי און א מאַנצבל... פאַינע יעפימאָוונען איז מײַן צעשטרייטקײַט ניט געפעלן געוואָרן.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז דאָס האָט געזונגען פּיסע קאָראַלי און סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש מיכאָעלס. דאָס האָבן זיי רעפּעטירט שאָלעם־אַלייכעמס „מאַזלטאָוו״ — מיכאָעלס האָט געשפּילט רעב אלטערן.

פּלוצעם האָט זיך געעפנט די טיר, און פונעם שכיינעסדיקן צימער איז ארויסגעקומען א נידעריקער געזעצטער מענטש מיט ניט קיין געוויינלעך פּאָנעם — מיט אָן ארויסשטאַרצנדיקער אונטערשטער ליפּ, מיט ניט קיין גרויסער קרומלעכער נאָז און מיט א גרויסן ניט פּראָפּאָרציאָנעלן שטערן.

גאָט מײַנער, ווי שיין דאָס דאָזיקע פּאָנעם האָט מיר נאָכדעם אויסגעזען! אלע זײַנען מיר פארליבט געווען אין זײַן ניט שיינער ארויסשטאַרצנדיקער ליפּ — וויפל מענטשן האָבן ספּעציעל ארויסגערוקט די אונטערשטע ליפּ, קעדיי כאָטש עטוואָס ענלעך זײַן אף מיכאָעלסן. און דער אומגעוויינלעכער שטערן פון א כאָכעם! און די קלוגע אויגן און דעריקער זײַנע געניאַל־מוזיקאַלע הענט... אָבער דאָס אלץ האָב איך פארשטאַנען שפּעטער, נאָר יענעם אינדערפרי האָט דער דאָזיקער מענטש מיך געפלעפט, און פון אומדערוואַרטקײַט האָט מיך אָנגעכאַפּט א געלעכטער. איך האָב, פארשטייט זיך, ניט געוווּסט, אז דאָס איז מיכאָעלס, כ׳האָב קלאָל זיך ניט געקענט פארשטעלן, אז א מענטש מיט אזא אויסזען קאָן זײַן אָן ארטיסט. דערפאַר טאַקע האָב איך ניט אראָפּגעלאָזט דעם בליק פון דער טיר, פון וועלכער עס האָט זיך געדאַרפט באַווײַזן דער באַרימטער אַקטיאָר. דעם פּולבלעכן, געזעצטן מענטשן האָבן ארומגערינגלט א סאַך סטודענטן און זיך אײַנגעהערט צו זײַן יעדן וואָרט, און מיכאָעלס איז אלץ ניט געקומען...

— און ווו איז מיכאָעלס? — האָב איך שטיל א פרעג געטאָן בא פּאַינע יעפימאָוונען.

פּאַינע יעפימאָוונע האָט א בייזן קוק געטאָן אף מיר, דערנאָך אף מיכאָעלסן, און ערשט דעמלט האָב איך אלץ פארשטאַנען...

איך האָב זיך געפילט, ווי מע וואָלט מיך פונעם הימל אראָפּגעוואָרפן אף דער ערד. אָט דאָס איז מיכאָעלס? אָט דער... ווי קאָן עס זײַן?

פונעם זײַטיקן צימער איז ארויסגעלאָפן מײַן זעמליאַטשקע פענע ראַפּאָפּאָרט און מיך ארומגעכאַפּט. זי האָט גלײַך גענומען פאָרשטעלן מיר אירע כאַווײרים און דערבײַ מיך גע־

לויבט אין טאָג אַרײַן. אָט איז די וווּנדערלעכע זינגערן. פּיסע קאַראַלי איז, כוץ אַלעמען, שיין געווען, ווי דער טאָג, אירע טרויעריקע ייִדישע אויגן האָבן מיר גלײַך דערמאָנט די לירישע געשטאַלט פון שאַלעם־אַלייכעמס בוזי פון „שיר־השירים”. אָט איז סאַרע פּאַבריקאַנט פון בערדיטשעוו, ראָזע קורץ, כאַנע שמאַיאָנאַק, לייב גוקײַלאָ, מאַרק שעכטער און נאָך און נאָך.

דעמלט, אין יענעם האַרבסטיקן טאָג, האָבן אַלע מיך זייער וואַרעם באַגעגנט, זיך געסטאַרעט, אַז איך זאָל זיך אינעם נײַעם פאַר מיר קאָלעקטיוו דערפילן היימיש.

פּענע האָט מיך אוועקגעפירט צו זיך אין צוזאַמענוווינונג און אָנגעהאָדעוועט. ווער האָט זיך עס געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום וועט אָט דאָס לעבנסלוסטיקע, שטיפערישע מיידל פאַרלאָזן די וועלט אָף שטענדיק?

דעמלט האָט זי דעם גאַנצן טאָג זיך אַרומגעפירט מיט מיר, אַלעמען דערציילט, סאַרא דערפאָלג איך האָב געהאַט אין זשיטאָמיר, סאַרא פײַיקער איך בין. זי האָט מיר אַלץ אײַנגע־טײַנעט, אַז איך זאָל זיך ניט באַומרויִקן. זי איז מאַסקים געווען מיט מיר, אַז בייסן עקזאַמען דאַרף איך איבערלייענען דעם מאָנאָלאָג „דער מעשוגענער אין שפּיטאָל” און אַ קאַפּיטל פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס”. די דאָזיקע זאַכן האָט פּענעלע נאָך געהערט אין זשיטאָמיר, ווו איך האָב אָנטיילגענומען אין קרײַז פון זעלבסטטעטיקײַט.

— יאָ, יאָ, — האָט זי געטײַנעט, — דאָס איז זייער טעמפּעראַמענטפול, און מיכאָעלס האָט ליב טעמפּעראַמענטפולע מענטשן. איך צווייפל ניט, אַז דיך וועט מען צונעמען, אַז מאָרגן, אָפּן עקזאַמען, וועסטו דורכגיין מיט דערפאָלג.

נאָר קיין דערפאָלג האָב איך ניט געהאַט. פאַרקערט — איך בין דורכגעפאַלן. שרעקלעך דורכגעפאַלן. און דער דורכפאַל האָט צונישט געמאַכט אַלע מײַנע אילוזיעס...

אינדערפרי האָב איך אָנגעטאָן מײַן ווײַס העמדל, וואָס איך האָב ספּעציִעל געהאַלטן צום יאָמטעוו. קיין פּידזשאַק האָב איך ניט געהאַט, און פּאַינע יעפימאָוונע האָט דערפון זיך שטאַרק געגנומען צום האַרצן. דאָך איז די שטימונג מײַנע דערפון ניט געמינערט געוואָרן. איך בין זיכער געווען אין מײַן דערפאָלג — פּענעלע האָט מיך אויך איבערצײַגט אין דעם.

אין דער טעאַטער־שול אָף סטאָליעשניקאָוו־געסל האָבן דעם פּינפטן סענטיאַבער זיך פאַרזאַמלט אַ סאַך מענטשן. יוגנט, וואָס האָט, פּונקט ווי איך, געדאַרפט האַלטן עקזאַמענעס, און דערוואַקסענע. איך האָב זיך עטוואָס פאַרלוירן. קימאַט אַלע זײַנען געווען פיל עלטער פון מיר, און אָנגעטאָן זײַנען זיי געווען אין שיינע קאָסטיומען מיט שניפּסן, ווי עמעסע אַק־טיאָרן. אין מײַן ווײַס העמדל האָב איך צווישן זיי אויסגעזען, ווי אַ קינד, אַפילע ייִנגער פון מײַנע 16 יאָר.

אָף די עקזאַמענעס זײַנען געקומען די סטודענטן פון די עלטערע קורסן, אַלע אַקטיאָרן פונעם גאָסעט.

באַם טיש זײַנען געזעסן עפראַיִם לויטער — דער פּאַרוואַלטער פון לערן־טייל, אַלע פּע־דאַגאָגן און די מיטאַרבעטער פון דער שול. פּונקט ווי אָף אַ יאָמטעוו, איז געקומען אַהער דער קריטיקער און דראַמאַטורג יעכעזקל דאָברושין. זײַנע פּיעסן זײַנען דעמלט געגאַנגען אין גאָסעט און אין אַנדערע טעאַטערן פונעם לאַנד. דאָ איז אויך געווען איסאַק נוסינאָוו — דער אָנגעזעענער ליטעראַטור־פאָרשער און די צוויי וווּנדערלעכע פּאָעטן, אין וועלכע אַלע זײַנען פאַרליבט געווען, — שמועל האַלקין און פּערעץ מאַרקיש. ווען איך האָב זיי דערזען, איז דאָס האַרץ באַ מיר שיִר ניט אַרויסגעפאַלן פון אויפרעגונג. די פאָרטרעטן פון די דאָזיקע דיכטער זײַנען שטענדיק געהאַנגען איבער מײַן געלעגער אין זשיטאָמיר. אָך, ווי איך בין מעקאַנע געווען די סטודענטן פון די עלטערע קורסן, וואָס זײַנען געשטאַנען לעבן די קאָריפייען פון דער ייִדישער פּאָעזיע און גערעדט מיט זיי, ווי מיט זייערס אַ גלײַכן. מאַרקיש האָט זיי אַלע־מען אַרומגענומען, געקושט די מיידלעך, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט.

באַם עקזאַמען־טיש זײַנען געזעסן די באַרימטע אַרטיסטן פון גאָסעט. אָט איז ביניאָמין זוסקין. דעמלט איז ער שוין באַרימט געווען אין גאָר דער וועלט. אין טאָגטעגלעכן לעבן איז זוסקין געווען זייער אַ ליבער מענטש. אָט זיצט ער באַם טיש אין זייער אַ באַשיידענעם אָנ־צוג, אָן אַ שניפּס. די האָר זײַנען באַ אים געקרויזט, די נאָז עטוואָס פאַריסן. די אויגן זײַנע שמייכלען קעסיידער מיט עפּעס אַ כיטרע שמייכעלע, און אײַנגאַנצן איז ער שטאַרק ענלעך אָף מיכאָעלסן, באַזונדערס דער שטערן. דער גרויסער קינסטלער, וואָס האָט באַשאַפן פיל שעדעווורען אָף דער בינע פונעם גאָסעט און אין קינאָ, איז געזעסן באַם טיש און שטיל זיך דורכגערעדט מיט די שכיינים, צי עפּשער האָט ער דערציילט עפּעס קאָמישעס, ווײַל אַלע אַרום האָבן געלאַכט. באַזונדערס האָט געלאַכט דאָברושין. אַלעמאָל האָט ער אַראָפּגענומען די פּענסנע און אויסגעווישט פון די אויגן אָן אָנגעלאָפּענע טרער.

און דאָס איז סאָרע ראָטבאַום — די אַקטריסע, וועלכע איז באַרימט געוואָרן מיט אירע געשטאַלטן פון סאָרע־כאַנציע, טעטיע־מעניע און פיל אַנדערע פּרויען־ראָלן. סאָרע ראָטבאַום איז אַ שיינע פרוי און באַזיצט אַ ווונדערלעכע שטים. זי האָט אונטערריכט אין שול דיקציע און סצענע־פּראַקטיק. ראָטבאַום איז געווען אַ גרויסער פריינט פון דער טעאַטראַלער יוגנט. אַזאַ אַרבעטספייִקייט און פאַנטאַסטישע איבערגעגעבנקייט דער בינע איז זעלטן צו געפינען.

און שידלאָ זיצט אויך באַם עקזאַמען־טיש. ער איז אַ ווּוקסיקער און אַ שיינער. זיין שטים איז ענלעך געווען אָף דער שטים פון קאַטשאַלאָוון. ער און אויך סאָרע ראָטבאַום זיינען דערציגלינגען פון דער באַרימטער „ווילנער טרופּע״.

שידלאָ איז אַן עכט־רעאַליסטישער אַקטיאָר. אין די פאָרמאַליסטישע ספּעקטאַקלען פון גראַנאָווסקין האָט ער ניט געקאָנט פאַנאַנדערוויקלען זיין גרויסן טאַלאַנט. אָבער אין די ספּעקטאַקלען פון דאָברושינען „דער געריכט גייט״, ווו ער שפּילט די ראָל פון בער בוכ־מאַנען, און אין דער דראַמע פון דאָוויד בערגעלסאָנען „דער טויבער״, ווו ער פּילט אויס די הויפּט־ראָל, באַווייזט זיך דער דאָזיקער אַקטיאָר אין זיין גאַנצער גרייס, און די, וואָס האָבן אים געזען אין די דאָזיקע ראָלן, זיינען שוין אָף שטענדיק פאַרבליבן פאַרערער פון דעם גרויסן בינע־מייסטער שידלאָ.

וועגן די דאָזיקע קינסטלער, וועגן זייער שעפערישן וועג, האָב איך זיך דערוווּסט ערשט שפּעטער, נאָך דעמלט, דעם פינפטן סענטיאַבער פונעם דרייסיקסטן יאָר, האָב איך קיינעם פון זיי ניט געקענט. די, וואָס זיינען געזעסן באַם עקזאַמען־טיש, זיינען געווען פאַר מיר אומ־באַקאַנטע באַוווּסטע לייט. זיי זיינען געזעסן באַם טיש, ווי געוויינלעכע מענטשן, געשמועסט צווישן זיך און געוואַרט אָף מיכאָעלסן. אָף מיכאָעלסן האָבן געוואַרט אַלע — די סטודענטן פון די עלטערע קורסן, די, וואָס זיינען געשטאַנען באַ אַ זייט און האָבן געוואַרט, אַז מע זאָל אָנרופן זייערע נעמען, ווען ס׳וועט זיך אָנהייבן דער עקזאַמען. און אָט האָט אַ זאָג געטאָן: „ער גייט״. אַלע האָבן זיך אַרומגעקוקט, ס׳איז געוואָרן שטיל. דער דאָזיקער מענטש, וואָס האָט באַ מיר באַ דער ערשטער באַגעגעניש אַרויסגערופן אַ געלעכטער, האָט מיר איצט אויסגעזען איינגאַנצן אַנדערש, עפּעס מעכטיקס און באַדייטנדיקס האָט געווייעט פון אים.

צוזאַמען מיט מיכאָעלסן איז אין שול געקומען אויך אַ יאָמטעוודיקע שטימונג. דערבײַ האָט ער צוליב דעם קיין זאַך ניט געטאָן. ער איז געגאַנגען מיט עפּעס אַ פּײַערלעכן גאַנג, עמעצן באַגריסט מיט אַ שמייכל, צו אַ צווייטן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און מיט זיין פּאַרט־ניאַר זוסקינען זיך צעקושט. געזעצט זיך צום טיש, האָט ער זיך אָף אַ ווײַל פאַרטראַכט, דערנאָך אַ קוק געטאָן אין דער טיף פון דער בינע, אַרויסבאַקומען זיין שטענדיק פושקעלע „קאַזבעק״, גענומען פון דאָרט מיט די שיינע פינגער אַ פּאַפּיראָס. ס׳האָט געמאַכט אַן אײַנ־דרוק, אַז זיצנדיק אין געפּאַקטן זאַל, האָט ער פּלוצעם פאַרגעסן וועגן די בײַוועזנדע — זײַנע געדאַנקען האָבן געשוועבט ערגעץ ווײַט, אויסער די ווענט פון דעם באַשיידענעם זאַל. עמע־צער האָט אים אונטערגעטראָגן אַ פּושקעלע שוועבעלעך. ער האָט עס לאַנג געהאַלטן אין די הענט, דערנאָך אַרויסגעכאַפּט אַ שוועבעלע און עס ענערגיש אָנגעצונדן. איך האָב פאַרשטאַ־נען, אַז ער האָט עפּעס באַשלאָסן, אַז ער האָט זיך אין דער דאָזיקער רעגע אומגעקערט מיט די געדאַנקען אינעם זאַל, ווו עס וועלן זיך באַלד אָנהייבן די עקזאַמענעס.

דאָס איז געווען אַ ווונדערלעך־אָפּגעשפּילטע סצענע, וואָס האָט מאָבילִיזירט די אויפמערק־זאַמקייט פון אַלע בײַוועזנדע. שפּעטער פלעג איך אָף די לימודים, אָף די עפנטלעכע אַרויס־טרעטונגען וואַרטן, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, אָף די דאָזיקע מיכאָעלס־פּאַוזעס.

די עקזאַמענעס זײַנען פאָרגעקומען אַזוי: דער אַביטוריענט איז צוגעגאַנגען צום טיש און געענטפערט דער אופנאַם־קאָמיסיע אָף אייניקע פראַגן: ווער זײַנען די עלטערן? פאַרוואָס ווילט איר זײַן אַן אַקטיאָר? (אָף דער דאָזיקער פראַגע, געדענק איך, האָט איינער אַ באָכער שפּאַסנדיק געענטפערט: קעדיי שלאָפן ביז שפּעט). נאָך דעם ווי דער אַביטוריענט האָט גע־ענטפערט אָף די פראַגן, איז ער אַרופגעגאַנגען אָף דער ניט גרויסער שול־בינע און פאָרגע־לייענט אַ פראַגמענט פון פּראָזע אָדער פּאָעזיע, אַ מאָנאָלאָג. אייניקע האָבן צוזאַמען מיט אַ פּאַרטניאָר באַוויזן אַ סצענע פון אַ ספּעקטאַקל. איינער נאָכן אַנדערן זײַנען אַרויסגעגאַנגען באָכערים און מיידלעך און באַוויזן, וואָס זיי האָבן צוגעגרייט. די עקזאַמענעס זײַנען געגאַנ־גען אין טעמפּ, קיינעם האָט מען אָף לאַנג ניט פאַרהאַלטן. צווישן די אָנגעפּאַרענע זײַנען געווען אויך עלטערע מענטשן, ווי, צום בײַשפּיל, וולאַדימיר שטיינבאַך, וואָס האָט געטראָגן אַן אויסגעצייכנטן בלאָוון אָנצוג, ער איז געווען אַ באַוווּסטער שנײַדער אין האָמעל און אויך אַ באַוווּסטער ליבהאָבער. אָף די עקזאַמענעס האָט ער זייער אויסגענומען און איז פון די ער־שטע פאַרעכנט געוואָרן אין טעאַטער־שול. דאָ איז אויך געווען קאַגאַנאָוו — ער איז עלטער געווען פון אַלע אַביטוריענטן און האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט אַן אינסטיטוט.

מיך האָט מען לאַנג ניט אויסגערופן. צוקוקנדיק זיך צום גאַנג פון די עקזאַמענעס, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויב מיכאָעלסן געפעלט ניט דער מאַטעריאַל אָדער די אויספילונג, שלאָגט ער גלײַך איבער. אויב ער זאָגט: „גענוג, אַ דאַנק", פאַרשטייען שוין אַלע, אַז דער עקזאַמענירנדיקער איז דורכגעפאַלן. און מיך האָט מען אַלץ ניט אויסגערופן. איך האָב נערווירט. מיר האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַרויס אויף דער בינע און „אָוועקלייגן" מײַן מאָנאָלאָג „דער מעשוגענער אין שפּיטאָל" — באַווײַזן אַלעמען, וואָס הייסט שפּילן, וואָס הייסט אַזוינס עכטער טעמפּעראַמענט. איך האָב פאָרויס זיך שוין פאָרגעשטעלט, וויאַזוי מיכאָעלס וועט אַ צופרידענער אַ שמייכל טאָן צו מיר, וויאַזוי אַלע באַוווּסטע מענטשן, וואָס זיצן אַרום טיש, וועלן בלײַבן פאַרוווּנדערט, וויאַזוי די יונגע וועלן מיר מעקאַנע זײַן. מיך, — האָב איך געטראַכט, — וועט מיכאָעלס ניט אָפּשטעלן... די דאָזיקע זיסע געדאַנקען האָבן מיר אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז איך האָב ניט געהערט, ווען מע האָט מיך אײַנגעלאַדן צום טיש. נאָך דעם ווי איך האָב געענטפערט אויף עטלעכע פראַגן, בין איך אַ זיכערער אַרויף אויף דער בינע. כ'האָב ניט באַוויזן דורכצולייענען קיין צוויי פראַזעס, ווי כ'האָב דערהערט דאָס שרעקלעכע וואָרט „גענוג". וואָס איז געשען? כ'האָב מיסטאָם אַ טאָעס געהאַט? „ווו האָסטו געהערט דעם דאָזיקן מאָנאָלאָג?" — האָט מיכאָעלס מיך געפרעגט. „אין זשיטאָמיר, — האָב איך געענטפערט. — צום סאָף זײַנען פאַראַן אַ סך אינטערעסאַנטע ווערטער"... — „גענוג, אַ דאַנק, פאַר אונדז וועט קלעקן..."

וואָס זאָל דאָס באַטײַטן? דער דאָזיקער מאָנאָלאָג האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג אין קוסטאַרן־קלוב. וועגן דעם דאָזיקן מאָנאָלאָג האָט די מומע מײַנע באַסיע געזאָגט: „אָך, שפּילט ער, אונדזער זאָזיע, דעם מעשוגענעם! איר מעגט שוין אָנקוקן, ווי ער רײַסט אויף זיך דאָס העמד". מ'האָט מיר פאָרגעלייגט לייענען עפּעס אַנדערש. ווי פאַר אַ שטרוי האָב איך זיך אָנגעכאַפּט פאַר מײַן אויסגעפּרוּווטן „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס", נאָר כ'האָב ניט באַוויזן איבערצולייענען קיין פינף פראַזעס, ווי מיכאָעלס האָט מיך ווידער איבערגעריסן: „זאָג מיר, וואָס פאַר אַן אַרטיסט קאָפּירסטו?". — „ווינאָגראַדסקין", — האָב איך געענטפערט. — „אַזוי האָב איך טאַקע געקלערט".

כ'בין דורכגעפאַלן, פולשטענדיק דורכגעפאַלן. דאָס אַלץ, וואָס האָט אַזוי אויסגענומען, אַרויסגערופן באַגײַסטערונג אין זשיטאָמיר בײַ מײַנע לערער, פרײַנט און קרובֿים, דאָס אַלץ, מיט וואָס איך האָב זיך געגרויסט, האָט געליטן אַזאַ קראַך! איך בין געווען דערשלאָגן אויף טויט. איך האָב שוין קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען. מיר האָט זיך געוואָלט אַנטלויפן וווּהין די אויגן וועלן טראָגן, זיך באַהאַלטן פון דעם דאָזיקן ביזאָיען. נאָר דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס אומגעריכטס — מיכאָעלס האָט זיך צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן פונעם אָרט, צוגעגאַנגען צו דעם, וואָס איז געזעסן באַם ראָיאַל, — דאָס איז געווען סאַשע בודייסקי, און עפּעס מיט אים זיך באַראַטן. דערנאָך האָט מיכאָעלס זיך געווענדט צו מיר: „אָט וועסטו הערן פאַרשיידענע מעלאָדיעס, פאַרשיידענע ריטמען. אונטער דער דאָזיקער מוזיק באַווײַז אונדז אַ סצענע אין צירק, וויאַזוי עס טרעט אַרויס אַ קאָנפעראַנסיע, אַ זשאָנגליאָר, אַ קלאָון און צולעצט אַ באַרעץ". געזאָגט דאָס, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צום טיש. ס'איז געוואָרן טויט־שטיל. און איך, איך הייב ניט אָן צו וויסן וואָס צו טאָן. אין צירק בין איך געווען בלויז איין מאָל און איך געדענק איצט קיין זאַך ניט. כ'האָב שוין געוואָלט זיך אָפּזאָגן. נאָר דאָ האָט גענומען שפּילן אַלעקסאַנדער בודייסקי, זײַן אָנגעזעטיקט שפּילן האָט מיך אַזוי אָנגעשטעקט, אַז איך האָב אומגעריכט פאַר זיך אַליין, אָן שום צוגרייטונג, זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אָנגעהויבן זיך בוקן און שמייכלען צו דעם הויכגעשעצטן פּובליקום. איינציקע האָב איך באַגריסט מיט אַ קוש אין דער אייגענער האַנט, מיכאָעלסן האָב איך באַזונדער באַגריסט, פאַר איינציקע פרײַלנס האָב איך געמאַכט אַ רעווערענס, און אַלץ אין ריטם פון דער מוזיק, און ווען איך האָב געמאָלדן, אַז באַלד וועט אַרויסטרעטן דער באַרימטער זשאָנגליאָר מאַקס לינדער, האָבן אַלע אין זאַל אויסגעפּראַלט מיט אַ געלעכטער. אַ דערוואַרעמטער פון דעם דאָזיקן געלעכטער בין איך אַרויסגעשפּרונגען אויף דער בינע שוין אונטער אַן אַנדער מוזיק אַלס זשאָנגליאָר. איך האָב אונטערגעוואָרפן אין דער לופט ניט קיין עקזיסטירנדיקע כפּייצים, אָט בין איך אַרופגעשפּרונגען אויף אַ שטול, אָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און נאָך יעדן טריוק זיך געבייגט פאַרן פּובליקום, אַראָפּגענומען דאָס ניט עקזיסטירנדיקע מיצל. בודייסקיס מוזיק האָט זיך געענדערט, און ס'האָט זיך באַוויזן אַ לעץ, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין צושויער־זאַל, צוגעלאָפן צום טיש, געכאַפּט דאָס גלעקל, וואָס איז געשטאַנען לעבן עפראָיִם לויטערן, און גענומען קלינגען, קויקלענדיק זיך דערבײַ אויפן דיל. די געלעכטערן פון די בײַוועזנדע זײַנען ניט געשטילט געוואָרן. פּלוצעם האָט אויף דער בינע זיך באַוויזן מיכאָעלס און האָט אויסגעשריגן: „דער באַוווּסטער פראַנצויזישער געשלעג". בודייסקי איז איבערגעגאַנגען אויף אַן אומגעווינ־

לעך־האסטיקן טעמפּ. אַ באַגײַסטערטער פֿון מיכאַעלסעס באַגיטיקונג, האָב איך זיך געוואָרפֿן שלאָגן דעם ניט עקזיסטירנדיקן קעגנער. און מײַן טרענירער האָט אונטערגעגעבן היץ, גע־שריגן: „טעמפּאָ! „טעמפּאָ!" אָט האָט ער אַרײַנגעלייגט צוויי פֿינגער אין מויל און געגומען פֿײַפֿן. איך האָב אין אַלץ פֿאַרגעסן, פֿאַרלוירן דעם גלײַכן סייכל, פֿאַרגעסן, אַז דאָס איז אַן עקזאַמען, פֿאַרגעסן אין די בײַוועזנדע, און רעוועדיק, ווי אַ ווילדע כײַע, זיך געוואָרפֿן אַף מײַן סוינע. די דאָזיקע סצענע, וועלכע איך האָב דורכגעפֿירט צוזאַמען מיטן גרויסן אַרטיסט, האָט אַרויסגערופֿן באַגײַסטערונג. ווען איך בין געקומען צו־זיך, האָב איך געזען, ווי אַלע קוקן אַף מיר און שמייכלען צו מיר גוטווייליק. און דאַברושין האָט אַראָפּגענומען זײַנע פּענסנע און מיט אַ טיכעלע אויסגעווישט די טרערן... „איך בעט מיר אַנטשולדיקן, — האָב איך געזאָגט, — איך בין קימאַט קיינמאָל ניט געווען אין קיין צירק". — „דאָס איז טאַקע אויסגעצייכנט", — האָט מיכאַעלס אַ צופֿרידענער מיר געענטפֿערט.

אָבער אַף מאָרגן, ווען איך בין געקומען אין טעאַטער־שול, האָב איך אין די צעטלען מײַן פֿאַמיליע ניט געפֿונען. דאָס ערשטע, וועגן וואָס איך האָב זיך דערמאָנט, זײַנען געווען די קאַלאָשן! דאַנקען גאָט, עס זײַנען פֿאַראַן די קאַלאָשן. שוין אוועקפֿאָרן! קיין בעלאַצערקאָוו אין האַלץ־באַאַרבעטנדיקן טעכניקום.

אַף די טרעפּ האָט מיך באַגעגנט מישע שאַפּיראָ, אַ סטודענט פֿון אַן עלטערן קורס:

— נו, אַלץ איז אין אָרדענונג?

— איך בין ניטאָ אין די צעטלען.

— וואָס? עס קאָן ניט זײַן. דו ביסט זייער געפֿעלן געוואָרן מיכאַעלסן. דאָס איז אַ מיס־פֿאַרשטייעניש, — האָט שאַפּיראָ זייער זיך געערגערט. — וואָס זשע קלערסטו טאָן?

— אוועקפֿאָרן, און וואָס גיכער.

— אין קיין שום פֿאַל, דו האָסט קיין רעכט ניט. שוין זאָלסטו לויפֿן צו מיכאַעלסן אַף קליין־בראָנע־גאַס.

איך האָב אים געפֿאָלגט און גלײַך זיך געלאָזט לויפֿן אַף בראָנע. אָן אַ קלאַפּ אין דער טיר האָב איך זיך אַרײַנגעריסן אין קאַבינעט.

— וואָס איז געשען? — האָט מיך אַ פֿרעג געטאָן סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש.

— איך בין ניטאָ אין די צעטלען, — האָב איך אַ צעדרודערטער געענטפֿערט.

מיכאַעלס האָט זיך טעלעפֿאָניש פֿאַרבונדן מיט לויטערן:

— וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט יאַסעלע שטאָפּנמאַכערן?

וואָס עפֿראַים באָריסאָוויטש האָט געענטפֿערט, האָב איך, נאַטירלעך, ניט געוווּסט. מי־כאָעלס האָט אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל און מיר געזאָגט:

— לויף צו לויטערן, אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג.

כ'וויס ניט פֿאַרוואָס, נאָר אין יענער רעגע זײַנען מיר אַרויסגעטראָטן טרערן אַף די אויגן, נאַרישע טרערן. איך האָב גאָרנישט ניט געענטפֿערט, ניט באַדאַנקט און אַנטלאָפֿן אין סטאָליעשניקאָוו־געסל.

עפֿראַים באָריסאָוויטש לויטער, וועלכן כ'האָב שטאַרק ליב באַקומען, און וואָס האָט מיך גערעכנט פֿאַר זײַן בעסטן שילער, איז יענעם פֿרימאָרגן געווען זייער שטרענג צו מיר:

— מיר האָבן אײַך ניט אַרײַנגעשטעלט אין צעטל איבער אײַער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג. מיר האָבן געדאַרפֿט אויסקלײַבן אײַך אָדער טאַמאַרקינען. טאַמאַרקין איז אַ זון פֿון אַן אַר־בעטער. סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש איז באַשטאַנען, מיר זאָלן אײַך צונעמען, האָבן מיר אײַך אײַנגעשלאָסן אין צעטל פֿון די אָנגענומענע. איך באַגריס אײַך, איר זײַט אַ סטודענט פֿונעם ערשטן קורס פֿון אונדזער שול. איר זײַט, אָן סאָפֿעק, אַ פֿײַיקער באָכער, נאָר איר האָט שוין באַוויזן קאַליע ווערן. איר דאַרפֿט אַ סאַך, זייער אַ סאַך לערנען, זיך שטאַרק מיִען, קעדיי צו ווערן אַן אַקטיאָר.

אין קאָרידאָר האָבן געוואַרט אַף מיר מײַנע „פֿאַרערער" אין דער שפּיץ מיט מײַן זעמ־ליאַטשקע פֿענעלע. זי האָט מיך באַגריסט מיטן דערפֿאָלגרײַכן סאָף פֿון דער געשיכטע. מע האָט מיך אײַנגעלאַדן אין צוזאַמענווינונג אַף ניקאָלסקי־גאַס, איך האָב זיך אָבער אָפּגעזאָגט און זיך געלאָזט בלאָנקען איבער די גאַסן. „איר האָט שוין באַוויזן קאַליע ווערן", האָבן אין מײַנע אויערן געקלונגען לויטערס ווערטער. און וואָס עס איז אַזוינס „קאַליע געוואָרן"? און וויאַזוי היילט מען זיך אויס פֿון דער דאָזיקער קרענק? לערנען זיך, אַרבעטן. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס, וואָס איך האָב נאָכגעמאַכט ווינאַגראַדסקין און מײַנע זשיטאָמירער ליבהאָבער, — איז שלעכט, און דאָס, וואָס איך האָב אַליין צוגעטראַכט, איז גוט.

לאַנג האָב איך אַרומגעבלאָנקעט איבער דער גאַס, ביז איך בין ניט געקומען צום טווער־סקאָי בולוואַר, וועלכער איז דערנאָך געוואָרן מײַן באַליבטער בולוואַר, דאָס אָרט, ווו איך האָב

ליב באקומען צו פארברענגען אין א פריַער שאָ. יענעם סענטיאבער־טאָג איז דער בולוואר געווען באַזונדערס שיין. ס'איז געשטאַנען א גאָלדענער מאָסקווער אָסיען. רויטע און געלע בלעטער האָבן געשורשעט אונטער די פיס און האָבן באַרויִקט מײַנע אופגערודערטע נערוון. דעמלט, אין יענעם טאָג, האָב איך אפן גאַנצן לעבן פארגעדענקט, אז מע טאָר ניט לייענען, ווי ווינאַגראַדסקי, ניט דערפאר, ווײַל ווינאַגראַדסקי איז שלעכט, נאָר ווײַל יעדערער דארף טאָן זײַן זאַך זעלבשטענדיק, אינדיווידועל, ניט איבערכאַזערן קיינעם...

און קעדיי צו פארמאָגן עפּעס אינדיווידועלס, דארף מען א סאַך ארבעטן, א סאַך און אַקשאָנעסדיק. איך בין צוגעקומען צו דער היכער געבײַדע פונעם „מאָסקווער קאמער־טעאַ־טער". קיין זאַך איז מיר וועגן דעם דאָזיקן טעאַטער ניט באַוווּסט געווען, גלײַך ווי מיר איז ניט באַוווּסט געווען, אז דעמלט, אין די דרײַסיקער יאָרן, גייט אָן א גרויסע שלאַכט צווישן פארשיידענע טעאַטראַלע ריכטונגען. כ'האָב ניט פארשטאַנען, אז איך געפין זיך אין דער גרויסער טעאַטראַלער וועלט־שטאָט, וווּ עס זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין א שטרײַט מייערכאָלד, סטאַניסלאַווסקי און טאַיראָוו... קיין זאַך האָב איך דעמלט ניט געוווּסט. איך האָב אויך ניט געוווּסט, אז ס'וועט קומען א צײַט און איך וועל העכער א פערטל יאָרהונדערט אָפּגעבן דעם דאָזיקן הויז אפן טווערסקאָי בולוואר, וואָס האָט זיך דעמלט אָנגערופן קאמער־טעאַטער. מיר איז דעמלט געווען זעכצן יאָר, און איך האָב זיך ערשט צוגערירט צו דער טעאַטראַלער קונסט.

די לימודים אַף אונדזער קורס האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 8 סענטיאַבער פונעם 1930 יאָר. פון די אַלע, וואָס זײַנען פארעכנט געוואָרן אפן ערשטן קורס, האָט באַזונדערס זיך אויסגע־טיילט די באַגאַבטע מאַניע קאַרלאָס, א טאָכטער פון א יידישן אַקטיאָר. ביז זי איז אָנגעקומען אין דער טעאַטער־שול, האָט זי עטלעכע יאָר געשפּילט אַף א פּראָפעסיאָנעלער בינע מיט דער באַרימטער קלאַרע יונג. איר מוזיקאַלישקײַט, טעמפּעראַמענט און דער אַקטיאָרישער כיין האָבן זי געמאַכט פאַר איינער פון די בעסטע סטודענטן בא אונדז אין שול. מאַניע קאַרלאָס האָט שפּעטער געשאַפן אינעם ביראָבידזשאַנער און אין קיִעווער טעאַטערן פיל אויסגעצייכנטע געשטאַלטן, אַזעלכע, ווי סאָרע־כאַנצע אין „מאַזלטאָוו", עלקע די אַלמאָנע אין „גאָלדגרעבער", האָדל אין „טעוויע דער מילכיקער", ראָזע ספּיוואַק אין „בלאָנדזנדע שטערן", מאַדאַם קסידיאַס אין סלאַווינס פּיעסע „אינטערווענץ", מײַע אין קאָרנייטשוקס „פּלאַטאָן קרעטשעט" און פיל אַנדערע. אינגיכן איז זי געוואָרן איינע פון די בעסטע יידישע אַקטריסעס.

בוזי שילמאַן, וועלכע האָט זייער אויסגענומען בייס די עקזאַמענס, האָט געהאַט א וווּנ־דערלעכע שטים. מיר האָבן אַלע ליב געהאַט איר געזאַנג, באַזונדערס די פאָלקסלידער, וועל־כע זי האָט געזונגען מיט פיל האַרץ און נעשאָמע. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט זי זיך אַרויס־געוויזן אַלס א זייער טאַלאַנטפולע דראַמאַטישע אַקטריסע. באַזונדערס האָבן איר זיך אײַנגעגעבן כאַראַקטער־ראָלן, אַזעלכע, ווי האָדל אין „טעוויע דער מילכיקער", מיריאַם אין „סענדער בלאַנק", עטיע אין גאָרדינס „פון יענער זײַט אָקעאַן".

דער ליבלינג פון אונדזער שול איז געווען באָריס גערשמאַן. זײַן כיין, דער טיפער טעמ־בער פון דער סאַמעטענער שטים, די מוזיקאַלישקײַט האָבן אים אַרויסגערוקט אין דער שע־רענגע פון די בעסטע אַקטיאָרן. נאָכן פארענדיקן די שול איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער אַרטיסט פונעם קרימער און ביראָבידזשאַנער יידישע טעאַטערן, וווּ ער האָט באַשאַפן א גאַנצע גאַלעריי פון אויסגעצייכנטע געשטאַלטן. ער איז געווען א באַליבטער שילער פון מיי־כאָעלסן. צום גרויסן באַדויערן, האָט אָן אומגעריכטע שווערע קרענק אים געצווּנגען צו פאַר־לאָזן די בינע. ווי ביטער איז מיר געווען, ווען ער איז דאָ ניט לאַנג צוריק געקומען צו מיר אַף א קאָנצערט אין האָמעל. זײַן שטים איז, פונקט ווי שטענדיק, געווען פריש און באַצווי־בערנדיק, אָבער די אויגן האָבן גאָרנישט ניט געזען.

צווישן די בעסטע סטודענטן איז אויך געווען דער טאַלאַנטפולער און ערודירטער יאַשע ראָזענפעלד. ער און ליִע וואַקסמאַן זײַנען געקומען פון דער בעלאָצערקאָווער טעאַטראַלער סטודיע „רויטע בליטן". יאַשע ראָזענפעלד האָט אין ביראָבידזשאַנער טעאַטער זיך אַרויס־געוויזן ווי אַן אויסגעשפּראָכענער כאַראַקטער־אַקטיאָר. ער האָט אויך געמאַכט גרויסע דער־פאָלגן אַלס רעזשיסער. יאַשע איז געווען איינער פון מײַנע באַליבטע רעזשיסערן אין ביראָ־בידזשאַן. די אָריגינעלקײַט פון זײַנע זעונגען, די עכטע מוזיקאַלישקײַט זײַנע, די שאַרפקײַט פון געדאַנק האָבן געשאַפן מעגלעכקײַטן פאַר דעם דאָזיקן באַגאַבטן רעזשיסער אומגעריכט און אַף א נײַעם אויפן לייזן אינטערעסאַנטע געגנג אין פיל פון זײַנע שטעלונגען.

אַף אונדזער קורס האָבן זיך אויך גוט באַוויזן די סטודענטן וויקטאָר צײַטלין, בעלאַ בע־ליִעוואַ, וולאַדימיר שטיינבאַך און ליזע סוקערניק.

אַף די לימודים פון שלוימע מיכאָעלס

מיכאָעלס איז אָן סאָפּעק געווען א מעכטיקער קינסטלער. ניט אומזיסט האָט מען אים גערופן דער כאָכעם שלוימע.

זײַן אינטעלעקט, זײַן מעכטיקער טאַלאַנט פון א טריבון, די געוואַגטקײַט פון זײַן רעזשי־סערישן קסאַוו, די ברייטקײַט פון סצענישן דענקען האָבן אים אַרויסגערוקט אין די רייען פון די בעסטע סאָוועטישע רעזשיסערן. ער איז אויך געווען א מוטיקער קעמפער פאַר שאָ־לעם, אַן עכטער סאָוועטישער קינסטלער, אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער קעמפער קעגן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און ציִעניזם. זײַן פאַרצווײַגטע שעפערישע טעטיקײַט האָט ער ניט אָפּגעטיילט פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט. זײַנע אַנטיפאַשיסטישע אַרויסטרעטונגען אין דער צײַט פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע בא אונדז אין לאַנד און אין אויסלאַנד האָבן געקלונגען, ווי א באַשולדיקונגס־אַקט קעגן פאַשיזם, אָבער פאַר אונדז, זײַנע שילער, איז ער אין דער ערשטער ריי געווען א גרויסער אַרטיסט און א באַליבטער פּעדאַגאָג.

צו די לימודים פון סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטשן האָבן מיר זיך שטענדיק געגרייט, ווי צו א יאָמטעוו. מיר פלעגן אָנטאָן דאָס בעסטע, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט. אַגעוו, איז ער געווען זייער אויפמערקזאַם צו אונדזער אָנטאָן. וויקטאָר צייטלינס גראַציִעזע שטיוול זײַנען געוואָרן א שטענדיקער אָביעקט פאַר מיכאָעלסעס שפּאַסן. ער פלעגט באַמערקן א נאַכלעסיק־פאַרשפּיִ־ליעט העמדל, א געשמאַקלאָזן שניפּס. די אַטמאָספער פון מיכאָעלסעס לימודים איז שטענדיק געווען א יאָמטעוודיקע, א דערהויבענע. אַליין האָט ער שטענדיק געטראָגן א שוואַרצן אָנצוג, א ווײַס העמד מיט א שוואַרצן שניפּס.

ניט געקוקט אַף די לעגענדעס און אַנעקדאָטן וועגן זײַן שטייגערישער ניט־אָרגאַניזירט־קײַט, געדענק איך ניט קיין פאַל, ער זאָל אַמאָל קומען אַף א לימעד אָדער אַף א רעפּעטיציע ניט קיין געגאָלטער, ניט קיין אַקוראַט־געקליידטער.

אַף מיכאָעלסעס לימודים זײַנען מיר שטענדיק געקומען א סאַך פריִער פון דער אָנגע־מערקטער צײַט. סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטשעס לימודים, וועלכע זײַנען געוויינלעך אָנגעמערקט געווען אַף נײַן אַזייגער אינדערפרי, פלעגן זיך קימאַט שטענדיק אָנהייבן א ביסל שפּעטער, דערפאַר אָבער פלעגן זיי זיך פאַרציִען אַף א סאַך מער, ווי דאָס איז געווען פאָרויסגעזען אין דער רעשימע. וואַרטנדיק אַף אים, האָבן מיר פאַנאַנדערגעשטעלט פּיקעטן אַף די טרעפּ און באַם אַרײַנגאַנג, וועלכע האָבן אונדז באַצײַטנס געגעבן צו וויסן מיטן באַרימטן צייכן „ער גייט". אָפּטמאָל פלעגן מיר מיט וויקטאָר צייטלינען אָפּנאַרן די כעווערע. צייטלין פלעגט אַרײַנלויפן א פאַרסאָפּעטער און אויסשרײַען: „ער גייט". אַלע האָבן פאַרנומען די ערטער, און דאַן האָב איך זיך באַוויזן — איך האָב גאַנץ געלונגען אימיטירט מיכאָעלסעס גאַנג, דעם אויפן, וויִאַזוי ער זעצט זיך צום טיש. איינמאָל, ווען מיר האָבן דורכגעמאַכט דאָס דאָזיקע שפּיצל, בין איך אַרײַנגעקומען, זיך געזעצט צום טיש מיט דער פּלייצע צו דער אַרײַנגאַנגס־טיר, אַראָפּגענומען דאָס ניט־עקזיסטירנדיקע טעלעפאָן־טרײַבל, אַרויסגערוקט די אונטערשטע ליפּ און געפרעגט אַף מיכאָעלסעס אויפן: „זאָגט מיר, ביטע, דער פאַרדינסטפולער וועט גיך קומען?" דער געלעכטער, וואָס האָט די גאַנצע צײַט באַגלייט די דאָזיקע סצענע, איז פלוצעם איבערגעריסן געוואָרן, און איך האָב דערהערט: „דער פאַרדינסטפולער איז שוין דאָ!" — איך האָב זיך אויסגעקערעוועט צו דער טיר און דערזען סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטשן. אַלע האָבן צוזאַמען מיט מיכאָעלסן לאַנג געלאַכט, און איך בין געזעסן א רויטער און שיר ניט פאַר־ברענט געוואָרן פון בושע.

מע פלעגט מיך אַמאָל שיקן צו מיכאָעלסן אַהיים. דעמלט זײַנען מיר צוזאַמען מיט אים געגאַנגען אין שול אַרײַן. אַף אַלע מײַנע יאָרן האָב איך פאַרגעדענקט די געשפּרעכן, וואָס מיר האָבן געפירט מיט אים, גייענדיק איבער די גאַסן. ס'הייסט, גערעדט האָט ער, איך האָב געשוויגן — כ'האָב שטענדיק זיך געשעמט ריידן אין זײַן אָנוועזנהײַט. צום באַדויערן, זײַנען די דאָזיקע שפּאַצירן געווען קורצע, — פון דער סטאַנקעוויטש־גאַס, ווו ער האָט דעמלט געוווינט, ביזן סטאָלעשניקאָוו־געסל איז דער וועג פאַרדריסלעך קורץ געווען. די פּיקעטני־קעס האָבן איבערגעגעבן „ער גייט", און אַלע האָבן פאַרנומען די ערטער און אַנשוויגן געוואָרן.

דער לימוד פלעגט זיך געוויינלעך אָנהייבן פון מיכאָעלסעס באַרימטער פּאַוזע. ער האָט אונדז אַלעמען אויפמערקזאַם באַקוקט, פאַרהאַלטנדיק דעם בליק אַף צייטלינס שטיוול אָדער אַף די ספּאָרטיווע געטרעס פון טאַמאַרקינען, דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען זײַן פּושקעלע „קאַזבעק" און וועגן עפּעס זיך פאַרטראַכט. געוויינלעך פלעגט שטיינבאַך אים אונטערטראָגן א שוועבעלע. פאַררייכערט, האָט סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש א פאַרטראַכטער גענומען קוקן

אין דער ווײַט, פּירן מיטן פינגער לעבן דער אונטערשטער ליפּ, דערנאָך, פּונקט ווי ער וואָלט עפּעס וויכטיקס באַשלאָסן, גיך און ענערגיש אָנגעהויבן דעם לימוד.

מיכאָעלס איז בײַס די לימודים ניט געווען קיין לעקטאָר, ניט קיין טעאָרעטיקער, ניט קיין פּעדאַגאָג אין געוויינלעכן זין פונעם דאָזיקן וואָרט. ער האָט ניט דערציילט וועגן דער געשיכטע פון טעאַטער, ניט דערציילט וועגן די עקזיסטירנדיקע סיסטעמען, פון די טעאַטראַלע שטרעמונגען. מיכאָעלס איז געווען א פּראַקטיקער. א גרויסער אַקטיאָר. יעדער זשעסט, יעדער אַרויסגעזאָגט וואָרט, יעדער פּאַוזע איז געווען א שול פאַרן קומענדיקן אַקטיאָר.

מיכאָעלס, ווי דער ייִדישער קאַמער־טעאַטער אינגאַנצן גענומען, איז געווען א רעוואָליוציאָנערע דערשײַנונג. ניט געקוקט אַף דער גראַנדיעזער צאָל פון באַזונדערע טאַלאַנטן, האָט דער ייִדישער ביזאַקטיאַבער־טעאַטער זיך אויסגעטיילט מיט זײַן כאַאָס, פּאַרמלאָזיקײַט, געשמאַקלאָזיקײַט. ס'האָט ניט עקזיסטירט קיין איינהײַטלעכער דיאַלעקט פון דער בינע־שפּראַך. אין איין ספּעקטאַקל האָט בעשאַלעמדיק זיך באַגעגנט דער פּויליש־ייִדישער דיאַלעקט מיטן ווײַסרוסישן, ליטווישן און אוקראַיִנישן. די שפּראַך איז פאַרמיסטיקט געווען מיט דײַטשמעריזמען. דער אַלטער טעאַטער האָט עקזיסטירט אָן אן איינהײַטלעכער קינסטלערישער אָנפירונג. יעדער אַקטיאָר האָט די רעכט געהאַט אַרומשפּאַצירן אַף דער בינע, זשעסטיקולירן, ווי אים האָט זיך געוואָלט. די קליינבירגערלעכע דראַמאַטורגיע האָט אין גרונט געהאַט איר ציל צו פאַרווײַלן דאָס פּובליקום און זעלטן ווען אַרויסגערוקט פאַר־געשריטענע פילאָסאָפיש־אידייִשע פּראָבלעמען.

דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטער האָט געמאָלדן אַן אומקאָמפּראָמיסלעכע מילכאָמע דעם אַלטן ייִדישן טעאַטער. אין זײַן פּראָגראַם־ספּעקטאַקל „די קישעפמאַכערן" האָט ער געמאָלדן: „געשטאָרבן דער אַלטער ייִדישער טעאַטער".

דער גאָסעט האָט אײַנגעשטעלט אַן איינהײַטלעכע ליטעראַריש־סצענישע שפּראַך.

אַף זײַנע לימודים האָט מיכאָעלס אונדז געלערנט די ריינקײַט פון אָט דער דאָזיקער שפּראַך, וואָס איז באַפרײַט געוואָרן פון פּראָווינציאַליזמען, געוואָרן א יאָמטעוודיקע און מוזיקאַלע. ער האָט אונדז געלערנט פּלאַסטישקײַט, בייגעוודיקײַט, שלאַנקײַט, סקולפּטוריש־קײַט. דאָס איז געווען אומבאַדינגט נייטיק, ווײַל מיר האָבן געבראַכט מיט זיך די לאַסט פון די שטעטלדיקע שטאַמפּן. ער האָט אונדז געהיילט, ער האָט געקעמפט פאַר אונדזערע נעשאָמעס געדולדיק, מיט פאָטערלעכער ליבע און, ווען ס'איז נייטיק געווען — שטרענג, אָנראַכמאָנעסדיק. ער האָט אונדז אויסגעלערנט, אז אן אַקטיאָר דאַרף דענקען אַף דער בינע, אז דעמאָנסטרירן די שטים, די סצענישע אויסערלעכקײַט, די באַוועגונגען איז ספּעקולאַציע. אן אַקטיאָר האָט ניט די רעכט אַרויסצוגיין אַף דער בינע, אויב ער האָט הײַנט ניט צו זאָגן דעם צושויער עפּעס זייער וויכטיקס. דערפאַר איז דער טאָך פון אונדזער לערע געווען קולטור, אַלזײַטיקע בילדונג, טיפע קענטעניש. מיכאָעלס האָט אַף זײַנע לימודים אַקשאָנעסדיק געקעמפט מיט געשמאַקלאָזיקײַט. ער האָט צו אונדז שטענדיק גע־טײַנעט: „מעגלעך, אז ניט אַלע וועלן ווערן אַקטיאָרן, נאָר קולטורעלע צושויער, דאָס הייסט טעאַטראַלן מיט א גוטן געשמאַק, זײַט איר מעכוייעוו צו ווערן". די דאָזיקע הויכע פאָדערונגען האָט ער געשטעלט פאַר אונדז ניט נאָר אַף זײַנע לימודים אין שול. דאָס האָבן מיר דערלערנט, זיצנדיק אין טעאַטער אַף קליין־בראָנע, קוקנדיק, אַף די ווונדערלעכע שאַפונגען פון אונדזער לערער. ער האָט אונדז געלערנט ניט קאָפּירן אים, נאָר פאַרשטיין דעם טאָך פון דעם, וואָס ער באַווײַזט. צום באַדויערן, האָבן אייניקע זײַנע שילער זיך געסטאַרעט נאָכמאַכן די אויסערלעכע זײַט פון זײַן מײַסטערישקײַט — גערעדט אזוי, ווי עס האָט גערעדט מיכאָעלס, זיך באַוועגט ווי ער, און דאָס האָט, נאַטירלעך, סאַפּקאָלאָסאָף פאַר־פירט אין א טעמפּ ווינקל. צוליב דעם האָט אויך בא אייניקע זיך געשאַפן אן אײַנדרוק, אז די לערע פון סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטשן איז א פאָרמאַליסטישע. אינדערעמעסן זײַנען מיכאָעלסעס געשטאַלטן, אפילע די סאַמע שאַרפסטע לויט דער פאָרם און טיפע לויט דער פילאָסאָפישער אָנגעלאָדנקײַט, שטענדיק געווען רעאַליסטיש. בא דעם דאָזיקן גרויסן אַקטיאָר איז די הויפּט־אויפגאַבע שטענדיק געווען צילגעווענדט און האָט דערפאַר דערשיטערט. דערמיט דערקלערט זיך די ליבע צו מיכאָעלסן פון אַזעלכע גרויסע מײַסטערס פון מכאַט, ווי קאַטשאַלאָוו, מאָסקווין, טאַרכאַנאָוו. דערפאַר איז קלאָר די גרויסע אַכטונג צו אונדזער לערער פון אַזעלכע טוער פון קונסט, ווי זאַוואַדסקי, טאַיִראָוו, אָבראַזצאָוו. מיר זײַנען דעמלט געווען יונג און האָבן ניט באַנומען, וואָס פאַר א גרויס גליק אונדז איז אויסגעפאַלן, ניט דערשאַצט, אז אונדז לערנט א גרויסער אַרטיסט און א גרויסער דענקער. פיל פון אונדז

האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס פאָדערט דער לערער. נאָך מער פון אַנדערע האָט אין אָנהייב פון דער לערע ניט פאַרשטאַנען דער אוטאָר פון די דאָזיקע שורעס. די גראַנדיעזע שטאָט האָט פון אָנפאַנג מיך געפּלעפּט. אַן אומאָנגענעמער געפיל פון די ניט געלונגענע עקזאַמענעס האָט מיך עפּעס דערשלאָגן און געדריקט. די ערשטע צייַט האָב איך זיך געפילט דערשלאָגן אַף די לימודים פון סאָלאָמאָן מיכאַילאָוויטש. די סטודענטן מיט ניט־עקזיסטירנדיקע קעגנשטאַנדן האָבן זיך מיר ניט אײַנגעגעבן, באַ מײַנע כאַווייריִם האָט זיך עס באַקומען א סאַך בעסער.

געפינענדיק זיך אונטערן גוואַלדיקן אײַנדרוק פון מיכאָעלסן אַלס אַקטיאָר, בין איך אומגערן אַרונטערגעפאַלן אונטער זײַן ווירקונג. בײַס די סטודענטן קאָפּירט זײַנע זשעסטן, באַוועגונגען. „וואָס פאַרא קרעטין קאָפּירסטו? וואָס זײַנען דאָס פאַרא הענט? וואָס רוקסטו אַרויס די ליפּ?” — האָט מיכאָעלס געטײַנעט צו מיר.

איינמאָל, נאָכדעם, ווי איך האָב געזען אין מכאַט טשעכאָווס „מעווע”, האָב איך צוגע־גרייט אַן עטיוד מיט א סאַמאָוואַר, מיט טיי־טרינקען. איך האָב זיך באַמיט צו שאַפן די לעבנס־סוויווע, וואָס האָט מיך זייער געריִרט אַף דער סצענע פונעם קינסטלערישן טעאַטער. איך בין זיכער געווען, אַז דער עטיוד וועט זייער געפעלן ווערן סאָלאָמאָן מיכאַילאָוויטשן, נאָר צו מײַן גרויס שטוינונג, האָב איך דערהערט: „דאָס שמעקט מיט קאַמערגערסקע געסל”. איך האָב שוין דעמלט שווער איבערגעלעבט מײַנע שילערישע דורכפאַלן. אין יענע שווערע מינוטן איז מיר שטענדיק געקומען צוהילף סאָלאָמאָן מיכאַילאָוויטשעס געהילף, אונדזער באַליבטער פּעדאַגאָג שידלאָ. דער דאָזיקער ווונדערלעכער אַרטיסט האָט פאַרמאָגט עכטע פּעדאַגאָגישע באַגאַבונג. מיט זײַן וואַרעמער, גוטער באַציִונג, מיטן גוטן וואָרט, וואָס איז געזאָגט געוואָרן צו דער צײַט, האָט ער מיך פיל מאָל געראַטעוועט פון ייִעש. ער האָט געדולדיק מיר דערקלערט מײַנע פעלערן, און איך בין אַלעמאָל אַוועקגעגאַנגען פון אים א באַרויִקטער. שידלאָ האָט אונטעריכט סצענישע פּראַקטיק, נאָר איינצײַטיק איז ער אַרײַנגע־דרונגען אין אַלע איינצלהײַטן פון אונדזער סטודענטיש לעבן, און דאָס לעבן אונדזערס איז געווען זייער א קאָמפּליצירטס, באַזונדערס באַ מיר. אין אָנהייב פון מײַן לערע בין איך שטענדיק געווען עפּעס ווי אין א טשאַד, שטענדיק א שלעפעריקער, א הונגעריקער...

א לאַנגע צײַט האָב איך ניט געוואַגט אָנשרײַבן די עלטערן, אַז איך בין אַרײַנגעטראָטן אין טעאַטער־שול. טאַטע־מאַמע האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם פון דלוגאַטשעס עלטערן און האָבן זיך דערפון גענומען שטאַרק צום האַרצן, באַזונדערס די מאַמע. די עטלעכע מײַנע בריוו, אין וועלכע איך האָב זיך געסטאַרעט באַרויִקן אַלעמען, און אויך די צײַט האָבן א ביסל לינדער געמאַכט די אַטמאָספער אין שטוב פון מײַנע עלטערן, אָבער בעטן מאַטעריעלע הילף איז מיר ניט אָנגעשטאַנען, דערצו איז די לאַגע פון מײַנע אייגענע אין 31־טן יאָר געווען א גאַנץ שווערע.

צוהילף איז מיר געקומען יאַקאָוו איסײַעוויטש ניי, דער פאַרטרעטער פונעם טעאַטער־דירעקטאָר. מיך, זײַן ליבלינג, האָט ער געמאַכט פאַר א געהילף פונעם נאַכט־וועכטער און צוגעזאָגט, אַז מיט דער צײַט וועט ער מיך מאַכן פאַר א בילעטיאָר — דאָס איז, לויט זײַן מיינונג, געווען א העכערער ראַנג. דער נאַכט־וועכטער פון טעאַטער איז געווען דער אַלטיטש־קער סטעפּאַניטש, וואָס האָט אַף דער דאָזיקער שטעלע אָפּגעדינט פיל יאָר. מײַסע פּראָ־פעסאָר האָט ער מיך געלערנט, וויִאַזוי מע דאַרף מיט דער מיטלע און מיט זעגעכץ קערן דעם דיל. אין דעם דאָזיקן פאַך האָב איך גיהאַט מערקבאַרע דערגרייכונגען און פאַרדינט אָן א שיר קאָמפּלימענטן פון מײַן לערער. דער טײַערער אַלטיטשקער סטעפּאַניטש איז שטאַרק צופרידן געווען פון זײַן שילער און מיר פאַרויסגעזאָגט גרויסע דערפאָלגן אין דער צוקונפט. אין א יאָר אַרום, ווען איך פלעג שוין אַרויסגיין אַף דער בינע פונעם גאָסעט אַלס אַקטיאָר־אָנפאַנגער, האָט ער דאָס באַטראַכט אַלס פאַרראַט פון מײַן זײַט: „דו דאַרפסט עס ניט, — האָט ער געטײַנעט, — קער זיך בעסער אום צו מיר”... די באַנאַכטיקע שטעלע, וואָס האָט מיר געהאָלפן מאַטעריעל, מיך געראַטעוועט פון הונגער, איז מיר אָנגעקומען ניט גרינג, באַזונדערס ווינטער אין די פרעסט, ווען מ'האָט מיך געשיקט נאָך הייצונג פאַרן טעאַטער. אָבער ניט געקוקט אַף אַלע שוועריקײַטן, האָב איך פאַרט ליב געהאַט דאָס באַ־נאַכטיקע לעבן פון טעאַטער. אָט האָט זיך פאַרענדיקט דער ספּעקטאַקל, דער טעאַטער איז פוסט געוואָרן. די שײַן איז אויסגעלאָשן. אַף דער בינע ברענט א קליין דעזשורנע לעמפּעלע. פאַרענדיקט מײַנע אַמטלעכע פליכטן, ס'הייסט פאַרקערט דעם דיל, קאָנטראָלירט די שלע־סער, לאָז איך זיך אַף דער בינע. כ'פלעג אַרויסגיין שטאַרק אַן אומרויִקער אַף דער בינע, ווו עס האָבן הײַנט געשפּילט די אַרטיסטן פון גאָסעט, ווו עס האָבן געקיניגט די גרויסע קינסטלער מיכאָעלס און זוסקין. אָט איצט איז קיינער ניטאָ. איך הייב זיך אויף אַף די

קישעפדיקע טרעפעלעך פון ראַבינאָוויטשעס קאָנסטרוקציע צום ספעקטאַקל „200.000‟, אַהינצו הייבט זיך אויף ניט איך, נאָר שימעלע סאָראָקער, און איך שפּיל אויס די סצענע פון מיכאַעלסן און זוסקינען. אַ צווייט מאָל כאַפּ איך זיך אויף פון שלאָף אויף דער באַנק, וועלכע ס׳האָט אוועקגעשטעלט דער קינסטלער פאַלק אינעם ספעקטאַקל „מאַסאָעס בּיניאָמין־הא־שלישי‟, און ווי מיכאָעלס — בּיניאָמין גיי איך צו צום ראַנד פון דער בינע און דערצייל וועגן די רויטע ייִדעלעך, וועלכע כ׳האָב געזען אין כאָלעם. עס טרעפט, אַז נאָכן ספעקטאַקל „דער לופט־מענטש‟ פלי איך אַרום צווישן די ניט פאַנאַנדערגענומענע קאָנסטרוקציעס, ווי מענאַכעם־מענדל — מיכאָעלס. איך פיל זיך פרײַ, דרייסט, די שטים פאָלגט מיך, וווּהין איז אַהינגעקומען די געבונדנקייט מײַנע, וואָס שטערט מיר אַזוי אָפט אויף די לימודים פון מיכאַעלסן!.. איצט בין איך איינער אויף דער בינע פונעם באַרימטן טעאַטער און שפּיל מײַנע באַליבטע ראָלן, נאָר... אָן צושויער, פאַר זיך...

איינמאָל האָט אַזוי פּאַסירט — נאָכן ספעקטאַקל „די קישעפמאַכערן‟, ווען ס׳האָט זיך אײַנגעשטעלט אָן אַבסאָליוטע פינצטערניש און שטילקײַט. ווען סטעפּאַניטש האָט זיך שוין אויך געלייגט שלאָפן, האָב איך, ווי געוויינלעך, זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער האַלב־טונקעלער בינע. היינט האָט מיכאָעלס געשפּילט האָצמאַכן, און זוסקין — די קישעפמאַכערן... איצט, שפּעט באַנאַכט, באַם איין־און־איינציקן עלעקטרישן לעמפּעלע, האָט די אויספאָרמירונג פון „קאָלדוניע‟ אויסגעזען באַזונדערס געהיימניספול... איך בין אַרופגעלאָפן אויף דער בינע אָט אין דער ראָל פון האָצמאַכן און אָט אין דער ראָל פון דער קישעפמאַכערן. כ׳האָב מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט און מיט אַזאַ אויפרעגונג געשפּילט די אַלטע באָבע יאַכנע, אַז כ׳האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, אויף וועלכער וועלט איך געפין זיך. ווען כ׳האָב פאַרענדיקט דעם דיִאַלאָג אָפּן מאַרק מיט דער אָפּוועזנדער מירעלע, זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אויסגעזונגען „קום צו מיר אַהיים‟, האָט מיך ווי פון שלאָף אויפגעוועקט אַ פליעסקערײַ און אַן אויסגעשריי „בּראַוואָ, בּראַוואָ‟... ס׳איז מיר שיִער ניט אַרויסגעפאַלן דאָס האַרץ פון דערשרעק און פון מײַן מויל האָט זיך אַרויסגעריסן — „מאַ־מע!..‟ די אומגעריכטע צושויער זײַנען געווען סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש מיכאָעלס, זײַן פרוי לעוויטאַס און דער אַקטיאָר, וואָס איז אויך געווען דער פאַרוואַלטער פון דער טרופּע, טשעטשיק. זיי זײַנען זיך גראָד פאַרזעסן אין קאַבינעט, דערהערט עפּעס אַ קאָל אויף דער בינע, זײַנען זיי אַרײַנגעגאַנגען אין זאַל און געזען מײַן גאַנצן אימפּראָוויזירטן ספעקטאַקל. מיכאָעלס האָט מיך צוגערופן צו זיך, אַ קוש געטאָן אין שטערן און געזאָגט: „יאָסעלע, דו וועסט זײַן אַן אַקטיאָר‟...

אָנהייבנדיק פונעם צווייטן קורס, איז די לערע מײַנע בײַ סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטשן מיר אַוועקגעגאַנגען דערפאָלגרײַכער. אָנשטאָט די שטומע עטיודן האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט „איבער געשטאַלטן‟ — פראַגמענטן, מאָנאָלאָגן, דיִאַלאָגן. מײַן אַרבעט איבער דער סצענע „אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גאַנעוו‟ איז זייער געפעלן געוואָרן מיכאָעלסן. ער האָט בײַ יעדער געלעגנהײַט מיט פאַרגעניגן באַוויזן די דאָזיקע סצענע. געהאָלפן האָבן מיר אין דער אַרבעט איבער דער דאָזיקער זאַך מײַנע פאַרטניאָרן קאַרלאָס און ראָזענפעלד. געלונגען איז אויך געווען דער פראַגמענט פון „פאַרשטויסענע‟, וווּ איך האָב געשפּילט די ראָל פון זשאַווערן. מיט גרויס אינטערעס האָט מיכאָעלס געאַרבעט מיט מיר איבער „מאָצאַרט און סאַליערי‟. סאַליערי, איינער פון מיכאָעלסעס באַליבטע געשטאַלטן, איז פאַר מיר געוואָרן אַ ראָל, אויף וועלכער כ׳האָב געאַרבעט דאָס גאַנצע לעבן, אויך איצט, שוין אין סאָף פון מײַן אַקטיאָרישער טעטיקײַט, לייען איך שטענדיק אָן אָפּגערודערטער דאָס געניאַלע ווערק פון פּושקינען.

די פּראָבלעמען, וועלכע ס׳האָט מיט אַזאַ ווייטעק אַרויסגערוקט סאַליערי, זײַנען ביז איצט הײַנטצײַטיק. עס זײַנען פאָריבער העכער פערציק יאָר, נאָר איך געדענק אויסגעצייכנט ביז איצט די אומפאַרגעסלעכע שאָען פון דער אַרבעט פון מײַן גרויסן לערער איבער דעם דאָזיקן ווערק.

דאָס גאַנצע לעבן זײַנס, אַלע זײַנע קענטענישן, זײַן גרויס און גוט האַרץ האָט אונדז אָפּגעגעבן איינער פון די גרינדער פון טעאַטער־שול, עפראַיִם באָריסאָוויטש לויטער. פון אים האָב איך איינמאָל זיך דערוווּסט וועגן גרויסן לערער פון די דראַמאַטישע אַרטיסטן קאָנסטאַנטין סערגייעוויטש סטאַניסלאַווסקי. לויטער האָט דער ערשטער פאַר אונדז אַנטפּלעקט די גרונט־שטריכן פון סטאַניסלאַווסקיס סיסטעם, וואָס איז ביז אַצינד דער וועגווײַזער פאַר די אַקטיאָרן פון דער גאַנצער וועלט. אין די דרײַסיקער יאָרן איז די דאָזיקע סיסטעם פאַרן ייִדישן טעאַטער געווען אַ פּעדאַגאָגישע נײַס. פון לויטערן האָבן מיר צום

ערשטן מאָל דערהערט וועגן די אופטועז פון יעווגעני וואכטאנגאָוון. עפראַים לויטער איז געקומען אין טעאַטער־שול מיט א רײַכער דערפאַרונג פון רעזשיסערישער טעטיקייט. ביז דעם איז ער געווען דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם כאַרקאָווער ייִדישן טעאַטער. זײַנע ספּעקטאַקלען, וועלכע זײַנען געשטעלט געוואָרן אינעם זייער אינטערעסאַנטן כאַרקאָווער טעאַטער, האָבן אים פאַרשאַפט גרויסן אויטאָריטעט אלס רעזשיסער. אויך אין דער געשיכטע פונעם אָדעסער ייִדישן טעאַטער האָט ער אַרײַנגעשריבן א שיין זײַטל. ער האָט דער ערשטער ארופגעבראַכט אַף דער ייִדישער בינע די דראַמאַטורגיע פון דער רוסישער, אוקראַיִנישער און אויסלענדישער קלאַסיק. זײַנע שטעלונגען פון אָסטראָווסקיס „אַן שולד שולדיקע", פון פלאָבערס „מאַדאַם באָווארי", פון קראַפּיווניצקיס „די שפּין און די פליג" האָבן לאַנגע יאָרן באַשײַנט און באַלויכטן די בינע פונעם אָדעסער טעאַטער. ווי מיר איז באַוווּסט, איז עפראַים באַריסאָוויטש געווען דער איינציקער רעזשיסער, וואָס האָט געשטעלט אַף דער ייִדישער בינע גאָרקיס דראַמע „די מוטער". ער איז אויך געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געפּרוּווט אין ספּעקטאַקל „יאַקאָוו סווערדלאָוו" ארויספּירן די געשטאַלט פון לענינען, וועלכע ס'האָט אויסגעפּילט דער אויסגעצייכנטער אַרטיסט בינאַמין שוואַרצער. צום באַדויערן, איז ניט דערשעצט געוואָרן די טעטיקייט פון דעם דאָזיקן קינסטלער. מיר האָבן אויך ניט דערשעצט זײַנע פאַרדינסטן אלס פּעדאַגאָג. מיר אַלע, וואָס זײַנען אין יענע יאָרן געווען אונטער דער גוואַלדיקער ווירקונג פונעם גענ״אַלן מיכאָעלסן, האָבן ניט פאַר־שטאַנען די ווערט פון עפראַים באַריסאָוויטשעס לערע.

פון די ערשטע לימודים האָב איך ליב באַקומען דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן פּעדאַגאָג. און איך מוז זאָגן, אז ער האָט זיך צו מיר אויך באַצויגן מיט גרויס געטרײַשאַפט. אַף די לימודים פון עפראַים באַריסאָוויטשן האָב איך זיך שטענדיק געפילט פרײַ, געוואָגט און דערפינדעריש. אַף זײַנע לימודים האָב איך זיך איבערצײַגט אין דעם, אז אַף דער בינע קען מען שפּילן בלויז בא א פולשטענדיקער פיזישער און שעפערישער פרײַקייט. די פּראַג־מענטן, וועלכע איך האָב געמאַכט בא עפראַים לויטערן, זײַנען אָפּט באַוויזן געוואָרן ניט נאָר אַף דער שול־בינע. זיי האָבן מיר פאַרשאַפן פיל פרייד און פאַרגעניגן.

וועגן דער שאַפונג פון אַקטיאָר פלעגן אונדז אָפּט לייענען לעקציעס די מײַסטערס פונעם וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער, די פאָלקס־אַרטיסטן אָראַטשקאָ און זאַכאַווא, וואָס זײַנען געווען שילער און מיטצײַטלער פון וואַכטאַנגאָוון.

פיל אַכטונג איז אָפּגעגעבן געוואָרן דער פּלאַסטישער אַנטוויקלונג פון קערפּער. בייגעוודיקייט, גרינגקייט, באַוועגלעכקייט און פלינקייט איז אומבאַדינגט נייטיק פאַרן אַקטיאָר. אינעם פּראַט פון קלאַסישן טאַנץ האָט פיל אופגעטאָן דער ליבלינג פון אונדזער שול יאַקאָוו דאַווידאָוויטש איצכאָקי. אליין שטענדיק אַן עלעגאַנטער, א שלאַנקער און א שיינער, האָט דער געוועזענער טענצער פונעם טעאַטער אַפן נאָמען פון נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ און סטאַניסלאַווסקי אײַנגעפּלאַנצט אין זײַנע סטודענטן ליבע צום קלאַסישן טאַנץ. איך האָב זיך זייער גוט געפילט אַף זײַנע לימודים און זיך גוט געלערנט בא אים. און אויב איך האָב אין פיל פון מײַנע ראָלן, באַזונדערס אין די מוזיקאַלע ספּעקטאַקלען, גוט געטאַנצט, און אויב איך, שוין א באַיאָרטער, באַוועג זיך ניט שלעכט אַף דער בינע, האָב איך אין דער ערשטער ריי צו פאַרדאַנקען יאַקאָוו דאַווידאָוויטשן. אויך איצט, שוין אַן עלטערער מענטש, איז איצכאָקי נאָך אַלץ עלעגאַנט, פירט אָן מיט די קלאַסישע טענץ אין דער טעאַטראַלער שול אַפן נאָמען פון שטשוקינען. מיר איז ביז גאָר אָנגענעם, וואָס ער אינטערעסירט זיך שטענדיק מיט מײַנע נײַע אַרבעטן אַף דער טעאַטער־בינע און עסטראַדע — ער לאָזט ניט דורך קיין איינע פון מײַנע פּרעמיערעס.

שטאַרק פּאָפּולער זײַנען בא אונדז געווען די לימודים פון עקסצענטריק, וועלכע עס האָט מיט גרויס דערפינדערישקייט געפירט יעלענע מענעס. דער דאָזיקער אָריגינעלער פּעדאַגאָג איז באַקענט מיט אירע געשטעלטע טענץ אין די בעסטע מאָסקווער טעאַטערן. אין פערציק יאָר אַרום האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט יעלענע רודאָלפאָוונע אינעם פּושקין־טעאַטער.

אין שול האָבן מיר אויך ליב געהאַט דעם פּעדאַגאָג קאָנאָראָווע, וועלכע האָט אונטעריכט ריטמיק, און דעם אַרטיסט פונעם מייערכאָלד־טעאַטער זלאָבין, וואָס האָט געפירט דעם לימוד ביאָמעכאַניק, וואָס איז אין יענע יאָרן געווען זייער אין דער מאָדע. זלאָבין האָט געשטעלט פאַר אונדז גרויסע פאָדערונגען, און פיל פון אונדזערע מיידלעך

האָבן ניט איין מאָל פֿאַרגאָסן טרערן, ווען זיי זײַנען באַשטראָפֿט געוואָרן פֿאַר אַ שלעכט־דורכגעפֿירטן קולביט אָדער סאַלטאָ...

אויפֿן גאַנצן לעבן האָט זיך מיר פֿאַרגעדענקט דער פּראָפֿעסאָר יוזוויצקאַיאַ מיט איר אַסיסטענט גאָנאַפּאָלסקאַיאַ, וועלכע האָט אונדז געשטעלט די שטים. צום גרויסן באַדויערן, האָבן מיר, יונגע באָכערים און מיידלעך, ניט פֿאַרשטאַנען, ווי נייטיק עס איז פֿאַר אַן אַקטיאָר אוועקשטעלן די שטים. ביז הײַנטיקן טאָג קאָן איך זיך ניט מוחל זײַן מײַן לײַכט־זיניקע באַציִונג צו דעם דאָזיקן לימוד.

אָפֿטע געסט זײַנען בײַ אונדז געווען די אָנגעזעענסטע סאָוועטישע יידישע שרײַבער. צו אונדז פֿלעגט קומען דאָוויד בערגעלסאָן, וועלכער האָט שטענדיק איבעראַשט מיט זײַן טיפֿן און בילדערישן דענקען, מיט זײַן הומאָר. אונדזערע סטודענטישע אָוונטן האָט קיין־מאָל ניט דורכגעלאָזט פּערעץ מאַרקיש, שמואל האַלקין, אין וועלכע עס זײַנען פֿאַרליבט געווען אַלע סטודענטקעס.

מײַן לערע האָט זיך ניט אויסגעשעפּט מיט די אָנגעזעטיקטע לערן־פּלענער, איך האָב זיך געלערנט אויף די פּילצאָליקע ספּעקטאַקלען פֿון די מאָסקווער טעאַטערן. איך האָב דעמלט, אין די דרײַסיקער יאָרן, געזען בוכשטעבלעך דעם גאַנצן מאָסקווער רעפּערטואַר. איך האָב זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט די ספּעקטאַקלען פֿונעם מכאַט — דעמלט האָט נאָך געלעבט סטאַניסלאַווסקי, עס האָט געלעבט די מעכטיקע פּלעיאַדע פֿון די מכאַטאָווישע „אַלטיטשקע״. אויף דער בינע זײַנען אַרויסגעטראָטן קאַטשאַלאָוו, מאָסקווין, טאַרכאַנאָוו, לעאָנידאָוו, קניר־פּער־טשעכאָווא. און זעניט פֿון רום זײַנען דעמלט געווען די נאָך יונגע אַרטיסטן באַטאַלאָוו, כמעליאָוו, גריבאָוו, טאַראַסאָווא, סטעפּאַנאָווא, יאַנשין.

וויפֿל טרערן, גוטע און צאַרטע, האָט דער אויטאָר פֿון די דאָזיקע שורעס, דער זיבעצנ־יאָריקער סטודענט פֿון דער ייִדישער טעאַטער־שול, פֿאַרגאָסן, זיצנדיק אויף די טרעפּ פֿונעם אייבערשטן יאַרוס. און וויִאַזוי האָט מען עס געקאָנט רויִק אויפֿאַסן דאָס, וואָס איז פֿאָרגעקו־מען אינעם הויז פֿון די פּראָזאָראָווס? אין דער אַטמאָספֿער פֿון אַבסאָליוטער שטילקײַט האָט זיך ווייך אויסגעלאָשן די שײַן און דער פֿאָרהאַנג מיט דער מעווע האָט פּאַמעלעכן זיך אויפֿגעעפֿנט. דעמלט זײַט איר אַרײַנגעפֿאַלן אין דער פֿאַמיליע פֿון טשעכאָווס העלדן, אין הויז פֿון די דרײַ שוועסטער. דאָס איז געווען ניט קיין טעאַטער, ס׳האָט קיין שום שײַכעס ניט געהאַט צו אַקטיאָרישער שפּיל. איך פֿלעג פֿאַרגעסן, אַז איך געפֿין זיך אין טעאַטער. כ׳האָב געהאַט דאָס געפֿיל, אַז ס׳איז מעגלעך זיך אויפֿהייבן פֿונעם טרעפּל און אַרײַנגיין אין הויז פֿונעם טשעכאָווישן פֿעטער וואַניע, זיצן מיט אים אַ ביסל, אַרומנעמען דעם דאָזיקן אויסגעצייכנטן רוסישן אינטעליגענט, וואָס ווערט פֿאַרפֿאַלן אין דעם טויבן העק.

עס האָט זיך געוואָלט צוגיין צו די דרײַ שוועסטער און באַרויִקן זיי, זיי זאָגן, אַז עס וועט קומען אַ נײַ לעבן, און זיי וועלן קומען קיין מאָסקווע, וווהין עס ציט זיי אַזוי. און ס׳האָט זיך געדאַכט, זיצנדיק אויפֿן אייבערשטן יאַרוס, אַז שפּילן אָט אַזוי איז זייער לײַכט... זיי טוען דאָך גאָרניט, זיי לעבן פּאָשעט, אָט זיצן זיי און טרינקען טיי. אָט רוקט זיך אָן דער אָוונט, עס באַווײַזט זיך די לעוואָנע. עס זיצט דער שלימאַזל יעפּיכאָדאָוו — מאָסקווין און דערקלערט זיך דוניאַשען אין ליבע. נו, וואָס איז דאָ אַזוי שווער! זיי שפּילן דאָך גאָר ניט... איך וואָלט אויך זיך צוגעשפּאַרט אינעם „ווײַנשל־סאָד״ און אָן שום מי געגנומען ריידן... איך וואָלט אויך אַ שטיף געטאָן אין פּאַרק פֿונעם גראַף אַלמאַוויוואַ אין „פֿיגאַראָס כאַסענע״. איך האָב דעמלט קיין זאַך ניט פֿאַרשטאַנען. אַלץ, וואָס איך האָב געזען אינעם קאַמערגערסקע געסל, איז ניט אינגאַנצן צונויפֿגעפֿאַלן מיט די פֿאָדערונגען פֿון די פּעדאַגאָגן פֿונעם סטאָליעשניקאָוו־געסל. בײַ מיר האָט מען געפֿאָדערט יאָמטעוודיקײַט, דערהויבנקײַט אינעם וואָרט, און דאָרט, אויף דער קישעפֿדיקער בינע פֿון מכאַט, רעדט מען פּראָסט, ווי אין לעבן, אָן שום אונטערגעשטרײַכטער דיקציע, אַפֿילע, וואָלט איך געזאָגט, נאַכלעסיק. נאָר פֿאַרוואָס גייסטו אַרויס פֿון דעם דאָזיקן הייכל אויף לאַנג אַ דערשיטערטער? פֿאַרוואָס קאָן איך ניט אַנשלאָפֿן ווערן נאָך אַ ספּעקטאַקל פֿון מכאַט?

בײַ מיר פֿאָדערט מען אין שול שאַרפֿקײַט און געטאָקטקײַט פֿון באַוועגונג, און דאָ, אין גאָרקיס „אויפֿן דעק״, גייען אַרום די מענטשן פּראָסט און פּאָשעט, זיי זיצן פּראָסט, הייבן זיך אויף פֿונעם אָרט אַזוי ווי אין לעבן. ס׳מאַכט אַן אײַנדרוק, אַז זיי פֿאַרגעסן פּאָשעט, אַז אויף זיי קוקט אַ געפּאַקטער זאַל מיט מענטשן. און וויִאַזוי קאָנען זיי קלערן וועגן דעם, אַז זיי זײַנען אויפֿגערודערט, אַפֿילע ניט אויפֿגערודערט, נאָר פֿאַרנומען מיט זייער לעבן, מיט זייערע זאָרגן, דײַגעס און אויפֿטרייסלונגען. מיך לערנט מען טעאַטראַלע אויסדריקלעכקײַט,

בונטקײַט, און דאָ קערעוועט זיך אויס לוקא מיט דער פּלייצע צום צושויער־זאַל, קראַצט נאָכלעסיק דעם הינטן און פרעגט מיט א הייזעריק קאָל: „ווו זשע איז א בעזעם?"

כ'האָב דעמלט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. איך האָב ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאָזיקע פּראָסטע לעבן אויף דער בינע — איז די העכסטע הייך פון טעאַטראַלער קונסט. אַז די דאָזיקע קלוימערשטע פּראָסטקײַט איז א פּראָדוקט פון דורכגעדאַכטער, מענטשלעכער מי. כ'האָב דעמלט נאָך קיין פאַרשטעלונג ניט געהאַט, אַז א סאַך גרינגער איז צו באַשאַפן דאָס אויסדריקלעכסטע געשטאַלט לויט דער אויסערלעכער פאָרם, ווי זיצן פּראָסט אויף דער בינע און טרינקען טיי. ניט נאָר דעמלט, נאָר אויך אין אָנפאַנג פון מײַן אַקטיאָרישן וועג האָב איך פיל ניט פאַרשטאַנען, נאָך א סאַך שפּעטער, שוין זײַענדיק א פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, זײַנען אָן א שיר סודעס פון דער דאָזיקער קונסט געווען פאַר מיר פאַרהוילן. ס'האָבן געדאַרפט דורכגיין יאָרצענדליקער אויף דער פּראָפעסיאָנעלער בינע, ס'האָבן געדאַרפט אָפּגעשפּילט ווערן הונדערטער ראָלן, באַגעגענישן, בײַס דער אַרבעט, מיט גרויסע מײַסטערס פונעם יידישן און רוסישן טעאַטער, אַז איך זאָל אָנהייבן באַנעמען, אַז בלויז דער וועג פון סטאַניסלאַווסקין איז דער איינציקער אינעם שאַפן פון אַקטיאָר.

עס פלעגט טרעפן, ווען ס'איז מיר געוואָרן שווער אויף דער נעשאָמע, ווען די שטימונג איז געווען א שווערע, ווען ס'פלעגט אָנפאַלן א מאַרעשכוירע און אָן אומגלויבן אין די אייגענע קויכעס, דעמלט פלעג איך זיך פאַרקלײַבן אויף מײַן אייבערשטן יאַרוס פון מכאַט און קוקן ווידער און ווידער דעם „פּעטער וואַניע", „די מעווע", דעם „ווישנעוול־סאַד"... און וויפל מאָל האָב איך געקוקט א באַגײַסטערטער די ספּעקטאַקלען „פיגאַראָס כאַסענע", „הייסע הערצער"! צענדליקער מאָל האָב איך צוזאַמען מיט קאַטשאַלאָוון איבערגעלעבט די ראָל פון קאַרנאָ אינעם ספּעקטאַקל „בײַ די טויערן פון קיניגרײַך". עס פלעגט טרעפן, אַז דער ספּעקטאַקל האָט זיך שוין לאַנג פאַרענדיקט, דער פאָרהאַנג איז שוין פאַרמאַכט, און אַוועקגיין ווילט זיך ניט. לאַנג האָב איך נאָך אַרומגעבלאָנקעט אין פאָיע פונעם טעאַטער, דערנאָך אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס און זיך געשטעלט וואַרטן אויף מײַנע געטער. אָט גייט אַרויס פונעם הויף קאַטשאַלאָוו, א שטאַלטנער, א שיינער — דער שטאָלץ פונעם רוסישן טעאַטער. ער שטעלט אויף דעם קאָלנער פון זײַן ווינטערדיקן מאַנטל און שמייכלט עפּעס... מיר דוכט זיך, אַז ער זעצט נאָך פאָר לעבן אין זײַן געשטאַלט קאַרנאָ... און אָט איז מאָסקווין. ער איז ניט קיין הויכער, א בייגעוודיקער. ער זעצט זיך אויף א פאַעטאָן און פאָרט אַוועק. איך גיי אַרום, ווי אין קישעף איבערן טווערסקאָי בולוואַר. אין מײַן שיטער מאַנטעלע כאַפּט זיך אַרײַן דער פראָסט און עס ווערט מיר קאַלט. נאָר איך טראַכט ניט וועגן דער קעלט. באַלד וועל איך קומען אין גאָסעט, וועל מיט דזשעגעכץ אויסקערן דעם דיל, דערנאָך וועל איך זיך פאַרקלײַבן אויף דער בינע און אויסשפּילן דעם נאָרוואָס געזעענעם ספּעקטאַקל, איינער אַליין וועל איך שפּילן סײַ פאַר קאַטשאַלאָוון, סײַ פאַר מאָסקווינען און סײַ פאַר כמעליאָוון...

באַניין, ניט אַלע האָבן פאַרגעטערט דעם דאָזיקן טעאַטער. ניט אַלע זײַנען דעמלט באַגײַסטערט געווען פונעם מכאַט. איך געדענק אויסגעצייכנט, אַז אין יענע ברויזנדיקע דרײַסיקער יאָרן, ווען עס זײַנען אָן א סאַך געשאַפן געוואָרן נײַע טעאַטערן, נײַע סטודיעס, נײַע שולן און נײַע ריכטונגען, איז דאָס קאַמערגערער געסל געווען פאַר פיל אַקטיאָרן און אויך צושויער א זידלוואָרט.

וועגן מכאַט האָבן פיל גערעדט, ווי וועגן א קונסט, וואָס האָט זיך שוין אויסגעלעבט. באַזונדערס איז די דאָזיקע מיינונג פאַרשפּרייט געווען צווישן דער יוגנט. מע האָט געדאַרפט פאַרבײַגיין בלויז עטלעכע קוואַרטאַלן אויף דער גאָרקי־גאַס (דעמלטיקע טווערסקאַיאַ), און איר זײַט אַרײַנגעפאַלן גאָר אין אַן אַנדער וועלט, אויף אַן אַנדער פּלאַנעטע. אויפן טריומפאַלן פּלאַץ (איצט — מאַיאַקאָווסקי־פּלאַץ) האָט געוואָרפן אַן אַרויסרוף דער רעאַליסטישער קונסט, דער גאַנצער וועלט דער גרויסער נאָוואַטאָר פונעם סאָוועטישן טעאַטער, דער גרויסער רעזשיסער װסעװאָלאָד עמיליעוויטש מייערכאָלד.

אין דעם דאָזיקן טעאַטער איז אַלץ געווען נײַ און ניט געוויינלעך. איר זײַט אַרײַנגעגאַנגען אין א הויז, וואָס איז געווען זייער באַשיידן אויסגעשטאַט. אין פאָיע — הוילע ווענט, אין צושויער־זאַל שטייען פּאָשעטע בענקלעך, די ווענט זײַנען גרוי. ווען איר קומט אַהער אַרײַן אין זאַל, פאַרשטייט איר, אַז קיין געמיטלעכקײַט דערוואַרט אײַך דאָ ניט, קיין אויסערגעוויינלעכע דעקאָראַציעס וועט איר דאָ ניט זען. דאָ וועט איר ניט הערן קיין געזאַנג פון סאָלאָווי, קיין קוואַקערײַ פון פרעש. קיין שום שעפּטשערײַ, קיין שטילע טענער... דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון טעאַטער איז די בינע ניט געווען אָפּגעטיילט מיט

קיין פאַרהאַנג. אַף דער אָפענער בינע איז געשטאַנען אַ קאָנסטרוקציע, וואָס האָט גיכער דערמאָנט אין עפּעס אַ מאַשין, ווי אין טעאַטראַלער אויסשטאַטונג. איר האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז איר זײַט געקומען אַף אַן אונטערנעמונג, אַז די דאָזיקע קאָנסטרוקציע וועט באַלד נעמען אַרבעטן. דאָס איז געווען אַ נײַער טעאַטער, אַן עקספּערימענטאַלער, אַן אומדערוואַרטער, אַ רעוואָליוציאָנערער טעאַטער. דאָ איז עפנטלעך אָפּגעלייקנט געוואָרן די פאַרגאַנגענהײַט. ס'איז געמאָלדן געוואָרן אַן אומקאָמפּראָמיסלעכע שלאַכט פאַרן נײַעם. דער געוועזענער טאַלמיד פון סטאַניסלאַווסקין און דער אויסגעצייכנטער אַקטיאָר פון מכאַט האָט דאָ, בײַ זיך אין טעאַטער, פולשטענדיק אָפּגעלייקנט זײַן פּעדאַגאָג מיט זײַן לערע.

דער טעאַטער פון מייערכאָלדן איז אַרויסגעטראָטן קעגן טעאַטער פון איבערלעבן. דאָס איז געווען אַ טעאַטער פון רעזשיסער, פון אַ גענ־אַלן רעזשיסער. נאַטירלעך, אַז אין דעם דאָזיקן טעאַטער האָט געשפּילט אַן אויסגעצייכנטער אַנסאַמבל אַרטיסטן. דאָ האָבן אָנגעהויבן זייער וועג אַזעלכע אָנגעזעענע מײַסטערס, ווי אילינסקי, באַבאַנאָווא, שטראַוך, סווערדלין, צאַריאָוו, גאַרין, מאַרטינסאָן. זיי האָבן געשאַפן שעדעווערן פון אַקטיאָרישער מײַסטערשאַפט. נאָר די דאָזיקע שעדעווערן זײַנען געווען אונטערגעוואָרפן דעם ווילן, דער דיקטאַטור פונעם רעזשיסער מייערכאָלד. פיל ספּעקטאַקלען האָבן אויפגעטרייסלט מיט זייער אומדערוואַרטקײַט, מיט דער לייזונג זייערער, וואָס האָט פאַרווירקלעכט דער רעזשיסער. עס זײַנען אויך געווען גרויע, אומעטיקע שטיקער, נאָר באַלד נאָך זיי איז געקומען אַ גענ־אַלער אויפשוווּנג, וואָס האָט דערשיטערט.

דאָ, אינעם מייערכאָלד־טעאַטער, האָבן באַקומען זייער נײַע לייזונג די דראַמאַטישע שאַפונגען פון מאַיאַקאָווסקין „די באָד", „די וואַנץ", „מיסטעריע בוף". דאָס זײַנען געווען גראַנדיעזע זיגן פונעם דאָזיקן וועלט־טעאַטער; און הײַנט דער „גרויסמוטיקער האָרנטרעגער", אין וועלכן די הויפּט־ראָלן האָבן געשפּילט אילינסקי און באַבאַנאָווא, און „דער מאַנדאַט" מיט גאַרינען אין דער הויפּט־ראָל! אָבער די דאָזיקע גרויסע מײַסטערס האָבן געשפּילט לויטן געמעל פון מייערכאָלדן. אויב די מכאַט־אָנפירער האָבן זיך געשלאָגן, אַז „דער רעזשיסער זאָל אָפּשטאַרבן אין אַקטיאָר", האָט אָפן טריומפאַלן פלאַץ מייערכאָלד ניט אויפגעהערט צו לעבן אין אַקטיאָר. מייערכאָלד האָט גענ־אַל באַוויזן אַלץ אַף די רעפּעטיציעס. ער האָט אָפט פאַריאָגט דעם אַקטיאָר אין אַ טעמפּ ווינקל. מייערכאָלדס רעפּעטיציעס פלעגן פאַרוואַנדלט ווערן אין ספּעקטאַקלען. אין מאָסקווע זײַנען שטאַרק פּאָפּולער געווען עפנטלעכע רעפּעטיציעס פונעם מייערכאָלד־טעאַטער. מיר האָט אָפּגעגליקט צו זײַן אַף אַזאַ רעפּעטיציע, אַף וועלכער ס'האָבן זיך פאַרמאָסטן אַזעלכע צוויי מײַסטערס, ווי מייערכאָלד און מאַרטינסאָן. די דאָזיקע אומפאַרגעסלעכע עפנטלעכע רעפּעטיציע פונעם ספּעקטאַקל „דאָס צעטל פון ווילטווונגען" איז פיל מאָל באַגלייט געוואָרן מיט אַן אָוואַציע פון אַפּלאָדיסמענטן.

מייערכאָלד — דאָס איז געווען אַ גרויסע שול פון סאָוועטישער רעזשיסור. אַ סאַך טאַלאַנטפולע טאַלמידים זײַנע זעצן ביז איצט פאָר זײַנע טראַדיציעס.

דער מייערכאָלד־טעאַטער און דער מכאַט — דאָס זײַנען צוויי פּאָליוסן, צוויי וועלטן. איך האָב פאַרגאָסן פרייד־טרערן אַף די ספּעקטאַקלען פון מכאַט און מיט ציטער אין האַרצן געוואַרט אַף די גראַנדיעזע פּרעמיערעס פון מייערכאָלדן. אָבער די ספּעקטאַקלען אַף דעם טריומפאַל־פלאַץ האָב איך געזען צו איין מאָל, אין דער צײַט, ווען די מכאַטאָווישע האָב איך געקוקט אָן אַ שיר און אָן אַ צאָל. איך בין דערשיטערט געווען פון די רעזשיסערישע אײַנפאַלן, פון די אומגעריכטע לייזונגען פון פאַרשיידענע קלאַסישע ווערק, פון די גרויסע אַקטיאָרישע אויפטוען, נאָר איך פלעג אַוועקגיין, פאַרגעדענקען אַלץ און דערנאָך דערציילן די סטודענטן וועגן דער פאָרם פון ספּעקטאַקל, וועגן דער גענ־אַלקײַט פון מייערכאָלדן... דערפאַר אָבער האָב איך נאָך די ספּעקטאַקלען פון מכאַט ריידן ניט געקאָנט, כ'האָב ניט געקאָנט דערציילן — איך האָב נאָך די ספּעקטאַקלען אַ לאַנגע צײַט געלעבט אין דער וועלט פון די העלדן, מיט די איבערלעבונגען פון די מכאַטאָווישע געשטאַלטן.

כ'האָב שטאַרק ליב געהאַט און האָב ליב ביז הײַנטיקן טאָג דעם וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער. באַזונדערס האָב איך אים ליב געהאַט אין יענע ווײַטע דרײַסיקער יאָרן. דאָ, אינעם וואונדערלעכן טעאַטער אַף אַרבאַט, איז געפונען געוואָרן דער סינטעז צווישן די צוויי שטרײַטנדיקע ריכטונגען אין דער טעאַטראַלער קונסט. די שאַרפע און בונטע פאָרם האָט זיך געפּאָרט מיטן רעאַליזם פון מכאַט. יעווגעני באַגראַטיאָנאָוויטש וואַכטאַנגאָוו, אַ טאַלמיד פון סטאַניסלאַווסקין, האָט באַשאַפן אויסערגעוויינלעכע פאָרמען און דערבײַ געבליבן געטרײַ די פּרינציפּן פון זײַן לערער. דאָ, אַף אַרבאַט, האָט אַלץ געשמעקט מיט טעאַטראַלקײַט, מיט דינעם געשמאַק און מיט דער וואַכטאַנגאָווישער שטיפערײַ פון „דער פּרינצעסן טוראַנדאָט".

דאָס איז געווען א הימן דעם טעאטער, א יאָמטעוו פון טאלאנט, פייערווערק און שיינקייט, שטיפעריי און שארפזיניקייט.

סטאניסלאווסקי און נעמיראָוויטש־דאנטשענקאָ האָבן מיט איבעראשונג באַגעגנט דעם ספעקטאקל „די פּרינצעסן טוראנדאָט“.

וואכטאנגאָוו איז געשטאָרבן זייער יונג, קורץ איז געווען זײַן שעפעריש לעבן, נאָר די עטלעכע שאפונגען זײַנע, זײַן שול, זײַן רעוואָליוציאָנערע ריכטונג אין דער קונסט האָבן באשאפן א גרויסן טעאטער, וועלכער פרייט דעם צושויער ביז איצט מיט זײַנע ספעקטאקלען. אין דעם דאָזיקן טעאטער איז דאָס ערשטע מאָל ארויסגעגאנגען אף דער בינע דער ארטיסט שטשוקין אין דער ראָל פון וולאדימיר איליטש לענין. אף דער דאָזיקער בינע האָט רובען סימאָנאָוו געשאפן א גאנצע גאלעריי אומפארגעסלעכע געשטאלטן, געשטעלט צענדליקער אויסערגעוויינלעכע ספעקטאקלען, וואָס האָבן בארימט געמאכט די טרופּע וואכטאנגאָווצעס. דאָ האָבן געארבעט און עס ארבעט איצט די פּלעיאדע וואכטאנגאָוו־אקטיאָרן אָראטשקאָ, מאנסוראָווא, באסאָוו, טאלטשאנאָוו. איצט שאפן דאָ די הײַנטצײַטיקע מײַסטערס — באָריסאָווא, גריצענקאָ, אוליאנאָוו, יאקאָוולעוו — זיי אלע זענען פּאָר די טראדיציעס פון וואכטאנגאָוו.

און אפן טווערסקאָי בולוואר האָבן צוגעצויגן אין קאמער־טעאטער די אויסגעצייכנטע אָפּערעטע־ספעקטאקלען „זשיראָפלע־זשיראָפליא“, „סיראָקאָ“, „טאָג און נאכט“, וועלכע ס'האָט געשאפן דער גרויסער מײַסטער אלעקסאנדער יאקאָוולעוויטש טאיִראָוו. סארא פּראכטפולע פאָרשטעלונגען זײַנען עס געווען לויט דער שיינקייט, מוזיקאלישקייט, דינקייט! סארא אומפארגעסלעכע געשטאלטן האָט באשאפן די באוווסטע טראגישע אקטריסע אליסא געאָרגיעוונא קאָאָנען אין די ספעקטאקלען „אנדריענא לעקווּוער“, „דער נעגער“, „די ליבע אונטער די אולם־ביימער“, „פעדרא“. דאָ, אינעם טאיִראָוו־טעאטער, האָבן די אקטיאָרן דערשיטערט די צושויער מיט זייער סינטעטישער קונסט. דער גרויסער קינסטלער האָט דערצויגן פיל־זײַטיק־אנטוויקלטע אקטיאָרן. זיי האָבן געדארפט זיך גוט באוועגן, זינגען און פולקום באהערשן די דראמאטישע קונסט. דער דאָזיקער טעאטער האָט געוווסט דעם געשמאק פון גרויסע זיגן, נאָר אויך באקאנט געווען מיטן ביטערן טאם פון דורכפאלן. דער דאָזיקער טעאטער האָט אנטדעקט די דראמאטורגיע פון ווישניעווסקין. טאיִראָווס ספעקטאקל „די אָפּטימיסטישע טראגעדיע“ איז ארײַן אין גאָלדענעם פאָנד פונעם סאָוועטישן טעאטער. אָבער באנאנד מיט אזא שעדעווער זײַנען דאָ געשטעלט געוואָרן צווייפלהאפטע ווערק. וויקוכים זײַנען געגאנגען ניט נאָר ארום קאמער־טעאטער. אקטיווע שטורמישע שטרײַטן זײַנען געגאנגען ארום פיל ספעקטאקלען פון אלע טעאטערן. איך בין איינמאָל געווען אן איידעס, ווי צוויי יונגע פארערער פונעם קאמער־טעאטער האָבן אויסגעפּאטשט א ליבהאָבער פונעם מכאט דערפאר, ווײַל יענער האָט זיך דערלויבט צו זאָגן, אז קאָאָנען איז א קאלטע אקטריסע, אז זי דעקלאמירט...

מיר איז א ביזאָיען צו אנערקענען זיך, אז איך בין געווען אן אָנהענגער פון אלע ריכטונגען. איך קאָן ניט באשטיין דערויף, אז אלע האָבן מיך אלצײַנס געריעגט, נאָר איך בין ניט געווען קיין אויסגעשפּראָכענער פארערער פון איינעם א טעאטער. מעגלעך, אז דאָס איז א בלויז אין מײַנע געשמאק־עמפּפינדונגען, מעגלעך, אז דאָס איז אפילע א פּרינציפּיעלער פעלער, נאָר אף מיר אלס אקטיאָר האָבן געווירקט אלע טעאטערן און אלע ריכטונגען. א באזונדער צארטן געפיל האָט בא מיר ארויסגערופן די טעאטראלע סטודיע, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט סימאָנאָוו, און אויך די טעאטראלע סטודיע פון כמעליאָוון. אייניקע אקטיאָרן פונעם קליינעם טעאטער האָבן בא מיר ארויסגערופן באגײַסטערונג, כאָטש אין יענער צײַט זײַנען ניט אלע ספעקטאקלען דערגאנגען צו מײַן נעשאָמע. די פאָרשטעלונג „שטאָרם“ האָט מיך געפּלעפט מיט דער פרישקייט, מיטן עמעס. כ'האָב לאנג ניט געקאָנט פארגעסן דעם גרויסן מײַסטער פון דעם דאָזיקן טעאטער וואסיל וואסיליעוויטש וואנינען. דעמאָלט האָב איך, נאטירלעך, ניט געקאָנט פאָרויסזען, אז דער דאָזיקער סאָוועטישער רוסישער ארטיסט וועט שפּילן אן אָנגעזעענע ראָל אין מײַן אקטיאָרישער שאפונג. אָבער די גרעסטע צײַט האָב איך פארבראכט אף קליין־בראָנע־גאס.

דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע־טעאטער, אָדער ווי מע האָט אים גערופן דער גאָסעט, איז געווען ניט צוגענגלעך פאר דעםברייטן ייִדישן צושויער. ניט אומזיסט האָט מען אין די ערשטע יאָרן פון זײַן עקזיסטענץ אים גערופן קאמער־טעאטער. נאָך מער, ער האָט געהאט פיל קעגנער. דער שטעטלדיקער צושויער, וואָס איז געווען דערצויגן אפן פּרינציפּ־

לאַזן, פֿאַרמלאָזן רעפּערטואַר פֿונעם ביזרעוואָליוציאָנערן יידישן טעאַטער, האָט ניט געקענט אופּאַסן דעם דאָזיקן בעעמעס אַקאַדעמישן טעאַטער. דעם ברייטן יידישן צושויער, וואָס איז געוווינט געווען צו אַ טעאַטער פֿון פֿאַרשיידענע דיאַלעקטן, איז ניט שטענדיק פֿאַרשטענדלעך געווען די שטרענגע, געשליפֿענע יידישע שפּראַך פֿונעם גאָסעט. און אויסגעכאַוועטער אַף פֿאַרמלאָזיקייט פֿון ספּעקטאַקל, אַף דער אָפּוועזנהייט פֿון רעזשיסערישער גאַנצקייט, האָט דער צושויער ניט שטענדיק פֿאַרשטאַנען די רעזשיסערישע אינטערפּרעטאַציע פֿון שאָלעם־אַלייכעמס, מענדעלעס און פּערעצעס פּיעסן, וועלכע מ'איז געוווינט געווען צו זען אין אַלטן טעאַטער. די פֿילצאָליקע אַרטיסטן און פֿאַרערער פֿונעם ביזרעוואָליוציאָנערן טעאַטער האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז די שאַפֿונג פֿונעם גאָסעט — דאָס איז אַ טויט־אורטייל פֿאַר דער אַלטער קונסט, דערפֿאַר האָבן זיי מיט ציינקריצעניש באַגעגנט דעם נייעם רעוואָליוציאָנערן אָרגאַניזם.

איך געדענק, ווי די אַלטע באַליידיקטע אַרטיסטן האָבן מיט אַפּלאָמב גערעדט וועגן גאָסעט: „דאָס זיינען דאָך ליבהאָבער, דאָס זיינען מאַכערייקעס, ס'וועט גאָר אינגיכן פּלאַצן..." אָבער דאָס איז געווען הילפֿלאָזע פֿלאַפּלעריי. דער גאָסעט האָט מיט יעדער נייער שטעלונג, מיט יעדער דערפֿינדונג זיינער, באַזונדערס אין די שטעלונגען פֿון דער יידישער קלאַסיק, זיך אופֿגעהויבן אַף אַ נייעם שטאַפּל און געוואָרן דער בעסטער יידישער טעאַטער אין דער וועלט.

דער דאָזיקער גרויסער טעאַטער האָט געקענט עקזיסטירן נאָר באַ אונדז, אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, ווייל ער איז אופֿגעכאַוועט געווען און אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך דער סאָוועטישער רעגירונג. דאָס איז געווען אַ טעאַטער פֿון אַ גרויסער וועלט־קולטור. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַף צו פֿאַרשטיין די ספּעקטאַקלען האָט זיך געפֿאָדערט אַ באַשטימטע צוגרייטונג. איך מוז זיך מודיע זיין, אַז אויך איך בין ניט פֿון סאַמע אָנפֿאַנג געוואָרן אַ כאָסיד פֿון דעם דאָזיקן טעאַטער. דערצויגן לויטן געשמאַק פֿון די זשיטאָמירער ליבהאָבער, האָב איך אין אָנפֿאַנג ניט פֿאַרשטאַנען די איבעראַשנדיקע פֿאָרמען. איך געדענק, ווי עס האָבן מיך אויסגעלאַכט די סטודענטן פֿון די עלטערע קורסן, ווען איך האָב אָפֿנהאַרציק אַנערקענט, אַז איך האָב גאָרנישט ניט פֿאַרשטאַנען אינעם ספּעקטאַקל „די קישעפֿמאַכערן". יאָ, איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס מאַרקוס, וואָס האָט אַזוי ליב מירעלען, זאָגט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, איראָניש: „איך גיי צו מירעלע צו מיין". פֿאַרוואָס זאָגט ער מיט אַזאַ שמייכעלע: „אָ, ווער וועט מיר די רעטעניש ערקלערן", קאַפּירנדיק און איבערקרימענדיק דעם אַלטן שטאַמפּירטן פֿאַרליבטן... יאָ, איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס מענטשן אין מאָדנע קאָסטיומען קריכן אַף עפּעס אומפֿאַרשטענדלעכע טרעפּלעך, מאַכנדיק דערביי אונטערן טאַקט פֿון דער מוזיק אַלציינע באַוועגונגען. איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס זיינען באַ האָצמאַכן די הויזן פֿון פֿאַרשיידענע קאָלירן — פֿון איין זייט וויס און פֿון דער אַנדערער רויט. פֿאַרוואָס... פֿאַרוואָס... פֿאַרוואָס! אָן אַ שיר פֿאַרוואָסן. נאָר אַ מאָדנע זאַך — וואָס מער כ'האָב געקוקט דעם דאָזיקן אומגעוויינלעכן ספּעקטאַקל, איז צו מיר אַלץ מער דערגאַנגען דער פּאַפֿאָס און דער יאָמטעוו פֿון דעם ווערק. וואָס מער כ'האָב זיך איינגעקוקט אין די מאַסקעס, אין דעם קאַסקאַד פֿון די פֿאַרכאַפּנדיקע מיזאַנסצענעס, אַלץ פֿריידיקער איז מיר געוואָרן ביי צווזיין אַף דעם קאָמעדיאַנטישן קאַרנאַוואַל.

פּונקט ווי דאָס מייסעלע פֿון גאָצי „די פּרינצעסע טוראַנדאָט" אינעם וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער איז געווען בלויז אַן אָנשפּאַר־פּונקט, קעדיי צו באַשאַפֿן אַ נאָוואַטאָריש־רעוואָליוציאָנערן ספּעקטאַקל, אַזוי איז אויך גאָלדפֿאַדענס „קישעפֿמאַכערן" געווען אַן אָנגעלעגנהייט פֿאַר די מאָסקווער יידישע קאָמעדיאַנטן אין דער שפּיץ מיטן קאָמעדיאַנט מיכאָעלסן אַף צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דעם אַלטן בורזשואַזן סענטימענטאַלן טעאַטער.

ווי אַ וויכער פֿלעגט האָצמאַך — מיכאָעלס זיך אַריינרייסן אַף דער בינע: „באַ מיר אין קרעמל קאַכט און זידט..." דאָס איז געווען שוין ניט קיין מענטשלעכער טעמפּעראַמענט — פֿייער איז עס געווען, וואָס האָט אונטערגעצונדן דעם יובלדיקן אוילעם, וועלכער האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַף אַ סימכע צו אָוועמצען אין הויז. דאָס איז געווען אַ פֿאָלקס־העלד, אַ פֿאָלקס־בונטאַר, אַ קעמפֿער קעגן דעם בייזן, קעגן דעם אָבסקוראַנטיזם, דער סימוואָל פֿון וועלכן עס איז געווען די באָבע־יאַכנע אין זוסקינס אויספֿילונג. וויפֿל יידישע אַקטיאָרן האָבן זיך באַרימט געמאַכט אין דער דאָזיקער ראָל!

זוסקינס קישעפֿמאַכערן איז געווען אַ ניט־געהערטע דערשיינונג אין דער טעאַטראַלער וועלט. אַ קאָנגלאָמעראַט פֿון שלעכטקייט, צווייפּענעמדיקייט און פֿאַלשקייט איז געווען זוסקינס קישעפֿמאַכערן! דאָס איז געווען אַ שעד אַף אַ בעזעם, וואָס האָט זיך געפֿונען מער אינדערלופֿטן, ווי אַף די בינע־קאָנסטרוקציעס. דער דאָזיקער קינסטלער איז געווען

ניט נאָר קיין גרויסער כאַראַקטער־אַקטיאָר, ער איז געווען אַן אַרטיסט פון באַלעט, זײַנע באַוועגונגען זײַנען געווען ניט קיין געוויינלעכע — זיי האָבן שוין געהערט דעם געביט פון צירק. זוסקין האָט פולשטענדיק זיך אָפּגעגעבן דער בינע. פונקט ווי אַן אויספּילער פון אַ געפערלעכן אַטראַקציאָן, האָט ער יעדן אָוונט ריזיקירט מיטן לעבן. זוסקין פלעגט זאָגן: „איך שפּיל, ווי דאָס לעצטע מאָל אין לעבן". אָך, סאַראַ שאָד, וואָס אַזעלכע שאַפונגען אַנטרינען צוזאַמען מיטן אַרטיסט. עס פאַרבלײַבן דאָך נאָכן טויט פונעם מאָלער זײַנע בילדער, נאָכן סקולפּטאָר — די סקולפּטורן, נאָכן טויט פונעם שרײַבער — זײַנע ביכער, אָבער די גע־ניאַלע שאַפונגען פונעם אַקטיאָר פאַרגייען צוזאַמען מיט אים... עס זײַנען דאָך שוין פאַר־בליבן גאָר ווייניק מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק צו זען מיכאָעלסן און זוסקינען.

אָט איז פאַרלאָשן געוואָרן די שײַן אין צוזשויער־זאַל אָף קליין־בראָנע, און עס האָבן זיך אָנגעצונדן די פּראָזשעקטאָרס. אונטערן גערויש פון אַפּלאָדיסמענטן האָט זיך באַוויזן דער פון אַלעמען באַליבטער, שלאַנקער און שיינער לעוו מיכײַלאָוויטש פּולווער. אים, דעם טאַלאַנט־פולן קאָמפּאָזיטאָר, געהערט די מוזיק פון אַלע גאָסעט־שעדעוורען, די מוזיק, וואָס איז באַ־רימט געוואָרן אין גאָר דער וועלט, פיל לידער, וועלכע זײַנען שוין געוואָרן פאָלקסלידער.

אָט טוט ער אַ מאַך מיטן דיריזשאָר־שטעקעלע, און עס הייבט זיך אָן די ווונדערלעכע אוווערטיור צו שאָלעם־אַליכעמס „200.000". אין טאַקט פון דער מוזיק עפנט זיך דער פאָר־האַנג און עס הייבט זיך אָן די ליבע־דערקלערונג פון די צוויי שנײַדער־יונגען — דעם מאַזל־דיקן מאָטל און דעם שלימאַזל קאָפּל — צו ביילקען. אָט לויפט אַרײַן אַ פּאַרטראַגענע טעיע־מעניע (ראָטבאַום אָדער מינקאָווא) און דערציילט, סאַראַ יאַקרעס ס'איז אָפּן מאַרק, און דער־נאָך באַווײַזט זיך דער אומפאַרגעסלעכער מיכאָעלס, — ניין, ניט מיכאָעלס, נאָר זײַן באַשאַ־פענער שעדעוור. זאָל דער לייענער מיר מוחל זײַן, וואָס איך באַנוץ אַזוי אָפט אַזעלכע עפּיטעטן. דאָס זײַנען ניט קיין היפּערבאָלעס. איך האָב אין מעשעך פון מײַן לעבן געזען אַ סאַך אַק־טיאָרן, וועגן פיל פון זיי — בעפּיירעש גוטע שוישפּילער —שרײַב איך דאָ ניט. איך דער־מאָן דאָ נאָר גאָר גרויסע קינסטלער, דערפאַר קומט מיר אויס אָנצוקומען צו דערהויבענע ווערטער, צו אויסרוף־צייכנס. איז אָט, צווישן אַ סאַך אויסגעצייכנטע שאַפונגען איז שימעלע סאָראָקער, ווי פיל אַנדערע ראָלן פון סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטשן, אין די פּיעסן פון די יידישע קלאַסיקער, געווען אַ גראַנדיעזער זיג פון אַ גרויסן קינסטלער.

די, וועלכע עס האָט אָפּגעגליקט צו זען אַמאָל „200.000" מיט מיכאָעלסעס שימעלע, די וועלן געוויס זיך דערמאָנען דעם אומויסשעפּלעכן הומאָר, שטיפערישקײַט, ליריזם און דראַ־מאַטיזם פון דעם דאָזיקן אָרעמען, הונגעריקן, נאָר פריילעכן שנײַדער. ווער קאָן עס פאַרגעסן דאָס דאָזיקע קליינינקע מענטשעלע, דעם שנײַדער בען שנײַדער, דעם אָרעמאַן פון אָרעמע־לײַט, וועלכער טרוימט אויסגעווינען דאָס גרויסע געווינס! ווער קאָן עס פאַרגעסן, וויאַזוי מיכאָעלס — שימעלע, וואָס איז שוין רײַך געוואָרן, מאַכט זײַנע לעפּישע געשעפטן! וויאַזוי ער האָט צו טאָן מיטן אָנגעקראַכמאַלעטן קאָלנער, וואָס קוועטשט אים; ווי ער רעדט עס מיט די גווירים און מיט די „סטאַקראַטן". ווער קאָן דען פאַרגעסן, וויאַזוי אָט דער שטיפער, דער פאָלקס־מענטש, וואָס האָט זיך דערוווּסט, אַז מ'האָט בא אים צוגעגאַנוועט אַלע 200.000, דער־פרייט זיך, וואָס ער איז ווידער אַ שנײַדער, ווידער מיטן פאָלק צוזאַמען. אָף אייביק וועט מיר שטיין פאַר די אויגן דאָס בילד, ווען שימעלע מיט טעיע־מעניען קומען אָפּן באַל צו די גווירים. שימעלע פילט זיך באַ די פײַנס, ווי אָף אַ פרעמדער כאַסענע. נאָר אָט לאַדט דער באַלעבאָס אײַן אַלעמען „צום טיש". אין אַ פּאָלאָנעז־טאַנץ שוועבן די געסט פײַערלעך אַוועק. אָף אַ ווײַלע בלײַבט די בינע פּוסט, דעמלט באַווײַזט זיך שימעלע. ער איז דערשיטערט פון דער רײַכקײַט, וואָס רינגלט אים אַרום. מיכאָעלס זאָגט ניט אַרויס קיין איינציק וואָרט. אָט לאָזט ער זיך אַראָפּ מיטן טראַפּ און באַקוקט מיט באַגײַסטערונג און אינטערעס פײַנס גאַסט־צימער.

ס'איז אוממעגלעך איבערצוגעבן די גאַמע געפילן, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אָף מיכאָעלסעס פּאָנעם — די קינדעריש־פאַרוווּנדערטע אויגן, אַלץ, אַלץ, וואָס לעבט איבער דער אַרטיסט אין דער פּאַוזע, איז אוממעגלעך צו פאַרגעסן, אוממעגלעך צו באַשרײַבן. הײַנט מיכאָעלסעס זינגען! עס זײַנען פאַראַן עטלעכע פּלאַטן, נאָר קיין איינע פון זיי גיט ניט איבער די גראַנדיעזקײַט, די דורכדרינגלעכקײַט פון זײַן געזאַנג. זײַן זינגען האָט מען געדאַרפט ניט נאָר הערן, נאָר אויך זען. זײַנע פינגער האָבן געזונגען, זײַנע אויסשליסלעך־מוזיקאַלע פינגער! עס האָבן גע־זונגען זײַנע אויגן, די ברעמען, די אויערן און דער שטערן, די אונטערשטע ענערגישע ליפּ, אַלע צעלן פון דעם דאָזיקן מענטשן האָבן געזונגען!

אונטערן געהילך פונעם אָרקעסטער פליט מאַמעש פון הימל אַראָפּ אָף זײַן שירעם דער שאַדכן סאָלאָווייטשיק. ער איז ווי אָף שאַרנירן. דאָס איז קוועקזילבער. ער זיצט ניט אָף

קיין אַרט, ער אײַלט ערגעץ. אַט לייגט ער פּאָר סאָראָקערן אַן אויסנעם אַ כאָסן — סאָלאָ־מאָנטשיקן און פאַרשווינדט ווײַטער. די דאָזיקע ניט געוויינלעכע ראָל, דעם דאָזיקן ווירטואָז־באַלעט, האָט באַשאַפן דער קישעפמאַכער בינימין זוסקין. אַלע שרײַפעלעך זײַנען געווען אויסגעשליפן אין דעם דאָזיקן מעכאַניזם. מיט טיפן הומאָר און טעמפּעראַמענט האָבן די ראָל פון עטיע־מעניע אויסגעשפּילט די צוויי אַקטריסעס סאָרע ראָטבאַום און יוסטינע מינקאָווע. גרינג און איידל איז געווען אין דער ראָל פון מאָטלען דער אַרטיסט שטיימאַן. און סאָרע שטיפּערן איז געווען ביילקע אין דער אויספירונג פון די אַקטריסעס ראָם, לעוויטאַס, ראָזינאַ און קאַרטשמער! אַלע אַקטיאָרן האָבן געשאַפן אַ מערקווירדיקן אַנסאַמבל. איך בין פּשוט שלאָף געווען מיט דער שלאַפקייט פון דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל, כ׳האָב געזען אים, אַ גוזמע, ניט ווייניקער פון הונדערט מאָל.

דאָס שײַנדל פון דער שאַפונג פון גאָסעט איז געווען „מאַסאָעס בינימין האַשלישי״. די נעשאָמע פון דעם דאָזיקן געניאַלן ווערק איז געווען מיכאָעלס — בינימין און זוסקין — סענדערל די ייִדענע.

...דאָס איז געווען אַ טריומפאַלער דועט. דאָן־קיכאָט און סאַנטשאָ־פּאַנסאָ.

מיכאָעלס — בינימין — דער שטעטלדיקער פילאָסאָף איז געווען פּונקט ווי אַ פויגל מיט אונטערגעהאַקטע פליגל. אַ פויגל, וואָס האָט געוואָלט זיך אַרויסרײַסן פון דעם שטיקנדיקן שטעטל. מיכאָעלסעס בינימין — דאָס איז ראָמאַנטיק און טרויער, באַגײַסטערונג און פאַרצווייפלונג. בינימין — דאָס איז אַ ניט־פאַרווירקלעכטער טרוים, אַ זיסער קישעפדיקער כאָלעם, וואָס איז ניט געקומען צו שטאַנד.

אָט רײַזן זיי אַרום איבער דער בינע, אַרום זייער טונעיאַדעווקע אונטער דער פּאָלווערישער מוזיק „פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד״... אַ הויכער, אַן אויסגעצויגענער, אין דער דאָזיקער ראָל, זוכט ער, מיכאָעלס, אין דער ווײַט, ער שפּאַנט צוזאַמען מיטן קליינטשקן סענדערל — זוסקינען, וואָס גייט מיט געבויגענע קני, רעדט מיט אַ דין־ווײַבעריש קעלכל. איז פאַרטאָן אין זײַנע ערדישע טראַכטעניש. „לויף ניט אַזוי, בינימין, ס׳וועט גאָרניט טרעפן, אויב מיר וועלן קומען צו די רויטע ייִדעלעך שפּעטער מיט אַ טאָג!״

נאָר בינימין איז אומבאַראַכמאָנעסדיק: „נו, גיכער סענדערל, מיט דער רעכטער פוס!״ מיט וואָס פאַרא הומאָר און ליריזם האָט געוויזט פון דער דאָזיקער לעגענדאַרער פּאָר! טרויעריק האָט זיך געענדיקט די רײַזע. נאָך אַלע מאַטערנישן, וואָס די וואַנדערער זײַנען אויסגעשטאַנען, זײַנען זיי געקומען צוריק צו זיך אין טונעיאַדעווקע. ווי טראַגיש ס׳האָט געקלונגען דער דועט פון די רײַזנדער: „אוי, אַ כאָלעם, גוואַלד, אַ כאָלעם״...

עכט־עסטעטישן גענוס האָב איך שטענדיק געהאַט פון מיכאָעלסן אין דער פאָרשטעלונג „דער לופט־מענטש״. זײַן מענאַכעם־מענדל אין ספּעקטאַקל, ווי אויך אין פילם „ייִדישע גליקן״, האָט דעראָבערט פּאָפּולערקײַט אין דער גאָרער וועלט. דאָס איז געווען דער אַפּאָגיי פון ווירטואָזער מײַסטערשאַפט. שאָלעם־אַלייכעמס קלאַסיש געשטאַלט מענאַכעם־מענדל האָט געהאַט אין זיך פיל עלעמענטן פון טשאַפּלינישן טראַגיזם. אין דער דאָזיקער געשטאַלט האָט סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש זיך דערהויבן צו אופּטריסלענדיקן גראָטעסק.

מיכאָעלס האָט קימאַט אין אַלע זײַנע ראָלן, באַזונדערס אין מענאַכעם־מענדלען, אויסגענוצט אַן אַרטיסטישן גאַנג, וואָס איז געווען אייגנטימלעך בלויז אים. — אין סאַמע אופּברויז פון טעמפּעראַמענט, ווען די סצענע גייט אַף די העכסטע טענער, פלעגט ער פּלוצעם זיך אויסשליסן פונעם געשטאַלט, צוגיין צום סאַמע ראַנד פון דער בינע און פּראָסט און פּשוט זיך ווענדן צום אוילעם ווי צו זײַן גלײַכן. איך קאָן ניט פאַרגעסן, וויאַזוי מיכאָעלס פלעגט באַם סאָף פונעם ספּעקטאַקל, נאָכן קראַך פון אַלע זײַנע אַוואַנטיורעס, צוגיין נאָענט צו די צושויער און שוין ניט ווי מענאַכעם־מענדל, נאָר פּראָסט, ווי מיכאָעלס, אָן שום אינטאָנאַציע, קלוימערשט אויסערן ספּעקטאַקל, זאָגן: „איר קענט ניט מענאַכעם־מענדלען. איר נעמט אים צו קליין...״ און שפּעטער מיט אַ מיזאַנסצענע זאָגט ער זייער דורכדרינגלעך־טראַגיש און זייער אַנטרוילעך, ווי מע רעדט עס צווישן זיך: „איך קנאַק... איך פלי... איך קנאַק...״

גרויס דערפאָלג האָט אין גאָסעט געהאַט דער ספּעקטאַקל „דרײַ פּינטעלעך״ — „דער געט״, „מאַזלטאָוו״ און „באַנאַכט באַם רעבן״. די דאָזיקע „דרײַ פּינטעלעך״ זײַנען ווירקלעך געווען דרײַ פּערל. מיט עכטן טראַגיזם האָט ראָטבאַום געשפּילט סאָרע־כאַנציען. דאָס איז געווען אַ זיג פון אַ גרויסן מײַסטער. מיר דוכט, אַז איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די סצענע פונעם שאַדכן מיט אוראָם־הערשן, וואָס האָט אין סאָף פון דער מיניאַטיור זיך געהאַנגען... ווען שאָלעם שאַדכן באַוויזט זיך און דערזעט דעם פרײַנט זײַנעם אַ געהאַנגענעם, שרײַט ער אויס פון שרעק: „אוראָם־הערשו!״ און שוין אַ טויטער ענטפערט יענער: „פּע, רעב שאָלעם, פּע, אָבער וואָס הייסט פּע...״

פול מיט סאַרקאַזם, מיט שאַרפער סאַטירע איז געווען אָנגעזאַפּט דער מוזיקאַלער איינאַק־טער „באַנאַכט באַם רעבן". דאָס איז געווען אַ פּאַראַדיע־ספּעקטאַקל אַף „האַדיבוק" פון דער „האַבימאַ".

דאָס שייַנדל פון די „דרייַ פינטעלעך" איז געווען „מאַזלטאָוו" מיט מיכאָעלסן אין דער ראָל פון רעב אַלטערן, וואָס איז געוואָרן אַן עמעסער שעדעווער. ווי דער דינסטער יוועליר, האָט ער אויסגעשליפן יעדער באַוועגונג, יעדער קער פון קאָפּ, יעדער געשטעלטן טראָט, דעם אויפן פון הערן און זען; אַפילע דער אויפן פון טרינקען טיי איז געווען צעגלידערט אַף וויר־טואָזע דעטאַלן. נאָר די הויפּט־זאַך אין דעם דאָזיקן מענטשן פון פאָלק איז געווען דער הו־מאָר, סאַרקאַזם. מיט וואָס פאַר אַן איראָניע האָט גערעדט דער שטעטלדיקער האַסקאָלע־מענטש, וואָס האָט זיך געשאַדכנט צו דער דינסט ביילע, וועגן די ציִעניסטן. מיט וואָס פאַר אַ פּראָטעסט נעמט ער זיך אַמפּערן מיט דער מאַדאַם, פאַרטיידיקנדיק די ווירדע פון די „מענטשן".

אין יענער צייַט, געדענק איך, האָבן אייניקע אַרטיסטן געהאַלטן, אַז מיכאָעלס שפּילט אין אַלע ראָלן זיך אַליין. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען ניט עמעס. האַצמאַך און רעב אַלטער, שימעלע און בינִיאָמין, דער טויבער און מענאַכעם־מענדל זייַנען דען ניט קיין גאַ־לעריי פון די פאַרשיידנסטע גרויסע געשטאַלטן?! אַוודע איז מיכאָעלס דער פילאָסאָף בייַ־געווען אין אַלע זייַנע באַשאַפונגען. געוויס איז דאָס געווען מיכאָעלס — שימעלע, מיכאָ־עלס — בינִיאָמין, מיכאָעלס — מענאַכעם־מענדל, נאָר אין דער זעלבער צייַט איז דאָס געווען די גרעסטע הייך פון אַקטיאָרישער פאַרוואַנדלונג.

גאָר פון אַן אַנדער פּאָליוס איז געגאַנגען צו זייַן שאַפן זוסקין. ער איז געווען אַ קישעף־מאַכער פון פאַרוואַנדלונגען. ער פלעגט באַשאַפן אַ געשטאַלט, אין וועלכן ער האָט קיין שפּעלטיקל אַפילע ניט געלאָזט פאַר זוסקינען. ס'איז אים ניט געווען צו דערקענען פון איין ראָל צו דער צווייטער. ער האָט געשעפּט פון די פאָלקס־קוואַלן, פון דעם, וואָס ער האָט באַ־געגנט אין לעבן, און געקלעפּט שאַרפע אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן.

בינִיאָמין זוסקין איז געווען אַ גרויסער האַרעפּאַשניק. מי, טאָגטעגלעכע מי איז געווען דער וועג צו זייַנע דערפאָלגן. יעדער קליינינקע דעטאַל האָט זוסקין באַאַרבעט, געשליפן ביז ווירטואָזקייַט.

מיכאָעלס און זוסקין זייַנען געווען דאָס האַרץ און די נעשאָמע, די פאָן פונעם טעאַטער. צוזאַמען מיט זיי האָט זיך געמיט אַ וווּנדערלעכער קאָלעקטיוו פון אַרטיסטן, צווישן וועלכע עס זייַנען געווען גרויסע מייַסטערס. אין דער ליטעראַטור וועגן גאָסעט גייט דורך איינע אַ פאַלשע ווערסיע, אַז דער גאָסעט איז געווען אַ טעאַטער פון צוויי אַקטיאָרן. דאָס איז ניט ריכטיק! דאָס פאַרפירט די, וועלכע זייַנען ניט געווען באַקענט מיטן גאָסעט־אַנסאַמבל. די שאַפונגען פונעם גאָסעט זייַנען, פאַרקערט, באַרימט געוואָרן מיט זייער אַנסאַמבל־שפּיל. די וווּנדערלעכע ספּעקטאַקלען פון דעם דאָזיקן טעאַטער האָבן זיך אונטערשיידט פון די בױרזשע־וואַליוציאָנערע יידישע טעאַטערן דערמיט, וואָס דאָס זייַנען געווען ספּעקטאַקלען ניט פון קיין גאַסטראָליאָרן, נאָר דאָס זייַנען געווען קאָלעקטיווע ווערק. ווי קאָן מען עס פאַרגעסן אַזאַ אַרטיסט, ווי שידלאָ, וואָס האָט באַשאַפן פיל דראַמאַטישע ראָלן, צי דעם קאָמעדיע־אַרטיסט כּאַזאַקן? אינעם רעפּערטואַר פונעם גאָסעט האָבן זיך אַנטפּלעקט די טאַלאַנטן פון אַזעלכע אַרטיסטן, ווי גערטנער, שטיימאַן, ראַטבאַום, מינקאָווא, ראָם און אַ סאַך, אַ סאַך אַנדערע.

ניט פון איינע שעדעוורען איז באַשטאַנען דער רעפּערטואַר פון גאָסעט. אין די דרייַסיקער יאָרן, ווען איך בין געקומען קיין מאָסקווע, האָט דער טעאַטער איבערגעלעבט אַ שווערן קריזיס. מע האָט ניט געקאָנט עקזיסטירן בלויז אַף די ווערק, וואָס האָבן אָפּגעלייקנט דאָס אַלטע, די פאַרגאַנגענהייַט. אַ טעאַטער קאָן עקזיסטירן, ווען ער באַזירט זיך אַף היינטצייַטיקער טעמאַטיק. די דאָזיקע פּראָבלעם איז געשטאַנען ניט נאָר פאַרן גאָסעט. אָבער אין יענע יאָרן האָבן שוין די שכיינעסדיקע טעאַטערן געזאָגט זייער נייַ וואָרט וועגן דער הייַנטצייַטיקייַט. אין קינעמאַטאָגראַף האָט שוין דורכגעקלונגען „די פּאַנצערשיף „פּאָטיאָמקין"", אין מכאַט „פּאַנ־צערצוג 69־14", „די קוואַדראַטור פון קרייַז", אין וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער „וויריניייאַ". עס זייַ־נען שוין באַוויזן געוואָרן ספּעקטאַקלען, געווידמעטע דער רעוואָליוציע און דעם אויפקום פון דער ראַטנמאַכט, וועלכע עס האָט געשטעלט ליובימאָוו־לאַנסקי אין טעאַטער פון מגספּס, — „טשאַפּייַעוו", „שטאָרם", „צעשמעטערונג"...

דעמלט איז שוין באַוווּסט געווען וועגן גרויסן טאַלאַנטפולן סאָוועטישן רעזשיסער אַלעק־

סאנדער דמיטריִעוויטש פּאָפּאָוו, וואָס האָט געשטעלט אין רעוואָליוציע־טעאַטער „די פּאָעמע וועגן דער האַק" און „מײַן פּריִנט" לויט פּאָגאָדינען.

דאָס לעבן האָט געפאָדערט אויך באַם גאָסעט נײַע הײַנטצײַטיקע פּיעסן. גראַנאָווסקי, וואָס האָט צו יענער צײַט פאַרלאָזט דעם טעאַטער, האָט קיין רעזשיסערן ניט דערצויגן. דער נײַער קינסטלערישער אָנפירער סאָלאָמאָן מיכאָעלס ... ניט פאַרמאָגט קיין שום רעזשיסערישע דערפאַרונג. צוהילף זײַנען געקומען אײַנגעלאַדענע רעזשיסערן: פּיאָדאָר ניקאָלײַעוויטש קאווערין, וואָס האָט געשטעלט זייער א שוואַכע פּיעסע „דער געריכט גייט", און סערגיי ערנעסטאָוויטש ראַדלאָוו, וואָס האָט געשטעלט בערגעלסאָנס „דער טויבער". דאָס אויסגעצייכנטע ווערק פונעם גרויסן שרײַבער און די אַרײַנגעלייגטע מי פונעם קאָלעקטיוו און רעזשיסער האָבן געבראַכט צו א דערפאָלגרײַכן רעזולטאַט. דאָס מאָל האָט גאָר אַף אַן אַנדער אופן דורכגעקלונגען מיכאָעלס אין דער ראָל פונעם טויבן. דאָס איז געווען א גרויסע טראַגישע, סאָציִאַל־אָנגעזעטיקטע געשטאַלט. אין דעם געלונגענעם ספּעקטאַקל (און דאָס איז געווען דער ערשטער הײַנטצײַטיקער ספּעקטאַקל) האָט ווונדערלעך געשפּילט זוסקין די ראָל פון יאַסעלע באַבציס, ראָטבאַום — עסטער, כאַזאַק — ביקן. אָבער דער דאָזיקער אייגציקער ספּעקטאַקל האָט ניט געראַטעוועט די שווערע לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען דער טעאַטער. די גרעסטע צאָל אַקטיאָרן, וואָס זײַנען דערצויגן געוואָרן אַף ראָלן פון שטעטלדיקע ייִדן, זײַנען ניט געווען צוגעגרייט אַף צו באַווײַזן אַף דער בינע זייערע מיטצײַטלער, העלדן, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אַלע פעלקער געקעמפט פאַר דער רעוואָליוציע און געבויט די ערשטע סאָציִאַליסטישע געזעלשאַפט אין דער וועלט.

די שול, וואָס דער טעאַטער־קאָלעקטיוו האָט דורכגעמאַכט, באַשאַפנדיק „די קישעפמאַכערן", „200.000", „מאַסאָעס בּיניאָמין האשלישי", האָט ניט געקאָנט ווערן דער פונדאַמענט פאַר די נײַע אויפגאַבן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַרן טעאַטער.

אין גאָסעט האָבן די אַקטיאָרן זיך גוט באַוועגט, גוט געזונגען, דײַטלעך גערעדט, נאָר דאָס אַלץ איז צונישט געגאַנגען, ווי נאָר זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אַף דער פּראָבלעם פון שאַפן אַף דער בינע א לעבעדיק, הײַנטצײַטיק געשטאַלט. דער נײַער אינהאַלט האָט געפאָדערט א נײַעם שעפערישן מעטאָד.

דער ערשטער רעזשיסערישער פּרווו פון מיכאָעלסן האָט געליטן אַן ערנסטן און פּרינציפּיעלן דורכפאַל. ס'איז דורכגעפאַלן מיכאָעלס אַלס רעזשיסער און מיכאָעלס אַלס אַקטיאָר. דעם אָנפאַנגער רעזשיסער האָט ניט געקלעקט קיין קויעך צו העלפן דעם גרויסן אַקטיאָר. מ'האָט ניט געקאָנט מיטן זעלבן מעטאָד, וואָס איז געמאַכט געוואָרן „דאָס גרויסע געווינס", מאַכן א ספּעקטאַקל וועגן דער הײַנטצײַטיקער געזעלשאַפט, וועגן א סאָוועטישן ספּעציִאַליסט. די פּיעסע, וועגן וועלכער עס גייט א רייד, האָט געהייסן „דער ספּעץ". מיר, די סטודענטן פון טעאַטער־שול, זײַנען צו יענער צײַט שוין דורכגעגאַנגען פּראַקטיק אין די מאַסן־סצענעס פונעם טעאַטער. איך בין געווען אַן איידעס און אַן אָנטיילנעמער פון די דאָזיקע ווײַפּולע רעפּעטיציעס. איך געדענק, ווי סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש האָט א פאַרלוירענער געהייסן אונדז אין באַשטימטע ערטער אופהייבן די הענט, ריטמיש פאַרבייגן די קעפּ. איך געדענק, ווי רעפּעטירנדיק די ראָל פונעם ספּעץ, האָט מיכאָעלס ריטמיש אויסגעשטעלט זײַנע מאָנאָלאָגן, אָבער דאָס אַלץ איז געווען פאָרמעל, פאָרמעלן... דאָס זײַנען געווען באַקענטע זשעסטן פון בּיניאָמינען. דאָס איז געווען א שווערער פּעריִאָד אין לעבן און אין שאַפן פון דעם דאָזיקן גרויסן טאַלאַנט.

קיין גרויסן דערפאָלג האָט אויך ניט געבראַכט מיכאָעלסן די ראָל פונעם רעוואָליוציִאָנער יוליס. אָבער דער דאָזיקער שווערער און ווײַפּולער פּעריִאָד, וואָס איז פול געווען מיט צווייפל און פאַרצווייפלונג, מיט זוכענישן און דערפינדערישקײַט, האָט סאָפּקאָלסאָף געבראַכט צו נײַע גרויסע זיגן — רעזשיסערישע און אַקטיאָרישע. סאָפּקאָלסאָף איז געקומען א צײַט, ווען אַף די רעפּעטיציעס זײַנען געזעסן די אָנגעזעענסטע רעזשיסערן און דערלערנט מיכאָעלסעס שעפערישן מעטאָד. ס'איז געקומען די צײַט פון „אָוואָדיס", „טעוויע דער מילכיקער", „בלאָנדזנדע שטערן", „פריילעכס", „וועלדער רוישן" און דער וועלט־באַרימטער „קיניג ליר".

פאַרשטייט זיך, אַז דעמלט, אין די דרײַסיקער יאָרן, האָב איך דאָס ניט פאַרשטאַנען. איך פאַרשטיי דאָס איצט, ווען איך קער זיך שוין אום צוריק פון דעם גרויסן טעאַטראַלן יאַריד, ווען איך נעם שוין אונטערפירן א כעזשבן. דאָס זאָג איך איצט, ווען איך האָב א פערטל יאָר־הונדערט אָפּגעאַרבעט מיט די אויסגעצייכנטע מײַסטערס פון דער רוסישער רעאַליסטישער שול, איצט, ווען איך הייב אָן, ווי מיר דאַכט, עפּעס צו פאַרשטיין אין אונדזער זאַך. דעמלט האָב איך עס ניט פאַרשטאַנען און מיט גרויס פלײַס אויסגעפּילט אַלץ, וואָס אונדז האָט דיק־

טירט דאָס רעזשיסערישע געמעל. אונדזערע סטודענטן האָבן אָנטיילגענומען אין די מאַסן־סצענעס פונעם ספעקטאַקל „דער טויבער", מיר האָבן אין ריטם פון דער מוזיק געטאַסקעט זעק מיט מעל באַ ביקן אַף דער מיל. אין „יוליס" האָב איך צום ערשטן מאָל באַקומען אַ ראָל פון איין פראַזע: „ס'איז ניט אונדזער זאַך..." דאָס זײַנען געווען די ערשטע ווערטער, וועלכע איך האָב אַרויסגעבראַכט אַף דער בינע. איך און מײַנע כאַווערים האָבן געשפּילט קריגסגעפאַנגענע. איך האָב אויסגעזען זייער יונג. אָך, ווי איך בין מעקאַנע געווען מײַנע כאַווערים, וועלכע האָבן אויסגעזען עלטער פון מיר. כ'האָב צעפּאַסעוועט דאָס פּאַנעם מיט קאַלערליי קנייטשן, נאָר קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. דערזעענדיק מיך אין „גרים", האָט מיכאָעלס מיר געזאָגט: „וואָס איז עס באַ דיר פאַר אַן אײַזנבאַן־ליניע אָפן פּאָנעם, יאָסעלע?" — „איך זע אויס צו יונג", — האָב איך געענטפערט. „ס'מאַכט ניט אויס, — האָט ער געענטפערט, — מיט דער צײַט וועט עס איבערגיין".

די פראַזע מײַנע האָב איך געכאַזערט גאַנצע טעג. אָף פאַרשיידענע אויפאַנים האָב איך אויסגעשריגן די דאַזיקע ווערטער, באַפאַרבנדיק זיי מיט קאַלערליי מוזיקאַלע אינטאָנאַציעס, און ווען ס'איז געקומען דער טאָג פונעם ספעקטאַקל, און איך האָב אַן אופגערעגטער אַרויסגעבראַכט מײַן פראַזע, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מער טאַלאַנטלאָז דאָס טאָן, ווי איך האָב דאָס געטאָן, איז שוין ניט מעגלעך. יעדער מאָל, ווען כ'האָב געזאָגט די דאַזיקע פראַזע, האָב איך באַלד אָפן אָרט זיך אַליין געגעבן די שטרענגסטע אָפּשאַצונג. אין יענער צײַט, אָפן צווייטן קורס, האָט מען אונדז אָפּט אײַנגעלאַדן אָנטיילנעמען אין די מאַסן־סצענעס פונעם אָפּערע־טעאַטער אָפן נאָמען פון סטאַניסלאַווסקין און נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ. מיר זײַנען געגאַנגען אַהין צוליב מאַטעריעלע נויטן. מ'האָט אונדז געצאָלט 33 קאָפּעקעס פאַר יעדער אָוונט. אינעם סאָף פונעם צווייטן אַקט פון „באָריס גאָדונאָוו" האָבן מיר, באָיאַרן, געדאַרפט פאַרבײַגיין אין דער טיף פון דער בינע און אַרײַנקוקן אין אַ קליין פענצטערל. מ'האָט אונדז גרימירט, אָנגעקלעפּט לאַנגע בערד, פּאַריקן, אָנגעטאָן אונטערשט גרעט, באָיאַרישע מאַלבושים, גראַנדיעזע פוטערס און הויכע מיצן. לאַנג פלעגן מיר וואַרטן אַף אונדזער אופטריט. סאָפּקאָלסאָף האָט דער פאַרוואַלטער פון דער טרופּע, וועלכער איז אין דער שערענגע פון די באָיאַרעס געגאַנגען דער ערשטער, אונדז אַרויסגעפירט, געגעבן אַ סיגנאַל. מיר האָבן זיך געערגערט, באַגאָסן געוואָרן מיט שוויס. אַלעמאָל, ווען איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטערל, האָט דער פאַרהאַנג שוין באַוויזן זיך פאַרמאַכן. אָף מײַן פראַגע, צוליב וואָס מע לאָזט אונדז אײַן, האָט דער פאַרוואַלטער פון דער טרופּע מיר געענטפערט: „דאָס איז אָפן פאַל, אויב דער פאַרהאַנג וועט זיך פאַרמאַכן מיט אַ פאַרשפּעטיקונג".

אין דעם דאַזיקן טעאַטער האָב איך צום ערשטן מאָל זיך באַקענט מיט דער אָפּערע־קונסט. אָן אַ שיר מאָל האָב איך געהערט די אָפּערעס „יעווגעני אָניעגין" און „באָריס גאָדונאָוו", וועלכע ס'האָט געשטעלט סטאַניסלאַווסקי.

איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זען די גרעסטע אַקטיאָרן אין זייערע קרוין־ראָלן, און ניט נאָר אין די ספעקטאַקלען פון זייערע טעאַטערן. אין יענע יאָרן פלעגן אַלע מאָנטיק אין דער געבײַדע פונעם פיליאַל פונעם גרויסן טעאַטער (ווו עס געפינט זיך איצט די אָפּערעטע) געשטעלט ווערן ספעקטאַקלען מיטן אָנטייל פון די בעסטע אַקטיאָרן פון פאַרשיידענע טעאַטערן. מיר האָט אָפּגעגליקט איינמאָל צו בײַזײַן אַף אַזאַ ספעקטאַקל, אַף גאָגאָלס „רעוויזאָר", אין וועלכן ס'האָבן געשפּילט אַזעלכע קאָריפייען, ווי סטעפּאַן קוזנעצאָוו, מאָסקווין, קלימאָוו, טאַרכאַנאָוו, לעאָנידאָוו און מיכאָעלס. סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש האָט געשפּילט די ראָל פונעם דינער מישקע. ביז איצט שטייט מיר פאַר די אויגן אָט דער ניט געוויינלעכער מישקע. מיכאָעלס איז געווען אין אַ לאַנג העמד. אין די אויגן האָט זיך געוואָרפן זײַן הויכער פילאָסאָפישער שטערן. מיט זײַנע געוויינלעכע זשעסטן פון מענאַכעם־מענדלען האָט ער אַרויסגעבראַכט: „באָרשטש אי קאַשאַ"... דער צושויער־זאַל האָט זיך געוויגט פון געלעכטער און אַפּלאָדיסמענטן. סטעפּאַן קוזנעצאָוו האָט איבערגעריסן דעם ספעקטאַקל, זיך אַנידערגעזעצט אין זײַן שטול, און לויט זײַנע אַקסל איז געווען צו זען, אַז ער שטיקט זיך פון געלעכטער.

מײַנע באַליבטע אַקטיאָרן האָב איך געהערט אַף אָפּט אַף אַלגעמיינע קאָנצערטן. אין קאָלאָנען־זאַל פון די פאַריינען פלעגן פאָרקומען באַטאָגיקע זונטיקדיקע קאָנצערטן מיטן אָנטייל פון קאַטשאַלאָוו, לעאָנידאָוו, טאַרכאַנאָוו, מאָסקווינען. איינמאָל, געדענק איך, איז אַף אַזאַ קאָנצערט אַרויסגעגאַנגען אַף דער בינע מאָסקווין, זיך אַנידערגעזעצט אַף אַ בענקל, אָנגעטאָן די ברילן און... איבערגעלייענט פונעם ביכל שאָלעם־אַלייכעמס „מעסערל".

עס פלעגן אַרויסטרעטן די ווירטואָזן פון דער עסטראַדע — סמירנאָוו־סאָקאָלסקי, כענקין, טאַמאַראַ צערעטעלי, וולאַדימיר יאַכאָנטאָוו. דער דאַזיקער געוועזענער אַרטיסט פונעם מייערכאָלד־טעאַטער איז געווען דער גרונטלייגער פונעם ליטעראַרישן טעאַטער. צוזאַמען מיטן

רעזשיסער און פעדאַגאָג לעאָקאַדיאַ יעפּימאָוונאַ פּאַפּאָוואַ זײַנען געשאַפן געוואָרן זעלטענע טעאַטראַל־ליטעראַרישע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס. דאָ האָט געהערשט ניט נאָר דאָס קינסטלערישע וואָרט, נאָר אויך דער רעקוויזיט, דער קאָסטיום, די אויספֿורעמונג און די שאַרף־אויסגעדריקטע מיזאַנסצענע. איך האָב דעמלט געטרוימט וועגן אַזעלכע פּראָגראַמעס, וועגן טעאַטער פֿון איין אַקטיאָר... בלויז אין 35 יאָר אַרום איז מיר געלונגען פֿאַרווירקלעכן אָט דעם טרוים.

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב ניט קיין מעגלעכקייט אויסדערציילן וועגן אַלע טעאַטערן און אַקטיאָרן, וועלכע האָבן מיך פֿאַרכאַפּט יעדערער אויף זײַן אופֿן, באַ וועלכע איך האָב עפּעס געלערנט, נאָר איך קאָן ניט פֿאַרבײַגיין אין מײַנע זיכרוינעס וועגן יענע יאָרן דעם גרויסן אַקטיאָר, דעם ליבלינג לעאָניד אָסיפּאָוויטש אוטיאָסאָוו.

אויפֿן טריומפֿאַל־פּלאַץ, באַנאַנד מיטן מײערכאָלד־טעאַטער, האָט זיך געפֿונען דער מאָסקווער מיוזיק־האָל. דאָ זײַנען געשטעלט געוואָרן גרויסע פֿאָרשטעלונגען — ספּעקטאַקלען, וועלכע האָבן אײַנגעשלאָסן אין זיך אַלע זשאַנרען, — דראַמע, אָפּערעטע, עסטראַדע און אַפֿילע צירק. אַזעלכע ספּעקטאַקלען, ווי „די 14־טע דיוויזיע איז אין גאַנײדן אַוועק“, האָבן געשאַפֿן רום דעם אָריגינעלן טעאַטער. אין דעם דאָזיקן מיוזיק־האָל האָב איך צום ערשטן מאָל געזען דעם פּאָפּולערן אַרטיסט אוטיאָסאָוון: ער האָט געשפּילט אין ספּעקטאַקל „די מוזיקאַלע קראַם“. דאָס איז אויך געווען אַ מין טעאַטער פֿון איין אַקטיאָר. זײַן אײנציקער פּאַרטניאָר איז געווען אַ גראַנדיעזער, פֿאַר יענער צײַט, דזשאַז־אָרקעסטער, וועגן וועלכן אַלעקסאַנדראָוו האָט באַשאַפֿן זײַן באַרימטן פֿילם „פֿריילעכע יאַטן“.

אינעם ספּעקטאַקל „די מוזיקאַלע קראַם“ האָט לעאָניד אָסיפּאָוויטש אויסגעפֿילט אַלע ראָלן, דעמאָנסטרירנדיק דערבײַ אַ ווירטואָזע פֿײַנקײַט פֿון פֿאַרוואַנדלונג. ער האָט געשפּילט קימאַט אויף אַלע אינסטרומענטן, אויסגעצייכנט געזונגען מיט זײַן אוטיאָסאָווישן טעמבער, גראַציעז געטאַנצט און דאָס אַלץ האָט ער ניט נאָר אויסגעשפּילט, נאָר אויך אַליין געשטעלט.

אַלע מאָל, ווען אוטיאָסאָוו האָט זיך באַוויזן, איז ניט מעגלעך געווען אים צו דערקענען. אָט שטייט ער פֿאַר מיר, ווי אַ פֿאַרקויפֿער פֿון דער מוזיקאַלער קראַם. מיט גרויס ליבע שמוּעסט ער מיט די אינסטרומענטן, ווי מיט לעבעדיקע באַשעפֿענישן. אַ ביסעלע פֿוילבלעך און פֿאַרשלאָפֿן בלאָנדזשעט ער איבער זײַן קראָם. און אָט באַווײַזט זיך אין מאַגאַזין אַן אויסלענדער אַ דיריזשאָר. און ווידער איז אוממעגלעך צו דערקענען אוטיאָסאָוון אין דעם פּיפּיקן פֿאַרשוין. און אָט קומט אַרײַן אַן אַלטיטשקער פֿויער מיט זײַן פֿערדל... אוּמפֿאַרגעסלעך איז אין דעם ספּעקטאַקל געווען דאָס געזעגענונגס־לידעלע „אַדיע, אַדיע“.

איר האָט פֿאַרלאָזט דעם טעאַטער, און דורך דער ראַדיאָ האָט אײַך באַגלייט דער מאָטיוו פֿון דער געזעגענונגס־ליד. אַלע צושויער זײַנען דאַנקבאַר געווען דעם באַליבטן אַרטיסט פֿאַר דעם יאָם כּיין, פֿאַר זײַן גרויסן טאַלאַנט פֿון אַ מוזיקאַנט, פֿאַר זײַן אויסערגעווײנלעכער מענטשלעכער גוטסקײַט.

דאָס גאַנצע לעבן מײַנס האָב איך ליב געהאַט דעם דאָזיקן קינסטלער. שטענדיק רירט מיך טיף זײַן שאַפֿן און זײַן ליבע צו קאָלעגן־אַרטיסטן. איך גרויס זיך דערמיט, וואָס דער דאָזיקער באַרימטער קינסטלער האָלט פֿון מיר אַלס אַקטיאָר און באַזוכט שטענדיק מײַנע עסטראַדע־פּראָגראַמעס. זײַנע צוויי רעצענזיעס — „קאָלין — אַקאָסטאַ — טעוויע“ און „ווידער וועגן קאָלינען“ היט איך, ווי אַ טײַערע מאַטאָנע פֿון דעם גרויסן מײַסטער.

אין יענער צײַט בין איך ווי קראַנק געוואָרן מיט דער טעאַטראַל־מוזיקאַלער פֿאָרשטעלונג. אין כאָלעם האָב איך זיך געזען אין די ראָלן, וואָס אוטיאָסאָוו האָט באַוויזן. כ׳האָב געזונגען זײַנע לידער. זיך דורכשמוגלען אויף זײַנעם אַ ספּעקטאַקל איז געווען אוממעגלעך, נאָר מיר האָט מיט העראָישע מיטלען זיך אײַנגעגעבן צו בײַזײַן אויף דער דאָזיקער פּראָגראַם 32 מאָל!

אין שול האָבן די סטודענטן מיך אַלע מאָל געבעטן באַווײַזן „אוטיאָסאָוון“, און איך האָב עס מיט פֿאַרגעניגן געטאָן. מײַנע אימיטאַציעס זײַנען געווען געלונגענע. ווי נאָר עס פֿלעגט קומען אונדזער קאָנצערטמייסטער אַלעקסאַנדער ניקאָלײַעוויטש בודייסקי, פֿלעגט ער גלײַך אָנהייבן שפּילן אוטיאָסאָווס מעלאָדיעס, דערבײַ האָט ער געשריגן: „יאָסעלע, דערלאַנג אוטיאָסאָוון“. און „יאָסעלע“ האָט אָנגעהויבן זינגען מיט אַ הייזעריקלעכן טעמבער: „ווו כ׳זאָל ניט וואָגלען“... און אײנמאָל האָבן מיר אָרגאַניזירט אין שול אַ קאַפּוסטניק און איך האָב געפֿירט די פּראָגראַם „לויט אוטיאָסאָוון“.

דאָס צווייטע לערניאָר פֿון אונדזער טעאַטער־שול האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ רײַזע קיין בירָאָבידזשאַן, וווּהין מיר האָבן געפֿירט אַ גרויסע פּראָגראַם. דעמלט איז בירָאָבידזשאַן נאָך

געווען אַ ייִדישער ראַיאָן. מיט גרויס אומרו האָבן מיר זיך געגרייט צו אונדזער ערשטער „גאַסטראָל"־רײַזע. די פּראָגראַם איז געווען אַ גרויסע און אַ פֿאַרשיידנאַרטיקע: אַ קאָמעדיע אין איין אַקט „העגנט", וועלכע מיכאָעלס אַליין האָט געשטעלט; „זריע" — אין דער שטעלונג פֿון לויטערן. אַ ליטעראַריש־מוזיקאַלע קאָמפּאָזיציע פֿון כאַריקס פּאָעמע „מינסקער בלאָטעס" האָט מיט אונדז צוגעגרייט דער מײַסטער פֿונעם קינסטלערישן וואָרט עפּראָס. יעלענע רודאָלפֿאָוונע מינעס האָט אָוועקגעשטעלט מיט אונדז צוויי אויסגעצייכנטע טענץ.

לאַנג און אײַנגעשפּאַרט האָבן מיר געגרייט די דאָזיקע פּראָגראַם. מיר זײַנען אַלע געווען פֿאַרנומען אין די פֿאַרשיידנסטע זשאַנרען — אין די ספּעקטאַקלען, אין די קינסטלערישע פֿאָרלעזונגען, אין די טענץ. מיר האָבן זיך געמיט ביזן זיבעטן שווייס, נאָר דערפֿאַר זײַנען מיר באַלוינט געוואָרן — ביראָבידזשאַן האָט אונדז באַגעגנט פּראַכטפֿול.

פֿערצן מעסלעס זײַנען מיר געפֿאָרן מיטן צוג. דאָס איז געווען אַ לאַנגער, אָבער אַן אומפֿאַרגעסלעכער וועג. מיר האָבן זיך גאָר ניט געקאָנט אָפּרײַסן פֿון די וואַגאָן־פֿענצטער. מיר זײַנען צום ערשטן מאָל פֿאַרבײַגעפֿאָרן ערטער, וועגן וועלכע מיר האָבן געלערנט אויף די לימודים פֿון געאָגראַפֿיע, וועגן וועלכע מיר האָבן געלייענט באַשרײַבונגען פֿון רײַזנדער. אוראַל, סיביר, טראַנסבײַקאַל, ווײַטער מיזרעך! ווען האָט אַ זשיטאָמירער ייִנגל געקאָנט טרוימען צו זען די דאָזיקע ווײַטע, פּראַכטפֿולע ערטער, די פֿאַנטאַסטישע נאַטור? און ווען מיר האָבן זיך דערנעענטערט צום בײַקאַל, זײַנען מיר ניט געשלאָפֿן די גאַנצע נאַכט, זיך ניט געקאָנט אָפּרײַסן פֿון דער דאָזיקער פּראַכט. דער צוג האָט זיך אַזוי געיאָגט אויפֿן ראַנד פֿון דער דאָזיקער אָזערע, אַז אונדז האָט פֿון אָנפֿאַנג זיך געדאַכט, אַז מיר יאָגן צום אָפּגרונט. צוזאַמען מיט אונדז זײַנען געפֿאָרן קיין ביראָבידזשאַן איבערוואַנדערער פֿון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד. עטלעכע וואַגאָנען זײַנען פֿול געווען מיט איבערוואַנדערער פֿון אויסלאַנד — פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. דאָס זײַנען געווען ענטוזיאַסטן, זיי האָבן מיט זייערע אייגענע הענט געוואָלט זײַן די ערשטע בויער פֿון ביראָבידזשאַן. די דאָזיקע אויסגעצייכנטע מענטשן, די פּיאָנערן, די גרויסע אָפּטימיסטן זײַנען געפֿאָרן אָפּגעבן זייערע קויכעס, זייער וויסן דער ערשטער אין דער וועלט סאָציאַליסטישער אויטאָנאָמער ייִדישער געגנט. דאָס זײַנען געווען עכטע טרוימער. אונדזער גרופּע האָט אויך געפֿילט, אַז זי פֿילט אויס אַ היסטאָרישע מיסיע. מיר זײַנען געווען די ערשטע טעאַטראַלע גרופּע, די ערשטע מענטשן פֿון קונסט, וואָס האָבן געזאָגט דאָס ערשטע סצענישע וואָרט אין דער דאָזיקער ווײַטער טײַגע. דאָס אַלץ האָט געשאַפֿן אַ פֿײַערלעכע אַטמאָספֿער. ווי נאָר מיר זײַנען אָפּגעפֿאָרן פֿון מאָסקווע, האָט דער גאַנצער עשעלאָן זיך דערוווּסט, אַז עס פֿאָרן קיין ביראָבידזשאַן „אַרטיסטן".

אַלע האָבן זיך צו אונדז באַצויגן מיט עפּעס אַ באַזונדערער גוטסקײַט. אין עשעלאָן זײַנען געפֿאָרן אויסגעצייכנטע אינזשעניערן פֿון דײַטשלאַנד, באַוווּסטע דאָקטוירים פֿון אַרגענטינע, און קיינער פֿון זיי האָט ניט אַרויסגערופֿן צו זיך אַזאַ אינטערעס, ווי מיר, אַ גרופּע מיידלעך און באָכערים, נאָך סטודענטן — אָבער „אַרטיסטן". סאַראַ צויבער־וואָרט עס איז „אַרטיסט"! אַלע האָבן אונדז אײַנגעלאַדן צו זיך אין די קופּע, מעכאַבעד געווען. מע איז געקומען צו אונדז זיך באַקענען, אײַנגעכאַזערט מיט אונדז אויסלענדישע ווערטער און לידעלעך. אין די וואַגאָנען האָט מען די גאַנצע צײַט געזונגען לידער אויף רוסיש, ייִדיש, דײַטש, שפּאַניש און איטאַליעניש.

די פֿערצן אומפֿאַרגעסלעכע טעג האָבן זיך פֿאַרענדיקט. שפּעט באַנאַכט זײַנען מיר אָנגעקומען קיין ביראָבידזשאַן, אויף דער סטאַנציע טיכאָנקאַיאַ. אַ פֿינצטער פֿאַרוואָרפֿענע סטאַנציע. איצט איז די הויפּטשטאָט פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אַ גרויסע אינדוסטריעלע שטאָט. אײַך באַגעגנט אַ ליכטיקער הײַנטצײַטיקער וואָקזאַל, ברייטע פּראָספּעקטן, שיינע גאַסן, אַ הויכער קאָמפֿאָרטאַבעלער האָטעל. דעמאָלט, אין 1932, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די בויונג פֿון דער געגנט. דעמאָלט איז געווען ענטוזיאַזם און גרויסע הילף מיצד דער פּאַרטיי און דער רעגירונג. אַזוי, אַז אויב מע זאָל ניט רעכענען די עטלעכע סקעפּטישע רעפּליקעס, ווי צום בײַשפּיל: „אָט דאָס איז עס?", איז די שטימונג בײַ אַלעמען געווען אַ דערהויבענע. דאָס געוויין פֿון פֿאַרשלאָפֿענע קינדער האָט זיך איבערגעמישט מיט דעם אומדערמידלעכן געזאַנג פֿון די איבערוואַנדערער פֿון אַרגענטינע.

אַ גרופּע יוגנטלעכע האָט געזונגען „די ליד וועגן ווײַטן מיזרעך".

דעם עשעלאָן איז געקומען באַגעגענען אַן אָפֿיציעלע גרופּע כאַווייִרים פֿון ראַיקאָם פֿון דער פּאַרטיי און פֿון ראַיויספּירקאָם. אויף דער סטאַנציע טיכאָנקאַיאַ זײַנען געקומען ביראָבידזשאַנער באַגעגענען זייערע זעמליאַקעס. עס זײַנען געקומען פֿאַרשטייער פֿונעם איבערוואַנדערונגס־פּונקט אויף אײַנצואָרדענען די געסט מיט וווין־פּלעצער. און אַרום איז פֿינצטער, אַ בלאָטע — אַ סליאָטע. דעמאָלט, אין יענער נאַכט, האָב איך ניט געקאָנט וויסן, אַז אָט דאָ, אין

יויסעף קאַלין אף דער בינע



אין דער ראָל פונעם אומבאוווסטן אין ספעק־
טאקל „מאריא טיודאָר". טעאטער אפן נאָמען
פון א. ס. פושקין.

האָצמאך. אין ספעקטאקל „די קישעפמאכערן". גאָסעט

ליסטאָפאד. אין ספעקטאקל „וועלדער רוישן".
גאָסעט.



קאָלין (פון רעכטס) אין ספעקטאקל „דזשים דער
סאָלדאט". טעאטער אפן נאָמען פון א. ס. פושקין.

בירָאָבידזשאַן, וועלן פאַרבײַגיין מײַנע בעסטע יאָרן פון לעבן; דעמלט, אין דער ניט גע־וויינלעכער נאַכט, האָב איך ניט געקאָנט זיך פאַרשטעלן, אַז דאָ, אַף דער ווײַטער סטאַנציע טיכאָנקאַיאַ, וועט מיט דער צײַט זײַן אַן ערשטקלאַסיקער טעאַטער, אַז דאָ וועל איך זיך טרעפן מיט עכט־גרויסער קונסט, אַז איך וועל צוזאַמען מיט אַלעמען, וואָס שטייען אַף דער סטאַנציע, ווערן אַן אַקטיווער בויער פון דער געגנט, וואָס איז מיר געוואָרן לײַבלעך־נאָענט.

אין בירָאָבידזשאַן האָט מען אונדזער גרופּע באַגעגנט זייער פרײַנטלעך. מע האָט דאָ אַף אונדז געוואַרט. מע האָט אונדז דאָ געדאַרפט. אונדזער קומען אַהער האָט מען צוגעגעבן אַ וויכטיקע באַדײַטונג. איך האָב אין זינען ניט נאָר די אָפיציִעלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן הייס באַגריסט אונדזער קומען, — אַלע בירָאָבידזשאַנער האָבן זיך געפרייט מיט אונדזער קומען.

דער ערשטער קאָנצערט איז פאָרגעקומען אין ניט קיין גרויסן אײַזנבאַן־קלוב. דאָרט איז ניט געווען קיין ראָיאַל. ברענגען צו פירן דעם איינציקן ראָיאַל, וואָס האָט זיך געפונען אין איינעם אַן איבערוואַנדערער־פונקט, איז געווען אומעגלעך צוליב די בלאָטעס, וואָס זײַנען גע־שטאַנען. אַ גרופּע איבערוואַנדערער ענטוזיִאַסטן האָבן אַף די אַקסל גענומען דעם גראַנדיִעזן ראָיאַל און אים איבערגעטראָגן אין אײַזנבאַן־קלוב. ביז איצט געדענק איך די דאָזיקע אומ־געוויינלעכע פּראָצעסיע.

אונדזער פּראָגראַם איז דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. די ערשטע אויסטרעטונגען אין בירָאָבידזשאַן זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן קולטור־יאָמטעוו. די פריידיקע אויסגעשרייען האָבן זיך ניט אײַנגעשטילט ביז שפּעט באַנאַכט. באַלד נאָכן ערשטן ספּעקטאַקל איז אַן אופגערעגטער אַרויסגעגאַנגען אַף דער בינע אַ דאַרער הויכער מענטש אין האָרן־ברילן און אויסגערופן: „איך צווייפל ניט, אַז דאָס איז דער קערן פונעם צוקינפטיקן מעלו־כישן ייִדישן טעאַטער פון בירָאָבידזשאַן!”

דאָס איז געווען דער קולטור־טוער און ענטוזיִאַסט ראַשקעס. אין אַ יאָר אַרום איז אונד־זער גאַנצע גרופּע געוואָרן דער קערן פונעם מעלוכע־טעאַטער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

אין מעשעך פון עטלעכע וואָכן זײַנען מיר אויסגעפאָרן די גאַנצע ראַכוועסדיקע געגנט. אַלע האָבן אונדז באַגעגנט און באַגלייט ווי אייגענע. די פּראָגראַם איז געווען אַן אינטערע־סאַנטע. מײַנע פרײַנט קאַרלאָס און גערשמאַן האָבן געאַרבעט אויסגעצייכנט אין דער דאָזי־קער פּראָגראַם. מיט זיך זעלבסט בין איך ניט איבעריקס געווען צופרידן, כאָטש מע האָט מיך די גאַנצע צײַט געלויבט.

טיכאָנקאַיאַ, אָבלוטשיע, בירָאָקאַן, אין, אַמורזעט, סאָצשטעטל... איך געדענק אויסגעצייכנט דאָס דאָזיקע סאָצשטעטל. דאָס זײַנען געווען עטלעכע באַראַקן אין דער טײַגע. געאַרבעט האָט מען שווער, נאָר מיט גרויס גלויבן אין דער צוקונפט — מ'האָט געבויט דאָס שטעטל. אַרום־און־אַרום בלאָטעס, טײַגע. צו אונדז אַף דער שטעלונג זײַנען געקומען צושויער אין אייראָפּעיִשע קאָסטיומען, אין אָנגעקראַכמאַלעטע העמדער, פרויען אין אָוונט־טואַלעטן.

אומבאַמערקט זײַנען אַדורכגעפלויגן אונדזערע גאַסטראָלן. מיר האָבן זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע באַפליגלטע, מונטערע, פאַרברוינטע, ווי מיר וואָלטן געקומען פון אַ קוראָרט. דאָס צווייטע לערנײאָר איז פאַרענדיקט, איצט שטייט פאַר דער לעצטער, דריטער קורס. עס דער־וואַרט אונדז אַ דיפּלאָם־ספּעקטאַקל. אונדז איז עפּעס געווען גרינג אַף דער נעשאָמע, גרינג איז אונדז געווען צו פילן זיך יונג. ס'איז געשטאַנען אַווגוסט־כודעש. איך בין אַלט געוואָרן 18 יאָר. דאָס גאַנצע לעבן גייט מיר ערשט אַנטקעגן. מיר האָבן מיט יאָשע ראָזענפעלד אַרומגעשפּאַצירט איבער די מאָסקווער גאַסן. דאָס ערשטע מאָל, און אָן שום סיבעס, פאַרייכערט פּאַפּיראָסן. פאָרט גאַסטראָליאָרן! מיר האָבן זיך געשטיקט פון רויך, געשטיקט זיך און געלאַכט, געלאַכט, ווי קינדער, פון גליק, פון ניט וויסן, צוליב וואָס מע לאַכט.

אַף קאַניקולן בין איך געפאָרן קיין זשיטאָמיר. צו יענער צײַט זײַנען מײַנע עלטערן איבערגעפאָרן צום זיידן. כ'ווייס ניט גענוי, צוליב וואָס זיי האָבן דאָס געטאָן, נאָר איך מיין, אַז דאָס איז געווען צוליב דער מאַטעריעלער לאַגע פון די עלטערן. דער זיידע איז געווען אַנטוישט אין מיר. די זאַך איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט, ווי שטענדיק, געטרונקען זײַן קעלישעקל בראַנפן צום עסן. אינדערפרי, ווען איך בין געקומען צו פאָרן, האָט ער מיר אָנגעגאָסן אַ גלעזעלע און פאַרגעלייגט עס אויסטרינקען. נאָר מיר האָט זיך געוואָלט ברעכן פונעם בראַנפן. איך האָב זיך פאַרקרימט, געדרייט זיך, נאָר דאָס קעלישעקל טאַקע ניט אויסגעטרונקען. דער זיידע איז געווען זייער אַנטוישט און האָט אַ געשריי געטאָן צו מײַן טאַטן: „מוישע, ער קאָן ניט!”

דערפאַר אָבער געדענק איך די גדולע פון מײַן זיידן, ווען איך בין געקומען צו אים אין אַ פּאָר יאָר אַרום, ווען כ'האָב שוין געהאַט זיך אויסגעלערנט די דאָזיקע מעלאָכע. דער זיידע איז געווען אַפן זיבעטן הימל. ער האָט אַ זאָג געטאָן צופרידן: „מוישע, ער איז אַ כוואַט, ער קאָן...״

ניט צופרידן איז אויך געווען מײַן באָבע עסטער. זי איז נאָך אַלץ געזעסן שאַענלאַנג באַ איר באַליבט פענצטער, מיט די זעלבע ברילן אַף דער שפּיץ נאָז, מיטן זעלבן מאַכזער, נאָר שוין אַן אַלטינקע, אײַנגאַנצן אַ גרויע. זי האָט מיך אַלץ אויסגעפרעגט וועגן מאָסקווע, וועגן טעאַטער. ווען איך האָב איר דערציילט, וויאַזוי מע שפּילט אין גאָסעט „די קישעפמאַכערן״, איז זי געווען שטאַרק אַנטוישט. זי איז געווען באַליידיקט דערמיט, וואָס אַפן ספּעקטאַקל פון דער „קישעפמאַכערן״ שרײַט מען אויס: „געשטאָרבן דער אַלטער ייִדישער טעאַטער!״. „זיי פּעלט נאָך אַ סאַך צום אַלטן ייִדישן טעאַטער״,— האָט געטײַנעט די באָבע עסטער.

ניט צופרידן מיט מיר זײַנען געווען מײַנע ליבע עלטערן, ווײַל איך בין זעלטן געווען אין דער היים. נאָר ווי האָב איך געקאָנט זיצן אין שטוב, אַז מיך האָט געצויגן אין שטאָט אַרײַן, צו מײַנע באַליבטע ערטער: צו דער 3־טער שול, צום טײַך טעטערעווו, צום שטאָט־טעאַטער...

צום באַדויערן, האָבן אָט די אַלע ערטער אַרויסגערופן באַ מיר אַנטוישונג. די 3־טע שול, וואָס האָט אין מײַנע אויגן אַמאָל אויסגעזען אַזוי שיין, איז איצט געווען אַ קליינינקע, אַ פּאַריאַסעמטע. דער באַליבטער שול־סאַד און די פּאַדאַליער גאַס האָבן אָנגעווירן זייער כיין. נאָר די גרעסטע אַנטוישונג האָט אַרויסגערופן באַ מיר מײַן געוועזענער אָפּגאָט — דער אַלטער גוטער שטאָט־טעאַטער. גאָט מײַנער, סאַראַ פּיצינקער ער איז! סאַראַ אָפּגעריבענער... נאָך די מאָסקווער טעאַטערן האָט ער אויסגעזען עפּעס ווי אַ פאַרשעמטער, אַ דערשלאָגענער. שוין זשע בין איך דאָ אָפּגעשטאַנען שאַענוויַז און האָב געקוקט אַף דער דאָזיקער געבײַדע ווי אַף אַן אַנטיקל פון אַרכיטעקטור? שוין זשע בין איך דאָ געשטאַנען און מיט קינע געקוקט אַף די גליקלעכע, וואָס קאָנען אַרײַנגיין אין דעם דאָזיקן הייכל? אָבער אין אָט דעם זשיטאָמירער שטאָט־טעאַטער האָט איצט געשפּילט אַן ערשטקלאַסיקע טרופּע, דער קיִעווער ייִדישער טעאַטער.

יאָ, דאָס איז בעעמעס געווען אַ טרופּע פון ווונדערלעכע מײַסטערס. דאָס איז געווען אַ ייִדישער קונסט־טעאַטער אין פולן זין פון וואָרט. און דאָס איז געווען ניט צופעליק. אָנגעפירט האָט דעמלט מיטן טעאַטער סטאַניסלאַווסקיס אַ שילער — באַריס איליטש ווערשילאָוו. דאָס איז געווען דער ערשטער ייִדישער טעאַטער, וואָס האָט אײַנדערעמעסן זיך געהאַלטן באַ דער באַרימטער סיסטעם פונעם גאָניאַלן נאָוואַטאָר, באַ דער סיסטעם פון סטאַניסלאַווסקין.

די רעאַליסטישע מאַניר פון שפּילן האָט פאַרכאַפּט דעם צושויער. דער טעאַטער האָט געבראַכט אַף דער בינע אַ נײַעם רעפּערטואַר, נײַע טעמאַטיק. אויסגעצייכנט איז געווען דער ספּעקטאַקל „די גאַס פון פרייד״. אין דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט קאַלמאַנאָוויטש, אַך, סאַראַ אַקטיאָר דאָס איז געווען! דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען דעם גרויסן אַרטיסט ליכטענשטיין, מיט וועלכן מיר האָבן שפּעטער געאַרבעט צוזאַמען און זײַנען געוואָרן גרויסע פרײַנט. דאָס איז געווען אַ מײַסטער פון דינעם און קלוגן הומאָר, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם צושויער מיט זײַן אַקטיאָרישן עמעס. ווי אויסגעצייכנט האָט ליכטענשטיין געשפּילט פּענטקאָווסקין אין דער פאָרשטעלונג „באָטווין״! נאָך איצט גייט מיר דורך אַ גרויל איבערן לײַב, דערמאָנענדיק זיך די פּלעיאַדע מײַסטערס פונעם קיִעווער גאָסעט: זשאַבאָטינסקין, שײַקעוויטשן, דניעפּראָוון, יאַצאָווסקיאַן.

די דאָזיקע מעכטיקע גרופּע איז אַוועק פון לעבן, און, צום באַדויערן, איז נאָך ניט געזאָגט געוואָרן וועגן זיי דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרדינט.

דאָס איז געווען אַ הײַנטצײַטיקער טעאַטער אין פולן זין פון וואָרט. דאָס איז געווען אַ טעאַטער מיט אַ גרויסער קולטור. דאָס איז געווען אַ סטאַניסלאַווסקי־טעאַטער.

די ספּעקטאַקלען „די גאַס פון פרייד״, „באָטווין״, „דרײַענדיקע פּליגל״, וועלכע איך האָב געזען זומער 1932 יאָר אין קיִעווער ייִדישן טעאַטער, האָט מיר פאַרשאַפן גרויסע עסטעטישע פרייד און טיף זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זיקאָרן.

אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די דאָזיקע גרויסע אַקטיאָרן האָבן ניט אָנערקענט די סיסטעם פון אַקטיאָרישן שאַפן פונעם מאָסקווער גאָסעט.

איך געדענק, אַז קאַלמאַנאָוויטש, וואָס האָט מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, אַז איך בין

ענלעך אַף יוליוס אַדלערן, האָט מיר געזאָגט: „איר, יונגערמאַן, האָט ניט וואָס זיך צו לערנען אַף קליין־בראָנע״.

איך בין אַלט געוואָרן 18 יאָר. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך פאַרליבט אין אַ מיידל. מ׳האָט זי גערופן ראַכעלע נאַבעדריק. זי האָט געלערנט אין דער מוזיק־שול און האָט געדאַרפט ווערן אַ פּיאַניסטקע. אונדזערע עלטערן האָבן מיט גרויס ערנסט באַטראַכט אונדזערע צווישנבאַציִונגען. מײַן גאַנצע קאַניקוליאַרע צײַט האָבן מיר צוזאַמען מיט איר שפּאַצירט, געטרוימט וועגן דער צוקונפט. איך האָב איר אַ סאַך דערציילט וועגן מאָסקווע, וועגן די טעאַטערן, וועגן גרויסע אַקטיאָרן. אינעם געזעגענונגס־אָוונט, ערעוו מײַן אָפּפאָרן קיין מאָסקווע, האָט זי מיר געשענקט אַ רויט טיכעלע, אַף וועלכן זי האָט אויסגענייט די אויסיעס „ר״ און „ז״. דעם גאַנצן אָוונט האָט זי געוויינט, געוויינט אָן אויפהער, און איך האָב זי אַלץ באַרויִקט: „וואָס וויינסטו, ראַכעלע, איך וועל דאָך אײַנגיכן קומען און אַלץ וועט זײַן גוט״. און ראַכעלע נאַבעדריק האָט מיר געענטפערט: „ניין, זיאַזע, דו וועסט ניט קומען...״ און זי איז געבליבן די גערעכטע. מער האָבן מיר זיך מיט איר קיינמאָל ניט באַגעגנט...

„מײַן פּרינץ״

שפּעט אין אָסיען, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון די קאַניקולן קיין מאָסקווע, האָט מיך דערוואַרט אַ סענסאַציאָנעלע נײַס. דער דיפּלאָם־ספּעקטאַקל פונעם אַרויסלאָז־קורס איז באַשטעטיקט געוואָרן פּאַגאַדינס פּיעסע „מײַן פּרינץ״. די דאַזיקע פּיעסע איז מיט גרויס דערפאָלג נאָרוואָס באַוויזן געוואָרן אינעם „רעוואָליוציע״־טעאַטער. דער דערפאָלג איז געווען אַ פּרינציפּיעלער. באַוויזן די הײַנטצײַטיקייט, דעם מענטש פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט האָבן געשטרעבט אַלע טעאַטערן. ס׳פּלעגט טרעפן, אַז אַף דער בינע האָבן זיך באַוויזן שוואַכע, סכעמאַטישע, צוגעטראַכטע פּיעסן. באַווײַזן אַ פּולבלוטיק ווערק וועגן דער הײַנטצײַטיקייט איז געווען פאַר די טעאַטערן די פּראָבלעם נומער איינס. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס „מײַן פּרינץ״ איז געוואָרן אַ גרויסע געשעעניש. אַלעקסיי פּאָפּאָוו איז געווען דער ערשטער רעזשיסער, אַדאַנק וועלכן פּאַגאַדינס ווערק האָט באַקומען אַזאַ אָפּקלאַנג.

די גרעסטע מײַלע פון „מײַן פּרינץ״ באַשטייט אין דעם, וואָס זי באַווײַזט איבערצײַגעוודיק אונדזערע מיטצײַטלער, די קאָמאַנדירן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג.

אין דער שפּיץ פון אַן אינדוסטריִעלן גיגאַנט, וואָס ווערט געבויט בײַ אונדז אין לאַנד, שטייט אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן, אַ צילגעוועדטער, אַ פּרינציפּיעלער אָנפירער. דער דאָזיקער מעכטיקער מענטש האָט אַ האַרץ, מענטשלעכע שוואַכקײַטן, נערוון — אַלץ, וואָס איז אייגנטימלעך אַ לעבעדיקן מענטשן.

גריגאָרי גריגאָריעוויטש גײַ הייסט דער דאָזיקער מענטש. זײַן אַרבעט אַף דער בויונג גייט ניט גלאַט. ער האָט דורכפאַלן. דאָס איז אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן טעמפּעראַמענט, אַן אומרויִקער, אַ הייסער. ער קאָן זײַן צאַרט און גראָב, האַרב און ווייכהאַרציק. פּאַגאָדין האָט ניט מוירע געהאַט צו באַווײַזן די שוואַכקײַטן און צווייפלענישן פון אַ פאַרהאַרטעוועטן קאָמוניסט. גײַ איז אַ פולבלוטיק, זאַפטיק געשטאַלט פון אונדזערן אַ מיטצײַטלער. אַ באַגעגעניש פון גײַען מיט איינעם פון די מעלוכע־טוער איז די צענטראַלע סצענע אינעם ספּעקטאַקל. די דאָזיקע סצענע האָבן מײַסטעריש דורכגעפירט די אַרטיסטן אַסטאַנגאָוו און שטראַוך.

אין דער דאָזיקער פּיעסע איז פאַראַן אַ גאַנצע גאַלעריי וווּנדערלעכע געשטאַלטן, צווישן זיי די שטרענגע און קלוגע מומע סאָניע — אַן אַלטע קאָמוניסטקע — אַ גוטער־פרײַנט פון גײַען; דער פאַרעטער און רעכילעסניק — דער הויפּט־אינזשעניער פונעם זאַוואָד בעלקאָוסקי, וואָס פּרעטענדירט אַף דער שטעלע פון גײַען; מאַקסימקע, יאָלקין און אַנדערע. אין דעם דאָזיקן ווערק זײַנען אויך פאַראַן כיינעוודיקע פרויען־געשטאַלטן — עלאַ פענער, קאַלאַקאַלניקאָווע, וועלכע ס׳האָט גלענצנדיק געשפּילט באַבאַנאָווע.

פאַרוואָס פאַר אונדזער דיפּלאָם־ספּעקטאַקל איז אויסגעקליבן געוואָרן אַזאַ קאָמפּליצירטע פּיעסע, איז מיר דעמאָלט ניט קלאָר געווען, און אויך איצט, אין פערציק יאָר אַרום, איז עס מיר ניט קלאָר. פיל פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערן מיט געניטע אַקטיאָרן זײַנען ניט בעקויעך געווען פאַרווירקלעכן אַף דער בינע דאָס דאָזיקע ווערק. וויאַזוי זשע האָט מען

געקאָנט אָנוואלגערן אַף אונדזערע שוואכינקע פלייצעס אזא לאסט? צי איז עס בארעכטיקט פונעם פעדאגאָגישן שטאנדפונקט? און די הויפּט־זאך, ווער פון אונדזער קורס איז פייִק צו באהערשן אזא ראָל, ווי גײַ? איך פערזענלעך האָב שוין געהאט אָנגעמערקט פאר זיך די ראָל פון מאקסימקען — דעם אָנפירער פון קאָמסאָמאָל, — איך בין דאָך געווען דער סאמע ייִנגסטער בא אונדז אפן קורס. נו, און ווער וועט שפילן גײַען? דעם אָנפירנדיקן טוער? אלע זײַנען געווען אופגערעגט, אלע האָבן גערעדט וועגן דעם, ווי:אזוי עס וועלן פאנאנדערגעטיילט ווערן די ראָלן.

אין איינעם א שיינעם טאָג (ווי עס שרײַבט זיך געוויינלעך אין די מײַסעלעך) בין איך געקומען אין שול, און ווי נאָר כ׳האָב געעפנט די טיר, האָט מען מיך אָנגעהויבן באגריסן מיט דער ראָל פון גײַען. וואָס באטײַט עס, וואָס איז דאָס פאר כויזעק מאכן? איך — גײַ? נאָר אפן מעלדונגס־טאָוול איז געהאנגען א באפעל מיט מיכאָעלסעס און לויטערס אונטערשריפטן, אין וועלכן ס׳איז מיט שווארץ אַף ווײַס געווען אויסגערעכנט, ווער וועלכע ראָלן עס וועט שפילן.

מיר האָט זיך געדאכט, אז א באָמבע האָט זיך אופגעריסן. ס׳איז פאָרגעקומען עפּעס אומפארשטענדלעכס: איך — גײַ? איך, א דארינקער, וואָס זעט אויס ייִנגער פון די אכצן יאָר, דארף שפּילן א דערפארענעם באדײַטנדיקן אָנפירער? איך בין זיך מוידע, אז ערגעץ אין די טיפענישן בין איך צופרידן געווען פון דעם דאָזיקן צוטרוי, פון אזא באצי:ונג צו מיר מיצאד מײַנע לערער. דער קאָפּ האָט זיך, פארשטייט זיך, פארדרייט, נאָר אין די מאָמענטן, ווען איך פלעג זיך אויסניכטערן, פלעגט מיר ווערן שרעקלעך. איך האָב פארשטאנען, אז דאָס איז אומעגלעך פאר מיר. איך האָב זיך א לאָז געטאָן אין „רעוואָליוציע“־טעאטער אַף „מײַן פרעמיע“, ווידעראמאָל דערזען דעם מעכטיקן לעבעדיקן גײַען און פארכאפט געוואָרן פון אסטאנגאָווס געשטאלט. מאמעש קראנק געוואָרן מיט דער שפּיל פונעם דאָזיקן אקטיאָר. און אינגיכן האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער קאמף פאר דער דאָזיקער ראָל. איך האָב איבערגעלעבט, ווי זאָגט מען עס, אלע געבורט־ווייען פון א באשעפער. עפראַ:ים באָריסאָוויטש לויטער האָט געארבעט מיט מיר געדולדיק, פיל מאָל דערקלערט יעדער קלייניקײַט, דעם גאנצן אונטערטעקסט, — ער האָט זיך געשלאָגן פאר א לאָגישן, באזיניקטן געשפרעך. עפראַ:ים באָריסאָוויטש איז געווען א גרויסער האָרעפּאשניק, ער האָט אונדז אָפּגעגעבן אלע זײַנע קויכעס. איך האָב אלץ אויסגעפילט, אלץ געטאָן, וואָס ער האָט געבעטן, נאָר ניט ווי איך, יויסעף, נאָר ווי אסטאנגאָוו. כ׳בין געגאנגען ווי אסטאנגאָוו, גערעדט ווי אסטאנגאָוו, זשעסטיקולירט ווי אסטאנגאָוו. דער דאָזיקער מעכטיקער ארטיסט איז שטענדיק מיר געשטאנען פאר די אויגן, כ׳האָב געהערט זײַנע מוזיקאלע געשפּרעכן, געזען זײַנע הענט — ער האָט מיך געפאנגען, געבונדן און מיך ניט געלאָזט צורו. אָן אסטאנגאָוון האָב איך קיין זאך ניט געקאָנט טאָן.

פיל מי האָט מיך געקאָסט, ביזוואנען ס׳איז מיר געלונגען זיך ארויסרײַסן פון די אָרעמס פון מײַן ליבלינג. דער פארדינסט פון לויטערן דעם פעדאגאָג איז שוין דערמיט אליין וויכטיק, וואָס ער האָט מיך איבערצײַגט אין דער נויטווענדיקײַט צו געפינען זיך אליין, מײַן „איך“, אין די אומשטענדן, אין וועלכע פאָגאָדינס פּיעסע האָט מיך געשטעלט. די אומשטענדן — דאָס איז געווען די גיגאנטישע אינדוסטרי:עלע בויונג, דאָס זײַנען געווען אינזשעניערן, אָנפירער פון צעכן, ארבעטער... און וואָס ווייס איך וועגן אָט די גרויסע בויונגען? וועגן די פארהארטעוועטע קעמפער אינעם שלאכט פאר אינדוסטרי:אליזירן דאָס לאנד? ס׳איז אָבער פאראן א ליטעראטור, עס זײַנען פאראן אין מאָסקווע גרויסע זאוואָדן, גיגאנטישע בויונגען, ווו מע קאָן דערפילן די נייטיקע אטמאָספער, באקענען זיך מיט די דאָזיקע פערסאָנאזשן ניט אַף דער גערצען־גאס אין „רעוואָליוציע“־טעאטער, נאָר אַף די בויונגען, אַף די זאוואָדן.

ארבעטנדיק מיט עפראַ:ים לויטערן, האָבן מיר זיך פיל דערשלאָגן. קוידעמקאָל איז דער די:אלאָג מיט די פארטניאָרן געוואָרן א לעבעדיקער, דער מאָנאָלאָג א צילגעווענדטער, די האנדלונג — א דורכויסיקע. פיל זאכן זײַנען מיר קלאָר געוואָרן בייס דער ווייפולער ארבעט איבער דער דאָזיקער ראָל. נאָר דאָס סאמע שווערסטע איז מיר פאָרגעשטאנען אינעם לעצטן פערי:אָד. אלע מאָל, ווען ס׳איז פארגאנגען א שמועס וועגן מײַן אויסערלעכן אויסזען, האָט עפראַ:ים באָריסאָוויטש מיך בארוי:קט און געבעטן ניט טראכטן דערפון, וועגן דעם וועלן זיך זאָרגן די קינסטלער — דער גרימירער און קאָסטיומירער. ווען מיר האָבן זיך אָבער קאָנקרעט צוזאמענגעשטויסן מיט דער דאָזיקער פּראָבלעם, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אלץ איז פיל קאָמפּליצירטער. עס איז ניט בעקויעך געווען מיר צו העלפן דער געניטער קינסט־

לער־גרימירער וולאַדימיר עפּשטיין, וועלכן מע האָט ספּעציעל צוליב מיר אײַנגעלאַדן פֿונעם קאַמער־טעאַטער. קיין שום פּאַריקן, קיין שום גרימאַז האָבן ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן מײַן יונגקייט, וועלכע כ׳האָב דעמלט פֿאַרהאַסט. אָ, ווי איך האָב פֿאַרהאַסט מײַן פּנים, מײַנע אויגן! ווי מעקאַנע כ׳בין געווען באַיאָרטע מענטשן! מיט וואָס פֿאַר אַ קינע האָב איך געקוקט אויף געקנייטשטע פּנימער! מײַן יונגער אויסזען האָט מיר, אַגעוו, געשטערט אַ סך יאָרן. ער האָט מיר געשטערט אין פֿיל גרויסע ראָלן. וויפֿל מאָל האָט מען שמייכלענדיק צו מיר געזאָגט: „יוסף, דו שפּילסט זייער גוט, נאָר דו זעסט אויס צו יונג...״ סאָלאָמאָן מיכאָעלס־וויטש איז געווען גערעכט. מיט דער צײַט איז דאָס איבערגעגאַנגען.

מיכאָעלס האָט הויך אָפּגעשעצט מײַן אַרבעט. עפֿראַיִם באַריסאָוויטש האָט גערעדט וועגן דער ראָל ווי וועגן „אַ גרויסן שעפֿערישן דערפֿאָלג פֿון אַ יונגן אַרטיסט״. נאָכן דורכקוק האָבן אַלע מיך הייס באַגריסט, געקושט... נאָר איך אַליין האָב זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וועכעשבון, אַז גאַנץ האָט זיך באַ מיר ניט באַקומען. איך האָב דעמאָנסטרירט ניט קיין שלעכטע אַקטיאָרישע פֿייִקייטן, פֿאַרשטאַנד, טעמפּעראַמענט, מעגלעך אויך אַקטיאָרישן כיין, ווי פֿיל האָבן געהאַלטן, נאָר גײַ האָט זיך באַ מיר ניט באַקומען. איך האָב באַוויזן, וויאַזוי מע דאַרף שפּילן גײַען, נאָר גײַ בין איך ניט געוואָרן.

איך, דער נאַר, האָב דעמלט שטאַרק איבערגעלעבט. איבערלעבונגען, שווערע שטימונגען האָבן ביכלאַל באַגלייט מײַן גאַנץ שעפֿעריש לעבן. עס זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, אויך געווען דערפֿאָלגן און פֿרייד פֿון שעפֿערישע אופֿטוען, נאָר מערער איז געווען ערגערנישן און איבערלעבונגען. אונדזער אַקטיאָרישע פּראָפֿעסיע איז אַ ווונדערלעכע, נאָר אַ האַרבע, זי פֿאָדערט דאָס גאַנצע לעבן. דער אײַנפּאַרקט קומט ניט צופֿעליק...

י. קאָלין מיט ש. מיכאָעלסן. 1941.

דער דיפּלאָם־ספּעקטאַקל „מײַן פֿרײַנט״ איז געלונגען. מיר אַלע, וואָס האָבן פֿאַרענדיקט די טעאַטער־שול, האָבן באַקומען דיפּלאָמען פֿון דראַמאַטישע אַקטיאָרן. דער ספּעקטאַקל איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אינעם רעפּערטואַר פֿונעם צוקינפֿטיקן בירָאָבידזשאַנער טעאַטער.

אין ספּעקטאַקל זײַנען געווען געלונגענע אַקטיאָרישע אַרבעטן. אין דער ערשטער רײ איז דאָס געווען די ראָל פֿון דער מומע סאָניע, וועלכע ס׳האָט אויסגעפֿילט די טאַלאַנטפֿולע מאַניע קאַרלאָס. באָריס גערשמאַן, וואָס האָט געשפּילט צוויי ראָלן, — די אָנפֿירנדיקע פּערזאָן און קאָנדאַקאָוון. מיט ביידע ראָלן האָט גערשמאַן, מײַן באַליבטער אַקטיאָר, זיך גלענצנד ספּראַוועט.

צו יענער צײַט איז אויף קליין־בראָנע, אין גאָסעט, אַרויסגעהאַנגען געוואָרן אַ באַפֿעל וועגן די פֿאַנאַנדערגעטיילטע ראָלן אין דער נײַער פּיעסע פֿון דאַוויד בערגעלסאָן „מידאַס־האַדין״, וווּ איך בין געווען אָנגעמערקט אין דער ראָל פֿון זובקאָן. דערמיט האָט מיכאָעלס באַשטעטיקט דאָס, וואָס ער האָט געהאַט געזאָגט באַ אונדז אין שול, אַז ער וועט מיך

אריַנעמען אין דער טרופּע פון גאַסטעט. די דאָזיקע ניַיס האָב איך, נאַטירלעך, באַגעגנט מיט גרויס פרייד, — איך האָב שטענדיק געטרוימט צו אַרבעטן מיט סאָלאָמאָן מיכאַילאָוויטשן. ווי צו א יאָמטעוו האָב איך זיך געגרייט צו די ערשטע רעפּעטיציעס. איך געדענק זיי, די ערשטע רעפּעטיציעס. סאָלאָמאָן מיכאַילאָוויטש האָט אונדז א סאַך דערציילט וועגן בערגעל־סאָנען, וועלכן ער האָט זייער ליב געהאַט, אונדז אריַנגעפירט אין דער אַטמאָספער פון דער פּיעסע „מידאַס־האַדין".

— נו, פּיר, אַנדרייעוו! — האָט געזאָגט מיַין פּאַרטנער.

— וווּהין? — פרעגט א צווייטער.

— צום וועלדל, — ענטפער איך, זובאָק.

מיכאָעלס האָט אויסגעבויט אונדזער געשפּרעך מוזיקאַליש, יאָ, טאַקע „אויסגעבויט". ער האָט ניט געליטן קיין פאַלשקיַיט אַף דער בינע. ער האָט געפאָדערט פון אונדז טרעפן פּונקט אין מוזיקאַלן געמעל. עס זיַינען פאַרגאַנגען אַזויפיל יאָרן, און איך געדענק אַקוראַט די דאָזיקע „גאַמע".

ניט לאַנג צוריק האָב איך זיך אַנגעשטויסן אַף אַן ענלעכן מעטאָד פון „אויסבויען" די פּראַזעס אין טעאַטער אַף פּושקינס נאָמען אין די ספּעקטאַקלען פון באָריס ראַוועונסקיך. צי איז ריכטיק אַזא מעטאָד? ער איז ריכטיק, דער מעטאָד, נאָר אין דעם פאַל, אויב די פּראַזעס שטעלן זיך אויס אַף א פעסטן רעאַליסטישן פונדאַמענט, ווען דעם אַקטיאָר־רעאַליסט קאָן שוין ניט שאַטן קיין שום אויסגעבויטע פּראַזעס, ווען דאָס קאָן שוין ניט צעשטערן דעם לעבעדיקן געוועב פונעם דיאַלאָג. נאָר ווי איז צו דעם אַקטיאָר, וואָס וועט געהאַרכזאַם אויספּילן נאָר דעם אויסערלעכן געמעל, וועלכן עס פאָדערט פון אים דער רעזשיסער.

דאָס דענק איך איצט אַזוי „קלוג", נאָר דעמלט האָב איך א פּאַרשיקערטער איבערגע־כאַזערט דעם מוזיקאַלן געמעל, וועלכן ס'האָט געפאָדערט פון מיר מיַין לערער. מיר איז אַף די רעפּעטיציעס געווען זייער אינטערעסאַנט. כ'האָב זיך געגרויסט מיט זיי. כ'האָב קאַקע־טירנדיק אָפּט געזאָגט: „איך גיי אין גאַסטעט אַף א רעפּעטיציע". איך בין גליקלעך געווען, וואָס איך זיץ באַם רעפּעטיציע־טיש צוזאַמען מיט אַזעלכע מיַיסטערס, ווי שידלאָ, זוסקין. מיר האָט זיך געדרייט דער קאָפּ דערפון, וואָס מיט מיר אַרבעט מיכאָעלס, שוין ניט ווי מיט א שילער, נאָר קימאַט מיט א פּראָפעסיאָנעלן אַקטיאָר. נאָר דאָס גליק צו אַרבעטן מיט מיַין באַליבטן לערער האָט געדויערט ניט לאַנג. עס האָט פּאַסירט אַזוי, אַז איך האָב גע־דאַרפט פאַרלאָזן דעם גאַסטפּראָיעקטלעכן גאַסטעט אַף לאַנג, אַף א סאַך יאָרן, און ווערן אַן אַקטיאָר פונעם ביראָבידזשאַנער טעאַטער. אומגעקערט צו מיכאָעלסן האָב איך זיך אין דריַיצן יאָר אַרום, אין 1947, מיט א יאָר פאַר זיַין טראַגישן טויט.

יידיש — א. גאָנטאַר

(סאָף קומט)

כראָניק

צום אָנדענק פון שאָלעם ראַבונסקי

אין וויטעבסק איז אין עלטער פון 73 יאָר געשטאָרבן דער ייִדי־שער קאָמפּאָזיטאָר שאָלעם ראַ־בונסקי, וועלכער האָט פופציק יאָר פון זיַין שעפערישן לעבן אָפּגעגעבן דער מוזיק. א ריי יאָרן האָט ער געאַרבעט אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט — אין ביראָ־בידזשאַנער ייִדישן טעאַטער און אַלס פּעדאַגאָג אין דער דאָרטיקער קולטור־אויפקלער־שול און אין דער מוזיק־שול.

ש. ראַבונסקי האָט געשאַפן מו־זיק צו די ספּעקטאַקלען פון שאָ־לעם־אלייכעמס „סטעמפעניו" און „מענטשן", צו ב. מילערס פּיעסע „ער איז פון ביראָבידזשאַן". ביז איצט זינגט מען נאָך אין דער געגנט שאָלעם ראַבונסקיס לידער אַף די טעקסטן פון איציק בראָנפ־מאַן „יאָסקע בריגאַדיר", „באַ די בערג באַ די הויכע כינגאַנער", „די רינגלערן בײַלקע" און אַנ־דערע.

אפילע נאָך דעם, ווי ש. ראַבונ־סקי איז אַריבערגעפאָרן קיין ווי־טעבסק, האָט ער ניט איבערגע־ריסן זיַין פאַרבינדונג מיט ביראָ־בידזשאַן.

איינע פון ש. ראַבונסקיס לעצטע שאַפונגען איז געווען די מוזיק פאַרן ביראָבידזשאַנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער צו ב. מילערס קאָמעדיע „פונעם הימל פאַלט גאָרניט אַראָפּ".

א ר ן   ו ו ע ר ג ע ל י ס

בריוו פון אייראָפּע

צענטער בריוו

בעשאס דער מילכאָמע, געדענק איך, האָט דאָס וואָרט „הינטערלאַנד" געהאַט פיל מערער באַדײַטן, איידער געוויינלעך. דער סאָלדאַט, וועלכער איז אין א שטילער מינוט געלעגן אין סעקרעט מיט דער ביקס אַפן ברוסטווער, האָט געהאַלטן, אַז דער צווייטער סאָלדאַט, וואָס רוט אין זעלבן אָקאָפּ, געפינט זיך „אין הינטערלאַנד". ווען אַן אויסשפּירער פלעגט פאַרלאָזן די פײַער־ליניע און זיך דורכשמוגלען אין סוינעס הינטערלאַנד, האָט ער די פײַער־ליניע געלאָזט „אין הינטערלאַנד". אין 1943 איז מיר אויסגעקומען א קורצע צײַט צו דינען אין דער רײַטער־אויס־שפּירונג. דאָס האָט באַטײַט „אַפּאַנעמעסן מילכאָמע האַלטן" אין פאַרגלײַך מיטן פּעכאָ־טע־אויסשפּיר, וועלכער האָט זיך גערעכנט בא די רײַטער פאַר א „זיכער הינטערלאַנד".

„הינטערלאַנד" האָט, אויסער דעם, געהייסן:

דאָס צווייטע „בײַוועלע" („ניטאָטשקא") פון די אָקאָפּן; דאָס וועלדל, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען דער אָבאָז, די פעלד־קיך און דער לאַזאַרעט; דאָס דערפל לעבן דער פײַער־ליניע, ווו אינטענדאַנטן האָבן אײַנגעהייצט א באָד, און אַלע ווײַטערדיקע בײַפראָנט־יִישוּווים — פּוסטע, פאַרלאָזטע, צערוּיִנירטע, פאַרברענטע, אָבער אייגענע, עטוואָס אָפּגעווײַטערטע פון דער שיסערײַ.

די פראָנטאָוויקעס האָבן באַצייכנט אַלס א ווײַט הינטערלאַנד די געגנטן, ווו די באַלויכ־טונג איז געווען פאַרמאַסקירט מאַכמעס נאָענט־קײַט צום פראָנט. א גאָר־גאָר ווײַט הינטער־לאַנד, אַן אָרט פאַר עוואַקואַציע, א רעטונג פאַר טאַטע־מאַמע, קראַנקע און קינדער, — זײַנען געווען טאַשקענט, אוראַל; נו, און צו־לעצט — סיביר, צווישן קראַסנאָיאַרסק, לע־מאָשל, און אולאַן־אודע, איז געווען יענץ הינטערלאַנד, וואָס האָט געהאַט צו דער פראָנט־ליניע בערעך אַזאַ שײַכעס, ווי דאָס פּעקעלע שוועבעלעך צום אייגנזינטיקן אָנגעפּאָס־פּאָרטן רוקנדל, ווו „ס'רײַבט זיך אָן" פײַער...

פאַר א מענטשן פון אָקאָפּ איז, געדענק איך, געווען אַן אָפּרו יעטווידעס הינטערלאַנד, אָנ־הייבנדיק פון דעם ערדענעם ווענטל, נידע־ריקער פונעם ברוסטווער, צו וועלכן מע האָט גע־קענט צושפּאַרן אַף עטלעכע מינוט דעם קאָפּ.

איר כידעשט זיך מיסטאָמע: פאַרוואָס שרײַב איך איצט וועגן דעם? איז די זאַך גאַנץ פּאָ־שעט. ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט זײַן, האָט מיר מײַן געפינען זיך איצט אין סאַמע צענטער פון אייראָפּע דערמאָנט דאָס אַמאָליקע „הינטערלאַנד", נאַטירלעך — שוין ניט אין באַ־דינגונגען פונעם הייסן קריג.

דאָס אָרט, ווו איך לעב שוין א כוידעש צײַט, הייסט קאַרלאָווי וואַרי (קאַרלסבאַד), ווו אָנגעפּאָרענע מענטשן, זײַט מויכל, פּראָדוצירן גאָרניט, קעמפן ניט מיט קיינעם, שלאָגן זיך, כאָלילע, ניט צווישן זיך; דאָס איינציקע, מיט וואָס זיי זײַנען פאַרנומען, איז — היילן זיך. נאָך דער לעצטער רײַזע קיין איטאַליע, נאָך דעם, ווי איך בין אָפּגעוועזן, קאָן מען זאָגן, אומופּהערלעך אין מעשעך פון די לעצטע יאָרן אָט אַף איינעם, אָט אַף א צווייטן פראָנט פו־נעם קאַלטן קריג, — האָב איך זיך דאָ דערפילט דאָס ערשטע מאָל, ווי אין „הינטערלאַנד". דאַנקען גאָט, איך לעב אין פולער שטילקײַט, ניטאָ קיין ציִעניסטן און אַנטיציִעניסטן, מע שטעלט ניט קיין פראַגעס וועגן „ייִדישע פּראָ־געס".

אויסטרינקענדיק אָן קאַפּריזן דרײַ מאָל א טאָג צו איין קווערטעלע קאַרלאָוואַרער וואַ־סער און דורכמאַכנדיק איניקע אַנדערע פּריד־לעכע פּראָצעדורן, האָב איך אַרויסגערופן גענוג אָנערקענונג בא די אָרטיקע דאָקטוירים,

זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2, 3, 4 פאַרן 1973 יאָר.

קעדיי צו זײַן פולקום גליקלעך. דער סאָוועטי־שער קאָנסול אין קאַרלאָווי וואַרי האָט ארויסגעוויזן צו מיר אויסערגעוויינלעכע גוטס־קײַט: איך האָב אים נעכטן געבעטן, ער זאָל מיר העלפן זיך אריבערפּעקלען קיין פּראָג, האָט ער צוגעשיקט אַן אויטאָמאָביל, אין וועלכן כ׳וועל מיט מײַן פרוי צופאָרן, פאַרן אומקערן זיך קיין מאָסקווע, אָף א קורצער צײַט אין דער גאָלדענער שטאָט פּראָג.

און אין פּראָג וועט ווידער זײַן — „הינטער־לאַנד". איך רעכן, אַז כ׳האָב דאָס רעכט אָף דעם. כ׳בין דאָ ניט געווען אין קיין אָפּיציִע־לער, אויך ניט אין קיין שעפערישער קאָמאַנ־דירונג. געווען „אָף וואַסערן" אין קאַרלסבאַד. פאַר קימאַט צען יאָר זײַן טאָמיד נאָוונאַד, און גראַד אין יענע ערטער, ווו מע שיסט אָף אונדזער לאַנד מיט קאַאָס־פּראָפּאַגאַנדע, קאָן איך זיך איצט פאַרגינען אָפּצוהיטן א ביסעלע אינקאָגניטאָ, דאָס הייסט — זײַן ווי אין „הינ־טערלאַנד".

ביזן ארויסקלײַבן זיך אין וועג ארײַן איז נאָך דאָ גענוג צײַט צו אָנשרײַבן אײַך דעם בריוו.

אויב איר ווייסט ניט, וואָס עס איז אַזוינס קאַרלאָווי וואַרי, וועל איך אײַך דערמאָנען די ווערטער, וועלכע יאָהאַן וואָלפהאַנג געטע האָט געשריבן צו ווילהעלם הומבאָלדטן: ווײַמאַר, קאַרלאָווי וואַרי און רוים, — האָט געטע גע־שריבן, — דאָס זײַנען די איינציקע שטעט, אין וועלכע ס׳ווילט זיך מיר לעבן... און הומבאָלדט האָט אויך געוווסט, וואָס ער רעדט, ווען ער האָט אָנגערופן קאַרלאָווי וואַרי ניט אַנדערש, ווי — דער בריליאַנט אין א שמאַראַגדענער בראָשקע, האָבנדיק אין זינען די אוניקאַלע „פּאָזיציע" פון דער שטאָט, וועלכע ליגט אָף די בארג־אראָפּהאַנגען און אָפן דעק פון אַן ענגן טאָל. פאַרנאַכט, ווען אין טאָל צינדן זיך אָן די שטאָטישע פײַערן, העל־רויטלעכע, וואַ־רעמע, פײַכטלעכע, וואָלט איך, פון מײַן זײַט, צוגעגעבן, אַז דער קאַרלאָוואַרער באַשפּרענקל־טער מיט שײַן טאָל־דורכלויכט אין די בערג זעט אויס ווי אַן אופגעשניטענע גראַנאַט־פּרוכט, פון וועלכער א טייל ווײַמפּערלעך איז שוין פונעם אינגעווייד ארויסגענומען.

און נאָך איינער, מאַמעש אַן אומגלייבלעכער פּראַט. איך בין גרייט זיך שווערן, אַז אין די בעכט, ווען ס׳ווערט אײַנגעשטילט דאָס האַ־וועניש, הער איך טאָמיד אין טאָל פון קאַר־לאָווי וואַרי בעטהאָווענס מוזיק. נו, אַז די מוזיק איז בעטהאָווענס, איז ניט שווער צו דערקענען. אָבער מאָדנע איז דאָס, וואָס אין ערגעץ שפּילט מען זי ניט — ס׳איז מיט איר, אַזוי צו זאָגן, דורכגעזאַפּט די לופט. זי איז טאַקע, לויטן „האַנטשריפט", בעטהאָווענס, אָבער אַפילו א דורכשניטלעכער מיוזן וועט אײַך זאָגן, אַז ס׳איז ניט בעטהאָווענס א קאָנקרעט ווערק, נאָר זײַן „אָטעם", זײַנע קלאַנגען.

דער האָטעל, אין וועלכן איך וווין — מע רופט אים „אימפּעריִאַל", — א מאַסיווער טונקל־גרויער מויער מיט צוויי טורעמס אין ראָמאַ־נישן סטיל, שטייט אָפן סאַמע שפּיץ פון א בארג, און ווען כ׳גיי ארויס אין א שפּעטער שאָ זיך דורכשפּאַצירן, קאָן איך ניט אויסמײַדן צו ארײַנקוקן אין דער סוידעספּולער שטאָט און זיך צוהערן צו איר. עס באַקומט זיך אַזוי, ווי גלײַך איך וואָלט זיך אריבערגעבויגן איבער דעם טאָל און צוגעלייגט צו אים אַן אויער. און אַלעמאָל דערפּיל איך ארום זיך בעטהאָ־ווענס מוזיק. איך וואָלט עפּשער עס גערעכנט פאַר מײַנעם א קלאַנגען־מיראַזש, נאָר איינ־מאָל האָב איך וועגן דעם גערעדט מיט א קאַר־לאָוואַרער טוישעוו, און יענער האָט, שטעלט אײַך פאָר, צוגעשטימט מיט מיר און אַלס באַ־שטעטיקונג מיר דערציילט, אַז לודוויג וואַן בעטהאָווען האָט, זײַענדיק אין קאַרלאָווי וואַרי, אײַנגעאָרדנט א קאָנצערט צוזאַמען מיטן איטאַ־ליענישן פידלער דזשאָמבאַטיסטאַ פּאָלעדראָ, און אָף אָט דעם קאָנצערט האָט בעטהאָווען געשפּילט אימפּראָוויזאַציעס. ס׳איז געווען אין אַן אומרויִקער צײַט, אין 1812, ווען נאַפּאָלעאָן האָט געטריבן קעגן רוסלאַנד די פאַרכאַפּטע דורך אים אייראָפּע, און בייס דעם קאַרלאָוואַ־רער קאָנצערט איז קיינעם ניט ארײַנגעפאַלן אין קאָפּ צו פאַרצייכענען אָף פּאַפּיר די אימ־פּראָוויזאַציעס פונעם גענִיאַלן קאָמפּאָזיטאָר.

— וואָס זשע איז פון דעם געדרונגען? — האָב איך זיך אָנגעפרעגט באַם טוישעוו פון קאַרלאָווי וואַרי.

— אויב איר ווילט, קאָן מען דעם איניען האַלטן פאַר פאַרענדיקט. בעטהאָווען, הייסט עס, האָט אימפּראָוויזירט, קיינער האָט די מוזיק ניט פאַרשריבן, און שוין — אַן עק, א סאָף. און אויב איר ווילט, איז פאַראַן א לעגענדע...

— וואָסער לעגענדע?

— א לעגענדע וועגן דעם, אַז בעטהאָווענס מוזיק, וואָס איז „ארויסגעצויגן געוואָרן" פון אָט דעם טאָל, האָט שפּעטער אין טאָל זיך אומגעקערט און איז דאָרט אָף אייביק פאַר־בליבן. דער קאָמפּאָזיטאָר, איר באַשעפער, וואָלט שוין אַלציינס קיין שליטע ניט געהאַט אָף איר. דעריבער זעצט זי פאָר איר לעבן זעלבשטענדיק, ווי מוזיק פון דעם טאָל...

מיטן טוישעוו פון קאַרלאָווי וואַרי האָב איך זיך באַקאַנט בא פאָלגנדע אומשטענדן. איינער פון די גרעסטע פאַרגעניגנס, וואָס עס האָט דאָ א מענטש, זײַנען די שפּאַצירן איבער די ניט הויכע בערג, באַוואַקסענע מיט בוקאָווע וועל־

דער. א קלוגע האַנט האָט דורכגעלייגט סטעזשקעס און וועגן, וועלכע וויקלען זיך אין די בערג, ווי ספּיראַלן, פון אונטן אַרויף און פון אויבן אַראָפּ, דורכשנײַדנדיק פאַנטאַסטיש־שיינע ערטער, אַזעלכע ווי דער וויטקאָוו־באַרג, דער טאָל פונעם טײַך טעפּלאַ, דער גראַניטענער פעלדז „יעלעני סקאָק“, אויף וועלכן עס שטייט — קאָן זײַן, נאָך פון קאַרל IV צײַטן — א דערשראָקענער בראָנזענער הירש, אָט באַלד וועט ער א שפּרונג טאָן פונדאַנען אין טאָל אַרײַן.

איינמאָל האָב איך, שפּאַצירנדיק מיט מײַן פרוי איבער א מאַרשרוט פון אַן ערך 12 — 15 קילאָמעטער, זיך פאַרהאַלטן אין די בערג עטוואָס מער ווי געוויינלעך. מיר זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען דאָס דערפל גורקי און דעם באַרימטן אין אָט די ערטער „געטעס טורעם“ און, דערגרייכנדיק דעם באַרג־שפּיץ „באַ דרײַ קרייצן“, זיך גענומען אַראָפּלאָזן אין טאָל אַרײַן, צו דער קאָלאָנאַדע, וואָס באַצייכנט דאָס אָרט פון די קוואַלן, — קעדיי דאָרט אויסטרינקען דאָס פאַרנאַכטיקע קווערטל וואַסער פונעם סאַמע הייסן קוואַל וורזשידלאָ. באַם סאַמע אַראָפּשטײַגן האָט אונדז געטראָפן א רעגן, די נאַכט איז מיטאַמאָל צוגעפאַלן, און מײַן פרוי איז געוואָרן אומרויִק. קעדיי מיר זאָלן גיכער קומען צום קוואַל, האָב איך אָפּגעשטעלט דעם ערשטן פאַרבײַגייער און אים געפרעגט אויף דײַטש דעם וועג. דער פאַרבײַגייער האָט באַמערקט, אַז איך רעד מיט אַן אַקצענט, און, ווײַזנדיק וווּהין צו גיין, זיך צערעדט מיט מיר.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז איינער פון די ווייניק לעבן־געבליבענע אסירים פון טערעזיִענשטאַדט. אַרטור איסאַקאָוויטש הייסט ער. אַן עלטערער מענטש, איז ער שוין אינגאַנצן אויסגעלאָשן. עס פילט זיך אָבער, אַז אונטער דעם אָפּגעקילטן אַש גיט פון מאָל צו מאָל א צאַפּל א פײַערל, וואָס איז אָן שום ספק עלטער מיט א מיטוואָך פון דעם פײַער אין די אויוונס פון טערעזיִענשטאַדטער קרעמאַטאָרי. ווײַזט אויס, אַז אַרטור איסאַקאָוויטש איז געווען אַמאָל א מענטש מיט א שאַרפן מויעך, מיט דרייסטע אַסאָציִאַציעס. ער טוט אָן עפּן אויף די אויסגעבלייכטע אויגן־לעפּלעך, באַקוקט, ווי איך בין אויסגעווייקט פון דעם שפּעט־האַרבסטיקן רעגן, און מאַכט אַזאַ כעזשבן:

— אַמאָליקע צײַטן, באַם אימפּעראַטאָר פראַנץ II און נאָך אים, האָבן ייִדן געמעגט זיך היילן אין קאַרלסבאַד בלויז אין די ווינטער־כאָדאָשים — געװײנ פונעם 15 סעפּטעמבער ביזן 15 מײַ. מע האָט אַזעלכע כאַלאָיִם גערופן „ווינטער־ייִדן“...

— קומט אויס, אַז איך בין איצט א מין „ווינטער־ייִד“...

— יעדנפאַלס, ס'איז שוין נאָכן 15 סעפּטעמבער...

איך האָב אים א פרעג געטאָן, צי ס'איז עמעס, אַז אין טערעזיִענשטאַדט האָט מען ניט געהאַרגעט קיין ייִדן. ער האָט ווידער באַוויזן די ווײַסקײַט, וואָס איז שוין קאַמע יאָרן פאַרטריקנט און אָנגעקאַרבט אויף דער אינווייניקסטער זײַט פון די אויגן־לעפּלעך און פון די ליפּן, און ניט אַרויסגעוויזן קיין ווילן צו שפּאָרן זיך:

— אַוודע זײַנט איר גערעכט: אין טערעזיִענשטאַדט האָט מען ניט געהאַרגעט. מיר איז פונקט אויסגעפאַלן צו אַרבעטן אין קרעמאַטאָרי, און די עטלעכע טויזנט מענטשן, וואָס אונדזער קאָמאַנדע האָט פאַר א קורצער צײַט פאַרברענט, זײַנען געשטאָרבן פון הונגער און אויסגעשעפּטקײַט. כאַסוועכאָלילע, קיין לעבעדיקע מענטשן האָט מען דאָ אין קרעמאַטאָרי ניט באַאַרבעט.

— טערעזין איז געווען א גרויס שטעטל?

— א שטעטל הינטער פּראָג, אַכציק מינוט פאָרן מיטן אויטאָבוס. מע האָט פונדאַנען אַרויסגעפירט אין אַנדערע וווין־ערטער די טשעכן, און אויפן ליידיקן פּלאַץ געמאַכט א „יודענשטאַדט“. יאָ, יאָ, די דײַטשן האָבן גערופן טערעזיִענשטאַדט — „מוסטער־געטאָ“, אַפילע „געטאָ־גאַניידן“. ס'איז געווען דאָ אַן אייגענע אַדמיניסטראַציע פון יודנראַטלער, א ייִדישע אָרדענונגס־דינסט. איך היט באַ זיך ביז איצט טערעזיִענשטאַדטער „ייִדיש געלט“ און „ייִדישע פּאָסט־מאַרקעס“. געווען אין טערעזין א גרויסאַרטיקער סימפאָנישער אָרקעסטער. אין אים האָבן געשפּילט ייִדישע מוזיקאַנטן מיט א וועלט־נאָמען. און ווייסט איר, וואָס עס איז געווען זײַן הויפּט־פליכט? — ער פלעגט באַגעגענען מיט מוזיק יעדן נײַ־געקומענעם קיין טערעזיִענשטאַדט עשעלאָן ייִדן, און מיט מוזיק פלעגט ער אַרויסבאַגלייטן די עשעלאָנען קיין אָשווענטשים, צו די גאַז־קאַמערן...

אַרטור איסאַקאָוויטש האָט א לאַך געטאָן:

— ביכלאַל האָט אונדז, טשעכישע ייִדן, אָפּגעגליקט. ווען מע האָט פינף טויזנט ייִדן פון טשעכאָסלאָוואַקיע אַראָפּגעבראַכט קיין בירקענאַו דעם 7 סעפּטעמבער פונעם דרײַ־און־פערציקסטן יאָר, האָט מען זיי, ווי מעיוכאָסים, באַזעצט מישפּאָכעסווײַז אין די באַראַקן, מע האָט ניט אָפּגענומען אַפילע די זאַכן... דעם סעקטאָר „ב־2־ב“, אונדזער אָפּטיילונג אינעם לאַגער, האָט מען גערופן „טשעכישער פאַמיליען־לאַגער“. ער האָט זיך קלוימערשט געפונען אונטער דער שוץ פונעם אינטערנאַציִאָנאַלן רויטן קרייץ. מיר, די אסירים, האָבן זיך באַשעפּטיקט מיט אויסשטאַטן דעם אייגענעם

10—356

מאָקעם. פון דער היים פלעגן מיר באַקומען בריוו און פּעקלעך. איך דערמאָן זיך, אַז אַפילו דעם 5 מאַרט, באַם אַריבערפירן די מערהײַט פון אונדז אין סעקטאָר „ב־2־א", אַף דער שוועל פון די גאַז־קאַמערס, האָט מען אונדז געהייסן אָנשרײַבן אַהיים פּאָסט־קאַרטלעך, אָפּמערקנדיק זיי מיט אַ שפּעטערדיקער דאַטע. מע האָט געזאָגט, אַז מע פירט אונדז איבער קיין הויך־שלעזיען... ס'האָט געדאַרפט בלײַבן די אילוזיע סײַ באַ די דעפּאָרטירטע, וואָס גייען אוועק אין די קרעמאַטאָריעס, סײַ באַ דער אויסערלעכער וועלט...

דער רעגן האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט. מיר זײַנען געגאַנגען מיט פאַמעלעכע טריט אַפן העל־באַלויכטענעם מיט עלעקטרע אַספאַלטירטן וועג, וועלכער פירט פון קאַרלאָווי וואַרי קיין פּראָג, און באַ דער שײַן פון די נעאָן־לאַמטערנס האָב איך באַמערקט, אַז אַרטור איסאַקאָוויטשעס פּאָנעם איז אינגאַנצן ווײַס און אַזוי ווי אָפּגעשיילט, ווי דאָס ווײַסלעכל באַ אַן אַלט־פאַרבאַקן איי. איך האָב אים געפרעגט, ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט, און ענטפערנדיק, האָט ער זיך אַפילו אַ לויב געטאָן:

— איך בין אין טערעזיענשטאַדט געווען אַ גוטער אַרבעטער באַ דער קרעמאַטאָרי. די אויוונס האָבן מאַמעש געגלאַנצט. אַף די רעלסן זײַנען טאָמיד געשטאַנען גרייט וואַגאָנעטקעס און הייב־שטאַנגען: אַפילו מײַן לעדערנער פאַרטעך מיט די הענטשקעס זײַנען טאָמיד געווען ווי באַ אַ ריינער אַרבעט. די דײַטשן האָבן דאָס ליב. און אַז מע האָט באַפוילן צושטעלן צו דער בירקענאַוער גאַז־קאַמער עטלעכע „אייגענע" אַרבעטער, טערעזיענשטאַדטער, האָט מען מיך אויך גענומען. דעם 8 מאַרט, פיר און פערציק, האָבן לאַסטוועגענער אָנגעהויבן פאַרנעמען די אַסירים, ס'האָט זיך דערמיט פאַרענדיקט דער גליקלעכער ספּעקטאַקל מיטן פאַמיליען־לאַגער. פון פינף טויזנט טשעכישע יידן, אָנגעקומענע מיט זעקס כאָדאָשים צוריק, זײַנען טויזנט צוויי הונדערט שוין צו יענער צײַט געשטאָרבן אַפן טערעזיענשטאַדטער אופן, פון הונגער און אויסגעשעפּטקייט. דרײַ טויזנט אַכט הונדערט מענטשן האָט מען אַרויסגעפירט צום דערשטיקן אין גאַז־קאַמער... די אַרבעטער פון דער קרעמאַטאָרי האָבן באַדאַרפט זײַן די לעצטע. נאָר אַפן האַריזאָנט פון אָשווענטשים האָבן זיך שוין געזען די אויפלויכטן פון דער סאָוועטישער אַרטילעריע, און מע האָט אין אונדז פאַרגעסן...

אַרטור איסאַקאָוויטש האָט אַ שטאַרקן קרעכץ געטאָן, זיך אײַנגעקוקט אין עפּעס, וואָס איז געלעגן אַפן וועג, און אַפּגיך אַרומגעגאַנגען דאָס אָרט. איך האָב דערזען ליגן אַפן אַספאַלט אַ טונקל־גרויע טויב מיט צעריסענע פעדערן — אַ קאָרבן פון יאָגנדיקע אויטאָמאָבילן, — און דאָס בילד האָט אַזוי זיך אַרײַנגעפּאַסט אין אונדזער שמועס, אַז ס'האָט פאַרקלעמט באַם האַרצן.

אַ פּאָר מינוט זײַנען מיר געגאַנגען שווײַגדיק. מײַן פרוי האָט זיך באַמיט ענדערן דעם שמועס און צוליב דעם אַ פרעג געטאָן באַ אַרטור איסאַקאָוויטשן וועגן זײַן פאַך. ווי עס טרעפט מיט אַ מענטשן, צו וועמען ס'האָט זיך אומגעקערט נאָך אַ לאַנגן איבעררײַס דער זיקאָרן, האָט אַרטור איסאַקאָוויטש זיך מיטאַמאָל פאַרלאָרן, און ער האָט אײַנצײַטיק אויפגעשײַנט, געוואָרן ערנסט און פײַערלעך און געענטפערט:

— אַ מוזיקאַנט בין איך אַמאָל געווען, אַ פידלער... געשפּילט אַ צײַט טאַקע אין טערעזיענשטאַדטער סימפאָנישן אָרקעסטער...

— און שפּעטער?

— איך האָב אײַך שוין געזאָגט. שפּעטער האָט מען מיך אָפּגעשיקט אַרבעטן אין קרעמאַטאָרי...

— פאַרוואָס?!

— די „מוסטערהאַפטע געטאָ" אין טערעזיענשטאַדט האָט זיך געפונען אַף דער טעריטאָריע פון צוויי אַלטע פעסטונגען: אַ „גרויסער" און אַ „קליינער". אין דער „קליינער פעסטונג" פלעגן דורכגעפירט ווערן עקזעקוציעס איבער ווידערשפּעניקע. איינמאָל בין איך אַרײַנגעפאַלן אַהין איבער דעם, וואָס איך האָב אין באַראַק געשפּילט אַף מײַן פידל דעם טשעכאָסלאָוואַקישן הימען „ווו איז מײַן לאַנד". פאַר שפּילן דעם הימען האָט מען מיר אָפּגעהאַקט די פינגער פון דער רעכטער האַנט, מיט וועלכער איך פלעג האַלטן דעם סמיק... מיילע, אַף דער אַרבעט אין קרעמאַטאָרי בין איך זיך באַגאַנגען אָן די פינגער.

— איר זײַנט, הייסט עס, אַ מוזיקאַנט? — האָב איך איבערגעפרעגט.

— איר כידעשט זיך?

— צו מיר איז איצט דערגאַנגען, פאַרוואָס איר ווייסט די לעגענדע וועגן בעטהאָווענס אימפּראָוויזירטער מוזיק, וועלכע איז אַרײַן אַף אייביק אין קאַרלאָווארער טאָל און לאָזט זיך דאָרט הערן אין די שטילע באַנאַכטיקע שאָען...

דער וועג האָט פאַרקערעוועט צו די קוואַלן. מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט, און פון דעמלט אָן איז מיר שוין מער ניט אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט אַרטור איסאַקאָוויטשן.

אין עטלעכע מינוט אַרום פאָרן מיר אַרויס קיין פּראָג.

אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום וועט שוין ווערן צען יאָר, זינט איך האָב גענומען אַרומפאָרן איבער לענדער פון דער וועלט, און אין ערגעץ האָב איך ניט געטראָפן אַזויפיל סימאָנים פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, ווי אין פּראָג. אין אָט דעם דוירעסדיק־טראַדיציאָנעלן צענטער פון די סלאַוון ווערט אַ גאַנצער שטאָט־כיילעק אָפּגעהאַלטן ווי אַ יידישער מוזיי.

אַמסטערדאַם אָדער רוים באַווייזן געוויינלעך פאַר טוריסטן דאָס אָרט, וווּ יידן האָבן אין אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע געהאַט זייער געטאָ. אין פּראָג, דאַקעגן, ווערט זאָרגפעליק אָפּגעהיט און קאָמענטירט דאָס, וואָס יידן האָבן אין מעשעך פון אַ יאָרטויזנט געשאַפן אינעם לאַנד.

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז געפייערט געוואָרן טויזנט יאָר יידיש לעבן אין באָהעמיע און מאָראַוויע. די דאַטע שטעלט מען פעסט, אָריענטירנדיק זיך לויט אַ באַשרייבונג, וועלכע ס׳האָט איבערגעלאָזט דער שפּאַנישער ייד איבראַהים איבן יאַקוב (אַווראָם בען־יאַנקעוו). ער האָט אָנטיילגענומען אין אַ דיפּלאָמאַטישער מיסיע צום קיניג אָטאָ I, וואָס איז געשיקט געוואָרן פונעם קאָרדאָווער קאַליף על־האַקאַמאַ II, און זייענדיק אין פּראָג, האָט ער פאַרצייכנט זיינע באַאָבאַכטונגען, באַזונדערס אין דער סוויווע פון די יידן, וועלכע האָבן שוין צו יענער צייט געלעבט אין דער באָהעמישער הויפּטשטאָט. דער דאָקומענט געהער צו די יאָרן 965—966. אַ קאָפּיע איז אַרויסגעשטעלט אין דער פּראָגער קלאַוס־שול.

ווי כ׳האָב אייך שוין געשריבן פון קאַרלאָווי וואַרי, בין איך דאָ, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, ניט באַלעסטיקט מיט פּראָגראַמען, כ׳בין פריי ווי אַ פויגל. אָף וויפל ס׳איז ניטאָ קיין צייט צו באַקוקן גאַנץ פּראָג, האָב איך באַשטימט זיך אָפּהאַלטן אין דער אַלטשטאָט — סטאַראָיע מיאַסטאָ, — ווייל דאָ געפינט זיך דאָס יידישע שטאָט־פערטל. איך בין צום אָנהייב אַרופגעקומען אָף אַ גערעמען, עטוואָס אַסימעטרישן פּלאַץ, ווו כ׳האָב געהאַט אַ געפיל, ווי כ׳וואָלט שוין דאָ אַמאָל געווען. אויך ווען איך טרעף זיך מיט אָן אַלטן מענטשן, דוכט זיך מיר טאָמיד אויס, אַז דער אויסזען זיינער איז מיר שוין באַקאַנט. אָפּן סטאַראָמעסטסקי־פּלאַץ, — אַזוי רופט זיך דער פּלאַץ, פון וועלכן כ׳האָב אָנגעהויבן מיין באַקאַנטשאַפט מיט פּראָג, — האָב איך באַקוקט דעם דענקמאָל יאַן גוסן. איך האָב זיך דערמאָנט פאַרשיידענע פּראַטים וועגן דער אָפּווירקונג, וואָס די פאָלקס־באַוועגונג האָט געהאַט אָפּן יידישן יישעוו. אין דער פריער יוגנט, געדענק איך, האָט אָף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושעם, ווען כ׳האָב זיך דערוווּסט פון היסטאָרישע ביכער, אַז גוס און זיינע נאָכפאָלגער, רופנדיק דאָס פאָלק צום קאַמף קעגן דער רוימישער קירכע, האָבן אין זייערע דראָשעס אָפּגעלעבט דעם נוסעך פון די נעוויִים. די פּראָגער גוסיטן פלעגן זינגען הימנען אָף לאָשנקוידעש, וועלכע ס׳האָט פאַרפאַסט פאַר זיי דער דיכטער אַוויגדאָר קאַראַ.

דאָ דאַרף איך אָנווייזן אָף איינעם אַ פאַרשפרייטן טאָעס. אין פיל אַרבעטן, געווידמעט דעם יידישן יישעוו פון פּראָג, דאָרט, ווו די אַוטאָרן רעכענען אויס, ווער פון די באַרימטע מענטשן עס האָט געלעבט אין אָט דער שטאָט, איז דער סאַמע ערשטער אין צעטל — יויסעף בען עפּראַיִם קאַראָ, דער אַוטאָר פונעם שולכן־אָרעך. מע באַהויפּט אַפילע, אַז אָפּן אַלטן יידישן בעסוילעם אין פּראָג קאָן מען איצט זען די מאַצייווע אָף זיין קייווער.

מע פּלאָנטערט איבער צוויי היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, וואָס איינער צום אַנדערן האָט קיין שייכעס ניט. איינער איז קאַראָ, דער צווייטער קאַראַ. דער שעפער פונעם שולכן־אָרעך איז קאַראָ, יויסעף בען עפּראַיִם, און ער איז קיינמאָל אין פּראָג ניט געווען. געבוירן איז קאַראָ אין שפּאַניע און געשטאָרבן אין פּאַלעסטינע.

אַוויגדאָר בען יִיצכאָק קאַראַ — דער גרויסער ליטורגישער פּאָעט און קאַבאַליסט — איז געשטאָרבן אין פּראָג אין 1439. אַגעוו, ערשט אין 49 יאָר אַרום איז געקומען אָף דער וועלט יויסעף בען עפּראַיִם קאַראָ.

זאָלט איר טאַקע וויסן, קומענדיקע געסט פון דער גאָלדענער שטאָט פּראָג, אַז דאָרט איז אָפּן אַלטן יידישן בעסוילעם באַערדיקט ניט דער שעפער פונעם שולכן־אָרעך, נאָר דער אַוטאָר פונעם געזאַנג „עכאָד יאַכיד אומעיעכאָד“, פון סליכעס, פיזמאָנים, עלעגיעס, ליטורגישע הימנען.

פאַר ספּעציאַליסטן וואָלט איך אָנגערופן אָט וואָס פאַר אַ פּראָבלעם. ווי באַוווּסט, איז אין 1389 פאָרגעקומען אין פּראָג אַ גרויזאַמער יידישער פּאָגראָם, בייס וועלכן עס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דריי טויזנט מענטשן. ביז איצט הערן זיך פּאָדערונגען צווישן דעם עלטערן דאָר פּראָגער יידן, מע זאָל פאַרבאָטן גרינטלעך צו רעסטאַוורירן די פּראָגער אַלט־ניי־שול, ווייל, לויט דער לעגענדע, זיינען אירע ווענט באַגאָסן געוואָרן מיט דעם בלוט פון די קאָרבאָנעס. בעקיצער, אַ שכיטע איז געווען אין פּראָג ניט קיין קלענערע, איידער די קעשענעווער אין 1903.

איך דערמאָן דאָ דעם קעשענעווער פּאָגראָם מיט אַ קיוון, עס זאָל גרינגער זיין אַריבערצוּוואַרפן אַ בריקל צווישן דער עלעגיע פון אַוויגדאָר קאַראַ וועגן פּראָגער פּאָגראָם און כאַיִם נאַכמען ביאַליקס „די שכיטע־שטאָט“.

ס'וואָלט ביכלאַל געווען קעדײַ צו נאָכשפּירן
די ווירקונג פון אוויגדאָר קאַרא אַף כאַים-נאַכ-
מען ביאַליקן. פאַרשטייט זיך, איך האָב קוידעמ-
קאָל אין זינען דאָס, וואָס אין א צײַטדויער פון
א האַלבן יאָרטויזנט כאַזערן זיך איבער די גע-
שעענישן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן ענלעכע
מאָטיוון בא ביידע גרויסע דיכטער; דאָס איז
אָבער ניט די איינציקע סיבע, פאַרוואָס עס
קלינגט אין אוניסאָן דאָס וואָרט, דער ווײ און
צאָרן בא די צוויי שריפטשטעלער...

באַם דענקמאָל יאַן גוסן, אַפן סטאַראָמעסטסקי-
פּלאַץ, האָב איך זיך באַקאַנט מיט א פּאַרפאַלק,
וואָס זייער פאַמיליע איז קאַפקאַ, און דאָס,
אייגנטלעך, האָט צוגעצויגן מײַן אופמערקזאַמ-
קײַט. דער מאַנצבל — ער איז באַשטאַנען, איך
זאָל אים רופן „פּאַשעט שאַבסי" — האָט מיר
גלײַך מיטגעטיילט, אַז ער האָט קיין שום שײַ-
כעס ניט צו פראַנץ קאַפקאַ, און דערבײַ צוגע-
געבן: „בא אונדז איז פאַרשפּרייט די פאַמיליע
קאַפקאַ, פּונקט ווי בא אײַך די פאַמיליע ראַבי-
נאָוויטש"... כאָווער שאַבסי קאַפקאַ איז א ספּע-
צ'אַליסט אין געביט פון עלעקטראָניק, ער אַר-
בעט, „ווי ניט דאָס לעצטע שרײַפּעלע", אַף א
זאַוואָד פון רעכענונגס-מאַשינעס — „הײַנטצײַ-
טיקע גוילעמס", האָט שאַבסי קאַפקאַ געהיימניס-
פול אַרײַנגערוימט מיר אין אויער, פּונקט ווי
א גוילעם וואָלט „בא זיי" געווען דאָס זעלבע,
ווי „בא אונדז", אַמווייניקסטנס, א רעאַקטיווער
מינענוואָרפער „קאַטיושאַ". מײַן נײַער באַקאַנ-
טער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר א היימישן
מענטשן, איבערהויפּט בישכיינעס מיט דער פרוי
זײַנער, וואָס האָט גערעדט אומגערן, האַגאַם
דעם מאַן האָט זי דאָ און דאָרט אונטערגעזאָגט
א וואָרט אַף „ריינעם ייִדיש" (ריינער ייִדיש
באַטײַט בא די קאַפקאַס דער גאַליצ'יאַנער דיאַ-
לעקט). דאָס פּאַרפאַלק האָט ביזן קריג געלעבט
אין סלאָוואַקיע, ווו מע ניצט נאָך ביז הײַנט א
ביסל ייִדיש. שאַבסי קאַפקאַ האָט וועגן דעם
שפּראַך-איניען בא ייִדן זײַן אייגענע טעאָריע.
אַגעוו, אַף צו איבערגעבן מיר דעם טאָך פון אָט
דער טעאָריע איז אים צוהילף געקומען טאַקע
פראַנץ קאַפקאַ, דער גרויסער טשעכיש-דײַטשי-
שער שריפטשטעלער, וועלכער האָט, ווי גע-
זאָגט, קיין שום שײַכעס ניט צו אים, צו שאַבסי
קאַפקאַן, — אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז צווישן
די ייִדן די פאַמיליע קאַפקאַ ניט ווייניקער פאַר-
שפּרייט, ווי אין סאָוועטנפאַרבאַנד די פאַמיליע
ראַבינאָוויטש...

איז אָט, איינמאָל האָט פראַנץ קאַפקאַ זיך גע-
ווענדעט צו א פאַרזאַמלונג פון אַסימילירטע ייִדי-
שע אינטעליגענטן פון פּראַג מיט אַזעלכע קלוג-
שמייכלענדיקע ווערטער: „איך וויל אײַך זאָגן,
מײַנע דאַמען און הערן, אַז איר פאַרשטייט
ייִדיש א סאַך בעסער, ווי איר דאַכט זיך"...

שאַבסי קאַפקאַ זאָגט אויך דאָס זעלבע.

ווי איך האָב שוין באַמערקט, איז כאָווער
שאַבסי קאַפקאַ פאַרמישט אין שאַפן די „הײַנט-
צײַטיקע גוילעמס". קאָן זײַן, אַז דאָס האָט אים
באַוועגט מיך אַוועקצופירן פונעם סטאַראָמעסט-
סקי-פּלאַץ צום פּראַגער שטאָטישן מאַגיסטראַט,
ווו עס שטייען נאָך אַלץ אַף ביידע זײַטן פון
דער אַרײַנגאַנג-טיר די סקולפּטורן פונעם פּראַ-
גער ליימענעם גוילעם און פון זײַן באַשעפער —
דעם מאַהאַראַל. שאַבסי קאַפקאַ האָט מיט דער
הילף פון זײַן שווײַגנדיקער פרוי מיר איבערגע-
געבן אַף א „ריינעם ייִדיש" אייניקע פּראַטים,
וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיטן פּראַגער גוילעם.
דערבײַ האָט ער די פּראַטים ניט איבערדער-
ציילט, נאָר קאָמענטירט. אַזוי טוט מען, ווען מע
שמועסט מיט א מענטשן, וואָס איז אין קורס
פון דער זאַך:

— איר זעט, דער גוילעם איז דאָ געמאַכט אַנ-
דערש ווי בא דעם מאַהאַראַל. ער האָט ניט דאָס
געשטאַלט פון א פּאַשעטן כײַוועקײַעם, א ראָ-
באָטניק, וואָס האַקט האָלץ און טראָגט וואַסער.
דאָ איז ער א פאַרפאַנצערטער ריטער און, ווי
ס'איז אָנגענומען בא פאַרפאַנצערטע ריטער, —
מיט א פאַרבאַהאַלטענעם פּאָנעם. דער סקולפּ-
טאָר האָט געקוקט אַפן גוילעם מיט די אויגן ניט
פונעם אַלטן צאַדיק, נאָר פון זײַן ראָמאַנטישער
טאָכטער, וועלכע האָט זיך אינעם גוילעם אײַנ-
געליבט...

ס'איז טאַקע געווען אַן אויסערגעוויינלעכע
טראַגעדיע. דעם מאַהאַראַלס טאָכטער (אין
דער סקולפּטור-גרופּע קלאַמערט זי זיך צו די
פיס פונעם טאַטן) האָט קלאָר ניט געוווּסט, אַז
דער גוילעם איז א ניט-מענטש, א געשטאַלטקײַט
אָן א נעשאָמע. וואָס קאָן איר אָבער זאָגן דער
טאַטע? מיט וואָס איר העלפן? זי איז פאַרליבט
אין א פּאָרמע פון ליים...

די טראַגעדיע פונעם מאַהאַראַל איז געווען,
אויב איר ווילט, א פילאָסאָפישע און א סאָ-
צ'אַלע. די באַרעכטיקונג פון זײַן „מאַכט איבער
מאַטעריע" שטאַמט פון דער אידעאַליסטישער
לערע וועגן גײַסט, וועלכע ליגט אין יעסאָד
פון יעדער רעליגיע, אַרײַנגערעכנט די ייִדישע.
מיטן וואָרט האָט גאָט באַשאַפן די וועלט, דאָס
הייסט אַרײַנגעטאָן לעבן אין כאַאָס. דער פּראַ-
גער צאַדיק פונעם XVI יאָרהונדערט רעב
יעהודע-לייב בען-בעצאַלעל, אָדער, ווי מע
פלעגט אים רופן, „דער גרויסער רעבע ליוואַ",
האָט מיט גאָטס נאָמען אַרײַנגעגעבן דעם
קויעך-האַכאַיִם אין א שטיק ליים, א פּראָסטן
טשורבאַן, וועלכן ער האָט אויסגעקלעפּט אין
דער פּאָרם פון א מענטשן. דאָס אַלץ איז
לעגענדע. אָבער דער רעאַלער רעב יעהודע-
לייב בען-בעצאַלעל איז טאַקע אַפּאַנעמעסן
געווען א גרויסער זון פון זײַן צײַט, פונעם

מיטלאלטער, ווען קאבאָלע, מיסטיק, קאָלערליי „מעכאשפים", אלכימיקער אדג. זײַנען פאקטיש געווען די אָפּלייקענער פונעם פארגליווערטן, פונעם שוין אָפּגעלעבטן אין דער געזעלשאפט. גופא אין דער אידיי פון שאפן (זאָל זײַן — מיט דער הילף פון שיימעס פון דער קאבאָלע) אן ערדישן אווטאָמאטישן קויעך איז פארלייגט די אָפּלייקענונג פון רעליגיעזע קאנאָנען, די אנערקענונג פונעם מאטעריעלן. און דאָ טאקע נעסטעט זיך דעם מאהאראלס טראגעדיע. דער עצעם ציל פון שאפן א מין אופזיכט־קויעך — דעם גוילעם — האָט ווידערשפּרעכט דער רעליגיעז־אידעאליסטישער וועלט־אָנשויונג. דערצו נאָך האָט דער שעפער פונעם גוילעם פארלאָרן דעם קאָנטראָל איבער אים, דאָס הייסט — דאָס מאטעריעלע, זײַענדיק א פּראָדוקט פונעם גײַסט, האָט מיט אייגענע קויכעס דעראָבערט פאר זיך זעלבשטענדיקײַט, נאָך מער — בכוירע, ערשטיקײַט.

די מײַסע איז פארלאָפן אזוי. „דער גרויסער רעבע ליוואָ", האָבנדיק אין זינען צו פארטיידיקן די פּראָגער געטאָ פון א בלוט־בילבל, האָט געשאפן דעם גוילעם — א מין „זעלבשוץ", וואָס האָט שפּעטער באקומען פון אים אויך אנדערע לעבנס־פונקציעס. געשאפן האָט דער מאהאראל דעם גוילעם, ווי געזאָגט, מיט דער הילף פונעם סאמע פארהוילענעם קאבאָלע־מיטל: ארײַנגעלייגט אין דעם ליימענעם טשורבאן אן אמולעט מיט א געהיימניספולער טעטראגראמע. דאָס איז געווען דער שיים־האמפוירעש — דער דײַטלעכער נאָמען פון גאָט, אזא ווי ער איז, און ניט אין א פארשטעלטער פאָרם (ווי מע האָט דאן געגלייבט, איז עס דער ווירקזאמער שפּרוך אף צו אופטאָן אומגעווייִנלעכע ווונדער).

קורץ, אין די שמאָלע געסעלעך פונעם אלטן פּראָג, דאָרט, ווו איך גיי איצט ארום מיטן מאָדערנעם פארפאָלק קאפקא, האָט זיך באוויזן צווישן לעבעדיקע מענטשן א ליימענער גוילעם, וואָס האָט געקאָנט אלץ טאָן לויטן באפעל פונעם הייליקן רעבן. דאָס הייסט, געקאָנט האָט ער בלויז הערן, פארשטיין דאָס געהערטע און טאָן וואָס מע הייסט אים. רעדן האָט ער ניט געקאָנט, וואָרעם רעדן — דאָס איז דער העכסטער גאָב, מיט וועלכן גאָט האָט באשאָנקען דעם מענטשן, און דער סאָד פון דעם איז באוווּסט בלויז אים, דעם אייבערשטן, און ער אנטפּלעקט אים פאר קיינעם ניט...

דער מאהאראל האָט געקאָנט טאָן מיטן גוילעם אלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. ער פלעגט אים געבן שווערע ארבעט, וואָס עס האָט ארויסגערופן בא דוירעס יידישע קינדער, אין די ווײַטערדיקע צײַטן, פיל מיטלײַד צום „עקספּלואטירטן", פונקט אזוי ווי די סימפּאטיע בא די רוסן איז אינגאנצן אף דער זײַט פון זאָלושקע. נאָר איינמאָל איז געשען, ווי די לעגענדע דערציילט, אן אומגלייבלעכע זאך. באם ליימענעם גוילעם האָט זיך באוויזן אן אייגענער ווילן, ס'האָט אין אים א בלענד געטאָן דער פונק פון זעלבסטבאוווסטזײַן. ער האָט באשטימט האנדלען אזוי, ווי ער אליין געפינט פאר נייטיק, און זיך ניט צוהערן צו דעם, וואָס עס זאָגט אים דער אלטער צאדיק. דאָס גײַסטיקע האָט אין דער סיסטעם פונעם אידעאליסט פארלאָרן דעם קאָנטראָל איבערן מאטעריעלן!

די מאטעריע האָט אליין ארויסגעוויזן גײַסט! „אלס אלעגאָריע קאָן מען זיך עס פאָרשטעלן, אָבער..." — מײַן קאָמענטאטאָר כאווער שאבסי קאפקא טוט מיר פארטרויִלעך א שעפּטשע אפן אויער, פונקט ווי ס'וואָלט געגאנגען א רייד אמווייניקסטנס וועגן א מעלוכישן סעקרעט: „ווען איך זאָל וועלן, וואָלט מײַן עלעקטראָנישע מאשין אפילע געשריבן ליבע־לידער, אָבער אין לעצטן סאכאקל וועלן די לידער קומען פון מײַן גײַסט, ניט פון דער מאשינס. און פארגעסט ניט, אז איך קאָן די מאשין אָפּשטעלן, און — אויס מיט די ליבע־לידער..."

שאבסי קאפקאס שווײַגנדיקע פרוי האָט ניט אויסגעהאלטן:

— דער מאהאראל האָט דאָך אויך „אָפּגעשטעלט" דעם גוילעם...

ווען דער שוין קימאט אינגאנצן אויסגעמענטשלעכטער גוילעם האָט זיך א מעגושעמדיקן טראָג געטאָן איבער דער פּראָגער געטאָ, איבערקערנדיק און אומוואָרפנדיק אלץ, וואָס עס האָט זיך אים געטראָפן אין וועג, ארויסרופנדיק ארום זיך א סומאטאָכע און איבערשרעקנדיק ביז טויט די מענטשן, דאן האָט דער מאהאראל ארויסגעריסן פון זײַן מויל דעם אמולעט, אָפּגענומען דעם שיים־האמפוירעש, און יענער איז ווידער געוואָרן א שטיק ליים, ניט מער. ווי די לעגענדע דערציילט, ליגט נאָך אדהײַעם דאָס ליימענע לײַב פונעם גוילעם אפן בוידעם פון דער פּראָגער אלט־נײַ־שול.

— קומט, לאָמיר צוגיין אין דער אלט־נײַ־שול, — האָב איך געבעטן.

— ליידער איז שוין קיין צײַט ניטאָ. וועלן מיר אײַך אונטערפירן א פּאָר קווארטאלן...

מיר האָבן פארקערעוועט צום יידישן שטאָטפּערטל. דער כאווער שאבסי קאפקא האָט מיר געהייסן קוקן, וואָס אונטער די פּיס טוט זיך. איך האָב ערשט איצט דערזען די בארימטע פּראָגער טראָטוארן, אף וועלכע עס זײַנען ארויסגעלייגט פון פילפארביקע שטיינער אָדער פון קעראמישע פּליטקעס געאָמעטרישע פּיגורן, אוזאָרן, קווייטן. לאנג קוקן אונטער די פּיס

האָט זיך אָבער מיר ניט אײַנגעגעבן, ווײַל קאַפ־קאַס שווײַגנדיקע פרוי האָט אָנגעזאָגט, אַז ס'איז שוין צײַט איבערפירן די אויגן פון די טראָ־טואַרן אַף די הײַזער־פאַסאַדן, לעבן די אַרײַנ־גאַנגען, ווו עס זעען זיך אַרויס ספּעציעלע צייכנס (אָנגעמאָלטע אָדער אויסגעקלעפּטע), וועלכע פלעגן אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענ־הײַט דינען אַף צו געפינען דאָס נייטיקע הויז (אין פּראַג האָט מען אָנגעהויבן נומערירן די שטיבער ערשט מיט 200 יאָר צוריק). איך האָב פון מאָל צו מאָל אויסגעשריגן, וואָס פאַר א צייכן איך זע אַף די ווענט, און די קאַפקאַס האָבן צוגעשטימט, אַז אַזוי איז עס טאַקע: א שוואַרצער בער, א גאָלדענער שטערן, א גרינע זשאַבע, א ווײַסע שוואַלבע, דרײַ הערצער, דרײַ פידלען, דרײַ רויזן...

דורכגייענדיק פאַרבײַ דעם פּאָפּולערן אין פּראַג רעסטאָראַן „או קאַליכאַ" (אַהער פלעגט אַרײַנקומען דער העלד פון יאַראָסלאַוו גאַשעקס ראָמאַן „דער בראַווער סאָלדאַט שוויק"), האָבן מיר באַם אַרײַנגאַנג אויסגעטרונקען צו קופּלען פּלזענער ביר „דוואַנאַצטקע" און זיך צעשיידט — די קאַפקאַס האָבן זיך אומגעקערט צוריק אַף סטאַראָמעסטסקי־פּלאַץ, און איך בין אוועק מיט דער פּאַרזשישסקער גאַס און, איבערגייענדיק אַף דער לינקער זײַט אירער, דערזען צוערשט די אײַנדרוקספולע סקולפּטור פון מוישע ראַבּיינו און דערנאָך די אַלט־נײַ־שול מיט דער כאַראַקטעריסטישער טורעמ־אַרטיקער, טרעפּלדיק־אויסגעשניצטער דאַך־וואַנט (דאָרט, אַפן בוידעם, וווהין עס פירן ניט קיין טרעפּ, ליגט טאַקע, לויט דער לעגענדע, דאָס ליימענע „געביין" פונעם גוילעם. ס'איז א באַוווסטער היסטאָרישער פאַקט, אַז דער זשורנאַליסט עגאָן ערווין קיש האָט געפּרוּווט אַמאָל דערקלײַבן זיך צום בוידעם־שטיבל מיט דער הילף פונעם דרויסנדיקן פײַערלעשער־לייטער, קעדיי זען, וואָס עס איז געבליבן פונעם גוילעם, נאָר ער האָט זיך אומגעקערט, ניט דערגרייכנדיק דעם ציל).

עס וואַרפט זיך גלײַך אין די אויגן די דרײַשטאָקיקע געבײַדע פונעם יידישן ראַט־הויז, וועלכע שאַפט צוזאַמען מיט דער אַלט־נײַ־שול א שמאָל געסעלע. איבערן דריטן שטאָק, פונקט אונטער דעם קונציק־געשניצטן טורעם, האָב איך דערזען דעם זייגער מיט יידישע אויסיעס אַפן ציפערבלאַט אָנשטאָט ציפערן (אָנהייבנדיק פון אַן אַלעף, וועלכער פאַרבײַט די ציפער 1, און ביז יוד־בייס — 12), בא וועלכן די ווײַזערס באַוועגן זיך פון רעכטס אַף לינקס, אַפן יידישן אויפן...

אַראָפּגעשטיגן מיט עטלעכע טרעפּלעך אין דער עלטסטער פון אַלע סינאַגאָגעס פון אייראָפּע, האָב איך זיך דערפילט, גלײַך איך וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט א ווינדע טיף־טיף, ווי אין א שאַכטע. מער פון זיבן הונדערט יאָר שטייט שוין די שול אַף איר פונדאַמענט, וועלכן מע האָט, ווי עס דערציילט די לעגענ־דע, צונויפגעלייגט פון שטיינער, אַראָפּגע־בראַכטע אַזש פון די כורוועס פונעם בייס־האַמיקדעש.

ס'איז טשיקאַווע: דער נאָמען „אַלט־נײַ" באַצייכנט ניט די עלטער און אויך ניט די באַנײַונג פון דער סינאַגאָגע, ער נעמט זיך פון דעם, וואָס געבויט האָבן זי, די שול, ווי מע האַלט, יידן, וועלכע זײַנען געקומען קיין באָהעמיע נאָכן כורבן־ירושאָלאַיִם. האָפנדיק, אַז ס'וועט לאַנג ניט געדויערן, ביז דער בייס־האַמיקדעש וועט אופגעשטעלט ווערן, האָבן זיי אוועקגעשטעלט די סינאַגאָגע בא דער וולטאַווע, „אַף דערווײַל", אין העברעיִש — „על תנאי", דה. מיט א באַדינג. פון „אַל טנײַ" איז געוואָרן „אַלט־נײַ"... די טונקלקײַט אין דער אַלט־נײַ־שול קומט פון אינווייניק, ניט פון דעם, וואָס עס איז פאַרשטעלט דער דרויסן. די פײַכטקײַט שפּאַרט אַרויס פון די ווענט, פונעם דיל, פון דער סטעליע. די פינפווינקל־דיקע קאָלאָנעס מאַכן ענג די דורכגענג. פון דער היפשער צאָל האָלענדישע מעשענע זשי־ראַנדאָלן לײַכטן בלויז צוויי, אַף ביידע זײַטן אָרנקוידעש, און איינער איבערן אָרט, ווו עס שטייט דער כאַזן.

עטלעכע היסטאָרישע סינאַגאָגעס, אויסער דער אַלט־נײַ־שול, וועלכע געפינען זיך אַפן ניט גרויסן שטעטח פונעם יידישן שטאָט־פערטל, זײַנען איצט פיליאַלן פונעם מעלוכישן יידישן מוזיי. די היסטאָרישע זאַמלונגען, וואָס ווערן דאָרט אָפּגעהיט, האָבן צו זיך קיין גלײַכן ניט. דאָס זײַנען טויזנטער און טויזנטער כפיי־צים פון גאָלד און זילבער, וועלכע עס האָבן אין פאַרשיידענע צײַטן און עפּאָכעס אויס־געאַרבעט די בעסטע גראַווירער פון אייראָפּע; זעלטענע קסאַוויאַדן און ספאָרים וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין פּראַג; דאָקומענטן, וואָס שילדערן די ליידן, דעם אומקום, דעם קאַמף פאַרן לעבן פון די טשעכישע יידן בייס דער היטלערישער אינוואַזיע; די רײַכסטע אין דער וועלט קאָלעקציע פון פּאָרויכעסן, טוירע־מענטעלעך, שטריקערײַען, באַלעמער־צודעקן, וויקלשנורן, טוירע־קרוינען אדג. אאַוו.

אין דער פּינקאַס־סינאַגאָגע שטייט א מאָנו־מענט די פאַרשניטענע טשעכישע יידן. ערעוו דעם צווייטן וועלט־קריג האָט די יידישע באַ־פעלקערונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע באַטראָפן 90 טויזנט נעפּאָשעס. הײַנט זײַנען אין לאַנד פאַראַן בא 18 טויזנט יידן. דאָרט, ווו עס שטייט דער דענקמאָל, אין דער פּינקאַס־סי־נאַגאָגע, זײַנען די ווענט באַדעקט מיט די

נעמען פון 77.297 אומגעקומענע. אין מעשעך פון פינף יאָר נאָכן קריג האָט מען סיסטעמאַטיזירט און אופגעשריבן אַף די ווענט דאָס טרויעריקע צעטל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אַפן סמאַך פון דעם כעזשבן, וועלכן ס'האָט טאָגטעגלעך געפירט אַן אָנגעשטעלטער אין טערעזיענשטאַדטער יודען־ראַט — יויזעף פּאַלאַק. בלויז אַף איין מענטשן האָט זיך טויע געווען פּאַלאַק. אַנומלטן איז אין דער פּינקאַס־סינאַגאָגע געקומען אַ ייִד מיטן נאָמען אייזשען הילאַר. דערזעענדיק זײַן פֿאַמיליע אַף דער וואַנט, האָט ער דערציילט, ווי־אַזוי ער איז ניצל געוואָרן פונעם טויט, און געבעטן פאַריכטן דעם טאָעס. דאָס אָרט פון דעם אויסגעשלאָסענעם פונעם צעטל האָט פאַרנומען אַליין דער צונויפשטעלער: יויזעף פּאַלאַק האָט באַוויזן צו באַגראָבן אין דער ערד די רעשימעס פון די קדושים, און נאָכדעם איז ער אומגעבראַכט געוואָרן.

די עק־גאַס, אַנטקעגן דער אַלט־נײַ־שול און דעם געוועזענעם ראָטהויז, פאַרנעמט דער אַלטער ייִדישער בעסוילעם. ניטאָ אַזאַ מענטש פון אויסלאַנד, וועלכער, קומענדיק קיין פּראָג, זאָל ניט באַזוכן דאָס דאָזיקע ווינקל. אײַנגעזונקענע אין דער ערד, האַלב־אומגעפאַלענע, קימאַט שוין אַרופגעקראָכענע איינע אַף דער אַנדערער, פאַרייניקטע קלוימערשט אין איין אומוואַלגער, אָבער גאַנץ באַזונדערע יעדע פאַר זיך, וואַרעמען זייערע אַלטע ביינער הינטער פעלצעלעך פון מאָך און צײַט־שטויב מאַצייוועס פון רויען שטיין, וואָס אייניקע פון זיי האָבן שוין אַ „סטאַזש" פון 5 — 6 הונדערט יערעלעך...

ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, בין איך אַרײַנגעקומען זיך מעלדן אין קולטור־ראַט פון די ייִדן פון טשעכאָסלאָוואַקיע. דער סעקרעטאַר פון דער קעהילע און פונעם ראַט אָטאָ הײַטלינגער, וועלכער האָט זיך פּונקט פאַרהאַלטן נאָך דער אַרבעט, איז געווען שטאַרק פאַרכידעשט פון מײַן אומגעריכטן וויזיט און געבעטן, איך זאָל אַף אַ פּאָר טעג איבערבלײַבן אין פּראָג. איך האָב אים געענטפערט, אַז ס'איז אומעגלעך, און מיר זײַנען אָפּגעזעסן אַ שאָ אַנדערהאַלבן, אויסגעטרונקען צו טעפּעלעך קאַווע און געשמועסט. הײַטלינגערס ענטפער אַף איינער אַ פּראַגע מײַנער וועל איך דאָ ברענגען. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר העלפן דערגיין צו דער סיבע, פאַרוואָס אין די לענדער פון מיירעוו־אייראָפּע, ספּעציעל אין טשעכאָסלאָוואַקיע, זײַנען אַזוי אויסגעשעפּט די דעמאָגראַפישע צײַגערס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

— איך קאָן אײַך ניט זאָגן וועגן גאַנץ אייראָפּע, — האָט געענטפערט אָטאָ הײַטלינגער, — נאָר וואָס שײַעך טשעכאָסלאָוואַקיע, איז פאַראַן אַ געוויסער „סאָד". די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס אין די היטלערישע צײַטן זײַנען צווישן די ייִדן מערסטנס אויסגעהאַרגעט געוואָרן די יונגע. אַפילע שטאַרבן מיט אַ „נאַטירלעכן טויט" — פון הונגער און פון אַנדערע ליידן — פלעגט גיכער אַ יונגער. קורץ, די יונגע, פון וועלכע עס שפּינט זיך ווײַטער דער פאָדעם, זײַנען קימאַט אַלע פאַרשווונדן. נו, און פון אַלטע לײַט — וואָס פאַר אַ צוווּקס, מישטיינסגעזאָגט, קאָן מען פון זיי דערוואַרטן?

אַרויסגייענדיק פונעם הויז, אין וועלכן עס געפינט זיך דער קולטור־ראַט, האָב איך אַפן ערשטן שטאָק, דאָרט, ווו עס עפנט זיך אַ טיר צו דער ייִדישער גאָרקיך, זיך צונויפגעטראָפן מיט עטלעכע יונגעלײַט אין ברעזענטענע רעקלעך, מיט גרויסע קעגנפײַערברילן אַף די דאַשעקעס פון האַרטע היטלען. זיי האָבן צונויפגעשטעלט אין אַ ווינקל זייערע שווייַך־אינסטרומענטן, העקלעך, לאָמען און, איבערוואַרפנדיק זיך מיט טשעכישע ווערטער, אַרײַן אין עסצימער. דאָרט איז געווען שטאַרק ליכטיק. ווי ס'האָט מיר אופגעקלערט אַן אָנגעשטעלטער פונעם ראַט, האָט זיך אין דער גאָרקיך צונויפגעקליבן, גלײַך נאָך דער אָוונטוואַכטע, די ייִדישע יוגנט אַף צו באַהאַנדלען עפּעס אַ וויכטיקע פּראָבלעם.

צוועלפטער בריוו

כ'וואָלט אַ באַלן געווען צו וויסן, ווי־אַזוי און לויט וועלכע סימאָנים האָבן אַדמיניסטראַטאָרן באַ די ווײַטע אָוועס אײַנגעשטעלט די גרענעצן צווישן לענדער — אָט דאָ־אָ, באַ דעם דאָזיקן ריטשקעלע, איז פון פאָרנט אונדזער לאַנד, און מיט אַ קלאַפּטער ווײַטער, אָט פון דעם־אָ הרודקעלע ערד, איז שוין אײַער לאַנד... אַף דער געאָגראַפישער מאַפּע זעט אויס די אָפּגרענעצונג גאַנץ פּאָשעט: יעדער לאַנד באַפאַרבט מען מיט אַן אַנדער פאַרב, און פּאָטער. אָבער אַז צוויי פעלקער שטייען, לעמאָשל, באַ אַ וואַלד, — איז ווי־אַזוי קאָן מען פעסטשטעלן, ווען עס איז ער לויטן נאַציאָנאַלן סימען? און ווען די גרענעץ ליגט אַף אַ מיטן פון אַ פעלד, איז — ביז אַהער וועט מען רעדן אַפן לאָשן פון יענעם לאַנד, מע וועט טראָגן יענע נאַציאָנאַלע בגאָדים און מע וועט זינגען לידער און הימנען פון דאָרטן, און מיט אַ שפּאַן ווײַטער וועט שוין אַלץ זײַן לויטן שטייגער פון דער קעגניבערדיקער נאַציע?..

וועגן דעם האָב איך געטראַכט, זיצנדיק אין צוג אַפן וועג קיין בולגאַריע. ווען מע פליט מיטן עראָפּלאַן, שנײַדט מען צו די געדאַנקען

לויטן הימל־רוים: די וועלט איז א דורכויסיקע, ניטאָ קיין צעטיילונג אף דער־זײַט וואלד, אָדער פעלד אָדער טײַך, און אף יענער־זײַט. די קורצע צײַט, וואָס גייט אוועק אף א לאנגן וועג, איז א באוויַיז ניט נאָר פון נאָענטער שכיינעס צווישן אָפּגעגרענעצטע קאנטן, נאָר אויך פון דעם, אז די אָפּגעגרענעצטקײַט גופע איז באדינגלעך. אנדערש איז אָבער, ווען מע פאָרט מיט דער באן. א לאָקאָמאָטיוו איז ווי אן ערד־זשוק, וועלכן מע קאָן מיט א שטרויעלע אָפּשטעלן אָדער אָפּווענדן אין אן אנדער זײַט. עס טוט זיך א לאָז אראָפּ דאָס דרענגל פונעם גרענעץ־שלאגבאום, און די באן שטעלט זיך אָפּ: דאָ, בא דעם דאָזיקן דרענגל, ענדיקט זיך יענץ לאנד און עס הייבט זיך אָן אן אנדערס...

דעם עמעס געזאָגט, האָב איך קיין שרײַענדיקע ענדערונגען אינדערלופטן, אף דער ערד, צווישן די מענטשן ניט באמערקט, ווען כ׳בין פון סאָוועטנפארבאנד אריבערגעפאָרן קיין רומעניע און פון רומעניע קיין בולגאריע. דאנקען גאָט, וואָס עס איז אזוי גרינג געוואָרן דאָס קומען צוגאסט צו פרײַנט... ארויסגייענדיק פונעם צוג אין דער הויפּטשטאָט פון בולגאריע — סאָפיע, בין איך אויך ניט ארײַנגעפאלן אין אן „אנדער וועלט״. פארקערט, דער געפיל פון אויסלאנד איז ניט געקומען צו מיר, און איך מוז זיך אײַך מודה זײַן, אז איך בין אפילע עטוואָס באומרויִקט. ביז איצט קאָן איך נאָך אלץ בא זיך ניט פועלן, אז איבערגייענדיק צוויי מעלוכע־גרענעצן, געפין איך זיך שוין אין אן אנדער לאנד. די בולגארישע כאוויירים איזראעל מאיער און איזידאָר סאָלאָמאָנאָוו, וועלכע האָבן מיך באגעגנט באם צוג, האָבן עס דערקלערט מיט דעם, וואָס בולגאריע איז א לײַבלעכע שוועסטער פון רוסלאנד, און ס׳איז ניט שײַעך דאָ די אָפּגעשלאָסנקײַט פון גרענעצן.

מיט איין וואָרט: איך געפין זיך איצט אין בולגאריע, אין דער שטאָט סאָפיע. איך וווין אף א גאס לעבן סאמע פלאץ פונעם 9־טן סענטיאבער, אף וועלכן עס שטייט דער ווײַסמארמאָרנער מאווזאָליי פון געאָרגי דימיטראָוון און פונוואנען עס הייבט זיך אָן אָט די שטאָט, אָט דאָס לאנד, אָט דאָס ווונדערלעכע פאָלק.

וועגן דעם פאָלק פון בולגאריע האָב איך פארצייכנט אין מײַן נאָטיץ־ביכל א לעגענדע, וואָס דער אָנהייב אירער („ווען גאָט האָט שוין צעטיילט די ערדן פון דער וועלט צווישן די פעלקער״ אאוו.) איז א באקאנטער אין דעם פאָלקלאָר פון פיל לענדער פון אייראָפּע; כ׳געדענק, ווי אין דער שווייץ האָב איך אופגענומען ווי א ספּעציפיש־שווייצארישע די לעגענדע, וויִאזוי גאָט האָט זיך געכאפּט, אז אלע ערדן אין דער וועלט זײַנען שוין צעטיילט, און פאר שווייצאריע איז פארבליבן „דאָס איבעריקע״ — די געטלעך־שיינע בערג און טאָלן, טײַכן און אָזערעס, וועלכע זי פארמאָגט איצט...

איז אָט — „ווען גאָט האָט שוין צעטיילט די ערדן פון דער וועלט צווישן די פעלקער״, האָט ער מיטאמאָל דערזען פאר זיך אן אײַנגעמאטערטן מענטשן. „ווער ביסטו?״ — האָט געפרעגט דער ריבוינעשעלוילעם. „דער בולגאר בין איך״. — „וואָס ווילסטו?״ — „איך וויל ערד, זי צו באארבעטן״. — „ווו זשע ביסטו געוועזן פריִער, ווען איך האָב די ערד צעטיילט צווישן אלעמען?״ — „איך בין געוועזן פארנומען מיט אקערן אין פעלד די ערד״.

די לעגענדע האָט דעם זעלבן גוטן סאָף, ווי פיל שוועסטער־לעגענדעס אין אנדערע לענדער. גאָט איז א פאָטער, און ער האָט אָפּגעגעבן דעם בולגאר א שטיקל פון זײַן גאניידן.

לאָמיר רעכענען, אז דער ציל פון מײַן איצטיקער רײַזע איז — א קוק טאָן מיט די אייגענע אויגן, צי איז טאַקע דאָס לאנד בולגאריע אָפּגעשפּאָרט פון גאָטס גאניידן...

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

א סאָוועטישער ייִד שרײַבט וועגן זײַן לעבן ארום די סיבירער וועלדער

דער כאַווער א. גאמוס פון מאָנטרעאל (קאַנאדע) שרײַבט זיך דורך מיט א סאָוועטישן ייִד מ. באריל, וועלכער וווינט אין סיביר. מיר דרוקן דאָ, עטוואָס געקירצט, פרײַנט באַרילס א בריוו אין ענטפער אף פראגן, וואָס א. גאַמוס האָט אים געשטעלט.

אײַער בריוו פון 30 נאָיאבער האָב איך דערהאלטן, און איך ענטפער דאָ אף אײַערע פראגן.

איר פארשטייט געוויס, אז איך בין א פּאָשעטער ארבעטער. קיין אוניווערסיטעט האָב איך ניט געענדיקט. געבוירן בין איך אין א קליין שטעטל אין מײַרעוו־אוקראַיִנע. געבליבן א יאָסעם, איבערגעלעבט אלע צאָרעס און מעגולגל געוואָרן אין סיביר. איך האָב א ביסל געקאָנט שרײַבן ייִדיש, און ניט מער. נאָר בא אונדז אין סאָוועטנפארבאנד האָט מען ניט ליב קיין אנאלפאבעטן, און אזויארום האָט מײַן לעבן מיר געגעבן די אוניווערסיטעטן פון מאקסים גאָרקי.

אלע רייד פון די באטלאָנים פון דער „מישפּאָכע גאָלדע מעיִר״ פארשטיי איך, און איך רעד מיט זיך אליין אמאָל וועגן דער שווארצער ארבעט פון די ציִעניסטן־שאָוויניסטן פון ייִסראָעל. עס מאכט מיך אָפּט פילן עפּעס ווי א געטראָפענער פון זייערע מעשוגענע טועכצן.

איך לעב אין א ייִשעוו, איין־איינציקער ייִד, נאָר קיין איין מענטש ווײַזט ניט מיט קיין פינגער אף מיר. אף אלע מעלוכע־פײַערונגען בין איך א כאָשעווער מענטש. מע קלײַבט מיך אויס אין פּרעזידיִום אף זיצונגען. איך בין א מיטגליד פון אונדזער פּראָפסאָיוז.

דער ייִשעוו, ווו איך לעב איצט, איז מיט אכט יאָר צוריק נאָך געווען א ווילדער וואלד, ווו בערן האָבן געלעבט בישכיינעס. אונדזער פּארטיי האָט געזאָגט, אז אף דעם אָרט וועט זײַן א ייִשעוו. אין א קורצער צײַט איז עס געוואָרן א ייִשעוו פון וואלד־ארבעטער אפן ברעג פונעם טײַך אנגארא — א גרויסער טײַך מיט א סאך פיש (איך האָב אויסגעלערנט רוסישע פרויען קאָכן געפילטע פיש).

די רוסישע סאָוועטישע מענטשן פארדײַען ניט די צאָרע פון אנטיסעמיטיזם. איך לעב צווישן זיי זייער פרײַנטלעך. דער סעקרעטאר פון אונדזער פּארטיי־קעמערל אינטערעסירט זיך, וויאַזוי איך לעב. אויב איך נייטיק זיך, באקום איך די זעלבע הילף, ווי אלע. קיין כילעק איז בא אונדז ניטאָ. אלע מענטשן זײַנען גלײַך.

וואָס שײַעך דער ייִדישער פראגע אין סאָוועטן־רוסלאנד, איז זי גאָר קיין פראגע ניט. וואָס הייסט פלוצלינג — א ייִדישע פראגע? קיינער פרעגט זי גאָר ניט. בא אונדז אין ייִשעוו זײַנען פאראן ביז 5.000 אײַנוווינער, און מיסטאמע בא 30 נאציעס. הייסט דאָס, אז מיר וואָלטן געדארפט פרעגן ניט נאָר א „ייִדישע״ פראגע.

א ביסל פון מײַן ארבעט און פּארנאָסע. איך ארבעט איצט אלס סטאָראָזש (א וועכטער). בא אונדז זײַנען אלע ארבעטן בעקאָוועד. מײַן לוין איז 70 רובל א כוידעש, נאָר דערפאר, וואָס איך לעב אין קאלטן ראיאָן, באקום איך נאָך 30 פּראָצענט צו מײַנע 70 רובל (צאָפּן־געלט), און נאָך 10 פּראָצענט. אזויארום, אז איך האָב 112 רובל. אלע יאָר באקום איך אורלויב 36 טעג. איין מאָל אין דרײַ יאָר גיט מען מיר א „טריאָכלעטקא״, דאָס הייסט נאָך אן אורלויב מיט אומזיסטע בילעטן אהין־און־צוריק, וווּהין איך וויל פאָרן.

וויאַזוי איך רו? בא אונדז אין שטוב איז פאראן א גוטער ראַדיִאָ־אופנעמער און א טעלעוויזאָר. עס איז פאראן אין ייִשעוו א צעניאָריקע שול, ווו מײַנע קינדער לערנען זיך, און מע דארף ניט צאָלן פאר זייער לערע. ס׳איז דאָ א גוטער קינאָ־זאל, א שפּיטאָל מיט זייער גוטע ספּעציִאַליסטן. איך בין ניט לאנג צוריק געווען קראנק צוויי כאָדאָשים. בין איך געלעגן אין שפּיטאָל. מ׳האָט מיך געהיילט אומזיסט, געגעבן עסן פיר מאָל א טאָג, און ווען איך בין געזונט געוואָרן, האָב איך באקומען פאר דער צײַט מײַן פולן געהאלט.

וועגן מײַן אויסלעבן זיך קולטורעל. וואָס לייען איך? איך האָב זייער ליב מײַן ייִדישע שפּראך. איך שרײַב אויס „סאָוועטיש היימלאנד״. דערצו לייען איך פיל רוסישע, פּוילישע ביכער און זשורנאלן. איך קען איווריט, נאָר זייער זעלטן געפין איך עפּעס צו לייענען.

באשרײַבן אײַך די נאטור און די לאנדשאפט בין איך ניט אזוי מעסוקן אין שילדערונגען. וואָס קאָן איך אײַך באשרײַבן? בא אונדז איז זייער שיין. גרויסע וועלדער, א ברייטער טײַך, א סאך שיפן. איך גיי אין וואלד. איך האָב א ביקס צוליב יאגד, אויך א גוט מאָטאָר־שיפל, זומער כאַפּ איך פיש.

אויב איר וועט זײַן בא אונדז אין לאנד, פארבעט איך אײַך צוגאסט.

מיט כאַווערישן גרוס.

מ. באריל

„וואָכנבלאט״, טאָראָנטאָ

וויאַזוי מע פאַבריצירט „אינפאָרמאַציעס" וועגן די סאָוועטישע ייִדן

די ייִסראָעלדיקע ראַדיאָ, די טעלעוויזיע און דאָסראָוו פון דער ייִסראָעלדיקער פרעסע האָבן די לעצטע צוויי יאָר, אין דער ראַם פון זייערע רעדאַקציעס, אופגעשטעלט א נײַע אינסטיטוציע, וואָס הייסט „אונדזערע ספּעציִעלע קאָרעספּאָנדענטן פאַר איניאָנים פון די סאָוועטישע ייִדן". דאָס זײַנען רעפּאָרטערן, וועמענס ראָל עס איז געווען צוצושטעלן פאַר זייערע רעדאַקציעס „אינפאָרמאַציע" וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך צווישן די סאָוועטישע ייִדן. די רעפּאָרטערן האָבן געטאָן דאָס, וואָס מע האָט פון זיי דערוואַרט.

טאָגטעגלעך האָבן זיי צוגעשטעלט קעפּלעך מיט קידעש־לעוואָנע־אויסיעס פאַר אויסגעטראַכטע מײַסעס, וואָס זיי האָבן באַקומען, טיילמאָל דורך קלוימערשט מיסטעריִעזע וועגן, אָדער דורך קלוימערשטע טעלעפאָן־געשפּרעכן. דער מאָקער פונעם ראָוו יעדיִעס איז געווען איינער: די ייִסראָעלדיקע זיכערהײַטס־דינסטן און די ציִעניסטישע באַוועגונג. גאָר גיך האָט זיך אַנטוויקלט א ווילדע קאָנקורענץ צווישן די דאָזיקע רעפּאָרטערן: ווער עס וועט צושטעלן דעם מער באָמבאַסטישן סקופּ (נײַס־אויסכאַפּ), ריכטיקער די מער אָנגעבלאָזענע באַלאָנען פון בלאָף. קעדיי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, זײַנען אַלע מיטלען קאָשער געווען, און ווער עס בלאָפט מער, איז מער באַגלייבט.

די דאָזיקע קאָנקורענץ פון ליגנס האָט טיילווײַז געפּלאַצט באַם ליכט פון טאָג. אָף זיצונגען פון דער קאָמיסיע פאַר עטיק פון זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד אין טעל־אָוויוו האָבן „אונדזערע ספּעציִעלע קאָרעספּאָנדענטן" פון „האַאַרעץ", „מאַאַריוו" און „ייִסראָעל־ראַדיאָ" געוואָרפן איינע אָף די אַנדערע באַשולדיקונגען אין פאַבריצירן סקופּן אין נאָמען פון די סאָוועטישע ייִדן. מע קאָן גלייבן די אַלע באַשולדיקונגען, וואָס די רעפּאָרטערן האָבן געוואָרפן איינער אָף דעם אַנדערן. אָט איז איינע פון די דערציילונגען פון א קאָרעספּאָנדענטקע פון דער „ייִסראָעל־ראַדיאָ". אויך זי איז איינע פון די „ספּעציִעלע קאָרעספּאָנדענטן":

„אַדאַר קיסרי („האַאַרעץ") באַדינט א גרופּע רוסישע אוילים, וואָס זײַנען קאָנצענטרירט אַרום לייע סלאָווין און געולע קאָהען. זיי שרײַבן זאַכן אין זייער נאָמען — און ער פּובליקירט דאָס, פּונקט ווי די רוסישע ייִדן זאָלן האָבן אים דאָס קלוימערשט געזאָגט. אַזוי האָט ער, לעמאָשל, פּובליקירט א מעמאָראַנדום, וואָס די דאָזיקע גרופּע האָט אַרויסגעלאָזט — פּונקט ווי דאָס האָבן אים קלוימערשט איבערגעגעבן ייִדן טעלעפאָניש פון רוסלאַנד. איין טאָג איז פּובליקירט געוואָרן, אַז פּרעזידענט ניקסאָן האָט געבעטן פון די ייִדן פון די פאַראייניקטע שטאַטן אופצוהערן זייער דרוק אָף אים אין איניען אליִא פון די רוסישע ייִדן אין שײַכעס מיטן האַנדלס־אָפּמאַך צווישן די רוסן און די אַמעריקאַנער. אָף מאָרגן האָט זיך אין „האַאַרעץ" באַוויזן א יעדיִע פון קיסרי אָף דער ערשטער זײַט, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז די רוסישע ייִדן זײַנען שטאַרק אין קאַס אָף ניקסאָנען, און עס ווערט דערבײַ ציטירט א מאָסקווער ייִד, וואָס האָט דאָס קלוימערשט געזאָגט קיסרין. איך און טיירוש („מאַאַריוו") האָבן גלײַך געזען, אַז דאָס איז א בלאָף. די רוסישע ייִדן האָבן ניט געקאָנט וויסן וועגן ניקסאָנס רעדע אין דעם זעלבן אָוונט, ווען זי איז טראַנסלירט געוואָרן. די ראַדיאָ אָבער האָט געפאָדערט פון מיר א רעפּאָרטאַזש וועגן דעם, אָדער א באַווײַז, אַז דאָס איז א בלאָף. האָב איך טעלעפאָנירט קיין מאָסקווע צום ייִדן, וועמענס נאָמען ס'איז דערמאָנט געוואָרן אין דער יעדיִע. ער האָט מיר געזאָגט, אַז קיסרי האָט טאַקע מיט אים גערעדט טעלעפאָניש — אָבער אַן אָוונט פאַר ניקסאָנס רעדע און אַז ביזן דאָזיקן מאָמענט האָט ער גאָרניט געוווּסט וועגן דער רעדע. עס האָט זיך אויך אופגעקלערט, אַז אינעם אָוונט, בײַס קיסרי האָט געשריבן, אַז ער האָט טעלעפאָנירט קיין מאָסקווע, איז די מאָסקווער צענטראַלע געווען פאַרנומען".

דאָס האָט דערציילט די „ספּעציִעלע קאָרעספּאָנדענטקע" סאָרע פרענקעל.

קלאָר, אַז אַלע אָנקלאָגעס זײַנען אַנולירט געוואָרן. דאָס איז אוואַדע געווען די אייצע פון די, וואָס האָבן אופגעשטעלט די אינסטיטוציע „ספּעציִעלע קאָרעספּאָנדענטן פאַר איניאָנים פון סאָוועטישע ייִדן", ווײַל אַנדערש, וואָלטן דאָך פון פאַנאַנדערקלײַבן די אָנקלאָגעס געפּלאַצט די סקופּן און די בלאָפן און זייער שטינקעניש וואָלט זיך צעגאַנגען זייער הויך. איצט וועלן זיי, לויט זייער מיינונג, נאָכן אַנולירן די אָנקלאָגעס און פאַרטושן דעם איניען, ווידער קאָנען אומקערן זיך צו זייער מעטאָד: כאַזערט איבער צוויי מאָל, דרײַ מאָל דעם ליגן, קעדיי די צוהערער אָדער לייענער זאָלן גלייבן.

י. גאַלילי. „דער וועג", טעל־אָוויוו

ווער זײַנען די אַרויספאָרער

(אויסצוג פון א באַשרײַבונג פון א רײַזע איבערן סאָוועטנפאַרבאַנד)

...דער עלעמענט, פון וועלכן עס באַשטייען די אַרויספאָרער, איז ווײַט ניט קיין געהויבענער. סראָוו זײַנען עס צעטומלטע מענאַכעם־מענדלשע טיפּן פון די געוועזענע באַלטישע לענדער און פון בעסאַראַביע, וואָס האָבן נאָך ניט באַוויזן צו פאַרדײַען דאָס סאָוועטישע לעבן. עס פעלן ניט צווישן זיי קיין יעכידים מיט ספּעקוליאַנטישע נייגונגען, מענטשן מיט אַן אופגערייצטן פינטעלע־ייִד־קאָמפּלעקס, קאָמבינאַטאָרס און אויסנוצערס פון דער געשאַפענער קאָניוקטור און אויך א געוויסער פּראָצענט פאַרפירטע און פאַרטשאַדעטע מיצאַד דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. וועגן מאָראַלישן ניוואָ פון א טייל פון די דאָזיקע אַרויספאָרער וועט אונדז דאָך אויסקומען צו דערציילן שטוינענדיקע פאַקטן.

די ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע ווערט פאַרשפּרייט דורך טאָגטעגלעכע ראַדיאָ־טראַנסליאַציעס, דורך

פאַרשטעלטע טוריסטישע אַגענטן, דורך בריוו פון קלוימערשטע קרויווים, דורך פּעקלעך, וואָס קומען אָן פון ענגלאַנד און פון שווייצאַריע און וואָס מע ווייסט ניט, ווער זייער טאַטע איז...

די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס שטראָמט אָן אופהער און וואָס ווערט רעפּראָדוצירט כוואַליעס־וויַיז, שאַפט בא אייניקע א מין שיקרעס, א מין פּסיכאָז. זי גיט א „נאַציאָנאַלע באַרעכטיקונג" די מענאַכעם־מענדלשע אינסטינקטן און דער קלוימער־שטער „רעבעלישקייט" פון א געוויסן טיפּ צע־וואַקלטער יוגנט, וואָס זוכט ליַיכטע וועגן.

דער ציִעניזם זאָגט זיי: ווילסטו סאָציאַליזם, האָסטו אין ישׂראל עכטן ייִדישן סאָציאַליזם; ווילסטו פּריַי זיַין פון סאָציאַליזם, טאָ ווו קאָן מען נאָך אַזוי פּריַי זיַין פון סאָציאַליזם ווי אין ישׂ־ראל? ווילסטו קאָמוניזם, האָסטו אין ישׂראל אַזא „עמעסע נאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע פּאַרטיי", ווי מק"י; ווילסטו ביכלאַל גאָרנישט, וועט מען דיך שוין אין ישׂראל אויסלערנען וואָס צו וועלן...

דערצו פירט מען דיך אוועק אומזיסט, מע גיט דיר בעקאַוועד־גאַדל א האַלב יאָר אויסהאַלטונג אַף אַלעם גרייטן און נאָכדעם אָרדנט מען דיך איַין מיט א שיינער דירע און מיט האַקל־באַקל אַפּן כעזשבן פון דיַין ייִדישער מעלוכע, וואָס בייַטלט זיך אויס פאַרדיַינעטוועגן מיט א מאַטניא פון 30 טויזנט דאָלאַר...

פון דער צווייטער זיַיט, דערלויבט די ראַטנפאַר־באַנדישע מאַכט די אויספאָרער מיטצונעמען מיט זיך אַלץ, וואָס זיי ווילן, און מע פירט טאַקע אוועק וואַגאָנען גאַנצע מיט מעבל, פּיאַנעס און קאָמ־פּאַרט־כפייצים, וואָס ווערן אין ישׂראל פאַרוואַנדלט אין לעבעדיקע פונטן...

אפילע גאָלדע מעיר איז שוין געוואָרן עטוואָס באַרויגעז פאַר דער פּראַקטישקייט פון די דאָזיקע פּריש־געבאַקענע ישׂראלים, וואָס שלעפּן אָן אַזוי־פיל האָב־און־גוטס. זי האָט זיך אויסגעדריקט: „מיר דאַרפן ניט קיין ייִדן מיט פּיאַנעס, נאָר ייִדן מיט לאַפּעטעס"...

ביז איצט זיַינען אַרויסגעפאָרן קיין ישׂראל קימאַט אַנדערהאַלבן פּראָצענט סאָוועטישע ייִדן. אייניקע פּראָגנאָזן באַהויפּטן, אַז די דאָזיקע אויס־וואַנדערונג קאָן דערגרייכן ביז 4 פּראָצענט, וואָס דאָס איז א נישטיקייט סיי פּראָצענטועל, און בעיִקער — קוואַליטאַטיוו. דאָס באַשטימענדיקע און פעסטע זיַינען די 96 פּראָצענט, וואָס זיַינען טריַיע זין פונעם סאָוועטישן פאָלק, ווי עס האָבן אונדז פאַרזיכערט מיט באַגרינדעטער אַנטשלאָסנקייט אַלע ייִדן, מיט וועלכע מיר האָבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד געשמועסט. אַף קיין איין מאָמענט באַהאַלטן זיי ניט, אַז זיי זיַינען ייִדן, אָבער זיי שטריַיכן קע־סיידער אונטער: „סאָוועטישע ייִדן, איַינגעוואָרצלטע אַף ניט אויסצוריַיסן!". מיטן אוועקפאָרן פון די וואַקלדיקע און האַלב־פרעמדע עלעמענטן קומט פאַר א מין נאַטירלעכער אָפּקליַיב און עס ווערט קאָנ־סאָלידירט די ייִדישע סאָוועטישקייט פון דער אומ־געהייער־ריזיקער מערהיַיט פאַרבליבענע.

אויך די ייִדישע שריַיבער, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געטראָפן, האָבן מיט א באַזונדער שטאָלץ באַשטעטיקט זייער ייִדישע סאָוועטישקייט און מיט שאַרפער סאַטירע א נעם געטאָן אַפּן צימבל די עטלעכע אַנטרונענע עקס־„כאַוויירים".

מיר האָבן אָט די לעצטע געזען אין ישׂראל, אין זייער גאַנצער נעבעכדיקייט, אומנוצלעכקייט און פּערספּעקטיוולאָזיקייט און מיט זייער זאָרג, ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען זייער „ליריק אין לירעס" (ישׂראל־פונטן), ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט דער היסטאַדרוט־פירער בערל פּרימער אַף אן אָוונט לע־קאָוועד זייער „אַנטרונענע ווערן פון רוסלאַנד"...

צאַלעל בליץ

„אונדזער לעבן". בוענאָס־איַירעס

■

אידע קאַמינסקאַיאַ האָט זיך דערמאָנט צו שפּעט...

„דאָ, אין די פאַרייניקטע שטאַטן, האָבן די מענטשן, וואָס זיַינען פאַרינטערעסירט אין טעאַטער, קיין געלט ניט, און די, וואָס האָבן געלט, זיַינען ניט פאַרינטערעסירט אין טעאַטער... א גוטער טעאַ־טער קאָן ניט עקזיסטירן אָן א מעלוכישער אונ־טערשטיצונג..." — האָט אידע קאַמינסקאַיאַ געזאָגט פאַר דער ניו־יאָרקער ציַיטונג „קלינטאָן־טשעלסי ניוס". זי האָט, ווי באַקאַנט, פאַרלאָזט פּוילן און איר טעאַטער אין וואַרשע, קעדיי צו קומען צו דער „פריַיער וועלט" און צום „פריַיעסשאַפן".

אין גרויסער אַנטוישונג דערמאָנט זי איצט, ווי גוט און מענטשלעך און קולטורעל עס איז געווען די באַציִונג מיצאַד דער פּוילישער סאָציאַליסטישער רעגירונג צום ייִדישן טעאַטער, וואָס זי האָט זיַינער־ציַיט געפּילט.

זי דערמאָנט זיך אויך, ווי גוט, מענטשלעך און קולטורעל עס האָבן זיך באַציִגן די צושויער צום ייִדישן טעאַטער, מיט וועלכן זי האָט זיַינערציַיט אַנגעפירט.

„זיי (געמיינט די רעגירונג פון פּאָלקס־פּוילן) האָבן צוגעטיילט אונדזער טעאַטער מיליאָנען יעדעס יאָר. געוויס, האָבן זיי געהאַט דאָס רעכט צו וויסן, וואָס מיר שטעלן... אין פאַרלויף פון 22 יאָר האָט מען מיר אָבער קיינמאָל ניט געשטערט אין מיַין אַר־בעט... דער כאָלעם פון מיַין לעבן איז געווען, איך זאָל האָבן א גוטן ייִדישן טעאַטער, און אַזא טעאַטער האָב איך געהאַט אין פּוילן..."

און ווי איז די לאַגע איצט? אידע קאַמינסקאַיאַ, וועלכע האָט געוואָרט אַף עפּעס גרעסערס און סענ־סאַציאָנעלס פון דער נאָרד־אַמעריקאַנער „פריַיער וועלט" און איז געקומען אַהין, בייס אין איר אַקטיוו איז שוין געווען א הומאַניסטישער פילם פון אינטערנאַציאָנאַלן דערפאָלג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין א סאָציאַליסטיש לאַנד („די קראָם אַף דער הויפּט־גאַס") — שריַיט אויס אין גרויסער פאַר־צווייפלונג: „ווי לאַנג זאָל איך אַזוי וואַרטן, ביז איך וועל שוין ניט פייִק זיַין צו שפּילן?!"

„דער וועג", טעל־אוויוו

די מײַסע מיט מוישע שאַפּיראָס „פאַרשווינדן"...

די פאַרבלענדעטע פון סינע צום ראָטנפאַרבאַנד, די באַצאָלטע העצער און פאַרלוימדער פון אַלדאָס סאָציאַליסטישע פלײַסן זיך געשמאַק אין זייער אומרייניקער מלאָכה, כאָטש די פּראָפּיטן, וואָס עס באַקומען פון דעם די באַלעבאַטים פון אַזאַ רעכילעס־קאַמפּאַניע, זײַנען גאַנץ מאָגערע. די העצער ווערן איינמאָל און נאָכאַמאָל אויסגעשטעלט פאַר דער עפנטלעכקײַט צו שפּאָט, דערשײַנען וואָס אַמאָל אַלץ אָפטער ווי איינפאַכע ליגנער, אָבער פאַך בלײַבט פאַך, און דעריבער האָט דער ניו־יאָרקער אַנטיסאָוועטישער זשורנאַליסט וואָלף יונין און מיט אים צוזאַמען די ציוניסטישע בלעטער, וועלכע דרוקן אים, ווידעראַמאָל זיך אָפּגעטונקט ביזן האַלדז אין בלאָטע, זוכנדיק דאָס מאָל אַ „פאַרשווונדענעם" סאָוועטישן ייִדישן קולטור־טוער.

דער דאָזיקער יונין האָט אַנומלטן זיך צעיאָמערט: „ווּ איז אַהינגעקומען מוישע שאַפּיראָ?"

זײַן וויי־געשריי האָט געהילכט פונעם ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" און פונעם מאָנטעווידעער „הײַנט", און אַלע זיי, סײַ יונין, סײַ דער „פאָרווערטס", סײַ דער „הײַנט", האָבן פאַרלוירן אַ טײַערע געלעגנהייט צו... שווײַגן. ווײַל ווען זיי שווײַגן, וואָלטן זיי איצט אויסגעזען ווי אַ ביסל קלענערע טיפּשים.

מוישע שאַפּיראָ איז דער באַקאַנטער ייִדישער שפּראַך־פאָרשער, וואָס האָט אין די יאָרן 1969 — 1971 געפירט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אַן אָפּטייל פאַר לערנען די ייִדישע שפּראַך.

האָבן די סאָוועטנפרעסער זיך געריסן זייערע געמבעס, אַז מ. שאַפּיראָ איז „פאַרשוווּנדן" געוואָרן. „זײַן אָפּטייל, — האָט געשריבן יונין, — האָט מען אָפּגעשאַפט שוין באַלד אַ יאָר און וועגן אים האָט מען ניט געשריבן. כידעשן זיך אַמעריקאַנער ייִדישע געלערנטע און קאָנען בעיין־אויפן ניט דערגיין, וואָס מיט אים האָט געטראָפן".

דער בלינדער פון די בלינדע איז דער, וואָס וויל ניט זען. די פאַרשפּרייטער פון שלעכטע אַנטיסאָוועטישע רייכעס איז אומזיסט צו רעקאָמענדירן, אַז ווען עס לאָזט זיי ניט שלאָפן אַ „פאַרשווונדענער" סאָוועטישער ייִד, איז אַמבעסטן אָנצופרעגן אויפן ריכטיקן אַדרעס, אָדער גאָר אָפּוואַרטן. אין לויפנדיקן יאָר זײַנען שוין דערשינען זעקס נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד", ווּ עס געפינט זיך אויך מ. שאַפּיראָס לעקציעס. אָבער די ציוניסטישע בלעטער, וואָס „קאָנען בעשום־אויפן ניט דערגיין", וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מוישע שאַפּיראָן, ווייסן נאָך אַדהײַנט ניט, ווּהין ער איז אַהינגעקומען...

זייער „זאָרג" וועט פאַרשטערט ווערן מיט מוישע שאַפּיראָס „טכיאַס־האַמייסים", ווײַל פאַר זיי איז אַ לעבעדיקער און שאַפנדיקער סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער פונקט אַזוי טרייף, ווי קאָשער עס איז בײַ זיי צו דערוואַרטן און אַרויסקוקן און האָפן אויף „דיסקרימינאַציעס" פון סאָוועטישע ייִדן.

זייער שאָדנפרייד אַרום דער „פאַרשווינדונג" פון מ. שאַפּיראָ וועט אַוואַדע זיי אַרויסגיין באָקאָם.

י ו ד ש י ן

„אונדזער פרײַנט". מאָנטעווידעאָ.

מ ו י ש ע   מ ײַ ד א נ ס ק י

אין קיִעוו איז אין עלטער פון 73 יאָר געשטאָרבן דער שפּראַך־פאָרשער מוישע מײַדאַנסקי. זײַן טויט איז אַ פּילבאַרער פאַרלוסט פאַר אונדזער שפּראַך־וויסנשאַפט.

אין מ. מײַדאַנסקיס פיליאָריקער שעפערישער טעטיקײַט קען מען אָפּמערקן צוויי ליניעס — אַ מעטאָדישע און אַ פאָרשערישע. די ערשטע איז געבונדן מיט די נויטן פונעם ייִדישן שולוועזן אין די צוואַנציקער, דרײַסיקער יאָרן, ס'דערשײַנט דאַן אַ ריי לערנביכלעך מײַדאַנסקיס פאַרן שפּראַך־לימעד (די וויכטיקסטע — זײַן „סינטאַקס" פאַר דער מיטלשול און, אין מיטאַוטאָרשאַפט מיט מ. שאַפּיראָ, „אָרטאָגראַפיע און פּונקטואַציע"). אין די זעלבע יאָרן פאַרעפנטלעכט מ. מײַדאַנסקי אייניקע אַרטיקלען וועגן ייִדיש־לימעד אין שול, דערין — „פּראָבלעמעס פון שפּראַך־אונטעריכט אין כ' שטיפס אַרבעטן" („אויפן שפּראַכפראָנט", נומ. 2, 1935), „די טעמע „טיפן בײַזאַצן" אין דער מיטלשול" („אויפן שפּראַכפראָנט", נומ. 3, 1939) אאַ.

אין זײַן פאָרשערישער אַרבעט אינטערעסירן מ. מײַדאַנסקין דעריקער פראַגן פון ייִדישן סינטאַקס. זיי דאָמינירן אין די אַרטיקלען, וואָס ער פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל „אויפן שפּראַכפראָנט" אין די יאָרן 1937 — 1940, אין אַזעלכע זײַנע אַרבעטן, ווי „אַטריבוטן — אַדיעקטיוו בײַ איין סובסטאַנטיוו", „סטיליסטיש־סינטאַקסישע פּאַראַלעלן" אאַ.

דעם סינטאַקס פונעם איינפאַכן זאַץ אין ייִדיש איז געווידמעט מ. מײַדאַנסקיס קאַנדידאַט־דיסערטאַציע.

אין די דאָזיקע אַרבעטן לאָזט זיך פילן דעם אַווטאָרס פייִקײַט טיף אַרײַנצודרינגען אין די באַטראַכטע שפּראַך־דערשײַנונגען.

מ. מײַדאַנסקי פאַרעפנטלעכט אויך אייניקע אַרטיקלען, ווּ ער באַרירט איבערזעצונגס־פראַגן, ספּעציעל וועגן דער שפּראַך פון די איבערזעצונגען פון שעוטשענקאָ אין ייִדיש און פון שאָלעם־אַליייכעמען אין רוסיש.

מ. מײַדאַנסקי האָט זיך אויך באַטייליקט אינעם צונויפשטעלן דעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך.

קאָוועד זײַן אָנדענק!

הערש רעמעניק

אַ טאַלאַנטפולער שעפער

די ייִדישע ליטעראַטור אין XX יאָרהונדערט איז ביז דער צווייטער וועלט־מילכאָמע געוואָרן אזוי פארצווײַגט, אז דער ליטעראַטור־היסטאָריקער איז אין א שווערער פארלעגנהײַט ניט בלויז ווען ער שרײַבט די געשיכטע, נאָר אפילע באַם פעסטשטעלן דאָס אָרט און דעם באַדײַט פון באַזונדערע שעפער און טוער אירע. הונדערטער שרײַבער פון די סאמע פארשיידענע זשאנרען — אַן ארמיי פון עטלעכע דורעס ליטעראַטן — האָבן אופגעשטעלט דעם גרויסן ביניען פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. ס׳איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס ניט ווייניק באגאבטע שעפער האָבן ביז איצט ניט באַקומען קיין טיקן אין דער קריטיק.

צווישן אָט די שרײַבער פארנעמט אַן אָרט אווראָם וועוויאָרקע, וועלכער איז געווען א שעפערישע פערזענלעכקײַט קימאַט אין אלע געביטן פון דער ליטעראַטור — א דיכטער, דראמאטורג, פּראָזאיקער, פּובליציסט; א קריטיקער, ליטעראַטור־היסטאָריקער, פאָרשער. נאָך ביז דער רעוואָליוציע, ווען ער איז אַלט געווען סאַכאַקל 21 יאָר, האָט ער אָנגעשריבן א ראָמאַן „דער מתבודד"; צו 22 יאָר איז שוין דערשינען זײַנע א זאַמלונג לידער „בענקשאַפט" און א בוך דערציילונגען „הימל און ערד". ווײַטער גייט ארויס די זאַמלונג „פארלאָשענע ליכט", די דראַמע „אַף א ווײַסן בוים", א גרויסע צאָל ארטיקלען אַף פארשיידענע טעמעס.

דער אופבלי פון וועוויאָרקעס ליטעראַרישער טעטיקײַט, דער וויכטיקסטער עטאַפּ פון זײַן שאַפן הייבט זיך אָן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ווען ער איז געקומען קיין מאָסקווע, ווען ער גיט זיך אָפּ אינגאַנצן דער בויונג פון דער נײַער סאָוועטישער קולטור. האָבנדיק אײַנגעזאַפּט די מײַרעוו־אייראָפּעיִשע און רוסישע ליטעראַטורן, די פילדורעסדיקע טראַדיציעס פון דער העברעיִשער און ייִדישער קולטור, איז א. וועוויאָרקע געווען דורכגעדרונגען מיט א לײַדנשאַפטלעכן ווילן איבערצוקוקן און איבערצושאַצן קריטיש די קולטור־ירושע, קעדיי זי ווידער אופלעבן לעטויוועס די מאַסן אין שײַן פון די אופגאַבן, וואָס די רעוואָליוציע האָט געשטעלט אין פּראָצעס פון בויען דאָס נײַע לעבן.

ביז דער רעוואָליוציע איז וועוויאָרקע געווען באַווירקט פון די אידייען פון די ייִדישע „סאָציאַליסטישע" קליינבירגערלעכע פּאַרטייען פון יענער צײַט. ער האָט אָבער, ווי א סאַך אַנדערע דעמאָקראַטישע שרײַבער, באַמיט זיך צו אויסמײַדן די נאַציאָנאַל־באַגרענעצטע פאָרשטעלונגען פון אָט דער סוויווע. און ווען עס האָט געזיגט די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, האָט ער גלײַך דערזען אירע גרויסע אידעאַלן און פּרינציפּן, איר אַלפאָלקישן כאַראַקטער. ער קוקט איבער ראַדיקאַל און גרינטלעך זײַנע פריערדיקע אָנשויונגען און באַנעמט דעם טאָך פונעם מאַרקסיזם, פונעם וויסנשאַפטלעכן קאָמוניזם.

פון איצט אָן גיט אָפּ וועוויאָרקע אלע זײַנע קויכעס, זײַן וויסן און זײַן באַגאַבונג דער בויונג פון דער סאָוועטישער קולטור. אין די צוואַנציקער יאָרן ווערט ער איינער פון די אַקטיווע טוער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור־באַוועגונג.

פאַר זײַנע ליטעראַריש־קריטישע אַרויסטרעטונגען פון יענער צײַט זײַנען כאַראַקטעריסטיש די מײַלעס און די כעסרוינעס פון די ראַפּישע טוער און טעאָרעטיקער: קאַמף קעגן אַלטע נאַציאָנאַליסטישע פאָרורטיילן, קעגן אָפּאָרטוניזם און אידייִשן אַלטוואַרג ביכלאַל; און באַנאַנד דערמיט — דאָגמאַטיזם, סכעמאַטיזם און עקסטרעמיזם, ווולגאַרער סאָציאָלאָגיזם.

יאָ, אווראָם וועוויאָרקע האָט אין זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט געהאַט בלויזן און מאַנגלען. אָבער אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור געהער ער צו יענע טוער, וועלכע האָבן מיט זייער שאַפונג, מיט זייער באַגאַבונג איבערגעלאָזט א שאַרפן שפּור, וואָס דאַרף ניט פאַרגעסן ווערן.

■

א. וועוויאָרקעס פּילזײַטיקער טאַלאַנט האָט זיך מער אַנטפּלעקט אין דראַמאַטורגיע און אין ליטעראַריש־קריטישער און ליטעראַטור־היסטאָרישער פאָרשונג.

אלס דראַמאַטורג האָט וועוויאָרקע איבערגעלאָזט א באַנד פּיעסן, אין וועלכן עס גייען אַרײַן: „האָנענקריי" (מיסטעריע אין צוויי אַקטן), „בריליאַנטן" (קאָמעדיע אין פיר אַקטן), „נאַפּטאָלי באָטווין" (דראַמע אין פיר אַקטן), „דער סטעפּ ברענט" (פּיעסע אין דרײַ אַקטן).

די ייִדישע סאָוועטישע דראַמאַטורגיע איז ניט אַזוי רײַך מיט ווערק, וועלכע האָבן געהאַט א דויערנדיקע ווירקונג אַפן לייענער און צושויער. אין פאַרגלײַך מיט דער דיכטונג, פּראָזע און קריטיק אין יענע יאָרן, ווען וועוויאָרקע איז געווען טעטיק, איז די דראַמאַטורגיע געווען הינטערשטעליק.

אין אַזעלכע באַדינגונגען זײַנען וועוויאָרקעס פּיעסן געווען א וויכטיקע דערשײַנונג אין דער ליטעראַטור און אין טעאַטער. די קאָמעדיע „בריליאַנטן" האָט א. גראַנאָווסקי אופגעפירט אין מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער דעם 8 יון 1926 ווי א מוזיקאַלע קאָמעדיע („137 קינדער־הײַזער", מוזיק — א. קריין, קינסטלער — נאַטאַן אַלטמאַן). די קאָמעדיע איז אויך געשטעלט געוואָרן אין ניו־יאָרק אין טעאַטער „אַרטעף" דעם 20 נאָיאַבער 1930. די דראַמע „נאַפּטאָלי באָטווין" האָט מ. ראַפּאַלסקי צום ערשטן מאָל אופגעפירט אין ייִדישן מעלוכע־טעאַטער פון ווײַסרוסלאַנד דעם 12 דעקאַבער 1927 (קינסטלער — א. טישלער). די דראַמע איז אויך אופגעפירט געוואָרן אין ניו־יאָרק אין טעאַטער „אַרטעף" דעם 8 אָקטיאַבער 1928. די פּיעסע „דער סטעפּ ברענט" האָט צום ערשטן מאָל געשטעלט דער קיִעווער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער (דעם 7 נאָיאַבער 1930).

וועוויאָרקעס פּיעסן זײַנען געשריבן געוואָרן צוריק מיט א האַלבן יאָרהונדערט — אין פאַרלויף פון די צוואַנציקער יאָרן. זיי זײַנען אָנגעזעטיקט מיט די פּראָבלעמען און מיט דער אַטמאָספער פון יענער צײַט. אין דעם איז הײַנט זייער קראַפט און זייער שוואַכקײַט. דאָס לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, און באַזונדערס דאָס ייִדישע לעבן, איז אַוועק פון דעמלט אָן אַזוי ווײַט, אז עס גלייבט זיך קוים, צי זײַנען ווירקלעך פאָרגעקומען אַזעלכע געשעענישן און צי זײַנען בעעמעס געווען אַזעלכע געשטאַלטן, וועלכע ווערן געמאָלט אין אָט די פּיעסן. וועוויאָרקעס דראַמאַטישע ווערק האָבן ניט אין זיך די קינסטלערישע דויערהאַפטיקײַט, וואָס זאָל זיי מאַכן אַקטועל אויך אין אונדזער צײַט. אָבער אלס ליטעראַטור־היסטאָרישע און קינסטלערישע דענקמעלער האָבן זיי אײַנגעהיט ביז איצט א געוויסע עמאָציאָנעלע אופווירקונגס־קראַפט און זיי זײַנען בעקויעך צו געבן א פאָרשטעלונג וועגן דעם לעבן, וועגן די קאָנפליקטן און קאָליזיעס, וועלכע האָבן גערעגט די מענטשן פון יענער צײַט. וועוויאָרקעס פּיעסן האָבן ניט אָנגעוווירן זייער באַדײַטונג.

„האָנענקריי" איז געשריבן ווי א מיסטעריע. דאָס איז אָבער בלויז אויסערלעך. אין דער מיסטעריע האָט דער אַווטאָר אַף א רעאַליסטישן אויפן געוואָלט אונטערפירן די כעזשבוינעס מיט דעם ייִדישלעכן מיסטיציזם, מיט וועלכן ער אַליין איז געווען אָנגעשטעקט ביז דער רעוואָליוציע. דאָס האָט געזאָלט זײַן, לויטן אווטאָרס מיין, א סאַטירע אַף דעם ייִדישן דעקאַדאַנס.

דערמיט האָט דער דראַמאַטורג געוואָלט אופרײַסן א באַשטימטע טראַדיציע פון מיסטיק און סימבאָליק אין דער ליטעראַטור און וואָרענען קעגן אָט דער טראַדיציע די נײַע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. דאָס איז געווען די פּערעץ־טראַדיציע, וועלכע דער אווטאָר האָט געהאַלטן ניט־אָנעמבאַר פאַר דער סאָוועטישער ליטעראַטור. די מיסטעריע און די סימבאָליק פון געוויסע פּערעצעס דראַמעס ווערן אין „האָנענקריי" סטיליזירט און עפּשער אפילע פּאַראָדירט, האַגאַם וועוויאָרקע האָט זייער הויך געשעצט די באַדײַטונג פון פּערעצן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די סטיליזאַציע דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס עס ווערן אַרויסגעפירט ענלעכע און אַנאַלאָגישע פאַרשווינען. אויך אין טעקסט זײַנען פאַראַן בוילעטע שפּורן פון סטיליזאַציע און סאַטירישער פּאַראָדיע אַף דעם מיסטיש־סימבאָליסטישן סטיל. דער לעץ זאָגט, לעמאָשל:

הײַנט אין אָוונט בין איך לעץ.
און שפּיל
די פליגל פון א מיל
אין דריי פון ווינט.
מאָרגן וועל איך טרײַבן זיך
מיט סטאַדעס בלינדע הינט,
מיט בײַטש אין האַנט
צו ערגעץ־לאַנד,
צו פּורפּור־לאַנד.
נאָר הײַנט אין אָוונט בין איך לעץ.
איך שפּאַט און טאַנץ און פײַף און לאַך,
ווען כ'לעז דעם טאַטנס נעקראָלאָג.
כ'האָב געענדיקט דעם פּראָלאָג,
די מיסטעריע גייט אין גאַנג...

די מיסטיק און סימבאָליק האָט געדאַרפט, לויט דעם אווטאָרס מיין, סאַטיריש אופגעריסן ווערן אויך אינעם אינהאַלט גופע. די שכינע ווערט געשענדעט אַף דער האַרטער באַנק, די פּאָליציי אַרעסטירט מאָשיִעכן. דאָס איז דירעקטע לעסטערונג, וואָס האָט געזאָלט אויסשליסן יעדער מעגלעכקײַט פון אידעאַליזירונג און פאַרהייליקונג. „האָנענקריי" איז געווען א ווערק, אין וועלכן דער אווטאָר האָט אין סטיל פון א מין „מיסטעריאַלן רעאַליזם" געמאַכט א פּרווו צו מאָלן א בילד פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אין איר באַציִונג מיט די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין א קליין שטעטל.

מ. ליטוואַקאָוו האָט געשריבן וועגן י. דאָברושינס „גאָט דער פײַער" און וועוויאָרקעס „האָנענקריי":

„די דאָזיקע צווײ פּיעסן מערקן מיט זיך א שטיקל אָנהײב פון רעוואָליוציאָנערער דראַמאַטורגיע — אַף ייִדיש... אַלס דער ערשטער פּרווו צו געבן א קינסטלערישן אויסדרוק פון אונדזערע צײַט־מאָטיוון קאָנען מיר רעכענען די בײדע ווערק, באַזונדערס דעם „האָנענקרײַ", פאַר גאַנץ געלונגענע"[1].

אין דער צווייטער פּיעסע „ברילֿיאַנטן" („137 קינדער־הײַזער") גיט דער אווטאָר א בילד פון א ייִדיש שטעטל אין מאָמענט, ווען עס ווערט אײַנגעשטעלט די נײַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק („נעפּ"). אפן פאָן פון דער אלגעמיינער צערויִנירונג, נאָך זיבן שווערע יאָר מילכאָמע און בירגערקריג, פּאָגראָמען און ווירטשאפטלעכן כאַאָס ווערט אין דער פּיעסע ארויסגעפירט א מין ייִדישער כלעסטאַקאָוו, שינדל, א געוועזענער בונדיסט און א הײַנטצײַטיקער זשוליק, וועלכער שטעלט זיך פאָר אין שטעטל ווי א מייליץ־יוישער פאַר ייִדן אין צענטער, אין סאַמע מאָסקווע, בא דער וולאסט און בא דער טשעקא.

און באַנאַנד דערמיט ווערן געוויזן די נײַע קויכעס אין שטעטל, צווישן זיי דער ארבעטער לעווין, וועלכער דעמאַסקירט און ארעסטירט דעם זשוליק שינדל און גיט אָפּ זײַנע קויכעס אף צו בויען דאָס נײַע לעבן. די פּיעסע איז א קאָמעדיע, וואָס האָט דעם ציל צו באווײַזן דעם זומפּ, די סוויוווע, אין וועלכער עס קאָנען אופשווימען אפן אויבערפלאַך אזעלכע שווינדלער, ווי שינדל.

די דראַמע „נאַפּטאָלי באָטווין" איז א קינסטלערישע פאַרקערפּערונג פון א באַוווסטער געשיכטע וועגן העלדישן אומקום פון דעם יונגן רעוואָליוציאָנער באָטווין אין קאַמף קעגן בורזשואַזן רעזשים אין פּוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. וועוויאָרקע האָט דאָ ריכטיק פאַרשטאַנען די קינסטלערישע אופגאַבע, ער האָט געוויזן ניט בלויז געַנוי דעם פאַקט פונעם אומקום פון א רעוואָליוציאָנער, נאָר די כאַראַקטעריסטישע דערשײַנונגען פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אינגאַנצן גענומען. די אָנגעזעטיקטקײַט פון דער פּיעסע מיט פּילצאָליקע דעטאַלן גיט איר צו קינסטלערישע וואָרהאַפטיקײַט און שוואַכט אָפּ די געוויסע סכעמאַטישקײַט, וועלכע איז ביכלאַל כאַראַקטעריסטיש פאַר וועוויאָרקעס פּיעסן.

די פּיעסע „דער סטעפּ ברענט" איז געווידמעט א וויכטיקער טעמע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור אין די צוואַנציקער יאָרן. עס איז קימאַט ניט געווען קיין שרײַבער, וואָס זאָל ניט שרײַבן אף דער טעמע. כאַראַקטעריסטיש איז שוין אפילע בלויז דאָס קעפּל פונעם ווערק — „דער סטעפּ ברענט". מיר ווייסן אויך: „דער סטעפּ רופט", „עלעקטריע אין סטעפּ", „איבערוף פון סטעפּעס", „אף צעבליטע סטעפּעס", „סטעפּעס שיטן זיך" און נאָך, און נאָך...

„דער סטעפּ ברענט" איז א פּיעסע וועגן דער ייִדישער ערד־אײַנאָרדענונג ערעוו דער קאָלעקטיוויזאַציע. די סאָציִאַלע ווידערשפּרוכן אינעם נײַעם ייִדישן דאָרף זײַנען געמאָלט ביז גאָר פאַרשאַרפט. ווי אַנדערע וועוויאָרקעס פּיעסן, לײַדט אויך „דער סטעפּ ברענט" פון סכעמאַטיזם. דער אווטאָר אנערקענט בלויז צווײ פאַרבן: שוואַרץ און ווײַס, ער זעט בלויז קאָנטראַסטן. די פאַרשוינען זײַנען אָדער „מאַלאָכים", אָדער, פאַרקערט — דורכויס רעשאָיִם, עקלהאַפטע ברויִם און פאַרברעכערס. יעדערער פון זיי באַקומט דאָס, וואָס ער האָט פאַרדינט. די פּאָזיטיווע העלדן, די „צאַדיקים", טריִומפירן, פאַרשטייט זיך, און די נעגאַטיווע, די רעשאָיִם, באַקומען די מאַפּאָלע.

די שוואַכקײַטן פון וועוויאָרקעס פּיעסן האָבן אָבער ניט אָפּגעשאַפט זייער ווירקונגס־קראַפט, זיי האָבן אָפּגעשפּילט א באַשטימטע ראָל אין דער ליטעראַטור און אינעם טעאַטער פון יענער צײַט. זיי צייכענען זיך אויס מיט סצעניִשקײַט, מיט דער שאַרפקײַט פון די דראַמאַטישע קאָנפליקטן, מיט אַקטועלקײַט פון דער טעמאַטיק, מיט קולטור פון וואָרט.

■

איך האָב שוין געזאָגט, אז אווראָם וועוויאָרקע איז געווען א דיכטער און א פּראָזאִיקער און א דראַמאַטורג. איך האָב אָנגעמערקט די גרונט־מאָמענטן פון זײַן דראַמאַטישער שאַפונג. דאָס הייסט, מיר האָבן פאַר זיך א שעפערישע פּילזײַטיקע פּערזענלעכקײַט, וועלכע האָט זיך אָבער, לויט מײַן מיינונג, אַמבוילעטסטן אַנטפּלעקט אין קריטיק און אין ליטעראַטורגעשיכטע. ער איז געווען אַן אַקטיווער סאָלדאַט און א קעמפערישער בויער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

פאַר די מער עקסטרעמע פאָרשטייער פון ראַפּפּ איז געווען כאַראַקטעריסטיש פּריִער פאַר אַלץ די וווּלגאַריזאַציע פון דער מאַרקסיסטישער לערע וועגן קלאַסן־אַנאַליז און סאָציִאַלן טאָך פון דער ליטעראַטור. זיי האָבן זיך ניט דערהויבן צו פאַרשטיין די וויסנשאַפטלעכע לערע וועגן ליטעראַרישער יערושע און קולטור־יערושע ביכלאַל, וועגן דער פאָלקסטימלעכקײַט פון די גרויסע שרײַבער פון דעם קריטישן רעאַליזם, וועגן זייער הומאַניזם און וועגן זייער קאַמף קעגן סאָציִאַלן און נאַציִאָנאַלן אומרעכט.

אזעלכע עקסטרעמע און פאַלשע האַנאָכעס זײַנען, צום באַדויערן, פאַראַן אויך אין אווראָם וועוויאָרקעס טעאָרעטישע ארבעטן. איך וועל זיך דאָ באַגרענעצן מיט איין בײַשפּיל. אין א פּראָגראַם־אַרטיקל „אופּבראָך" האָט וועוויאָרקע געשריבן:

„מיט דער קונסט־שאַפונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער טקופע איז פאָרגעקומען דאָס זעלבע, וואָס מיט דער שאַפונג פון די מאַטעריעלע ווערטן פון דער מענטשהײַט. די מאַטעריעלע ווערטן פון דער געזעלשאַפט שאַפט דער פּראָלעטאַריאַט, נאָר דער הערשנדיקער קלאַס קאָנטראָלירט און באַזיצט די פּראָדוציר־מיטלען. דאָס גיט אים די מעגלעכקײַט צו עקספּלואַטירן דעם ארבעטער־קלאַס, באַקומען פון אים מערווערט, און דער דאָזיקער מערווערט שאַפט פאַר אים די קאַפּיטאַלן, וועלכע באַהערשן די אינדוסטריע.

דאָס זעלבע קומט פאָר מיט דער ליטעראַטור. די וואָרט־אויצרעס, דאָס קרעפּטיקע, געזונטע, בילדערישע וואָרט ווערט לעכאַטכילע געשאַפן דורך די „אונטערשטע שיכטן", יעדער גרויס ליטעראַריש ווערק וואָרצלט מיט זײַן קינסטלערישן וואָרט־בילד אין פאָלקלאָר (דאָס איז, אייגנטלעך, דאָס נאַציאָנאַלע,

[1] מ. ליטוואַקאָוו. אין אומרו. מ., 1926, ז. 119.

וואָס יעדע ליטעראטור האָט אין זיך). דער הערשנדיקער קלאס עקספלואטירט דאָ אָבער די „אונטערשטע שיכטן" און באקומט פון זיי קינסטלערישן מערווערט. די „פראָדוקציע־מיטלען" זײַנען דאָ אויך אין די הענט פונעם הערשנדיקן קלאס, פון זײַנע שרײַבער און קינסטלער, וואָס נעמען צו פון די עקספלואטירטע דעם געשאפענעם שטאָף און נוצן אים אויס פאר זיך, פאר אייגענעם ווילטיק, פאר אייגענער פרייד.

די פראָלעטארישע רעוואָליוציע אין דער ליטעראטור באשטייט דערפאר קוידעמקאָל אין דערינען:

איבערגעבן דעם פראָלעטאריאט די קינסטלערישע פראָדוקציע־מיטלען, אָפגעבן אים דעם בארויבטן מערווערט"[1].

די קאזויִסטיק וועגן „קינסטלערישן מערווערט", וועגן „קינסטלערישע פראָדוקציע־מיטלען" איז א מעשונעדיקע פאראָדיע אפן מארקסיזם און זי קאָן דערקלערט ווערן מיט די ווולגארע עקסטרעמע פאָרשטעלונגען בא די ראפישע טעאָרעטיקער.

אָבער אין קאָנקרעטע אנאליזן פון ליטערארישע דערשײַנונגען אין די צוואנציקער יאָרן האָט וועוויאָרקע זיך ריכטיק פאנאנדערגעקליבן. ער איז ארויסגעטראָטן קעגן אלטע און פארעלטערטע גענג אין דער ליטעראטור, קעגן נאציאָנאלער באגרענעצונג, קעגן אָפגעלעבטע טראדיציעס און דעקאדאנס, באזונדערס קעגן סימבאָליזם, מיסטיציזם, וועלכע האָבן נאָך געלאָזט זיך פילן אין דער סאָוועטישער ליטעראטור אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע. דער סימבאָליזם האָט אין דער ייִדישער ליטעראטור פון די צוואנציקער יאָרן געווירקט אף אזעלכע אָנגעזעענע דיכטער און פראָזאיִקער, ווי דער ניסטער, ליפע רעזניק, עזראָ פינינבערג, אין א געוויסער מאָס אפילע אף מארקישן, האָפשטיינען, האלקינען.

דער סימבאָליזם און דער מיסטיציזם אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור איז געווען פארבונדן מיטן רוסישן סימבאָליזם. ס׳איז אָבער געווען א טראדיציע פון מאָדערניזם און סימבאָליזם אויך אין דער ייִדישער ליטעראטור גופע, אין דער ערשטער ריי, פארשטייט זיך, בא י.־ל. פערעצן, דעם גרונטלייגער פונעם ייִדישן מאָדערניזם. און ניט בלויז פערעץ האָט געשאפן די דאָזיקע טראדיציע, נאָר אויך א. ווײַטער און באזונדערס ה. לייוויק און די גרופע „יונגע" אין אמעריקע. האָבנדיק אין זײַן שעפערישן אקטיוו אזעלכע באדײַטנדיקע מײַסטערס, איז דער סימבאָליזם געווען א היפשע געפאר פאר דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, וועלכע האָט, נאטירלעך, געשטרעבט צו רעאליזם און פאָלקסטימלעכקײַט.

און דאָ האָבן געשפילט א באשטימטע פאָזיטיווע ראָל וועוויאָרקעס ליטערארישע ארויסטרעטונגען קעגן סימבאָליזם. אינעם שוין דערמאָנטן פראָגראם־ארטיקל „אופבראָך" האָט דער אווטאָר געגעבן א אינטערעסאנטע כאראקטעריסטיק פונעם סימבאָליסטישן מעטאָד:

„דער מעטאָד פון סימבאָלישע און מיסטישע זעונגען, צוגעטראכטע מעשאָלים און אלעגאָרישע געשטאלטן איז א מעטאָד אף צו אנטלויפן פונעם שטייגערישן, אף אויסצובאהאלטן זיך אונטער נעפלשלייערן פאר דער קאָנקרעטער, פאר דער שטייגערישער ווירקלעכקײַט, וואָס שפארט פון אלע זײַטן, אויסבאהאלטן זיך פאר דעם „פראָפאנעם" פלייץ פון דעם הארטן עמעס.

דאָס איז דער מעטאָד פון די, וואָס ווייסן, אז זיי זײַנען ליידיק, פאר זיי איז סײַ בעסער און סײַ באקוועמער אוועקגיין צו טויבע טאָמידן, צו ריזן און מילבן, צו זיידעס און זוינעס, צו דער שלאנג, וואָס האָט פארשלונגען אלע שלענג. סײַווי איז די שלאנג קיין שלאנג ניט און די זוינע קיין זוינע ניט, ס׳איז דאָך נאָר א מאָשל..."

„דער דאָזיקער מעטאָד, דער סימבאָליזם, וואָס איז, אגעוו, אין ייִדיש געקומען פארשפעטיקט, ווי דעם זיידנס מיטוואָך, וואָרצלט אין אוראלט, ווען די קונסט איז געשאפן געוואָרן דורך נעוויִים און קויהאנים, ווען די קונסט האָט געדארפט זײַן א יענוועלטיקע, א הימלשע, א סוידעספולע, זי איז שטענדיק אופגעשטאנען טכיִאס־האמייסים אין צײַטן פון רעאקציע, ווען די „שײַנגײַסטער" זײַנען אנטלאָפן אף צו קוויקן זייער ליידיקײַט מיט די „שטילע שאָטנס אין די אלטע טעמפלען". אין דער מאָדערנער צײַט, וואָס רײַסט אראָפ דעם שלייער פון אלע פארהוילנקײַטן, אין דער צײַט, וואָס שטייט אונטערן צייכן פון אנטפלעקן סוידעס, ניט פארשלייערן זיי, האָט דער סימבאָליזם באקומען א געל, אָפגעלעבט פאָנעם"[1].

קעגן סימבאָליזם און אבסטראקציע רוקט וועוויאָרקע ארויס דעם רעאליסטישן מעטאָד, „דאָס בילדערישע וואָרט, וואָס אפילע ווען ס׳איז ליריש, טראָגט עס אין זיך דעם עפישן עלעמענט, דעם פלאסטישן, דאָס רעליעפע, בוילעטע, — נאָר דער מעטאָד איז אין העסקעם מיטן טנײַ פון לעבנשטייגערישקײַט און קאָנקרעטן טעמאטישן אינהאלט"[2].

דער קריטיקער שטעלט ארויס צוויי גרונט־פאָדערונגען צו דער ליטעראטור, וועלכע וויל גיין אין פוסטראָט מיט דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. די ערשטע פאָדערונג איז פארשטענדלעכקײַט. א ווערק פון דער סאָוועטישער ליטעראטור דארף זײַן צוגענגלעך און פארשטענדלעך די ברייטע לייענער־מאסן; די צווייטע פאָדערונג — קאָלעקטיוויזם. אן עמעס ווערק פון דער נײַער סאָוועטישער און פראָלעטארישער ליטעראטור דארף אנטהאלטן אין זיך די איבערלעבונגען, געפילן פונעם קאָלעקטיוו, פונעם רעוואָליוציאָנערן פאָלק, וואָס שאפט דאָס לעבן אין די נײַע באדינגונגען פון דער רעוואָליוציע. אויב פריִער האָט די ליטעראטור געהאט אין צענטער דעם יאָכיד און זײַן פסיכאָלאָגיע, זײַנע אינדיווידואליסטישע שטימונגען און קאפריזן, דארף איצט דער שרײַבער פריִער פאר אלץ אין זינען האָבן דאָס לעבן, די ארבעט, דאָס שאפן און דעם קאמף פונעם פאָלק.

אווראָם וועוויאָרקע איז ניט געווען קיין ליטעראטור־קריטיקער אין געוויינלעכן זין פון וואָרט. ער האָט ניט געשריבן קיין ארטיקלען וועגן דער שאפונג פון דעם אָדער יענעם שרײַבער, קיין רעצענזיעס איבער דעם אָדער יענעם ווערק. אים האָט אינטערעסירט ניט די באזונדערע דערשײַנונג, נאָר דער ליטערארישער פראָצעס אינגאנצן גענומען. איר וועט בא אים ניט געפינען קיין איין ליטערארישן פאָרטרעט. ער איז געווען א טיפישער ליטעראטור־טעאָ־

---

[1] א. וועוויאָרקע. אין שטורעם. מעלוכישער נאצמינדפארלאג, כארקאָוו־קיִעוו, 1932, זז. 6—7.

[1] דאָרט, זז. 9 — 10.

[2] דאָרט, ז. 9.

רעטיקער און פּאָליטיקער, וועלכער האָט געשטעלט פּראָבלעמען, געמאַכט איבערזיכטן און געשטרעבט צו טיפּאָלאָגישע סאַכאַקלען און פּאַראַלעמיינערונגען, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן צו שאַפן דאָס בילד, אַנט־דעקן די גרונט־טענדענצן אין דער באַוועגונג פון דער ליטעראַטור.

■

וועוויאָרקע איז געווען דער ערשטער פון די ייִדישע ליטעראַטור־היסטאָריקער, וואָס האָט געמאַכט אַ פּרווו אויסצופאָרשן אַן אינטערעסאַנטע ליטעראַ־רישע דערשיינונג אין דער געשיכטע פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, די פּראָבלעם פון שאָמערן און שאָמעריזם.

איך בין ניט מאסקים מיט וועוויאָרקעס קאָנצעפּציע וועגן שאָמערן. אָבער קיינער קאָן ניט אָפּלייקענען, אַז ער, וועוויאָרקע, האָט אַרויסגעוויזן אַ וויסן, אַ באַגאַבונג אין אָט דער אַרבעט. מע דאַרף דאָ ריידן וועגן וויסן, ווײַל ביז הײַנטיקן טאָג זײַנען פאַראַן באַלאָנים צו ריידן וועגן שאָמערן בלויז אַפן סמאָך פון שאָלעם־אַלייכעמס „שאָמערס מישפּעט", ניט האָבנדיק געלייענט אַפילו קיין איין שאָמערס ווערק. דער קאַמף קעגן שאָמערן ווערט געשילדערט ווי עפּעס אַ מין לעגענדע, וואָס מע קאָן זי טײַטשן ווי מע וויל. אַפילו די עלטערע שריפטשטעלער, וועלכע שרײַבן מעמוארן וועגן יענעם פּעריאָד, גיבן אָפּט ניט קיין ריכטיקע פאַרשטעלונגען וועגן דעם. מאָרד־כע ספּעקטאָר, לעמאָשל, אַן אָנגעזעענער ליטעראַטור־טוער פון יענער צײַט, שרײַבט אין זײַנע זיכרוינעס: „די ווירקונג (פון שאָלעם־אַלייכעמס אַרויסטרעטונג קעגן שאָמערן. — ה. ר.) איז געווען אַזוי גרויס, אַז פיל ייִדישע לעזער האָבן זיך צוביסלעכווײַז אָנגע־הויבן שעמען לייענען שאָמערס אַ ביכל, און זײַנע ווערק האָבן אָנגעהויבן פאַלן אַף דעם ביכער־מאַרק, אין דער צײַט ווען פריִער האָבן זיך די העכסט אינ־טערעסאַנטע ראָמאַנען פאַרקויפט אין די צענער טויזנ־טער עקזעמפּליאַרן"[1].

מע קאָן דערפון מאַכן אַן אויספיר, אַז אַלע זײַנען געווען מאסקים מיט שאָלעם־אַלייכעמען און האָבן איינ־מוטיק פאַרורטיילט שאָמערן. אין דער ווירקלעכקײַט אָבער איז די געשיכטע געווען אַ גאַנץ אַנדערע. ערשטנס, האָט דעם קאַמף קעגן שאָמערן אָנגעהויבן דער ערשטער ניט שאָלעם־אַלייכעם, נאָר שימען דוב־נאָוו אין רוסישן זשורנאַל „וואָסכאָד", ווו ער האָט סיסטעמאַטיש געדרוקט אין די 80־ער יאָרן איבער־זיכטן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור. צווייטנס, האָט ניט שאָלעם־אַלייכעם אָנגעגריפן שאָמערן, נאָר, פאַר־קערט. און שאָמער האָט געהאַט שטאַרקערע פּאָזיציעס איידער שאָלעם־אַלייכעם: די איינציקע ייִדישע צײַ־טונג פון יענער צײַט האָט זיך געשטעלט אַף זײַן זײַט.

נומער נאָך נומער ווערן אַטאַקירט שאָלעם־אַליי־כעמס ווערק („סענדער בלאַנק", „אַ בינטל בלומען", שוין אָפּגערעדט פון דער „ייִדישער פאָלקס־ביבליאָ־טעק" און „שאָמערס מישפּעט"). קעגן שאָלעם־אַליי־כעמען פירן די אַטאַקע שאָמער אַליין, די רעדאַקציע פונעם „יודישן פאָלקס־בלאַט", דער רעדאַקטאָר לעווי, שאָמערס נאָכמאַכערס (אולריך קאַלמוס און אַנדערע), דער קריטיקער לערנער און אַנדערע ליטעראַטן פון יענער צײַט אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען. קעגן שאָלעם־אַלייכעמען זײַנען אַרויסגעטראָטן אויך די העברעיִשע שרײַבער אין „האַמיליץ" און „האַצ־פיראַ" (אַ. ל. לעווינסקי, זאַלמאַן עפּשטיין, אַ. קאַ־מינקאַ און אַנד.).

נאָך איידער ס'איז דערשינען „שאָמערס מישפּעט", האָט שאָמער געמאַכט אין איינעם פון זײַנע ראָמאַנען אַזאַ מין פּאָלעמישן שטעל קעגן שאָלעם־אַלייכעמען: „זאָלן טאַקע מײַנע לעזער נעענטער קענען די פּערזאָנען פון מײַן געשיכטעלע, און טאָמער איז זיי אין מײַן שילדערונג אַ ביסל לאַנגווײַליק געווען, זאָל זיי דוכטן, אַז זיי האָבן געלעזן אַ קאַפּיטל פון די ערציילונגען און ראָמאַנען פון די הײַנטיקע פּוסטע, שלימאַזלדיקע, נײַמאָדישע שאָלעם־אַלייכעמס"[1].

פאַרוואָס זשע האָט שאָלעם־אַלייכעם אָפּגעהאַלטן דעם ניצאָכן איבער אַזאַ שטאַרק פּאָפּולערן שרײַ־בער?

אַף דעם פּרווט וועוויאָרקע געבן אַן ענטפער, און ער איז ניט ווײַט פונעם עמעס. ער ווײַזט ריכטיק אָן, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז געווען אַ העכערע שטו־פע אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. מענדעלע האָט נאָך ניט געהאַט קיין מאַסן־אַודי־טאָריע, דער מאַסן־לייענער איז נאָך געווען אַף אַ נידעריקער שטופע פון קולטור און האָט ניט באַנו־מען דעם טאָך פון זײַנע ווערק. צווישן מענדעלען און דעם לייענער האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פּוסטער כאָלעל, וועלכן עס האָט פאַרפולט שאָמער מיט זײַנע ראָמאַנען; דאָס איז געווען אַ מין ערזאַץ־ליטעראַ־טור, וואָס האָט געקאָנט גילטן בלויז צײַטווײַליק, ביז דער לייענער און די ליטעראַטור האָבן זיך אויפ־געהויבן אַף אַ ווײַטערדיקער שטופע פון סאָציאַלן און קולטורעלן באַוווסטזײַן. ביז שאָלעם־אַלייכעמען האָט די ליטעראַטור ניט געהאַט קיין מאַסן־לייענער, און דער מאַסן־לייענער האָט ניט געהאַט קיין ליטע־ראַטור. שאָלעם־אַלייכעם אַלס געניאַלער קינסטלער האָט מיט זײַן קומען ליקווידירט דעם אײַנרײַס צווישן דער ליטעראַטור און דעם לייענער און האָט אָפּגע־שאַפן שאָמערן, פאַרזעצנדיק מענדעלעס טראַדיציע און דערהייבנדיק זי אַף אַ נײַער, העכערער שטופע. וועוויאָרקע האָט פאַרשטאַנען די גרויסקײַט פון שאָ־לעם־אַלייכעמען, אָבער די ראַפּישע פאָרורטיילן האָבן אים געשטערט צו באַנעמען דעם טאָך פון דער שאָ־מער־פּראָבלעם.

שאָלעם־אַלייכעם האָט אָפּגעהאַלטן אַ פולשטענדיקן ניצאָכן איבער שאָמערן. אָבער דער קאַמף קעגן שאָ־מעריזם האָט זיך ניט פאַרענדיקט אין די 80־ער יאָרן. מיט קלענערע און גרעסערע איבעררײַסן ווערט אָט דער קאַמף פאַרגעזעצט ביז איצט. אין 1909, אין צוואַנציק יאָר אַרום נאָכן פּאַמפלעט „שאָמערס מיש־פּעט", האָט שאָלעם־אַלייכעם געשריבן אין דער רע־דאַקציע פון דער צײַטונג „די נײַע וועלט": „עס איז צײַט זיך אַ נעם טאָן דעזינפעצירן יענעם מין ליטעראַטור, וואָס עס ברענט דאָס פּאַנעם פאַר שאַנד, וואָס מיר האָבן דערלעבט צו דעם געוויסן

[1] מ. ספּעקטאָר. אַ קאַפּיטל זיכרוינעס. — זאַמ־לונג „צום אַנדענק פון ש"אַ". פּעטראָגראַד, 1918, ז. 37.

[1] ש"מר — „דער שלימאַזלדיקער מאַזלטאָוו". ווילנע, 188, ז. 11.

אמעריקאַנישן געשמאַק און זיך אומגעקערט צום אַלטן שאָמעריזם, וועלכן מיר האָבן נאָך אַזאַ שווערן קאַמף געהאַט אַמאָל — מיט צוואַנציק יאָר פריִער — ארויסגעריכערט"[1].

גאָר אומדערוואַרט איז שאָמער, וועלכער איז ווי אַ שרײַבער שוין לאַנג פאַרגעסן און ווערט דערמאָנט אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור בלויז אַדאַנק שאָלעם־אַלייכעמען און זײַן פאַמפלעט, ווידער געוואָרן אַן אַקטועלע פּראָבלעם, שוין אין דער סאָוועטישער צײַט. אונטערן פלאַג פון „רעאַביליטאַציע פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור" האָט אוורהאָם וועוויאָרקע געמאַכט אַ „רעוויזיע" פון דער אײַנגעשטעלטער מיינונג וועגן שאָמערן אַלס בולוואַר־שרײַבער. לויט וועוויאָרקעס מיינונג איז שאָמער געווען ניט קיין רעאַקציאָנערער ראָמאַן־מאַכער, וועלכער האָט גענומען גרייטע סוזשעטן פון פראַנצויזישע ראָמאַנען, נאָר אַן עמעסער פאָרגייער פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, ווײַל זײַנע ראָמאַנען האָבן געלייענט מאָדיסטקעס, פּריקאַזשטשיקעס, שנײַדער און שוסטער, וועלכע זײַנען שפּעטער געוואָרן פּראָלעטאַריער. לויט דער לאָגיק פונעם ראַפּישן וווּלגאַרן סאָציאָלאָגיזם ווערט די קלאַסן־אידעאָלאָגיע און דער סאָציאַלער טאָך פונעם שרײַבערס שאַפן באַשטימט ניט פון דעם אידייִש־קינסטלערישן אינהאַלט, נאָר פון דער לייענער־אאודיטאָריע. א. וועוויאָרקע האָט, ווײַזט אויס, אַפילע ניט קיין טראַכט געטאָן, אַז אויב מע זאָל נאָכפאָלגן זײַן לאָגיק, וואָלט מען די רעליגיעזע ליטעראַטור, לעמאָשל, געדאַרפט רעכענען פאַר דער סאַמע עכטער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, ווײַל זי, די רעליגיעזע ליטעראַטור, האָבן געלייענט די סאַמע פּילצאָליקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, דערין די סאַמע פאַרשטויסענע מאָדיסטקעס, שוסטער, שנײַדער און אַנדערע.

א. וועוויאָרקע איז אַפילע גרייט געווען טעאָרעטיש צו באַגרינדן זײַנע היפּאָטעזעס און זיי ארויסשטעלן אַלס פּאָסטולאַטן פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט. „דער וויסנשאַפטלעכער אַנאַליז פון ליטעראַרישע דאָקומענטן (דענקמעלער! — ה. ר.), — שרײַבט וועוויאָרקע, — שיידט זיך אונטער אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס פונעם פאָרמעלן דערמיט, וואָס ער טראָגט אַריבער דעם ספּעציפישן געוויכט פונעם שרײַבער אַף זײַן לייענער, פונעם שרײַבערס פּערזענלעכקײַט אַף זײַן סאָציאַלער באַזע, סײַ דער סוביעקטיווער, סײַ דער אָביעקטיווער..."

די פּראָגרעסיווקײַט אָדער רעאַקציאָנערישקײַט פונעם שרײַבער, זײַן גרויסקײַט אַלס קינסטלער ווערט געלייזט בײַ אַזאַ מין אַנאַליז גאַנץ פּאָשעט: אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ גרעסערן אָדער קלענערן טיראַזש פון זײַנע ווערק, מיט זײַן לייענערישער סאָציאַלער באַזע, אָבער ניט אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן אידעאָלאָגיע, וועלט־אָנשויונג, עמעסדיקײַט פון אָפּשפּיגלען דאָס לעבן, קלאַסן־אינהאַלט פון זײַן שאַפונג, טיפקײַט פון דעם קינסטלערישן אַנאַליז פון היסטאָרישע און סאָציאַלע קאָנפליקטן, שפּראַך־מײַסטערשאַפט.

וועוויאָרקעס טעאָריעס האָבן נאָך אין די דרײַסיקער יאָרן באַקומען אַן ענטפער אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור. דערויף איז די שאָמער־פּראָבלעם אין ראַטנ־

פאַרבאַנד אויסגעשעפּט געוואָרן. אין אויסלאַנד אָבער ווערן ביז איצט געמאַכט פּרוּוון צו גאַלוואַניזירן און „רעאַביליטירן" שאָמערן. צו דעם הונדערטיאָריקן געבורטסטאָג זײַנעם, אין 1950, איז אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע דערשינען אַ זאַמלונג מאַטעריאַלן וועגן אים, דעם פאַרגעסענעם שרײַבער, וואָס איז קלוימערשט ניט ריכטיק פאַרורטיילט געוואָרן אין שאָלעם־אַלייכעמס פּאַמפלעט. וועוויאָרקעס אַרבעט פאַרנעמט דאָ, נאַטירלעך, אַן אָנגעזעען אָרט.

אין 1953 איז אין בראַזיליע דערשינען אַ בוך זיכרוינעס פונעם פאַרשטאָרבענעם שרײַבער מענאַשע האַלפּערן „פאַרמעטן". דער אַווטאָר שרײַבט:

„איך האָב געזען די פאַרוואַרפונג פונעם זשאַרגאָן בײַ ייִדן און די אַנטשטייונג פון ייִדישער שפּראַך און איר ליטעראַטור. איך בין געווען בײַ דעם אופקום פון אַ גרויסער לייענער־מאַסע פון באַלמעלאָכעס, דינסטן, מעשאָרסים, באַלעגאָלעס, מאַרק־זיצערנס און וואַנדער־הענדלערלעך, קאָל ייִסראָעל. איך דערמאָן זיך נאָך וועגן דער שנעל רעוואָליוציאָניזירנדיקער ווירקונג פון לינעצקיס סאַטירעס און שאָמערס ראָמאַנען אַף דער ייִדישער יוגנט".

מענאַשע האַלפּערן איז פולשטענדיק גערעכט, ווען ער רעדט וועגן דער אַנטשטייונג פון אַ מאַסן־לייענער אַף ייִדיש אין דער מיט פון די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. דאָס אַנטשפּרעכט די ליטעראַטור־היסטאָרישע פאַקטן פון יענער צײַט. דער מעמואַריסט איז אויך גערעכט, ווען ער שרײַבט וועגן דער גרויסער פּאָפּוליאַריטעט לינעצקיס און שאָמערס. עס קאָן אָבער אַפילע קיין רייד ניט זײַן וועגן דער „רעוואָליוציאָניזירנדיקער ווירקונג" פון שאָמערס ראָמאַנען. פאַרקערט, דאָ קאָן גיין אַ רייד בלויז וועגן דער רעאַקציאָנערער ווירקונג פון אָט די ראָמאַנען. די בולוואַר־ראָמאַנען, אַלערליי דעטעקטיוון מיט די אויסערגעוויינלעכע געשעענישן, מיט דער „סעקסועלער רעוואָליוציע", קאָנען האָבן דערפאָלג בלויז בײַם אָפּגעשטאַנענעם לייענער, זיי האָבן אָבער קיינמאָל ניט קיין רעוואָליוציאָניזירנדיקע ווירקונג.

מע וואָלט געקאָנט פאַרבײַגיין האַלפּערנס מעמואַרן, נעמענדיק אין אַכט זײַנע באַשיידענע מעגלעכקײַטן פון אופווירקונג אַפן הײַנטצײַטיקן לייענער. אָבער האַלפּערנס בוך און באַזונדערס די שאָמער־אַפּאָלאָגיע איז געשטיצט געוואָרן פונעם ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם יאַנקעוו גלאַטשטיינען, וועלכער גיט איבער, אַז „אין מענאַשע האַלפּערנס זיכרוינעס פאַרנעמט שאָמער דאָס בעקאָוועדיקסטע אָרט נישט נאָר פון אַ שרײַבער, נאָר פון אַ קולטוריזאַטאָר, אַ מין לאָמאָנאָסאָוו, אָדער נאָך וויכטיקער — אַ רוסאָ"[1].

פּאַפּיר קאָן אויסהאַלטן אַפילע אַזאַ פּלוידערײַ, ווי די נאָרוואָס געבראַכטע שורעס. שאָמער דער „קולטוריזאַטאָר", שאָמער — „אַ מין לאָמאָנאָסאָוו, אָדער נאָך וויכטיקער — אַ רוסאָ". אינגיכן וועט שאָמער פאָרגעשטעלט ווערן ווי מוישע ראַביינו אָדער מאָשיאַך בען דאָוויד. עמעס, יאַנקעוו גלאַטשטיין גרענעצט זיך אָפּ פון האַלפּערנס אומגעלומפּערטער שאָמער־אַפּאָלאָגיע. אָבער דער פּרוּוו גופע איז גאַנץ כאַראַקטעריסטיש.

---

[1] שאָלעם־אַלייכעם. אויסגעוויילטע בריוו. מאָסקווע. 1941, ז. 216.

[1] „אין טאָך גענומען". עסייען 1949 — 1959 פון יעקב גלאַטשטיין. בוך איינס. בוענאָס־אײַרעס, 1960, ז. 237.

איך בין ווײַט ניט בא דער מיינונג, אז א הײַנטצײַטיקער שרײַבער מוז אומבאדינגט ליובן די קלאסיקער און ער האָט קיין רעכט ניט צו קריטיקירן זייערע אנשויונגען אָדער זייער האנדלונג. פאר דער וויסנשאפט איז ניט פאראן קיין הייליקע און קיין הייליקײַטן. אלץ דארף קאָנטראָלירט ווערן. האלפערן האָט רעכט צו קריטיקירן שאָלעם־אלייכעמען און זינגען א לויב־געזאנג שאָמערן. דאָס איז א געשמאק־זאך. אָבער קעדיי איבערצײַגן אנדערע, זײַנען נייטיק פאקטן און מאטעריאלן. שאָלעם־אלייכעם האָט אנאליזירט צענדליקער ראָמאנען שאָמערס און אף דעם סמאך געמאכט זײַנע אויספירן. שאָלעם־אלייכעמען האָט מען געגלייבט. האלפערן האָט ניט אנאליזירט קיין איין ווערק שאָמערס. ווער זשע וועט אים גלייבן אפן וואָרט? אין דער וויסנשאפט גלייבט מען ניט אפן וואָרט.

און, צום סאָף. ניט לאנג צוריק, אין 1970, האָט מען אין ווארשע געמאכט א פרווו ארופשלעפן שאָמערן אף דער בינע פונעם ייִדישן טעאטער. דער דאָזיקער פרווו איז קריטיקירט געווען אין דער „פאָלקס־שטימע״.

דאָס אלץ איז א באווײַז, אז די שאָמער־פראָבלעם איז געווען גאָר באדײַטנדיק פאר דער ייִדישער ליטעראטור אין די 80־ער יאָרן. שאָלעם־אלייכעם איז געווען דער איינציקער גרויסער שרײַבער, וועלכער האָט קלאָר פארשטאנען, אז מיטן שאָמעריזם דארף מען קעמפן, קעדיי אָפרייניקן דעם וועג פאר דער ייִדישער קינסטלערישער פאָלקס־ליטעראטור. דעם דאָזיקן קאמף האָט שאָלעם־אלייכעם געפירט קאָנסעקווענט און מיט גלאנץ. אף זײַן זײַט זײַנען געווען מענדעלע מויכער־ספאָרים, שימען דובנאָוו, י.־ל. פערעץ, מאָרדכע ספעקטאָר, יאקאָוו דינעזאָן און אנדערע פאָרגעשריטענע שרײַבער, די מערהײַט פון וועלכע עס האָבן אָבער ניט גענומען קיין אָנטייל אינעם קאמף, שטייענדיק אין דער זײַט, ווי נייטראלע סקעפטיקער, ווי פאסיווע צושויער פון דער ליטעראַרישער דראמע, וואָס ווערט אָפגעשפילט פאר זיי אין די אויגן.

וועלנדיק „רעאביליטירן״ שאָמערן אלס „פאָרגייער״ פון דער פראָלעטארישער ליטעראטור, האָט אָבער וועוויאָרקע אלס באגאבטער ליטעראטור־היסטאָריקער אליין דערוויזן, אז שאָמער האָט געקענט האָבן דערפאָלג בלויז צײַטווײַליק און אז ער איז געווען פארורטיילט אף פארגעסן ווערן אין דער ליטעראטור. וועוויאָרקע ווײַזט, אז אין אמעריקע האָט שאָמער אינגאנצן דעגענערירט.

■

אווראָם וועוויאָרקעס טאלאנט אלס פאָרשער און ליטעראטור־היסטאָריקער האָט באזונדערס בוילעט זיך אנטפלעקט אין זײַנע ארבעטן וועגן די ייִדישע פראָלעטארישע שרײַבער און וועגן שאָמערן, האגאם אויך דאָ האָבן אים געשטערט די ראפישע עקסטרעמקײַטן. אָבער אין דער קאָנקרעטער פאָרשונג האָט זײַן ערודיציע, זײַן אײַנפאלערישקײַט און דער פארשארפטער פאָלעמישער סטיל געדעקט די טעאָרעטישע מאנגלען. די ארבעטן „שאָמער און שאָמעריזם״ און „אונדזער ייִכעס״[1] זײַנען די העכסטע דערגרייכונגען פון זײַן שעפערישער טעטיקײַט און אײַנצײַטיק — וויכטיקע דערשײַנונגען פון דער סאָוועטישער ליטעראטור־פאָרשונג.

אין דער פראגע פון קולטור־ירושע האָט וועוויאָרקע ריכטיק פארשטאנען, אז די סאָוועטישע ליטעראטור־וויסנשאפט דארף איבערקוקן קריטיש די אָנזאמלונגען פון דער פארגאנגענהײַט, ער האָט אָבער, ווי אנדערע טעאָרעטיקער פון ראפפ, ניט פארשטאנען, אז די אופגאבע באשטייט ניט בלויז אין קריטיקירן, נאָר אין פעסטשטעלן דאָס פאָרגעשריטענע אין דער קולטור־ירושע און זי דערפירן צום באוווסטזײַן פון די מאסן, דיאלעקטיש פארייגענען און אײַנשליסן ווי א באשטאנדטייל פון דער נײַער קולטור, ווײַל אָן דער אלטער קולטור קאָן די נײַע ניט געשאפן ווערן. וועוויאָרקע האָט געמיינט, אז די קולטור־ירושע קאָן דינען בלויז אלס בײַשפיל, אלס מוסטער, וויאזוי מע דארף יאָ און דעריקער — ניט שרײַבן. „ווען נײַע קלאסן קומען צו דער מאכט, — שרײַבט דער קריטיקער, — גילט די אלטע קלאסיק ניט ווי אָן אויסגאנג־פונקט פון שאפן, ניט ווי א קוואל, פונוואנען צו שעפן סײַ אין אינהאלט, סײַ אין פאָרם, ניט ווי קיין אָריענטיר־פונקט, נאָר ווי א פארגלײַכונג־פונקט״[2].

דער קריטיקער האָט באזונדערס ניט ריכטיק אָפגעשאצט די באדײַטונג פון די ייִדישע קלאסיקער מענדעלע און פערעץ. לויט וועוויאָרקען באקומט זיך, אז שעקספיר און געטע, טאָלסטאָי און פושקין „זײַנען געווען וועלטלעך און מענטשלעך״, בעת די ייִדישע קלאסיקער זײַנען „ענג־נאציאָנאל, זייער קונסט איז דאָך אָנגעטאָן אין שווערע ייִדישע בעקעשעס! סײַ מענדעלע, סײַ פערעץ זײַנען דאָך אזוי אויסגעקנעטן פונעם קליינבירגערלעכן שטייגעריש־רעליגיעזן אויסקומעניש, אז מיטן ערשטן סאָציאלן ווינט איז זייער דויערהאפטיקײַט פארשווונדן״[3]. אָן אויסנאם מאכט וועוויאָרקע בלויז פאר שאָלעם־אלייכעמען, וועלכער האָט זיך ארויסגעוויזן פאר דויערהאפטיקער, ווי מענדעלע און פערעץ. שעקספיר און געטע, פושקין און טאָלסטאָי זײַנען ניט געווען נאציאָנאל־באגרענעצט, ווײַל זיי האָבן ניט געשריבן אף ייִדיש, נאָר אף ענגליש, אף דײַטש, אף רוסיש, און ניט וועגן ייִדן, נאָר וועגן ענגלענדער, דײַטשן און רוסן. אָבער די רוסישע עקסטרעמע ראפאָווצעס האָבן געהאלטן פאר נאציאָנאל־באגרענעצט אויך טאָלסטאָיען און פושקינען, שעקספירן און געטען.

און דאָך האָט וועוויאָרקע געשאפן וויכטיקע ליטעראטור־היסטאָרישע ארבעטן וועגן די ייִדישע פראָלעטארישע דיכטער און וועגן שאָמערן.

די ארבעט „אונדזער ייִכעס״ איז באשטימט וועוויאָרקעס א וויכטיקער פארדינסט פאר דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור און פאר דער סאָוועטישער ליטעראטור־וויסנשאפט. ער האָט מיט וויסן, מיט טאלאנט און מיט פאכמענערישן פאָרשערישן גלאנץ

---

1 ארײַן אין דער זאמלונג „רעוויזיע״, מעלוכע־פארלאג „ליטעראטור און קונסט״. כארקאָוו — קיִעוו, 1931.

2 „רעוויזיע״, ז. 117.

3 דאָרט.

געמאַכט מאַמעש אַן אַנטדעקונג אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט איבערצײַגנדיק דערוויזן און פעסטגעשטעלט די היסטאָרישע באַדײַטונג פון דער שאַפונג פון די ייִדישע רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער־דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי, דאָוויד עדעלשטאַט, יויסעף באָווישאָווער, מאָריס ראָזענפעלד.

וועוויאָרקעס אויפטו באַקומט אַ באַזונדערע באַדײַטונג, ווען מע נעמט אין אַכט, אַז ניט בלויז די ייִדישע קריטיק ביז דער רעוואָליוציע (באַלמאַכשאָוועס, ביגער, פרישמאַן אאַ.), נאָר אויך די סאָוועטישע קריטיקער אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָבן ניט פאַרשטאַנען די באַדײַטונג פון אָט דער פלעיאַדע פראָלעטאַרישע שרײַבער. אפילו אַזאַ גרונטלייגער פון דער ייִדישער סאָוועטישער קריטיק, ווי מוישע ליטוואַקאָוו, האָט אין יענער צײַט כאַראַקטעריזירט די שאַפונג פון אָט די שרײַבער אַלס „געמאַכטע״ דיכטונג, אַלס „ניט אָרגאַנישע״ דיכטונג.

וועגן דער שאַפונג פון די ייִדישע פראָלעטאַרישע דיכטער האָבן געשריבן אויך ש. אַגורסקי, י. בראָנשטיין, ע. פינינבערג, א. קושנירעאָוו, אָבער דאָס זײַנען געווען עפּיזאָדישע אַרבעטן, וועלכע האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ באַדײַטונג, אָבער זיי האָבן ניט אָפּגעשפּילט אַזאַ ראָל אין אָט דער פראַגע, ווי וועוויאָרקעס אַרבעטן. זײַן גרינטלעכע פאָרשונג „אונדזער ייִכעס״ איז איינע פון די וויכטיקסטע דערגרייכונגען פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט. וועוויאָרקע האָט געגעבן אַ טיפן אַנאַליז פון דער ייִדישער פראָלעטאַרישער דיכטונג אַלס אַ באַזונדערן עטאַפּ אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער דיכטונג אין XIX יאָרהונדערט. ער האָט אויפגעדעקט די נאָוואַטאָרישקײַט פון אָט דער דיכטונג אין אַלע אַספּעקטן פון קינסטלערישן שאַפן.

וועוויאָרקע האָט דערוויזן, אַז אין אַלע יעסוידעס פון דער דיכטונג, אין אַלע פאָרמען און זשאַנרען פון דער ליריק, אין אַלע מאָטיוון און טעמעס — אינטימע און סאָציאַלע — האָבן די ייִדישע פראָלעטאַרישע דיכטער אַרײַנגעטראָגן נײַע עלעמענטן, נײַעם פּאַטאָס פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, פון אינטערנאַציאָנאַלער פראָלעטאַרישער סאָלידאַרישקײַט, פון מאַסנדיקײַט און פאָלקסטימלעכקײַט, פון הומאַנישן מיטגעפיל צו די ליידן פון די מאַסן, צו זייערע נויטן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. די ייִדישע פראָלעטאַרישע דיכטער האָבן מיט זייער ליד געבראַכט נײַעם וואָרט־מאַטעריאַל, נײַע שפּראַך־אויצרעס און נײַע מעטאַפאָרישע סימבאָליק און בילדערישקײַט, וואָס די ייִדישע דיכטונג האָט ביז זיי ניט געוווּסט וועגן דעם. זיי האָבן פאַרבונדן די ייִדישע ליריק מיט דער פּראָגרעסיווער ליריק פון דער וועלט־ליטעראַטור, מיט דער שאַפונג פון די אָנגעזעענסטע רוסישע, דײַטשישע און ענגלישע דיכטער אין XIX יאָרהונדערט (נעקראַסאָוו, היינע, שעלי און אַנד.). די ליריק פון די ייִדישע פראָלעטאַרישע דיכטער איז געווען אַ קינסטלערישער אויסדרוק פון דער אידעאָלאָגיע פון די ייִדישע רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער און פון זייער פאַרבינדונג מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד, אין מערעוו־אייראָפּע און אין אַמעריקע.

עמעס, אויך אין דער אַרבעט „אונדזער ייִכעס״ לאָזן זיך פילן ראַפּישע טעאָרעטישע עקסטרעמקײַטן. וועוויאָרקע באַשטייט קאַטעגאָריש אַף דעם, אַז די אַרבעטער־דיכטער זײַנען געווען קלאַסיקער. „די ייִדישע ליטעראַטור, — שרײַבט וועוויאָרקע, — האָט אַ צווייענדיקע קלאַסיק: איינע אַ פּראָזאַישע, אַ קליינבירגערלעכע, די צווייטע — אַ פּאָעטישע, אַ פּראָלעטאַרישע״ און ער פּרוּווט זיך אפילו היסטאָריש און געאָגראַפיש דערקלערן אָט די מאָדנע סאָציאַלע און זשאַנערישע צעטיילונג פון דער ייִדישער קלאַסיק (קליינבירגערלעכע פּראָזע און פראָלעטאַרישע פּאָעזיע):

„אָט אַזוי שטעלט מיט זיך פאָר די ייִדישע ליטעראַטור פון יענעם פּעריאָד (געמיינט סאָף XIX — אָנהייב XX יאָרהונדערט. — ה. ר.) צוויי פלאַנגען: 1) די ייִדישע ליטעראַטור אין מיזרעך־אייראָפּע — די ליטעראַטור, געשאַפן פונעם קליינבירגערטום, מיט זײַנע זיגזאַגן פון בונטאַרישן אויפלאַקערן און רעאַקציאָנערע זינקונגען, אַ ליטעראַטור אָן אָנגעזאַפּטע מיט יערושע־רײַכקײַט, מיט אָפּגעזעצטן שטייגער, מיט אַ לאַנגער טראַדיציע־קייט, מיטן גאָלדענעם גלאַנץ פון אַלטע נאַציאָנאַלע אידייען און מיסיעס און 2) די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — אַ קלאַסנדיק־רעוואָליוציאָנערע, אַ „נאַקעטע״, אָן יערושע־בריוו, אָן אויפקומענדיקע און „צעשטערערישע״, אָן נאַציאָנאַלע מיסיעס און אָן נאַציאָנאַלן ייִכעס״[1].

אווראָם וועוויאָרקע איז געשטאָרבן אין 1935, ווען די סאָוועטישע ליטעראַטור־וויסנשאַפט האָט נאָך דער ליקווידאַציע פון ראַפּפּ זיך באַפרײַט פון די סכעמאַטישע און וווּלגאַר־סאָציאָלאָגישע פאָרורטיילן. ער וואָלט זיכער אויך זיך אָפּגעזאָגט פון אָט די פאָרורטיילן און געשאַפן נאָך פיל וויסנשאַפטלעכע און קינסטלערישע ווערק. אָבער אפילו דאָס, וואָס איז געבליבן פון זײַן יערושע, גיט אונדז אַ סמאַך צו פאַררעכענען אים פאַר אַ טאַלאַנטפולן שעפער. מיט זײַנע ווערק האָט ער פאַר זיך פאַרפעסטיקט אַן אָרט אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

---

[1] דאָרט, ז. 104.

אונדזערע מיטיילונגען

דער קינסטלער לעאָניד פּאַסטערנאַק

לעאָניד (ייִצכאָק־לייב) פּאַסטערנאַק איז געבוירן געוואָרן דעם 4 אפּרעל 1862 אין אָדעס. זײַן טאַלאַנט פון א מאָלער האָט זיך אנטפּלעקט נאָך אין די קינדער־יאָרן. פאר זײַן קינסטלערישן לעבנס־וועג איז כאַראַקטעריסטיש אָט וואָס: ווען ער האָט געלערנט אין גימנאַזיע, האָט ער גלײַכצײַטיק באַזוכט די אָדעסער מאָלערײַ־שול; זײַענדיק א סטודענט פונעם מעדיצינישן פאַקולטעט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, האָט ער איינצײַטיק שטודירט אין א פּריוואַטער קינסטלערישער סטודיע; נאָכן מאָסקווער אוניווערסיטעט האָט ער דרײַ יאָר געלערנט אין דער מינכענער קונסט־אַקאַדעמיע און פּאַראַלעל אפן יורידישן פאַקולטעט פונעם נאָוואָראָסיִסקער אוניווערסיטעט.

אין 1894 איז פּאַסטערנאַק געוואָרן פּראָפעסאָר פון דער מאָסקווער שול פון מאָלערײַ, סקולפּטור און אַרכיטעקטור. אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן האָט ער אָפּגעאַרבעט קימאַט א פערטל יאָרהונדערט. אין 1905 איז אים צוגעפּאַסקנט געוואָרן דער טיטל אַקאַדעמיקער פון דער מאָלערײַ־קונסט.

ל. פּאַסטערנאַק איז געשטאָרבן דעם 31 מײַ 1945 אין אָקספאָרד (ענגלאַנד).

דער דיכטער כאַיִם־נאַכמען ביאַליק האָט אַזוי געשריבן וועגן פּאַסטערנאַקן: „דאָס איז א פון גאָט געבענטשטער קינסטלער, א פּאָרטרעטיסט, וואָס האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט, ער אַרבעט מיט פרייד, אָריִענטירט זיך לײַכט אין די פאַרבן און אין אַלע זייערע שאַטירונגען; ער פאַרמאָגט א גלענצנדיקע און העכסט פולקומע טעכניק, גייט מיט אַן אייגענעם וועג און האַלט אין איין פּראָגרעסירן; צוזאַמען דערמיט איז פּאַסטערנאַק א מענטש א סימפּאַטישער, מיט אַן אָנגענעמענעם כאַראַקטער, א ברייט געבילדעטער, מיט א פײַנעם גוסט, אַן עמעסער מאַסמיד, א פלינקער; ער איז געבענטשט מיט א קלאָרן מויעך, איז א באַוועגלעכער, אַן אַלזײַטיק דערפאַרענער, פול מיט פּיקכעס, האָט ליב א געזעלשאַפט, איז באַליבט און געאַכטעט פון זײַנע כאַווײרים און שילער — אָט אַזאַ איז פּאַסטערנאַק דער קינסטלער און דער מענטש" (כ.־נ. ביאַליק און מ. אָסבאָרן. „פּאַסטערנאַק". בערלין, שטיבעל־פאַרלאַג, 1924).

ל. פּאַסטערנאַק האָט, ווײַזט אויס, זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פונעם גרויסן קינסטלער פון XVII י. ה. רעמבראַנדט, וועמענס ווערק ער האָט שטודירט אין א סאַך מוזייען פון אייראָפּע און פון אייניקע אַראָפּגעשריבן קאָפּיעס.

ל. פּאַסטערנאַק. אוטאָפּאָרטרעט מיט דער פרוי

די הויפּט־ליניעס פון פּאַסטערנאַקס שאַפונג זײַנען אין גרונט געווען פאָלגנדיקע: שטייגער־זשאַנער, ביכער־גראַפיק, פּאָרטרעטן און פּייזאַזשן. קעדיי העלפן דעם לייענער צו באַקומען כאָטש א געוויסע פאָרשטעלונג וועגן פּאַסטערנאַקס שעפערישן וועג, וועלן מיר ברענגען א קורצע רעשימע פון זײַנע וויכטיקסטע ווערק.

דער שטייגער־זשאַנער האָט פאַרינטערעסירט פּאַסטערנאַקן נאָך אין סאַמע אָנהייב פון זײַן קינסטלערישער טעטיקײַט. אַלס טעמעס האָבן אים געדינט פאַקטן פון זײַן נאָענטער סוויווע, פונעם ייִדישן לעבן אין אָדעס. אויף וויפל אונדז איז באַוווּסט, איז זײַן ערשט ווערק פון אָט דעם זשאַנער געווען דאָס בילד „א גאַנדז אויף יאָמטעוו" — א ייִד טראָגט פונעם מאַרק א לעבעדיק אָף אויף יאָמטעוו. ווײַטער גייען די בילדער: „א ייִד א קאַפּצן", „נײַס פון דער היים", „א דעביוטאַנטקע", „סטודענטן פאַר די עקזאַמענעס", „מינוטן פון שאַפונג", „קלעזמאָרים".

א גרויסן ציקל בילדן זײַנע ווערק, ווו ער מאָלט די היימישע סוויווע: „באַם שטריקן זאָקן", „זי נייט", „די פרייד פון א מאַמע", „אין קינדער־צימער", „א העזעלע", „קינדער צייכענען", „קינדער זיצן באַם

בוך", „האַנט־אַרבעט", „באַם סאַמאָוואַר" אאַ.

דער ציקל „טעאַטראַלער שטייגער" געהערט צום יאָר 1893. דאָ טיילן זיך אויס די בילדער: „באַם אַק־טיאָר אין דער קאַבינע", „דער קאַפּעלדינער", „אַלטע נאַכטיגאַלן", „דער ערשטער אַרויסטריט", „אין דער טעאַטער־לאָזשע", „אין דער פאָדערשטער ריי פּאַר־טעלס".

צו פּאַסטערנאַקס ערשטע אַרבעטן געהערט אויך דער ציקל „ביכער־גראַפיק". די בילדער פון דעם ציקל האָבן זיך געדרוקט אין די איליוסטרירטע זשור־נאַלן פון יענער צײַט. צו זיי דאַרף מען פאַררעכענען די איליוסטראַציע צו מ. קאָנאָפּניצקיס דערציילונג „מענדל גדאַנסקי" (די איליוסטראַציע הייסט „נאָכן פּאָגראָם"), צום בילד זײַנען געגעבן צוויי עסקיזן.

צו דער זעלבער צײַט געהערט אויך פּאַסטערנאַקס אַרבעט (צוזאַמען מיט די קינסטלער ווורובעל, פּאָלע־נאָוו און רעפּין) אָף צו איליוסטרירן די אויסגאַבע פון מ. לערמאָנטאָווס ווערק (מאָסקווע, 1891). אין ערשטן באַנד זײַנען אָפּגעדרוקט פּאַסטערנאַקס איליוסטראַ־ציעס צו „דער מאַלעך", „אָף פּושקינס טויט", „אַ געדאַנק", „דער פּאָעט", „דער מאַסקאַראַד"; אין צווייטן באַנד — צו „מצירי" און „כאַדזשי אַברעק".

אין דער אויסגאַבע פון פּושקינס ווערק (מאָסקווע, 1899), וועלכע עס האָבן איליוסטרירט די קינסטלער ווורובעל, לעוויטאַן און אַנד., איז פאַראַן פּאַסטער־נאַקס אַ צייכענונג צום „קאַרגן ריטער" (אין קעלער בא די קאַסטנס מיט גאָלד).

פּאַסטערנאַק איז צוזאַמען מיט אַנדערע קינסטלער אײַנגעלאַדן געוואָרן צו איליוסטרירן דעם ראָמאַן פון

פּאָרטרעט פונעם קינסטלערס זון באָריס פּאַסטערנאַק

דעם קינסטלערס טאָכטער, דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע זשאָזעפינע פּאַסטערנאַק

ל. נ. טאָלסטאָי „מילכאָמע און פרידן". פון פּאַסטער־נאַקס איליוסטראַציעס פאַרגעדענקען זיך די בילדער „נאַטאַשע אָפן ערשטן באַל", „נאַפּאָלעאָן און לאַוור־רושקע"; זיי האָבן אַרויסגערופן אַנציקונג בא ל. נ. טאָלסטאָי און זײַן טאָכטער טאַטיאַנע, וועלכע האָט געלערנט אין מאָסקוער מאָלער־שול.

באַזונדערס שטאַרק האָבן אויסגענומען פּאַסטער־נאַקס איליוסטראַציעס צום לעצטן ראָמאַן פון ל. נ. טאָלסטאָי — „וואָסקרעסעניע" („טכיאַס־האַמייסים"). דער ראָמאַן האָט אין 1899 זיך געדרוקט אין פּעטער־בורגער זשורנאַל „ניוואַ". באַם מאָלן די איליוסטראַ־ציעס האָט דער קינסטלער זיך געפונען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיטן אַוטאָר פונעם ראָמאַן. עס פלעגט טרעפן אַזוי, אַז טאָלסטאָי האָט אונטערן אײַנדרוק פון פּאַסטערנאַקס בילדער געענדערט די רעדאַקציע פון זײַן טעקסט. אַזוי האָט פּאַסירט מיט דער צייכע־נונג „נאָך דער עקזעקוציע". טאָלסטאָי האָט צוריק אופגעשטעלט אַן עפּיזאָד, וועלכן ער האָט פריִער אַראָפּגענומען.

דעם קינסטלערס אַ פרײַנט, וואָס האָט אַלס אינ־זשעניער אָנגעפירט מיט די אַרבעטן פון דורכפירן די עלעקטרישע נעץ אין שליסעלבורגער פעסטונג און גוט געקענט דעם שעף פון דער פעסטונג, האָט, דערזעענדיק איינע פון פּאַסטערנאַקס איליוסטראַציעס, אויסגערופן מיט כידעש: „ווי ענלעך עס איז דײַן באַ־ראָן קריגסמוט אָפן אָריגינאַל. ווו האָסטו אים גע־זען?" פּאַסטערנאַק האָט, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל ניט געזען קריגסמוטן, ער האָט אָבער געמאָלט דאָרט, ווו דער שרײַבער האָט געשעפּט מאַטעריאַל פאַר די סצענעס פונעם ראָמאַן, — אין געריכט־זאַל, אין דער עטאַפּ־טפּיסע אאַוו.. מיט זײַן קינסטלערישן כוש האָט

ער אויפגעכאַפּט דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע און טיפּישע.

ווען דער קינסטלער האָט שטאַרק איבערגעלעבט, וואָס אין זשורנאַל קומען שלעכט אַרויס די רעפּראָדוקציעס פון זײַנע איליוסטראַציעס, האָט אים טאָלסטאָי געטרייסט: „נעמט זיך ניט צום האַרצן, איר וועט דערנאָך עקספּאָנירן די אָריגינאַלן, וועלן אַלע זיי זען און אָפּשאַצן. געדענקט, לעאָניד אָסיפּאָוויטש, אַז קיין זאַך אָף דער וועלט איז ניט אייביק: ניט די קיניגרײַכן, ניט די טראָנען... ניט די מיליאָניקע קאַפּיטאַלן... נאָר אויב אין אונדזער ווערק איז פאַראַן כאָטש אַ ברעקעלע קונסט, וועט עס לעבן אייביק!..״

וו. בולגאַקאָוו, וואָס האָט אַ געוויסע צײַט פאַרוואַלטעט מיטן טאָלסטאָי־מוזיי, דערציילט, אַז „נאָך פּאַסטערנאַקן האָט קיינער פון אונדזערע גראַפיק־מײַסטערס ניט אונטערגענומען זיך צו איליוסטרירן טאָלסטאָיס ווערק „וואָסקרעסעניִע״; דער ניוואָ פון פּאַסטערנאַקס איליוסטראַציעס איז אַזוי הויך, אַז איליוסטרירן בעסער, אַרײַנדרינגען טיפער אין די סודעס פון דער פּסיכאָלאָגיע און פונעם שטייגער, געפינען עפּעס נײַס, וואָס דער טאַלאַנטפולער און אויסערסט שטרענגער צו זײַן אַרבעט קונסט־מײַסטער האָט דורכגעלאָזט, איז אומעגלעך״ (פונעם בוך „באַגעגענישן מיט קינסטלער״, ל., 1969).

קימאַט אַלע אָריגינאַלן פון פּאַסטערנאַקס איליוסטראַציעס צו ל. נ. טאָלסטאָיס ווערק געפינען זיך אינעם מאָסקווער טאָלסטאָי־מוזיי.

א באַזונדער ציקל פון פּאַסטערנאַקס ווערק זײַנען די היסטאָרישע בילדער וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט פון רוסלאַנד. א פאַרזעצונג פון דעם דאָזיקן ציקל זײַנען די בילדער, ווו דער קינסטלער האָט געמאָלט פון דער נאַטור די געשעענישן און פּערזאָנען פון די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן.

ריידנדיק וועגן פּאַסטערנאַקס ביכער־גראַפיק, דאַרף מען דערמאָנען די הילע צו די נאָטן „יידישע פאָלקס־לידער״, וועלכע עס האָט מוזיקאַליש באַאַרבעט און אַרויסגעגעבן דער קאָמפּאָזיטאָר יולי (יויעל) ענגעל, די מאַרקעס פון די פאַרלאַגן „יאַבנע״ און „שטיבעל״, אָף וועלכע עס איז באַוויזן אַ סימבאָלישע פיגור פון אַ ייִדן מיט אַ וואַנדער־שטעקן און דעם עקסליבריס פונעם קונסטקענער פּאַוועל עטינגער, אין וועלכן עס איז אַרײַנגעפּאַסט אויך זײַן פּאָרטרעט.

באַזונדערס גרויס זײַנען פּאַסטערנאַקס פאַרדינסטן אינעם פּאָרטרעטן־זשאַנער. ער האָט געשאַפן אַ רײַכע גאַלעריי פּאָרטרעטן פון אָנגעזעענסטע מענטשן פון זײַן צײַט, אויך פון פּאָרשטייער פון פאַרשיידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. טאָלסטאָי און ביאַליק, סקריאַבין און ענגעל, סעראָוו און שטרוק, עטינגער און שטיבעל און נאָך און נאָך — סאַראַ רײַכער דיִאַפּאַזאָן פון פּערזענלעכקײַטן!

אָן אויסערגעוויינלעכע ווערט האָבן די עסקיזן צום פּאָרטרעט פון וו. אי. לענין (געצייכנט פון דער נאַטור), וואָס ווערט געהיט אין דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי, און דער ניט פאַרענדיקטער לענין־פּאָרטרעט.

ביז גאָר אינטערעסאַנט זײַנען די גרופּן־פּאָרטרעטן: „טאָלסטאָי צווישן די היימישע (באַם לאָמפּ)״, „טאָלסטאָי און גע״, „טאָלסטאָי, סאָלאָוויאָוו און פּיאָדאָראָוו״.

מיט כאַים־נאַכמען ביאַליקן האָט פּאַסטערנאַק זיך באַגעגנט אין אָדעס, מאָסקווע און בערלין. עס זײַנען באַקאַנט פאָלגנדיקע (פּאַסטערנאַקס) עסקיזן און פּאָרטרעטן פון ביאַליקן: ביאַליק, 1911; ביאַליק און דאָוויד פרישמאַן, 1916, צוויי עסקיזן, געצייכנט מיט אַ בלײַער, אין אַנפּאַס און אין פּראָפיל, 1921; אַ פּאָרטרעט פון ביאַליקן, געמאָלט מיט אייל, 1922.

אינטערעסאַנט איז דער אַנ־סקי־פּאָרטרעט (1918) — „אַנ־סקי לייענט אַ מאַנוסקריפּט פאַר פרײַנט״ (דאָס איז געווען אין דער צײַט, ווען דער שרײַבער האָט פאַרענדיקט זײַן פּיעסע „דער דיבוק״, און ביאַליק האָט זי איבערגעזעצט פאַרן „האַבימאַ״־טעאַטער). פּאַסטערנאַק האָט אין פאַרשיידענע צײַטן געמאָלט אויך פּאָרטרעטן פון די שרײַבער ווערהאַרן, גאָרקי, גערשענזאָן, רילקע, סאָקאָלאָוו, פרישמאַן, טשערניכאָווסקי, שנייער, יושקעוויטש.

ווען מע באַטראַכט פּאַסטערנאַקס פּאָרטרעטן, ווערט מען איבעראַשט פון זייער פּילאַרטיקײַט, פון דער נאַטירלעכקײַט פון די פּאָזעס און כאַראַקטערן. א פּאָר ווערטער וועגן דער ענלעכקײַט פון די פּאָרטרעטן צו די אָריגינאַלן:

דעם קינסטלער סעראָווס טאָכטער שרײַבט אין איר בוך „זיכרוינעס״ (מאָסקווע — לענינגראַד, 1947): „פון אַלע פּאָרטרעטן איז, לויט מײַן מיינונג, די ענלעכקײַט פונעם טאַטן דײַטלעכער ווי אומעטום אָף ל. פּאַסטערנאַקס קליין בילדל „אַ זיצונג אין דער מאָלערײַ־שול״... זייער ריכטיק זײַנען איבערגעגעבן דעם טאַטנס פּאָזע און זײַן פּראָפיל״.

אינעם שוין דערמאָנטן בוך פון וו. בולגאַקאָוון ווערט געזאָגט: „די פּאָרטרעטן פון ל. נ. טאָלסטאָי, וועלכע ל. פּאַסטערנאַק האָט געשאַפן, און די פאַרצייכענונגען מיט בלײַער טיילן זיך אויס מיט זייער פּיל גרעסערער ענלעכקײַט צום אָריגינאַל, איידער די פּאָרטרעטן, וועלכע עס האָבן געמאָלט אַנדערע קינסטלער (צווישן זיי אויך רעפּין)... איך בין דערבײַ אויסן ניט די אויסערלעכע ענלעכקײַט, נאָר, און דאָס איז עפּשער נאָך ווערטפולער, די אינערלעכע ענלעכקײַט... דאָס, וואָס עס ווערט געזאָגט וועגן דעם הויכן ניוואָ פון די עסקיזן צו ל. נ. טאָלסטאָיס פּאָרטרעט, איז שײַעך אויך צו אַ ריי עסקיזן פונעם לענין־פּאָרטרעט״.

אַזעלכע אַרויסזאָגונגען קאָן מען ברענגען אַ סאַך.

אין פּאַסטערנאַקס קינסטלערישער ירושה זײַנען פאַראַן אויך פּייזאַזשן און נאַטורמאָרטן. פּאַסטערנאַק האָט פאַרעפנטלעכט אַן אינטערעסאַנטן בוך „רעמבראַנדט און דאָס ייִדנטום אין זײַן שאַפונג״ (בערלין, זאַלצמאַן־פאַרלאַג, 1923) און פראַגמענטן פון זיכרוינעס.

ייִסראָעל קאָוועלמאַן

אז מע דערמאָנט זיך

איצט, אז עס איז מיר געקומען צו די הענט דאָס בילד, וואָס האָט אונטער זיך א געשיכטע פון 45 יאָר, קוק איך מיט נײַגער און זע מוישע נאדירן און ארום אים דעם גאנצן קאָלעקטיוו פון דער טעאטער־סטודיע „פרײַקונסט". איך קוק זיך אײַן אין מײַנע אמאָליקע כאווירים, צוביסלעכווײַז דערקען איך אלעמען און אויך זיך. איך האָב אָף א מינוט פארגעסן, אז עס איז געווען שוין מיט פיל יאָרן צוריק, ווען מע איז אלע יונג געווען. הײַנט־צו־טאָג איז לעבן געבליבן ניט קיין פולער צענדליק.

די טעאטער־סטודיע „פרײַקונסט" האָט זיך געשאפן אין סאָף 1925 לויט דער איניציאַטיוו און מיטשטיצונג פון אייניקע געזעלשאפטלעכע טוער און מיטפילער. דער רעזשיסער ב. ווערשילאָוו פונעם מכאט האָט געוואָלט שאפן א יידישן רעאליסטישן טעאטער. אן אקטיוון אָנטייל אין גרינדן „פרײַקונסט" האָט אויך גענומען דער קאָמפּאָזיטאָר ל. יאמפּאָלסקי און דער קינסטלער א. שולריכטער. אלס ערשטע שטעלונג איז געווען אָנגעמערקט „דער גולעם" פון ה. לייוויק.

ארײַנגייענדיק אנומלטן צו א. קושניראָוון אין שטוב, האָב איך בא אים געטראָפן ה. לייוויקן, וואָס האָט דעמלט געווײַלט אין מאָסקווע. איך האָב אים דערציילט, אז מיר רעפּעטירן זײַן פּיעסע, און געבעטן קומען צו אונדז אָף רעפּעטיציע. אין איינעם אן אָונט איז לייוויק געקומען. דער קאָלעקטיוו האָט מיט גרויס אינטערעס און פרייד באגעגנט דעם גרויסן דיכטער. לאנג איז ער בא אונדז געזעסן. ביז איצט געדענק איך, וואָס פאר א שטימונג האָט זיך דאן געשאפן, וויאַזוי לייוויק האָט געמאָלט פאר אונדז דאָס פּאָעטישע בילד פון די אומשטענדן אין דער פּיעסע, ווען עס איז בא אים פארטראכט געוואָרן דאָס געשטאלט פונעם גולעם און דער גאנצער סוזשעט. אין טורמע, איינצלקאמער, קארצער, אָף לאנגע סיבירער וועגן האָט אים נאָכגעפאָלגט די פּאָעטישע לעגענדע וועגן גולעם.

אין 1926 האָבן מיר שוין באוויזן דעם ספּעקטאקל אין מאָסקווע, אין אייניקע קלובן און טעאַטער־געבײַדעס. מיר האָט ב. ווערשילאָוו געהייסן פארן אָנהייב פונעם ספּעקטאקל דערציילן דעם טאָך פון דער לעגענדע און פארשטענדלעך מאכן איר מיסטישן אינהאלט.

אין 1927 איז קיין מאָסקווע געקומען פון אמעריקע מוישע נאדיר. אין דער וועכנטלעכער בײַלאגע צום „עמעס" איז געווען אָפּגעדרוקט זײַן איינאַקטער „מאָשיעך אין אמעריקע". דאָס איז געווען א כויזעקדיקע שארפע סאטירע אָף די באלעבאטים פון דער יידישער געלער פּרעסע אין אמעריקע. אינקורצן האָב איך זיך געטראָפן מיט מוישע נאדירן. אים האָט זיך געוואָלט א שפּאציר טאָן איבער די מאָסקוועער גאסן. זײַנען מיר געגאנגען פון סאמאָטיאָקע ביז פּושקינס דענקמאָל. דעם גאנצן וועג האָט ער אויסגעפרעגט וועגן אלץ, וואָס האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן, און גלײַכצײַטיק געשאָטן מיט ווערטלעך, קאלאמבורן און אפּאָריזמען. דער זעלבער מוישע נאדיר פון זײַנע ביכער. איך האָב געטראכט, אז ס'איז א שאָד, וואָס זײַן מינדלעכע שאפונג גייט לעיבעד. איך האָב פארגעדענקט אזא זאַג זײַנעם. ער איז נאָרוואָס געקומען פון פוילן. אים שטעלט זיך פאָר די יידישע ליטעראטור אין פוילן, ווי א גרויסער צעצווײַגטער בוים מיט טיפע וואָרצלען, נאָר מיט זייער ווינציק פרוכטן. בא אונדז אָבער, אין ראטנפארבאנד, איז די יידישע ליטעראטור א בוים, אָפּגעשאָטן מיט פרוכטן, נאָר די וואָרצלען זײַנען נאָך יונג.

איך האָב נאדירן געבראכט אין „פרײַקונסט". באלד איז ער געוואָרן היימיש און פרײַנטלעך מיט אלעמען. דערציילט וועגן אקטיאָרן און וועגן יידישע טעאטערן אין אמעריקע. זײַן איינאקטער „מאָשיעך אין אמעריקע" האָט שטארק אויסגענומען באם קאָלעקטיוו און בא ווערשילאָוון, און מיר האָבן אים פארגעלייגט שאפן אָף דעם סמאך א פּיעסע אין דרײַ אקטן. ער איז מאסקים געווען אָנשרײַבן נאָך צוויי אקטן.

צו יענער צײַט האָט אונדזער סטודיע אָפּט דורכגעפירט קאָנצערט־אָוונטן אין א קליינעם זאל אָף פאלאשאָווסקי־געסל. אין דער פּראָגראם זײַנען געווען סצענעס, טענץ און אינסצענירטע פאָלקסלידער, צווישן זיי דאָס באוווסטע „אז דער רעבע עלימיילעך", ווי א פאָלקסליד. מוישע נאדיר האָט מיך צוגערופן און שטיל געזאגט, אז דאָס ליד האָט ער אָנגעשריבן, און א סאך מיינען, אז עס איז א פאָלקסליד. נאָכדעם האָבן מיר שוין געמאָלדן, אז דער אווטאָר פון „אז דער רעבע עלימיילעך" איז אונדזער גאסט מוישע נאדיר.

אין מאָסקווע האָט דעמלט געהאלטן א קאָנצעסיע אָף אויסארבעטן בלײַשטיפטן די פירמע „כאמער". די פרוי כאמער מיט אירע צוויי זין האָבן געוווינט אין אן אָסאָבניאַק אָף סאמאָטיאָטשנע־גאס. זי איז געווען אן אינטעליגענטע פרוי, געקענט די אמעריקאנישע יידישע ליטעראטור. זי פלעגט דערציילן, אז איר מאן האָט אין די יונגע יאָרן געלערנט אין זשענעווע און איז געווען באקאנט מיט לענינען.

מוישע נאדירן האָט זי אײַנגעלאדן צו וווינען אין דעם גרויסן געראמען אָסאָבניאַק. ווען איך פלעג ארײַנקומען אהין, פלעג איך אָפּט טרעפן ארום א לאנגן טיש די יידישע שרײַבער און פּאָעטן: א. ווע־

מוישע נאַדיר צוגאַסט אין דער טעאַטער־סטודיע „פרײַקונסט״.

וויאָרקען, ש. גאָדינערן, מ. דאַניעלן, א. קושניראָוון, א. כאַשטשעוואַצקין, אי. כאַריקן און אַנד. היימיש און פריילעך איז געווען אין אָט דער ליטעראַרישער קאָמפּאַניע. באַם טיש האָט מען גערעדט, געלייענט, געלאַכט, געטרונקען טיי... מוישע נאַדיר פלעגט מיט שמייכלענדיקע אויגן און מיט אַן ערנסטן טאָן דערציילן עפּעס און „פאַרפלעכטן אַ ווערטל״. באַ יעדן פּאַראָדיע־עקספּראָמט האָט זיך געקײַקלט דער געלעכטער איבער די צימערן פונעם גרויסן ווייניק־באַוווינטן הויז.

נאַדיר פלעגט אָפט רעדן וועגן דעם, אַז עס איז דאָ אַף וואָס צו מעקאַנע זײַן אונדזערע שרײַבער. מע קען לעבן פון דער ליטעראַרישער פּראָפעסיע. אין אַמעריקע לעבן פון זייער שאַפונג יענע, וואָס שרײַבן אין דער געלער פּרעסע. אים, נאַדירן, האָט זיך געלעבט שווער. ער האָט געמוזט האַלטן אַ קאַפע, וואָס האָט עפּשער צוגעצויגן באַזוכער צוליב פאַרברענגען אין אַ פריילעכער סוויווע פון די דאָרטיקע „קיבעצאַרניס״.

דעם זומער האָט די טעאַטער־סטודיע „פרײַקונסט״ גאַסטראָלירט אין אייניקע שטעט פון אוקראַינע מיט דער שטעלונג פונעם „גוילעם״ און פון וועוויאָר־קעס „נאַפּאָלעאָנס אוצר״. מוישע נאַדיר איז אַוועק־געפאָרן קיין יאַלטע און דאָרט געשריבן די ווײַטער־דיקע צוויי אַקטן פון „מאָשיעך אין אַמעריקע״. איך האָב פון אים באַקומען בריוו פון יאַלטע. איין בריוו האָט זיך באַ מיר פאַרהיט. קיין יאַלטע האָט אים דער טעאַטער אַרויסגעשיקט געלט. שפּעטער איז ער געקומען קיין מאָסקווע און אונדז געלייענט די לעצטע צוויי אַקטן פון דער פּיעסע.

סאָף זומער איז ער אַוועקגעפאָרן אַהיים קיין ניו־יאָרק.

ביז הײַנטיקן טאָג שטייט מיר פאַר די אויגן די שטאַלטנע פיגור פון מוישע נאַדיר מיט זײַן גרויסן שיינעם קאָפּ געקרײַזלטע שוואַרץ־גרויע האָר, מיט די קלוגע טרויעריק־שמייכלענדיקע אויגן.

כאַים טאַמאַרקין

בראַניק

מאַרק שאַגאַל צוגאַסט אין סאָוועטנפאַרבאַנד

לויט דער אײַנלאַדונג פונעם קולטור־מיניסטעריום פון פססר איז קיין מאָסקווע געקומען צוגאַסט מאַרק שאַגאַל. אַף זײַן אויסשטעלונג אין דער טרעטיאַקאָווער קונסט־גאַלעריי איז עקספּאָנירט געוואָרן א גרויסע סעריע ליטאָגראַפיעס, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן אלס מאַטאָנע דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

דער 86־יאָריקער גרויסער קינסטלער איז, ווי באַוווּסט, געבוירן געוואָרן אין וויטעבסק, ווּ ער האָט געשטעלט די ערשטע טריט צו די הייכן פון מאָלערײַ און גראַפיק. אָנהייבנדיק פון 1923 לעבט ער און שאַפט אין פּאַריז.

צו דער עפענונג פון דער אויסשטעלונג, אַף וועלכער עס איז בײַגעווען מאַרק שאַגאַל, זײַנען געקומען פיל קינסטלער און קונסט־פאָרשער. אינעם ווערניסאַזש האָבן אָנטיילגענומען דער קולטור־מיניסטער פון פססר י. א. פורצעוואַ און דער פראַנצויזישער געזאַנדטער אין סאָוועטנפאַרבאַנד זשאַק ווימאַן.

ביראָבידזשאַנער נײַס

די באַלוינונג האָט געפונען דעם העלד

קימאַט אין סאָף פון דער פאַטערלענדישער מילכאָמע האָט דער סוינע זיך פאַרפעסטיקט בא דער שטאָט דאַנציק און דאָרט געשטעלט א שטאַרקן ווידערשטאַנד אונדזערע אָנגרײַפנדיקע טיילן. בײַס דער שלאַכט פאַר דער שטאָט איז אַהין געשיקט געוואָרן א גרופּע אויסשפּירער מיטן ציל צו פאַרכאַפּן באַם סוינע א „צונג" און אויסקלאָרן די נייטיקע אומשטענדן. אין אָט דער אָפּעראַציע האָט זיך אויך באַטייליקט דער סאָלדאַט אַלעקסאַנדער ראַקיטין, וועלכער איז אַף צוריקוועגס נאָך דער געלונגענער אָפּעראַציע שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. נאָכן אויסהיילן זיך איז ער ווידער אַוועק אַפן פראָנט.

ווען די מילכאָמע האָט זיך פאַרענדיקט, איז א. ראַקיטין געקומען אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, ווּ ער האָט געאַרבעט אַלס טראַקטאָריסט אין ביראָפעלד און דערנאָך אין סמידאָוויטשער ראַיאָן, איצט אַרבעט ער אין א בוי־אָרגאַניזאַציע.

ניט לאַנג צוריק האָט מען אַלעקסאַנדער ראַקיטינען אַרויסגערופן אין ראַיאָנישן מיליטער־קאָמיסאַריאַט, ווּ מע האָט אים פאַר דער געוואַגטקײַט און העלדנמוט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין שלאַכט בא דער שטאָט דאַנציק, איבערגעגעבן דעם „רום"־אָרדען פון דער דריטער שטופע.

דערפאָלג פון די ביראָבידזשאַנער פאָלקס־טעאַטערן

אַפן ווײַטן מיזרעך האָבן זיך פאַרענדיקט דער קאַנטישער און זאָנאַלער דורכקוק פון די פאָלקס־טעאַטערן, אַף וועלכע עס זײַנען מיט דערפאָלג אַרויסגעטראָטן די אַרטיסטן פון צוויי ביראָבידזשאַנער פאָלקס־טעאַטערן — דעם ייִדישן און רוסישן.

דער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער האָט באַוויזן אווראָם גאָלדפאַדענס „די קישעפמאַכערן". די זשורי האָט אים צוגעמישפּעט צען דיפּלאָמען פון דער ערשטער שטופע. צווישן זיי — דעם רעזשיסער בערטע שילמאַן, די אַרטיסטן כײַע סעגאַל, ניוסיע ליסקאָוויטש, דעם אָנפירער פונעם אָרקעסטער סעמיאָן גראָסמאַן, דעם דיריזשאָר געאָרגי שמאַטקאָ, די אָנפירערין פונעם טאַנץ־קאָלעקטיוו טאַמאַרע טשערניס און באָריס ביילין. אַלע אַנדערע אָנטיילנעמער פונעם ספּעקטאַקל, סאַכאַקל 22 מענטשן, האָבן באַקומען דיפּלאָמען פון דער צווייטער שטופע.

אינעם זאָנאַלן דורכקוק, וואָס איז פאָרגעקומען אין וולאַדיוואָסטאָק, האָבן זיך באַטייליקט פערצן פאָלקס־טעאַטערן פון פאַרשיידענע קאַנטן און געגנטן. לויט די סאַכאַקלען פון דעם דורכקוק, וועלכער האָט געדויערט צען טעג, זײַנען לאָורעאַטן פונעם קאָנקורס געוואָרן דער פאָלקס־טעאַטער פון בערינגער ראַיאָן פון מאַגאַדאַנער געגנט — פאַר דער שטעלונג פון א. מאַקאַיאָנאָקס פּיעסע „טריבונאַל", דער ביראָבידזשאַנער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער, וועלכער האָט באַוויזן א. גאָלדפאַדענס „די קישעפמאַכערן", און דער יוגנטלעכער טעאַטער פון דער אַמורער געגנט — פאַר דער טעאַטראַלער קאָמפּאָזיציע „וועגן אונדז, וועגן זיי, וועגן דער רעוואָליוציע".

לויט די שפּורן פון אַרכעאָלאָגישע אויסגראַבונגען

ניט לאַנג צוריק האָט אין מיטל־אַפגאַניסטאַן געאַרבעט א וויסנשאַפטלעכע אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציע.

אין א מידבער, ווײַט פון וועלכער־עס־איז קאָמוניקאַציע, האָבן די אַרכעאָלאָגן אָנגעטראָפן אַף אַן אײַנזאַמען טורעם, ענלעך צו די מינאַרעטן פונעם VIII יאָרהונדערט, אַף וועלכן עס האָבן זיך געפונען ייִדישע אויפשריפטן. ביז איצט ווייסט קיינער ניט, וואָס פאַר א ייִדישער ייִשעוו עס האָט זיך דאָ געפונען.

לויט היפּאָטעזעס האָבן ייִדן דאָ געלעבט שוין אין פריִען מיטלאַלטער און האָבן געבויט ייִשווים אַפן וועג פונעם אַטלאַנטישן אָקעאַן ביז צו כינע.

געשטאָרבן א. שליאָנסקי

אין עלטער פון 73 יאָר איז געשטאָרבן דער ייִסראָעל־שרײַבער אווראָם שליאָנסקי.

שליאָנסקי פאַרנעמט א באַזונדער אָרט אין דער אָריגינעלער העברעיִשער ליטעראַטור, וועלכע איז אַדאַנק אים באַרײַכערט געוואָרן מיט מוסטערהאַפטע איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור.

שליאָנסקיס לעבן און זײַן גאַנצע שאַפונג זײַנען געווען רײַך מיט ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט. ער איז געווען א מיטגליד פונעם שאָלעם־קאָמיטעט אין ייִסראָעל און א מיטגליד פון אַלוועלטלעכן שאָלעם־ראַט.

שליאָנסקי האָט פאַרעפנטלעכט אַכט לידער־זאַמלונגען. ער האָט אויך געשריבן פּיעסעס פאַר קינדער און געווידמעט א סאַך צײַט, טאַלאַנט און מי אַף איבערזעצונגען. צו זײַנע בעסטע איבערזעצונגען געהערן: פּושקינס „יעווגעני אָנעגין", ראָמען ראָלאַנס „קאָלאַ ברוניאָן", שאָלאָכאָווס „דער שטילער דאָן", באַבעלס דערציילונגען און אאַוו.

זײַענדיק אין פאַרלויף פון א סאַך יאָרן דער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער־ביבליאָטעק", האָט ער דערמוטיקט אָריגינעלע שאַפונגען און איבערזעצונגען פון דער פּראָגרעסיווער און רעוואָליוציאָנערער שאַפונג אין דער וועלט, און אין דער ערשטער ריי פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

שליאָנסקי איז געווען א מיטגליד פון „מאַפּאַם", און זײַן אידעאַליסטישע און ציִוניסטישע וועלט־אָנשויונג האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זײַן שאַפונג.

מיט שליאָנסקיס טויט איז אַוועק פון דער ליטעראַטור דער עלטסטער פון די „ווידערשפּעניקע שרײַבער" אין ייִסראָעל, וועמען ס'איז געווען אייגנטימלעך א ברייטע קולטור, און ערנסטער בײַשטײַער צו דער העברעיִשער ליטעראַטור.

■ ■ ■

פאַרשיידנס

אַ מאַטאָנע פון אַ קאָלעקציאָנער

איינער פון די עלטסטע לענינגראַדער זאַמלער פון שפּריכווערטער און אַפאָריזמען איוואַן יאַקאָוולעוויטש קלאָקאָוו האָט איבערגעגעבן זײַן וניקאַלע קאָלעקציע, וואָס אַנטהאַלט באַ 250 טויזנט קאַרטלעך, דעם באַלוינטן מיטן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן פּעדאַגאָגישן מעלוכע־אינסטיטוט אָף א. אי. גערצענס נאָמען.

דאָס ערשטע מאָל האָט דער אינזשעניער — בויער אי. קלאָקאָוו אָנגעהויבן פאַרשרײַבן שפּריכווערטער אין 1921 יאָר, ווען ער האָט געאַרבעט באַם אויפשטעלן דעם מורמאַנסקער אײַזנבאַן־וועג. אַדאַנק דער ספּעציפיק פון זײַן אַרבעט איז אים אויסגעקומען אַ סאַך אַרומפאָרן איבערן לאַנד, און אומעטום האָט ער געפירט מיט זיך אַ העפטל, אין וועלכן ער האָט פאַרשריבן יעדן טרעפלעכן אויסדרוק, וואָס ס׳איז אים אויסגעקומען צו הערן. פאַר אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט ער געשאַפן אַ קאַרטאָטעקע, וואָס אַנטהאַלט 100 טויזנט רוסישע שפּריכווערטער, 50 טויזנט שפּריכווערטער פון די פעלקער פון ססר און 50 טויזנט אויסלענדישע שפּריכווערטער. נאָך איין קאַרטאָטעקע אַנטהאַלט אַרום 50 טויזנט אַפאָריזמען.

וו. מעטליאַיעוו („איזוועסטיאַ״).

שעדעווערן, צוגענגלעכע פאַר אַלעמען

דער פאַרלאַג „אווראָרע״ איז איינער פון די סאַמע ייִנגסטע אין לאַנד. ער איז געגרינדעט געוואָרן אין לענינגראַד אינגאַנצן מיט פיר יאָר צוריק. פאַר אָט דער צײַט איז מיט דער מאַרקע פון „אווראָרע״, וואָס לאָזט אַרויס רעפּראָדוקציעס פון די ווערק פון דער פּלאַסטישער קונסט, אָפּגעדרוקט געוואָרן 4.431 אויסגאַבעס, דערין העכער הונדערט אַלבאָמען, 70 פאַקסימיליע־רעפּראָדוקציעס, 106 ביכער, 3.886 פאַרשיידענע קינסטלערישע קאַרטלעך. די פאַקסימיליע־רעפּראָדוקציעס — דאָס איז אַ נײַס אין אונדזער פּאָליגראַפישער פּראַקטיק. אַזעלכע רעפּראָדוקציעס גיבן איבער מיט אַ הויכן גראַד פּינקטלעכקײַט דעם פאָרמאַט פונעם אָריגינאַל, די דינסטע ניואַנסן, שטריכן און פאַקטור פונעם ווערק. דערמיט ווערט דערגרייכט די מאַקסימאַלסטע דערנעענטערונג צום אָריגינאַל. די פאַקסימיליע־אויסגאַבעס פונעם פאַרלאַג „אווראָרע״ האָבן באַקומען די העכסטע אָפּשאַצונג אויפן צווישנפעלקערלעכן ביכער־מאַרק אין פראַנקפורט־אַם־מײַן (דײַטשישע פעדעראַטיווע רעפּובליק) הארבסט פאָריקס יאָר.

אַן אוצער פון כאָכמע

וועגן דעם קעלער פון דער ביבליאָטעק באַם לאָנדאָנער וויסנשאַפט־מוזיי קאָן מען מיט רעכט זאָגן, אַז דאָס איז אַן אוצער פון מענטשלעכער כאָכמע. דאָ געפינען זיך אַרום צוויי מיליאָן מעלדונגען פון די ענגלישע דערפינדער. דער פּאַטענט נומ. 1 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך אין 1617 יאָר ראַטבאָונען און בערדזשעסן, וואָס האָבן פאָרגעלייגט פּראָדוצירן און פאַרקויפן מאַפּעס פון די ענגלישע שטעט. דער פּאַטענט נומ. 4 לייגט פאָר אַ נײַעם מעטאָד „פון פאַרהיטן די שלאַכט־אַמוניציע פון זשאַווער״ מיט דער הילף פון אַ ספּעציעלן פעטס. אין 1673 יאָר איז דאָ פאַרעגיסטרירט געוואָרן די ערשטע צייכענונג — „אַ מאַשין אָף צו רייניקן און פאַרטיפערן טײַכן״.

אָף די סטעלאַזשן ווערן אײַנגעהיט די באַשרײַבונגען פון סטעפענסאָנס דאַמף־מאַשין, „וואָס איז ענלעך, לויטן אויסדרוק פון דער צײַטונג „סאַנדי טײַמס״, צו אַ פעלד־קיך אָף רעדער״, די צייכענונגען פונעם ביפּלאַן פון די ברידער רײַט. אַהער פלעגט מען ברענגען דערפינדונגען פון באַזונדערע מינים קאָנסטרוקציעס פון שירעמס, קאַסטנס, פלי־אַפּאַראַטן.

טשיקאַווע איז די אידיי פונעם דערפינדער דאַרטיגענאַוו, וועלכער האָט פאָרגעלייגט אין מיטן פון פאָריקן יאָרהונדערט שאַפן אַן אַעראָפּלאַן, וואָס זאָל אַרופשטײַגן ווערטיקאַל. פּאַראַשוטן מיט דער הילף פון דאַמף וואָלטן אויפגעהויבן די מאַשין אין דער הייך, און דערנאָך וואָלט דער דערפינדער מיט דער הילף פון אַ האָריזאָנטאַלן פליגל געצוווּנגען דעם אַעראָפּלאַן באַוועגן זיך פאָרויס.

אַ מיניאַטור ביכעלע

8 מילימעטער — אַזאַ איז דער פאָרמאַט פונעם סאַמע קלענסטן ביכעלע, וואָס איז ווען־עס־איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין די דרוקערײַען פון יוגאָסלאַוויע. דאָס ביכעלע, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער פאַרלאַג „פאָרום״ אין דער שטאָט נאָווי־סאַד מיט אַ טיראַזש פון 200 עקזעמפּליאַרן, אַנטהאַלט 32 זײַטלעך, אָף יעדער זײַטל — אַן ערעך צוויי טויזנט דרוק־צייכנס. לייענען קאָן מען עס, פאַרשטייט זיך, בלויז מיט אַ לופּע.

(טאַסס)

ניט פּאַטערנדיק קיין צײַט

אַנטאָניאָ פּיוסקאָני איז העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט געווען אַ וועכטער פון דאַנטעס קייווער. פאַר אָט דער צײַט האָט ער ניט נאָר געוויסנהאַפט אויסגעפילט זײַנע פליכטן, נאָר אויסגעלערנט אָף אויסווייניק „די געטלעכע קאָמעדיע". ווײַט ניט יעדער ליטעראַטור־פאָרשער קאָן זיך מיט אַזעלכס באַרימען.

(טאַסס)

סטאַטועטקעס פון 9 טויזנט יאָר צוריק

די טעגעראַנישע צײַטונג „קייכאַן אינטערנעשנל" שרײַבט, אַז אין ראַיאָן, וואָס געפינט זיך 70 קילאָמעטער דאָרעמדיקער פון דער איראַנישער שטאָט קאַזווין, האָט מען געפונען אַ יִישעוו פון פינפטן־זעקסטן יאָרטויזנט ביז אונדזער ערע. דער אָנפירער פון דער אַרכעאָלאָגישער גרופּע דאָקטאָר רעזאַ מאָסטאָפי האַלט, אַז דאָס איז דער סאַמע עלטסטער יִישעוו אָף דער טעריטאָריע פון איראַן. די אַרכעאָלאָגן האָבן געפונען באַ הונדערט ליימענע סטאַטועטקעס, וואַזעס, טעפּ, ביינערנע שפּיצן פאַר שפּיזן און פײַלן, שטיינערנע העמערלעך און אַנדערע זאַכן.

מ'האָט אויך געפונען עטלעכע סקעלעטן, וואָס ליגן אין פאַרשיידענע פּאָזעס. אין אונטערשייד פון מער שפּעטערע קוואָרים, זײַנען אין די דאָזיקע ניט פאַראַן קיין ספּעציִעלע קיילים פאַר וואַסער און שפּײַז. די אַרכעאָלאָגן פּלאַנירן דורכפירן ווײַטערדיקע אויספאָרשונגען.

א. וואַסיליעוו („פּראַוודאַ")

פאַרשיידנס

פילשפּראַכיקע אינדזלען

קיינער קאָן ביז איצט פּינקטלעך ניט זאָגן, וויפל איז אין אינדאָנעזיע פאַראַן אינדזלען, וואָס זײַנען צעשאָטן אָף די גרויסע אָקעאַנישע ראַכוועסן. אָבער נאָך שווערער איז צו זאָגן, אָף וויפל שפּראַכן רעדט די באַפעלקערונג פון אָט דעם לאַנד. אין דזשאַקאַרטע איז פאַראַן אַן אינסטיטוט פון נאַציִאָנאַלע שפּראַכן, וואָס סטאַרעט זיך אָפּווישן די ווײַסע פלעקן פון דער אינדאָנעזישער לינגוויסטישער קאַרטע. אָף איר זײַנען באַצייכנט 418 לעשוייִנעס און דיִאַלעקטן. דאָס איז אָבער, זעט אויס, ווײַט ניט אַלץ, ווײַל אין פיל פאַרוואָרפענע ראַיאָנען פון קאַלימאַנטאַן, סומאַטרע, סולאַוועסי און מײַרעוו־איריִאַן זײַנען נאָך די לינגוויסטן ניט געווען.

ס'איז פאַראַן אַ השערה, אַז אין די דזשונגלען פון קאַלימאַנטאַן און מײַרעוו־איריִאַן זײַנען דאָ שוואָטים, וואָס זײַנען נאָך ניט באַוווּסט די געלערנטע־עטנאָגראַפן.

מ. דאָמאָגאַצקיך („פּראַוודאַ").

„הייבט זיך אוף אין דער הייך, קאַלזמאַן ס'איז ניט שפּעט"

די איטאַליענער זײַנען באַאומרויִקט פון דעם, וואָס די פּאַלאַצן און פּלעצער פון ווענעציע לאָזן זיך פּאַמעלעך אַראָפּ אין וואַסער; די ענגלענדער קרעכצן, דערוויסנדיק זיך, אַז די געלט־זעק פון יענער זײַט אָקעאַן קויפן אָפּ אַ בריק איבער דער טעמזע; די פראַנצויזן — אין דער ערשטער ריי די פּאַריזשער אײַנוווינער — באַאומרויִקט דער ווײַטערדיקער גורל פונעם אייפּעל־טורעם.

„פּאָרט זיך דורך קיין איטאַליע, קאַלזמאַן די איטאַליענער האָבן נאָך ניט פאַרניכטעט אירע רײַכטימער", — האָט מען געקאָנט הערן מיט אַ געוויסער צײַט צוריק. „הייבט זיך אוף אָפּן אייפּעל־טורעם, קאַלזמאַן מע האָט אים נאָך ניט צעגומען אָף טיילן", — זאָגט מען איצט. דער 80־יאָריקער טורעם איז שטערבלעך קראַנק פונעם זשאַווער, וואָס פרעסט אים אויף.

פון דער פינאַנציִעלער זײַט וואָלט בילִיקער פון אַלץ געווען דעמאָנטירן דעם טורעם אָף באַזונדערע טיילן. סאָפּקאָלסאָף האָט מען אים אויסגעבויט קלאָל ניט אָף אייביק, נאָר אַלס צענטראַלן עקספּאָנאַט אָף דער אַלוועלטלעכער אויסשטעלונג אין 1889 יאָר.

הײַנט, קוקנדיק אָף אָט דעם בנין, וואָס איז צעוואַקלט דורך פילמיליאָניקע טוריסטן (אין 1971 יאָר, צום בײַשפּיל, האָבן אים באַזוכט 2,9 מיליאָן מענטשן), איז אַ ספק, צי וועט זיך עמעצער דערמאָנען, אַז ער איז אויסגעבויט געוואָרן טראָץ די פאַרביטערטע פּראָטעסטן פונעם „קאָמיטעט אָף צו ראַטעווען פּאַריזש", אין וועלכן ס'זײַנען אַרײַן די זין פון אַלעקסאַנדער דיומאַ, שאַרל גונאָ און גי דע מאָפּאַסאַן. וועגן דעם טורעם האָט מען אין יענע צײַטן גאַליק גערעדט, אַז ער איז „אומנוצלעך", אַז ער איז אַן עמעסע פּלאָג פאַרן פּאַריזשער הימל. מיט עטלעכע יאָרצענדליקער שפּעטער איז דער טורעם געראַטעוועט געוואָרן בלויז אַדאַנק דעם, וואָס ער איז צוניץ געקומען אַלס ראַדיאָאַנטענע.

דער טורעם וועגט קימאַט 7 טויזנט טאָן. פאַר 80 יאָר האָט מען אים 16 מאָל איבערגעפאַרבט. יעדע אַזאַ פּראָצעדור האָט צוגעגעבן 70 טאָן צו זײַן וואָג. די פאַרב איז אָבער אַ שוואַך מיטל קעגן קאָראָזיע. דעם טורעם האָט מען העכער געמאַכט אָף 60 פוט, און איצט איז זײַן הייך 1066 פוט. ביים אַ שטאַרקן ווינט וואַקלט זיך דער שפּיץ פונעם טורעם.

דער אייפּעל־טורעם איז אַ היסטאָרישער דענקמאָל. ער געהערט דער מעלוכע, מיט אים פירט אָן אַ מעלוכע־קאָמפּאַניע.

דאָס ראַטעווען די 7 טויזנט טאָן זשאַווערנדיק אײַזן קאָסט אַ סאַך געלט. די פּאַריזשער אײַנוווינער האָפן, אַז מע וועט דאָס דאָזיקע געלט געפינען, אָבער די שטאָט־אַדמיניסטראַציע איז פייִק אָף אַלץ. מעגלעך, אַז זי איז פייִק אויך אופהערן סובסידירן דעם באַליבטן טורעם.

„וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ" (איבערגעדרוקט פונעם ענגלישן זשורנאַל „עקאָנאָמיסט")

ווינקל פון געזעלשאפטלעכן פארשפרייטער
פון „סאָוועטיש היימלאנד״

מיט ליבשאפט
צום געדרוקטן וואָרט

אין דער וויניצער אָפּטיילונג פון „סאָיוז־פּעטשאט״ האָט מען מיר געזאָגט: אויב איר ווילט זיך באַגעגענען מיט די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, דאַרפט איר צום אַלעמערשטן אַרײַנגיין צום כאַווער קיל. ער וווינט אויף דער יאַקאָוו־סווערדלאָוו־גאַס.

אין אָט דער אַלטער אוקראַיִנישער שטאָט בין איך שוין לאַנג ניט געווען. אייניקע גאַסן און געסלעך איז שווער צו דערקענען, אַזוי האָבן זיי געענדערט זייער אויסזען צום גוטן — נײַע פילשטאָקיקע מויערן, האָטעלן, קינאָ־טעאַטערן, מאָדערנע קראָמען.

די סווערדלאָוו־גאַס ציט זיך לענגאויס דעם טײַך בוג. ניט ווײַט פונדאַנען געפינט זיך די שטילע און געמיטלעכע שאָלעם־אַלייכעם־גאַס, וועלכע קוקט אַרויס אויף איינער פון די צענטראַלע מאַגיסטראַלן פון דער שטאָט.

ווען ייִצכאָק קיל האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם ציל פון מײַן באַזוך, האָט ער אַרויסגענומען זײַן נאָטיץ־ביכעלע מיט די געהעריקע טעלעפאָן־נומערן און גענומען צונויפרופן זײַן „דרוזשינע״.

אויף דער פאָטאָ, וואָס מיר ברענגען דאָ, זעט מען אַ גרופּע אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, וועלכע איך האָב פאָטאָגראַפירט, זײַענדיק אין וויניצע. דער ערשטער פון רעכטס איז דער ליטעראַטאָר גדליה קאָסאָי, אַן אווטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, לעבן אים זיצט רווּון אַקיוויסאָן. ביזן אַרויסגיין אויף פּענסיע האָט ער אונטערריכט לאַטײַן אין וויניצער מעדיצינישן אינסטיטוט.

ער איז אַ גרויסער ליבהאָבער פונעם געדרוקטן וואָרט. אין די מלחמה־יאָרן איז ער געווען דער שעף פון אַ מיליטערישן שפּיטאָל. בענציען שולמאַן איז לויט זײַן באַרוף אַ פּעדאַגאָג. ייִסראָעל ספּיוואַק, דער „סטאָליער בען סטאָליער״, ווי ער מעלדעט וועגן זיך אַליין, האָט אין די דרײַסיקער יאָרן באַגײַסטערט דעם שרײַבער מ. אַראָנסקי, און יענער האָט אים באַשריבן אין זײַן בוך „לאַנדסלײַט״.

דער עלטסטער פון דער גרופּע אויפן פאָטאָבילד איז ייִצכאָק קיל. אַן אומדערמידלעכער מענטש איז ער. וויפל שטעט און שטעטלעך האָט ער אַרומגערײַזט, פּראָפּאַגאַנדירנדיק די ווערק פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור!

באַ דער געלעגנהײַט ברענג איך דאָ אַ בריוועלע, וואָס קיל האָט לעצטנס צוגעשיקט אין רעדאַקציע.

„טײַערע כאַווײרים!

איך בעט אײַך זייער ניט זשאַלעווען מײַן צײַט און מי, ווײַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ פאַרדינט, אַז אַ ליבהאָבער פונעם קינסטלערישן וואָרט זאָל אים אָפּגעבן זײַנע קויכעס. באַ מײַן טיפער עלטער, פון 87 יאָר, האָב איך נאָך בעדייע צו פאַרנעמען זיך מיט דער אַבאָנירונג אויף אונדזער זשורנאַל.

איך שיק אײַך אַ צעטל פון נײַע אַבאָנענטן.

נעמט צו הערצלעכע גרוסן פון אונדזערע לייענער — פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

אײַער פרײַנט — ייִצכאָק קיל״.

י ו י ס ע ף   ש ו ס ט ע ר

א גרוס פון דאָנבאַס

„כאַשעוועער כאוער רעדאַקטאָר

אין דער דאָנעצקער אָפּטיילונג פון „סאָיוז־פּעטשאַט" האָט מען מיר מיטגעטיילט, אַז די צאָל אַבאָנענטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" בא אונדז אין שטאָט איז אויסגעוואַקסן אין 1973 יאָר קימאַט אין צווי מאָל. דאָס איז אַ באַווײַז וועגן דעם שטײַגנדיקן אינטערעס צום זשורנאַל אין אַזאַ נײַעם „ייִדישן קאַנט", ווי דאָנבאַס.

מיט אַכטונג און בעסטע ווונטשן
זאַלמען מינקין

פּ. ס.

איך לייג דאָ צו אַ פּאָר לידער, וועלכע איך האָב לעצטנס אָנגעשריבן און וואָלט געוואָלט הערן אײַער מיינונג וועגן זיי".

זאַלמען מינקין

די שטערן

די שטערן פון הימלען פון בלויע
מײַן וויגעלע האָבן געוויגט,
די ווערבע אַ צווײַגל מיט טוי האָט
מײַן צערטלעכער יוגנט געשיקט.

די שטערן פון הימלען פון בלויע —
זיי האָבן מײַן נײַגער גענערט,
דער וואַלד האָט געפּעסטעקט מײַן גלויבן
אין קויעך פון זײַן אַף דער ערד.

פּינפּקאַנטיקע שטערנדלעך רויטע,
פאַרטיפטע אין האַרצן שוין לאַנג,
פאַרקישעפט זיי האָבן, פאַרטרויטע,
מײַן וועג צום געשטערנטן לאַנד.

באַצויבערט זיי האָבן מיט צאָרן
מײַן שפּאַן קעגן פײַנט פון דער וועלט,
אין שטורעם פון יאָרן נאָך יאָרן
דער שווונג האָט בא מיר ניט פאַרפעלט.

און כ'קוק דעם אַרום אָן מיט ווונדער —
פאַרווונדערט און יונג איז מײַן האַרץ,
און כ'טראָג אַזאַ ליכטיקן אומרו,
אין טיפקייט פון האַרצן פאַרשפּאַרט.

פּינפּקאַנטיקע שטערנדלעך רויטע,
דער שווונג האָט בא מיר ניט פאַרפעלט,
עס קלאַפּט אין מײַן האַרצן דער ווײַטקייט
פאַר אַלץ, וואָס קומט פאָר אַף דער וועלט!

באם ריגער יאָם־אויסגוס

איך ווייס ניט קיין בעסערן יאם, ווי דער ריגער,
באם ברעג זײַנעם שטיי איך, אין זון אײַנגעוויקלט.
ביז הימל־געוועלב טוט דער יאם זיך פאַרוואַרפן,
און כ'זע ניט קיין כילעק אין זייערע פאַרבן.
און שטיל ווערט דער יאם שוין, — קיין סימען פון כוואַליעס.
אַ העל־רויטע זון שווימט אַרויס אַף אַ ווײַלע...
ווי גוט און ווי שיין איז פון מיזרעך ביז מײַרעוו.

איך קוויק זיך מיט בלויקייט באם יאם —
אַ מעכײַע!
מײַן זעל איז פאַרכלינעט מיט פרייד און היסלײַוועס.
פאַרפולט מיט גינגאָלדענע שטראַלן מײַן לײַב איז.
און גרינג איז מיר הײַנט שוין ביז גאָר אַפן האַרצן,
ס'פאַרשווינדן זיכרוינעס פון צײַטן פאַר־שוואַרצטע.
גינגאָלדענע שטראַלן פאַרציר'וועוו דעם הימל:
דעם יאם און דעם ראַכוועס —
אַ הימן!

צו איינעם אַן אוועקגעפאָרענעם

דו ביסט אוועק אַף יענער זײַט,
דײַן מאַמע דיך פאַרשילט.
פון שוועל פון היימישער ביסט ווײַט,
און פרעמד ביסטו און ווילד.
מיט סאַם־האַמאָוועס איז דײַן גוסט.
מיט גרינער גאַל דײַן גיפט.

אַ רעגנדל פון אייגנוויץ
אַף דײַן געדולע טריפט.
דו ביסט אוועק אַף יענעם ברעג,
ס'איז מיעס דײַן געדראַנג.
עס איז מיר איבלדיק דײַן וועג,
און ס'עקלט פון דײַן גאַנג!

דאָנעצק

■ ■ ■

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

דעם 15 (27) יול 1853, מיט 120 יאָר צוריק, איז אין זשיטאָמיר געבוירן געוואָרן דער רוסישער שרײַבער וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש קאָראָלענקאָ.

אף וו. קאָראָלענקאָס וועלט־אַנשויונג האָבן געהאַט א שטאַרקן אײַנפלוס די רוסישע רעוואָלוציאָנערן־דעמאָקראַטן פון די 60־ער יאָרן. אין די 70־ער יאָרן האָט ער זיך דערנענטערט מיט די פּאָלקיסטן.



אין 1879 האָט וו. קאָראָלענקאָ דעביוטירט מיט דער דערציילונג „לעבנס־עפּיזאָדן פון א זוכער". אין „מאַקאַרס כאָלעם" (1883) באַווײַזט ער, ווי אין באַוווסטזײַן פון א דערשלאָגענעם פויער ווערט רײַף די האָפענונג, אז דער עמעס מוז זיגן. אינעם פּעריאָד פון דער יערידע פונעם פּאָלקיזם האָט קאָראָלענקאָ געשאַפן דאָס ווערק „א מײַסע וועגן פלאָרן, אגריפּן און מענאַכעם דעם זון פון יעהודע" (1886). דער הויפּט־העלד פון דער דערציילונג — מענאַכעם — איז איבערצײַגט, אז בלויז אין רעזולטאַט פון א באַוואָפנטן קאַמף קעגן די אונטערדריקער „וועט נעמען א סאָף צום געוואַלט, די פעלקער וועלן זיך צונויפקומען אפן יאָמטעוו פון ברידערשאַפט, און מער וועט שוין קיינמאָל ניט פלייצן קיין מענטשלעך בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן פון א מענטשנס האַנט". אינעם זעלבן יאָר דרוקט ער אָפּ דעם „בלינדן מוזיקאַנט", וווּ ער באַווײַזט, ווי א פילגעליטענער מענטש געפינט אין זיך קויכעס צו דינען דעם פאָלק.

וו. קאָראָלענקאָ האָט געשאַפן פיל ווערק וועגן פּראָסטע פאָלקס־מענטשן — עמעס־זוכער, קעמפער פאַר יוישער. אין דער דערציילונג „אָן א לאָשן" (1895) שילדערט ער דאָס שווערע לעבן פון די וואָלינער פּויערים, וועלכע האָבן אויסגעוואַנדערט קיין אמעריקע.

אין 1895—1896 איז וו. קאָראָלענקאָ אַרויסגעטראָטן לטעיוועס די פּויערים־וואָטיאַקן (אודמורטן), וועלכע מע האָט באַשולדיקט אין ריטועלע מאָרדן. ער האָט גענומען אָן אַקטיוון אָנטייל אינעם קאַמף פון די פּראָגרעסיווע ליטעראַטן קעגן דעם גרויסמעכטישן שאָוויניזם, קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן געריכטלעכן, פּאָליציישן און אַדמיניסטראַטיוון ווילקיר.

אין 1902 האָט וו. קאָראָלענקאָ אָפּגעדרוקט אן עסיי וועגן דעם קעשענעווער פּאָגראָם — „דאָס הויז נומ. 13". אין זײַנע קאָרעספּאָנדענצן וועגן דעם ביילים־פּראָצעס (1913) האָט דער שרײַבער באַוויזן, אז אין די פאַקטן פונעם געריכטלעכן ווילקיר זעט מען „...דעם טיפן שעקער פון דער צײַט".

וו. אי. לענין האָט הויך געשעצט וו. קאָראָלענקאָס ליטעראַרישע שאַפונג און געזעלשאַפטלעכע אַקטיווקײַט. מ. גאָרקי האָט געהאַלטן קאָראָלענקאָן פאַר זײַן לערער, אָנווײַזנדיק, אז ער שטייט נאָענט צו אונדזער עפּאָכע.

וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש קאָראָלענקאָ איז געשטאָרבן דעם 25 דעקאַבער 1921 אין פּאָלטאַווע.

מיט 100 יאָר צוריק איז אין ירושאָלאַיִם געבוירן געוואָרן דער ייִדישער שרײַבער און זשורנאַליסט אווראָם פרומקין.

צו 16 יאָר האָט א. פרומקין אָנגעהויבן אַרבעטן אין איינער פון די שולן פון יאָפע אלס לערער

פון אַראַביש. צו 17 יאָר האָבן זיך באַוויזן זײַנע ערשטע ווערק אין העברעיִש. שפּעטער איז ער אַריבער צו ייִדיש.

אָפן 26־טן יאָר פון זײַן לעבן האָט א. פרומקין פאַרלאָזט פּאַלעסטינע. ער האָט געוווינט אין לאָנדאָן, ניו־יאָרק, פּאַריז און אַנדערע שטעט, זײַענדיק טעטיק אלס זשורנאַליסט און אלס אויטאָר פון א היפּשער צאָל דערציילונגען און עסייען וועגן דעם ייִדישן לעבן אין פּאַלעסטינע און טערקײַ, דעריקער — אלס איבערזעצער פון אַנדערע שפּראַכן אָף ייִדיש.

מע דאַרף באַזונדערס אָפּמערקן א. פרומקינס פאַרדינסטן אינעם באַקאַנען די ייִדישע לייענער מיט די קלאַסישע ווערק פון דער רוסישער און אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. ער האָט איבערגעזעצט פיל צענדליקער ווערק פון א. טשעכאָוו, ה. איבסען, ק. האַמסון, אָ. ווײַלד, א. פראַנס, ב. קעלערמאַן. צווישן אַנדערס, האָט ער איבערגעזעצט פון העברעיִש י.־ל. פּערעצעס ווערק „די אַכטע אָפּטיילונג פון גהענעם". א. פרומקינס ייִדיש־לאָשן איז געווען (פאַר זײַן צײַט, פאַרשטייט זיך) לעבעדיק און פאָלקסטימלעך.

אווראָם פרומקין איז געשטאָרבן דעם 29 אַפּרעל 1940 אין ניו־יאָרק.

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

ТЕМА III. НАША МОЛОДЕЖЬ

Переведите устно на русский язык отрывок из рассказа советского еврейского писателя из Биробиджана Бузи Миллера «Ясность».

טעקסט נומער 10.

אַף דער... זאסטאווע האָט עמקע[1] געטראָפן א נײַעם קאָמאנדיר און האָט זיך גלײַך מיט אים באפרײַנדעט. דער קאָמאנדיר... האָט געשטאמט פון א דאָרף ניט ווײַט פון קרעמענטשוק — דער שטאָט, ווּ עמקע איז געבוירן געוואָרן. דאָס דאָזיקע דאָרף איז געשטאנען באנאנד מיט א ייִדישן שטעטל, און דער קאָמאנדיר האָט גוט גערעדט ייִדיש..., ווי אלע אין יענעם שטעטל, אפן עטוואָס צעצויגענעם אייגנארטיקן פּאָדאָליער דיִאלעקט. עמקען, וועלכער איז פון קינדווײַז בא זײַן טאטן, אן אָנגעזעענעם ייִדישן קולטור־טוער, געווינט געוואָרן צו א ריינעם ליטעראַרישן ייִדיש, איז געווען עטוואָס מאָדנע, ווען מיט א גוטברודערישן קלאַפּ אין פּלייצע טוט אים אַט דער... אוקראַיִנער מיטאמאָל א זאָג:

— כ׳זאָל אזוי געזינט זײַן, ביסט א ווילער בוכער, עמקע! אזעלכע האָב עך ליב...

...עמקע האָט צוגערעדט זײַן נײַעם פרײַנט, ער זאָל צוזאמען מיט אים צופאָרן קיין ביראָבידזשאַן. דאָרט וועלן זיי פארברענגען דעם רעשט פונעם שאבעסדיקן טאָג און דעם גאנצן זונטיק. ער וועט אים באקענען מיט זײַנע כאווערים, צווישן זיי זײַנען פאראן א פּאָר שיינע מיידלעך אויך, און זונטיק פארנאכט וועט ער מיטן צוג ארויספאָרן קיין כאבאראָווסק.

דעם קאָמאנדיר איז דער פּלאן געפעלן געוואָרן, און אזוי האָבן זיי געטאָן.

און אַט שטייען זיי ביידע אפן וואָקזאַל־פּלאַץ אין ביראָבידזשאַן.

— איז וווהין גייען מיר, עמקע? — וואַרט א ווײַלע, הריצקאָ, כ׳וועל א טראַכט טאָן. — ווּ וווינסטו? — אַט, — עמקע האָט א ווײַז געטאָן אפן צווייגאָרנדיקן הילצערנעם הויז איבערן וועג. — איז דאָך צוויי שפּאַן! — יאָ, נאָר גיין וועלן מיר ניט אהין. — פארוואָס? — געפילטע פיש ווילסטו פארזוכן? — נאָך א מין! — טאָ קום! — און עמקע האָט זיך א נעם געטאָן פארן זאק. — נאָ, נאָ! — האָט אים אָפּגעשטעלט הריצקאָ, — יעדער פון די צוויי קעטינעס — איך רעד שוין ניט פון די סאזאנען — איז שווערער פון דיר אינגאנצן.

הריצקאָ האָט לײַכט ארופגעוואָרפן דעם זאק אַף די פּלייצעס.

— ס׳איז ווײַט? — ניט זייער. — פּאָשלי!

Слова и словосочетания:

1) גלײַך; 2) באפרײַנדן זיך; 3) שטאמען; 4) באנאנד; 5) צעצויגענער; 6) אייגנארטיקער; 7) פון קינדווײַז; 8) אָנגעזעענער; 9) קולטור־טוער מ ־; 10) מאָדנע; 11) מיטאמאָל; 12) כ׳זאָל אזוי געזונט זײַן; 13) ווילער; 14) באָכער מ (באכורים); 15) צורעדן; 16) צוג מ ־ן; 17) געפעלן ווערן (איז געפעלן געוואָרן); 18) נאָך א מין! 19) קעטינעס.

Их перевод:

1) *здесь*: тут же; 2) подружиться; 3) быть родом; 4) рядом, по соседству; 5) растянутый (צעצויִען — растянуть); 6) своеобразный; 7) с детских лет, с детства; 8) видный; 9) культурный деятель; 10) странно; 11) *здесь*: вдруг; 12) клянусь своим здоровьем (*дословно*: чтобы я так был здоров); 13) славный, хороший; 14) парень; 15) уговаривать; 16) поезд; 17) понравиться; 18) еще бы!, еще как! 19) рыбины кеты, кетины.

Упражнения

1. Сравните первую реплику Грицька в нашем отрывке с той же репликой, написанной по правилам еврейской орфографии (и соответственно литературному еврейскому произношению), а именно:

[1] Имеется в виду молодой Эммануил Казакевич.

כ׳זאַל אזוי געזונט זײַן, ביסט א ווילער באָכער, עמקע! אזעלכע האָב איך ליב...

В чем отличия?

2. Сравните таким же образом другие реплики Грицька с соответствующими литературными:

Реплики Грицька (вне нашего отрывка):

а **פּושעט[1], דאָרט, ווי כ׳אַ געווינט, איז געוויין האָלב שטייטל, און מיר האָבן די גאַנצע צאַט זעך געכאַווערט[2] מיט ייִדישע יאטן[3].**

б) **סע דאנס? נו, נא דיר, אז סע דאנס.**

в) **אבי מע זוגט[4], אז ייִדן קענען ניט ארבעטן.**

г) **איצט זיי עך שען, אף דיר מייג מען זעך פארלאָזן אין אָלץ, ביסט שען איינמול א יאט![5]**

Те же реплики в их литературной форме:

а **פּאַשעט[1], דאָרט, ווו כ׳האָב געווינט, איז געווען האלב שטעטל, און מיר האָבן די גאנצע צײַט זיך געכאַווערט[2] מיט ייִדישע יאטן[3].**

б) **ס׳איז דײַנס? נו, נא דיר, אז ס׳איז דײַנס.**

в) **אבי מע זאָגט[4], אז ייִדן קענען ניט ארבעטן.**

г) **איצט זע איך שוין, אף דיר מעג מען זיך פארלאָזן אין אלץ, ביסט שוין איינמאָל א יאט![5]**

3. Выпишите из отрывка сочетания существительных с прилагательными. Если они не даны в форме им. падежа ед. числа, укажите и эту форму (всего 12 сочетаний; не считать сочетания **גאנצן; דעם גאנצן טאָג** — по значению здесь не прилагательное, а местоимение). Среди этих сочетаний — и с двумя или тремя прилагательными при одном существительном.

Образцы:

א נײַעם קאָמאנדיר — א נײַער קאָמאנדיר.

אפן צעצויגענעם אייגנארטיקן פּאָדאָליער דיאלעקט — א צעצויגענער אייגנארטיקער פּאָדאָליער דיִאלעקט.

4. Выпишите однократные глаголы (в форме инфинитива). Всего — 4.

Образец:

טוט א זאָג — א זאָג טאָן.

5. Из всех выписанных прилагательных (см. упр. 3) одно — неизменяемое. Какое?

6. Выпишите союзы или союзные слова, соединяющие простые предложения в составе сложных (всего — 8, среди них — повторяющиеся). Как они переводятся?

---

[1] просто; [2] дружили; [3] парняги, братва; [4] *здесь:* и после этого смеют говорить; [5] *здесь:* ты тот парень (*в разговорном стиле*).

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

■ ■ ■

© Журнал «Советиш геймланд», 1973 г.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай.**

Ответственный секретарь И. Чичельницкий.

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Подписано к печати 16/VI 1973 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 356.

Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном Комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

Цена 50 коп.

индекс 70821

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 7

1973

В НОМЕРЕ:

80 лет со дня рождения Владимира Маяковского. Предисловие редакции. В. Маяковский. Стихи о советском паспорте. — Во весь голос (из поэмы); из автобиографии поэта.

Рассказы Ш. Горшман, И. Фаликмана.

Х. Табачников. В Баршеве (повесть. Окончание).

Стихи Х. Мальтинского, М. Гершензона, А. Кацева.

И. Кипнис. Из моих дневников.

И. Колин. Сорок лет на сцене.

Трибуна жизни

А. Вергелис. Письма из Европы.

Листая журналы и газеты.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

Г. Полянкер. К 70-летию М. Гершензона.

Г. Ременик. Талантливый литератор (А. Вевёрка).

Наши сообщения. Из нашего фотоархива. Разное. Хроника. Заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.